STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06074

DI KENIGIN FUN DOREM-AMERIKE

Jacob Botoshansky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

די קעניגין פון דרום־אַמעריקע


יעקב באָטאָשאַנסקי
די קעניגין
פון דרום-אַמעריקע

דער יובילײ-קאָמיטעט פאַר 50 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט
פון יעקב באָטאָשאַנסקי

איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאָלגנדיקע ייִדישע קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוועס:

„ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ", „לאַוואַזשעכאַ" און „בוענאָס איירעס"

און זייערע רעספּעקטיווע פּאָרזיצערס:

אליהו רייף
לעאָן מיטלמאַן
ישראל דאַווידאָוויטש

טעכנישער סעקרעטאַר: א. מירסקי

פּאָרטרעט פֿון י. באָטאָשאַנסקי, פֿון בען

שער־בלאַט פֿון י. ראַטנער־מירסקי

פון די אַרויסגעבער

דריי יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס אין בוענאָס־איירעס האָבן אויף זיך גענומען צו פּייערן יעקב באַטאָשאַנסקיס 50־יאָריקן ליטעראַרישן יובל און צו דער דאָזיקער פייערונג טראָגן זיי אונטער דעם מחבר און זיינע לייענער דאָס דאָזיקע בוך. קען זיין, אַז ערגעץ אַנדערש, מחוץ אַרגענטינע, וועט מען זיך וווּנדערן און מען וועט פרעגן: מה לכהן?... ווי קומען עפּעס קרעדיט־אינס־טיטוציעס צו ליטעראַרישע יובילייען און צו ליטעראַרישע אויסגאַבעס? דערפאַר זענען מיר אָבער זיכער, אַז אין אַרגענטינע גופא און אויך צווישן די וואָס קענען דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע, וועט דאָס דאָזיקע קיין שום פאַרוווּנדערונג נישט אַרויסרופן. עס געהערט אפשר צו דער ספּעציפישקייט פון אונדזער גע־זעלשאַפטלעכן לעבנס־נוסח, וואָס ביי אונדז, אין אַרגענטינע, איז נישט פאַראַן קיין האַרטע גרענעץ צווישן די עקאָנאָמישע און די קולטורעלע אינסטיטוציעס, ווייל אויך די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס טוען ביי אונדז קולטור־אַרבעט. אַ סך פון די יידישע שולן אין בוענאָס־איירעס ווערן פּאַטראָניזירט און טיילוויז אויסגעהאַלטן פון קאָאָפּעראַטיוועס; כמעט אַלע קאָאָפּעראַטיוועס זענען באַ־טייליקט אין די געזעלשאַפטלעכע קאַמפּיינען און האָבן אין זייערע הוצאה־בודזשעטן היפּשע פּאָזיציעס פאַר קולטור־צוועקן; יידישע קאָאָפּעראַטיוועס העלפן אַ מחבר אַרויסגעבן זיין בוך; העלפן דעם יידישן טעאַטער אד״גל. די דריי קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס וואָס גיבן אַרויס דאָס דאָזיקע בוך זענען אין אַט דעם פּרט נישט קיין אויסנאַם און דעריבער וועט פאַר די אַרגענטינער יידישע לייענער זיין זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַרוואָס מיר פייערן דעם יובל פון יעקב באַטאָשאַנסקי און גיבן אַרויס דאָס דאָזיקע יובל־בוך.

וואָס ס'איז יאָ נייטיק אונטערצושטרייכן ביי דער געלעגנהייט פון אַרויס־געבן דאָס דאָזיקע יובל־בוך, איז דעם פאַקט, אַז די אַרויסגעבער טוען עס מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן און מיט דעם באַוווּסטזיין פון אַן אָנגענעמער פליכט־דערפילונג. פון די 50 יאָר וואָס יעקב באַטאָשאַנסקי איז שרייבעריש טעטיק אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער יידישער זשורנאַליסטיק האָט ער קנאַפּע 39 יאָר אָוועקגעגעבן דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע פאַר וועלכן ער איז געווען אַ שרייבער — אַ לערער, אַ שרייבער — אַ דערציער און אַ שרייבער — אַ קולטור־בויער. יעקב באַטאָשאַנסקי איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך זיינע קאָלעגן אין דער גאָרער וועלט און אַלע האָבן תמיד אונ־

מערגעשטראָכן, אַז ער איז פאַר זיי דער אַמבאַסאַדאָר פון אַרגענטינער ייִדיש־לאַנד. אָבער מיר, ייִדן, לייענער און געזעלשאַפטלעכע טוער אין אַרגענטינע, ווייסן צום בעסטן וואָס פאַר אַ ריזיקן חלק ער האָט אין דער קריסטאַליזירונג און אין דער געשטאַלטיקונג פון אונדזער ישוב. מיר ווייסן, אַז אין אַלע אינס־טיטוציעס מיט וועלכע מיר גרויסן זיך האָט ער אַריינגעטראָגן זיין בויערישן ביישטייער מיט זיין טעמפּעראַמענטפול־רופנדיק וואָרט און צומאָל אויך מיט זיין ממשותדיקן ראַט און טאַט. מיר ווייסן, אַז ער איז אונדזער באַליבטסטער און געלייענטסטער שרייבער און אויך דער באַליבטסטער און גערן־געהערט־סטער לעקטאָר. ער האָט פאַר אונדז געעפנט די אוצרות פון ייִדישן געדאַנק און פאַר אונדז אַנטפּלעקט די שיינקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט אונדז פאַרבונדן מיט דער גרויסער ייִדישער וועלט און אונדז נאָענט גע־מאַכט און אָריענטירט אין אירע פּראָבלעמען. דערפאַר איז נישט קיין חידוש וואָס מען קען אָפּט הערן פון אַ סך ייִדישע לייענער דעם אמת, אַז אַלץ וואָס זיי ווייסן האָבן זיי געלערנט ביי באַטאַשאַנסקין. און דערפאַר איז אויך קלאָר, פאַרוואָס מיר, די דריי קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועס, ווי אַ טייל פונעם היגן ייִדישן ציבור, האָבן אויף זיך גענומען די שליחות אויף אַט דעם אופן אויסצודריקן אַלעמענס אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צו באַטאַשאַנסקין פאַר זיינע גרויסע לייסטונגען כלפּי אונדזער נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניק ייִדיש לעבן.

ווייל מיר גיבן אַרויס דאָס דאָזיקע בוך צו דער געלעגנהייט פון יעקב באַטאַשאַנסקיס יובּיליי האָבן מיר געפונען פאַר נייטיק צו געבן ווי אַן אַריינ־פיר צו זיינע 2 ראָמאַנען, אייניקע אָפּשאַצונגען וועגן דעם בעל־היובל פון די אָנגעזעענסטע ייִדישע שרייבער, אויסלענדישע און היגע. אַלע אַרבעטן וואָס מיר געבן דאָ זענען גענומען פון דעם יובל־בוך, וואָס איז דערשינען צו זיין ווערן אַ בן־שישים, אין יאָר 1955. דער איינציקער אויסנאַם איז יעקב גלאַט־שטיינס מאמר וואָס איז געשריבן געוואָרן צו זיין איצטיקן יובּיליי פון 50 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט און איז געדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" דעם 19טן יאַנואַר ד"י, בעת דאָס ייִדיש־ליטעראַרישע ניו־יאָרק האָט געפייערט דעם דאָזיקן וויכטיקן דאַטום אין ב"ס שעפערישן לעבן. מיר גיבן דאָ אויך דעם בעל־היובלס אויטאָפּאָרטרעט „ווי איך זע זיך אַליין", וואָס איז אויך געדרוקט געווען אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע און איז איצט דורך דעם שרייבער עטוואָס אויסגעברייטערט געוואָרן.

אַגב, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דאָס ייִדיש־שרייבערישע און ייִדיש־קולטורעלע ניו־יאָרק האָט זיך מקדים געווען און טאַקע אויף אַן אימפּאַזאַנטן אופן געפייערט ב"ס 50־יאָריקן ליטעראַרישן יובל, בעת ער איז דאָרט געווען אויף זיין לעצטן באַזוך. אויך פון ישראל זענען אָנגעקומען ווענדונגען, אַז באַ־טאַשאַנסקי זאָל קומען אַהינצו בכדי די אָרטיקע שרייבער־וועלט זאָל קענען פראַווען זיין יובּיליי מיט דער אָנוועזנהייט פון בעל היובל.

ס'איז אַ באַזונדערער כבוד פאַר אונדזער ישוב דער פאַקט וואָס אין יאָר 1960 האָט דער יידישער פען־קלוב אין ניו־יאָרק דערוויילט באָטאָשאַנסקין אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן פען־צוזאַמענפאָר. ס'איז דאָס ערשטע מאָל װען אַ שרייבער פון אונדזערע ישובים איז באַפולמעכטיקט געוואָרן צו זיין דער שליח ציבור פון יידישן שרייבערטום אין דער גאָרער וועלט. דער זכות גע־הערט נאַטירלעך צו באָטאָשאַנסקין, אָבער אַ היפּשע שיין פון אים פאַלט אויך אויף אונדזער ישוב.

מיטן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, ווי אַ טייל פון דער יובילײ־פייערונג, ברענגען מיר צום אויסדרוק די פאַרערונג און די ליבשאַפט פון טויזנטער לייענער פאַר זייער שרייבערישן וועגווייזער, יעקב באָטאָשאַנסקי, און צוזאַ־מען מיט דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט האָפן מיר, אַז אונדזער יובילאַר וועט נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן אונדז לערנען און אונדז וואַרעמען מיט זיין שעפעריש וואָרט און מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו פּראַוון אים יובילײ יום־טובים אַ סך, אַ סך מאָל — מיט דעם פאַרנעם ווי ער האָט דאָס ביי אונדז אַלעמען פאַרדינט.

װעגן יוביליאַר

אפרים אויערבאַך

די לויטערע טאַמנע

(יעקב באַטאָשאַנסקין צו זיינע 60 יאָר)

איך בין אַ בעלצער און דו — אַ קיליער,
שוואַרצערד פאַר אונדז איז שוין רויטערד געוואָרן,
אויפגעהיט האָבן מיר אָבער דעם פרי־יאָר,
סטעפּיקן, טרעפּיקן, ווינטיקן, קלאָרן.

ווייצענע זומערן לאָמיר דערטראַכטן
ביז צו דעם אומעט ביים סטעפּישן טויער,
ווײַן־אָנגעגאָסענע קאָדרע־פאַרנאַכטן
לאָמיר דערטרינקען ביז שאָפּענעם טרויער.

טאָמנעס פאַפּשויענע לאָמיר דערגראָבן
ביז צו דער טיף פון די קלאָרע איזוואָרן, —
אַ, וויפל אייגן געזאַנג נאָך מיר האָבן
שטיל צו דערזינגען די עלטערע יאָרן.

דו, דער בעל־שפע פון קאָרענע ווערטער,
האָסט דיין געמיט אויף די ווינטן צעטראָגן,
מיט דער צעכראָסטעטער פרייד, דער באַשערטער,
פון בעסאַראַבישע זומער־פאַרטאָגן.

ווערטער צעאַקערט האָסטו מיט געדאַנקען,
ווערטער פאַרזייט מיט אַ האַרץ פול מיט ציטער,
פולקייט געבראַכט צו פאַרטיילן געשאַנקען, —
פאַרביקע, גאַרביקע רייד פולע גיטער.

װעגן יובילאַר

אַקערער דו, בעסאַראַביש דערגערטער,
דו ביסט אין װאָרט, װי אַ זאַנג אױפגעגאַנגען,
קומט צו דער טאָמנע, דער אײביק באַשערטער,
װערן נאָך לױטערער דײַנע געזאַנגען.

תמוז איז איצטער, — ארביזעס, מאַליאַנעס,
גילדענע זאַרזערעס, טױזיקע פלאַמען,
נעכט, אָנגעטרונקען מיט װײַן פון לבנות,
גיסן אױף סטעפּעס צעזילבערטע שטראָמען.

בלעקערצן שאָף אױף בערגלעך אין סטינעס,
שעפּסענע אױגן פאַרקײַלעכיקט שטױנען, —
אָ, װיפל שײַן רינט אין אונדזערע תחינות,
קװאַלן אמונה אין רײד פון מקונן.

שפּינער פון װאָלענע רײד בעסאַראַבער,
ביסט צו דער פּולקײט פון װאָרט שױן דערװאָקסן,
װײסט שױן די פּשוטע טײַטש פון װידבר, —
רעדן צו רעדן מיט גילדענע פלאַקסן.

פול איז די טאָמנע מיט ברױטן און װײַנען,
שײַן איז די טאָמנע מיט לױטערקײט שקיעהער,
װאָס װעט צום בלאָ־װײַסן װינטער דערשײַנען, —
איך בין אַ בעלצער און דו — אַ קיליער.

טײַטש פון די בעסאַראַביש־ייִדישע װערטער:

קאָדרע — װײַנגערטנער־ און סעדער־געגנטן.
טאָמנע — האַרבסט.
איזװאַרן — קװאַלן.
זאַרזערעס — מאַרעלן.
סטינעס — ערטער װו מען פלעגט מאַכן דעם שאָפן־קעז.

ישראל אַשענדאָרף ע״ה

אַליין אַן אָרקעסטער

ווער ס׳זאָגט אלף (אַרגענטינע), דער זאָגט אויך בית (באָטאָשאַנסקי). פאַרשטייט זיך, אַז איך מיין דאָס יידישע אַרגענטינע. מען קען נישט רעדן פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער פובליציסטיק, פון יידישן טעאַטער און פון דער יידישער קולטור אין אַרגענטינע און נישט דערמאָנען זיין נאָמען. מען חידושט זיך וואָס פאַר אַן ענדערונגען לטובה עס האָט דורכגעמאַכט בנוגע דער יידישער קולטור דער יידישער ישוב פאַר די לעצטע צענדליק יאָרן. אָוודאי איז עס געקומען אונטערן איינדרוק פון אומקום פון אייראָפּעישן יידנטום און פון אויפקום פון מדינת־ישראל. מען טאָר אָבער נישט פאַרזען די כוחות פון ישוב גופא, וועלכע האָבן געווירקט אויף זיין געשטאַלטיקונג. איינער פון זיי, פון די סאַמע וויכטיקסטע, איז בלי ספק געווען און איז ביז היינט באָטאָשאַנסקי.

דורך באָטאָשאַנסקיס אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שרייבער, דורך זיינע דראַמען, דורך זיינע אַרטיקלען אויף אַקטועלע צייט־טעמעס, דורך זיינע פעליעטאָנען, דורך זיינע אומצייליקע רעפעראַטן און לעקציעס האָט ער דערצויגן טויזנטער און טויזנטער. ער איז געווען די שול פאַר די אַלע, וואָס האָבן מחמת דעם געיעג נאָך פרנסה — נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען זיך אין אַ שול. ער האָט זיי געלערנט און דערצויגן. און וועגן אים קען מען פאַראַפראַזירן ביאַליקס שורות צו אחד־העם: ויש אשר יבדקו נפשם דאורך, ראו והנה גם הרבה מאורם ממך ובשלך הוא״.

ווער עס וועט איבערלייענען באָטאָשאַנסקיס ווערק וועט נישט בלויז זיך באַקענען מיט דעם שאַפונגס־וועג פון מחבר, נאָר וועט זיך אויך קענען שאַפן אַ בילד פון כמעט דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, ווייל וועגן וועלכן שרייבער האָט ער דען נישט געשריבן און וועלכן וויכטיקערן פּראָבלעם אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער דען נישט באַהאַנדלט? וועגן וועלכער ליטעראַרישער געשעעניש זיך נישט אָפּגערופן?

ער לאָזט זיך באַאיינפלוסן, יעקב באָטאָשאַנסקי, פון שרייבער און פון

ביכער. און ווי ער ווערט באַאיינפלוסט, אַזוי קען ער דערנאָך אַנדערע באַ־איינפלוסן. מען מוז קודם אַליין גלייבן אין אַ זאַך, כדי צו קענען מאַכן אַנדערע גלייבן. באַמערקט ער אַ טאַלאַנט, איז ער גרייט נישט נאָר אים ווי געהעריק אָפּצושאַצן, נאָר אַפילו צו דינען. שוין צענדליקער יאָרן שטייט ער און פירט דעם חשבון פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט במשך פון דער דאָזיקער צייט באַגריסט מיט אַ פריידיק האַרץ דאָס אויפקומען פון אַ סך יידישע שריי־בער. איצט, שרייבט ער מיט אַ צעוויטיקט האַרץ אָפּט נעקראָלאָגן און מאַכט הספדים.

ער לאָזט אָבער נישט אַראָפּ די הענט. ער טוט ווייטער זיין אַרבעט. ער זשאַלעוועט נישט און אים ציטערן נישט די הענט ביים שרייבן אַ גוט וואָרט אויף אַ צווייטן שרייבער. ער פאַרקנייטשט נישט דעם שטערן און מאַכט נישט די מינע פון אַ גאון. ער וויל לערנען מיט יידן בלויז פירוש המלות, בלויז פשט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ווערט באַגלייט, ווי דער שטייגער איז, מיט אגדות פון אַלטע צייטן און מיט פאָלקסטימלעכע מעשיות און משלים.

ער קען אַפילו וועגן אַ לאַנגווייליק בוך שרייבן אינטערעסאַנט. מען קען אַמאָל איבערלייענען זיינס אַן אַרטיקל און נישט מסכים זיין, אָבער פריער לייענט מען עס איבער. ער איז קיינמאָל נישט מאָנאָטאָן. ער איז אַליין אַ גאַנ־צער אָרקעסטער: פאַרלאַנגט זיך עס, קען ער זיין אַ פּויק און וועקן און רופן, דאַרף מען, קען ער ווערן אַ טרומייט און שטורעמען צו מלחמה. און טיילמאָל, איז ער ליריש און צאַרט ווי אַ פידל...

ער וואָלט זיכער מער השפּעה געהאַט אויף דער געזעלשאַפט, ווען ער וואָלט געווען בייגעוודיקער, ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי אימפּולסיוו. ער איז אַ פּערמאַנענטער לייענער און שרייבער, אַ מענטש, וואָס גיט אַוועק זיין גאַנצע צייט און ענערגיע אויסצוטייטשן וואָס אַנדערע האָבן געשריבן און אויף אויפצוקלערן כלל־פּראָבלעמען. ער איז אַ רעפלעקטאָר, וואָס באַלייכט אַנדערע און אַליין בלייבט ער אין דער טונקל. בעת אונדזערע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע טוער האָבן ליב אַליין באַלויכטן צו ווערן.

אַ זאַך וואָס אַלע מוזן צוגעבן:

דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט, האָט ער באַקומען דורך לאַנגע יאָרן אָנגעשטרענגטער אַרבעט. ער האָט נישט זוכה געווען פון הפקר. אויך איצט, אַ זעכציקער, דאַרף ער צו אים נישט אָנקומען. ער איז זעכציק יאָר לויט דער מעטריקע, אָבער וועדליק זיין טעמפּעראַמענט און זיין פרישקייט אין שרייבן, מעגן אים אַ סך דרייסיק־יעריקע מקנא זיין...

שלמה ביקל

צום יום־טוב פון יעקב באַטאַשאַנסקיס זעכציק יאָר

מיין טייערער יעקב,

אָנגעזאָגט האָבן מיר די רעדאַקטאָרן פונעם יובילײ־בוך אַז, למען־השם, נישט מער ווי „צוויי זייטלעך פון אַ געוויינלעכן בוך".

און אויף די צוויי זייטלעך שטייען און וואַרטן פולע פערציק יאָר. אַזוי לאַנג, דאַכט זיך, און נישט ווייניקער קענען מיר זיך. די לעצטע פינף און דרייסיק יאָר פערזענלעך, אָדער, ווי אונדזער ליבער, אַלטער שפּראַך־געלערנטער יודאַ א. יאָפע וואָלט וועלן אַז מיר זאָלן זאָגן, פּאַרשוינלעך. און וועגן די ערשטע פינף יאָר, וועגן די טומלדיקע, האָפּערדיקע, יונגע יאָר פון דיין ליטעראַרישע פּיאָנערשאַפט אין גאַלאַץ, אין בראַילע, אין יאַס און אין בוקאַרעשט ביז דיין אָנקום קיין טשערנאָוויץ ערגעץ אין די זומער־חדשים פון 1920, האָב איך זיך אַזויפיל אָנגעהערט פון אַנדערע און פון דיר אַליין, אַז אַפילו יענע יאָרן פון אומבאַקאַנטשאַפט שטייען קלאָרע און צאַפּלדיקע פאַר מיר, ווי ווייסע טויבן אויף דער האַנט.

איז, ווי זשע מאַכט מען דאָס? ווי אַזוי פּראָפּט מען אַריין פערציק לעבעדיקע יאָר מיט האָפענונגען, מיט נסיונות, מיט שטרויכלעניש און דערגרייכונגען אין בלויז צוויי זייטלעך פון אַ בוך?

אגב איז, דאַכט זיך, דער ענין: פערציק יאָר אין צוויי זייטלעך, די פּראָבלעם פון דער כראָניק און פון דער היסטאָריאָגראַפיע פון אונדזער דור.

דער פאָרמעט נישט גענוג ברייט, די צאָל שרייבערס נישט גענוג גרויס און די צייט פון לעבן נישט גענוג לאַנג אויף איבערצוגעבן די שפע פון פּיין און די פרייד פון איינמאָל אין צוויי טויזנט יאָר, וואָס אונדזער דור האָט איבערגעלעבט.

וועל איך, מיין טייערער יעקב, מוזן אָנהייבן די פערציק יאָר נישט פון אָנהייב, נאָר פון דאָ, ווו דו האַלטסט איצט, אויפן האַלבן וועג צו די מאה ועשרים.

איך בין אין אַרגענטינע נישט געווען. אָבער היום יום, אַז די וועלט איז אַזוי קליין געוואָרן איז „נישט געווען" שוין מער נישט קיין אויסרייד פאַר נישט־וויסן אָבער אויך נישט קיין מניעה צו וויסן.

ווייס איך, מיין טייערער יעקב, אַז דו ביסט היינט איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע לערער און סטימולירער פון דער יידיש־עפנטלעכער מיינונג אין אַרגענטינער ישוב. און מיר אויף דעם יידיש־אינדזל אין צפון פילן דיין גייס־טיקע און שעפערישע דאָזיקייט נישט נאָר דאָרט, נאָר טאַקע דאָ. אחינו אתה. מיר פילן דיך מיטטראָגן מיט אונדז אַלע יאָכן, אַלע מוראס און אַלע ספקות און שפּירן דיך אין דער פאָדערלייניע פון אונדזער ווידערשטאַנד, פון אונדזער קעמפערישקייט און פון אונדזער גלויבן.

אני הגבר, וואָס האָב דיך געקענט מיט פערציק און מיט פינף און דריי־סיק יאָר צוריק, בין דער עדות אַז דיין שעפעריש יידיש־וואָרט האָט מיט דער צייטיקייט פון דיינע ששים לזקנה נישט אָנגעוווירן גאָרנישט פון דער פרישקייט, פון דער מונטערקייט, פון דער „טשופרינע"־פאַריסנקייט און פון דעם גרינגן וויכן טראָט, וואָס איך האָב דיך דערמיט שוין דעמאָלט עפנטלעך מקנא גע־ווען. (די אַנדערע חברים אונדזערע אין רומעניע זענען אויך נישט געווען פריי פון דער דאָזיקער קנאה, אָבער זיי האָבן זיך געפּרוווט פאַרשטעלן פאַר גע־בראָטענע ליטוואַקעס און נישט אויסזאָגן).

עס האָבן דעם יוגנטלעכן גרינגן און וויכן טראָט נישט פאַרלוירן דיינע „אַלטער עגאָס", יאַנקעלע גיבאַלעס און שימעלע סאַראַקער אין זייערע שפּי־ציקע נאַטיצלעך און געמיטלעכע פעליעטאָנען און אויך דו אַליין, יעקב באָטאָ־שאַנסקי, האָסט אים אויפגעהאַלטן אין דיין פובליציסטיק, אין דיינע ליטעראַ־טור־קריטישע ביכער און אין דיינע מעמואַריסטישע בילדער.

איך דריי זיך אום מיט אַ פרעגנדיקן בליק פון חידוש און פון הנאה צו די פערציק יאָר הינטער אונדז און זיי ענטפערן מיר צעשמייכלטע: ער האָט געהאַלטן וואָרט, ער האָט געטראָגן דעם יידיש־יאָך און ער האָט דערגרייכט.

און זיי שיקן דורך מיר אַ ברכה צו דיין יום־טוב: כה לחי.

•

דיין שלמה ביקל

נ. ב. פון צווישן דעם עם־רב פון פערציק יאָר האָבן זיך אַרויסגעשיילט די פּנימער פון באַזונדערע טעג און נעכט, וואָס מיר האָבן אינײנעם פאַרבראַכט אין טשערנאָוויץ און אין בוקאַרעשט. אַט זענען רעשנדיקע טעג אויף דער „קולטור־קאָנפערענץ" און נישט ווייניקער רעשנדיקע אין דער רעדאַקציע פון דער „פרייהייט" אין דעם קאַפע־הויז אויפן טשערנאָוויצער „טעאַטער־פּלאַץ". אָט רוקן זיך אַרויס שטילע נעכט פון שמועסן, פון פּלענער און פון חלומות

אין מיין צימערל אויף דער שילער־גאַס אין טשערנאָוויץ און אויף לאַנגע שפּאַצירן איבער די יידישע גאַסן פון בוקאַרעשט. און פון אַלע שטילע נעכט ווינקט זיך מיט מיר איבער די סאַמע שטילסטע, יענע ביטער־קאַלטע ווינטער־נאַכט פון 1920, ווען איך האָב „געמוזט" אַוועקפאָרן קיין בוקאַרעשט און דו האָסט מיך באַגלייט צום חרובן טשערנאָוויצער פּראַכט־וואָקזאַל.

די דאָזיקע נאַכט בעט זיך מיט אַ היפּש ביסל איראָניע (זי ווייסט אַז איך בין שולדיק דעם דאַנק און נישט זי) דיר צו שיקן איר הייסן, דורך פערטהאַלבן צענדליק יאָר כלל נישט אָפּגעקילטן, דאַנק.

הנ״ל.

יעקב גלאַטשטיין

יעקב באַטאַשאַנסקי

ווען יעקב באַטאַשאַנסקי האָט מיט אַ פופצן יאָר צוריק אַרויסגעגעבן די דריי בענד זכרונות, וואָס האָבן צוזאַמען געהאַט אַ פופצן הונדערט זייטן, האָט באַטאַשאַנסקי די מעמואַרן זיינע אַ נאָמען געגעבן — „לעבנסגעשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט". די מעמואַרן זענען געווען לעבעדיקע און קוועקזילבער־דיקע, און אין סטיל פון פראַנצויזישער אָפנהאַרציקייט, ביים איבערגעבן בלעט־לעך פון אייגענעם לעבן. ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט טענות, אַז די זכרונות זענען שוין אַביסל צו־אָפענע, ווייל נישט אַלץ דאַרף אַ שרייבער דערציילן. ער מעג אפשר אַריינלאָזן דעם לייענער צו זיך אין שטוב, אָבער נישט אַלע חדרים מוזן פאַרן לייענער שטיין אָפן.

אָבער אַפילו די, וואָס האָבן געהאַט אויסצוזעצן קעגן דעם פרייען, אָפע־נעם און אינטימען סטיל פון מחבר, האָבן אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקע באַ־האַוונטקייט אין די פערזענלעכסטע ווינקעלעך פון די מעמואַרן, ווייל זיי האָבן נישט פאַרפעלט קיין בלעטל.

זיי האָבן די דריי ביכער געלייענט מיט חשק, ווייל יעקב באַטאַשאַנסקי האָט די גרויסע מעלה, וואָס איידער מען האָט טענות צו אים, מוז מען אים קודם־כל — לייענען און לייענען מיט פאַרגעניגן.

מען פייערט היינט ביי אונדז אין ניו־יאָרק באַטאַשאַנסקיס פופציק־יאָריקן ליטעראַרישן יובל. עס איז אַן אמתער יובל און נישט קיין צוגעשפיצטער פאַר אַ פייערונג. מיט פופציק יאָר צוריק האָט באַטאַשאַנסקי אָנגעהויבן זיין ליטע־ראַרישע קאַריערע און פון דעמאָלט אָן — וואָס האָט ער נישט געשריבן? דער־ציילונגען, ראָמאַנען, דראַמעס, קריטיק, עסייען, קרעפטיקע פובליציסטיק, פעליעטאָנען און אַפילו לידער. אין זיינע פעליעטאָנען זענען פאַראַן גענוג פלינקע פערזן מיט אָנווייזונגען, אַז ווען באַטאַשאַנסקי וויל, וואָלט ער אויך געווען אַ מיטגליד פון דער פּאָעטישער משפּחה.

איז דערפאַר אינטערעסאַנט, וואָס נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער שפע פון ליטעראַרישער אַרבעט, האָט יעקב באַטאַשאַנסקי פאָרט אַ נאָמען געגעבן

זיינע דריי בענד זכרונות — „לעבנסגעשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט". ער אַליין שטעלט דעם טראָפּ אויף זיין זשורנאַליזם, און ס'איז בפירוש דאָ אויף וואָס צו שטעלן דעם טראָפּ.

יעקב באָטאָשאַנסקי וווינט שוין איבער 35 יאָר אין בוענאָס־איירעס. געווען צייטן, ווען דאָרט איז אינגאַנצן נישט געווען קיין ליטעראַרישע סביבה. ס'זענען אין אַרגענטינע געווען שרייבערס, אָבער קיין ליטעראַרישע לופט איז דאָרט נישט געווען, ווען באָטאָשאַנסקי האָט זיך דאָרט באַזעצט. פון דעסטוועגן איז באָטאָשאַנסקי, אין דער יידישער אַרגענטינע, אויסגעוואָקסן אַ שרייבער, וואָס איז אפשר פסיכיש, דער שרייבערדיקסטער שרייבער, וואָס איך קען. ער איז קאַלירפול, טעמפּעראַמענטפול, פול מיט נייגער, ברויזנדיק, ברייט. אַזעלכע לעבעדיקע שרייבערס, וואָס לעבן פיר און צוואַנציק שעה אַ טאָג מיט זייער שרייבן, זעט מען שוין זעלטן, סיידן אין די מוּויס. ווו האָט באָטאָשאַנסקי אַריינגעאָטעמט אַזוי פיל שרייבערישע לופט? געווען צייטן, ווען ער האָט בפי־רוש געמוזט ווערן זיין אייגענע סביבה, זיך אַליין אויפהייטערן, סטימולירן און שאַפן אַרום זיך קינסטלערישע אַטמאָספערע.

אַ גרויסצוגיקער שרייבער

אַז מען זיצט מיט באָטאָשאַנסקין עטלעכע מינוט, מוז מען אין אים דער־קענען דעם גרויסצוגיקן שרייבער. ער האָט אַ קאָלאָסאַלן זכרון. ער פאַרמאָגט לשון, ער איז ממש ענציקלאָפּעדיש באַהאַוונט, ווייל ער האָט זיין זשורנאַליזם גענומען ערנסט. ער איז ווי אַ שרייבער — אַ לערער, אַ דערציִער, אַ פּעדאַגאָג צו זיינע לייענערס. ער איז באַשאָנקען מיט אַ לעבעדיקן סטיל, און יעדער אַר־טיקל זיינער איז אַ לעבעדיקער שמועס מיט זיינע טויזנטער לייענערס, וואָס כאַפּן־אויף די וואָרעמקייט פון זיין קול.

פון וואַנען האָט עס באָטאָשאַנסקי אַלץ גענומען, אַז סך־הכל איז ער גע־קומען קיין בוענאָס־איירעס פיר יאָר נאָך זיין ליטעראַרישן אָנהייב? דער תירוץ איז, אַז יעקב באָטאָשאַנסקי איז אַ געבוירענער שרייבער, וואָס איז געקומען צום יידישן וואָרט מיט אַ גרויסן באַגאַזש פון איינגעבוירענע מעלות און מיט דער גרויסער מעלה, וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פּראָווינציאַ־ליזירן. ער האָט פרי איינגעזען, אַז ער איז אַ מיטגליד פון אַ וועלט־פאָלק, וואָס שרייבט אויף אַ וועלט־שפּראַך און וואָס זיין אינטערעס מוז זיין דער וועלט־ייִד. אָט דער שטענדיקער אַרויסבליק צו דער גרויסער וועלט, אומעטום, אין דער גאַנצער צעשפּרייטקייט, איז ביי אים געווען אי זשורנאַליסטישער נייגער, אי יידיש מיטלעבן, מיטאָטעמען, אומעטום ווו יידן לעבן און אָטעמען.

אַוודאי האָט באַטאָשאַנסקי זיך אַריינגעוואָרפן אין לאָקאַלער ייִדישער טעטיקייט, אין אַרגענטינע, און פרי געוואָרן דער וויכטיקסטער ייִדישער ליטעראַרישער פאָרשטייער פון ישוב־אַרגענטינע. ער איז געוואָרן איר מוטיקער קעמפער. די געשיכטע פון ייִדן אין אַרגענטינע, פון דעם מאָדערנעם ישוב, פון דער גרויסער אויסרייניקונג, אויסקריסטאַליזירונג און אָפּשיידונג, וועט באַטאָשאַנסקין מוזן שענקען אַ סך, אַ סך בלעטער. ער האָט געהאָלפן פאַרשענערן דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון ישוב, ער איז געווען איינער פון די גרויסע קולטור־בוי־ערס, און דורך זיין צייטונג „די פרעסע", פון וועלכער ער איז געוואָרן איינער פון אירע רעדאַקטאָרן, האָט ער דערצויגן אַ גוטן לייענער, אַנטוויקלענדיק כסדר דעם לייענערס געשמאַק. באַטאָשאַנסקי האָט באַלד איבערצייגט דעם לייענער, אַז ס׳רעדט אַ פובליציסט מיט באַרעכטיקטער אויטאָריטעט, און דער ייִדישער לייענער אין דער ייִדישער אַרגענטינע האָט זיך געלאָזט לערנען און פירן פון יעקב באַטאָשאַנסקין.

אָבער ביי דער דאָזיקער פאַרכאַפּנדיקער פּיאָנערישער אַרבעט איז באַטאָשאַנסקי תמיד געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער גאַנצער ייִדישער קולטור־וועלט. ער איז גאָר יונג געוואָרן אַן אָנערקענטער נאָמען אין דער ייִדישער שרייבער־וועלט. אָט די וועלט־פאַרבינדונג האָט באַטאָשאַנסקי קיינמאָל נישט געלאָזט לאָקאַליזירט ווערן. ער האָט אויך גלייכצייטיק איינגעזען, אַז ער איז אַ לערער און אַז ער מוז אויף זיך אַליין אַרבעטן און זיך דערציִען און ער איז געוואָרן איינער פון די געבילדעסטע ייִדישע זשורנאַליסטן, וואָס זיין וואָרט ווייזט, אַז עס שטאַמט פון אחריותדיקן וויסן, ראַיעלער אינפאָרמאַציע און אַ ווילן צו ווירקן צום גוטן.

יעקב באַטאָשאַנסקי דער קינסטלער

יעקב באַטאָשאַנסקי איז אַ קינסטלערישער מענטש, וואָס איז תמיד אין זיין שרייבן געטריבן געוואָרן פון אַ שטאַרקן אימפּעט. ווער ווייסט וואָס קינסטלערישע אַרבעט פאָדערט? טייל זאָגן, אַז ס׳איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון אומרו און כסדרדיקן דראַנג. אַנדערע האַלטן, אַז ס׳מיינט גאָר באַהערשטע און קאָנטראָלירטע רו. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז באַטאָשאַנסקי האָט זיך אין זיינע זכרונות אַליין כאַראַקטעריזירט ווי אַ זשורנאַליסט דערפאַר, ווייל ער קען זיין אייגענעם טרייבנדיקן אימפּעט צו זיין אומעטום, ווו ייִדיש לעבן מאַניפעסטירט זיך. איז ער דאָך, דאַכט זיך, געווען דער איינציקער ייִדישער זשורנאַליסט, וואָס האָט זוכה געווען בייצולעבן די אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל. ס׳האָט אים געטריבן אַהינצו, ווו ייִדן האָבן אָנגעהויבן שרייבן אייגענע געשיכטע, נאָך אַ לאַנגער און ביטערער הפסקה.

באַטאַשאַנסקי, אויף וועמען מען קאָן זאָגן, אַז ער איז „מיסטער" ייִדישע אַרגענטינע, איז שוין אויך כמעט אַ ניו־יאָרקער. ער גיט זיך אַ שפּאַציר דורך זייער אָפּט פון בוענאָס־איירעס קיין ניו־יאָרק, ער כאַפּט אַ בליק אויף אונדז און דער רעזולטאַט איז שטענדיק — אַ שפּרודל פון באַשרייבונגען, וואָס באַ־לייכטן און קריטיקירן, מיט אַ פּובליציסטישער פּען און קינסטלעריש אויג. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס באַטאַשאַנסקיס פופציק־יאָריקער יובל פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט ווערט צום ערשט געפייערט אין ניו־יאָרק. ווייל דער נאָמען באַטאַשאַנסקי מיינט ביים היינטיקן טאָג אַ פעלדז אין דער גאַנצער ייִדישער שרייבער־וועלט.

אַ חוץ דעם, וואָס יעקב באַטאַשאַנסקי האָט אהבת נפש ליב ייִדן, ייִדיש און ייִדיש לעבן אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער ספּעציעל ליב ייִדישע שרייבערס. ערשט צווישן ייִדישע שרייבערס דערזעט מען אים, מיט זיינע אַלע מעלות, מיט זיין וואַרעמקייט, זאָרגעוודיקייט און איבערגעגעבנקייט צו חברים. ער ווייסט יעדערנס אָרט. און אַלע ערטער זענען ביי אים חשוב. ער פאַרמאָגט אַ מערקווירדיקע וואַרעמקייט, אַ חברשע וואַרעמקייט, וואָס איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע, נאָר אַן איינגעבוירענע, וואָס פּאַסט אַ שרייבער מיט פאַרנעם.

און באַטאַשאַנסקי האָט מער פון אַלץ פאַרנעם. ער איז נישט שמאָל, נישט איינגעשרומפּן, אָדער פאַרזיכטיק, נאָר ערנסט און אויפריכטיק מיט זייןברייטן אינטערעס אין דעם ייִדישן קינסטלערישן וואָרט. זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונ־גען זענען תמיד אַ פאַרזוך צו באַשיינען און באַגריסן דעם ייִדישן שאַפער. ער איז אַליין ברייט און נישט קאַרג אויף זיך, אויף אייגענער ענערגיע, באַ־שענקט ער אַלעמען מיט פונקען פון זיין קינסטלערישער פזרנות.

ס'איז זייער לייכט צו קומען צו אַ בעל־יובל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט ליטעראַרישער אַרבעט און אים מוסרן, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט קאָנ־צענטרירט אויף באַזונדערע קינסטלערישע געביטן. קיינער האָט זיין וועג פאַר אים נישט אויסגעפּלאַסטערט, אַ חוץ באַטאַשאַנסקי אַליין פאַר זיך. איין זאַך איז זיכער, אַז דער ליטעראַרישער דראַנג און שפּיל אויף אַזוי פיל אינסטרו־מענטן האָט אונדז געשאַנקען אַ גרויסן ייִדישן נאָמען אין דער גאַנצער ייִדישער קולטור־וועלט. זיינע שאַרפסטע קריטיקערס לייענען אים אָפּט מיט ציין־קרי־צערישן פאַרגעניגן. ער האָט טויזנטער און טויזנטער געטרייע לייענערס, און די ייִדישע ליטעראַרישע משפחה, אויף דער גאַנצער וועלט, אָנערקענט באַטאַ־שאַנסקין פאַר אַ גאָר חשובן מיטגליד פון דער משפחה, פאַר אַ הייסן קעמפער פאַרן ייִדישן וואָרט און פאַר אַ וואַרעמען און איבערגעגעבענעם חבר.

ברוך האַגער

די בעסאַראַביע גייט — זי גייט!

די בעסאַראַביע גייט.

זי גייט אין דער וועלט אַריין — קיין צפון־אַמעריקע, קיין ארץ־ישראל, און עס גייט אין שכנישן רומעניע: אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן און דער ייִנגסטער גייט דער ערשטער, יעקב באָטאָשאַנסקי.

די בעסאַראַביע גייט — זי גייט!

חיים נחמן ביאַליק האָט די ווערטער אויסגערופן, גאַנץ פרייד. בעת עס האָט פאַר אים געלייענט אַ יונגער בעסאַראַבישער דיכטער זיינע שירים — ייִדישע שירים. חיים נחמן ביאַליק האָט ליב געהאַט לשון — ייִדיש־אהבת נפש. אַליין האָט ער געשריבן ייִדישע לידער און אין זיינע העברעיִשע שירים זענען די ווערטער לבוש, קלאַנג פון אַלטן טויזנטיאָריק געלייטערטן ניגון — ייִדיש. איז אים, דעם גרויסן דיכטער, געווען גאָר ניחא וואָס ס'נעמען זיך שפרייטן די פליגל פון דער בעסאַראַביע. אַ סימן טוב! וואָס ס'שפראָצט פון דער בעסאַראַביע איז פרוכטיק ווי די זעטיקע ערד אירע.

יעקב באָטאָשאַנסקי קומט אָן אײדער עס הייבט אָן דאָרט טאָגן. און איי־דער וואָס ער האָט דאָס רענצל זיינס אַנידערגעשטעלט אויף אַ פאַרזיכערטער אַכסניה, צעלאָזט ער זיך שוין מיטן נישט איינצוהאַלטנדיקן, קאָכנדיקן אימפּעט — דער ירגזון וואָס האָט זיך נאָך ביז היינט ביי אים נישט אָפּגעקילט, און שטעכט אַריין זיין אַקעראייזן אין דער ייִדיש דאַרער ערד. און די וואַרעמקייט זיינע, די בעסאַראַבישע, יערט אויף די פאַרשטאַרצטקייט און עס הייבט אָן באַלד אויפגיין: עס גייט אויף „ליכט״. (דער ערשטער ייִדיש־ליטעראַרישער זשורנאַל אין רומעניע). אין איינעם מיט א. ל. זיסו, יעקב גראָפּער, מאָטיע ראַבינאָוויטש און דעם בן יקיר, מתתיהו פרידמאַן ע״ה, פלעכט ער דעם קנויט פון „ליכט״. דאָס ליכט ברענט נישט לאַנג. עס שיינט נאָר אַ קורצן טאָג, אָבער עס האָט שוין דעם וויטערן וועג אָפּגעלייכטן. די רענדאַרעס האָבן דאָס איי־גענע הייסע לייב דערפילט, דאָס ייִדישע האַרץ איז זיי צעבריט און דער פאַר־שלעפּערטער מוח אויפגעוועקט:

ביים יום־טובדיק פאַרשפּרייטן טיש דאַרף מען זיך מיט קיין פרעמדס נישט אויסצירן. פאַראַנען אַן אייגענער געדאַנק און אַן אייגן וואָרט!

די מזרחניקעס פון „טעמפּל קאַראַל" און די פרנסים פון דער „אוניאונע עוורעילאַר" וואָס פוצן און הנדלען זיך מיט „פרעמדס" דאַרף מען די ווערע־כעס פון זייערע הויכע צילינדערס אייגבערעכן.

לשון־ייִדיש האָט אַן אייגענע שאַרפע צונג! עס איז נישט קיין זשאַרגאָן ווי יענע פרעדיקן, צו נוצן נאָר פאַרן טאָג־שמועס, פאַר מקח וממכר און צו זידלען זיך מיט איינאַנד. ייִדיש דאַרף קיין הלוואות נישט, דאַרף צו גאָר און קיינעם נישט אָנקומען. דאָס ייִדישע וואָרט פאַרמאָגט אַן עשירות וואָס קען אָנ־טאָן דעם געהויבענעם געדאַנק און דעם מענטשלעכן חלום אין געפּוצטן שענסטן בגד.

מקיים צו זיין — האומר דבר בשם אומרו — וויל איך איבערגעבן וואָס אַ פריינט פון אונדז ביידע, לייבוש גאָלד, האָט מיר אין פּאַריז, ערב מיין נסיעה קיין בוענאָס־איירעס, געזאָגט:

„באָטאָשאַנסקי איז דער ערשטער וואָס האָט מיט אונדז געלערנט און איינ־געזונגען דאָס חשובע ייִדישע ליד. ביז אים האָט מען ביי אונדז נישט געזונ־גען ווי גאָלדפאַדנס טעאַטער־לידלעך און די לידלעך וואָס וועלוול זבאַרעשער פלעג זינגען אין די שענקן, ביי געבראָטענע פליישן און פאַרנעפּלענדיקע רו־מענישע וויינען. און באָטאָשאַנסקי איז דער ערשטער וואָס האָט ביי אונדז גע־לערנט און געטייטשט פרצן".

אין די ערשטע טעג וואָס איך האָב זיך אומגעקערט פון טראַנסניסטריע קיין בוקאַרעסט, האָב איך אין אַ מסיבה געהערט אַן אַנדערן פון אונדזערע אַמאָליקע פריינט אויפרופן אַלע „זיי", וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענער צייט מיט זייער התלהבות, מיט זייער שעפעריש געניט וואָרט געוועקט דאָס ייִדישע האַרץ און עס אָנגעפילט מיט ליבשאַפט, מיט חשיבות פאַר ייִדישן סדר, פאַרן ייִדישן גאַנג: יעקב שטערנבערג, ד"ר שלמה ביקל, משה אַלטמאַן, איציק מאַנ־גער און בראש, ווי דער ערשטער וואָס איז געקומען אין לאַנד, יעקב באָטאָ־שאַנסקי. ער האָט גערופן זיי אַלע זאָלן קומען צוריק אין דער אַלטער היים און אָנצינדן ווי אַמאָל ליכט אין פינצטערן פוסטן אויסהויל וואָס דער חורבן האָט איבערגעלאָזט.

תמיד ווי איצט טייטשט און לערנט יעקב באָטאָשאַנסקי פשט, שפּילנדיק אויף זיין טאָפּלטער כלי: בכתב און בעל פה. און בעת ער רעדט הערט זיך אָפּט דאָס שורשלען פון דער פען און עס פאַרשמעקט מיט די ריחות פון בעסאַראַ־בישן סאָד: ער פּרוווט מסביר זיין דעם אינעווייניקסטן מענטשלעכן פלאָנטער, די מענטשלעכע מורא און סתרותדיקן געראַנגל מיטן גורל, צי ער זוכט מפורש

צו זיין דעם דאַרשט, פון אַ ברענענדיקער אינעוועייניקסטער בענקעניש; און בעת מען לייענט זיינע געשריבענע שורות, הערט זיך צו מאָל זיין ברויזנדיק קול וואָס איז בריִענדיק ווי אַ שטאָלענע רוט: עס גייט אים אין ייִדישן שטייגער; ער פאַרגאַרטלט זיך נישט צו לאָזן אויסגיין דעם אָטעם; אויסצוראַנגלען אָרט פאַר ייִדיש, און אַז דער ייִדישער גאַנג זאָל זיך נישט אָפּשטעלן עד אין סוף.

און דעמאָלט, ווי היינט נאָך, האָט פון אַ סך בעסאַראַבישער זון צעהיצטער אימפּעט זיינער, אים געטריבן פון איין לאַנד צום אַנדערן און איבער גאָר דער וועלט, (ווו איז באָטאָשאַנסקי נישט אויסגעוועזן?), לערנענדיק זיינע טייטשן און פּשט אויף דער סדרה ייִדיש. ביז ס׳האָבן אים די כוואַליעס אָנגעבראַכט צו די ברעגעס פון גרויסן לאַ פּלאַטאַ טייך. און אויך דאָ ווי אַמאָל דאָרט, טרעפט ער אָן אויף ייִדיש דאַרער ערד און שטעכט זיין גראָבאייזן אַריין:

די זייטן פון „די פּרעסע״, וועמענס מיטבאַשאַפער ער איז געווען, זענען טאָג אויף טאָג פול מיט זיינע שורות און ווו מען דאַרף זאָגן אַ גוט ייִדיש וואָרט איז הקול יעקב באָטאָשאַנסקי פון די חשובסטע וואָס מען גליסט צו הערן. און אַלץ לערנט ער און טייטשט פּשט אויף כל ענינים; צי ס׳איז שייך דעם חילוק פון תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי? אָדער וואָס איז אינדיווידואַליזם און וואָס איז „כלליזם״ אין דער ליטעראַטור? און נאָך און נאָך... נוגע ליטעראַטור איז ער כמעט תמיד מיט דער שיטה — כחה דהיתרא עדיף — אַז ס׳גייט מחזיק צו זיין אַ שרייבער אָדער אַ ניי־באַשאַפענעם חיבור, איז ער אין דער הלכה גאָר קיין מחמר נישט, ער זוכט נישט קיין חסרונות אין דער מעלה, פאַרקערט, ער געפינט שטענדיק מעלות אין חסרון.

זאָל ער, יעקב באָטאָשאַנסקי, ווייטער שטאַרקן דאָס ייִדישע וואָרט, די ייִדישע מחשבה, מיט זיינע טייטשן מיט זיין פּשט, נאָך אַמאָל 60 — ביז 120 יאָר.

ז ר ב ב ל

אַ לופֿט־באַגריסונג צו יעקב באָטאָשאַנסקין

אַז כ׳האָב דערהאַלטן די איינלאַדונג, כ׳זאָל צושיקן מיין באַגריסונג צו באָטאָשאַנסקיס 60סטן געבוירנטאָג, איז מיר די זאַך געווען אַביסל קשה: באמת, נאָר 60?!

געוואַלד געשריגן! כ׳קען אים דאָך פֿערזענלעך און פֿון דער פרעסע אַזוי פיל צענדליקער יאָרן, האָט ער דאָך פֿאַרעפֿנטלעכט אַזויפיל ביכער און, ווי איך ווייס, געפֿינען זיך ביי אים נישט ווינציקער אין כתב־יד. טאָ ווען האָט ער עס באַוויזן אָנצושרייבן? בפרט אַז באָטאָשאַנסקי האָט פֿאַר דער זעלבער צייט פֿאַרעפֿנטלעכט טויזנטער אַרטיקלען, עסייען, פֿעליעטאָנען, סקיצן, רע־צענזיעס, פּאָרטרעטן, כאַראַקטעריסטיקעס פֿון פּערזענלעכקייטן, דיכטער, עס־קנים, אָפּרופֿן אויף לויפֿנדיקע טאָג־ענינים און ברענענדיקע פּראָבלעמען — ווען זשע האָט ער געהאַט די געלעגנהייט דאָס אַלץ אַרויפֿצוברענגען אויפֿן פּאַ־פּיר? ניין, אַפֿילו פּשוט דורכטראַכטן, פֿאָרמולירן און פֿאַרצייכענען, שוין אָפּ־געריידט פֿון דורכקוקן, דורכקאָנטראָלירן און אויסרעדאַגירן, אויסשלייפֿן און אַרומפּוצן?!

צוריקגעשמועסט, לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז ער איז צו פֿרי אַלט געוואָרן 60 יאָר. ווערדליק זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, פֿרישער עמפּינדלעכקייט און שאַרפֿע חושים צו אויפֿכאַפּן, באַמערקן, רעאַגירן שנעל, שפּיציק, לויט דער דינאַמיק, וואָס שפּאַרט ממש פֿון יעדער שורה זיינער, איז נישט צו גלייבן, אַז ער איז שוין צוגעקומען צו די זעכציק.

באָטאָשאַנסקי אַלס יידישער פֿאָלקס־אינטעליגענט, איז אָנגעפּיקעוועט מיט וויץ, ווערטל און פֿאַרמאָגט פֿיל דערפֿאַרונג. אָפֿט ווייסט ער אַליין נישט, וווּ עס ענדיקט זיך ווירקלעכקייט און וווּ עס הייבט אָן דמיון. חלילה, ער איז נישט צעחושט און צעטומלט, נאָר אין זיין אַקטיווער שטענדיקער פֿאַרטועכ־קייט ווישט ער אָפּ אומגערן די גרענעץ „צווישן יאָ און ניין" און דערלאַנגט אַלץ מיט אַנאַנדער בשפֿע: אדרבא, זייט אַ בריה און אַ בעלן אָפּצוטיילן און אויסזיפּן, וואָס יאָ און וואָס ניין.

באָטאָשאַנסקי האָט אַלס שרייבער אַ געוואַלדיקע מעלה, וואָס ער איז לייכט־באַוועגלעך, נישט פויל אויף אַ גאַנג, אויף אַ פאָר און אַפילו אויף אַ פלי. איז ער געוואָרן אַ בן־בית אין דער אומעטיקער אַלטוועלטלעכער יידי־שערווירקלעכקייט, אַן אייגענער און אַ היימישער אין סרוב יידישע תפוצות; ער קען זיך אויס אויף זייערע אינעווייניקסטע קאָכענישן און טועכצן, האָט זיך געטראָפן פנים אל פנים מיט שרייבער און טוער און פירנדיקע פערזענ־לעכקייטן, ער האָט אַן אויג פאַר קאָלאָריט און פאַר פאַרב און ער פאַרנעמט די באַזונדערע טענער פון יידישע ניגונים, ווי זיי ווערן געזונגען אונטער פאַר־שיידענע הימלען און אַלערליי יידישע ערדן.

און אַ גאָר באַזונדערע מעלה פאַרמאָגט ער, וואָס ער איז אַ יוצא ובא אויך אין דער מדינה ישראל, אין איר בראשית, איינגעזאַפּט אין זיך איר קלימאַט און ווייסט איר אָטעם. אַז ער „כאַפּט זיך אַראָפּ" אַהער, איז עס תמיד אין דער געהעריקער אַנטשפּרעכנדיקער רגע; דעריבער טרעפט ער כסדר אין פינטל, און דעריבער האַלט ער נאָכאַנאַנד אין גיין. ער שטייט נישט, נאָר ער שפּאַנט, ער יאָגט.

איז טאַקע אַ חידוש, וואָס ער האַלט ערשט ביי זעכציק.

אַז ער וועט ווערן באמת עלטער און וועט צונויפנעמען אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט זיין פען, וועט עס זיין אַ געוואַלדיק פאַרשיידנאַרטיקער, פיל־פאַרביקער מאַטעריאַל וועגן אונדזער שפּרודלדיקן יידישן לעבן נישט נאָר אין אַרגענטינע, נאָר בכל תפוצות ישראל מיט מדינת ישראל אין דער שפּיץ. אפשר וועט ער דעמאָלט האָבן אינערלעכע רו און געזעצטקייט דורכצוקאָנטראָלירן און אַראָפּוואַרפן די איבעריקייטן, צופעליקייטן — וועט די יידישע ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק געווינען אַ באַדייטנדיקן צושטייער פאַר איר היסטאָרישן אוצר צו לערנען און באַלערנען יינגערע, קומענדיקע יורשים־ממשיכים.

דניאל טשאַרני ע״ה

דער הירש פון אַרגענטינע

אַמאָליקע יאָרן, ווען מען פלעגט אין די ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון אייראָפּע שמועסן וועגן אַרגענטינע — פלעגט אַרויפשווימען דער נאָמען פון באַראָן הירש.

איצטער אָבער, ווען מען שמועסט אין אונדזערע קרייזן וועגן אַרגענטינע — שווימט תיכף אַרויף דער נאָמען פון יעקב באָטאָשאַנסקי.

אמת, יעקב באָטאָשאַנסקי איז נאָך פאַרלויפיק נישט געוואָרן אין בוענאָס־איירעס קיין באַראָן הירש, אָבער ער טראָגט אין זיך דעם אומרו און די עלע־גאַנץ פון אַ הירש.

אין די ברייט־פאַרצווייגטע הערנער זיינע, וואָס יעדער האָרן־שפּיץ טראָגט אַן אַנדער פסעוודאָנים, ליגט פאַרשטעקט דער גרויסער שעפערישער אומרו פון אונדזער פאָלק מיט זיין ברייט־פאַרצווייגטער פאָלקס־קולטור.

אָבער שרעקט זיך נישט פאַר יעקב באָטאָשאַנסקיס הערנער. זיי שטעכן נישט. זיי ווייזן נאָר אָן די ריכטונג און די ריכטיקייט פון יעדער נייער דער־שיינונג אויף דער יידישער גאַס. צי ס׳איז אַ ניי בוך, צי ס׳איז אַ נייע קולטור־אינסטיטוציע, צי ס׳איז אַ נייע פאַרטיי — איז יעקב באָטאָשאַנסקי דער ער־שטער „רץ כצבי״־אָנזאָגער פון דער נייער דערשיינונג.

אָפטמאָל באַוווּנדער איך באָטאָשאַנסקיס זכרון, ערודיציע און שרייב־אימ־פּעט.

ווען כ׳האָב אים איינמאָל אַ פרעג געטון, ווען ער באַווייזט אַזויפיל צו שרייבן, אַזויפיל צו לייענען און אַזויפיל אַרומצופאָרן? — האָט ער מיר גע־ענטפערט, אַז ער הייבט אָן זיין אַרבעטס־טאָג אַ האַלבע שעה פאַרטאָג.

יאָ, ס׳איז מיר באַשערט געווען די פרייד צו דערקענען באָטאָשאַנסקין אויך פערזענלעך.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין בערלין און אין לייפּציק און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער — אין וואַרשע. סיי אין דעם „ראָמאַנישן קאַפע״ פון בערלין און סיי אויף „טלאָמאַצקע דרייצן״ אין וואַרשע האָט זיך באָטאָשאַנסקי תיכף

דערפילט, ווי אַ בן־בית. מיר האָבן שוין געוווסט, אַז ער איז נישט אַליין, היי־נטער אים שטייט אַ גאַנצע מדינה, שטייט אַרגענטינע.

און וווּנדער איבער וווּנדער! מיט זעקס יאָר צוריק (דעם 24סטן יולי 1949) האָט מיך באַטאַשאַנסקי איבערראַשט מיט אַ ביקור חולים־וויזיט אין מיין אָפּגעשלאָסענער סאַנאַטאָריע פון ליבערטי, וואָס איז עטלעכע שעה רייזע פון ניו־יאָרק.

כ׳ווייס, אַז אַ סך גוטע פריינט און קאָלעגן מיינע פון ניו־יאָרק גופא קלייבן זיך שוין 9 יאָר נאָכאַנאַנד מיך צו באַזוכן, אָבער לײדער האָבן זיי עס נאָך ביז היינט נישט באַוויזן צו טאָן. אָבער אונדזער ליבער יובילאַר איז נישט פויל אויף אַ גאַנג! ער איז געווען דער ערשטער פון אַרגענטינע צו דערפרייען מיך מיט זיין וויזיט און ערשט דעמאָלט האָב איך דערזען, אַז יעקב באַטאַשאַנסקי איז אויך נאָך אַ גוטער־ברודער און אַ געטרייער חבר.

ער האָט, אַגב, אויסגעטראָגן דעם וועג צו מיר קיין ליבערטי פאַר שמער־קע קאַטשערגינסקי, ע״ה, פאַר (אים צו לאַנגע יאָרן וועלוול טשערנאָווצקי און גאָר לעצטנס — פאַר דער דעלעגאַטקע פון מיין לעזער־פאָלק אין בוענאָס־איירעס — פאַר דער ליבער גאָלדע צוקער, זאָל געזונט זיין).

אַזוי אַרום בין איך שוין אויך פערזענלעך געוואָרן געקניפּט און געבונדן מיטן יידישן ישוב פון אַרגענטינע און ס׳פרייט מיך באמת, וואָס איך קען באַ־גריסן מיין פען־ברודער יעקב באַטאַשאַנסקין מיט זיינע ערשטע זעכציק יאָר, וואָס מער ווי אַ העלפט פון זיי האָט ער אָפּגעשענקט פאַר דעם אויפבוי פון דעם ניי־אויפגעקומענעם יידישן ישוב.

וועל איך פאַרענדיקן מיין באַגריסונג מיט די לעצטע 4 שורות פון מיין ליד, וואָס כ׳האָב געהאַט אָנגעשריבן צו מיין אייגענעם 60־יאָריקן יובילײ און נעמלעך:

...זעכציק יאָר דיינע, ווי זעכציק הויכע לייטערס
הויבן דיך נאָך העכער פון דיין אייגן לעבן.
וועל איך היינט נישט זאָגן יזכור נאָך די טויטע —
וועל איך בעסער זאָגן: מיט מזל זאָלסטו לעבן!
אָ מ ן !

יצחק יאַנאַסאָוויטש

יעקב באָטאָשאַנסקי

דער גורל, ווי מיר ווייסן, איז אָפט אומגערעכט צו מענטשן.
און מער ווי אָפט איז ער אומגערעכט צו שרייבער.

אַ סך, אַ סך מאָל באַלייכט ער זייער שעפעריש לעבן ערשט דעמאָלט, ווען זייער בשר־ודמיק לעבן איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן.

אַן אַנדער מאָל, אַז ער פאַרגינט זיך שוין צו ברענגען דעם שרייבער די רויזן פון רום, ברענגט ער זיי אים ערשט דאַן, ווען די זקנה האָט שוין אַטראָפירט זיין נאָז פאַר די רייצנדיקע ריחות פון מענטשלעכן לויב.

אָבער די ערגסטע עוולה באַגייט דער גורל לגבי דעם שרייבער, ווען ער שענקט אים באַרימטקייט, וועלכע קומט נישט, ווי קיין עכאָ אויף דער האַרץ־מעלאָדיע, וואָס ער שפּילט אַ גאַנץ לעבן, נאָר ווי אַ ווידערקול אויף די צופעליקע אַקאָמפּאַנימענטן פון זיינע לעבנס־ווערק.

ס'איז נישטאָ עפּעס ערגערס פאַר אַ שרייבער, ווי אַז מען לויבט אים פאַר זאַכן, וואָס ער אַליין ווייס, אַז זיי זענען נישט עיקרדיק אין זיין שרייבעריש לעבן.

אַזאַ לויב איז פאַר דעם שרייבער אָפט דער גרעסטער דורכפאַל.

ווייל דאָס איז אַ רום, וואָס ער האָט געקויפט מיט אומווערטיקע און אָפטמאָל אויך פאַלשע מטבעות.

און קיין שום שעפערישער מענטש פילט זיך נישט גוט ווען ער זעט, אַז אויף זיינע בריליאַנטן זענען קיין קונים נישטאָ, בעת פאַר זיינע אומעכטע שטיינדלעך צאָלט מען אַ הויכן פּרייז.

ווען דער לייענער גענאַרט זיך, פילט זיך דער שרייבער אָפּגענאַרט.
און דאָס איז זיין ווייטיק.

ב

אונדזער בעל־יובל, יעקב באָטאָשאַנסקי, האָט זיך אויפן גורל נישט וואָס צו באַקלאָגן.

די פרייד פון דערפּאָלג האָט ער טועם געווען אין די בעסטע יאָרן פון זיין מענטשלעך און שרייבעריש לעבן.

און די מטבע וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר זיין רום איז אַן עכטע, אַ ווער־טיקע. זי האָט היגטער זיך די גאָלד־דעקונג פון זיינע שרייבערישע פאַרדינסטן.

זיין דערפּאָלג האָט ער כשר פאַרדינט מיט אַ לאַנגיעריקער מי פון יצירה אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון יידישן וואָרט.

אפראפא זיין פילזייטיקייט:

עס זענען פאַראַן שרייבער, וואָס צווישן די מוזעס האָבן זיי ווי אונדזערע ביבלישע עלטער־עלטער זיידעס, סיי פרויען, סיי פלגשן. טוט זיי אָפּט ווי דאָס האַרץ ווען זיי זעען ווי די ליטעראַרישע קינדער פון די מוזע־פלגשן האָבן צומאָל אַ שענער מזל ביי לייטן, ווי די געבוירענע פון זייערע געזעצלעכע פרויען־מוזעס.

יעקב באַטאַשאַנסקי האָט נישט דעם דאָזיקן האַרץ־ווייטיק.

ער האָט נישט קיין צען פאַרשיידן־זשאַנערדיקע מוזעס, ער האָט איין מו־זע, וואָס שפילט אויף צען פאַרשיידן־זשאַנערדיקע אינסטרומענטן.

מיט דער דאָזיקער מוזע איז ער פאַרקנסט דורך ליבע און געזעץ און דערפאַר דאַרף ער זיך מיט זיינע טאַלאַנט־קינדער נישט באַהאַלטן.

אַפילו ווען ער שרייבט אונטער אַ פסעוודאָנים פילט איר נישט אין זיין פאַרשטעלן זיך יענע זינדיקע שעמעוודיקייט פונעם מאַן, וואָס וויל, אַז מען זאָל אים נישט דערקענען.

אין אַלע זיינע זאַכן, פון דעם ליטעראַריש־קריטישן עסיי ביז דער „שפּיץ־פען", איז פאַראַן די כאַראַקטעריסטישע מעלאָדיע פון זיין שאַפן. אַפילו אין זיינע מוזיקאַליש־פעליעטאָניסטישע דרך אגב־אימפּראָוויזאַציעס און קאַפּריזע שפּיל־וואַריאַציעס הערט איר זיין אייגענעם לייטמאָטיוו, הערט איר די שטענ־דיקע מעלאָדיע פון זיין טאַלאַנט.

און אַז מען לויבט זיינע אַ זאַך, זי מעג זיין די סאַמע גרינגסטע, לויבט מען אים, דעם שעפעריש־צעכוואַליעטן ים, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין קלענסטן טראָפּן.

דאָס איז געוויס אַ גרויסע סאַטיספאַקציע פאַר אַ שרייבער.

ג

באַטאַשאַנסקין דערקענט מען אומעטום, אין אַלץ וואָס ער שרייבט.

יעדע שורה וואָס גייט אַרויס פון אונטער זיין פעדער איז פול מיט זיין פערזענלעכקייט.

עמיצער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער כאַראַקטער פון דעם מענטש איז זיין גורל.

און אַנדערע האָבן דעם געדאַנק געצויגן ווייטער און געזאָגט, אַז דעם כאַראַקטער פונעם מענטש דערקענט מען אין זיין טעמפּעראַמענט.

באַטאָשאַנסקיס טעמפּעראַמענט איז זיין גורל און כאַראַקטער.

זיין טעמפּעראַמענט פילט מען אין יעדן זאַץ, וואָס ער שרייבט אָן.

דער זאַץ מעג שטיין אין אַ ליטעראַטור־קריטישער אָפּהאַנדלונג, אָדער אין אַ בעלעטריסטישן רעפּאָרטאַזש — אַלץ איינס אָטעמט פון אים אַרויס אַ גבורה, אַלץ איינס שלאָגט פון אים אַרויס אַ היץ, וואָס באַצווינגט דיך און פאַר־אינטערעסירט דיך.

אַפילו ווען ער פאַרשפּילט דיך מיט די קאָלירִיקע זייפנבלאָזן פון שטי־מונג און געמיטס־פלוידעריי, פּילסטו ווי הינטער דעם גרינגן פלוס פון ווער־טער ריזלט דער איינגעהאַלטענער, געצוימטער כוח פון אַ גליִענדיקער לאַווע.

ווי אַ מענטש פון ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט איז ער קיינמאָל נישט מהכי־תיתידיק, קיינמאָל נישט סתם אַזוי זיכדיק, קיינמאָל נישט אָן ווילן און אָן ציל.

תמיד צילט ער מיט זיין וואָרט ערגעץ ווו. תמיד וויל ער מיט זיין שרייבן עפּעס פּועל זיין.

אָט דער שטריך מאַכט אים פאַר אַ לערער, פאַר אַ מדריך.

אַרגענטינער ייִדן האָבן דעם מדריך, דעם מורה דרך, דעם קעמפער אין אים, דערפילט אַ סך פריִער ווי דעם שרייבער.

וואָרעם אַפילו צו דערפילן אַ שרייבער, אויך דעמאָלט ווען דער שרייבער איז נישט קיין מורה דרך, האָט ער זיי געלערנט.

געלערנט נישט מיט קיין מלמדישן האַרטן טייטל, נאָר דורך עפענען די אוצרות־שיינקייטן פון ייִדישן קינסטלערישן וואָרט.

געלערנט מיט זיין אייגן שרייבן און מיט דעם מסביר זיין דאָס שרייבן פון אַנדערע.

ד

פאַראַן אַ גאווהדיקער זאָג ביי שרייבער:

— אַ קריטיקער קומט זאָגן מבינות אויף יענעמס אַרבעט, ווייל ער קען אַליין קיין שטיקל אַרבעט נישט מאַכן.

דער דאָזיקער זאָג האָט אין זיך פאַריסענע גאווה, אָבער קיין ברעקל אמת.

יעקב באַטאָשאַנסקי איז די בעסטע אָפּלייקענונג פון דעם דאָזיקן זאָג.

יעקב באַטאָשאַנסקיס דערציילונגען, דראַמעס, זיין דריי־בענדיק ווערק

„די לעבנס־געשיכטע פון אַ ייִדישן זשורנאַליסט", זענען בולטע עדות פון זיין בעלעטריסטישן טאַלאַנט.

אַוודאי איז אין זיין אויטאָביאָגראַפיש װערק פאַראַן דער חסרון, װאָס דאָרט װערט דערציילט צופיל, און צופיל בפרטיותדיק, אָבער אין דעם דאָזיקן װערק איז אויך פאַראַן אַזאַ גרויסער שלל פון עכטער בעלעטריסטישער גע־שטאַלטיקונג, אַז מען װעט זיך צו דעם דאָזיקן װערק נאָך מוזן אומקערן.

דער פּרוסטישער אופן פון אויפוויקלען געשעענישן אין דער קינדהייט, װעלכע האָבן געשטאַלטיקט דעם דערוואַקסענעם מענטש, די מיט שטימונג און געמיט אָנגעזאַפּטע בילדער פון ייִדישן לעבן אין אַן עקזאָטישן װינקל פון מזרח־איראָפּע, די קערנדיקע כאַראַקטעריסטיק און די גורלות־שילדערונג פון צענד־ליקער און צענדליקער טיפּן און געשטאַלטן, סביבות און קרייזן, װאָס דער מחבר ברענגט אַרויס מיט זיין יאָדערדיק־זאַפטיקן ייִדיש לשון, װעלן נאָך מוזן דערזען װערן דורך אונדזער ליטעראַטור־פאָרשער, פּונקט װי זיי זענען דערזען געװאָרן דורך דעם ייִדישן לייענער.

דעמאָלט װייסן מיר נישט װעמען די אָפּשאַצונג װעט געבן די בכורה:

באָטאָשאַנסקין דעם פּובליציסט,

דעם פעליעטאָניסט,

דעם רייזע־באַשרייבער,

אָדער:

דעם בעלעטריסט,

דעם טעאַטראַל

און דעם קינסטלערישן מעמואַריסט?

אויף יעדן פאַל זענען מיר זיכער, אַז דער חלק באָטאָשאַנסקי, װאָס װעט אויספאַלן אויף דער מוזע, װאָס הייסט: „שיינע ליטעראַטור", װעט בשום אופן נישט זיין קלענער, װי דער חלק באָטאָשאַנסקי פון די אַלע אַנדערע ייִדישע װאָרט־מוזעס.

ה

די שאלה איז נאָר: צי דאַרף באָטאָשאַנסקי איבערלאָזן די דאָזיקע אָפּ־שאַצונג בלויז פאַרן קומענדיקן ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־פאָר־שער?

איך מיין, אַז איצט, װען ער איז געװאָרן אַ בן שישים איז פאַר אים די שענסטע צייט צו העלפן זיינע קומענדיקע אָפּשאַצער. און העלפן מיין איך דורך דעם, װאָס ער זאָל זיך אומקערן צו זיין אָנהייב. ער האָט נישט איינמאָל גע־

זאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט נאָר אויף דערווייל. מיט דער דאָזי־קער דערווייליקייט האָט ער זיך איינגעשריבן אין דער אייביקייט פון דער יידישער זשורנאַליסטיק. איצט, ווען זיין זשורנאַליסטיש וואָרט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען, איז פאַר אים די צייט נאָך אַמאָל אויפצואַקערן דאָס פעלד פון זיין בעלעטריסטישן טאַלאַנט און זיך אָפּגעבן מער דער דערציילונג, דער דראַמע און דעם ראָמאַן. מיט זיינע דערפאַרונגען און מיט זיין רייפקייט וועט ער נאָך שאַפן ווערק, וואָס וועלן קיין שום ספק נישט לאָזן וועגן דעם, אַז ער האָט אייביק געקענט און קען נאָך איצטער מער, ווי פריער, מאַכן „אַ גוט שטיקל (בעלעטריסטישע) אַרבעט" מיט וועלכער עס גרויסן זיך אַזוי די שרייבער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אַנדער אַרבעט אין יידישן ווערטער־גאָרטן נישט געטאָן.

ביז צו די 120, טייערער קאָלעגע יעקב באָטאָשאַנסקי, האָט איר נאָך אַ סך צייט. עס איז צייט איר זאָלט די דאָזיקע צייט אָפּגעבן דעם געביט פון יידישן וואָרט, וואָס איז איבער אַלע צייטן. איר האָט געגעבן גוטע און הרחבה־דיקע אַדערויפן. איצט וואַרטן מיר איר זאָלט סילוקן דעם רעשט.

ה. לייוויק

צו זעכציק זאָל מען ליכטיקער

טייערע קאָלעגן:

איך דאַנק אייך פאַר איינלאַדן מיך צו באַטייליקן זיך אינעם יובל־בוך וואָס איר גיט אַרויס לכבוד יעקב באָטאָשאַנסקין צו זיין ווערן אַ בן־שישים. זאָלן אָט די ווערטער, וואָס איך שרייב צו אייך אינעם איצטיקן בריוו, זיין מיין קליינער צושטייער צום בוך און צום יובל־יום־טוב, וואָס בוענאָס־איירעס גרייט זיך צו פייערן, — אַ יום־טוב, וואָס אונדזער ליבער קאָלעגע און חבר האָט עס פאַרדינט. יאָ, ער האָט עס כשר פאַרדינט, סיי פאַר זיינע פּילצאָליקע ווערק אין בוך־פאָרעם, סיי פאַר זיינע הונדערטער אָדער טאָקע טויזנטער אַרטיקלען אין „די פּרעסע״, וואָס שפּרודלען מיט ענערגיע, מיט פרישקייט, מיט גלויבן אין יידישן וואָרט, אין דער יידישער ליטעראַטור און — וואָס איז גוואַלדיק וויכטיק — אין דעם יידישן לייענער. ער האָט אַ גוטן און טייערן שותף צו זיך, — דעם לייענער, אַ שותף, וואָס לאָזט זיך באַווירקט ווערן פון אים. דאָס איז אַ באַזונדערע גאָטס מתנה, מיט וואָס אַ יידישער שרייבער פון אונדזער היינטיקן דור מעג באמת שטאָלצירן.

אַ היפּשער טייל פון יידישע שרייבער אין אַרגענטינע האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין בלויז אַרגענטינער, — זיי געהערן דער יידישער ליטעראַטור אין איר וועלט־פאַרנעם. יעקב באָטאָשאַנסקי איז אָן ספק איינער פון זיי. וואָס שייך יידישער ליטעראַטור און יידיש לעבן אין אַרגענטינע גופא איז באָטאָשאַנסקיס אַקטיוו וואָרט ממש נישט אָפּצושאַצן. דאָס זאָג איך ווי אַן עדות־ראיה, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען ווען כ׳האָב באַזוכט אַרגענטינע אין 1936. פאַר די יאָרן זינט דעמאָלט האָט דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע דערגרייכט נייע שעפערישע הויכן, סיי אין נאַציאָנאַלן זין, סיי אין גייסטיק־קולטורעלן זין, און אַ גרויסן חלק אין אָט די דערגרייכונגען האָט אָן ספק אונדזער יובילאַר. איך ווינטש מיין פריינט און קאָלעגע יעקב באָטאָשאַנסקין נאָך אַ סך אַ סך אַקטיווע און שעפערישע יאָרן. אַז מען גייט אַריין אין זיבעטן צענדליק ווערט דאָס אחריות נאָך גרעסער און דאָס וואָרט — צייטיקער. די אויגן הייבן אָן צו זען דאָס פאַרבאָרגענע נאָך קלאָרער און ליכטיקער. — איך ווינטש אים צו זען עס.

א. לעיעלעס

יעקב באָטאָשאַנסקי צו זעכציק יאָר

דער נאָמען יעקב באָטאָשאַנסקי איז באַקאַנט בכל תפוצות ישׂראל.

קודם כל איז ער אַ זייער ווערסאַטילער שרייבער, זשורנאַליסט, עסייאיסט, רעצענזענט — פון טעאַטער און ביכער, — קריטיקער, ראָמאַן־שרייבער — פון פאַרשידענעם קאַליבער. ער האָט שוין אויך באַוויזן אָנצושרייבן אַ היפּשע אויטאָביאָגראַפיע.

חוץ דעם איז ער אַ טעמפּעראַמענטפולער רעדנער און אינסטרוקטאָר.

היינט ווו איז זיין כלל־טועריי?

זי איז שוין איינמאָל דאָ. דער פאַקט איז, אַז מחוץ אַרגענטינע איז יעקב באָטאָשאַנסקי איינער פון די סאַמע דערמאָנטסטע נעמען אין יענעם לאַנד.

דאָס קען אַמאָל זיין אַן עוולה צו אַנדערע יידישע עפנטלעכע פיגורן אין דער רעפּובליק ביי דער לאַ־פּלאַטאַ.

נאָר אַזוי איז עס. דאָס האָט צו טאָן מיט באָטאָשאַנסקיס אומאויסשעפּלעכער ענערגיע.

ווי אויך: ער איז נישט קיין יושב אוהל.

ער פאָרט אַרום, ער ווייזט זיך.

**
*

ער איז שוין געווען היפּשע עטלעכע מאָל אין די פאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקע. וועגן בראַזיל, אורוגוויי, טשילע — אָפּגערעדט.

ער האָט אויך באַוויזן צו פליען עטלעכע מאָל קיין ארץ־ישׂראל.

אַלץ איז אַ סגולה צו פּאָפּולאַריטעט.

אין אונדזער שרייבערישער סביבה איז מען געניינגט פיל מער צו שענקען אויפמערק דעם מענטש, ווי זיינע ווערק.

די ווערק דאַרף מען דאָך לייענען. פאָלגט מיך אַ גאַנג.

דעם מענטש זעט מען, הערט מען, און ער קריצט זיך אַזוי אַרום בעסער איין סיי אין דעם באַוווסטזיין, סיי אין דעם זכרון.

פון דעסטוועגן מיין איך, אַז יעקב באַטאָשאַנסקי האָט דער עיקר צו פאַר־דאַנקען זיין אינערלעכן מהות דעם פאַקט, וואָס ער טראָגט דעם הילכעדיקסטן נאָמען צווישן די שרייבערס, טוערס, בויערס פון דעם גאַנצן גרויסן און שאַ־פערישן יידישן קיבוץ אין אַרגענטינע.

חוץ אַלע שוין אויסגערעכנטע קוואַליטעטן איז ער נאָך אַ קעמפער אויך.

פאַר מיר איז ספּעציעל סימפּאַטיש זיין אומדערמידלעכער קאַמף פאַר יידיש אין דעם נייעם לאַנד.

ער האָט עס שוין אָנגעהויבן אין זיין געבוירן־אָרט בעסאַראַביע.

שפּעטער, ווען בעסאַראַביע איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ טייל פון רומעניע, האָט יעקב באַטאָשאַנסקי, אינאיינעם מיט אַ סך אַנדערע יידיש־ליבהאָבער זייער אַ סך געטאָן פאַר דעם, אַז יידיש — אין אַלע אַס־פּעקטן און זשאַנערס — זאָל אין רומעניע קענען פאַרנעמען אַ רעכט שטיקל אָרט, און נישט דאַרפן צופיל אָראָפּפאַלן ביי זיך אין פאַרגלייך מיט אַנדערע וויכטיקערע רעזידענצן פון מלכות יידיש.

מיר ווייסן עס פון זיין אייגענער אויטאָביאָגראַפיע.

מיר ווייסן עס אויך פון דעם, וואָס עס האָבן דערציילט בעל פּה אַנדערע רומענישע יידישע שרייבער, אַ שטייגער: שלמה ביקל, איציק מאַנגער און נאָך.

נאָר זיין הויפּט־טעטיקייט — אַ ברייטע און פילזייטיקע — האָט יעקב באַטאָשאַנסקי פונאַנדערגעוויקלט אין אַרגענטינע.

דאָ איז ער ממש געוואָרן אומדערמידלעך מיט פּען און וואָרט.

דאָ האָט ער געטראָגן הויך די פאָן פון יידיש, פון דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור. דאָ האָט ער מיט זיין גאַנצער קוואַלנדיקער ענערגיע בפירוש געקעמפט פאַר דער שפּראַך פון אונדזער פאָלק.

איך האָב אין אַן אַנדער אַרטיקל דערמאָנט זיין איינשטעלן זיך פאַר דער פּאָזיציע פון יידיש קעגן יענע ציוניסטישע עלעמענטן, וואָס פאַרשטייען נישט, אַז אַן יידיש קען אויך העברעיש נישט האָבן קיין תקומה, און וואָס איילן זיך צו ליקווידירן יידיש, כדי צו מאַכן אָרט פאַר העברעיש.

„מאַמע יידיש"

אין 1949 האָט יעקב באַטאָשאַנסקי פאַרעפנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען „מאַמע יידיש". דאָס בוך טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ זאַמלונג עסייען און לעקציעס.

אין דער הקדמה פּרווט ער אַליין צו פאָרמולירן זיין באַציִונג צו יידיש.

ער דערציילט, ווי אין דעם שטעטל, ווו ער איז געבוירן, האָט מען גע־

רעדט פיר לשונות: רומעניש, אוקראַיִניש, רוסיש און יִידיש. יִדן האָבן חוץ יִידיש נישקשה געקענט די אַלע אַנדערע דריי לשונות.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויך אין דעם טאָג־טעגלעכן גערעדטן דיבור אַריינגעבראַקט נישט ווינציק ווערטער פון די אַנדערע דריי. אָבער אין תוך — פאַרזיכערט באַטאָשאַנסקי — האָט מען גערעדט בלויז יִידיש און אים האָט זיך קינדוויז געדאַכט, אַז קיין ריינערע שפּראַך ווי יִידיש איז נישטאָ.

באַטאָשאַנסקי באַטאָנט אַליין, אַז כאָטש ער אָנערקענט די נייטיקייט פאַר יעדן יִיד צו קענען די אָפיציעלע שפּראַך פון מדינת ישראל — עברית — איז זיין ליבע צו יִידיש נישט געוואָרן פאַרמינערט, זיין אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט יִידיש — נישט אָפּגעשוואַכט.

דערביי מאַכט ער אָט די באַמערקונג, וואָס ווער פון אונדז פילט נישט איר אמת? —

„הלוואַי זאָלן די פאַנאַטישע העברעיִסטן אַזוי אָנערקענען יִידיש, ווי די יִידישיסטן אין זייער רוב אָנערקענען דעם ריכטיקן ווערט פון העברעיִש!"

***

עס איז נישט שווער אויסצוגעפינען, אַז אין זיין שטעלונג צו יִידיש און אַלץ, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, איז יעקב באַטאָשאַנסקי אַ לייבלעכער ברור־דער צו דער גאַנצער מחנה יִידישע אינטעליגענץ, וואָס וווינט אויף אַלע קאָנ־טינענטן, האַלט שוין אַריבער אָדער ביי דעם זעקסטן און נישט ווינציק ביים זיבעטן יאָרצענדליק, און לעבט פיינלעך איבער אַ געשעעניש, וואָס עס איז שווער זי צו דעפינירן.

מען ווייסט און מען פילט בלויז אין דער סאַמע טיפעניש פון דעם וועזן — עס איז עפּעס גרויסעס.

די גרויסקייט מעג גליַען מיט דעם טונקעלן פייער פון טראַגעדיע.

זי מעג כאַפּן דעם אָנבליק פון געבאָט; אַ גזר ממש פון דעם מויל פון גורל גופא.

זי מעג דערמאָנען אין די שאַרף־שטרענגע בליקן, אין דעם שטייף־אויס־געשטרעקטן פינגער פון דעם אומרחמנותדיקן גריכישן פאַטום, וואָס לאָזן צו הערן: דו פאַרענדיקסט דיין וועג; אַזוי איז אָנגעצייכנט; נישטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל דיין אָנגעצייכנטקייט פאַרמילדערן אָדער ענדערן.

אָבער עס איז גרויסקייט.

***

און יעדער איינער, וואָס וויל נישט דעזערטירן; וואָס קלאַמערט זיך אין

דער גלוסטיקער און ווונדערלעכער מעגלעכקייט, וואָס ליגט נאָך עד־היום אין די טיפענישן פון יידיש; וואָס וויל נישט אָפּקערן דעם בליק פון דעם הערלעכן און איבערערדישן חלום, וואָס יידיש טראָגט — דער איז אַ שותף צו אָט דער היסטאָרישער גרויסקייט.

דער שאַפט דערוויל ווערטן און פאַרמערט די פּראַכט פון דעם פיל־פּענצטערדיקן און פיל־קאָלירטן טעמפּל פון יידיש. דער טראָגט אויך אַ ציגל, אַ פאַרביק פענצטער צום מאָרגנדיקן געבוי פון אונדזער טייער לשון.

יעקב באַטאָשאַנסקי איז אַ חבר אין אָט דער כנופיא.

איך בין זיך אָפן מודה, אַז דאָס איז פאַר מיר דער סימפּאַטישסטער שטריך אין זיין גאַנץ פילזייטיק לעבן, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַקציע, שטרייט, באַגער און אַמביציע.

פּלוס און מינוס פון ווערסאַטילקייט

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז יעקב באַטאָשאַנסקי איז אַ זייער ווערסאַטילער שרייבער.

פּילפּאַכיקייט איז זיכער נישט קיין חסרון, נאָר אַ סאָלידער פּלוס.

פאַראַן שרייבער, וואָס מאַכן אַ קולט פון קענען שרייבן בלויז אין זשאַנר. געווען אַמאָל אַ צייט ווען אַ פּאָעט האָט עס געהאַלטן אונטער זיין ווירדע צו פּרווון זיין פען אויף עפּעס אַנדערש, ווי ריינע פּאָעזיע.

דאָס איז אַמאָל געווען דווקא ביי אונדז אַ קאָמיש חנדל אַזאַ, און עס איז אָסור נישט געווען מיט וואָס צו שטאָלצירן.

אָבער ווערסאַטילקייט האָט אויך אירע פאַסטקעס און חסרונות. דאָס קענען שרייבן אין פאַרשיידענע נוסחאות און שליסלען ברענגט אָפט צו נישט־געוווּנטשענע רעזולטאַטן.

מען איז אַ בריה און מען שרייבט אַמאָל זאַכן — אָפטער ווי אַלץ איז עס ראָמאַנען פון אַ באַשטימטן מין — ווו דער ליטעראַרישער ווערט ווערט געבראַכט אַ קרבן אויפן אַלטאַר פון צופּאַסן זיך צום געשמאַק פון דעם סאַמע אומגעשולטן, פּרימיטיוון לייענער.

ליידער האָט יעקב באַטאָשאַנסקי אויך זיך נאָכגעגעבן אין אָט דעם יצר־הרע.

**
*

נאָר איך וויל וועגן דעם נישט מאריך זיין.

אין אונדזער יידישער וועלט האָבן עס געטאָן נישט ווינציק אמת טאַלאַנטירטע שרייבער — סיי דאָ, סיי אין פּוילן.

צווישן די אומות העולם זענען געשטרויכלט געוואָרן אַפילו גרויסע מייס־טערס, אַ שטייגער: באַלזאַק, זאָלאַ און אַנדערע.

דער עיקר איז:

וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי האָט באַטראַכט פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע — אַלס שרייבער, רעדנער, לעקטאָר, כלל־טוער.

אין אָט דעם פּרט קען געזאָגט ווערן צו זיינע זעכציק יאָר:

ער איז אין פולן זינען איינער פון דעם גאַנצן שאַפערישן דור, וואָס די שטעט און שטעטלעך פון דער אַמאָליקער רוסלענדישער אימפּעריע און פון דער אַמאָליקער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע האָבן אַזוי רייך באַשאָנקען די יידיש־וועלט אין אַזוי פיל לענדער אין אַזוי פיל אויסדרוקן און פאָרמען.

***

דער אַרגענטינער יידישער קיבוץ פאַרנעמט אַ גאָר חשובן אָרט אויף דער מאַפּע פון יידישן שאַפן און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלער טעטיקייט.

יעקב באָטאָשאַנסקי האָט אַ זייער גרויסן חלק אין דעם, וואָס יידיש־אַר־גענטינע האָט אויפגעבויט אַ גרויסע פּרעסע, באַרייכערט די אַלגעמיין־יידישע ליטעראַטור, געשאַפן אַ פיין יידיש שולוועזן, געשטעלט שיינע בנינים פון אַלערליי קולטור־אינסטיטוציעס.

אים קומט אַ סך אָנערקענונג פאַר באַקענען די אַרגענטינער יידן מיט כמעט אַלע וויכטיקע ליטעראַרישע טוערס און זייערע ווערק פון גאָר דער וועלט.

אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג אין דער צייטונג „די פּרעסע” האָט ער אין משך פון יאָרן געשריבן וואָך־איין, וואָך־אויס, וועגן די נאָוועליסטן, פּאָעטן, דראַמאַטורגן, עסייאיסטן פון די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. קו־מען מיר אַלע אים אַן אמתן חוב אין אָט דעם פּרט.

***

אין 1952 האָט יעקב באָטאָשאַנסקי פאַרעפנטלעכט זיין בוך „פּשט”, אַ באַנד קריטיקן וועגן ה. ד. נאָמבערגן, לאַמעד שאַפּיראָ, י. מ. וויסענבערגן, משה לייב האַלפּערנען, מנחם באָריישאָ, פּרץ הירשביינען, דוד בערגעלסאָנען, פישל בימקאָ און ש. מיללערן.

איך מוז זאָגן, אַז עס האָט מיר הנאה געטאָן צו זען ספּעציעל זיין דורכ־געטראַכטע אַרבעט וועגן פ. בימקאָ, וואָס געהערט, מיין איך, צו די אומגע־רעכט באַוואָלטע אין אונדזער ליטעראַטור.

דאָס באַווייזט יעקב באָטאָשאַנסקיס גרייטקייט און פעיִקייט צו שטעלן אויף זיך.

כאָטש, אַז עס האַלט שוין ביי קריטיק, וואָלט איך ביי אים געוואָלט זען מער פון דעם מין אומאָפּהענגיקייט, ווינציקער נאָכגיין דער אָנגענומענקייט.

צו זעכציק יאָר האָט יעקב באָטאָשאַנסקי אַלע אורזאַכן צו קוקן מיט באַ־פרידיקונג אויף זיין אָפּגעגאַנגענעם וועג.

איך ווינטש אים פון גאַנצן האַרץ, אַז ער זאָל מיט נישט ווינציקער זי־כערקייט קענען קוקן פאָרויס.

לייבוש לעהרער

באָטאָשאַנסקיס וואַכיקע חושים

ליבע פריינד:

עס איז אַ פאַרגעניגן זיך צו פאַרנייגן פאַר יעקב באָטאָשאַנסקין, ביי דער איצטיקער פייערלעכער געלעגנהייט, אין דאַנקבאַרער אָפּשאַצונג פונעם פאַרמעגן וואָס ער האָט צוגעטראָגן צו דער גייסטיקער שותפות פון אונדזער לעבן.

צו זיין, אַזוי ווי ער, אַזאַ מערקווירדיקער מושלם מיט דער פען, צו זיין אַזוי פרוכפּערדיק און שטראָמיק אויף ווייט־צעשיידטע טעמעס און אין אַלע פאָרמען, מוז נישט זיין קיין אָנזעעוודיק פאַרדינסט אין זיך גופא. אָבער צו פאַרמאָגן אַזעלכע כוחות ביז הויכע מדרגות און דאָך זיך באַפאַנצערן מיט געדאַנק אַז וואָרט זאָל נישט אַריבעריאָגן אינהאַלט, דאָס איז אַ דערגרייכונג וואָס יעקב באָטאָשאַנסקי מעג זיך באמת גרויסן מיט איר.

די פאַסיקסטע פאָרמולע פון זיין פילקאָלירקן צושטייער האָט ער, מיין איך, אַליין געגעבן — „פּשט". עס איז געווען נאַטירלעך אַז פון די פיר מעגלעכקייטן וואָס פרד"ס גיט זאָל ער אויסקלייבן די ערשטע — פשט. אינעם דאָזיקן צוגאַנג ליגט אי זיין טאַלאַנט, אי זיין פּערזענלעכקייט. אויך רמז און דרוש און סוד שפּילן זייער גרויסע ראָלעס און פירן דורך לעבנס־נייטיקע פונקציעס אין אַ קולטור. אָבער אין אַ יונגער קולטור, אין אונדזער יידישער קולטור, ווו ערד־שיכטן האָבן נאָך נישט גענוג פאַרדעקט די נאַקעטע וואָרצלען, אין אַזאַ גייסטיקן אוניווערס איז פּשט, דאָס וואָס מען פלעגט רופן אין דער ישיבה „לערנען אויפן אָרט", אַ כוח וואָס לייגט פונדאַמענטן און באַפעסטיקט זיי.

באָטאָשאַנסקי איז נישט קיין פנים חדשות אין קיין שום ישוב אויף דער וועלט, אָבער, פאַרשטייט זיך, אין אַרגענטינע זעט מען אים אַ סך אָפטער פאַרנעמען זיין פאַרדינטן אויבנאָן. דאָס נעמט זיך, דאַכט זיך מיר, נישט בלויז צוליב דער אָפטקייט און קרעפטיקייט פון זיין וואָרט נאָר אויך צוליב דעם אַפּעלירנדיקן כאַראַקטער פון זיין צוגאַנג.

באָטאָשאַנסקיס מחשבה איז אין שטענדיקער, דירעקטער קאָמוניקאַציע

מיט זיינע וואַכיקע חושים. ער האָט שוין, ווייזט אויס, לאַנג אויסגעפונען אַז מיר האָבן אַ סך מער חושים ווי די טראַדיציאָנעלע פינף, און ער האַלט אַלע אין שטענדיקער פונקציאָנעלער גרייטקייט צו באַדינען זיין געדאַנק און זיין דמיון. דאָס ברענגט אַריין אין וואָרט־שאַפונג אַ סקולפּטורישע קוואַליטעט און די דריי־דימענזיאָנעלע כאַראַקטעריסטיק פון סטיל אין זשורנאַליזם, אין פּובּ־ליציסטיק, אין עסייען, פּונקט ווי אין קינסטלערישן שאַפן, ציט צו און דרינגט אַריין.

זאָל ער אַזוי צוציִען און אַריינדרינגען נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן אין אַלע די וואָס באַטייליקן זיך מיט אים צוזאַמען, אי אַקטיוו, אי פּאַסיוו, אין אונדזער גרויסער ייִדישער שותפות.

ד״ר א. מוקדוני ע״ה

יעקב באַטאַשאַנסקי

יעקב באַטאַשאַנסקי איז אויסגעוואַקסן ממש אויף אונדזערע אויגן ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

זיין בוך „פּשט״ איז אַ בוך פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

איר זעט ממש דעם שרייבער, וועלכן ער באַהאַנדלט, ווייל ער זעט אים דורך און דורך.

און ער מאַכט אונדז זען דעם שרייבער מיט זיינע אויגן.

און יעדער שרייבער איז פאַר אים אַ באַזונדערע טעמע, צו וועלכער מען מוז האָבן אַ באַזונדער צוגאַנג.

ער דערשפּירט שאַרף זיין אינדיווידואַליטעט און גיט אייך די בולטסטע, די שאַרפסטע שרייבערישע שטריכן זיינע.

ער הענגט נישט אָן אַ שרייבער אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז.

ער פּילפּולט נישט אויס קיין בילד פון שרייבער, ער פּשטלט נישט אַריין קיין סתרי־תורה אין אים.

ער איז אָפן, ער איז קלאָר, ער שרייבט באמת פּשט.

און דערצו איז ער לייכט, קלאָר און שפּילעוודיק.

נישטאָ קיין האַרעוואַניע, נישטאָ קיין קאָפּ־ברעכעניש פון שווערער לומ־דות אין זיינע קריטישע עסייען.

און דער עיקרשט — ער האָט אַ מאָס, אַ ריכטיקע מאָס צו מעסטן די קינסטלערישע קוואַליטעט פון אַ נאָוועלע און אַ ליד.

ער האָט קיין טראַקטאַט וועגן דעם נישט אָנגעשריבן.

אָבער אגב־אורחאדיק גיט ער אָנצוהערעניש וועגן דעם.

ער האָט געשריבן, למשל, וועגן אַ גערעאַטענעם שרייבער, וואָס שרייבט אויך לידער.

האָט ער בלויז געזאָגט, אַז ער איז ווייטער נישט אַוועק פון זיינע יונגע לידער.

דאָ האָט איר אַ קלאָרע אָנצוהערעניש אויף אַ מאָס, מיט וועלכן אַ קרי־טיקער קען און דאַרף מעסטן אַ ליד, אָדער אַ נאָוועלע.

דער באַלײדיקטער שרײַבער האָט פֿון גרויס פאַרדרוס פּרובירט פּסלנען די גאַנצע קריטיק — זי האָט קײן מאָס נישט, זי טאַפּט אין דער פֿינצטער, זי בלאָנדזשעט, איז אַמאָל טרעפֿט זי און אַמאָל נישט.

דער אמת איז, די ליטעראַטור־קריטיק האָט אַ מאָס.

זי טראָגט נישט די מאָס ווי אַ שנײַדער אויפֿן האַלדז, אָבער זי האָט אַ מאָס.

און די מאָס איז ווי יעקב באַטאַשאַנסקי האָט פֿאַרבײַגײענדיק געגעבן אָנצוהערן:

די מאָס איז כּסדר די סאַמע לעצטע דערגרייכונג אין פּאָעזיע און אין דער נאָוועלע, ריכטיקער — דער גרעסטער נײַער דיכטער און דער גרעסטער נײַער נאָוועליסט ווערט די מאָס פֿאַרן קריטיקער.

געווען אַ צײַט ווען מאָריס ראָזענפֿעלד, אָדער יהואש, זענען געווען די מאָס.

משה לייב האַלפּערין און מאַני לייב זענען געווען די מאָס.

אָבער אַ ביסעלע שפּעטער האָבן אַלע אָנגענומען אַז ה. לייוויק איז די מאָס.

און איצט איז סוצקעווער די מאָס — ער איז געקומען מיט אַ ניי ליד, און דאָס נייע ליד איז געוואָרן די מאָס.

פּשוט — יעדער שריט פֿאָרויס ווערט די מאָס.

אָט אַזוי ווי אײַנשטײן איז געוואָרן די מאָס פֿאַר דער מאָדערנער פֿיזיק.

איך ווייס נישט גענוי צי יעקב באַטאַשאַנסקי האָט עס גוט דורכגעטראַכט און האָט עס באַוווסטזיניק אָנגעווענדט אויף דעם דערמאָנטן שרײַבער.

אָבער אַן אָנצוהערעניש איז וועגן דעם דאָ אין זײַנע קריטישע עסייען.

אגב זײַן צופֿאַלן מיט ענטוזיאַזם צו א. סוצקעווערן באַווייזט עס קלאָר.

יעדע ליטעראַטור האָט גרויסע דיכטער און נאָוועליסטן אין איר בראשית.

אָבער די מאָס בײַט זיך מיט דעם אויפֿקום פֿון נײַע, נײַערע און גאָר נײַע דיכטער און נאָוועליסטן.

אליקום צונזער איז איצט פֿאַר אונדז לחלוטין נישט קײן מאָס, מיר זענען אַוועק העט־העט ווײַט פֿון אים, מיר זענען אַוועק העט־העט ווײַטער אפֿילו פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד א״אַ.

מאָריס ראָזענפֿעלד און יהואָש זענען שוין לאַנג אויך קײן מאָס נישט.

נײַע און גאָר נײַע זענען די מאָס.

ווער מאָרגן אויפֿקומען אַ גאָר נײַער דיכטער וועט ער ווערן די מאָס.

אָבער קומען מיט אַמאָליקע מאָסן און מאָנען פֿאַר זיך אַ דיכטער־קרוין, הײַנט, ווען מיר האָבן נײַע, נײַערע און גאָר נײַע דיכטער, קען מען נישט.

וועגן יובילאַר

דאָס איז אייגנטלעך דער זינען פון זיין אגב־אורחאדיקער באַמערקונג וועגן די לידער פון גרעאַטענעם שרייבער.

***

איינער פון זיינע בעסטע קריטישע עסייען איז אין זיין בוך „פשט" וועגן דוד בערגעלסאָן.

דוד בערגעלסאָן איז די מאָס פאַר דער יידישער נאָוועלע.

פאַרשטייט זיך אַז שלום אַש איז אַ גרעסערער נאָוועליסט, אָבער איר קענט אַשן נישט נעמען פאַר אַ מאָס.

מיט שלום אַשן זענט איר קיינמאָל נישט עפּעס אין דערהיים.

בערגעלסאָן איז אויך אַ שטיק צייט נישט געווען אין דערהיים.

אָבער אומעטום איז דוד בערגעלסאָן געבליבן דער מייסטער פון דער יידישער נאָוועלע, פון איר אַרכיטעקטור, פון איר שפּראַך און פון איר אינהאַלט.

ער האָט געבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די נייע יידישע וועלט; די וועלט פון דעם וועלטלעכן יידישן אינטעליגענט פוןביידע געשלעכטן.

אַש איז אינטויציע פּלוס אומגעצוימטן אימפּעט, דוד בערגעלסאָן איז מייסטערישער ישוב־הדעת.

דוד בערגעלסאָן איז אַנטוויקלונג, נישט קיין נס...

יעקב באַטאַשאַנסקי איז געווען אַ צעשאָטענער שרייבער, זינט אָבער ער גיט זיך אָפּ מיט ליטעראַטור־קריטיק דיסציפּלינירט ער זיך אַליין כסדר.

ער איז איצט אַ שרייבער מיט זיין לשון, מיט זיין געמיט און ממילא מיט זיין פאָרעם.

און ער איז אַ יידיש־אַרגענטינער שרייבער.

עס איז אים געבליבן פון דער אַלטער היים בלויז דאָס פעטע יידישע בעסאַראַבער לשון, דאָס לשון, וואָס רעדט מיט אַ פולן מויל, מיט מער קמצן ווי פּתחן.

ער איז אויסגעוואָקסן ווי אַ שרייבער אין אַרגענטינע.

ער איז נישט אינגאַנצן קיין אימפּאָרטירטער אייראָפּעישער אַרטיקל.

און דאָס גיט אים אַ באַזונדער קאָליר.

און קאָליר איז אַזוי וויכטיק פאַר אַ שרייבער, אַזוי וויכטיק.

סוף־כל־סוף, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט, זענען מיר אַ וועלט־פאָלק.

דאָס איז נישט קיין פראַגע פאַר דעבאַטן, עס איז אַ פאַקט.

שפּיגלען מיר אָפּ אין אונדזער ליטעראַטור די וועלט און זיך אַליין אין דער וועלט.

***

יעקב באַטאָשאַנסקי שרייבט פיל, אפשר צופיל אַז אַלץ זאָל אַרויס גע־שליפן און פאַרטיפט געגוג.

ראשית, ווייל דאָס שרייבן גיט זיך אים לייכט איין.

והשנית איז יעדער פון אונדז אַ ציישונגס־מענטש.

דיכטער, פאָרשער, דענקער — אַלע טוליען זיך צו צו צייטונגען —

די צייטונג איז אַ קוואַל פון פרנסה, אפשר דער איינציקער קוואַל פון פרנסה פאַר אַ יידישן שרייבער.

עס איז אַ לאַגע אַזאַ.

און נישט בלויז ביי אונדז, אין די רייכע ליטעראַטורן מוזן אויך שרייבער זוכן אַ זייטיקע פרנסה.

איך האָב די טעג געלייענט אין דער אַמעריקאַנער ענגלישער פרעסע, אַז כמעט אַלע באַרימטע אַמעריקאַנער דיכטער, קריטיקער און נאָוועליסטן זענען לערער, ווער אין אַן אוניווערסיטעט און ווער אין אַ מיטלשול.

ליטעראַטור קען נישט שפייזן אירע קינדער.

אפשר ווייל זי האָט צופיל קינדער...

ווערט טאָקע די ליטעראַטור אָרעמער און אָרעמער אין דער גאַנצער וועלט אין ליטעראַרישע כוחות.

און ביי אונדז איז עס נאָך שאַרפער...

שרייבט מען ביי אונדז נישט מיט ישוב־הדעת, מען וועגט נישט און מען מעסט נישט איטלעכס וואָרט און יעדן זאַץ.

די צייטונג, די גרויסע פרעסערין טוט און שרייט: גיב שורות, הונדער־טער, טויזנטער שורות טאָג איין, טאָג אויס.

די צייטונגס־מאַשינען קענען זיך נישט אָפּשטעלן, ריכטיק ווי די אויטאָ־מאָביל־פאַבריקן.

און אָט דער טראַגיזם פון דעם היינטיקן שרייבער פילט איר אין איט־לעכס ווערק.

און איר פילט עס אויך אין יעקב באַטאָשאַנסקיס שרייבן.

דערצו איז ביי אונדז יעדער שרייבער אַ קולטור־טוער.

ער איז דער מאָדערנער מגיד אונדזערער...

און יעקב באַטאָשאַנסקי איז אַן ענערגישער מענטש, באַווייזט ער אַלץ צו טאָן.

אָבער אַ היפּש ביסל אויפן חשבון פון זיין שרייבן...

יאָ, מיר אַלע צעברעקלען זיך און צעפּיצלען זיך, מיר אַלע זענען עפּעס בסדר אין איילעניש.

פילט זיך שטאַרק די איילעניש ביי יעקב באַטאָשאַנסקין.

וועגן יובילאַר

ער האָט קיין צייט נישט אויסצוטראַגן אַ טעמע די פולע ניין חדשים.
ווערן אַלע זיינע עסייען געבוירן פאַר דער צייט.
און צווישן זיי מוזן זיין אויך מפּילס...
אַנדערש קען עס אַפּנים נישט זיין.

**
*

רעדנדיק וועגן יעקב באַטאַשאַנסקין און וועגן דעם גורל פון אַלע ייִדישע שרייבער האָב איך זיך דאָ אַליין אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

איך בין נישט קיין אויסנאַם, איך בין ווי אַלע ייִדישע שרייבער פאַר־פלאָנטערט אין דעם דאָזיקן גורל־קנויל.

איצט בין איך אַוועק פון דער טעגלעכער ייִדישער פרעסע, טיילווייז צו־ליב דער רשעות פון געוויסע גרופּקעלעך אין די צייטונגען, אָבער צום גרעסטן טייל צוליב מיין אייגענער שולד.

אָבער איך בענק נישט נאָך דער טעגלעכער פרעסע, לחלוטין נישט.
ליידער קען איך עס נישט ראָטן צו טאָן אַנדערע קאָלעגן —
פּרנסה איז אַ גוואַלדיקער ענין אין דער שפּעדיקער וועלט אונדזערער.
און זיכער וויל איך דאָ נישט געבן קיין עצות קאָלעגע יעקב באַטאַ־שאַנסקין.

איך וויל אים ווינטשן נאָך יאָרן און יאָרן פון אימפּעטיקן שאַפן.
און די יאָרן, וועלכע זענען מיר נאָך באַשערט צו לעבן, וועל איך אים לייענען און הנאה האָבן.

נ. ב. מינקאָוו ע״ה

באַטאַשאַנסקיס „פשט״

יעקב באַטאַשאַנסקי איז אַ פּילזייטיקער שרייבער. ער איז אַ בעלעטריסט, דראַמאַטיקער, מעמואַריסט. אין די לעצטע צען יאָר זענען אַרויס זיינע דריי בענדער מעמואַרן „די לעבנסגעשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט״, אַ ראָמאַן פון 521 ז. „מיר ווילן לעבן״, צוויי בענדער רעפּאָרטאַזשן „בראשית פון מדינת ישראל״, „מאַמע יידיש״, עסייען און לעקציעס. קריטיק שרייבט ער שוין העכער אַ פערטל יאָרהונדערט. זינט 1926 איז ער דער ליטעראַטור־קריטיקער פון דער טעגלעכער צייטונג „די פּרעסע״, אין בוענאָס־איירעס. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז אַרויס זיינס אַ בוך „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער״. אין דעם זעלביקן יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַן עסיי „משה לייב האַלפּערן״. אין זיין בוך „מאַמע יידיש״ גיט ער איבער, אין פאָרעם פון לעקציעס, די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. באַזונדערס וויכטיק און ניי פאַרן לייענער זענען די צוויי גרעסערע אַרבעטן אינעם בוך: וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, און וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע. יעדער איינער, וואָס וועט שרייבן וועגן יידיש־שאַפן אין די צוויי לענדער, וועט זיך מוזן באַנוצן מיט די צוויי אַרבעטן.

באַטאַשאַנסקי אַליין האַלט, אַז זיין איצטיק בוך „פּשט״ איז דאָס ערשטע בוך זיינס, „וואָס באַשטייט פון בלויז און אויסגעשפּראָכענער ליטעראַטור־קריטיק״. זיין בוך „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער״, האַלט ער, פאַרמאָגט „אינטימע בילדער... מיט אַ צוגאָב ליטעראַטור־קריטיק״. און זיין „מאַמע יידיש״ „איז צום מייסטן ליטעראַטור־געשיכטע״. קען מען מיט אים מסכים זיין. אין זיינע רעצענזיעס, אָבער, ליגן שוין פאַרלייגט קערנער פונעם איצטיקן בוך „פּשט״. אין „פּשט״ האָט ער אויסגעברייטערט דעם יסוד פון זיין קריטיק. און דאָס האָט אים געפירט אויך צו פאַרטיפן זיך אין דעם שרייבער און אין זיינע ווערק. די ניין גרעסערע עסייען אינעם בוך זענען גוטע שטודיעס. דאָ האָט ער די מעגלעכקייט צו דערקלערן און מאָטיווירן זיינע פּירושים. זיינע מיינונגען האָבן דאָ האַפט, ער שילדערט פאַר אונדז אַ שרייבער און זיינע

ווערק בהדרגה. און ווען ער קומט צום לעצטן אויספיר, פילט מען, אַז מען איז דורכגעגאַנגען אַן אינטערעסאַנטן וועג, אינאיינעם מיטן קריטיקער. און זיין אויספיר שטימט מיט זיינע אויסשטייטשונגען. עס איז פאַראַן האַרמאָניע אין זיין דרך.

דורך די ניין שטודיעס אינעם בוך ווערן מיר געגנוי באַקאַנט מיט די שרייבער: ה. ד. נאָמבערג, לאַמעד שאַפּיראָ, י. מ. ווייסנבערג, משה לייב האַל־פּערן, מנחם באָריישאָ, פּרץ הירשביין, דוד בערגעלסאָן, פּ. בימקאָ און ש. מיללער. דאָס זענען שרייבער מיט פאַרשיידענע שליחותן אין דער ליטעראַ־טור. יעדער פאַרנעמט זיין אייגן וויכטיק אָרט. זייערע מעטאָדן און זשאַנערן זענען פאַרשיידענע, ווי אויך זייערע דערגרייכונגען. זיי דינען אונדז, אָבער, ווי אייגנאַרטיקע סימבאָלן פאַר אַ באַשטימטער תקופה — פאַר דעם מאָדער־נעם גאַנג אין דער ליטעראַטור. אויבנאויף קען עס אויסזען מאָדנע. אָבער ווען מען באַקענט זיך גענוי מיט זייערע ווערטן און סטילן, זעט מען, אַז זיי געהערן צום זעלביקן קינסטלערישן קלימאַט. דאָס איז דער קלימאַט פון אימפּרעסיאָ־ניזם און נאַטוראַליזם אין דער נייער ליטעראַטור. עס דאַרף נישט אויסזען אויסטערליש, וואָס די צוויי לעבנס־געפילן זענען אין דער מאָדערנער ליטע־ראַטור געגאַנגען האַנט אין האַנט. דער אימפּרעסיאָניזם און דער „נישט־קלאַ־סישער" נאַטוראַליזם האָבן געצויגן יניקה פון איין און דעם זעלביקן קוואַל — פון סוביעקטיווקייט און יחידישער פאַרטיפונג. דער אונטערשייד צווישן די צוויי איז געלעגן אין דעם אינדיווידועלן טעמפּעראַמענט פונעם שרייבער און אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער סביבה, וואָס דער שרייבער איז דורכגע־גאַנגען. אינטערעסאַנט זענען די צוויי פּאָליוסן אין באַטאַשאַנסקיס בוך — נאָמבערג און ש. מיללער. איינער שטייט ביים אָנהייב פון דער תקופה, דער צווייטער — ביים סוף.

דער אימפּרעסיאָניזם, ווי אַ מאָדערנע ראָמאַנטיק, האָט זיך באַוויזן ביי אַש. ביי רייזענען איז דער ייִדישער כלל אויפגעקומען ווי סכום יחידישע געשטאַלטן. אָבער פּסיכאָלאָגיש און סטיליסטיש איז נאָמבערג געווען דער בולטסטער אָנזאָגער פונעם אימפּרעסיאָניזם אין אונדזער ליטעראַטור. ש. מיללער, ווידער, האָט ווי פאַרענדיקט דעם אימפּרעסיאָניזם, דעם רעאַליס־טישן אימפּרעסיאָניזם. אין זיינע ווערק פילט מען שוין אויך דעם צומיש פון אַן עקספּרעסיאָניסטישן סטיל. און צווישן נאָמבערגן און מיללערן האָט אונדז באַטאַשאַנסקי באַוויזן וויכטיקע פאָרשטייער, וויכטיקע סימבאָלן פון דער תקופה.

אַזוינאָך זענען פאַראַן בשותפותדיקע תקופה־שייכותן צווישן די גע־שטאַלטן, וואָס באַטאַשאַנסקי שילדערט פאַר אונדז.

באַטאַשאַנסקי איז אַ לייענער אַ מתמיד. ער לייענט אַלץ, וואָס גייט אַרויס אין יידיש. ער לעבט און אָטעמט מיט דער ליטעראַטור פון זיין צייט און סביבה. איז זיין קריטיק אויך ווי די ליטעראַטור, וואָס ער נעמט אויף — אימפּרעסיאָניסטיש און כמעט ווי נאַטוראַליסטיש. אין דעם בוך „פּשט" זעט מען עס קלאָר. דער אַריינפיר און דער סוף פון יעדער שטודיע איז אַן אימ־פּרעסיאָניסטישער — דער אַריינפיר נאָך מער ווי דער סוף, ווייל דער סוף איז אַ מין סך־הכל. און דער תוך פון יעדער שטודיע איז פאַקטועל, דערקלע־רעריש.

כמעט אין יעדער שטודיע האָבן מיר אַן אַריינפיר, ווו ער צייכנט אָן די הויפּט־שטריכן פונעם שרייבער אין דער פאָרעם פון ביאָגראַפישע און ביב־ליאָגראַפישע פּרטים. נאָכדעם קומט דאָס פאַקטועלע אויסטייטשן ווערק. און צום סוף — פּאָרטרעט און סך־הכל. נישט אין אַלע שטודיעס איז דאָ דער דאָזיקער פּינקטלעכער סדר, אָבער די דריי הויפּט־עלעמענטן זענען פאַראַן. דער אָנהייב — דער אינפאָרמאַטיווער ביאָ־ביבליאָגראַפישער טייל און דער סוף — פּאָרטרעט אָדער שילדערונג, — זיי דינען ווי אַ מין אימפּרעסיאָניס־טישע דאָקומענטאַציע. דאָס ווערטפולע איז, פאַרשטייט זיך, דאָס אויסטייטשן דעם שרייבערס ווערק. כדי דאָס צו טאָן שלימותדיק, וויקלט ער פאַר אונדז פאַנאַנדער דעם אינהאַלט פון דעם שרייבערס ווערק. און דאָס איז אַ מזל־ברכה. בדרך כלל מיינען אַ סך קריטיקער, און לייענער אַוודאי, אַז איבערגעבן דעם אינהאַלט פון ווערק איז אַ קליינע דערגרייכונג. דאָס איז, אָבער, אַ גרויסער טעות. איבערגעבן דעם אינהאַלט פון ווערק איז אַ סך שווערער ווי זאָגן סתם מבינות. עס ליגט אין דעם נישט נאָר די קונסט פון צמצום, נאָר אויך פון אָפּקלייב. געבן דעם ריינעם אינהאַלט, מיינט פאַרשטיין דאָס ווערק. און אין דעם אופן ווי אַזוי דאָס ווערט איבערגעגעבן, ליגט דער אופן ווי אַזוי דער קריטיקער פאַרשטייט דאָס ווערק. אָט אין דעם טייל איז באַטאַשאַנסקי אין זיין עלעמענט. ער איז זאַכלעך קלאָר, און איבערצייגנדיק. און דאָס פירט אים צו זיינע מסקנות. אָבער איידער ער קומט צו זיי, גיט ער אונדז קלאָרע אויס־טייטשונגען, אין גאַנג פון זיינע אינהאַלט־אַנאַליזן. ער דערקלערט, טייטשט און שאַצט אָפּ.

טיילמאָל איז ער גלייך נאָכן אַריינפיר — פאָרמולאַטיוו, און אויף די דאָ־זיקע עיקר־שטריכן בויט ער זיין שטודיע. „די דריי הויפּט־שטריכן אין משה לייב האַלפּערנס כאַראַקטער זענען: קראַפט, צאַרטקייט, צו־להכעיסדיקייט". „פּרץ הירשביין איז געווען אַ פּרינץ סיי מיט דעם אויסזען און סיי מיט דעם כאַראַקטער". און באַטאַשאַנסקי דערקלערט הירשביינס וואַנדער־לעבן — „בכדי צו פאַרוואַנדלען די אויסגעטרוימטע פּרינצישקייט אין רעאַלער". „ער (נאָמ־

בערג) האָט אין די סאַמע ערשטע זאַכן זיינע זיך שוין באַוויזן מיט זיינע עיקר־דיקע אייגנשאַפטן: קורצקייט, קלאָרקייט, שאַרפקייט און געדאַנקלעכקייט". די הויפּט־שטריכן אין נאָמבערגס מענטשן זענען: „פּאַסיוויטעט און פאַטאַליזם". די עסיי וועגן מנחם באַריישאַן בויט ער אויף דער פאָרמולע: „ער האָט אָנגעהויבן כמעט ווי אַ רעליגיעזער דיכטער, האָט געגרייכט ביז נאַענטקייט צום באַלשעוויזם און ער האָט פאַרענדיקט כמעט ווי אַ פרומער ייִד". אַמאָל קומט דער הויפּט־טאָן ביים סאַמע אָנהייב: „י. מ. ווייסענבערג איז אַריין אין דער ייִדישער ליטעראַטור בקולי־קולות און אַוועקגעגאַנגען איז ער שטיל".

אויך אין גאַנג פון זיינע פאַקטועלע פּירושים בליצן אויף אַ סך פאָרמולעס, ווי, למשל: „ביי בערגעלסאָנען איז פאַראַן אַ טענדענץ, ביי בימקאָן — נאַטור". „בימקאָס אונטערוועלט־שילדערונגען זענען אין די גרענעצן פון נאַרמאַליטעט".

אין זיינע אינהאַלט־אַנאַליזן און פּירושים גייט ער מיטן ברייטן גאַנג. דאָרטן איז ער עקספּאַנסיוו און אויספירלעך. ער גלידערט פאַנאַנדער און באַרירט אַלע ווערק פונעם שרייבער. ער שטעלט זיך אָפּ אויף יעדן זשאַנער, אויף די כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. על־פּי־רוב, אָבער, אַנאַליזירט ער דעם שרייבערס אידייען־גאַנג. דער דאָזיקער תוך אינטערעסירט אים מער ווי אַלץ און דאָ איז דער אַנאַליז אַ פולשטענדיקער. ער נעמט אָן דעם שרייבערס געזעלשאַפטלעכע מחשבות פשוטו כמשמעו. און אויף דעם דאָזיקן יסוד שילדערט ער פאַר אונדז דעם פּראָצעס פון דעם שרייבערס געשטאַלטיקונג, — אַזוי ביי באַריישאַן, ביי שאַפּיראָן, ביי ש. מיללער, ביי בערגעלסאָנען, ביי מ. ל. האַלפּערנען, אאַז"וו. מיר זעען געגנוי וואָס באַטאַשאַנסקי נעמט אויף, ווי אַזוי ער נעמט אויף און ווי אַזוי ער טייטשט דעם שרייבערס געזעלשאַפטלעכע מחשבות.

דער מאַטעריאַל אין יעדער שטודיע איז געסדרט כמעט ווי כראָנאָלאָגיש. ער שילדערט דעם שרייבער אין רוים און אין צייט. דאָס מאַכט אונדז קלאָר די גאַנצע געשטאַלט. יעדע שטודיע איז געטיילט אין קאַפּיטלען, און אין יעדן קאַפּיטל גיט ער צו נייע שטריכן. אַזוי וואַקסט אויס פאַר די אויגן דער שרייבער און זיינע ווערק. ווי אַ משל קען מען אָנווייזן אויף דעם געבוי פון דער הירשביין־עסיי, בלויז נאָך די נעמען נאָך פון די קאַפּיטלען: אַריינפיר; דערזען טויט און געפרעגט אַ קשיא; געוואַנדערט איבער ישיבות און געוואָרן אַ העברעיִשער משורר; דער העברעיִשער דראַמאַטורג און דער „משורר המרתף"; סימבאָלישע פּיעסן מיט אומקלאָרע ניגונים אין ייִדיש; רעזשיסאָר, שוישפּילער, און לאַסט־טרעגער פון ערשטן בעסערן ייִדישן טעאַטער; די טעמפּעראַמענט־פולע אַנטיטעזע; הירשביינס תורה, עבודה און ראָזשינקעס מיט מאַנדלען; דער וועלט־רייזנדיקער; דער ראָמאַניסט; עפּעס פאָרטרעט און די אונטערשטע שורה.

יעדער קאַפּיטל איז אַרומגערעדט בפרטיות. און דער סך־הכל פון אַלע שיל־דערונגען און פּירושים גיט אונדז אַ פולשטענדיק בילד פונעם שרייבער און זיינע ווערק, ווי באַטאַשאַנסקי זעט אים, אַזוי איז מיט ווייסנבערגן און בער־געלסאָנען, מיט נאָמבערגן און יעדן איינעם.

אַלע שטודיעס אין דעם בוך זענען אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. מער ניי אין די אויסטייטשונגען זענען די שטודיעס: וועגן באַריישאַן, ווו ער ווייזט דעם דיכטערס טראַגישן וועג און זיינע ראַנגלעניש; וועגן בימקאָ, ווו באַטאַ־שאַנסקי שילדערט בימקאָס פּאָעטישקייט און זיין פּסיכאָלאָגיע; און וועגן ש. מיללערן, ווו מיר זעען מיללערן אין זיין אַנטוויקלונג ווי אַ רעאַליסט און נאַ־טוראַליסט, ווי אויך אין זיינע אָפּנייגן, ווי אַ סימבאַליסט.

דאָס וויכטיקסטע אין באַטאָשאַנסקי־בוך זענען עטלעכע פּרטים, וואָס זע־נען אַ סך מער ווי פּשט. באַטאָשאַנסקי פירט אַרויס די העכסטע דערגרייכונגען ביי יעדן שרייבער. ער ווייזט אונדז די שאָטנדיקע זייטן פון ווערק, די שוואַכ־קייט פונעם שרייבער, טייל מאָל זיין טראַגיזם. און דאָך שטערט עס אים נישט צו געפינען דעם אויבנאָן פאַר ווערק אָדער טיילן פון ווערק, וואָס זענען עס ווערט. ער שטעלט אַוועק דעם שרייבער אין דער געהעריקער ראַם און גע־פינט פאַר אים דאָס פּאַרדינטע אָרט אין דער ליטעראַטור. דאָס איז שוין מער ווי פּשט און פּירוש. און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דאָס שווערסטע אין דער קריטיק. קריטיק מיינט נישט, אַז מען דאַרף מיט אַלץ מסכים זיין, אָבער ווי אַזוי דער קריטיקער קומט צו זיינע מסקנות, — דאָס איז דאָס ווערטפולסטע אין דער קריטיק. אין דעם פּרט איז באַטאָשאַנסקיס בוך „פּשט" אַ גוטער באַלערנדיקער ביישטייער צו אונדזער קריטיק — סיי מיט זיין זאַכלעכער און סיי אין זיין זאַכלעכן מעטאָד.

ש. ניגער ע״ה

דער קריטיקער וואָס הייבט אַרויס דאָס שעפֿערישע

טייערע פֿריינט און קאָלעגן:

כ׳דאַנק אייך פֿאַר אייער דערמאָנען מיך, אַז יעקב באָטאָשאַנסקי ווערט גאָר בקרוב אַ בן־ששים.

פֿאַר אייער נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן צו דער געלעגנהייט אַ שריפֿט, ווו פֿריינט און חברים זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַגריסן דעם בעל־יובל — קומט אייך גאָר אַ באַזונדער יישר־כוח.

כ׳פֿיל, אַז באָטאָשאַנסקי האָט אַ סך פֿריינט צווישן קאָלעגן־שרייבערס, נישט נאָר צווישן זיינע טאָג־טעגלעכע לייענערס, — כאָטש ער איז אַ ליטעראַטור־קריטיקער, נישט בלויז אַ פּובליציסט, אַ פֿעליעטאָניסט, אַ דערציילער, אַ דראַמאַטיקער און נאָך און נאָך.

ער האָט אמתע פֿריינט צווישן אמתע שרייבערס, ווייל ער איז נישט פֿון דעם מין קריטיקער, וואָס האָט הנאה פֿון באַווייזן ווי שלעכט אַ שלעכט בוך איז. ער שרייבט מיט פֿרייד וועגן ווערק, וואָס זענען אַ קוואַל פֿון פֿרייד, ער ווערט באַגייסטערט פֿון די שאַפֿונגען און די שעפֿערישע מענטשן, וואָס באַגייסטערן אים. ער שרייבט וועגן אמתע שרייבערס מיט האַרץ נישט ווייל ער וויל זיי געפֿעלן, נאָר ווייל זיי געפֿעלן אים. ער לייענט זייערע ווערק מיט קאָפּ, ווייל זיי זענען ווערט מען זאָל צו זיי צולייגן קאָפּ. ער טיילט זיי אויס און דערמאָנט זיי ביי יעדער געלעגנהייט צום גוטן. דערפֿאַר רעכן איך, אַז זיי זענען אים דאַנקבאַר, און עס איז, דעריבער, גוט, וואָס איר גיט זיי אַ געלעגנהייט צו באַגריסן אים צו זיין 60סטן געבוירנטאָג.

די מער אויפֿריכטיקע צווישן זיי וואַרטן אויף אַזאַ געלעגנהייט. מעגן זיין אַפֿילו צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען פֿון צייט צו צייט חושד, אַז דער קריטיקער, האָט פּניות, אַז ער פֿירט חשבונות אָדער גאָר פּאָליטיק, — זענען זיי דאָך אין האַרצן צופֿרידן, וואָס מען פֿאַראינטערעסירט דעם עולם לעזער מיט

זייער שאַפן, וואָס מען העלפט אים עס באַנעמען און אָפּשאַצן, וואָס מען שאַפט אַרום דעם אַן אַטמאָספערע פון אינטערעס און סימפּאַטיע און, ענדלעך, וואָס מען לויבט זיי אַליין, — כאָטש נישט געַנוג, פאַרשטייט זיך.

מיר אַליין ווילט זיך גראַטולירן יעקב באַטאַשאַנסקין אי ווי אַ לעזער, אי ווי אַ שרייבער און — אַן אח לצרה.

ווי אַזעלכער וויל איך דאַנקען באַטאַשאַנסקין פאַר זיין האַלטן מיך אינפאַרמירט וועגן ווערק, וואָס איך אַליין האָב נישט באַוויזן זיי צו לייענען, — דערהויפּט וועגן ווערק פון יינגערע שרייבערס און גאָר באַזונדערס וועגן די, וואָס ווערן געשאַפן אין דרום־אַמעריקע. איך בין אַן אַנדערש מאָל מקנא מיין קאָלעגע, וואָס ער איז אַזאַ פּילזייטיקער און אַזאַ פליסיקער לעזער — און וואָס ער געדענקט אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט. זיין בקיאות אין דער יידישער ליטעראַטור איז אין לשער. אָפט דוכט מיר, אַז ער געדענקט אַפילו דאָס, וואָס ער האָט אַליין געשריבן, — און ער איז דאָך איינער פון אונדזערע פּראָדוקטיווסטע שרייבערס — שיר נישט אויף אַלע ליטעראַטור־געביטן.

זכרון איז דעם קריטיקערס אַ וויכטיקע געצייג. און באַטאַשאַנסקי ווייסט זיי און ווען צו נוצן דעם כוח הזכרון, וואָס שליסט אין זיך איין אויך די פעיקייט צו פאַרגעסן, און איז אַ סעלעקטיווער כוח.

ווי אַ קאָלעגע קריטיקער געפעלט מיר באַטאַשאַנסקי גאָר באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער ווייסט, אַז נישט געקוקט אויף דעם מיין, וואָס דאָס וואָרט קריטיק האָט אין גריכישן מקור, מיינט עס נישט משפטן, נאָר עדות־זאָגן און וואָס כאָטש אין טאָג־טעגלעכן געברויך האָט עס געקראָגן דעם טייטש פון זוכן פעלערן, איז דעם קריטיקערס אמתע עובדה זוכן מעלות, געפינען זיי, וויסן ווי זיי צו שעצן און צו לערנען אַנדערע זיי טייער האַלטן.

מיר איז אויך צום האַרצן, וואָס ער טוט זיך נישט צופיל אַריין אין אַנטפּלעקן נייע טאַלאַנטן, ווייל ער ווייסט, אַז אַ סך וויכטיקער און אינטערעסאַנטער און פרוכטבאַרער איז אַכטונג צו געבן אויפן טאַלאַנטפולן שרייבער און זען — און וויזן אַנדערע — ווי ער אַליין אַנטפּלעקט זיך אין זיינע ווערק. אָט דאָס ווי איז אָפט פאַרבאָרגן, און דער לעזער, — פריער ווי אַלץ, דער קריטיקער לעזער — דאַרף, עס ערשט אויפדעקן. באַטאַשאַנסקי פלייסט זיך צו זיין אַן אויפדעקער, נישט דווקא אַן אַנטדעקער. און ווי ווייט איך ווייס, גיט ער זיך אויך נישט אָפּ צופיל מיט „טרייבן פון טעמפּל" די מינץ־בייטערס און מינץ־פעלשערס. אויך דאָס איז ווערט געלויבט צו ווערן. דער שעפערישער קריטיקער טוט מער אויף מיט ווערן דעם עכטן שרייבערס אַ מיטאַרבעטער, ווי מיט טרייבן און יאָגן פון ליטעראַרישן גאָרטן די, וואָס מען קאָן זיי סיי ווי נישט פאַרטרייבן און פאַריאָגן.

אָבער נישט נאָר פּאַר די אייגנשאַפטן באַטאָשאַנסקיס, וואָס איך אַליין פּרווו זיי קולטיווירן, וואָלט איך וועלן זיין אויף דער שמחה, וואָס איר מאַכט לכבוד דעם יובילאַר, — איך וויל אים אָפּגעבן אַ מזל־טוב אויך פּאַר די מעלות טובות, וואָס ער אַליין נאָר פאַרמאָגט, — און דאָס איז, זאָגנדיק עס בתכלית הקיצור, דער כח זכרון, וואָס איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, די פּילזייטיקייט פון זיינע ליטעראַרישע אַקטיוויטעטן, דער אימפּעט און די לייכט־קייט פון זיין שרייבן, זיין צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט צום ייִדישן וואָרט און זיין געהערן צו דער קליינער צאָל אַרגענטינער ייִדישע שרייבער, וואָס זענען אַרויס פון די לאָקאַלע גרענעצן און האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור.

גיט אים איבער, איך בעט אייך, מיין אויפריכטיקן גרוס.

אייער ש. ניגער

ג. סאַפּאָזשניקאָוו

אונדזער ראש המדברים וראש הסופרים

יעקב באַטאָשאַנסקי איז דער אַלגעמיין־אָנערקענטער גייסטיקער וואָרט־זאָגער פון ישוב, וועלכער האָט אין פאַרלויף פון אַריבער דרייסיק יאָר מיט זיין אַלזייטיקער אינטעלעקטועלער טעטיקייט אינספּירירט און באַפרוכפּערט אַלע קולטור־ און קונסט־מאַניפעסטאַציעס פון היגן יידישן לעבן. אַרגענטינע פאַרמאָגט היינט גאַנץ באַדייטנדיקע וואָרט־מייסטערס מיט פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור; אָבער באַטאָשאַנסקי איז ביי אונדז, צו זיינע זעכציק יאָר, די אויטאָריטעטע און פּאַטריאַרכאַלע פיגור, אַרום וועלכער עס גרופּירן זיך דער גרעסטער טייל יידישע שרייבער.

ער איז דער נישט־געקרוינטער הערשער אין דער מלוכה פון אַרגענטינער יידישלאַנד, און אין הענט, אין וועלכע די השגחה האָט אָנגעטרויט אַזאַ גאָט־געבענטשטע פעדער, איז זייער פּאַסיק דער סימבאָלישער צעפּטער.

יעקב באַטאָשאַנסקי, מיט זיין גרויסן קאָפּ און נאָך גענוג געדיכטער ציי־גיינערישער טשופּרינע צו די זעכציק, מיט זיין ברייטביינינקן ברוסטקאַסטן ווי אַ לייב וואָס אָטעמט מיט גבורה, קוקט מיט אַ מילדן, ווייכן און וואַרעמען בליק אויף מענטשן. אַ באַהעמיש־אַרטיסטישע נאַטור, וואָס פלאַטערט אומרויק איבער אַלע געביטן פון דער יידישער ליטעראַטור און וואָס האָט אויסגעפּרוווט און געשאַפן אין אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען. לידער, דערציילונגען, דראַמעס, אַרטיקלען, עסייען, פּאָרטרעטן, זכרונות, ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, פעליע־טאָנען, רייזע־באַשרייבונגען... אַן אַלזייטיקער טאַלאַנט, וואָס האָט אפשר נישט דערגרייכט קיין שלימות אויף אַלע געביטן, אָבער וואָס האָט אויף אַלץ וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין פעדער אַרויפגעלייגט דעם חותם פון זיין אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט, פון זיין סאָלידן וויסן, פון זיין שאַרפזיניק־יידישן הומאָר און ליריש־קינסטלערישן חן.

יעקב באַטאָשאַנסקי דאַרף נישט קיין טעמע. צו וואָס ער רירט זיך צו ווערט אַן ענין, מאַטעריאַל פאַר שאַפונג און אינספּיראַציע, כחומר ביד היוצר אין וועלכן ער בלאָזט אַריין זיין רוח החיים. זיין „שפּיץ־פעדער” אַפילו איז

צומאָל אַן אויפטו, און זיינע פעליעטאָנען זענען אָפט — זייער אָפט — אמתע מייסטערווערק.

ייִדן מעסטן די חשיבות פון אַ ישוב מיט דער מדרגה פון זיינע גייסטיקע פירער. אַ נאָמען פון אַ צדיק פלעגט דערהייבן צו וועלט־רום אַן אומבאַוווּסט און פאַרוואָרפן שטעטל. אין דעם ליגט דער סוד פון עם הספר. יעקב באַטאַשאַנסקי איז צום גליק נישט קיין צדיק, ער איז נישט מער ווי אַ טעמפעראַמענטפולער, גייסטרייכער און שאַפערישער מענטש, וואָס ברויזט מיט טאַלאַנט, און אָפט אויך מיט שטיפערישן אימפעט פון אַ קינד געפעשטשעט פון דער נאַטור, וואָס קאָן זיין צאַרט און עלעגאַנט, גוט און שלעכט, באַשיידן און קאַפּריז, גערעכט און אומגערעכט... אַ מענטש מיט מעלות און חסרונות, ווי שאָטן־ליניעס אויפן לייוונט, וואָס מאַכן בולטער די גרונט־שטריכן פון זיין מענלעכן כאַראַקטער און פון זיין דינאַמישער נאַטור, וואָס האָט דערהויבן דאָס גייסטיקע לעבן פון ישוב און באַרייכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט באַדייטנדיקע ווערטן.

אין לעבן פון אונדזער ישוב ווירקט נישט נאָר באַטאַשאַנסקי דער שרייבער, נאָר אויך באַטאַשאַנסקי די פערזענלעכקייט. און די ווירקונג פון אַזאַ גייסטרייכער, אַלזייטיקער און דינאַמישער פערזענלעכקייט אינעם קולטור־לעבן פון לאַנד איז נישט ווייניקער ווערטפול ווי זיין בייטראַג פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

אָן באַטאַשאַנסקין וואָלט אונדזער ישוב פיל אָרעמער געווען. עס עמאַציאָנירט און באַגייסטערט זיין טעמפעראַמענטפול לעבעדיק וואָרט און עס הערן אין לייענען באַטאַשאַנסקין אַפילו די וועלכע זענען מיט אים נישט מסכים. און דעריבער איז ער מיט רעכט אונדזער ראש המדברים און ראש הסופרים.

שלמה סוסקאָוויטש

באַטאָשאַנסקיס באַגייסטערונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור

יעקב באַטאָשאַנסקי שרייבט וועגן ליטעראַטור נישט בלויז אין זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און שרייבער. וועגן וואָס ער זאָל נישט שרייבן ברענגט ער אַריין דעם ליטעראַרישן ביישפּיל. גלייך ווי די ליטעראַרישע שאַפונג וואָלט געווען דער איבערצייגנדיקסטער אַרגומענט. באַטאָשאַנסקי האָט ליב צו זאָגן, אַז קונסט איז עכטער און אמתער פונעם לעבן. דאָס לעבן איז כאַאָטיש: אַזויפיל קליינלעכקייטן עסן אויף דעם עיקר. ווען אין דער קונסט איז דאָס לעבן קאָנדענסירט. אַלץ איז דאָרט נייטיק און צילט צו עפּעס. נישטאָ דאָרט קיין צופעליקייטן. דעריבער איז קונסט נישט נאָר אינטערעסאַנטער פונעם לעבן, נאָר איז אויך עכטער און אמתער פונעם לעבן. דעריבער איז די יידישע ליטעראַטור פאַר באַטאָשאַנסקין נישט נאָר אַ שפּיגל פונעם יידישן לעבן נאָר איז דאָס עכטע און אמתע יידישע לעבן. דערפאַר איז ער אַזוי פאַרליבט אין איר און שטעקט אויך אונדז אָן מיט ליבע צו איר.

יעקב באַטאָשאַנסקי האָט ליב צו זאָגן, אַז דעם זין פון לעבן האָט קיינער נישט געפונען. ווייל קיינער ווייסט נישט ווי ער געפינט זיך. דאָך אַן אַנהאַלט אין לעבן מוז אַ מענטש האָבן. ער מוז האָבן אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. דער אַמאָליקער ייד האָט קיין אָנהאַלט אין לעבן נישט געדאַרפט זוכן. ער האָט עס געהאַט אין דער יידישער אמונה. פאַר אים איז זי געווען דער אַקס אַרום וועלכער זיין לעבן האָט זיך געדרייט. די אמונה איז געווען דער זיכערער פונדאַמענט פון זיין עקזיסטענץ. זי איז פאַר אים געווען די לופט וועלכע ער האָט געאָטעמט. דער היינטיקער ייד האָט אָט דעם פונדאַמענט פאַרלוירן.

דאָס אייציקע וואָס קען דעם היינטיקן יידן צוריק אומקערן צו זיין שורש איז די יידישע ליטעראַטור. אין דעם יידישן וואָרט קען מען נאָך געפינען גענוג פייער אויף צו דערוואַרעמען די קאַלטע און פוסטע יידישע היים, די קאַלטע און פוסטע יידישע גאַס. דעריבער קעמפט אַזוי באַטאָשאַנסקי, סיי

פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, סיי פאַר אונדזער ייִדיש לשון. ער פילט, אַז ווער עס טרייבט אַרויס ייִדיש פון אַ ייִדישער שטוב טרייבט אַרויס די ייִדישע שכינה, אַז ווער עס פאַרטרייבט די ייִדישע און העברעיִשע ליטעראַטור פון אַ ייִדישער שטוב פאַרטרייבט פון זיך דעם אייביק שעפערישן ייִדישן גייסט.

פאַרשטייט זיך, אַז באַטאַשאַנסקי איז נישט דער איינציקער וואָס קעמפט פאַר דעם. ער איז אָבער צווישן די וואָס דערמאָנען עס אָפטער און וואָס מאָנען עס שטאַרקער.

באַטאַשאַנסקי איז אָבער נישט בלויז אַ מליץ־יושר פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז אויך איר געטרייער רעפּערענט און קריטיקער. אויף דעם דינט אים זיין גיכע תפיסה, זיין שאַרפער קריטישער חוש און זיין פעיִקייט צו עקספּאָנירן קלאָר און מיט חן.

איינע פון די מעלות פון באַטאַשאַנסקיס אופן שרייבן איז זיין אַרומרעדן דעם ענין וועלכן ער באַהאַנדלט. אויבנאויפיק דאַכט זיך, אַז ער אינפאָרמירט בלויז. אין דער אמתן אָבער רעדט ער תמיד וועגן דעם איינדרוק וואָס דאָס באַהאַנדלטע ווערק האָט אויף אים געמאַכט. מיר זענען שטענדיק מער נייגעריק צו וויסן זיין מיינונג וועגן דעם ווערק ווי דעם ווערט פון דעם ווערק גופא. מען איז איבערצייגט, אַז זיין עסטעטישער חוש וועט נישט אָפּנאַרן. דערפאַר גלייבט מען אים אַזוי. ס'איז אפשר אויך דערפאַר ווייל ער ווייזט שטענדיק אַרויס אַ ריין פּערזענלעכן אינטערעס אין די העלדן און בילדער וועלכע ער באַהאַנדלט. דערפון דער ליידנשאַפטלעכער טאָן פון זיין שרייבן. ער איז קיין מאָל נישט קיין זייטיקער ביים באַהאַנדלען ווערק. ער איז שטענדיק אַ צד אין דער ליטעראַטור. די גרויסע מעלה דערפון איז וואָס ער מאַכט אויך זיינע לייענער פאַר צדדים אין דער ליטעראַטור. ער וועקט נישט נאָר זייער אינטערעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָר אויך זייער אחריות פאַר איר. ער לערנט זיי נישט נאָר פאַרשטיין ליטעראַטור, נאָר אויך טיילן איר גורל.

איבער דרייסיק יאָר האָט באַטאַשאַנסקי באַגייסטערט דעם ייִדישן לייענער אין אַרגענטינע מיט די ייִדישע גייסטיקע שעפער און ייִדישע גייסטיקע שאַפונגען. נישט אַלע האָבן געוווּסט וואָס אַזוינס ליטעראַטור מיינט.

פרעגן היינט די סקעפּטיקער: וואָס איז געוואָרן פון דער גרויסער ליבע צום ייִדישן וואָרט וואָס באַטאַשאַנסקי האָט אויפגעוועקט אין ייִדישע הערצער? אַוודאי איז דער ענטפער נישט אין גאַנצן פריילעך. באַטאַשאַנסקי מעג אָבער שטאָלץ זיין אויף דעם וואָס ער האָט געטון און אויף דעם וואָס ער האָט דערגרייכט.

שלמה סיימאָן

דער קריטיקער וואָס זעט נישט בלויז די שפּיצן נאָר אויך דעם הינטערגרונט

איך קען פּערזענלעך יעקב באַטאַשאַנסקין קרוב פינף און דרייסיק יאָר. איך האָב אים באַגעגנט אין בראַנזוויל ווען ער האָט פאַרבראַכט מיט אונדז, אַ גרופּע יידישע קנאַפּ־באַוווסטע שרייבער. איך האָב דעמאָלט געשריבן אין „טאָג" דערציילונגען אונטערן פּסעוודאָנים „שלמה". איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט פון אים דעם איצטיקן איינדרוק. אַט איז אַ מענטש, וואָס האָט אַ טיפן גלויבן אין דער יידישער קולטור, איבערהויפּט אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דאַרף איבערבויען דעם אַלטן יידישן לעבן און דאַרף ווערן דער „במקום" פון דער יידישער רעליגיע און לעבנס־שטייגער.

אַ ניי בוך לידער, אַ נייע נאָוועלע, אַ ניי בוך עסייען, ניין יעדע סקיצע און אַרטיקל, איז ביי באַטאַשאַנסקין אַ גרויסע געשעעניש אין יידישן לעבן. אַ ציגל פאַר אַ וואַנט, אַ גאַנט פאַרן דאַך, אַ טשוועקל אויף אויפהענגען אַ בילד, אַ ד'יקער מאַסאָוועער זייל, אַלץ וועט צונוץ קומען אין אויפשטעלן דעם בנין יידיש.

ביי יעקב באַטאַשאַנסקין איז געבליבן דער ענטוזיאַזם און פרישקייט פון די ערשטע יידישע שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור. מען דאַרף לייענען דעם ערשטן באַנד פון אברהם רייזינס דערינערונגען כדי צו דערפילן די פרייד, דעם ציטער, ס'געפיל פון גרויס אויפטו, וואָס יעדער יידיש שרייבער האָט גע־האַט, ווען ער האָט אָנגעשריבן אַ נייע סקיצע, אַ ניי ליד, אַ ד'ערציילונג, אָדער אַפילו ווען ער האָט געמאַכט אַן איבערזעצונג. דאָס געפיל איז געקומען צו זיי נישט אינגאַנצן פון נאַיוויטעט, נאָר פון זייער טיפן גלויבן, אַז זיי בויען איבער דאָס יידישע לעבן. זיי האָבן געהאַט די גרויסע אמונה אַז זיי ברענגען אַריין עפּעס נייעס אין יידישן וועלט־באַנעם.

דאָס דאָזיקע געפיל און די אמונה זענען געבליבן ביי יעקב באַטאַשאַנסקין ביז היינטיקן טאָג. דאָס איז דער מקור פון זיין ענטוזיאַזם, אימפּעט און אַר־בעטסזאַמקייט. דאָס איז די סיבה, וואָס ער איז אַזוי טיף ערלעך אין זיינע אָפּ־

שאַצונגען פון „גרויסע" ביכער און „קליינע" ווערק. דאָס איז די אורזאַך, וואָס ער זעט נישט נאָר די שפּיצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַ סך פון אונדזערע קריטיקער, נאָר אויך די אונטערשטע שיכטן, די ברייטע באַזע — פון דער פּריזבע ביזן דאַך.

זיין שרייבן איז ביי אים נישט וואַכעדיק געוואָרן. ער האָט די געניטקייט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן שרייבער און דעם ענטוזיאַזם און ערלעכקייט פון אַן אַמאַטאָר — אַ זעלטענע קאָמבינאַציע ביי אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע שומרים פון אונדזער פּרעסע. אָט איז אַ קליינער כאַראַקטעריסטישער אינצידענט.

עס איז געווען מיט אַ פופצן יאָר צוריק. יעקב באַטאָשאַנסקי איז געקו־מען צו אונדז אויף אַ „פּלוידיקן" באַזוך. פאַר זיין אָפּפאָרן האָט דער פּען־קלוב אַראַנזשירט אַ מסיבה פאַר אים. עס זענען געקומען אַ דרייסיק ייִדישע שריי־בער — דאָס זעמל־מעל פון אונדזער ניו־יאָרק. אַ סך האָבן גערעדט און כאַ־ראַקטעריזירט די וואַריאירטע טעטיקייט פון גאַסט, שיינע רייד און גוטע רעדעס, אָבער אַמבעסטן געדענק איך די שלוס־רעדע פון יעקב באַטאָשאַנסקין. דאָס זענען געווען געציילטע ווערטער, אָבער נאָך איצט פיל איך דעם עמאָציאָנעלן דרוק פון יענע רייד:

— „איך זאָג אייך, אַז ווען איך האָב דערזען אין זאַל די קאָריפייען פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זענען געקומען אַהער היינט מיר אָפּגעבן כבוד, האָבן מיינע הייסע בעסאַראַבער בלוטן אויפגעקאָכט און מיין האַרץ האָט אָנגע־הויבן קלאַפּן פון פרייד און שטאָלץ. כ'האָב געזאָגט צו זיך: זעסט, יאַנקל, ווער עס איז דאָ? נו, דו פאַרנעמסט שוין טאָקע אַ בכבודיקן אָרט אין דעם היכל פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַנישט וואָלטן זיי דאָך נישט געקומען. און ביי מיר, חשובע קאָלעגן, איז די ייִדישע ליטעראַטור דער אָטעם פון ייִדישן פאָלק, דער נס פון ייִדישן לעבן. די ייִדישע ליטעראַטור איז ביי מיר אַ באַוויז, אַז דער אַלטער בוים קען געבן נייע פּרוכט, פּרוכט וואָס דערפרישט גאָט און מענטש. און איך, יאַנקל, לויט אייערע רייד, בין איינער, וואָס העלפט דאָס וואַקסן פון בוים, גיב אַכטונג אויף די צווייגן, בלעטער און פּרוכט. זאָג איך אייך איצט, אין מיין גרויסער פרייד, אַז אייערע לויב־געזאַנגען וועלן נישט זיין קיין אומ־זיסטע. ביז איצט האָב איך זיי נאָך נישט אינגאַנצן פאַרדינט. אָבער איך וועל זיי פאַרדינען. ביי מיר זענען עס אונטערגעשריבענע וועקסלען, וואָס איך וועל סילוקן, אָדער „גוט־מאַכן" ווי מען זאָגט דאָ ביי אייך אין די שטאַטן".

ער האָט געהאַלטן וואָרט. וואָס פאַר אַ לויב־געזאַנגען מיר זאָלן איצט נישט זאָגן צו יעקב באַטאָשאַנסקין דעם פּובליציסט, נאָוועליסט, רעצענזענט, קריטיקער, ביאָגראַף, רעדאַקטאָר, כלל־טוער, קולטור־טוער און הייסער ייִד — וועלן עס נישט זיין קיין פּוסטע שבחים.

וועגן יובילאַר

איך ווינטש איך, מיין טייערער חבר ר׳ יעקב, אַריכת ימים ושנים, געזונט און אַ שעפערישע עלטער. צו אייער זיבעציק יאָריקן געבוירנטאָג, איין צען יאָר אַרום, זאָג איך צו אַ לאַנגע גרינטלעכע אַרבעט וועגן איך, צי די רעדאַקטאָרן וועלן געבן פּלאַץ צו נישט.

יעקב פּאַט

לחיים, ר׳ יעקב, ביז 120 יאָר!

„יעדער יונגערמאַנטשיק איז היינט אַלט 50 יאָר״ — האָט אַמאָל געזאָגט מיינער אַ גוטער פריינט, דער געוועזענער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע פאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, ד״ר משה זילבערפאַרב, ווען מען האָט געפייערט זיין 60־יאָריקן יובילײ אין וואַרשע. היינט זאָגט מען דאָ, ביי אונדז אין אַמעריקע, אַביסל אַנדערש: יעדער בעל־יובל איז היינט לכל הפחות 70 יאָר. ווי באַקאַנט, האָבן מיר שוין 80־יאָריקע בעלי־יובל און אויך 90־יאָריקע, — ביז 120 יאָר.

לויט זיין שעפערישער ענערגיע, לויט זיין שפּרודלדיקייט, האָט יעקב באָטאָשאַנסקי געדאַרפט אַלט זיין ווייט פון 50 יאָר. פּראַוועט מען שוין אָבער זיין 60־יאָריקן יובילײ. עס איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן און אַ כבוד צו זיין אַ שטיקל מחותן, אַפילו פון דער ווייטנס, אויף דער באָטאָשאַנסקי־שמחה.

איך האָב געקענט יעקב באָטאָשאַנסקין נאָך איידער איך האָב אים געקענט פערזענלעך. איך האָב מיט אַ גרויסן אינטערעס און פאַרגעניגן געלייענט אַלץ, וואָס איז דערשינען אין ביכער פון זיין פעדער און זייער, זייער פיל פון זיינע אַרטיקלען אין דער פּרעסע, אין אונדזערע זשורנאַלן. קודם־כל, האָב איך אַ גרויסן דרך־ארץ פאַר זיין קינסטלערישן טאַלאַנט. ערגעץ־ווו האָט ער געשריבן, אַז זיין חלום איז געווען צו ווערן אַ בעלעטריסט. אויף דערווייל איז ער געוואָרן אַ זשורנאַליסט. דער יסוד פון זיין אַרבעט איז געווען טעאַטער־קריטיק, אַגב אורחא איז ער אָבער געוואָרן אַ ליטעראַטור־קריטיקער. מיט דעם האָט ער נאָך ווייט נישט אויסגערעכנט אַלע זיינע ליטעראַרישע פאַכן און געביטן. ער האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן, זיינע רייזע־באַשרייבונגען, בילדער און עסייען, זיינע הומאָריסטישע פעליעטאָנען, און דערצו נאָך זיין שעפערישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויפן געביט פון דער יידישער קולטור, פון יידישן בוך.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז נישט קיין מושלם, וואָס קען אַלץ צו ביסלעך. ביין, ער קען אַ סך זאַכן, אָבער ער קען זיי גרינטלעך. ער קען וועגן פאַרשיידנס

שרייבן, אָבער — פולקאָם. זיין סטיל, זיין אינהאַלט, זיין נוסח איז שטענדיק אָריגינעל, געשליפן, טרעפט אין פינטל.

עס ליגט מיר גוט אין טעם יעקב באָטאָשאַנסקיס בוך עסייען וועגן זיין רייזע אין ארץ־ישראל. איך האָב דאָס בוך נישט נאָר געלייענט, נאָר פשוט גע־לערנט ערב מיין רייזע קיין מדינת ישראל.

עס זענען דאָ ענינים, פאַר וועלכע יעקב באָטאָשאַנסקי שטייט שטאָל און אייזן, פאַר וועלכע ער איז אַ קעמפער, און דאָס זענען ענינים, וואָס זענען אויך מיר נאָענט צום האַרצן — יידישע קולטור, יידישער לשון, יידיש לעבן בכל תפוצות ישראל, בכל אתר ואתר.

איך האָב אַ טיפן געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו יעקב באָטאָשאַנסקין פאַר זיין חברשאַפט און ברודערשאַפט בעת איך בין געווען אין אַרגענטינע אין שליחות פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. צו דער געלעגנהייט פון זיין 60־יאָריקן יובילײ וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק צו אים פאַר יענער מיט־אַרבעטערשאַפט און פירערשאַפט אין די וואָכן פון מיין שליחות.

עס איז גוט אין אַ חברשער יום־טובדיקער מסיבה צו מאַכן קידוש מיט יעקב באָטאָשאַנסקין. טו איך עס פון דער ווייטנס. לחיים, באָטאָשאַנסקי! ביז 120 יאָר — אַזוי פריש, אַזוי שפּרודלדיק, אַזוי שעפעריש, ווי צו אייער 60־יאָריקן יובילײ!

מלך ראַוויטש

באַטאָשאַנסקי

און אָט איז שוין יעקב באַטאָשאַנסקי אַ זעכציקער. 1895־1955. דער חשבון שטימט. אין אַ שטעטל אין בעסאַראַביע האָט זיך עס אָנגעהויבן — אָט דאָס ברויזנדיקע לעבן און עס האָט געברויזט איבער אָדעס און בערלין און ווין און ביִענאָס־איירעס און וואַרשע און מדינת ישראל פאַר און אין סאַמע בראשית און אין ניו־יאָרק און ווידער בוענאָס־איירעס און כסדר ווידער בוענאָס־איי־רעס. ווייל מיט אָט דער ברויזנדיקער יידישער שטאָט איז דאָס לעבן און דאָס שרייבן פון יעקב באַטאָשאַנסקין פאַרבונדן. נישט גלאַט אַזוי פאַרבונדן — נאָר גורלדיק געבונדן. ער איז אַ שטיק געשיכטע פון אָט דעם ישוב. שיר נישט אַ העלפט פון זיינע יאָרן האָט ער אין אַרגענטינע אָפּגעלעבט און דאָס איז דאָך אויך כמעט אַ העלפט פון די יאָרן פון דעם עלטער פון דעם ישוב — פון יידישן שטאַנדפּונקט — בכלל.

און די צייט האָט זיך אין איינציקע טבע. מעג עס זיין אַ שטיל לעבן אָדער אַ ברויזנדיק לעבן, ווי דאָס לעבן יעקב באַטאָשאַנסקיס, מעג עס זיין אין אַ שטעטל אין בעסאַראַביע, אָדער אין אַזאַ דינאַמישער שטאָט, ווי עס איז בוע־נאָס־איירעס — זי, די צייט, גייט. און עס אַרט זי אַפילו נישט, וואָס מען האָט איר — דורך דעם מויל פון אַזאַ גאון ווי אַלבערט איינשטיין — אָנגעזאָגט, אַז זי איז נישט מער ווי אַ רעלאַטיווער באַגריף, אַ פּערטע דימענזיע — זי טוט זיך אירס, זי גייט. מוז מען זיך אָפּשטעלן — נאָך די זעקס וואָכעדיקע צענד־ליק — און זאָגן דעם חבר, וואָס האָט שווער און ערלעך אָפּגעהאָרעוועט אויפן יידישן פעלד פול מיט שטיינער און גרודעס פולע זעקס צענדליק — אַ גוט שבת צום זיבעטן צענדליק. און שווער האָט באַטאָשאַנסקי געהאָרעוועט. אַן עדות איז קודם־כל אַ פאַליצע מיט ביכער. דערציילונגען און ראָמאַנען און דראַמעס און זכרונות און קריטישע אָפּהאַנדלונגען און פאָרטרעטן פון שריי־בער און אַ פּאָפּולערע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און אומצאָליקע אַרטיקלען, אַזוי צאָלרייך ווי די זיתים־פּרוכט אויף אַן אַלטן זיתים־בוים אין גליל העליון... איך האָב מיט אַ כוונה געבראַכט דעם דאָזיקן ישראלדיקן פאַר־

גלייך, ווייל עס איז יום־טוב־שטימונג און באָטאָשאַנסקי האָט ליב, אַז מען דער־מאָנט ארץ־ישראל. דאָס אַלץ איז אין דער פּאַליצע פון ביכער און כתבים בכלל. אָבער נאָך אַ העלפט פון דער פּערזענלעכקייט באָטאָשאַנסקי וועט מען דאַרפן זוכן אין דער לופט, ווו זיינע טויזנטער און אָבער — טויזנטער רעדעס זענען אַריין פּיזיש און אין די הערצער פון זיינע אומצאָליקע צוהערער־פּאַרע־רער, ווו זיי זענען אַריין גייסטיק.

באָטאָשאַנסקי האָט דערצויגן אַ דור יידן אין אַרגענטינע.

אַלע זיינע זשורנאַליסטישע יאָרן אין דער טאָג־צייטונג „די פּרעסע". דאָס איז זיין זשורנאַליסטישע פעסטונג. ער האָט זיך אָבער אויך באַטייליקט אין צענדליקער צייטונגען און זשורנאַלן איבער גאָר דער וועלט.

באָטאָשאַנסקיס גרויסע גייסטיקע תאווה איז מסביר צו זיין ענינים פאַר זיינע לייענערס. אָבער נישט סתם מסביר צו זיין — נאָר מסביר צו זיין דאָס, וואָס דער עולם דאַרף פאַרשטיין און נישט דאָס, וואָס ער וויל פאַרשטיין. אַזוי האָט פּרץ באַצייכנט די שליחות פון אַ שרייבער. און באָטאָשאַנסקי האַלט זיך מיט חסידישן ברען אָן אונדזער אַלעמענס טויטן רבין... און אַז מען וויל מסביר זיין ענינים, וואָס דער עולם דאַרף וויסן, מוז מען בדיעבד מסביר זיין דאָס, וואָס מען מיינט, אַז עס איז רעכט אויפצוקלערן. און דאָ הייבט מען שוין אָן צו „אימפּאָנירן" מיינונגען. (מיר נוצן דאָ ווידער אַ וואָרט, ווי מען נוצט עס אין אַרגענטינע, טאָקע אין כבוד פון דעם אַרגענטיניש־יידישן בעל־יובל... אין אַר־גענטינע הייסט עס אָן ערך: דורכזעצן עפּעס). און מיר וואָלטן געוועזן נישט ער־לעך צו זיך, אויב מיר וואָלטן געזאָגט, אַז מיר זענען אַלעמאָל איינשטימיק מיט דעם בעל־יובל. אָפט זענען מיר עס נישט, אָבער מיר זענען אַלעמאָל איבער־צייגט, אַז באָטאָשאַנסקי טוט זאַכן אין וועלכע ער גלייבט. און דאָס גלייבן באַ־רעכטיקט.

אָן אַנדערן בעל־יובל וואָלטן מיר אין דער שעה פון יובל נישט געזאָגט אַז מיר זענען אָפט מיט אים נישט מסכים. אין באָטאָשאַנסקיס פאַל מעג מען עס זאָגן. ער איז אַ קעמפער, ער איז אָפטמאָל אַפילו אַ שאַרפער קעמפער. ער איז אָבער אויך דאָס, וואָס מען רופט אין אַמעריקע „אַ ספּאָרט". ער קען וואַרפן אַ פייל און קריגן אַ פייל. אַמאָל האָט ער אַפילו געוואָרפן פיילן מיט ווידערהע־קעלעך. זענען געבליבן אַ שפּאָר ביסל קעגנער. היינט זענען באָטאָשאַנסקיס פיילן אָן ווידערהעקעלעך, לאָזן זיך לייכט אַרויסציִען פון דער וווּנד און מען קען זיך גרינג דערלאַנגען די הענט. אָבער דאָס איז נאָר ווען מען איז צווישן יידן, נישט אַסימילירטע יידן ,יידן מיט ליבשאַפט צו קולטור ביי יידן בכלל און קולטור אין יידיש בפרט. כאָטש אַליין אַ תלמיד־חכם און אַ גוטער קענער

פון העברעיִש — איז באָטאָשאַנסקי איינער פון די סאַמע ערשטפּראַנטיקע רי־טערס פון דעם וועלט־אָרדן חובבי שפת יידיש.

דער היקף פון באָטאָשאַנסקיס טעמאַטיק נעמט ממש אַלץ אַרום, חוץ אפשר הויכער מאַטעמאַטיק. איז טאַקע שווער אים צו כאַראַקטעריזירן — דערצו אין אַזאַ קורצינקן עסייעלע — ווערליק אָט דעם געבענטשטן קוואַנטום. געבענטשטער קוואַליטעט.

זיין סטיל איז דאָס רייכע לשון זיינס. פאָלקסטימלעך און לומדיש אין דער זעלבער צייט. אַ פליסנדיק און אַ שטראָמיק לשון. און — אין אַזאַ שפע — אָפטמאָל נישט איבערקלייבעריש. עס קען דאָך שיר אַנדערש נישט זיין. באָטאָ־שאַנסקי שרייבט אויף דער הייסער מינוט. אָפטמאָל איז איין העלפט פון זיינעם אַן עסיי שוין אויסגעזעצט און קאָריגירט און דרוקט זיך שוין מיט די ערשטע פּאָר זייטן פון דער צייטונג — בשעת ער שרייבט נאָך די צווייטע העלפט פאַר די צווייטע עטלעכע זייטן פון צייטונג.

און אָט אַזוי וואַרטן איצט אויף אים די צווייטע זעכציק יאָרן פון זיין לעבן — ער זאָל זיי אָנפילן מיט געבענטשטן יידישן אַרבעטזאַמען אינהאַלט.

משה שטאַרקמאַן

כה לחי

די יידישע ליטעראַטור איז געגליכן צו אַ ים אין וועלכן עס פאַלן אַריין שטראָמען, וואָס ציִען צו אים פון אַלע טיילן וועלט, ווו עס וווינען יידיש־רעדנ־דיקע יידן. אַלע שטראָמען ציִען צום ים, און דער ים ווערט נישט פול. אָבער טיף זענען די אָפּגרונטן פון דעם דאָזיקן ים און שטורעמדיק זענען זיינע כוואַ־ליעס. עס זענען פאַראַן ווייניק מייסטער־שווימערס און מייסטער־טויכערס, וואָס קענען „לייגן קלאַפּטער" אין יידיש־ים און נידערן צו זיינע תהומען. צו די דאָזיקע ווייניקע שווימערס־טויכערס געהערט יעקב באָטאָשאַנסקי, וואָס זיין נאָמען איז געוואָרן אַ סימבאָל פון דעם אַרגענטינער שטראָם, וועלכער יאָגט מיט אימפעט צום יידישן ליטעראַטור־ים.

די יידיש־שאַפונג, סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין דער זשורנאַליסטיק, איז אַזוי רייך אין געביטן, אַז אירע שרייבערישע כוחות זענען צעטיילט אין ספּעציאַליטעטן. עס איז זעלטן צו געפינען אַ שרייבער, וואָס זאָל אַרויס פון די גרענעצן פון צוויי, העכסטנס דריי געביטן. יעקב באָטאָשאַנסקי געהערט צו די ווייניקע „מושלמים" אין יידיש־לאַנד. ער איז אַ דראַמאַטורג און טעאַטער־קריטיקער, אַ ראָמאַניסט און אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אַ קולטור־היסטאָרי־קער און מעמואַריסט, אַ רייזנדער און פּעליעטאָניסט, אַ רעפּאָרטאַזשן־שרייבער און פּובליציסט. און טאָמער זאָל אַן אויסגאַבע זיך בייטיקן אין מאַטעריאַל אויף אַנדערע, אַ חוץ די אויסגערעכנטע געביטן, וועט די פּרוכפּערדיקע באָטאָשאַנ־סקי־פּען שנעל דערפילן אַלע רעדאַקציע־גלוסטעניש.

ווען מען זאָל מיך פרעגן אויף וועלכן שרייבערישן געביט באָטאָשאַנסקי צייכנט זיך אויס צום שטאַרקסטן, וואָלט איך נישט געקענט געבן קיין באַ־שטימטן ענטפער, ווייל אויף יעדן געביט האָט ער געמאַכט אַ ווערטפולן ביי־טראָג, וואָס איז אַ סינטעז פון פאַכמאַנשאַפט און יצירה. צוויי מאָל אין מיין לעבן האָב איך באָטאָשאַנסקין שטאַרק מקנא געווען. דאָס ערשטע מאָל, — ווען איך האָב באַקומען די דריי בענד פון זיין ריזיק מעמואַרן־ווערק „די לעבנסגעשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט"; דאָס צווייטע מאָל, — ווען איך

האָב דערהאַלטן די צוויי בענד „בראשית פון מדינת ישראל”. איך האָב מקנא געווען באַטאַשאַנסקין פאַר זיין מעמואַרן־ווערק, ווייל עס איז נישט בלויז אַ ליטעראַרישע דערגרייכונג פאַר זיך גופא, נאָר אויך אַ גרויסער ביטראָג ווי אַ מקור צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, זשורנאַליסטיק און קולטור־באַוועגונג אין דער נייער צייט. איך האָב אים מקנא געווען פאַר זיין רייזע־ווערק וועגן מדינת ישראל, ווייל פון אַלע יידישע שרייבערס, וואָס האָבן ווען עס איז געחלומט דעם חלום פון דער באַנייטער יידישער זעלבסטשטענ־דיקייט אין היסטאָרישן היימלאַנד, איז ער געווען פון די ווינציקע, וואָס האָבן זוכה געווען בייצוזיין, ווען דער דאָזיקער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט.

עס איז פאַראַן אַ פאָרש־געביט, וואָס איז מיר זייער נאָענט, — ביבליאָ־גראַפיע, דאָס אויפזאַמלען מאַטעריאַל וועגן יידישע שרייבערס. כמעט אַלע מאָל, ווען איך האַלט פאַר זיך אַ ביבליאָגראַפישע רשימה, — און אַזאַ רשימה איז תמיד אויסגעשטעלט לויטן אלף־בית פון די משפחה־נעמען פון די קריטי־קער, וואָס האָבן געשריבן וועגן דעם באַטרעפנדיקן מחבר, — געפינט מען באַלד אין אָנהייב פון דער ביבליאָגראַפיע דעם נאָמען יעקב באַטאַשאַנסקי. יע־דער בוך, יעדער זשורנאַל, וואָס פאַלט אַריין אין זיינע הענט אָדער ווערט אַוועקגעלייגט אויף זיין שרייבטיש, ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ טעמע פאַר אַ רעצענזיע אָדער פאַר אַן עסיי. ווען באַטאַשאַנסקי זאָל אַרויסגעבן צווישן טאָוולען אַלע רעצענזיעס און געלעגנהייטס־אַרטיקלען, וואָס ער האָט ביז איצט געשריבן וועגן שרייבערס און זייערע ווערק, וואָלטן די דאָזיקע בענד מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַרלעסלעכן וועגווייזער צו דער מאָדערנער שאַפונג אויף מאַמע־לשון.

צווישן די יידיש־שרייבערס געהערט באַטאַשאַנסקי צום זעלטענעם מין. ער איז אַ בעל־אשכלות, אי ווי אַ פילזייטיקער שריפטשטעלער, אי ווי אַ בקי אין דער יידישער קולטור־שאַפונג. זאָל די צווייטע העלפט פון זיינע 120 יאָר לעבן זיין אַזוי רייך און פראָדוקטיוו ווי עס איז געווען די ערשטע העלפט.

איך הייב אויף מיין קליינעם כוס און טרינק אַ טאָסט צום חתן היובל:
— כה לחי!

מרדכי שטריגלער

דער מאַן אויפֿן וואַד־טורעם

עס איז מיר, ליידער, נישט אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט באַטאַשאַנסקין פון דער נאָענט און מיט אים כאַפּן אַ לאַנגן שמועס כמו שכתוב. אונדזער — אַזוי דוכט זיך — איינציקע באַגעגעניש איז פאַרגעקומען ערגעץ־ווו ביי אַ טיש, בציבור, צווישן אַ גאַנצן כאָר פון קולות.

און ס'איז שוין ביי מיר אַ קיימא־לן — די פּראַקטיק פון די לעצטע יאָרן האָט אים ביי מיר נאָך מער פאַרשטאַרקט — אַז אַ שרייבער דערקענט מען נאָך נישט כדבעי מיט זיין בלויזן וואָרט שבכתב; מען דאַרף זיך נאָך דערצו איינהערן אין זיין קול, איינקוקן זיך אין זיין מראה, אין זיין אויג — שפּירן בחוש „מהיכן ירק זה חי"...

דעם לעצטן זאַץ באַנוץ איך נישט סתם לתפארת המליצה. פאַראַן שרייבער, וואָס אין זייער וואָרט — יאָ מסכים אָדער נישט — שפּירט זיך אַלעמאָל די פרישקייט פון גרינס, די צאַפּלדיקייט פון לעבן און איבערלעבן. דאַרף איך דאָ אפשר גאָרנישט מאריך בדברים זיין, אַז יעקב באַטאַשאַנסקי געהערט צו זיי בכל רמ"ח אבריו. חלומט זיך מיר אַלץ, אַז ביי אַ נענטערן קאָנטאַקט קען מען מער אַרויסשפּירן: פון וואַנעט אַזויפיל לעבן, אַזויפיל ליידנשאַפט, אַזויפיל אינטערעס צו אַלץ און צו אַלעמען?

איך מוז מודה זיין, אַז דער אינטערעס אין דער מסכת באַטאַשאַנסקי איז ביי מיר כמעט אַן „עגאָיסטישער": כ'מיין, אַז מיר ביידע געהערן צו איין משפחה — יענע פּראָבלעמאַטישע משפחה אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איבער וועלכער אַזויפיל קרומען מיט דער נאָז: נו, די וואָס שרייבן אַ סך... שטילערהייט וואַרפט מען „אונדז" פאָר — בעיקר אַזעלכע, וואָס טראָגן אויס לאַנגע חדשים אַ וואָרט — אַז מיר טרייסלען פון אַרבל און מיר ווייסן אַפילו נישט דעם „צער גידול בנים" ווי עס באַדאַרף צו זיין...

איך האָב זיך אַליין איינגעשריבן אין דער משפחה און ווייס נישט, ווער עס וויל צו איר אַלץ געהערן... אָבער פאַר זיך אַליין האָב איך זיך אָפּגעקליבן די „מיטגלידער" און פרוּוו זיי נאָכבאַגלייטן ווי ווייט עס איז מיר מעגלעך.

און אויב זיך מודה זיין — זאָל שוין זיין מיט דער גאַנצער פּאַרע: ווען איך לייען עפּעס פון אונדזער רעקאָרד־שלאָגער „גיב אַלעס" און — האָב הנאה — איז די הנאה אַ טאָפּלטע: די גייסטיקע און די פּערזענלעכע. אין אַ סך פּרטים איז יעקב באָטאָשאַנסקי „אונדזער" אַדוואָקאַט און „רעהאַביליטי־רער" — — —

⁂

דוכט זיך מיר, אַז עס איז נישטאָ קיין איין ליטעראַרישער געביט, אויף וועלכן אונדזער בעל היובל האָט נישט „געצויגן די שרייבערישע פעדער" און נישט, דוכט זיך, קיין טעמע אויף וועלכער באָטאָשאַנסקי זאָל נישט זיין קיין בעלן.

פאַראַן שרייבער, וואָס מאַכן זייער וואָרט פאַר די נשמה יתירה; אַנדערע ווידער מאַכן עס פאַר זייער זעלטענעם און פּייערלעכן גאַסט. באָטאָשאַנסקי גע־הערט צו די געציילטע, וואָס האָט געמאַכט זיין וואָרט פאַרן אָטעם, אַן וועלכן מען קען קיין רגע נישט אויסקומען. אויף וויפל אַ מענטש פון דער ווייטנס קען זיך איינהערן אינעם קול פון אותיות ווייזט זיך מיר אויס כסדר, אַז באָ־טאָשאַנסקי איז דער גרויסער און ראָמאַנטישער ליבהאָבער פון יידישן אות, פון דער יידישער טעמאַטיק. נישטאָ ביי אים קיין איין שרייבער, וואָס זאָל נישט ראוי זיין צו קיין אָרט אין זיין מוח — ווייל אויב נישט קיין לייבלעך קינד, איז ער אַ נאָענטער אָדער ווייטער קרוב צו זיין האַרץ־פּרינצעסין: די יידישע קולטור...

עס ווערט אָפּטמאָל וואַרעם אויפן האַרץ צו זען, ווי אַזוי באָטאָשאַנסקי פאַרגעסט נישט קיינעם; נישט דעם גרויסן גענעראַל פון יידישן וואָרט און נישט דעם גרויען סאָלדאַט פון אַ יידישן פּרעסע־ווינקל. מען האָט נאָך אפשר ביז איצט נישט אָפּגעשאַצט וויפל התחזקות פאַרן יידישן וואָרט אַזאַ אייגנאַר־טיק געדענקען ברענגט מיט זיך.

באָטאָשאַנסקי זעט, נישט בלויז, נאָר לעבט מיט יידישע ענינים; מיט יידי־שע ווערטער, מיט יידישע געפילן, פריידן און צערן, לויבן און תרעומותן. ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ טורעם, נישט בכדי אַריבערהייבן זיך איבער אַלע־מען — נאָר בכדי, ווי אַ מאַן אויפן וואַך־טורעם, אַלץ און אַלעמען צו זען און צו באַמערקן.

בין איך זיכער, אַז מיט טענות קעגן אים איז ער פאַרזאָרגט עד מאה ועשרים — און אַזאַ „צופה לבית ישראל" האָט זיכער נישט איינע פון זיי ער־לעך פאַרדינט. איך בין אים אָבער אויפריכטיק מקנא מיט יענע מצוות —

פערזענלעכע און נאַציאָנאַלע — וואָס ער האָט דערביי זיך איינגעקויפט אין זיי־
נע 60 יאָר אָטעמען מיט יִידישן אָטעם. כמה באָטאָשאַנסקיס איכא בשוקא?

***

יאָ, פון וואַנעט אַזאַ כוח? פון וואַנעט אַזאַ גבורה צו עסן און צו שלאָפן,
צו גיין און צו שטיין מיט יִידישער יצירה? דאָס שרייבן מיט באָטאָשאַנסקישן
אימפּעט — איז ווייט נישט בלויז מלאכה; נישט בלויז אַ מין קענען שרייבן אַ
סך. ס'איז אויך חשק, תאווה צום וואָרט און הנאה פון אות; ס'איז אויך ברען
און טיפע יערונג; ס'איז אויך אַ טראַכטן דערפון בשכבך ובקומך... אַזאַ „אַרבל"
וואַקסט גלייך און אוממיטלבאַר פון אַ האַרץ, רבותי... פון אַ פול האַרץ! דאָס
מוז שטראָמען פון אַ קוואַל... דאָס מוז פריִער באַגוועלטיקן אַלע אינערלעכ־
קייטן, טרייבן אָן אויפהער. דאָס איז גורל און פרייוויליקער מוז!

... איך וואָלט גרייט געווען עדות צו זאָגן מיט פאַרמאַכטע אויגן: ערגעץ־
ווו, בחדרי חדרים, דרייט זיך באָטאָשאַנסקי אַרום (אַפילו אין זיינע ברוגזע
שעהן) ווי אַ גרויסער נגיד און באַטראַכט דאָס יִידישע באַלעבאַטישקייט מיט
גרויס הנאה: פּאָעזיע — מיין! פּראָזע — מיין! — עסייאיסטיק — מיין! זשור־
נאַליזם — מיין! יִידישע שולן — מיין! העברעיִשע — מיין! מדינת ישראל —
מיין! „בונד" — מיין! און וואָס נישט? אַפילו די, קעגן וועלכע ער בייזערט זיך
— בייזערט ער זיך נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען זיינע; שלעכטע קינדער פון
אייגענעם הויז. ביי אַלעמען האָט ער מקבל קנין געווען — ווייל יעדער וואָס
באַטרעט דעם יִידישן שטח, באַטרעט די טעריטאָריע פון זיין לעבן. מישט ער
זיך דאָרט ווי אַן אייגענער, כּאָדם העושה בתוך שלו. וואָס דאַרף ער קוקן
אויפן קינסטלעכן שילדל, וואָס איז דאָ און דאָרט אַרויסגעהאָנגען? מי ידמה לו?

און אויך פאַר זיין אָפטן אָפּטימיזם האָב איך אַ לייטישן תירוץ: אַז מען
איז אַ מאַן אויפן וואָך־טורעם זעט מען אַ סך, זעט מען אַ פאַרמעגן, אַן עשי־
רות... דוכט זיך, אָרעם — האַ? אָבער כאַפּט ער אַ בליק אָט־אָ־דאָ, אָט־אָ־דאָ!
און ער באַווייזט אַלעמאָל בכתב אַן אַנדער גאָלדענע מטבע!

באָטאָשאַנסקי, דער קולטור־יִיד, איז זייער אָפט אַ שמח בחלקו ווייל ער
זעט „זיין" עשירות — און נישט פאַרקערט...

און עס איז פריילעכער מיט אים, האַרציקער.

אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן נאָך!

ווי איך זע זיך

(שטאָט אַ הקדמה)

איצטער־אָ, יאָר ה׳תשכ״ב — 1962, ווען עס ווערט 50 יאָר זייט איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע טריט אויפן געביט פון שרייבן אויף דריי שפּראַכן מיטאַמאָל — לויטן סדר: העברעיִש, רוסיש און ייִדיש — פיל איך, אַז איך דאַרף צוגעבן אַ הקדמה צו דעם בוך, וואָס אַרגענטינער ייִדן און שיר נישט דער אַרגענטינער ישוב בכלל גיט אַרויס פון מיר און פאַר מיר.

אַ הקדמה אַ ברכה... קודם־כל אַ ברכה צום נותן חיים לכל חי... דעמאָלט, ווען איך, דער 17־יאָריקער זון פון אברהם שוחט אין קיליע, וואָס איז געוועזן אַן עקסטערן און אַ מאָדערנער ישיבה־בחור אין אדעס, האָב צום ערשטן מאָל געזען געדרוקט מיין נאָמען מיט אותיות מרובעות און רוסישע אותיות, האָב איך נישט געחלומט, אַז דאָס שרייבן וועט ווערן דער אַלץ מיט אַן אַנדער אין מיין לעבן פאַר מיר און נישט נאָר פאַר מיר. און איך האָב אַוודאי נישט גע־חלומט, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען אַ וויכטיקער ייִדישער ישוב און די שרים פון דער ייִדישער ליטעראַטור וועלן פון מיין שרייבן בויען אַ טורעם און מיך אַוועקשטעלן אויבן. קומט דאָ מיין ברכה — ברוך אתה.

און במילא אַ ברכה צו די אַלע, וואָס זענען זיך מתעסק מיט דעם סך־הכל פון מיינע פופציק יאָר שרייבן. פופציק יאָר... ווי גרינג עס איז צום אַרויס־רעדן. 50 יאָר... 50 מאָל 365 טעג שרייבן אין אַ פופצן לענדער אויף דריי קאָנ־טינענטן. אַ ברכה צו אַלע, אַלע, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אין מיין וועג און וואָס זענען מיר געשטאַנען אין וועג. אַ ברכה צו חברים און פריינט, אַ ברכה צו אָרנטלעכע קעגנער און אַפילו — שונאים... אַ ברכה צום פּאַפּיר — פּעדער — טינט, אַ ברכה צו דער שרייבמאַשינקע. אַ ברכה צו דעם הנותן ליעף כוח, וואָס גיט כוח, ווילן און ליידנשאַפט צו שרייבן.

און איך וועל איצטער ממשיך זיין דאָס דאָזיקע, וואָס איך האָב אָנגעהויבן טאָן צוריק מיט זיבן יאָר, ווען איך בין געוואָרן אַ בן ששים. איך וועל שרייבן אַן אויטאָ־פּאָרטרעט, וואָס וועט שוין במילא האָבן עפּעס פון אַן אויטאָביאָ־גראַפיע.

דיכטער שרייבן אָפט אויטאָ־פּאָרטרעטן. אין אונדזער פּאָעזיע געהערן די

בעסטע אויטאָ־פּאָרטרעטן צו די פּעדערס פון משה לייב האַלפּערן און מאַני לייב. פאַראַן גרויסע מאָלער, וואָס זייערע אויטאָ־פּאָרטרעטן געהערן צו זייע־רע בעסטע ווערק.

אָבער איך בין דאָך נישט קיין דיכטער, נישט קיין מאָלער, נאָר אַ פּשו־טער פּראָזע־שרייבער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג־טעגלעכן זאָ־גער און אַ פּראָסט־פּשט־שרייבער וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור (אַמאָל וועגן ליטעראַטור בכלל) און וועגן ייִדישן לעבן. איך בין דאָך אַזאַ איינער, וואָס שרייבט טאָג־איין, טאָג־אויס וועגן אַנדערע, ווי קום איך צו שרייבן וועגן זיך אַליין?

אָבער... צוריק מיט אַן איין און דרייסיק יאָר האָב איך פאַרן ניו־יאָרקער „טאָג" אָנגעשריבן אַן אינטערוויו מיט זיך אַליין און איך האָב געקריגן קאָמ־פּלימענטן, נישט בלויז פון אברהם רייזען, וואָס איז געווען ביי אונדז דער שר־הקאָמפּלימענטן, נאָר אויך פון שטורמישן און נישט־מילדן ב. ריווקין. נו, וועל איך פּרוּוון געבן אַ מין אויטאָ־פּאָרטרעט, אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק און — ווי דאָס מזל וועט שוין אויסטראָגן. רייזען און ריווקין וועלן טאַקע שוין נישט מאַכן קיין קאָמפּלימענטן, אָבער — — —

איך וואָלט געדאַרפט אָנהייבן מיט די ווערטער פון משה לייבס „מיין פּאָרטרעט":

יאָ, אַז איך בין נישט קיין שיינער,
דאָס איז זיכער, שיינע פרוי.

איך בין אַ מיטלוווקסיקער, אַ ברוינער, האָב אַ גאַנץ היפּשע נאָז. זאַפ־טיקע ליפּן... משה לייב זאָגט: „אָבער אויגן האָב איך בלאָע, אויגן בלאָע גוט און מילד". נו, איך האָב נישט קיין בלאָע, נאָר טונקל־קאַרע אויגן, אין וועלכע עס האָט אַמאָל געברענט אַ שטאַרק פייער. אַ טייל פון יענעם פייער איז אין זיי נאָך פאַרבליבן עד היום. אָבער געערדט האָט מען בעיקר וועגן מיינע האָר, שוואַרצע האָר פון אַ ציגיינער, וואָס אייזערנע קעמלען האָבן זיי נישט געמאַכט ליגן גלייך. נישט איין קעמל האָט זיך צעבראָכן אין זיי. נישט איין מיידל, אָדער וויבל, האָט זיך אָפּגעבריט אין זיי.

יאָ, מיינע האָר זענען שוין היינט נישט אַזוי געדיכט, ווי זיי זענען געווען, אָבער נאָך גענוג וועדליק פאַר אַ עטלעכע זעכציק יאָריקן און אַפילו גראָ ווי „געהעריק" ווערן זיי נישט.

ה. לייוויק האָט מיך צוריק מיט צוועלף יאָר געפרעגט בסוד, צי איך פאַרב זיי. אָבער נאָך צוריק מיט אַריבער דרייסיק יאָר האָט מיך אַ לייענער גע־

פרעגט צי איך פאַרב מיינע האָר און איך האָב אים געענטפערט, אַז איך טראָג אַ פּאַרוק...

איך געהער צו די סאַמע נאַכלעסיקסטע מענטשן. איך קען זיך אויסער־לעך נישט פוצן. אַ נאָענטער צו טעאַטער דורך און דורך, אַן אָרגאַניש פאַר־בונדענער מיט דעם, אָן וועלכן איך קען נישט לעבן, פונקט ווי איך קען נישט לעבן אָן דער צערטלעכקייט פון אַ פרוי, בין איך פערזענלעך קיינמאָל נישט געווען טעאַטראַליש. איך האָב, ווי אַ רעדנער, קיינמאָל נישט געשמינקט אויי־סערלעך מיין וואָרט, און איך האָב בעיקר געהאַלטן ריין און קלאָר דעם תוך פון מיין וואָרט. ווען איך האָב — צוריק אפשר מיט יאָרטויזנט — נאָך רע־זשיסירט פון צייט צו צייט אַ פּיעסע, האָב איך נישט געקענט מוחל זיין די קלענסטע נאַכלעסיקייט אין דער קליידונג פון די שוישפּילער און זיי פלעגן מיר טיטשען אין די אויגן אַריין:

— און איר אַליין זענט אַזוי נאַכלעסיק!

— איך בין נישט קיין אַקטיאָר — פלעג איך ענטפערן — איך מעג...

זייער אַ סך האָבן מיך גערופן „ציגיינער”. מיין ציגיינערישקייט איז אויי־סערלעך פאַראַן מער ווי אַלץ אין מיינע האָר. איך האָב יידישע אויגן און ציי־גיינערישע האָר.

איך האָב אַ יאָרצענדליק פון מיין פריער יוגנט אויסגעשטורעמט אינעם באַלקאַנישן פּאַריז, אין בוקאַרעסט. אַ שטיקל צייט איז מיר אויסגעקומען צו לעבן אויף אַ גאַס וואָס הייסט דודעשט און צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס זי איז באַוווינט פון יידן און ציגיינער. אין די ערשטע דריי פערטל פון אָט דער גאַס וווינען יידן און אין דעם לעצטן פערטל, וואָס ווערט פאַרלוירן אין פעלד, וווינען ציגיינער. עס פלעג מיך שטענדיק אינטריגירן צו פאַרגלייכן די דאָזי־קע צוויי וואַנדער־פעלקער. יידן האָבן אויף דודעשט געלעבט ווי מענטשן, גע־האַט ריינע וווינונגען, בעטן מיט איבערבעטן (פערינעס), קישן, קאָלדרעס, ביל־דער אויף די ווענט; ציגיינער האָבן געלעבט ווי — ציגיינער, געשלאָפן אויף דער ערד, אין נאַקעטע צימערן, אָדער גאָר אינדרויסן. יידישע מאַמעס האָבן געלערנט די טעכטער זיך אויפצופירן צניעותדיק, קריגן אַ חתן און חתונה האָבן כדת משה וישראל. ציגיינערישע מאַמעס האָבן געלערנט די טעכטער, ווי צו פאַרכישופן מענער און זיי פאַרנאַרן, בכדי אויסצונאַרן ביי זיי געלט. איך האָב דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אין דער רומעניש־ציוניסטישער צייטונג פון מיין יוגנט־פריינט א. ל. זיסו אַן עסיי, וואָס האָט געהייסן „דודעשט”, אין וועלכן איך האָב אַביסל אין אַ ציגיינערישער פאָרעם אויסגעדריקט מיין שטאָלץ מיט מיין יידישער אָנגעהעריקייט און מיין אָפּגעבריטקייט מיט ציגיינערישקייט. אין אַ געוויסער מאָס איז יידישקייט געווען מיין יצר־טוב און ציגיינערישקייט —

מיין יצר־הרע. די ציגיינערישקייט איז מיר נישט געפעלן און האָט מיך גע־רייצט, און — עפּעס פון דער ציגיינערישער אויסערלעכקייט האָט זיך צו מיר דאָך צוגעקלעפּט.

איך בין געבוירן געוואָרן אין עקזאָטישסטן טייל פון בעסאַראַביע, אין אַ געגנט, וואָס געפינט זיך ביים בלאָסטן און זיסטן טייך אין דער וועלט, ביים דונאַי (ביי אונדז האָט מען אים גערופן „טינע") און איז באַפעלקערט פון אוקראַינער, רוסן, מאָלדאַוואַנעס (רומענער), בולגאַרן און גאַגאַוזן (טאַטאַרן). געלערנט האָב איך פריִער אין דער קעשענעווער ישיבה פון שלום פּערלמו־טער אויפן אַלטן שטייגער און געהאַלטן ביי באַקומען סמיכה אויף רבנות, אָבער עס האָט זיך פאַרטשעפּעט, ווייל מ'האָט דערפילט, אַז איך בין געוואָרן אַן אַפּי־קורס. איך האָב דערנאָך געלערנט עטלעכע יאָר אין אָדעס, סיי אַלס עקסטערן, סיי אין דער מאָדערנער ישיבה, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ר' חיים טשער־נאָוויץ (רב צעיר), ווו ח. נ. ביאַליק און יוסף קלויזנער זענען געווען לערער פון תנ"ך און יידישער געשיכטע, רייף געוואָרן בין איך אין רומעניע, ווו איך בין געוואָרן אַ שרייבער און אַ רעדנער אין יידיש. אין אָדעס האָב איך געהאַט גע־פּרוווט מיין כוח אין העברעיִש, רוסיש און יידיש. נישט האָבנדיק קיין מעג־לעכקייט צוצוקומען צו די יידישע לייענער דורך יידיש, ווייל קיין יידישע אויסגאַבעס זענען כמעט נישט געווען, האָב איך זיך זייער אַ סך געדרוקט אויף רומעניש, אין איבערזעצונגען פון פריינט. אינאיינעם מיטן דיכטער יעקב יעקב שטערנבערג האָב איך געגרינדעט אַ רעוווי־טעאַטער אויף יידיש אין בוק־קאַרעסט, וואָס האָט אייגנטלעך פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ יידישער צייטונג. אונדזערע רעוויס זענען בעצם געווען געשפּילטע צייטונגען. אין 1917, ווען די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן בוקאַרעסט, בין איך געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט דערשמעקט, אַז עס גרייט זיך אַ פּאָגראָם קעגן יידן און איך האָב געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דעם, וואָס מ'האָט געגרינדעט אַ זעלבּ־שוץ און מ'האָט די כוליגאַנעס געגעבן איבער די לאַפּעס, איידער זיי האָבן עפּעס באַוויזן צו טאָן. דעם סיגנאַל דערצו האָב איך געגעבן טאַקע אין אַ רעווי־סצענע. אָט דערפאַר פלעג מען מיך באַגעגענען מיט אַ „בראַוואָ" אַ לאַנ־גע צייט נאָך דעם, ווען און ווו איך האָב זיך באַוויזן אין אַ יידישער גאַס פון רומעניעס הויפּטשטאָט.

רומעניע איז געוואָרן גרויס. ס'איז איר צוגעקומען בעסאַראַביע, בוקאָ־ווינע, טראַנסילוואַניע. זייענדיק אַ בעסאַראַבער, וואָס איז „רומעניזירט" גע־וואָרן און וואָס האָט אַ שטיק צייט געלעבט אויך אין טשערנאָוויץ, דער הויפּט־שטאָט פון דער בוקאָווינע, ווו עס האָט געבלויזט אַ יידיש־פּאַרטייאישער קאַמף און אַ בשותּפותדיקע יידישע קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט

אַרום דעם עלטסטן און גרעסטן פון די ייִדישע שרייבער אין רומעניע, אַרום דעם פּאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג, בין איך אײַנגעטלעך דער גאַנצסטער „רו־מענישער" צווישן די ייִדישע וואָרטזאָגער אין רומעניע.

מײַן איבערגאַנג פון אַלגעמיינעם ציוניזם צום פּועלי־ציוניזם, פריִער דעם געמישטן און דערנאָך צום לינקן, האָט מיך דערפירט ביז צו כמעט ליקווידאַ־ציע פון ציוניזם. מ׳האָט דעמאָלט געמיינט, אַז אָט־אָט ברענגט דאָס זעקסטל וועלט די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט... אָבער, אַז איך האָב דערקענט אַביסל בעענטער די „גאולהשקייט" פון רויטן סאָציאַליזם, האָב איך אין זײַן אינעוויי־ניק אַריין קיינמאָל נישט געקענט אַרייַנקומען. איבערהויפּט האָב איך נישט גע־קענט פאַרדייען דאָס איגנאָרירן טעאָרעטיש די עקזיסטענץ פון ייִדישן פאָלק. און ווען איך בין אין 1923 אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, ווו עס האָט געדאַרפט איינגיכן פאַרקומען אַ ייִדיש־וועלטלעכע שול־קאָנפערענץ, האָב איך אָנגענומען אַ מאַנדאַט ביי די לינקע פּועלי־ציון און געקעמפט קעגן דער דעמאָלט נייער טעאָריע פון די ייִדסעקן, אַז ייִדיש איז בלויז אַ מיטל און נישט קיין ציל. און מײַן באַציִונג צו די אומקאָנדיציאָנעלע אָנהענגער פון רויטן זעקסטל וועלט איז פאַרבליבן אַ הענגענדיקע און אַ כבדהו וחשדהודיקע. עפּעס האָט זיך געדאַכט, אַז אין אַלגעמיין האַלט ביים קומען פון דאָרט די גאולה, אָבער אין פּרט פון ייִדישן פאָלק איז די טעאָריע ערגער פון דער פּראַקטיק. אליעזר שטיינבאַרג פלעגט זאָגן, אַז זאָלן זיי ברענגען די גאולה בכלל, דאָס ייִדישע לעבן וועלן מיר אַליין מאַכן כדבעי. ווי נאָר ער איז געווען... שלמה ביקל, צו לאַנגע יאָרן אים, האָט געהאַלטן, אַז „אַבי עס וועט קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד, וועט שוין אַלץ זײַן גוט"...

איך בין אַוועק פון אַרגענטינע צוריק קיין אייראָפּע, אַ וואַנדער געטאָן באַנייס איבער רומעניע און אָנהייב 1926 האָב איך זיך דעפיניטיוו באַזעצט אין דאָזיקן לאַנד, ווו עס האָט געלעבט זייט אַ לאַנגע צייט מײַן עלטערע שוועסטער מרים, וועלכע האָט מיך געבראַכט ס׳ערשטע מאָל אַהער און ווו עס האָט זיך שוין אויך געפונען מײַן ייִנגערער ברודער לייב. אפשר, ווייל דאָ האָט גע־וואָרט אויף מיר מײַן זיווג, מײַן פרוי מרים.

— פאַרוואָס איך האָב זיך באַזעצט גראָד אין אַרגענטינע?

אַ סך האָבן מיר געשטעלט אָט די פראַגע. ווען איך בין אַ פּאַטאַליסט, וואָלט איך מסתמא געענטפערט, אַז אַזוי איז געווען באַשערט. דער אמת איז פּשוטער: מ׳האָט מיך קיין אַרגענטינע געבראַכט. דאָס ערשטע מאָל, ווי גע־זאָגט, מײַן שוועסטער, דאָס צווייטע מאָל — „די פּרעסע" — קיין מאָדים צו גיין בעטן עפּעס בין איך קיינמאָל נישט געווען. נישט איין מאָל האָבן מיר גרויסע ייִדישע שרייבער געזאָגט, אַז מײַן פּלאַץ איז געווען אין אַ גרעסערן

ישוב, ווי אין אַרגענטינע — ווו איך בין אָפט געווען פאַר היגע ייִדישע וואָרט־זאָגער אַנדערסענס „מיאוסע קאַטשקע״ — און מיין ענטפער איז געווען: אין קיין גרעסערן ישוב האָט מען מיך נישט געבעטן.

און נישט איין מאָל קלער איך, אַז ערגעץ איז געווען אין דעם דער ווונק פון דער השגחה: איך בין עפּעס ווי צוגעגרייט געווען פאַרן דאָזיקן ישוב, וועלכן איך האָב אַוועקגעגעבן דעם סאַמע עיקר פון מיין לעבן — 39 יאָר פון די עטלעכע זעכציק!...

איך האָב אָט דעם ישוב געהאָלפן אויסרייניקן פון אַ מוראדיקער פּעסט און אַ שלעכטן נאָמען, אים געהאָלפן באַקאַנט מאַכן אין דער גאַנצער ייִדי־שער וועלט, אים פאַרבונדן מיט דער וועלט בכלל און דער ייִדישער בפרט. איך האָב געמאַכט אַ סך נסיעות, אָבער באַזונדער וויל איך דאָ דערמאָנען מיין נסיעה צום יובל־צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ אין ווילנע אין יאָר 1935 און מיין נסיעה צו דער גרינדונג פון מדינת ישראל אין יאָר 1948, מיין רייזע צו דער וועלט־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק אין 1939 און צו דער גרינדונג פון דער „יון״ אין סאַן פראַנציסקאָ. דאָס גרויסע אַרגענטינער לאַנד האָב איך אויך אויסגעמאָסטן אין דער לענג און ברייט. איך בין געווען דער ערשטער ייִדי־שער שרייבער אין דער גאַנצער וועלט, וואָס איז געווען אין פייערלאַנד, דאָס ווונדערלעכע אינדזל, וואָס האָט דעם לעצטן ישוב אויפן וועג צום דרום־פּאָל.

איך האָב קיינמאָל נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ייִדן וועלן טאָ־קע בלייבן אַן עקס־טעריטאָריאַל־פאָלק. איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט איבער־גאַנצן זיך אָפּזאָגן פון טעריטאָריאַליזם בכלל און ארץ־ישראל בפרט. און דאָך האָב איך אין משך פון אַריבער אַ צענדליק יאָר אַ סך מאָל באַקעמפט דעם ציוניזם, כאָטש מיר איז שטענדיק נאָכגעגאַנגען אַ געוויין פון בוקאַרעשטער ייִנגעלייט, מיינע געוועזענע תלמידים און חסידים, וועלכע זענען אין 1921 מיר געקומען בעטן, אַז איך זאָל נישט ווערן אויס ציוניסט. אין 1936 האָב איך אָנגעהויבן פילן, אַז דער עקסטעריטאָריאַליזם איז אַ סך שווערער ווי דער ציוניזם, ס׳הייסט: ס׳איז אַ סך שווערער צו בלייבן אַ פאָלק אין בלויז גלות, ווי אויסצובויען ארץ־ישראל. אין 1938 האָב איך ווידער געקויפט אַ שקל און אויב איך האָב זוכה געווען צו זיין דער איינציקער ייִדישער זשורנאַליסט אין דער וועלט, וואָס איז ספּעציעל געפלויגן צו דער גרינדונג פון מדינת־ישראל און בין אַהין אָנגעקומען אין צייט און בייגעווען די הכרזה, האָב איך געפילט, אַז מיר איז פאַרגעבן געוואָרן מיין נישט־ציוניסטישע אַנטיטעזע.

אין 1935 בין איך געווען אין אייראָפּע, איך בין געווען אויך אין היטלער־דייטשלאַנד. אין פראַנקרייך האָב איך געזען דעם פאַראייניקטן פראָנט, געזען ווי דאָס פאָלק שאַפט אים און געוואָרן זיינער אַן אָנהענגער. אין 1936 האָבן

זיך אָנגעהויבן די טרויעריק־באַרימטע מאָסקװער פּראָצעסן און איך בין זייט דעמאָלט געװאָרן אויס מחותן מיט דעם רויטן צד און װען איך בין דאָך אַרײַנגעשלעפּט געװאָרן אויף אַ קורץ שטיקל צייט אין „יִקוּף״, זענען אין דעם בעיקר געװען „שולדיק״ י. אַפּאַטאָשו ע״ה און ה. לייװיק, צו לענגערע יאָר אים, װייל איך האָב בכלל דורכגעמאַכט דעם זעלביקן װעג, װאָס זיי.

זייענדיק אַ ציוניסט, זייענדיק איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם אויפבוי פון מדינת־ישראל, האָבנדיק ליב בלב־ונפש העברעיִש, זייענדיק איבערצייגט, אַז העברעיִש איז נישט בלויז די ערשטע שפּראַך פון ייִדישן פאָלק, נאָר אויך זיין אייביקע שפּראַך, — פיל איך דאָך אַז אַן עוולה, געשעט דעם ייִדישן פאָלק דורך דעם, װאָס דער ציוניזם און מדינת־ישראל גראָבן אונדז אונטער ביודעים ובלא יודעים די לעצטע יסודות פון ייִדיש — — —

אָבער — דאָס איז שוין מער מיינונג, װי אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק. טאָ לאָמיר זיך אומקערן צו דער שילדערונג פון מיין גאַנג. אפשר װאָלט איך געװען געװאָרן אַ גרעסערער שרייבער, װען איך װאָלט געלעבט אין אַן אַנדער ישוב, איך װאָלט אָבער געװיס אין ערגעץ נישט געװען אַזוי אויפן פּלאַץ, װי איך בין אין אַרגענטינע. איך בין נישט אַזאַ למדן, װי עס איז געװען מיין עלטערער און גרויסער חבר אליעזר שטיינבאַרג, אָבער איך בין פאַר אונדזער ישוב גענוג למדן און איך װייס װוּ צו זוכן, װאָס איך געדענק נישט, אָדער קען נישט. איך האָב גענוג ייִדיש װיסן צו געבן מיינע לייענער דעם ייִדישן צוגאַנג און דעם ייִדישן שליסל. איך בין אַ רגע נישט געװען נישט קיין נאַציאָנאַלער ייִד און איך האָב כסדר געלערנט מיינע לייענער — אויך בעת דער נישט־ציוניסטישער אַנטיטעזע — צו זיין ייִדן, דורכויס ייִדן, שטענדיק ייִדן. אין דעם ייִדישן שולװעזן אין אַרגענטינישן לאַנד איז פאַראַן אויך מיין שװייס, בלוט און מאַרך. איך בין נישט אַזאַ גרויסער ליטעראַטור־קריטיקער װי בעל־מחשבות ע״ה און ש. ניגער ע״ה. איך בין נישט אַזאַ גרויסער טעאַטער־קריטיקער, װי עס איז ד״ר א. מוקדוני, אָבער איך קען גענוג ליטעראַטור און טעאַטער צו קענען זיין אַ לערער פון אַט די צװיי קעגנשטאַנדן פאַר די אַרגענטינער ייִדישע מאַסן. איך בין אַ לערער פון ליטעראַטור און טעאַטער. איך האָב מקיים געװען דעם זאָג פון פּרק: והעמידו הרבה תלמידים...

...און װען איך שרייב אָט די שורות װעגן זיך אַליין, דאַכט זיך מיר, אַז איך געפין זיך אויף דריי פראָנטן. איין פראָנט געפינט זיך ביי די גרענעצן פון מדינת־ישראל; אַ צװייטער פראָנט איז מיט די לינקע, די אומקאָנדיציאָנעלע אָנהענגער פון מאָסקװע, װאָס האָבן ביז נישט לאַנג געזוכט צו פאַרכאַפּן דאָס ייִדישע לעבן און היינט זוכן זיי דאָס צו צעשטערן; און דער דריטער פראָנט איז אין אַרגענטינע, װוּ עס װערט אונטערגעגראָבן דער יסוד פון ייִדיש.

עס איז אַ חילוק, צווישן די ערשטע צוויי פּראָגנטן און דעם דריטן. די ערשטע צוויי פּראָגנטן זענען מיט שונאים, וואָס מיר ווייסן ווי אָנצורופן זיי. אין ישראל זענען עס די אַראַבער. אין דער גאַנצער וועלט זענען עס די רויטע מיסיאָנערן, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר ייִדן. וויסנדיק ווער די שונאים זענען, וועלן מיר וויסן, ווי זיי מנצח צו זיין. אַנדערש איז מיטן אונטערגראָבן ייִדיש אין אַרגענטינע, ווו עס איז פאַראַן די לעצטע שטאַרקע פּאָזיציע פון אונדזער פאָלק־לשון. דאָ ווייסט מען נישט ווער דער שונא איז און אפשר איז טאַקע נישט פאַראַן קיין אויסגעשפּראָכענער שונא. און דערפאַר איז דאָס אַ טראַגעדיע. אַן אומגליק ווערט אַ גרויסע טראַגעדיע, ווען עס זענען נישטאָ קיין אויסגעשפּראָכן שולדיקע.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט מיר אָנגעטאָן אַ כבוד, וואָס האָט מיך לכתּחילה איבערגעשראָקן. אין יאָר 1960 האָט מיך דער ייִדישער פּען־קלוב אין ניו־יאָרק — דעמאָלט דער איינציקער ייִדישער פּען־קלוב אין דער וועלט — איינשטימיק אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס אין ריאָ דע זשאַניירא, סאַן פּאַולאָ און בראַזיליע. איך האָב געהאַט די אויפגאַבע דורכצופירן אַ רעזאָלוציע קעגן דעם שטום־מאַכן די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד. איך האָב ברוך־השם די רעזאָלוציע דורכגעפירט. און עס קען זיין, אַז אויב דערשיינט היינט אַ זשורנאַל אין ייִדיש אין רוסלאַנד (נישט קיין ייִדישער זשורנאַל) האָט יענע רעזאָלוציע אַ חלק אין דעם. אָבער פרייען זיך מיט דעם ווי מיט מעשה ידי להתפּאר בין איך נישט גרייט. מען פאַרוואַגדלט דעם דערמאָנטן זשורנאַל אין אַ הילף פאַר דער האַק, וואָס עס ווערט אויפגעהויבן אויף דעם רעשט פון גרויסן ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד.

איך האָב אָנגעהויבן מיין שרייבן מיט בעלעטריסטיק. איך האָב געשריבן שירים, דערציילונגען, דראַמען. מיט דער צייט בין איך אַריבער צו ליטעראַטור־קריטיק, צום עסיי, צו פּובליציסטיק און צו דער טאָג־טעגלעכער זשורנאַליסטיק. איך האָב זיך אָפּט געפילט, ווי איינער, וואָס האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ פידלער און ער איז געוואָרן אַ פויקער. און איצטער, ווען עס ווערט 50 יאָר זייט איך האָב אָנגעהויבן שרייבן, האָב איך באַקומען אַ מוראדיקן ווילן זיך אומצוקערן צו דער דערציילונג. און צום יובל יום־טוב פון מיין שרייבן באַווייז איך זיך מיט צוויי נאָוועלן, וואָס איך האָב געשריבן אויף דער גרענעץ פון 50סטן און 51סטן יאָר פון מיין שרייבן, הגם איך האָב גרייט עטלעכע בענד ליטעראַטור־קריטיק.

איך געהער צו די אָפּטימיסטן אין שייכות צו ייִדיש, הגם איך בין נישט קיין בלינדער און איך זע די ווירקלעכקייט. א. קאָראַלניק האָט אין זיין עסיי „אָן מזל" פאָרויסגעזאָגט, אַז „עס וועט זיין אַ צייט, ווען ייִדיש וועט זיין אַ

פאַרגאַנגענהייט... און עס וועט זיך פאַרבענקען די ענגליש־רעדנדיקע, די פּויליש־רעדנדיקע, די העברעיִש־רעדנדיקע, נאָכן אייגנאַרטיקן טאָן פון דער שפּראַך, וואָס דורות און דורות ייִדן האָבן גערעדט. עס וועט זיך פאַרבענקען נאָך די קלאַנגען פון ייִדישער איינזאַמקייט, ייִדישער התעוררות און אינטימיטעט און טרויער און וויץ; קלאַנגען, איינגעזאַפּטע מיטן האַרצבלוט פון פאָלק".
און עס קומט שוין צו דעם אין די פאַר' שטאַטן פון צפון־אַמעריקע און בראַזיל. נאָר אין אַרגענטינע האַלט עס נאָך ברוך־השם נישט דערביי. דאָ איז נאָך ייִדיש אַזוי לעבעדיק, אַז מען דאַרף נאָך נישט בענקען נאָך דעם... און אַ סך זוכן עס נאָך חרוב צו מאַכן. ברוך־השם, וואָס ס'איז פאַראַן אַ ישוב, וועלכער איז פריי פון מצוות בענקען נאָך ייִדיש... און מיר ווילט זיך בעטן ביי די פריינטלעכע מהרסים ומחריבים פון ייִדיש: לאָזט אונדז איין ישוב, ווו מען זאָל נישט דאַרפן בענקען נאָך ייִדיש, וואָס איז פאַר מיר, פּונקט ווי פאַר אַלע ייִדישע שרייבער און לייענער, דאָס זעלביקע, וואָס מיין לאַנדסמאַן און אייביקייט־פריינד, דעם דיכטער אפרים אויערבאַך, וואָס זינגט צו מאַמע ייִדיש:

פאַר מיר ביסטו אַ רעגנבויגן פון קאָלירן,
געמיש פון קלאַנג, געזאַנג, געוויין און פרייד,
איך הער אין לויטערקייט פון דיינע רייד
מיין מאַמעס פשוט, כשר האַרץ וויברירן.

די קעניגין פון דרום־אַמעריקע

(ע פ אָ פּ ײ ע)

— 1 —

דער בריווטרעגער האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דעם אָפּיציעלן אַריינגאַנג צו דעם שיינעם הויז פון זייטיקן געסל אין צענטער פון דער טשילענער הויפּטשטאָט סאַנטיאַגאָ. דער פּאָפּוגיי און דאָס הינטל פון הויף זענען געווען די ערשטע צו ענטפערן אויף דעם קלאַפּ. דער פּאָפּוגיי האָט אויסגערופן „קאַרטעראָ״ (בריווטרעגער) און דאָס הינטל האָט גענומען בילן מיט אַ דינעם „האַוו האַוו״. באַלד דערויף האָט זיך געהערט אַ שוואַך ווייבעריש קול:

— חיים, דער „פּאָטשטאַליאָן״.

דער גרינער פויגל מיטן אויסזען פון אַ תם, וואָס הערט, דאַכט זיך, גאָרנישט און זעט גאָרנישט, האָט אויף גיך נאָכגעבילט דעם הינטל און נאָכגערעדט דער פרוי, ווי אַ כיטרער לץ.

די טיר, אויף וועלכער עס איז געווען אַ מעשן בלעכל מיט דער אויפשריפט: „דאָקטאָר קאָנראַדאָ בערקאָוויסי — נאָז, אויערן און האַלדז״, האָט זיך פּאַוואָליע געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן אַ שווערלעכע און דאָך באַוועגלעכע פיגור פון אַ מיטלוויקסיקן און עפּעס מער ווי מיטליאָריקן מאַן מיט אַן ענערגישן אויסזען.

דער בריווטרעגער איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. ער האָט פאַר דעם אַוועקגיין דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין טיר, וואָס דער פּאָפּוגיי האָט קונציק נאָכגעמאַכט און ער האָט אַרונטערגערוקט דעם בריוו אונטער דער טיר. עטלעכע שכנישע טירן האָבן זיך געעפנט און אויגן האָבן געקוקט נייגעריק צו דער געעפנטער טיר פון דאָקטער. פאַר די נישט־ייִדישע שכנים איז דער בריווטרעגער אין יענעם געסל געווען אַ סענסאַציע. ער פלעג טאַקע אַהין ברענגען בריוו כמעט בלויז אין יענעם הויף אַריין. די מערסטע בריוו זענען געווען צום דאָקטער און פון צייט צו צייט פלעג אָנקומען אַ בריוו פון אויסלאַנד, אָדער פון אַן אָרטיקער ייִדישער געזעלשאַפט, פאַר זיין פאָטער. דער מאַן אין דער געעפנטער טיר האָט דערפילט אויף זיך עטלעכע בליקן אויף אַמאָל און ער האָט שמייכלענדיק געגריסט מיט אַ קאָפּ־שאָקלען אין פאַרשיידענע זייטן אַריין.

דאָס זעלביקע שוואַכע פרויען־קול, וואָס האָט פריִער געמאָלדן, אַז דער „פּאָטשטאַליאָן״ איז געקומען, האָט איצטער געפרעגט:

— חיים, פון וועמען איז דער בריוו?

חיים האָט אַרויסגענומען פון אַן אויבערשטער קעשענע זיינע ברילן, זיי

אָנגעטאָן אויף דער פאַרשפּיצטער נאָז זיינער, שטאַרק זיך איינגעקוקט אין קאָנווערט און ער האָט געענטפערט מיט אַ פעסט און זיכער קול:

— ער איז פון בראַזיל. פון דער מאַמען.

די טיר איז שוין געבליבן אָפן און חיים האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול פון דער קליינער טעראַסע. די ברילן האָט ער שוין געלאָזט אויף דער נאָז. ער האָט פּאַוואָליע אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אַכטונג געגעבן, אַז ער זאָל נישט צערייסן דעם בריוו. דעם קאָנווערט האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ זייטיקער קעשענע פון דעם קורצן שטוב־רעקל, וואָס ער האָט געטראָגן און אַריינגעשטעקט זיינע נאָך גענוג ברענענדיקע אויגן אין בריוו אַריין.

— חיים, וואָס שרייבט מען? — האָט געפרעגט דאָס זעלביקע שוואַכע פרויען־קול.

— וואַרט אַביסל,ביילע, כ׳וועל איבערלייענען און דיר דערנאָך דערציילן.

אַ שטיקל צייט האָט חיים געלייענט דעם בריוו און זיך שטאַרק איינגעקוקט אין די ווערטער אַריין. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. דאָך האָט מען פון דער נאָענט נישט געהערט קיין רעכטן קלאַנג. פון וויטן האָט זיך דערטראָגן דער גערויש פון שטאָט. דער בריוו איז געווען געשריבן אויף גרויסע דריי בלעטלעך פּאַפּיר און דאָס לייענען האָט געדויערט. ביילע האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעריסן און נייגעריק געפרעגט, וואָס דאָרט איז געשריבן. חיים האָט איר אַלעמאָל געענטפערט, אַז זי זאָל האָבן געדולד.

ווען חיים האָט דעם בריוו שוין געהאַט גוט איבערגעלייענט און צעקייעט, האָט ער אים צונויפגעלייגט, אַריינגעלייגט אין אַ צווייטער קעשענע, אויסגעטאָן די ברילן, זיי אַריינגעלייגט אין דער אויבערשטער קעשענע און ער איז אַריין אין שטוב. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער איז אַרויסגעקומען מיט זיין פרוי, וואָס איז האַלב געזעסן און האַלב געלעגן אין אַ פאָר־שטול. זי האָט געקענט אַליין פירן דעם שטול, אָבער איצטער האָט דער מאַן אים געשטופּט און זי האָט נישט געדאַרפט באַוועגן מיט די הענט. זי האָט אויסגעזען עפּעס יינגער פון אים, אָבער זי איז געווען בלייך און איר פּנים און די אויגן האָבן געהאַט קרענקלעכן שיין. זי האָט געהאַט סימנים פון שיינקייט און איז געווען אויסערגעוויינלעך צאַרט. חיים האָט אַרויסגעשטופּט דעם שטול אויף דער טעראַסע, פון דאָרט האָט ער אים אַראָפּגערוקט אויף דעם טראָטואַר, איבער וועלכן ער האָט גענומען פירן זיין קראַנקע פרוי, ווי מען פירט אַ קינד. זי האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— שטאַט צו פירן אַן אייניקל, פירסטו מיך.

— וויל ער דאָך נישט חתונה האָבן, דער זון אונדזערער — האָט חיים באַמערקט טרויעריק.

— איך האָב היינט נישט געהערט, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען — האָטביילע געזאָגט — ער איז אַוועק שטאַרק פריי?

— אין דער זעלביקער צייט, וואָס שטענדיק — האָט חיים געענטפערט.

— ער וויל טאַקע נישט חתונה האָבן, אונדזער קלמן? — האָט די מוטער געפרעגט — פאַרוואָס רעדסטו קיין מאָל נישט מיט אים וועגן דעם?

— גענוג מאָל שוין גערעדט מיט אים — האָט חיים געענטפערט — און וואָס זאָל איך רעדן מיט אים? ער איז עפּעס אַ יִינגעלע? ער איז דאָך שוין געוואָרן פינף און דרייסיק יאָר.

ביילע האָט דערויף געענטפערט מיט אַ קרעכץ. דעם זונס נישט חתונה האָבן איז געווען דער ווייטיקלעכסטער מאָמענט אין איר לעבן. אפשר נאָך ווייטיקלעכער ווי איר קראַנקייט, וואָס האָט זי געהאַלטן צוגעשמידט צום שטול שוין אַריבער דריי יאָר. אַזוי האָבן זיי געהאַט נחת פון זייער איינציקן זון. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע מעדיקער אין זיין ספּעציאַליטעט אין לאַנד. ער האָט די עלטערן רעספּעקטירט און ער איז אויך געווען אַ געטרייער ייִד, אָבער חתונה האָבן האָט ער נישט געוואָלט. אייניקע האָבן געמורמלט, אַז ער איז פאַרליבט אין אַ קריסטלעכער פרוי און ווייל ער וויל נישט פאַרשאַפן קיין ווייטיק זיינע עלטערן וווינט ער מיט איר אַזוי. דער מוטער האָט זיך געדאַכט, אַז ווען זי האָט אַן אייניקל, וואָלט זי פאַר פרייד געזונט געוואָרן. און זי האָט מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן:

— נישט גוט צו האָבן בלויז איין קינד, חיים, מיר האָבן קיין שכל נישט געהאַט, ווען עס איז נאָך געווען צייט.

אַ שטיקל צייט האָבן מאַן און ווייב אַזוי מאָדנע „שפּאַצירט", זי אין שטול און ער מיט די פעסטע הענט אויף דעם פאַרענטש. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דעם סקריפּ פון יעדן זעמדל אויף וועלכן די רעדער פון שטול האָבן אָנגעטראָפן. ביילע האָט זיך דערמאָנט אין בריוו און געפרעגט, וואָס די מאַמע שרייבט. חיים האָט איר דערציילט, אַז דעם בריוו האָט געשריבן די עלטערע פון זיינע צוויי שוועסטער, וואָס געפינען זיך אין דער בראַזיליאַ־נישער שטאָט סאַן־פּאַולאָ. טאַקע פריידל, ביי וועמען די מאַמע געפינט זיך, האָט דעם בריוו געשריבן.

— וואָס־זשע דערציילט זי? — האָט ביילע געפרעגט, קוקנדיק איר מאַן גלייך אין די אויגן אַריין.

— זי דערציילט דאָס אייגענע, וואָס שטענדיק — האָט חיים געענטפערט

— אין דער פרנסה גייט זיי מיטלמעסיק. קיין גבירים זענען זיי, זי און איר מאַן, נישט געוואָרן פון דעם שענק, וואָס זיי האַלטן דאָרט, אָבער זיי האָבן גע־לויבט איז גאָט, גוטע קינדער און מען לעבט. דער יִינגערער שוועסטער, וואָס

געפינט זיך דאָרט, פּעסלען, גייט עס נאָך ערגער. פּרנסה האָט זי אפשר אַביסל מער. זיי האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין עטלעכע קליינע שטעטלעך און האָבן אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט און זיי האָבן געעפנט אין שטאָט אַ געשעפט און עס גייט נישט שלעכט, אָבער זיי האָבן קיין קינדער נישט און וואָס פאַר אַ לעבן איז אָן קינדער?

— ערגער נאָך ווי מיט איין זון, וואָס וויל נישט חתונה האָבן — האָטביילע געענטפערט. און וועגן דער מאַמען, וואָס שרייבט מען?

— מער ווי אַלץ שרייבט זי טאַקע וועגן דער מאַמען — האָט חיים געענטפערט — זי איז, גאָט זיי דאַנק, געזונט, די מאַמע. זי איז ביי די לויטערסטע געדאַנקען און האָט אין דער גאַנצער שטאָט אַ שם פון אַ חכמת. זי איז, קיין עין־הרע נישט, אַזוי געזונט, אַז זי קען אַליין טאָן פאַר זיך אַלצדינג. די אייניקלעך האָבן זי ליב, זיי שטאָלצירן מיט איר און זיי וואָלטן איר געוואָלט העלפן, אָבער זי לאָזט נישט. זי געדענקט די נעמען פון אַלע אירע אייניקלעך און אוראייניקלעך, וואָס געפינען זיך אין עטלעכע לענדער. זי געדענקט אַפילו, וועלכע עס געפינען זיך אין פּאַראַגוויי, וועלכע אין באָליוויע, אין אַרגענטינע, אורוגוויי און פּערו. זי זאָגט נאָך די נעמען פון די אַלע לענדער גאָרנישט ווי קיין גרינע. זי געדענקט אַפילו די געבוירן־טעג פון די מערסטע אייניקלעך און אוראייניקלעך. פון די קינדער איז אָפּגערעדט. און זי ווערט דאָך שוין באַלד אַכציק יאָר.

— אַכציק יאָר? — האָט ביילע געשטוינט.

— וואָס איז דיר דער חידוש? איך ווער דאָך שוין באַלד זעכציק יאָר און איך בין ביי איר דער דריטער.

— דער דריטער? — האָט ביילע ווייטער געשטוינט — וויפל־זשע איז זי אַלט געווען, ווען זי האָט חתונה געהאַט?

— זי איז קיין פולע זעכצן יאָר נישט אַלט געווען, ווען זי האָט חתונה געהאַט — האָט חיים געענטפערט — אין יענע יאָרן פלעג מען ביי אונדז חתונה מאַכן אויך פּערצן־יאָריקע מיידלעך. ביי קאַרגע זיבעצן יאָר האָט זי געהאַט דעם ערשטן זון אירן און ווען זי האָט מיך, דעם דריטן זון געהאַט, איז זי קוים געהאַט געוואָרן צוואַנציק יאָר.

חיים האָט געדענקט אַלץ, וואָס אין בריוו איז געווען געשריבן, און ער האָט זיין פרוי דאָס איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט און זי האָט זיך צוגעהערט צו אים און זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלץ, גלייך ווי זי וואָלט איר שוויגער גוט געקענט. זי האָט אָבער די שוויגער קיין מאָל נאָך נישט געזען. חתונה געהאַט פּאָר חיימען האָט זי צוריק מיט זעקס און דרייסיק יאָר אין אַרגענטינע און שוין אַריבער דרייסיק יאָר וווינען זיי אין טשילע. געבראַכט די שוויגער האָט

טאָקע איר מאַן חיים, וואָס האָט פּאַקטיש אַריבערגעבראַכט קיין דרום־אַמעריקע די גאַנצע משפּחה. אַלע זענען געקומען דורך אים קיין אַרגענטינע און זיי האָבן זיך דערנאָך אַליין צעשפּרייט איבער עטלעכע לענדער. די צוויי שוועס־טער זענען מיט זייערע מענער אַוועק קיין בראַזיל און צו זיי האָט חיים געבראַכט די מוטער צוריק מיט אַ פיר יאָר, אַריבער דריי יאָר איידער עס האָט אויסגע־בראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. ער איז דער מוטער אַנטקעגן געפאָרן קיין פראַנקרייך און ער האָט זי פון דאָרט געבראַכט קיין בראַזיל.ביילע האָט גע־זאָלט אין אַ צייט אַרום פאָרן זיך באַקענען מיט איר, אָבער זי איז קראַנק גע־וואָרן און פון פאָרן האָט שוין קיין רייד נישט געקענט זיין. זי האָט מיט איר מאַן שטענדיק גערעדט וועגן דער שוויגער, וואָס האָט געהייסן חוה־טויבע און האָט געהאַט אין איר אַלטער היים, אין דעם בעסאַראַבישן שטעטל אַ נאָמען פון אַ קלוגער און ענערגישער פרוי. זי איז יונגערהייט געבליבן אַן אלמנה מיט זעקס זין און צוויי טעכטער און זי האָט אַליין געפירט דאָס גרויסע גע־שעפט, וואָס איר מאַן האָט איר איבערגעלאָזט, נאָך בעסער ווי ער אַליין האָט דאָס געפירט. ביילע האָט געוווּסט אַלע פּרטים פון איר שוויגערס לעבן און זי האָט געחלומט וועגן איר, אפשר נישט ווייניקער, ווי זי האָט געחלומט וועגן איר מאַן, ווען זי איז פאַר אים אַ כלה געוואָרן.

— 2 —

דער מוטערס ווערן אַכציק יאָר האָט חיימען אַ ברי־געטאָן און ער איז יענעם טאָג אַרומגעגאַנגען זייער אומרויִק און ער האָט נישט געקענט איינשטיין און איינזיצן אויף אַ פּלאַץ. די פרוי האָט באַמערקט זיין אומרויִקייט, אָבער זי האָט אים געלאָזט צורו. זי האָט געוווסט, אַז אים גיט פּלוצעם אַ קום־אָן עפּעס אַ שטורעם אין קאָפּ אַריין, איז אים בעסער גאָרנישט צו פרעגן. ער איז תמיד געווען זייער אַן ענערגישער מענטש און וויפל מאָל דער דאָזיקער „שטורעם" איז אים אָנגעקומען, האָט ער אין זיין לעבן אויפגעטאָן אַ סך גרויסע און אויך מאָדנע זאַכן.

ווען חיים איז אַלט געווען אַכצן יאָר, איז ער אַוועק קיין אַרגענטינע. פון זיין מאַמעס היים אָבער איז ער אַוועק, ווען ער איז קוים אַלט געווען בלויז פערצן יאָר. אַלע אַנדערע קינדער האָט די מאַמע געלערנט, ער אָבער האָט נישט געוואָלט לערנען, ער האָט געוואָלט אַרבעטן. ער איז געווען אין פּאַר־שידענע שטעט און שטעטלעך אין בעסאַראַביע, געאַרבעט ביי וואָס עס האָט זיך געמאַכט און ער איז אַנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט אָדעס און פון דאָרטן טאַקע איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. און כאָטש ער איז קיין מאָל נישט געווען שטאַרק רייך, האָט ער אַריבערגעבראַכט אין משך פון אַ פּאָר יאָר זיינע דריי ברידער און צוויי שוועסטער. די עלטערע צוויי ברידער האָבן נישט געוואָלט קומען אַהער און זיי זענען דאָרטן פאַרבליבן און די מוטער, וואָס האָט זיי ביידע אַריבערגעלעבט, האָט אים טאַקע דערציילט, אַז נישט פאַר נחת זענען זיי אַזוי יונג געשטאָרבן. זיי האָבן, ווי אַלע ייִדן, איבערגעלעבט אַ סך צרות ביים רומענער.

אָבער נישט נאָר פאַר דער פאַמיליע האָט חיים אויפגעטאָן אַ סך זאַכן. ער איז בכלל געווען אַ מענטש מיט איינפאַלן און מיט אַ ווילדער ענערגיע. די באַקאַנטע האָבן אים גערופן „דער ווולקאַן" און מיט דער צייט האָט מען אים גערופן „חיים ווולקאַן" און קיינער האָט נישט געוווסט, אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז בערקאָוויטש. באַקאַנטע האָבן געפרעגט דעם זון זיינעם, פאַרוואָס ער רופט זיך נישט ווולקאַן...

חיים האָט אין משך פון זיין לעבן אונטערגענומען גרויסע געשעפטן. אַ סך פון זיי האָבן געפּלאַצט און ער איז פון זיי קוים אַרויס מיטן לעבן און מיט דער פרייהייט. און די דאָזיקע געשעפטן זיינע, וואָס זענען אַוועק גוט, האָבן

אַנדערע פאַרכאַפּט און זיי האָבן אים אַרויסגעשטויסן. און ער האָט זיך קיין מאָל נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן. ביי אים איז דער עיקר געווען נישט צו האָבן געלט, נאָר עפּעס אויפצוטאָן. דער קאָפּ און דאָס בלוט האָבן ביי אים שטענדיק געאַרבעט. און ער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַן אויפטוער ביי אַלע זיינע באַקאַנטע און ווייטע באַקאַנטע. כאָטש ער איז נישט געווען רייך האָבן אים אַלע רעספּעקטירט. אויך די נישט־ייִדן, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן פאַר אים געהאַט אַ סך אָפּשיי, הגם ער האָט ביז אין לעצט נישט גערעדט קיין קאָ־רעקטן שפּאַניש. ער האָט די שפּראַך גערעדט פליסיק, אָבער מיט אַ פרעמדן אַקצענט און מיט אַ היפּש ביסל גראַמאַטיקאַלע פעלערן. צוליב אַ גרויסער אונטערנעמונג האָט ער זיך אַמאָל באַזעצט אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון סאַנטיאַגאָ. און דאָס געשעפט איז, ווי די מערסטע געשעפטן זיינע, אַוועק שלעכט און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט דערפון, אָבער ער איז געבליבן מיט אַן ערלעכן נאָמען. און דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים איינשטימיק אויס־געקליבן פאַר בירגערמייסטער און ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מושל און מען האָט אים גערופן „סעניאָר אינטענדענטע”. עס האָט געקלונגען פרעמד: אַ ביר־גערמייסטער אין אַ טשילענער שטעטל, ווו עס איז נישט פאַראַן, אויסער אים, כמעט קיין איין אויסלענדער, זאָל טראָגן אַזאַ עקזאָטישן נאָמען ווי בערקאָוויטש. האָט מען אים טאַקע נישט גערופן סעניאָר בערקאָוויטש... נאָר „דאָן כאַיִמע”. לצים האָבן געזאָגט, אַז ער איז נאָך דעמאָלט אַפילו נישט געווען קיין טשילע־נער בירגער. דאָס איז געווען בלויז אַ שפּאַס. נאַטוראַליזירט האָט ער זיך באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין טשילע. ער פלעג זאָגן, אַז אין חלום איז אים אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָס לאַנד, וואָס געפינט זיך ביי די אַנדן און ביי דעם פּאַסיפיק זאָל זיין די היים זיינע. און אָט אַזוי האָט ער געפירט דאָס שטעטל און זיך אַלץ מער און מער אימפּאָנירט און אויפגעטאָן גרויסע זאַכן פאַר אַלעמען. ער האָט ברוקירט די סאַמע הינטערשטע געסלעך, איינגעאָרדנט גוטע שולן פאַר די קינדער, אויסגעבויט אַ פּרעכטיקן שפּיטאָל. ער אַליין האָט געלעבט באַשיידן, ער האָט געהאַט מעגלעכקייטן רייך צו ווערן און ער האָט נישט געוואָלט. עס זענען געקומען מאַכערס אים פאָרלייגן אַלערליי טונקעלע געשעפטן און ער האָט זיי פאַרטריבן פון זיך. זיי זענען אַלע געוואָרן זיינע שונאים, אָבער ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר זיי. מען האָט אים נישט געקענט פאָרוואַרפן קיין איין חטא. און ווען די שונאים זיינע האָבן געפּרוווט פאַרשפּרייטן בילבולים וועגן אים, האָט ער זיך אויך נישט געשראָקן, ווייל קיינער האָט זיי נישט געגלייבט און זיי האָבן טאַקע נישט געקענט עפּעס דערווייזן קעגן אים. נישט נאָר אין טשילע האָט מען גערעדט וועגן דעם, וואָס אַ פּשוטער בעסאַראַבער ייִד, אַ נישט־געלערנטער, איז געוואָרן בירגערמייסטער אין אַ שטאָט, נאָר אויך אין

שכנישע לענדער האָט מען וועגן דעם גערעדט. די ידיעה איז אָנגעקומען ביז צו זיינע אייגענע, די ברידער און שוועסטער און זייערע קינדער, וואָס זענען געווען צעשפּרייט אין עטלעכע דרום־אַמעריקאַנער לענדער.

ווען חיימס זון קלמן, וואָס די חברים האָבן גערופן קאַנראַדאַ, איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט דער פאָטער געמוזט אויפגעבן זיין בירגערמייסטער־שאַפט און פאָרן זיך באַזעצן אין סאַנטיאַגאָ. אין שטעטל, ווו ער האָט געוווינט איז קיין מיטלשול נישט געווען און דאָס קינד האָט געוואָלט און געקענט לער־נען. דער פאָטער האָט כסדר געחלומט, אַז דאָס, וואָס ער האָט נישט באַוויזן, וועט זיין זון באַוויזן: ער וועט ווערן אַ געלערנטער מאַן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט חיימען באַגלייט צו דער באַן און אַ סך האָבן נישט נאָר באַדויערט, וואָס ער פאָרט אַוועק, נאָר זיי האָבן אויך געוויינט אויף דעם. די אָרעמע און שוואַכע האָבן אים נאָכגעשריִען אַז ער איז געווען זייער פאָטער און אַז ער לאָזט זיי איצטער איבער יתומים.

אין דער טשילענער הויפּטשטאָט האָט חיים ווידער געפּרוווט מאַכן איין געשעפט און אַ צווייטס און עס איז נישט געגאַנגען. עס האָט אים אָנגעהויבן ציִען צו מלוכה־ענינים. ער האָט געבענקט נאָך דעם שטעטל, ווו ער איז געווען דער גאַנצע „יאַ טיעבע דאַם״. עפּעס איז אים אויסגעקומען, אַז אים פעלט דער עיקר. ער האָט געבענקט נאָך די פשוטע און אָרעמע מענער און פרויען, וואָס פלעגן קומען אין שטעטל ביי אים בעטן אַן עצה, אָדער זיך קלאָגן אויף עפּעס. אין ער האָט זיך גענומען שאַרן צו דעפּוטאַטן, סענאַטאָרן און אַפילו מיניס־טאָרן, בכדי צו קענען העלפן אָרעמע. ער איז מיט אייניקע פון זיי געוואָרן גאַנץ היימיש. געווען אויך אַנדערע ייִדן, וואָס זענען געווען נאָענט צו מלוכה־לייט און צו פּאָליציי, אָבער יענע האָבן געזוכט געשעפטן. חיים האָט דאָס נישט געזוכט, עס איז געקומען פון זיך אַליין. ער איז ווי געצוווּנגען געוואָרן צו מאַכן פאַרשידענע געשעפטן. זיין ערלעכער אינסטינקט האָט אים נישט געלאָזט זיך אַריינפּלאָנטערן אין טונקעלע געשעפטן. ער האָט אויף אַ גלייכן וועג געהאַט פּרנסה און ער האָט זיינע פּראָטעזשירער אויך געגעבן מעגלעכקייטן צו פאַר־דינען אויף אַן ערלעכן אופן

און „חיים וואָלקאַן״ איז געוואָרן אַ שם־דבר אין שטאָט. מען האָט אים געקענט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט, ווי איינעם, דורך וועלכן מען קען קריגן אַ טובה פאַר דעם ייִדישן כלל און טאַקע פאַר אַ ייִדישן יחיד אויך. ער האָט אַרויסגענומען אַן אַרעסטירטן ייִדן, ער האָט געהאָלפן קריגן אַ וויזע פאַר אַ קרוב פון אַ טשילענער ייִדישן תושב און מאַלע וואָס נאָך ער האָט אויפגעטאָן. זיינע אַקציעס זענען כסדר געשטיגן ביי ייִדן און ביי נישט־ייִדן. די לעצטע האָבן אים נאָך מער רעספּעקטירט. ער האָט זיי גענומען מיט זיין נישט געלט־

גייציקייט. ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון קיין פאַרדינסטן, אָבער ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין אָץ להעשיר. און דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט. ער איז געוואָרן דער פאַרטרויונגס־מענטש פון אַ סענאַטאָר, וואָס איז געוואָרן נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער פּרעזידענט פון דער טשילענער רע־פּובליק. ער איז געווען די רעכטע האַנט זיינע. אייניקע ייִדן האָבן אים גערופן „שני למלך", אַנדערע האָבן אים גערופן „דער וויצע־פּרעזידענט". אים אַליין איז געווען געפעלן דער נאָמען ווולקאַן. ער איז געווען שטאַרק צופרידן מיט דעם גליק, וואָס האָט אים געטראָפן און ער פלעג זיך איבערנעמען איבערהויפּט פאַר זיין פרוי. ער פלעג איר קענען אַ זאָג־טאָן:

— ביילע, אַנו, גיט אַ טאָפּ, איך האָב אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס?

חיים איז געווען איינער פון די באַרימטסטע מענטשן אין סאַנטיאַגאָ און אין גאַנצן לאַנד. אין טשילענער צייטונגען האָט מען זיין נאָמען אָפט דער־מאָנט. מען האָט אים גערופן „דער רוסאָ פון פּרעזידענט" און מיטן וואָרט „רוסאָ" האָט מען געמיינט „דער ייִד". עס זענען אומגעגאַנגען אַלערליי מע־שיות, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַנעקדאָטן. מען האָט געזאָגט, אַז ווען אַ מי־ניסטער וויל עפּעס פּועלן ביים פּרעזידענט, טוט ער דאָס דורך חיימען... נישט איין מאָל איז חיים געשטאַנען פאַר גרויסע און שווערע נסיונות. מען האָט אים פאַרגעלייגט צו מאַכן גרויסע געשעפטן, ביי וועלכע ער האָט געקענט רייך ווערן אין איין שמע ישראל, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז ער קען דעם פּרעזי־דענט און זיך אַליין אַריינפירן אין אַן אומגליק און ער האָט זיך געהיט, כאָטש מען האָט אים געפּרוווּט מיט אַלץ, וואָס עס קען נאַר זיין. מען האָט אים צוגע־זאָגט גרויסע מתנות, מען האָט צו אים געבראַכט שיינע פרויען. ער האָט גע־דאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן זיך אָפּצוזאָגן פון דעם אַלעמען און ער האָט דאָך אויסגעהאַלטן ייִדישקייט.

די פאַר יאָר, וואָס חיים איז געווען די רעכטע האַנט פון פּרעזידענט, זע־נען געווען די שטורעמדיקסטע אין זיין לעבן. ווי ניכטער דער קאָפּ איז ביי אים נישט געווען, איז ער דאָך שטענדיק אַרומגעגאַנגען ווי שיכור. מען האָט אים אַ מינוט נישט געלאָזט פאַרגעסן אין דעם, אַז ער איז אַזוי עולה לגדולה געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נישט ער אַליין, נאָר ער איז עפּעס אַ ייִד פון אַ מעשה אַרויס. קינדווייז האָט ער אין שטעטל זיך אָנגעהערט מיט אַ סך מעשיות וועגן ייִדן, וואָס זענען געוואָרן די עצה־געבערס ביי מלכים און זייערע רעכטע הענט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס קומט אים. ער האָט געהערט וועגן גרויסע געלערנטע ייִדן וואָס זענען געוואָרן די יועצים פון מלכים, אָבער ער איז דאָך אַ פּשוטער מענטש...

חיים האָט זיך געצווונגען איבערצורייסן די געדאַנקען, וואָס האָבן אים

צוריק געפירט צו זיין אַמאָליקער גרויסקייט. ער האָט איצטער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן די אַלע פריילעכע און טרויעריקע איבערלעבונגען אין יענער צייט. די גרויסקייט זיינע האָט אים פאַרשאַפט געגוג צרות. עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז ער זאָל זיך גטן מיט זיין ווייב און ער זאָל חתונה האָבן פאַר אַן אַנדערער, וואָס איז אַפילו קיין יידישע טאָכטער נישט געווען. דער זון איז שוין דעמאָלט געווען אַ היפשער בחור. ער האָט שוין באַלד געדאַרפט ענדיקן דעם ליצייִ און ער האָט זיך אַריינגעמישט און געשטעלט אויף דער מאַמעס זייט און צום איבעריקן האָט אים גאָט אַליין געהאָלפן. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט גאָט אים געהאָלפן. ער איז געווען אַ פשוטער ייִד און ער האָט גע־גלייבט אין גאָט. ווען עס איז אים געווען זייער שווער, פלעגט ער אַריינגיין אין אַ שול, זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים און זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר דעם אָרון־קודש און אים איז נישט נאָר גרינגער געוואָרן, נאָר אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג. ער האָט איצטער נישט גע־וואָלט טראַכטן וועגן דעם ווי אַזוי מען האָט זיין פּרעזידענט געצוואונגען צו רעזיגנירן און אַנטלויפן און ווי אַזוי ער האָט געמוזט אַנטלויפן מיט אים איינ־איינעם קיין אויסלאַנד און אַ לאַנגע צייט פעלן פון טשילע. פונקט ווי דאָס זיין דעם פּרעזידענטס פאַרטרויונגס־מענטש אין טשילע, איז פאַר אים געווען אַ צו גרויסע פרייד, איז פאַר אים דאָס אַראָפּזעצן דעם פּרעזידענט געווען די גרעסטע שווערקייט אין זיין לעבן. ער האָט איבערגעלעבט אַ סך ערדציטער־נישן אין טשילע. ער האָט מיט זיינע אויגן געזען, ווי שטיבער זענען איינגע־פאַלן און מענטשן זענען געהרגעט געוואָרן, אָבער ווי איז געקומען יענע איבער־לעבעניש צו דעם אַראָפּזעצן דעם פּרעזידענט? אים האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט גייט אונטער. און ער האָט געדאַרפט אין פּאַריז זאָרגן פאַר די פינאַנצן און פאַר דעם פּרעסטיזש פון אַנטלאָפענעם פּרעזידענט מיט זיין סוויטע. אַדאַנק אים האָט מען אין אויסלאַנד געקענט אָנהאַלטן שטאָט אַ לאַנגע צייט און דער מאַן, וואָס איז פאַר אים געווען דער גרעסטער מענטש פון טשילע, איז נישט פון דער גאַנצער וועלט, זאָל נישט פאַרשעמט ווערן. ווען ער טראַכט ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ באַוויזן, קערט זיך ביי אים אויך איצטער איבער דער קאָפּ. און ער האָט דעמאָלט געוווסט, און ער ווייסט דאָס ביז איצטער, אַז נישט ער אַליין איז ערשט אין פּאַריז גרויס געוואָרן אין אַראָפּגעזעצטן פּרעזידענטס אויגן, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז גרויס געוואָרן. ער האָט אים טאַקע נישט איין מאָל געזאָגט, אַז יידן קענען אַלץ. און מען האָט אפשר טאַקע געדאַרפט זיין אַ ייִד צו קענען באַוויזן דאָס שאַפן פינאַנצן פאַר דעם אַנטלאָפענעם מאַכטהאָבער. אַפילו אַזאַ קלייניקייט ווי קריגן בילעטן אין דער פּאַריזער אָפּערע, האָט קיינער פון דער סוויטע, אויסער חיימען נישט געקענט

באַוויזן. דער אַנטלאָפּענער מושל האָט זייער ליב געהאַט אָפּערע. גראָד איז געווען אַ סעזאָן, ווען מען איז שטאַרק געלאָפן צו די פֿאָרשטעלונגען אין דעם גרויסן פּאַריזער „אָפּעראַ״־טעאַטער. עס זענען טאַקע געווען דאָרט גוטע פֿאָר־שטעלונגען און עס זענען אויך געווען אַ סך רייכע טוריסטן. מען איז געלאָפן אַהין אי אויס ליבע צו מוזיק, אי אויס סנאָביזם. און דער געוועזענער מושל האָט דאָך נישט געקענט זיצן אַבי ווו. מען האָט דאָך נאָך געוווסט ווער ער איז געווען און ער אַליין האָט דאָך נאָך געהאַפּט צוריק צו ווערן דאָס דאָזיקע, וואָס ער איז געווען. חיים איז קיינמאָל נישט צוריקגעקומען פֿון „אָפּעראַ״־טעאַטער אָן אַ לאָזשע און זיין האַר און באַפעלער האָט אים שטענדיק געזאָגט, אַז ער געהער צו אַ פֿאָלק, וואָס קען באַווייזן נסים. און דער פּראָסטער ייִד איז געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער קאָמפּלימענט איז אַ גרויסער אויפטו פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק און אַז דער ייִדישער גאָט העלפֿט אים.

חיים האָט דערנאָך געוואָלט פֿאַרגעסן אין יענע איבערלעבענישן אָבער ער האָט נישט געקענט. ער איז פֿאַרבליבן מיטן נאָמען „וווּלקאַן״ און מיט די צונעמען „בירגערמייסטער״ און „שני למלך״. ער האָט באַוויזן צו ברענגען זיין מאַמען קיין בראַזיל, אַ דאַנק זיין אַמאָליקער גרויסקייט. ער איז שוין טאַקע געווען נישט מער ווי אַ געוועזענער. מען איז נישט אייביק פּרעזידענט און מען איז אַוודאי נישט אייביק קיין געוועזענער פּרעזידענט. און כאָטש ער איז ביים אומקערן זיך קיין טשילע געווען נישט מער ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט און אַ געשלאָגענער דערצו, האָט ער דאָך געהאַט פֿאַרבינדונגען, וואָס האָבן אים געהאָלפֿן צו קריגן אַ וויזע פֿאַר זיין מוטער אין אַ צייט, ווען אַנדערע האָבן שוין נישט געקענט קריגן קיין וויזעס אין קיין שום דרום־אַמעריקאַנער לאַנד אַריין. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין דער לעצטער צייט זענען צוויי פּלימעניקעס זיינע עולה לגדולה געוואָרן אין צוויי פֿאַרשידענע לענדער. ווען ער האָט אַראָפּגעבראַכט זיינע דריי ברידער מיט זייערע פֿאַמיליעס, האָט ער אַן־אָפּגעבראַכט אויך צוויי זין פֿון זיינע עלטערע צוויי ברידער. איינער איז אַלט געווען אַ יאָר דרייצן און דער אַנדערער אַ יאָר פֿופֿצן. זייט דעמאָלט זע־נען שוין געהאַט אַוועק אין דער אייביקייט אַריבער דרייסיק יאָר. ער האָט גע־וווּסט, אַז איינער פֿון זיי איז געוואָרן אַ סענאַטאָר אין באָליוויע און דער צווייִ־טער איז געוואָרן אַ גענעראַל אין פּאַראַגוויי. ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, האָט ער נישט געוווּסט. ווען ער איז געווען דעם פּרעזידענטס מענטש, האָט ער באַקומען בריוו פֿון די מערסטע אייגענע זיינע און ער האָט געוווּסט, וואָס ס׳טוט זיך מיט אַלעמען, אָבער, ווען ער איז געפֿאַלן, האָט מען אים געשריבן ווייניקער בריוו און ער האָט נישט געוווּסט וועגן דעם שטייגן פֿון די צוויי פּלימעניקעס אין די צוויי לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. ער האָט זיך וועגן

דעם דערוווסט, ווען זיי זענען שוין געווען אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון זייערע קאַריערעס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט דורך איינעם פון זיי געקענט קריגן אַ וויזע פאַר זיין מאַמען. עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז אַ גענעראַל, אָדער אַ סענאַטאָר זאָלן נישט קריגן קיין וויזע פאַר זיין באַבען. חיים האָט אָבער געוואָלט וויזן, אַז כאָטש ער איז געפאַלן, איז ער געבליבן שטיין אויף די פיס און ער קען דאָס דאָזיקע נאָך באַווייזן אַליין. און ער האָט עס טאַקע באַוויזן. ער האָט געפונען מיטלען צוצוקומען מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו דעם בראַזיליענישן אויסערן־מיניסטער, צו וועלכן ער איז ספּעציעל גע־פאָרן און ער האָט די וויזע באַקומען. ער האָט אויך באַקומען אַ ספּעציעלע רע־קאָמענדאַציע, אַז דער בראַזיליענער אַמבאַסאַדאָר אין רומעניע זאָל זיך באַ־מיִען, אַז מען זאָל זיין מאַמען אַרויסלאָזן און איר העלפן אַרויספאָרן.

פאַר חיימען איז דאָס קענען ברענגען די מאַמע צו זיינע שוועסטער אין בראַזיל געווען נישט קיין קלענערער נצחון, ווי דאָס ווערן די רעכטע האַנט פון דעם פּרעזידענט פון דער טשילענער רעפּובליק. עס האָט געשטעקט אַ ביטער זיסקייט אין אָט דעם נצחון. די מאַמע איז טאַקע געווען צו אים נישט ערגער, ווי צו אַלע אירע קינדער. זי האָט אים געוואָלט דערציִען, אַלציינס ווי אַלע אַנדערע זין. אָבער ווען ער האָט נישט געוואָלט לערנען, האָט זי אים אַרויס־געוויזן, אויב נישט קיין שנאה, איז זיכער אַ געוויסע גרינגשעצונג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אין דער משפּחה, די מאַמע בתוכם, באַטראַכטן אים ווי די קרעציקע שאָף פון דער סטאַדע. ווען ער האָט כמעט די גאַנצע משפּחה פריִער געבראַכט קיין דרום־אַמעריקע, האָט ער געפילט אַ ביטערע זיסקייט אין ווען ער האָט שפּעטער מיט צענדליקער יאָרן געבראַכט קיין בראַזיל די מוטער, האָט ער געפילט נאָך אַ שטאַרקערע ביטערע זיסקייט. ווען ער האָט די מוטער באַגעגנט אין שערבורג, האָט זי לאַנג געקוקט אויף אים. ער איז פון איר אַוועק, ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר און איצטער איז ער שוין געווען אַ מענטש אין די מיטן פופציקער. ער איז אויך נישט געווען ענלעך צו די אַנדערע זין אירע און זי האָט אים קוים דערקענט. זי האָט געהאַט אַ סימן אין אים — אַ וואָרצל אונטערן אויער און ווען זי האָט דעם דאָזיקן וואָרצל דערזען, איז זי געוואָרן גאָר אויפגעלעבט. און זי האָט ווייטער נישט אויפגע־הערט צו קוקן אויף אים און צו פרעגן:

— ביסטו טאַקע דאָס, מיין זון חיים?

און דעמאָלט איז אים אָנגעקומען איר צו געבן אַ שטאָך און זיך אָפּרע־בענען מיט איר און טאַקע דורך דעם מיט דער גאַנצער משפּחה, פאַר זייער גרינגשעצונג צו אים און ער האָט איר געענטפערט:

— יאָ, דאָס בין איך, דיין נישט־געראָטענער זון חיים.

די מוטער איז געווען אַ קלוגע און אַ שטאָלצע און זי האָט געקוקט אויף אים מיט ווערדע און מים אַ זיסן שמייכל און זי האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן. דערנאָך האָט זי אים אַ זאָג געטאָן:

— אין חומש איז דאָך שוין פאַראַן אַזאַ מעשה, ווי יוסף האָט פריִער גע־ראַטעוועט אַלע זיינע ברידער און דערנאָך דעם טאַטן אַליין.

— אָבער מיר — האָט חיים געזאָגט — האָט די מאַמע נישט מער ליב געהאַט, ווי די אַנדערע קינדער. מיר האָט זי נישט געמאַכט קיין זיידן העמדל...

— אָבער — האָט געזאָגט די מוטער — די ברידער האָבן דיך נישט אַזוי פיינט געהאַט ווי יוספן און דיך נישט פאַרקויפט פאַר קיין קנעכט און נישט אַריינגעוואָרפן אין קיין גרוב מיט שלאַנגען.

— זיי — האָט חיים געזאָגט — האָבן מיך טאַקע אין אַזאַ גרוב נישט אַריינגעוואָרפן, אָבער איך בין אַ סך מאָל געלעגן אין גריבער מיט שלאַנגען און מיט אַנדערע ווילדע חיות.

די מוטער האָט געקוקט אויף אים מילד און אַביסל אָנגעשטרענגט און זי האָט אַ היפשע צייט געשוויגן; דערנאָך האָט זי אים שטאַרק אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך און געקושט און אַ זאָג געטאָן:

— דאָס אַלץ וואָס דו דערציילסט, איז טאַקע זייער אינטערעסאַנט פאַר מיר און איך וויל טאַקע וויסן אַלץ, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט, אָבער קיין חשבונות פירן פאַר אַמאָל, דאַרף מען נישט. דו האָסט דאָך מיר נישט געבראַכט, אַז דו זאָלסט מיר אויסוואָרפן אַמאָליקע פאַרדרוסן און אפשר עוולות.

חיים האָט זיך פאַרשעמט און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז מער צו אָט די רייד וועט ער זיך קיין מאָל נישט אומקערן. עס זענען אים געקומען טרערן אין די אויגן אַריין. די טרערן זענען געווען אי פון חרטה, אי פון פרייד און ער האָט אַרומגענומען די מוטער און זיך ווידער אַמאָל צע־קושט מיט איר און ער האָט איר געגעבן צו פילן, אַז דערמיט ווערן פאַרענ־דיקט די אַלע אַמאָליקע טענות און אַז פון איצט און ווייטער וועט ער מיט איר רעדן וועגן דעם, וואָס אַלע האָבן איבערגעלעבט און וואָס מען דערוואַרט נאָך פון לעבן, אָבער צוריקגיין צו די קינדישע גערעכטיקייט און אומגערעכ־טיקייט וועט ער שוין קיין מאָל נישט.

די קנאַפּע דריי וואָכן, וואָס חיים איז געפאָרן מיט זיין מאַמען אויף דער שיף, זענען געווען פון די גליקלעכסטע אין זיין לעבן. אפשר איז ער געווען אַזוי גליקלעך די ערשטע צייט פון זיין חתן־ווערן און חתונה־האָבן פאַר ביילען

און ווען זיין זון איז געבוירן געוואָרן. אפשר איז ער געווען אַזוי גליקלעך אין די ערשטע טעג, ווען זיין סענאַטאָר איז געוואָרן פּרעזידענט און ער איז געבליבן זיין רעכטע האַנט. אָבער איןביידע פאַלן איז זיין גליק געווען אַ שכורע. דער קאָפּ איז אים דעמאָלט קיין מאָל נישט געווען ניכטער. פאַרברענגענדיק מיט דער מוטער אויף דער שיף, איז ער געווען גליקלעך און ניכטער. ער האָט געזען, אַז זיין מאַמע איז אַ חכמת און אַז זי פאַרמאָגט אפשר די זעלביקע פעי־קייט זיך צו קענען באַהערשן, ווי עס האָט אַרויסגעוויזן זיין האַר און הערשער, דער פּרעזידענט. נאָר דערפאַר, ווייל די מאַמע האָט זיך געקענט אַזוי ניכטער באַהערשן, האָט זי געקענט באַווייזן צו דערצי׳ען אַלע אירע אַכט קינדער, מיט וועלכע זי איז געבליבן, ווען זי איז געוואָרן אַן אלמנה. זי איז דאָך דעמאָלט נישט אַלט געווען מער ווי עפּעס אַריבער דרייסיק יאָר. אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע זענען דאָך יידישע פרויען פון דרייסיק יאָר נאָך גאָר יונ־גיטשקע. מיט דעם באַוווסטזיין און מיט דעם שטאָלץ פון אַ קעניגן האָט זי ווייטער געפירט דעם פאָטערס געשעפטן און זי האָט זיי נאָך גרעסער אַרויפ־געאַרבעט. ווען עס וואָלט נישט אונטערגעקומען די רעוואָלוציע מיט דעם פּאָגראָם און דערנאָך די מלחמה מיט דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָלט זי מסתמא געוואָרן פון די רייכסטע מענטשן אין גאַנץ בעסאַראַביע.

פאַרנדיק איינעם מיט זיין מוטער, האָט חיים זי באַזונדערס ליב באַקו־מען, ווייל ער האָט אין איר כאַראַקטער דערקענט זיך אַליין. ער איז אויסער־לעך נישט געווען ענלעך צו איר. זי איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים. זי האָט אויך פאַרמאָגט אַזאַ שיינקייט, וואָס האָט אים געפעלט, אָבער ער האָט געפילט, אַז אויב ער האָט ווי אַ גרינער געקענט באַווייזן צו ווערן בירגער־מייסטער אין אַ טשילענער שטאָט און דערנאָך די רעכטע האַנט פון דעם פּרע־זידענט אַליין, האָט ער די פעי׳קייט דערצו געירשנט ביי איר. אמת, זי האָט געהאַט אין זיך די מידות און דעם שטעל פון אַ קעניגן און ער איז דאָך צום גרעסטן געווען, בעת ער איז געוואָרן משרת ביי אַ מלך, אָבער זיין פּאָזיציע איז דאָך געווען אַ גאָר הויכע.

אין דעם אופן ווי די מוטער האָט אים דערציילט אירע איבערלעבונגען איז געווען אַ זעלטענע שטאָלצקייט. זי האָט דאָך איבערגעלעבט זייער אַ סך צרות און אויך דערנידעריקונגען. זי האָט איבערגעלעבט עטלעכע פּאָגראָמען. מען האָט צעראַבעוועט איר האָב און גוטס און זי האָט נישט איין מאָל זיך גע־דאַרפט באַהאַלטן אין קעלער און אַפילו אין רינשטאָקן. עס האָבן זי אַרעסטירט די אַלע, וואָס האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרנומען בעסאַראַביע. ווען די רומענער זענען אַהין אַריינגעקומען, האָט מען זי אַ סך מאָל געהאַלטן

אין תפיסה און מען האָט זי געשלעפּט אין געריכט אַריין. מען האָט זי חושד געווען, אַז זי האָט פאַרבינדונגען מיט די באָלשעוויקעס. זי האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי מען האָט אירע צוויי זין געשלאָגן. אירע אייניקלעך האָבן אויך איבערגעלעבט שרעקלעכע זאַכן ביי דעם רומענער און זיי האָבן אַ סך מאָל געמוזט אַנטלויפן און מען האָט זיי נישט איין מאָל געכאַפּט. זיי האָבן זיך אויסגעוואַלגערט אין אַ סך תפיסות פון בעסאַראַביע און רומעניע. דריי אייניקלעך זענען געלאָפן איבערן גרענעץ און מען האָט פון זיי מער קיין מאָל נישט געהערט און מען האָט געמעגט מורא האָבן, אַז מען האָט זיי דערשאָסן. זי האָט געהאַט געגוג יסורים פון דעם, וואָס זי האָט זעלטן ווען געהאַט אַ בריוו פון אירע קינדער און אייניקלעך אין דרום־אַמעריקע. זי האָט דאָך דאָ געהאַט זעקס קינדער און זעקס שנורן און איידעמס און צענדליקער אייניקלעך. ווען יעדער פון זיי וואָלטן איר געשריבן אַ בריוו בלויז איין מאָל אין אַ האַלב יאָר, וואָלט זי אויך געדאַרפט באַקומען אַ סך מער בריוו, ווי זי האָט באַקומען. און אַזוי ווי אויף דעם פּלאַץ האָט מען אַזוי פיל איבערגעלעבט, האָט זי דאָך געמעגט איבערטראַכטן, אַז אויך דאָ קען געשען וועד ווייס וואָס. זיצנדיק איין מאָל אויף דעם דעק פון דער שיף אין אַ פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך געטרונקען אין ים און ווען אויף דעם אויבערפלאַך פון וואַסער האָבן זיך באַוויזן אַלערליי ים־באַשעפענישן, וואָס האָבן געהאַט פאַרשיידענע אויסזעונס, האָט זי אים אָנגענומען ביי דער האַנט און זי האָט אים געזאָגט:

— זון מיינער, ווען אַלע מיינע קינדער און מיינע אייניקלעך וואָלטן איצטער געלעבט, וואָלט די צאָל פון אַלע מענטשן, וואָס זענען פון מיר אַרויסגעקומען שוין באַטראָפן אַריבער הונדערט און צוואַנציק. איך האָב איבערגעלעבט שרעק פאַר אַלע. פאַר מיר אַליין האָט מיך שוין נישט געאַרט. איך האָב אַליין איבערגעלעבט אַ סך טויטן, אָבער דאָס האָט מיך נישט געשראָקן. איך האָב דאָך שוין מיינס אָפּגעטאָן אויף גאָטס וועלט. איך האָב אָבער איבערגעלעבט הונדערטער טויטן פון אַלע מיינע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. אָט ווי דו זעסט מיך, האָב איך שוין איבערגעלעבט טויזנטער טויטן און דאָך לעב איך. אַפּנים, אַז עס איז באַשערט צו לעבן, לעבט מען...

די מוטער האָט רעדנדיק צו אים געהאַט טרערן אין די אויגן, אָבער געוויינט האָט זי נישט. זי האָט זיך באַהערשט מיט אַלע כוחות, אַז זי זאָל זיך נישט צעוויינען. זי איז געבליבן שטאַלץ טאַקע ווי אַ קעניגין. און חיים האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען דער פּרעזידענט זיינער האָט געמוזט אַנטלויפן און ער איז אין פּאַריז געווען אַ געשלאָגענער אימיגראַנט און עס זענען געווען טעג, ווען עס האָט אויסגעפעלט דאָס נייטיקסטע, האָט ער זיך קיין מאָל נישט געקלאָגט און געהאַלטן דעם קאָפּ אַזוי הויך, ווי עס האַלט אים איצטער זיין מאַמע.

אין דרום־אַמעריקע האָט שוין די מוטער דעמאָלט אויך געהאַט ביי די הונדערט יורשים. זי האָט געהאַט אויפן קאָפּ נישט בלויז די קינדער און די אייניקלעך, נאָר אויך די אוראייניקלעך. זי האָט זיי אַלע געדענקט און גע־וווּסט וויפל יעדער פון זיי איז אַלט און אויך וואָס זיי טוען. און אין משך פון דער רייזע האָט חיים איר געמוזט דערציילן וועגן אַלע. ער האָט נישט אַלץ גע־וווּסט, אָבער וואָס ער האָט געוווּסט האָט ער דערציילט. די מוטער האָט גע־וואָלט וויסן ווי אַזוי אין אייניקל אירס איז געוואָרן אַ גענעראַל און דער צווייטער אַ סענאַטאָר. חיים האָט איר דערויף געענטפערט מיטן אָנווייזן אויף זיך אַליין:

— זיי זענען געלערנטע, אָבער איך בין דאָך נישט קיין געלערנטער, ווי אַזוי בין איך געוואָרן די רעכטע האַנט פון פּרעזידענט פון אַ גרויס לאַנד?

— דו — האָט די מוטער געשמייכלט — ביסט דער מאַמעס זון, אָבער זיי זענען דאָך שוין פון אַ צווייטן דור.

— זענען זיי — האָט חיים געענטפערט — דער באָבעס אייניקלעך.

חיים האָט אין דער רייזע מיט דער מוטער איבערגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן אירס און אויך זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון דער גאַנצער משפּחה. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מוטער איז די קעניגין פון דער משפּחה און ער איז איר געזעצלעכער יורש. און ער האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז עס וועט נאָך דאַרפן קומען אַ מאָמענט, ווען ער וועט די מוטער צונויפפירן איינינעם מיט אַלע אירע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פאַנטאַזיע, אָבער איז דען דאָס גאַנצע לעבן זיינס נישט געווען קיין פאַנטאַזיע? און טאַקע דאָס ברענגען די מוטער, וואָס איז שוין אַלט געווען אַרי־בער פינף און זיבעציק יאָר, פון דער פאַשיסטישער רומעניע ביז קיין בראַזיל, נישט קיין פאַנטאַזיע?

און ווען חיים האָט איצטער באַקומען דעם בריוו, אין וועלכן די שוועס־טער האָט אים דערמאָנט, אַז די מוטער ווערט אין עטלעכע חדשים אַרום אַכ־ציק יאָר, האָט ער פריִער אַ קלער געטאָן, אַז ער וועט דאַרפן פאָרן צו איר קיין סאַן־פּאַולאָ צו איר אַכציקסטן געבוירנטאָג. און פּלוצעם האָט דאָס אים אַ ברי־געטאָן. ער האָט זי דערמאָנט אין זיין פאַנטאַזיע אויף דער שיף זי צוזאַ־מענצוברענגען מיט אַלע אירע יורשים און ער האָט זיך אַ זאָג געטאָן: „איצ־טער דאַרף דאָס געשען".

ביילע האָט דערקענט, אַז דער וווּלקאַן אין אים האָט אויפגעריסן. זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט אין יענעם מאָמענט פאַרטראַכט איינע פון זיינע גרויסע

משוגעתן. זי האָט נישט געוווּסט וועגן וואָס ער טראַכט, אָבער לויט זיין אומ־רויִקייט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זי וועגן גאָר אַ ווילדקייט. ער האָט אַ פּאָר מאָל געקוקט מיט אָנשטרענגונג און צאַרטקייט אויף איר און איר איז נישט איינגעפאַלן, אַז זי ווערט פאַר אים דער שווערסטער פּונקט. אים האָט זיך שוין געדאַכט, אַז אַלעמען וועט ער קענען צונויפברענגען צו דער מוטערס אַכציקסטן געבוירנטאָג, שווער וועט אים נאָר זיין צו ברענגען אַהין זי, די געליימטע פרוי זיינע.

ביילע האָט איר חיימען נישט דערקענט. אַ לאַנגע צייט, אַז ער האָט שוין נישט געשטורעמט. דער אַלטער „וואולקאַן" האָט אין אים דערוואַכט. ער האָט ווי אין די יונגע יאָרן געגומען ברויזן מיט פייער. ער האָט אַ רגע נישט גערוט. ער האָט זיצנדיק ביים טיש כסדר געקלאַפּט מיט די פינגער און נישט איין מאָל האָט ער דערלאַנגט אַזאַ טראַסק אין טיש אַריין, אַז אַלץ אויף אים האָט זיך צעציטערט.

דער געדאַנק איז ביי אים גיך רייף געוואָרן: ער וועט צונויפנעמען קיין סאַן־פּאַולאָ אַלע קינדער, שנורן, איידעמס, אייניקלעך און אוראייניקלעך פון דער מאַמען. צום אַכציקסטן געבוירנטאָג אירן וועט ער זיי צונויפנעמען. ער האָט גענומען מאַכן אַ חשבון. די גרעסטע צאָל געפינט זיך אין אַרגענטינע. די מערסטע אין בוענאָס־איירעס גופא, איניקע אין פּראָווינציעלע שטעט. אין אַרגענטינע, ווו עס לעבן די צוויי זין, וועלכע האָבן מערער קינדער פון אַלע, דאַרפן אַרום און אַרום זיין אינאיינעם מיט די אייניקלעך און אוראייניקלעך ביי די דרייסיק נפשות. אין פּערו, ווו עס וווינט איין זון זענען דאָ אַ זעקס נפשות. אין באָליוויע און אין פּאַראַגוויי זענען פּאַראַן צו דריי. אין סאַן־פּאַולאָ זענען דאָ אַ פערצן פּערזאָן. אין סאַנטיאַגאָ זענען זיי נישט מערער ווי דריי, וואָס וועלן אפשר זיין בלויז צוויי, ווייל די פרוי וועט נישט קענען פאָרן. אין סך־הכל זענען זיי אַ פופציק פּערזאָן. אפשר נאָך עפּעס מער. ווען עס וואָלטן נאָך געווען די אייניקלעך און אוראייניקלעך, וואָס זענען געבליבן אין רוס־לאַנד, וואָלטן שוין געווען זיבעציק נפשות, אַזויפיל מיט וויפל יעקב אָבינו איז אַוועק קיין מצרים.

ער האָט באַלד געמאַכט דעם חשבון, אַז דעם יום־טוב דאַרף מען מאַכן אין סאַן־פּאַולאָ. דאָרטן זענען פּאַראַןביידע שוועסטער און צוויי פרויען אויפן אָרט מיינט זייער אַ סך ביים דורכפירן אַזאַ יום־טוב. און די מאַמע אַליין איז דאָך אויך דאָרטן. זי איז טאַקע געזונט, די מאַמע, אָבער שלעפּן אַן אַכציק יאָריקע פרוי מיט דעם עראָפּלאַן, אָדער פינף טעג מיט דער שיף, איז נישט קיין עסק. און די פערצן מענטשן, וואָס זענען דאָרטן אויפן פּלאַץ, מיינט דאָך אויך עפּעס. איינשפּאָרן רייזעס פון פערצן מענטשן מיינט אַ סך. איי, אין בוענאָס־איירעס וואָלט מען געקענט איינשפּאָרן דרייסיק רייזעס? האָט ער אָבער געוווסט, אַז קיין בוענאָס־איירעס וועלן אַ סך נישט וועלן קומען. קודם־כל

וועלן אַהין נישט וועלן קומען די „סענאַטאָרס פון באָליוויע און די גענעראַלן פון פּאַראַגוויי". ער האָט דעם איינעם סענאַטאָר גערופן „סענאַטאָרס" און דעם איינעם גענעראַל — „גענעראַלן"... זיי וועלן נישט וועלן קומען אַהין, ווייל זיי וויסן, אַז מען וועט דאָרטן צופיל צעפּויקן זייער ייִדישקייט...

חיים האָט געוווּסט פּינקטלעך, ווען דער מוטערס געבוירנטאָג איז. ער האָט געקוקט אין ייִדישן קאַלענדאַר און אין נישט־ייִדישן און ער האָט אויסגע־רעכנט, אַז דער דאָזיקער טאָג וועט געפאַלן אין קנאַפּע זעקס חדשים אַרום. עס וועט אויסקומען אָנהייב אויגוסט. דאָס איז אַ גוטע צייט אין בראַזיל, סוף ווינטער. עס איז נאָך נישט שטאַרק הייס און צייט צונויפצושטעלן די גאַנצע זאַך האָט ער פונקט גענוג. די פּאָסט גייט טאַקע זייער שלעכט אין דרום־אַמע־ריקע און צו יעדן איינעם וועט מען דאַרפן שרייבן עטלעכע מאָל. און טאָמער וועלן די בריוו נישט העלפן, וועט זיין אַיין טעלעגראַמע און אַ צווייטע. און אַז עס וועט זיין נייטיק, וועט ער אַריינפאָרן אויך. ער האָט באַלד געמאַכט דעם חשבון, אַז צו די „סענאַטאָרס" און „גענעראַלן" וועט ער דאַרפן אַריינפאָרן.

ער איז געווען צו פּראַקטיש, חיים ווולקאַן, נישט צו וויסן, אַז אַ געלט־פראַגע וועט אויך זיין. אָפּדינגען אַ מיטעלן האָטעל אויף צוויי וואָכן אין סאַן־פּאַולאָ שמעקט מיט אַ סך געלט. און אַ גרויסער באַנקעט מיטן גאַנצן קנאַק און מיט פּאַרבעטענע געסט וועט אויך דאַרפן זיין. און אַ שמחה פּאַר דער יוגנט מיט אַן אָרקעסטער און מיט טענץ. און עפּעס אַן אָרטיקער רב און אַ מאָדערנער ר'עדנער און אַ קינסטלערישער פּראָגראַם מיט געזאַנג און שפּיל, דאַרף דאָך אויך זיין. די שוועסטער אין סאַן־פּאַולאָ האָבן ווייניק געלט און זיי וועלן עפּעס געבן פּאַר יוצא זיין. און די „סענאַטאָרס און גענעראַלן" זענען נישט קיין געבער און זיי זענען טאַקע נישט קיין גרויסע האָבערס. וועט די גאַנצע זאַך פאַלן אויף אויף אים, די צוויי ברידער פון בוענאָס־איירעס און דעם איינעם ברודער פון לימאַ. די קינדער זייערע האָבן נישט קיין סך און זיי וועלן ווייניק אויך נישט געבן. און אין געדאַנק האָט ער דעם חשבון געהאַט פּאַרטיק. צען טעג פּאַר פּופציק מענטשן, דאַרף מען רעכענען כאָטש צוואַנציק דאָלער אַ מענטש. איז דאָס אַ קימא־לן פון צען טויזנט דאָלאַר. דאָס איז זייער מילד גערעכנט. וואָרום עפּעס אַ מתנה דער מאַמען דאַרף מען אויך געבן און ערגעץ פאַרשרייבן איר נאָמען דאַרף מען אויך. אין די אַמאָליקע יאָרן וואָלט ער אַליין גענומען אויף זיך אַזאַ סומע, היינט אָבער איז ער דאָך נאָר דער געוועזענער שני למלך פון טשילע...

דאָן האָט ער זיך נישט אָפּגעשראָקן און גענומען שרייבן בריוו. די ייִדישע בריוו האָט ער אַליין געשריבן. ער האָט זיך צעקאַטשעט ביים שרייבן. ער האָט זיי געשריבן צו די דריי ברידער און צו די צוויי שוועסטער מיט די שוואָגערס. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז נישט ער שרייבט צו זיי, נאָר ער רעדט צו

זי'. און טאַקע דערפאַר זענען די בריוו אַרויס צו־לאַנג. גרינג איז אים דאָס שרייבן קיינמאָל נישט אָנגעקומען און אַזעלכע פינף בריוו האָבן אים פשוט אונטערגעריסן. אָבער פון דעם אַליין, וואָס ער האָט געהאָרעוועט, איז ער גע־וואָרן ענערגישער און מוטיקער. ער איז געוואָרן ביי זיך אַליין וויכטיק. ער האָט זיך געזאָגט, אַז די אַלע ברידער, וואָס האָבן מערער געלערנט פון אים, וואָלטן קיין בעסערע בריוו נישט אָנגעשריבן. ער האָט אי ווי גערעדט אין זיי צו ברידער און שוועסטער, אי גערעדט ווי דער פרעזידענט צו מיניסטאָרן.

צו די שפּאַנישע בריוו האָט ער זיך צוגענומען אַ סעקרעטאַר. און עס האָט געדויערט זייער לאַנג. ער האָט ביי יעדן וואָרט געדאַרפט טראַכטן. דער סעק־רעטאַר, אַ יִידיש יִינגל, אַ געבוירענער אין טשילע, האָט פאַרשטאַנען יִדיש אויפן שפּיץ מעסער און ער האָט געהאַט אויפן זינען סאַמע אַזעלכע יִדישע ווערטער, וואָס ביידע האָבן נישט געקענט איבערזעצן. און דעם גאַנצן געדאַנק האָט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי אויסצולייגן אויף יִדיש. צום אייגענעם ברודער, אָדער דער שוועסטער, האָט ער געשריבן, אַז ס'איז צייט צו טראַכטן אויך ווי מענטשן און נישט ווי בהמות. „איין מאַמע, — האָט ער געשריבן, — האָבן מיר; קיין צווייטע וועלן מיר נישט געפינען. און זי ווערט אַכציק יאָר. דאַרפן מיר זיך זען מיט איר. און מיר קענען זיך ביי אָט דער געלעגנהייט אויך זען נאָך איין מאָל אין לעבן. מיר זענען אַלע פון איין בלוט און פלייש און מיר זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גרויסער דרום־אַמעריקע און עס זענען צווישן אונדז פאַראַן ברידער, וואָס האָבן זיך שוין נישט געזען אַריבער פינף און צוואַנציק יאָר. און מיר האָבן קינדער, וואָס קענען נישט איינער דעם אַנ־דערן. אַז עס וועט קומען „די ריכטיקע צייט" פאַר עמעצן פון אונדז, וועלן מיר אַ וויין־טאָן, אָבער זי פרייען אינאיינעם האָבן מיר קיינמאָל נישט באַוויזן און ביי דער געלעגנהייט וואָס די מאַמע ווערט אַכציק יאָר קענען מיר זיך אַלע טרעפן און פרייען. מיר דאַרפן דאָס נאָר וועלן. און איך איינער וויל דאָס פאַר אַלע אינאיינעם. און איך וויל דאָס נישט נאָר מיט דעם, וואָס איך שרייב בריוו, נאָר אויך מיט דעם, וואָס איך וויל דאָס אָרגאַניזירן. אַז איך וועל דערביי דאַרפן פּטרן די גאַנצע צייט ביז דעמאָלט, וועל איך דאָס מיט פאַרגעניגן טאָן. און כאָטש איך בין היינט נישט קיין „שני למלך" און נישט קיין רייכער מאַן אַוּן נישט קיין גרויסער פאַרדינער, בין איך גרייט אַריינצולייגן אַ סך, אַ סך געלט... און איך גלייב נאָך אין גאָט און אין דער תורה. כיבוד־אם איז נישט קיין קלייניקייט. און ווי אַזוי נאָך קענען מיר מקיים זיין כיבוד־אם, אַז נישט דורך קומען באַגריסן די מאַמע צו איר אַכציקסטן געבוירנטאָג, און קומען אַלע אינאיינעם, זי זאָל זען, אַז ס'איז דאָ, וואָס צו זען?"...

און דערנאָך האָט חיים אַרויסגעשריבן דעם גאַנצן פּלאַן, אַז די גאַנצע

משפּחה זאָל זיך טרעפן אין אויגוסט אין סאַן־פּאַולאָ און וווינען אינאײנעם און עסן און טרינקען אינאײנעם און רעדן און דערציילן... דער פּלאַן איז פון זיך אַליין געוואַקסן פאַנטאַסטיש. דריי נעכט וועט מען זיצן ביז האַלבע נאַכט און ווער עס וועט וועלן, וועט דערציילן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. און דערנאָך וועט ערשט קומען אײן יום־טוב און אַ צווייטער...

אָבער ווען ער האָט געדאַרפט שרייבן די שפּאַנישע בריוו, זענען אים „די אָקסן נישט געווען אין דער היים". ער האָט זיך דערפילט אַלצײנס, ווי ווען מען האָט אים ייִנגלוויז פאַרהערט חומש מיט רש"י און אים „זענען געבליבן שטיין די אָקסן אונטערן באַרג". ער האָט דיקטירט ווערטער, אָבער ער האָט געפילט, אַז ס'איז נישט דאָס. ער רעדט זיי וואָרעם און מיט האַרץ, אָבער ווען דער סעקרעטאַר, וועמען ער דיקטירט, לייענט זיי דערנאָך איבער, זענען זיי עפּעס קאַלט. און אויף צו־להכעיס האָט ער געדאַרפט שרייבן אַ סך שפּאַנישע בריוו. ער האָט געשריבן שפּאַנישע בריוו צו אַלע חתונה געהאַטע קינדער פון די ברידער. די נישט חתונה געהאַטע זענען איינגעלאַדן געוואָרן דורך די בריוו צו די עלטערן. ער האָט געוווסט, אַז אַ סך פון די קינדער האָבן געלערנט אין ייִדישע שולעס, אָבער אויף די אַלע ייִדישע שולגייער קען מען זיך רעכט נישט פאַרלאָזן. אַז זיי קענען אַפילו, קענען זיי אויך נישט. די בעסטע פון זיי רעדן עפּעס ווי די גוייִם האָבן גערעדט ייִדיש דאָרטן אין בעסעראַבישן שטעטל און אויף „אין דער ערד אַריין" האָבן זיי געזאָגט „אין דראַנד אַראַן"... אַ „זייען" איז ביי זיי אַ „סמך" און אַ למד איז אַ ליאַמעד... און קיין „איז" איז אינגאַנצן נישטאָ. „מען האָט געזעסן" און „מען האָט געשלאָפן". און „פאָרן" איז נישטאָ. מען „גייט" מיט אַ באַן און מיט אַ שיף און מיט אַן אויטאָ. און „צעריסן" איז „צעבראָכן". זיי גייען מיט „צעבראָכענע" הויזן און מיט „צעבראָכענע" רעקלעך. זיין אייגענער זון, וואָס רעדט מיט אים שטענדיק ייִדיש, האָט נישט לאַנג אים געזאָגט, אַז זיינס אַ באַקאַנט קריסטלעך מיידל איז געוואָרן אַ ייִדישע, האָט ער געזאָגט, אַז זי „האָט זיך געשמדט אויף אַ ייִדישער", שטאָט צו זאָגן „זי האָט זיך מגייר געווען". ניין, ער האָט באַשלאָסן, אַז צו די הי־געבוירענע קינדער פון זיינע ברידער וועט ער קיין ייִדיש נישט שרייבן און אַפילו צו זיינע צוויי פּלימעניקעס אין באָליוויע און פּאַראַגוויי, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַ סענאַטאָר און דער צווייטער אַ גענעראַל, וועט ער אויך נישט שרייבן קיין ייִדיש, כאָטש זיי זענען געקומען קיין אַרגענטינע, ווען זיי זענען שוין געווען היפּשע ייִנגלעך, נאָך בר־מצווה און זיי האָבן שוין אין דער היים גאַנץ גוט געשריבן און געלייענט ייִדיש.

אַז זיי האָבן געגרייכט אַזעלכע הויכע פּאָזיציעס אין די צוויי לענדער, האָבן זיי זיך געביטן די נעמען און זיי האָבן „פאַרגעסן" ייִדיש. און די שפּאַ־

ב׳שע בריוו צו אָט די צוויי איז חיימען אָנגעקומען שווערער צו שרייבן, ווי אַלע אַנדערע. די אַנדערע זענען געווען אָדער אינטעלעקטואַלן, אָדער אָנגעשטעלטע און אַ בריוו צו זיי איז געווען פּשוט. ער האָט זיי געשריבן, אַז אַזוי ווי זייער באָבע, וואָס געפינט זיך אין סאַן פּאַולאָ, ווערט אין אַ קאַרגן האַלבן יאָר אַרום אַכציק יאָר, און די גאַנצע פאַמיליע האָט באַשלאָסן צו קומען אין יענער בראַזיליענער שטאָט זי צו באַגריסן צו איר גרויסן יובילעי, לאַדט ער אויך איין, אַז זיי זאָלן קומען. אַזאַ־אָ מין בריוו האָט ער דיקטירט דעם סעקרעטאַר און ער האָט אַביסל צוגעגעבן פליטערלעך און דער סעקרעטאַר האָט דאָס אַביסל באַפּוצט און ער האָט געמאַכט אַ סך קאָפּיעס פון אים און דערנאָך האָט מען צוגעשריבן יעדנס נאָמען און אַוועקגעשיקט. דער עיקר איז געווען, וואָס ער האָט זיי אַביסל אָפּגענאַרט. ער האָט זיי געשריבן, אַז די זאַך איז שוין אַ דערליידיקטע. דער באַשלוס איז שוין אָנגענומען געוואָרן. אַנדערש איז אָבער געווען מיט „די גענעראַלן און סענאַטאָרס״, זיי האָט ער געדאַרפט שרייבן יעדן איינעם אַ באַזונדערן בריוו און ער האָט זיי געדאַרפט דערציילן, אַז ער באַראָט זיך קלוימערשט מיט זיי און אַז ער פרעגט זייער מיינונג און זיין מיינונג איז, אַז עס וואָלט געווען גוט די גאַנצע משפחה זאָל זיך צונויפקומען אין סאַן־פּאַולאָ אין טאָג פון דער באָבעס אַכציקסטן געבוירנטאָג און ער פרעגט דערביי זייער מיינונג און ער וואַרט אויף דעם. און ביי אָט די צוויי בריוו האָט חיים זיך אַליין גוט אָנגעמוטשעט און ער האָט אויך שטאַרק אָנגעמוטשעט זיין סעקרעטאַר.

צום סענאַטאָר, וואָס האָט זיך גערופן ד״ר עסטעבאַן בערק און האָט געוווינט אין באָליוויע, אין דער הויכער שטאָט לאַ פּאַז, האָט ער געשריבן דיפּלאָמאַטיש, ער האָט אים אויסגעמאָלן, אַז ער שטעלט זיך פאָר די זאַך, ווי אַ גרויסע פּאָליטישע געשעעניש, ווי אַ קעניג, אָדער אַ פּרעזידענט פון אַ לאַנד רופט צונויף אַלע מיניסטאָרן צו עפּעס אַ גרויסער פייערלעכקייט. אמת, האָט ער אים געשריבן, די באָבע אַליין האָט גאָרנישט דערמאָנט אַפילו וועגן דעם. זי האָט אַפילו קיינעם נישט געשריבן, אַז זי ווערט אַכציק יאָר, אָבער מיר האָבן זיך דערוווּסט, איז אונדזער חוב עפּעס צו טאָן דערפאַר. און ער האָט כסדר געבוצט דאָס וואָרט „מיר״. עס זאָל אויסקומען, אַז ער, דער סענאַטאָר, איז אויך געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך דערוווּסט: און חוץ דעם האָט ער אים געמאַכט קאָמפּלימענטן און ער האָט אים געשריבן, אַז מיט אים האָט ער קיין דאגה נישט און ער איז זיכער, אַז ער וועט די זאַך גוט באַנעמען און ער וועט זיין דער ערשטער אויף זיין ערן־פּאָסטן. צו דעם גענעראַל אין אַסונסיאָן פּאַראַגווי, וואָס האָט זיך גערופן וואַשינגטאָן קאַוויס, האָט ער געשריבן אַנדערש. ער האָט פאָרגעשטעלט די זאַך ווי עפּעס אַ גרויסער פעלדמאַרשאַל פון די אַמאָליקע צייטן, אַן אַלעקסאַנדער מוקדון, אָדער אַ נאַפּאָלעאָן, רופט צונויף

די גאַנצע אַרמיי זיינע פאַר אַ יום־טובדיקער רעוויזיע און פריִער רופט ער צונויף זיינע אַלע גענעראַלן און ער באַראַט זיך מיט אים ווי אַזוי דורכצופירן די זאַך. און חיים האָט דערצו צוגעגעבן: דער איינציקער מיט וועמען איך דאַרף זיך אין אַזאַ פאַל באַראַטן, ביסטו דאָך. דו ביסט דאָך דער איינציקער גרויסער מיליטערמאַן אין דער משפּחה פון די בערקאָוויסיס, כאָטש דו רופסט זיך בלויז „קאָוויס" און דעם „בער" פון פריִער און די לעצטע „יוד" האָסטו פאַרלוירן. וואָלט נישט געווען פרעג איך דיך, צי וואָלט נישט געווען אַ געדאַנק, אַז מיר, די אַלע, וואָס קומען אַרויס פון מיין מאַמען און דיין באָבען און וואָס מיר זענען אין דרום־אַמעריקע אַליין אַריבער פופציק פערזאָן זאָלן זיך צונויפקומען אין סאַן־פּאַולאָ און פאַרשאַפן אַ גליק און אַ פרייד דער אַכציק־יעריקער פרוי, וואָס ווען נישט זי, וואָלסטו אויף דער וועלט נישט געווען און נישט קיינער פון אונדז?". און ער האָט אים געשריבן, אַז די באָבע איז אייגנטלעך געווען אַ גרויסער סטראַטעג אין איר יוגנט, ווען זי איז געבליבן אַן אלמנה מיט אַכט קינדער און זי האָט אַלע באַוויזן צו מאַכן פאַר מענטשן. ער איז איבערצייגט, אַז ער, דער גענעראַל, וואָס האָט אין דער היים געהייסן וועלוול און דאָ הייסט ער אַזש וואַשינגטאָן, האָט זיינע מיליטערישע און סטראַטעגישע פעיִקייטן גע־ירשנט פון זיין באָבען. און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער געדענקט, אַז אין דער צייט פון קריג אין טשאַקאָ, ביי וועלכן זיין לאַנד האָט טאַקע די מלחמה פאַר־לוירן, האָט ער, וואַשינגטאָן קאָוויס, אַרויסגעוויזן אַ סך העלדישקייטן און זיך אויסגעצייכנט ווי אַ גרויסער סטראַטעג און ווען ער וואָלט געווען קאָמענדאַנט, וואָלט זיין לאַנד נישט געווען פאַרלוירן די מלחמה.

נאָך די צוויי בריוו קיין לאַ פּאַז און אַסונסיאָן האָט חיים זיך געפילט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט געדאַרפט אָפּטאָן אַ שווער שטיקל אַרבעט און ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט באַקומען ענטפערס אויף אַלע זיינע בריוו, וואָס זייער צאָל האָט געגרייכט צו קנאַפּע צוויי צענד־ליק און אַז די זאַך וועט שוין איצטער גיין, ווי געשמירט. און אַלץ אין אים האָט איצטער געשטורעמט און ער האָט נישט געקענט איינזיצן. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה, ער האָט איצטער זיך געמוזט אַנידערזעצן און וואַרטן אויף די ענטפערס, וואָס דאַרפן אָנקומען. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט די ענטפערס באַקומען, אָבער ער האָט אויך גוט געוווסט ווי אַזוי עס גייט די פּאָסט אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, כאָטש ער האָט אַלע בריוו געשיקט דורך לופט. ער האָט אַ סך מאָל געהערט חכמות וועגן די פאַרשפּעטיקונגען פון דער פּאָסט. אַ בריוו, וואָס מען האָט געשיקט צו אַ בר־מצווה, איז אָנגעקומען צו דער חתונה און אַ בריוו, וואָס מען האָט געשיקט צו דער חתונה, איז אָנגעקו־מען צום ברית.

און ווי לאַנג עס האָט נישט געדויערט זענען דאָך אָנגעקומען ענטפערס. דער ערשטער ענטפער איז אָנגעקומען פון חיימס ברודער אין פּערו, וואָס האָט געהייסן אַהרון און מען האָט אים גערופן אַראַנטשיק, כאָטש ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 54 יאָר האָט מען אים נאָך אַלץ גערופן אַראַנטשיק. ער האָט געשריבן, אַז ער און די פרוי פילן זיך גוט און אַז זיי האָבן נחת פון זייער געראָטענעם זון, וואָס איז אַ סעקרעטאַר און די רעכטע האַנט פון אַ מיניסטער און פון זייער שיינער שנור מיט זייערע געראָטענע קינדער. די פרוי זיינע, סאָניאַ, האָט ער געשריבן, קרענקט אַמאָל אונטער, אָבער דאָס פּאַסירט מיט אַלע פרויען, בכלל איז זי נאָך אַ מענטש און זי קען נאָך עסן אין סוכה. ער און די פרוי ווילן אַוודאי קומען צו דער מוטער און דער שוויגער אויפן אַכציקיעריקן געבורנטאָג, כאָטש עס איז פאַראַנען אַ שוועריקייט דערביי. מען קען נישט אַזוי פלוצים זיך אויפהייבן און איבערלאָזן דאָס געשעפט אויף הפקר און פאַרן. אָבער וויפל מאָמעס האָט אַ מענטש? אין דעם געשעפט איז שוין קיין מגיעה נישט פאַראַן. אַ שוועריקייט איז דאָ אַן ערגערע: מען גיט נישט די יידן אין פּערו קיין דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, עס הייסט: אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן גיט מען זיי דווקא יאָ, אָבער נישט קיין דערלויבעניש צוריק צו קומען, און עס האָט שוין פּאַסירט, אַז יידן זענען פון דאַנען אַרויסגעפאָרן און געלאָזט גרויסע געשעפטן און קינדער און מען האָט זיי צוריק נישט אַריינגעלאָזט. גייט עס אין דעם, צי זיי וועלן קריגן אַ דערלויבעניש צוריק צו קומען. אויב יאָ, וועלן זיי זיין די ערשטע אין סאַן־פּאַולאָ. וועגן זון אָבער קענען זיי גאָרנישט ענטפערן, ווייל ער קען נישט איבערלאָזן דעם מיניסטער זיינעם אַזויאָ, ווי אַן אַ האַנט... איבעריקס וועט דער זון אַליין שרייבן.

ביים לייענען אָט־אָ דעם בריוו האָט חיים זיך געטראַכט: דער זון איז די רעכטע האַנט ביי אַ מיניסטער און ער קען נישט קריגן פאַרן טאַטן קיין דערלויבעניש אַריינצופאָרן צוריק אין לאַנד אַריין. עס האָט אים אַזש אָנגעהויבן בייסן די פינגער און ער האָט באַלד געוואָלט לויפן ערגעץ און פועלן אַ רעקאָמענדאַציע צום פּרעזידענט פון פּערו אַליין, אַז ער זאָל געבן אַ דערלויבעניש צוריקקומען אין לאַנד אַריין דעם סעניאָר אַראָן בערקאָוויסי און זיין פרוי סאָניאַ. ער האָט זיך אָבער באַטראַכט, אַז עס קען זיין, אַז עס איז נישט נויטיק קיין רעקאָמענדאַציע אַזש צום פּרעזידענט און עס וועט זיין גענוג אַ בריוו צו עפּעס אַ מיניסטער, אָדער נאָך אַ קלענערער שישקע. און ער האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט און ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין ברודער און אים געזאָגט, אַז כאָטש ער איז היינט שוין קיינער נישט און נאָר אַ געוועזענער שנילמלך, ער איז די געוועזענע רעכטע האַנט פון געוועזענעם פּרעזידענט, וועלכן מען האָט אַראָפּגעזעצט און פאַרטריבן פון טשילע, קען ער יאָ אויסווירקן אַז

מען זאָל זיין ברודער אין לימאַ, אין דער שיינער שטאָט פון דער שרעקלעכער אינקוויזיציע, געבן אַ דערלויבעניש צוריק צו קומען, ער דאַרף נאָר וויסן צו וועמען זיך צו ווענדן. ער האָט דאָך באַמערקט אין דעם זעלביקן בריוו, אַז ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס דער זון זיינער, וואָס איז אַזאַ קנעפּל מיט אַ מיניסטער זאָל דאָס דאָזיקע נישט קענען באַווייזן אויפן אָרט.

און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס זענען אָנגעקומען צוויי בריוו פון זיינע צוויי ברידער אין בוענאָס־איירעס, וואָס האָבן ביידע אויסגעדריקט די גרייטקייט צו קומען און האָבן אים ביידע געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז ער האָט נאָך אַלץ אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און דאָס פאָרן צו דער מאַמען צום אַכציקסטן געבוירנטאָג וועט זיין אַזאַ שיינער אויפטו, אויב דאָס וועט געראָטן, אַז מען וועט אים דאַרפן ערגעץ פאַרשרייבן אין אַ גאָלדענעם בוך דערפאַר. דער יינגסטער ברודער זיינער, דער פופציק־יעריקער סאַלאָמאָן, וועלכן מען האָט אין דער היים גערופן זלמן, און וועלכער האָט זיך ליב געהאַט צו חכמהנען, האָט אים געשריבן, אַז אויב נישט אין גאָלדענעם בוך, וועט מען אים כאָטש דאַרפן פאַרשרייבן „צווישן די ראבבע פאַסאָלעס". ביידע ברידער האָבן געשריבן דאָס זעלביקע און כמעט מיט די זעלביקע ווערטער, גלייך זיי וואָלטן זיך געוועזן פריִער אָפּגערעדט צווישן זיך. זיי האָבן זיך ביידע באַכגעפרעגט וויפל דאָס דאָזיקע גרויסע פאַרגעניגן וועט קאָסטן בכלל און וויפל וועט עס אויסטראָגן אויף זייער חלק. און ביידע האָבן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל נישט מיינען, אַז זיי זענען טאַקע אַזוי רייך, ווי מען זאָגט אַז זיי זענען און ער זאָל זיי באַהאַנדלען מיט רחמנות. דערצו האָט יעדער פון זיי קינדער. אפשר נישט געראָטענע אויך, אָבער די מערסטע דווקא געראָטענע און דווקא צו די געראָטענע דאַרף מען אַ סך געלט. איז אַ קינד אַ דאָקטער, דאַרף מען גאָר אַ סך געלט פאַר אַ קאָנסולטאָריע און איז אַן אַנדערער אַן אַדוואָקאַט, קאָסט דער קאַבינעט ווייניקער, דאַרף מען אָבער אַנדערע זאַכן. וועגן די קינדער האָבן זיי ביידע געשריבן, אַז היינטיקע קינדער קען מען קיין דעה נישט זאָגן. זיי, זעסטו, מעגן יאָ זאָגן אַ דעה די עלטערן. דער דאָזיקער, וואָס האָט געמאַכט דאָס ווערטל, אַז „די אייער לערנען די הינער" איז געווען אַ גרויסער חכם. אָבער די קינדער זענען פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן און אַז זיי האָבן באַקומען בריוו פון זייערן אַ פעטער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ באַרימטער מענטש און ער איז געגאַנגען אויף די בלעטער, וועלן זיי אים געוויס ענטפערן.

און דער ערשטער בריוו פון אַ זונס אַ קינד, וואָס איז אָנגעקומען צו חיימען אין דער הויפּטשטאָט פון טשילע איז געווען פון זיין פּלימעניק אין לימאַ, ד"ר כעראָנימאָ בערקאָוויסי, וואָס איז געווען סעקרעטאַר פון אַ מיניסטער און אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט אין יענער שטאָט. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש,

אין די אָנהייב דרייסיקער און ער איז שוין געווען באַלד אַכט יאָר אַדוואָקאַט און ער האָט געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע, אויב נישט פינאַנציעל, איז פּאָלי־טיש. און ער האָט געשריבן צום פעטער דווקא אַ יידישן בריוו, כאָטש ער איז אַלץ געווען אינגאַנצן אַ פּאָר יאָר, ווען זיין טאַטע האָט זיך באַזעצט אין דער הויפּטשטאָט פון פּערו. ער האָט געשריבן, אַז ער האָט ליב יידיש און ער קען אַפילו העברעיש אויך און אַז ער איז אַ נאַציאָנאַלער ייד און ער טראַכט אַפילו אַמאָל וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, הגם אין דעם לאַנד ווו ער וווינט, איז פאַר אים דער וועג פריי צו נאָך אַ גרעסערע קאַריערע. ער האָט געשריבן, אַז ער וועט אַוודאי קומען צו דער פייערונג פון זיין באָבעס אַכציקסטן געבוירנ־טאָג און זיין פרוי און זיינע קינדער וועט ער אויך מיטנעמען. און פאַר זיין טאַטן וועט ער אַוודאי קריגן אַ דערלויבעניש און דער טאַטע האָט אים גאָר־נישט געפרעגט, ווען ער האָט געשריבן אַז ער קען נישט באַקומען קיין דער־לויבעניש. פאַרקערט: ער, דער יונגער און אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, וואָס איז דער פּריוואַטער סעקרעטאַר פון אַ מיניסטער, פירט אַ קאַמף, אַז מען זאָל מער נישט מאַכן קיין שוועריקייטן די יידן, וואָס ווינען אין לאַנד אַריינצופאָרן און אַרויסצופאָרן.

דער דאָזיקער בריוו האָט אַרויסגערופן ביי חיימען אַ גרויסע באַגייסטע־רונג און ער האָט אין אָט דעם זון פון זיין ברודער אַראָנטשיק געזען „דעם פּע־טערס פלימעניק”. ער איז געווען צופרידן צו באַקומען אַ דערקלערונג פון זיין מאַמעס אַן אייניקל, אַז ער פילט זיך ווי אַ גוטער און געטרייער זון פון יידישן פאָלק. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַלע אייניקלעך זענען שוין פאַרגויִשט. אים האָט נאָר געחידושט, וואָס ער רופט זיך כּעראָנימאָ, אַ נאָמען, וואָס קלינגט עפּעס אַזוי גויִיש. האָט ער נישט געקענט געפינען אַ שפּאַנישן נאָמען, וואָס זאָל נישט זיין אַזוי ווייט פון דעם יידישן? סיידן, דער טאַטע זיינער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט און ער האָט אים אַזוי פאַרשריבן.

די צוויי בריוו, וואָס חיים האָט באַקומען פון לאַ־פּאַז און אַסונסיאָן האָבן אים פאַרשאַפט ווייניקער פרייד. ביידע בריוו זענען געווען געשריבן עפּעס אין אַזאַ גרויסהאַלטנדיקן און וואַזשנעם טאָן, גלייך זייערע מחברים וואָלטן געווען מלכים אין זייערע לענדער. און ער איז דאָך געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין בוענאָס־איירעס, פון וואַנען זיי זענען אַוועק קיין באָליוויע און פּאַראַגוויי. ווען נישט ער, זייער פעטער, דער פּראָסטאַק, וואָלטן זיי דאָך געווען אומגעקומען דאָרטן אין בעסאַראַביע, אינאיינעם מיט זייערע עלטערן. און זיי זענען שוין דאַן געווען בחורים נאָך בר־מצווה, ווען ער האָט זיי גע־בראַכט און זיי האָבן אַפילו שוין געהאַט געלייגט תפילין, וואָס זשע שפּילן זיי פאַר אים די גרויסע און די גויִים דערצו? זייערע בריוו זענען ביידע געווען

געשריבן אויף פּאַפּיר פון סענאַט און קריגס־מיניסטעריום און אין אַזאַ אָפּי־ציעלן טאָן, גלייך עס וואָלט נישט געווען צו קיין פעטער וועגן אַ פייערונג פאַר דער באָבען, נאָר עפּעס אַ באַפעל פון אַ קעניג צו אַ משרת, אָדער פון אַ גע־נעראַל צו אַ פּראָסטן סאָלדאַט. חיים איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון זייער טאָן, כאָטש אָפּגעזאָגט האָבן זיי אים נישט. זיי האָבן בײדע געשריבן, אַז דאָס אָפּפאָרן איז פאַרבונדן מיט געוויסע שוועריקייטן. זיי זענען אָפּיציעלע מענטשן און אַן אַרויספאָר איז נישט קיין געוויינלעכע זאַך אין אַזאַ פאַל. און בעיקר האָבן בײדע מורא געהאַט, אַז מען זאָל נישט מאַכן קיין צופיל יידישע פּראָפּאַ־גאַנדע פון זייער באַטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן יום־טוב. דער סענאַטאָר האָט געשריבן, אַז ער איז דאָך פאָרט מער פון אַלץ אַ באַליוויאַנער און דער גענע־ראַל האָט געשריבן, אַז ער איז מער פון אַלץ אַ פּאַראַגווייער. און חיים האָט זיך געלאַכט אין די פויסטן אַריין: צוויי שוועסטערקינדער, וואָס זענען בײדע געבוירן געוואָרן אין בעסאַראַביע, איז איינער אַ באַליוויאַנער און דער צוויי־טער אַ פּאַראַגווייער און בײדע לענדער האָבן נישט לאַנג געפירט צווישן זיך אַ בלוטיקע מלחמה איבער טשאַקאָ אויף טויט און אויף לעבן. ער האָט זיך גע־קלערט, אַז ווען ער וואָלט געמעגט זיי שרייבן אויף יידיש, וואָלט ער זיי שוין רעכט דערציילט די מעשה. און ווען ער קען נאָך רעדן פּערזענלעך מיט זיי, וואָלט ער זיי שוין גאָר געקענט אַריינזאָגן. ער דאַרף אָבער שרייבן צו זיי אויף שפּאַניש. עס קען זיין, אַז די דאָזיקע מענטשן האָבן מורא פאַר זייערע שאָטנס און ווען ער שרייבט זיי אַ יידישן בריוו, וואָלטן זיי מורא געהאַט, אַז די צענ־זור אין זייערע לענדער וויסט דערפון און דאָס קען זיי שאַדטן און זיי וואָלטן איינגאַנצן נישט געענטפערט. און ער האָט נישט געוואָלט איינרייסן מיט זיי. באַזונדערס מיט „די גענעראַלן און די סענאַטאָרן" האָט ער נישט געוואָלט איינרייסן, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן נישט פעלן ביים יום־טוב. זאָל מען זען, אַז צווישן די הונדערט קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, וואָס חוה־טויבע בערקאָוויטש האָט, איז פאַראַן אויך אַ סענאַטאָר און אַ גענעראַל. ער וואָלט אַ שטיק לעבן אָפּגעגעבן, ווען עמיצער פון זיי וואָלט געווען אַ מיניס־טער... האָט ער זיי געשריבן רויִקע בריוו און ער האָט זיי געחנפעט, כאָטש דאָס איז נישט געווען אין זיין נאַטור. ער האָט אַפילו זיין „מלך", דעם פּרעזי־דענט פון טשילע, ווען ער איז געווען זיין רעכטע האַנט, קיינמאָל נישט גע־חנפעט. ער האָט זיי געשריבן, אַז זיי טאָרן אַפילו נישט טראַכטן וועגן נישט קומען. זיי זענען דאָך דאָס שיינדל פון דער משפּחה. דאָס האָט ער געשריבן יעדן איינעם באַזונדער און ער האָט זיך גענוג אָנגעמוטשעט ביז ער האָט גע־פונען אַ וואָרט פאַר „שיינדל" אויף שפּאַניש. דאָס פּשוטע וואָרט „שטאָלץ" האָט ער נישט געוואָלט נוצן. און שלאָגנדיק אויף זייער שטאָלץ האָט חיים אין בריוו

צו זיי געשלאָגן אויך אויף דער משפּחהדיקייט. זיי זענען ביידע די זין פון די איינציקע זין, דער באָבעס, וואָס זענען פאַרבליבן אין בעסאַראַביע און זענען דאָרטן אומגעקומען און וואָס מיט זייערע אַנדערע קינדער איז געוואָרן ווייסט מען נישט; ווי זשע קען זיין, אַז זייערע טאַטעס זאָלן אינגאַנצן פעלן ביים גרעסטן יום־טוב פון דער משפּחה בערקאָוויטש, ווען זייער באָבע וועט ווערן אַכציק יאָר און וועט געקרוינט ווערן אַלס „די יידישע קעניגין פון דרום־אַמע־ריקע״, ווייל זי האָט דאָ אַזאַ גרויסע צאָל קינדער, אייניקלעך און אוראייניק־לעך? ער האָט זיי געשריבן וואַרעם און אין אַ פאַרצווייפלטן טאָן. עס איז אויס־געקומען, אַז אָן זיי וועט די שמחה זיין אַ פאַרשטערטע און אפשר וועט זי אינ־גאַנצן קיין שמחה נישט זיין. און אַט־אָ־דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געווירקט און אין אַ צייט אַרום, ווען עס האָבן נאָך געפעלט פיר חדשים ביז צום יום־טוב, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון גענעראַל און אַ בריוו פון סענאַטאָר, אַז יעדער פון זיי קומט מיט דער גאַנצער משפּחה. ביידע בריוו זענען טאַקע ווייטער געשריבן געוואָרן אין אַן אָפיציעלן טאָן, אָבער אַ געוויסע וואַרעמקייט האָט געווייעט פון זיי. דער גענעראַל האָט אַפילו אָנגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות די ווער־טער „מזל־טוב״. צום סענאַטאָרס בריוו איז געווען צוגעשריבן אַ גרוס פון זיין פרוי, וועלכע האָט זיך אונטערגעשריבן „ד״רא פערעס גראַסיאָסאָ דע בערק״. זי האָט געשריבן, אַז זי וועט זיין „גליקלעך בייצוזיין אַזאַ גרויסן מענטשלעכן יום־טוב, וואָס וועט זיין דער אויסדרוק פון דער גרעסטער פאַרערונג צו דער מוטער, אויף וועלכער נאָר דאָס פאָלק ישראל איז פעיִק״. חיים האָט געוווּסט, אַז דעם סענאַטאָרס ווייב איז נישט קיין ייִדישע, ער האָט זי אַפילו אַמאָל גע־זען אויך. זי איז געווען אַ טיפּישע באָליוויאַנער מעסטיסאַ, וואָס האָט נאָך דער־צו געהאַט אַ פּאָר שטופּלען אויך, אָבער זי איז געווען אַ געלערנטע פרוי און זי האָט שטאָלצירט מיט דער ייִדישקייט פון איר מאַן, כאָטש דער מאַן אַליין האָט שוין גאָרנישט געוואָלט זיך אַרויסשטעלן מיט זיין ייִדישקייט. אָבער ווען חיים וואָלט נישט געוווּסט, אַז זיין פּלימעניק, דעם סענאַטאָרס פרוי איז נישט קיין ייִדישע, וואָלט ער דאָס דערקענט אין איר בריוו. די פרויען פון אָט די לענדער, וואָס האָבן חתונה פאַר ייִדישע מענער, רעדן שטענדיק אין דעם העכ־סטן טאָן וועגן דעם „פאָלק פון ישראל״. נאָר זאָל זיין פון אַ פרוי אַ מעסטיסאַ, אַבי צום לעבן. ער האָט שוין „די סענאַטאָרן און די גענעראַלן״ געהאַט אין קעשענע און ער האָט שוין געקענט אָנגיין מיט מער ענערגיע פאַר דער צו־גרייטונג פון דעם גרויסן יום־טוב, וואָס איז געוואָרן דער גרויסער חלום אין זיין לעבן. ער האָט געפילט, אַז דאָס דורכפירן אָט דעם יום־טוב וועט נאָך זיין אַ גרעסערע געשעעניש אין זיין לעבן, ווי דאָס דאָזיקע, וואָס ער איז געווען די רעכטע האַנט פון דעם פּרעזידענט פון דער טשילענער רעפּובליק.

די אַנדערע בריוו זענען שוין געווען לייכטע און אָן שווער־קייטן מצד זייערע שרייבער. אַ טשיקאַווע בריוו האָט ער געהאַט פון זיינעם אַ ברודערס אַ זון אין בוענאָס־איירעס. דער ברודער, וואָס איז אַהער געקומען אַ יינגל און האָט דאָ חתונה געהאַט, האָט אין דער היים געהייסן ישראל און דאָ האָט ער זיך גערופן סאַנטיאַגאָ. ער איז דווקא געווען אַ ווילער היימישער בחור און ווי אַזוי דער גוייִשער נאָמען סאַנטיאַגאָ איז צו אים פאַרקראָכן, ווייסט ער נישט. זיין זון, וואָס האָט אים געשריבן דעם טשיקאַווען בריוו, האָט זיך אונטערגע־שריבן אַלעכאַנדראָ. ער האָט געשריבן אויף שפּאַניש, אַז כאָטש ער טראָגט אַ נאָמען פון אַ גרויסן מיליטערמאַן, איז ער אַ גרויסער קינסטלער. ער איז אַ בינע־קינסטלער, אַנערקענט פון דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט פון זיינע על־טערן. ער איז אַוודאי, האָט ער געשריבן, גרייט צו קומען און ער איז זיכער, אַז קיינער וועט נישט אַזוי באַשיינען די שמחה דאָרטן אין סאַן־פּאַולאָ, ווי ער וועט דאָס באַווייזן מיט זיינע דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן. ער ווייסט, אַז די באָבע זיינע פאַרשטייט נישט קיין שפּאַניש און זיין כוח איז דווקא אין „אָט דער גרויסער אַרגענטינישער שפּראַך", אָבער ער איז גרייט אויסצולערנען אויך דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן אין ייִדיש, די שפּראַך, וואָס ער קען ווייניק אין שריפט, אָבער ער רעדט זי נישט שלעכט, ווייל ביי זיינע עלטערן אין שטוב רעדט מען נאָר ייִדיש. עס איז אָבער פאַראַן אַ פּאַרטשעפּעניש. ווי אַ קינסט־לער און אַן עכטער דערצו, וואָס וויל נישט קיינמאָל פאַרשוועכן זיין קונסט, איז ער נישט קיין פאַרמעגלעכער מענטש און ער מוז נאָך ביז איצטער אָנקו־מען צו זיינע עלטערן. איז די פראַגע, צי דער טאַטע זיינער וועט אים געבן אויף הוצאות צו פאָרן קיין סאַן־פּאַולאָ און זיך דאָרטן פּרעזענטירן ווי עס באַ־דאַרף צו זיין. און ער האָט שוין אַריינגעגעבן אין נדן אַריין, אַז ער איז זיכער, אַז זיין נאָמען האָט געגרייכט אויך ביז בראַזיל און בלויז אַדאַנק אים וועט דער יום־טוב פאַר זיין אַכציק־יאָריקער באָבען קריגן פּובליציטעט אין דער שטאָט פון קאַווע, וואָס מוז דאָך זיין אַ שטאָט, וואָס אָנערקענט קינסטלער, ווייל צווישן קאַווע און קונסט איז פאַראַן אַ גרויסע קרובהשאַפט. חיים האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען זיין ברודער סאַנטיאַגאָ פון בוענאָס־איירעס האָט אים געשריבן, אַז עס זענען פאַראַנען נישט־געראָטענע קינדער אויך, האָט ער געמיינט אָט־אָ דעם זון אַלעכאַנדראָ. און איידער ער האָט דעם „גרויסן קינסטלער" געענטפערט אויף זיין בריוו, האָט ער זיך אָנגעפרעגט ביים ברודער וועגן אים און יענער האָט אים טאַקע באַלד געענטפערט, אַז ער איז דער איינציקער זון זיינער, פון וועלכן ער האָט נישט קיין נחת. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גרוי־סער אַקטיאָר און ער איז אפשר קוים אַ מיטלמעסיקער און זיין קונסט קאָסט דעם פאָטער אַ סך געלט און אַמאָל כאַפּט זיך דער „קינסטלער" צופיל צו צו

דער משקה און דאָס דאַזיקע פאַרשאַפט אים צרות. חיים האָט אים געשריבן, אַז אַזוי ווי אויף אַט דעם יום־טוב דאַרף זיין די גאַנצע משפחה בערקאָוויסי, דאַרף אַט דער זון אויך נישט פעלן און דער פאָטער דאַרף אים ברענגען קיין סאַן־פּאַולאָ און ער נעמט אויף זיך אים צו באַהערשן און באַווירקן, אַז ער זאָל זיך דאָרטן האַלטן אין דער מעלה און נישט מאַכן קיין סקאַנדאַלן.

און בריוו זענען שוין געקומען צו חיימען פון אַלע אַנדערע קינדער. סאַנ־טיאַגאָס צווייטער זון, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן סאַמועל און ער האָט גע־הייסן שמואל, נאָך זיין טאַטנס טאַטן, עס הייסט נאָך חיימס טאַטן, האָט אים אָנגעשריבן אַ זייער שיינעם בריוו אין שפּאַניש, אָבער מיט אַ סך יידישע ווער־טער. ער האָט געשריבן, אַז ער איז דער נישט פּראַקטישער צווישן די פּראַק־טישע, ער שטודירט פילאָסאָפיע און ער גיט זיך אָפּ מיט יידישע פּראָבלעמען. פאַר דעם דאָקטאָראַט וועט ער נעמען אַ יידישע טעמע. און ער איז גרייט צו קומען מיט זיין פרוי און מיט די קליינע צוויי קינדער וואָס ער האָט צו דער באָבעס יום־טוב און ער איז גליקלעך צו האָבן אַ פעטער אַזאַ קאָפּ־מענטש, וואָס האָט געקענט פאַרטראַכטן אַזאַ שמחה. די בריוו פון די קינדער פון דעם אַנדערן ברודער, וואָס האָט געהייסן זלמן און האָט זיך גערופן סאַלאָמאָן, זענען אויך געווען אין אַ געהויבענעם טאָן. איין זון האָט געשריבן, אַז ער קלייבט זיך אין גיכן חתונה צו האָבן און ער וועט מאַכן אַזוי, אַז זיין האָניק־חודש זאָל טיילוויז פאַרקומען אין סאַן־פּאַולאָ בעת דער שמחה פון דער באָבען.

חיים האָט צונויפגענומען אַלע בריוו און זיי צונויפגעלייגט און ער האָט זיך געצערטלט מיט זיי, ווי מיט עפּעס אַ גרויס פאַרמעגן. ווען עמיצער וואָלט אים געוואָלט געבן אַ גרויסע סומע פאַר אַט די בריוו, וואָלט ער זיי בשום אופן נישט אָוועקגעגעבן. די דאַזיקע בריוו זענען געווען דער גרעסטער נצחון פון זיין לעבן. די שווערסטע אַרבעט איז שוין פּאַקטיש געווען אָפּגעטאָן. איצטער האָט מען גענדאַרפט צוגרייטן די זאַך. און דאָ האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין זיין שווערסטן פּראָבלעם: וואָס וועט ער טאָן מיט זיין ווייב ביילע, וואָס איז גע־ליימט און זי פאַרט כסדר אַרום אין אַ וועגעלע? וועט ער זי אויך נעמען אַהינ־צו? ווי אַזוי וועט זי זיך פילן, ווען זי וועט זיין דער איינציקער אינוואַליד צווישן די אַלע געסט? אַפילו די אַכציק־יעריקע באָבע לויפט נאָך אַרום, שרייבט מען אים, ווי אַ יונג מיידעלע. און ווער וועט זיך אָפּגעבן מיט איר? זי קען טאַקע אַליין אַרומפאָרן מיטן וועגעלע, אָבער בעסער איז פאַר איר, ווען מען פירט זי. וועט ער האָבן צייט זי אַרומצופירן? ער וועט געוויס קיין צייט נישט האָבן און ער איז גאָרנישט אַזוי זיכער, אַז עס וועט זיך געפינען דאָרטן עמיצער, וואָס וועט זי אַרומפירן. ער וואָלט געקענט דינגען אַ מענטשן, אָבער דאָס וואָלט

זיך געוואָרפן שלעכט אין די אויגן אַריין. אין אַזאַ פאַל וואָלט זי געדאַרפט אַרומפירן אַן אייגענער מענטש, טאָ ווער זשע וועט דאָס זיין?

און חיים האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי עס פעלן נאָך אַריבער צוויי חדשים ביז דער יום־טוב וועט פאָרקומען, וועט ער דאָס איבערלאָזן פאַר דער צייט אַליין. זאָל די צייט אַליין לייזן אָט דעם שווערן פּראָבלעם. ער הערט שטענדיק פון ייִדן וואָס קענען אין די קליינע אותיות די ווערטער: „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל" — וואָס די צייט מאַכט, קען דער שכל נישט מאַכן. די צייט וועט שוין ווייזן וואָס צו טאָן. און מיט אָט דעם טרייסטנדיקן געדאַנק איז חיים בערקאָוויסי, וועלכן מען האָט גערופן „דער ווולקאַן" אַועקגעפאָרן קיין סאַן־פּאַולאָ צוגרייטן דעם גרויסן יום־טוב צום אַכציקסטן געבוירנטאָג פון זיין אויסערגעוויינלעכער און וואונדערלעכער מאַמען.

באַלד נאָך דעם, וואָס חיים איז אנגעקומען קיין סאַן־פּאולאָ און ער האָט געהאַט די ערשטע באַגעגעניש מיט זיין מאַמען און זיינע צווי שוועסטער, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט צו זוכן אַ פּאַסיק פּלאַץ פאַר דעם דורכ־פירן די גאַנצע ווילדע אונטערנעמונג, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט זייט דעם לעצ־טן האַלבן יאָר. מיט דער מאַמען האָט ער זיך באַגעגנט שוין אין עראָדראָם. די שוועסטער האָבן אים געמאַכט אַן איבעררראַשונג און זיי האָבן זי געבראַכט צום עראָפּלאַן און זי האָט דאָרטן געוואַרט אויף אים, כאָטש ער האָט פאַר־שפּעטיקט אויף גאַנצע צוויי שעה. די שוועסטער האָבן געמיינט, אַז דאָס וואַרטן צוויי שעה און דאַרפן זיצן, אָדער אַרומגיין און זיך נישט קענען אַנידערלייגן וועט פאַר איר זיין אַ גרויסע אָנשטרענגונג און זיי האָבן זי געוואָלט צוריק־נעמען אַהיים און לאָזן פאַר אים אַ מעלדונג, אַז זיי האָבן אויף אים געוואַרט און זיך נישט געקענט דערוואַרטן. די אַלטע האָט אָבער פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט צוריקגיין און זי האָט געזאָגט, אַז ווען זי דאַרף אַפילו וואַרטן נאָך עטלעכע שעה, וואָלט זי אויך געבליבן. ווער, ווער, האָט זי געזאָגט, אָבער ער, חיים, האָט זיך פאַרדינט, אַז זי זאָל וואַרטן אויף אים און וואַרטן. און חוץ דעם, האָט זי געזאָגט, פילט זי זיך זייער גוט. זי איז נאָך קיינמאָל נישט גע־ווען אויף אַ פלאַץ, וווהין עס קומען אָן און פון וואַנען עס פליִען אַוועק עראָ־פּלאַנען. מען האָט איר אַ סך מאָל געוויזן הויך אין די הימלען, ווי עראָפּלאַנען פליִען, אָבער ווי אַזוי זיי קומען אָן האָט זי קיינמאָל נישט געזען. און איר איז געפעלן דאָס פלאַץ, ווו מען האָט געוואַרט. אַזעלכע הויכע סאַלאָנען האָט זי אין ערגעץ נישט געזען. עס האַלט דאָך, האָט זי געזאָגט, דאָ די הויך אפשר צוואַנציק אַרשין.

די אַלטע איז אַרומגעגאַנגען אין עראָדראָם און האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן. אַלץ האָט געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט. די הונדערטער מענטשן, וואָס זענען דאָ געווען. האָט זי באַמערקט ווער עס איז טרויעריק און ווער עס איז פריילעך, ביי וועמען עס זענען פאַראַנען טרערן אין די אויגן און ווער עס לאַכט. און אַלע בילדער אויף די ווענט האָט זי געזען און באַקוקט. און וואָס מען פאַרקויפט אין די געשעפטן און אויף וויפל די זאַכן זענען דאָ טייערער ווי אין שטאָט און וואָס מען פאַרקויפט אין בופעט. אַלץ האָט זי אינטערעסירט. און מיט איר דערשיינונג האָט זי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. מען האָט

דערקענט אירע יאָרן. איר קאָפּ, וואָס איז געווען בלויז אויף אַ האַלב באַדעקט מיט אַ שאַרף, האָט שימערירט מיט דער זילבער־ווייסקייט פון די האָר און איר פיגור האָט אימפּאָנירט. זי איז נישט נאָר געווען די העכסטע פרוי צווישן די הונדערטער מענטשן, מיט וועלכע עס האָט געווימלט און געדריבלט אין עראָ־דראָם, נאָר קיין מענער זענען אויך נישט געווען קיין העכערע פון איר. די ביידע טעכטער וואָס האָבן זי באַגלייט זענען געווען נידעריקער פון איר, יעדע איינע, מיט אַנדערטהאַלבן קעפּ און זיי האָבן אויסגעזען ווי קאַרליקעס קעגן איר. זי איז געווען דיק, אָבער נישט איבער דער מאָס. איר ברייטקייט האָט געפּאַסט צו איר הויכקייט. און זי האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענע לעבעדי־קייט אין די אויגן, הונדערטער מענער און פרויען האָבן זיך באַגעגנט מיט אי־רע בליקן און זיי האָבן אַריינגעקוקט אין אירע לעבעדיקע אויגן אַריין און האָבן זי באַוואונדערט. מען האָט דערקענט אַז זיי באַוואונדערן זי. די טעכטער זענען אַזש געווען גרייט אויסצושפּייען צו דריי מאָל, אַז מען זאָל איר קיין גוט אויג נישט געבן. און נייגעריק איז זי געווען. אַלצדינג האָט זי געוואָלט וויסן.

און ווען עס איז געקומען די צייט און מען האָט געמאָלדן, אַז דער עראָ־פּלאַן קומט שוין אָן, האָט מען זי אַרויסגעפירט אויף דער פּלאַטפאָרם. מען האָט געקראָגן פאַר איר אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, אָנגעבנדיק, אַז זי איז אַ פרוי פון אַכציק יאָר און אַז זי דערוואַרט אַ זון. אויך אויף דער פּלאַטפאָרם האָבן אַלע געקוקט אויף איר, אָבער זי האָט די גאַנצע צייט געקוקט אין הימל אַריין. אויך, ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און ער איז שוין גע־לאָפן אויף דעם אַספאַלטירטן וועג, האָט זי נאָך אַלץ געקוקט אין הימל אַריין, ביז די טעכטער האָבן איר אָנגעוויזן, אַז דער עראָפּלאַן גייט שוין און זיי האָבן איר אָנגעוויזן ווו ער איז. זי האָט זיך שטאַרק געחידושט און זי האָט געפרעגט:

— ער גייט גאָר צופוס?

דער זון ערשט האָט איר שפּעטער דערקלערט, אַז ער פליט מיט אַזאַ אימ־פּעט, אַז ער מוז זיך פּאַוואָליע אַראָפּלאָזן און כאַטש אַזוי, קען ער נישט גלייך בלייבן שטיין, נאָר ער מוז נאָך אַ שטיק וועג לויפן.

די באַגעגעניש מיטן זון איז געווען אַן איבעררעאַשונג פאַר אַלע וואָס זע־נען געווען אויף דער פּלאַטפאָרם. קיין איינער איז נישט געווען, וואָס זאָל נישט געווען קוקן אין איר זייט אַריין. זי איז געלאָפן צו די טרעפּ פון וואַנען מען האָט געדאַרפט אַראָפּגיין, נישט ווי אַ פרוי אין אירע יאָרן, נאָר עפּעס ווי אַ מיידעלע. און מען האָט דאָך געזען, אַז זי איז אַ פרוי אין טיפן עלטער. אַן אַנ־דערע, אַ יינגערע, וואָלט מען געווען פאַרהאַלטן, אָבער איר האָט מען דער־לויבט צו לויפן און זי איז צוגעקומען ביז צו די טרעפּ און זי האָט געוואָלט לויפן אויף די טרעפּ אויך, נאָר דאָרטן האָט מען זי שוין פאַרהאַלטן. און זי

האָט דערזען דעם זון און דער זון האָט זי דערזען און מען האָט געמערקט, אַז ער אײַלט זיך און אײַניקע פּאַסאַזשירן האָבן אים אָפּגעטראָטן דעם וועג און אַרויסגעלאָזט פריִער. און אַלע האָבן געקוקט ווי דער עלטערער מאַן האָט זיך אַרומגענומען מיט נאָך אַן עלטערע פרוי און די פרוי איז העכער פון אים מיט אַ גאַנצן קאָפּ. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מאַמע מיט אַ זון און מען האָט ביידן באַוווּנדערט. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ סך מער טעמפּעראַמענט און אימפּעט וויפל עס האָבן מענטשן אין זײַנע יאָרן. ווען חיים האָט אַרומגענומען חוה־טויבען, האָט זי באַוויזן אים צו זאָגן: „גאָט זײַ דאַנק, וואָס איך האָב דער־לעבט דיך נאָך אַמאָל צו זען!" און מער האָט זי שוין נישט גערעדט, די טרערן האָבן איר פאַרמאַכט דעם האַלדז. און ער האָט זי אַרומגענומען און זי האָט אים געדריקט צו זיך און מען האָט געקענט מיינען, אַז זיי פאַרמעסטן זיך ווער עס איז שטאַרקער. ביידנס אויגן און ביידנס באַקן זענען פול געוואָרן מיט טרערן. די שוועסטער און טעכטער פון ביידן זענען צוגעקומען נאָענט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט און זיי האָבן זיך נישט גערירט פון די ערטער. זיי האָבן געלאָזט, אַז זיי זאָלן זיך אָנליובען וויפל נאָר עס לאָזט זיך. ערשט, ווען זיי האָבן זיך קעגנזייטיק באַפרײַט, האָט אים פריִער אַרומגענומען די עלטערע שוועסטער און דערנאָך די יינגערע. זיי האָבן זיך ווי אָפּגערעדט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרלויפן איינע דער אַנדערער דעם וועג און זיי זאָלן זיך מיט אים אַרומ־נעמען לויט זייער עלטער. אויך זיי האָבן זיך זייער שטאַרק אַרומגעכאַפּט און לאַנג געהאַלטן און מער ווי נעמען האָט מען נישט געהערט. עס האָבן אַרום און אַרום אָפּגעקלונגען די דריי נעמען:

— פריידל!

— חיים!

— פעסל!

— חיים!

און ווען זיי זענען שוין אַרויסגעגאַנגען און מען האָט שוין געהאַט איבער־געקוקט זײַנע דאָקומענטן און דעם באַגאַזש, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרעגעכץ פון זייער זײַט אויף זײַן פרוי און זון און פון זײַן זײַט אויף די קינדער פון איין שוועסטער און די מענער פון ביידע. מען האָט אים געענטפערט, אַז זיי האָבן אַלע געוואָלט קומען אַהער, אָבער די צײַט איז נישט געווען קיין פּאַסיקע. סי־מאַן, פריידלס מאַן, וואָלט געדאַרפט פאַרמאַכן דעם שענק און דאָס האָט ער נישט געוואָלט און בערנאַרדאָ, פעסלס מאַן, האָט געדאַרפט פאַרמאַכן די קראָם און דאָס האָט אויך נישט געקענט זײַן. און די קינדער האָבן אַלע געדאַרפט אַוועק פון דער אַרבעט און דאָס איז געווען שווער. זיי וועלן באַלד אַלע זײַן, האָבן זיי אים פאַרזיכערט, ביי פריידלען, וווהין ער וועט איצט צופאָרן. ער

האָט געוואָלט פאָרן אין אַ האָטעל אַריין, אָבער זיי האָבן אים דערוויייל נישט געלאָזט. דערנאָך וועט ער זען, דערוויייל וועט ער נישט שלאָפן אויף דער גאַס און ער וועט זיין אין דער משפחה און מיט דער משפחה.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט חיים געהאַט אַ שמועס מיט זיין מאַמען צווישן פיר אויגן, אָבער קיין סודות זענען ביי דעם שמועס נישט געווען. זי האָט דערציילט דאָס זעלביקע, וואָס די טעכטער, אַז זי פילט זיך גוט און עס פעלט איר גאָרנישט. זי באַקומט פון אַלע זין פון צייט צו צייט מתנות און די אייניקלעך פון באָליוויע, און פאַראַגוויי, די דאָזיקע וואָס ער רופט „די סענאַ־טאָרן און די געגעראַלן“, שיקן איר אויך אַמאָל עפּעס. און דאָס אייניקל פון פּע־רו און אייניקע אייניקלעך פון בוענאָס־איירעס פאַרגעסן אויך נישט אין איר. און ס׳איז פאַר איר צופיל. זי האָט דאָך סיי־ווי־סיי אויף צו לעבן און זי קען אַליין אַמאָל דאָ קויפן אַן אוראייניקל אַ מתנה. די טעכטער זענען איר זייער געטריי און זי האָט חוץ דעם אַ מענטשן, וואָס גיט זיך אָפּ מיט איר, כאָטש זי דאַרף זייער ווייניק פון איר. זי קען זיך, גאָט זיי דאַנק, אַליין אָנטאָן און באַשטיין איר שטעטל. זי קומט איר פּשוט צונוץ אויף צו ריידן אַ וואָרט מיט איר און צו גיין אינאײַ־נעם מיט איר שבת אין שיל אַריין. חיים האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז די פּרוי איז אַ ייִדישע און די מוטער האָט אים דערקלערט:

— נישט נאָר אַ ייִדישע, נאָר אַ פּרוי פון אונדזער שטעטל. אירע קינדער גייט דאָ נישט גוט און די דאָזיקע, וועלכע עס גייט גוט, זענען נאָך ערגער... איך וועל דיר אַן אַנדערש מאָל דערציילן. איז זי מיט מיר און מיר רעדן און שמועסן און דערמאָנען זיך אין דעם, וואָס איז געווען און איך דערצייל איר מעשיות און זי דערציילט מיר. פריידל האָט דאָך קינדער און אַ מאַן און פּעסל האָט אַ מאַן און זיי קענען מיר נישט אָוועקגעבן די גאַנצע צייט.

ביי אָט די ווערטער האָט חיים זיך געהאַט באַשלאָסן, אַז ער וועט זיין ביי־לען ברענגען אַהער און די דאָזיקע פּרוי וועגן וועלכער די מוטער רעדט, וועט זי אַרומפירן, ווען ער וועט נישט קענען. די מוטער וועט דאָך דעמאָלט נישט דאַרפן האָבן קיין באַגלייטערין. אַלע וועלן דאָך וועלן זיין מיט איר. און די אַלטע מאַמע זיינע האָט ווי געטראָפן זיינע געדאַנקען און האָט זיך גענומען נאָכפרעגן אויף זיין פּרוי. זי האָט דאָס געמאַכט טאַקטיש. זי האָט פריִער גע־פרעגט ווי אַזוי זי זעט אויס און דערנאָך ווי אַזוי זי פילט זיך און זי איז פאַ־וואָליע אַרויפגעקומען אויף דעם, צי זי קען שוין גיין. און דער זון האָט איר דערקלערט, אַז זי זעט אויס זייער שיין און געפילט וואָלט זי זיך אויך גוט, ווען זי קען גיין... זי ערגערט זיך דערפון, וואָס זי מוז זיין צוגעבונדן צום ווע־געלע און צופיל אַרומפאָרן מיט דעם קען זי נישט, אָן עמיצנס הילף. און ער האָט איר אויך דערציילט, אַז זי ערגערט זיך פון דעם, וואָס זי וועט אפשר

נישט קענען קומען צום יום־טוב און ער אַליין וויסט אויך נישט וואָס צו טאָן און די מוטער האָט אים באַלד געזאָגט, אַז די פרוי, וואָס איז איר באַגלייטע־רין, וועט קענען ווערן אויף דער גאַנצער צייט איר אַרומפירערין. און זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז די דאָזיקע פרוי, וואָס מען האָט אין דער היים גערופן מלכּה־העניע רחלס, איז אַ גוטע און געטרייע פרוי און ביילע וועט זיך פילן מיט איר זייער גוט.

דער שמועס צווישן דער מאַמען און דעם זון איז פאָרגעקומען ביי אַ גלעזל טיי מיט קיכלעך, וואָס די מאַמע אַליין האָט געבאַקן. חוה־טויבע האָט זיך פאַר אים באַרימט, עפּעס נאָר ווי אַ יונג ווייבל, וואָס רויטלט זיך, אַז זי האָט באַ־זונדער פאַר אים געבאַקן די דאָזיקע היימישע קיכלעך. שיינע עטלעכע יאָר האָט זי שוין נישט געבאַקן און איצטער האָט זי עקסטראַ אַליין אַלצדינג גע־טאָן און ווי אַזוי די קיכלעך זענען אַרויס, זאָל ער שוין זאָגן. און ער האָט זי דערפאַר געקושט. אַריבער אַ שעה האָט דאָס זיין אַליין גערויערט און דערנאָך האָט ער אַריינגערופן די שוועסטער. עס איז נאָך געווען פרי. עס האָט גע־דאַרפט דויערן אַ שעה, ביז וואַגן פריידלס קינדער און פעסלס מאַן וועלן קו־מען זען דעם גאַסט און זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל זיך דערווייל אַביסל צו־לייגן און זיך אַרומוואַשן, אָבער ער האָט פאַרזיכערט אַז ער איז נישט מיד. דאָס פליִען אַהער האָט געדויערט ביי די אַכט שעה און דאָך איז ער נישט מיד. ער קען זיך אַפילו באַלד שטעלן אַרבעטן די שווערסטע אַרבעט און ער קען אַפילו גיין טאַנצן. זיי האָבן אים באַוווּנדערט, אַז ער איז נאָך אַלץ געבליבן דער זעלביקער חיים, וואָס מען האָט אים אין דער היים גערופן „דער אומרו". ער האָט זיי געזאָגט, אַז אין טשילע רופט מען אים „דער ווולקאַן". און ער האָט זיך באַלד געגעבן אַ לאָז אַרויס אויף אַ שפּאַציר אַרומצוקוקן די געגנט. די יינגערע שוועסטער האָט געוואָלט מיטגיין מיט אים, האָט ער נישט געלאָזט. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן. אונטערוועגס האָט ער אַ באַזונדער אויג און ער קערט זיך שטענדיק אַהיים צוריק, אַזוי ווי אַ פויגל צו דער נעסט און אַ חיה צו דער נאָרע. און אַז ער פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער אַ מויל, קען ער פרעגן. מען ווערט אין בראַזיל נישט פאַרפאַלן מיט שפּאַניש און פאַר אַ נויט ווייזט מען אָנגעשריבן דעם אַדרעס און מען טרעפט שוין מיט גאָטס הילף אַהיים.

חיים איז אַרויסגעגאַנגען מיט דעם געדאַנק צו זוכן אין דער געגנט אַ צו־געפּאַסטן האָטעל פאַר דער גאַנצער משפּחה. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן וווינען אין דעם זעלבן האָטעל, ווו עס זאָלן פאָרקומען די גרעסערע יום־טובים און די קלענערע און עס זאָל נישט זיין ווייט פון דער עלטערער שוועסטער, ביי וועמען די מאַמע וווינט. און מיט דער אומרוּקייט פון אַ ווולקאַן איז ער

אי געגאַנגען, אי ער האָט געקוקט. זיינע פיס האָבן באַקומען יוגנטלעכע לייכט־קייט און זיינע אויגן האָבן באַקומען דעם אַמאָליקן יוגנטלעכן ברען. ער האָט מיט די אויגן אַרומגענומען די גאַנצע געגנט, ווו עס זענען געוועזן זייער ווייניק געשעפטן און אַ סך הייזער צום וווינען. ער האָט באַמערקט, ווו עס זענען פּאַראַנען סתם הייזער און ווו עס זענען פּאַראַנען אַזעלכע, וואָס זעען אויס ווי ווי־ליעס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ גרויסע דירה, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט, קען זיין אַ האָטעל. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און ער האָט דערזען אַ האָטעל, אָבער ער איז געוועזן אַ צו גרויסער, ער האָט געהאַט ביי די צוויי הונדערט צימערן און ער האָט געזען, אַז עס איז אין אים לעבעדיק און מען זעט אַ סך געסט. אַזאַ גרויסן האָטעל וועט מען נישט פאַרדינגען אויסשליסלעך פאַר אַ גרופּע פון פערציק אָדער פופציק מענטשן. איז ער געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג אין אַלע זייטן אַריין. ער איז יעדן קוואַר־טאַל אַרומגעגאַנגען פון אַלע פיר זייטן און ער האָט זיך אומעטום איינגעקוקט. ער האָט באַלד געטראָפן אַ קלענערן האָטעל, וואָס האָט אים אויך נישט געטויגט. יענער איז שוין געוועזן צו קליין. ער האָט געהאַט פּלאַץ אפשר פאַר דרייסיק מענטשן און דערצו האָט ער אויסגעזען פּוסט און ער האָט מורא געהאַט, אַז אין אַזאַ נישט־באַלעבטן האָטעל וועט נישט זיין דער געהעריקער פּערסאָנאַל פאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

דער ערשטער שפּאַציר איז פאַרענדיקט געוואָרן אָן אַ באַשטימטן דער־פאָלג, אָבער חיים איז נישט אַנטוישט געוואָרן. ער איז געוועזן זיכער, אַז ער וועט סוף־כל־סוף יאָ דערגרייכן זיינס און ער וועט קריגן דאָס ריכטיקע פּלאַץ. ער איז געוועזן פאַרגלויבט אין זיין מזל נאָך מערער ווי אין זיינע פעיִקייטן. ער איז געוועזן זיכער, אַז דאָס מזל גייט אים נאָך. און דערצו האָט ער אויך גע־גלויבט אין דער מוטערס מזל און אפשר טאַקע אין מזל פון דער גאַנצער מש־פּחה. און ער האָט זיך געזאָגט, אַז אויב די אַלע מזלות וועלן זיך איינאיינעם צונויפפליען, וועט גאָט אַליין מאַכן, אַז עס זאָל זיך געפינען די געהעריקע דירה. זי וועט אויסוואַקסן איבער נאַכט. גאָט וועט שיקן זיינע מלאָכים, אַז זיי זאָלן אויסבויען אַזאַ דירה.

און חיים איז אַוועק זיך באַגעגענען מיט דער משפּחה. סימאָנען, פריידלס מאַן, האָט ער שוין געהאַט געזען פון פריִער, ער איז דאָך צו אים צוגעפאָרן. לויט זיין חשבון איז סימאָן, וואָס האָט אין דער היים געהייסן שמעון, געוועזן אין איינע יאָרן מיט אים, אויב נישט יִנגער מיט אַ יאָר צוויי, אָבער אויסגעזען האָט ער אַ סך עלטער. ער האָט אים נישט געוואָלט פרעגן פאַרוואָס ער ציט אַזוי אַרויף אויף זיך די עלטער, ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט אים פאַר־דריסן, אָדער ער וועט זיך ערגערן. אָבער שמעון אַליין האָט געזאָגט חיימען,

אַז ער האַלט זיך נאָך ווי אַ יונגעלע. און ביים צוריקקומען פונעם ערשטן שפּאַ־ציר האָט חיים געטראָפן אַ פולע שטוב מיט דערוואַקסענע און קינדער, אַז ער האָט זיך געדאַרפט שטאַרק אָנשטרענגען צו געדענקען אַלע.

דער ערשטער וועמען מען האָט אים פאַרגעשטעלט איז געווען פריידלס עלטסטער זון, וועלכן מען האָט פרעזענטירט מיט דעם פולן נאָמען: ד״ר זשאַ־קאָב עלקעס. ער איז געווען אַ דאָקטער מעדיצין. ער איז געווען אינגאַנצן די מאַמע זיינע. אַפילו דאָס זעלביקע חן־גריבל, וואָס זי האָט געהאַט אין דער לינ־קער באַק האָט ער אויך געהאַט. און די אויגן אירע, די טיפע, די אומרויקע, די ברענענדיקע, די מילדע, האָט ער אויך געהאַט. פון דעם פאָטער האָט ער געהאַט אַ קליינקייט. די גאָמבע, וואָס איז געווען צו אויסגעסטאַרטשעט, איז געווען ווי ביים פאָטער. קוקנדיק אויף אים, האָט ער אים באַטראַכט און גע־קלערט, אַז אָט ענדיקט זיך די מאַמע אין אים און עס הייבט זיך אָן דער טאַ־טע. די מאַמע פאַרנעמט אַ סך מערער פּלאַץ, ווי דער טאַטע, ווייל זי איז פון שטענדיק אָן דער ספּאָדיק און זי גייט אין די הויזן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זשאַקאָב, וואָס האָט געהייסן נאָך אַ זיידן יאַנקל, איז אַ דאָקטער פון נאָז, האַלדז און אויערן און מען זאָגט אַז ער איז אַ גוטער דאָקטער און ער האָט אַ גוטע פּאַציענטור און ער פאַרדינט זייער גוט. און די פרוי זיינע האָט געהאַט אַ זייער שיין אויסזען און האָט פאַרמאָגט אײדלקייט. מען האָט זי גערופן בעאַטריס און ער האָט בשום אופן נישט געקענט וויסן ביים אָנהייב, צי זי איז אַ ייִדישע, אָדער נישט. זי האָט געהאַט אַן אייראָפּעיִשן אויסזען, אָבער די פּעטע מאַסלי־נעדיקע אויגן אירע האָבן געקענט גיכער זיין פון אַן איטאַליענערין ווי פון אַ ייִדישער. זי האָט גערעדט פּאָרטוגעזיש און ער האָט גערעדט שפּאַניש און זיי האָבן זיך נישט געגוג גוט פאַרשטענדיקט, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „קענען מיר דאָך ריידן מאַמע־לשון״ און עס איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. ער איז שוין אינגאַנצן געווען אין דער היים. און לעבן אָט דעם פּאָר איז געשטאַנען אַ מיידל, וואָס האָט שוין אויסגעזען ווי אַ גאַנצע פריילן און מען האָט זי גע־רופן ראַקעל. עס האָט איר שוין געפּאַסט צו זיין אַ כלה, אויב נישט אַ יונג ווייבל, אָבער געזאָגט האָט מען אים, אַז זי איז אַלט קוים פערצן יאָר. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „זיי וואַקסן דאָ, קיין עין־הרע נישט, ווי אויף הייוון, נאָך שנע־לער ווי אין טשילע״. און לעבן איר איז געשטאַנען אַ בחור, וואָס האָט שוין אויך אויסגעזען ווי אפשר פון אַכצן יאָר און געזאָגט האָט מען אים, אַז ער איז נאָך נישט געוואָרן בר־מצווה, עס הייסט זשאַימע און אין דער היים וואָלט ער פשוט געהייסן חיים, ווייל ער הייסט טאַקע נאָך דער מוטערס זיידן, וואָס האָט געהייסן חיים. און עס איז באַלד אונטערגעקומען אַ צווייטע משפּחה. דער צוויי־טער זון פריידלס איז פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי ד״ר אַרטור עלקעס. חיים האָט

גוט געהערט, אַז מען רופט אים נישט אַרטוראָ, ווי אין שפּאַניש, נאָר אַרטור און עס איז עפּעס שוער אַרויסצוזאָגן. ער זעט אויס אַלצאיינס ווי זיין ברודער זשאַקאָב, גלייך זיי וואָלטן געווען פון אַ צווילינג. ער איז נישט קיין מעדיקער, נאָר אַן אַדוואָקאַט און כאָטש ער איז נאָך זייער אַ יונגער אין זיין פּראָפעסיע, עס זענען נאָך נישט פאַראַנען קיין צוויי יאָר זייט ער האָט געענדיקט, האָט ער שוין אַ גרויסע פּראַקטיק. ער אַרבעט אינאיינעם מיט אַן עלטערן אַדוואָקאַט און ער איז שוין באַלד אַ מיוחס. זיין פרוי האָט מען אים פאַרגעשטעלט הייסט מאַריאַ־לויסאַ, אָבער כאָטש דער נאָמען איז געווען אַזאַ פּרעמדלעכער, האָט ער באַלד דערקענט, אַז זי איז אַ היימישע ייִדישע טאָכטער. ער האָט אַפילו גע־האַט אַ חשד, אַז זי שטאַמט פון דעם זעלבן שטעטל, פון וועלכן זיי שטאַמען. ער האָט דערקענט דאָס אויסזען פון אַ געוויסער פאַמיליע. און זי האָט טאַקע גלייך גענומען ריידן צו אים ייִדיש, ווייל זי איז אין לאַנד געווען ערשט צען יאָר און זי איז שוין געווען אַ גאַנצע פריילן ווען זי איז אַהער געקומען און זי קען נישט נאָר ייִדיש נאָר אויך רוסיש און רומעניש. דאָס דאַזיקע פּאָרל האָט געהאַט לעבן זיך צוויי יונגאַטשעס, וואָס האָבן אויסגעזען העכער פון זייביידן און געזאָגט האָט מען אים, אַז דער עלטערער איז קוים אַלט עלף יאָר און דער ייִנגערער נישט מער ווי ניין. ער וואָלט געזאָגט, אַז זיי זענען אַ מציאה — דער עלטערער זיבעצן און דער ייִנגערער פופצן. גערופן האָט מען דעם עלטסטן פּאַולאָ און דעם ייִנגערן פּעדראָ. און חיים האָט ביי זיך געטראַכט, אַז קיין אַנ־דערע נעמען ווי פון יעזוסעס צוויי גרעסטע אַפּאָסטאָלן האָבן זיי שוין נישט געקענט געפינען. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל הייסן, אַז ער איז אָנגעקומען מיט אַ וואָגן מיט טענות, אָבער אינעווייניק אין זיך אַריין האָט דאָס אים אַ ביס געטאָן. און ער האָט סוף־כל־סוף נישט אויסגעהאַלטן און אַ פּרעג געטאָן, ווי אַזוי זיי הייסן אויף ייִדיש. דער עלטערער האָט געהייסן פּיניע, נאָך דעם ווייבס זיידן און דער ייִנגערער האָט געהייסן פּרץ, נאָך זייער אַן עלטערזיידן. עס איז געווען שוער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי פון פּיניע איז געוואָרן פּעדראָ, כאָטש דאָס דאָזיקע האָט ער שוין געטראָפן ביי אַ סך, אָבער אַז פון פּרץ זאָל ווערן פּאַול, דאָס האָט ער אין ערגעץ נישט גע־הערט. ביי די דרום־אַמעריקאַנער קריסטן איז גאָר דער נאָמען פּערעז אַ זייער אָפטער. חיים האָט זיך געגעבן חשבון, אַז אין תוך אַריין זענען זיי נישט שול־דיק און אַז זיי האָבן גאָרנישט געטראַכט, אַז דאָס זענען נעמען פון יעזוסעס צוויי גרעסטע אַפּאָסטאָלן. אין איין וועג האָבן זיי דערציילט, אַז אייניקע ייִדן האָבן שוין דאָ קינדער, וואָס הייסן זשעסוס. עס האָט זיי איינגערעדט עמיצער, אַז יהושוע איז זשעסוס אויף פּאָרטוגעזיש. האָבן זיי פאַרשריבן די קינדער וואָס הייסן שיקע מיטן נאָמען פון דעם קריסטלעכן גאָט.

עס איז אויך אָנגעקומען דאָס יינגסטע קינד פון פריידלען, דאָס מיידל פלאָראַ, וואָס איז שוין געווען אין די ווייטע צוואַנציקער און די מוטער האָט שוין אונטערגעקרעכצט, אַז זי ווערט אַן אַלטע מויד. פלאָראַ האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג, כאָטש זי האָט געפּרוווט לערנען אַ סך זאַכן. זי האָט געלערנט אויף לערערין אין אַ סעמינאַר, זי איז שוין געווען פאַרשריבן אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט און האָט איבערגעריסן דאָס לערנען אין דער מיט און האָט שוין געפּרוווט לערנען אויף אַפּטייקער. זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד, אָדער זיץ־פלייש, ווי די מאַמע האָט געזאָגט און זי האָט געהאַט אַ נייגונג צו שרייבן. זי האָט געשריבן אויף פּאָרטוגעזיש לידער אין פּראָזע און פּאָעטישע דערציילונגען. זי האָט שוין אויסגעפּרוווט אַ סך אַרבעטן. זי האָט שוין געאַרבעט אין קאָמערציעלע ביוראָען, ביי פּובליציטעט, אין יידישע געזעלשאַפטן און די לעצטע צייט האָט זי געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון אַ פּאָרטוגעזיש־יידישע וואָכנצייטונג און האָט פון צייט צו צייט דאָרטן גע־דרוקט עפּעס אַ זאַך. זי איז נישט געווען קיין מיאוס מיידל. חיים איז געווען איבערצייגט, אַז אין זיין משפּחה קענען איבערהויפּט נישט זיין קיין מיאוסע מענטשן. אויגן, פּלעגט ער זאָגן, האָבן אַלע בערקאָוויטס שיינע און אַז מען האָט שיינע אויגן, איז מען שוין נישט קיין מיאוסער. אָבער די דאָזיקע פלאָראַ האָט זיך אָנגעטאָן זייער מאָדנע. זי האָט געטאָן אַלצדינג, אַז זי זאָל אויסזען ווי אַ יינגל. די האָר האָט זי זיך אָפּגעשוירן כמעט ביזן קאָפּ, זי האָט זיך נאָך פּאַרנט געלאָזט אַ קליין טשופּרינקעלע און זי האָט געטראָגן אַ מענעריש העמד און אַ מענעריש רעקל. און די שוואַרצע ברילן, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אירע זייער לעבעדיקע אויגן האָבן איר אויך צוגעגעבן אַ יינגלש אויסזען. דאָך האָט די מיידלשקייט אַרויסגעסטאַרטשעט פון יעדן באַוועג אירן. באַלד נאָך דעם ווי זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר פעטער, האָט זי אים גענומען ריידן וועגן אויסטערלישע זאַכן און וועגן ליטעראַטור. עפּעס האָט זי אינגאַנצן נישט גערעדט ווי אַ פלימעניצע וואָלט געדאַרפט ריידן מיט אַ פעטער, וועלכן זי האָט איין מאָל געזען צוריק מיט עטלעכע יאָר און איצטער צום צווייטן מאָל. און חיים האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אויב די דאָזיקע פלאָראַ, וואָס הייסט פון געבוירן פייגל, נאָך אַן עלטער־באָבען, וועט אַמאָל חתונה האָבן, וועט זי ווערן אַ מענטש און אַז נישט וועט זי בלייבן אַ שטיקל משוגענע.

דער לעצטער איז געקומען פעסלס מאַן, דער שוואָגער, וואָס האָט זיך דאָ גערופן בערנאַרדאָ זשאַנקילעוויטש און אין דער היים האָט ער געהייסן בערל יאַנקילעוויטש און ער האָט דערצו געהאַט אַ צונאָמען, ווי די מערסטע מענטשן אין שטעטל. דעם צונאָמען האָט ער אייגנטלעך געהאַט בירושה. מען האָט זיין טאַטן גערופן יאַנקל פאַרך און ער האָט געהייסן בערל יאַנקל פאַרכס, אָבער

ער אַליין האָט אויך געהאַט סימנים פון אַ „קרוין" אויפן קאָפּ. ער האָט געהאַט אַ ליסע־קאָפּ, וואָס איז אינמיטן געווען אַביסל באַוואַקסן. קיין גרויסער קאָפּ־מענטש איז ער אָבער נישט געווען אין דער היים און אויך דאָ נישט געוואָרן. און קיין גוואַלדיקער אויפטוער איז ער אויך נישט געווען. חיים איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס די יינגערע שוועסטער זיינע, פעסל, האָט נישט קיין קינדער, איז די שולד פון דעם שוואָגער, פון בערלען. ווייל אין דער גאַנצער פאַמיליע בערקאָוויטשי איז נישט געווען קיין איין בעזדיטניק. אַ פוילער איז בערל אויך געווען פון דער נאַטור און אים איז געווען געננג וו׳פל ער האָט געהאַט. און אַז ער האָט גאָרנישט געהאַט, איז אים אויך געווען געננג. ווען די שוועסטער זאָל אים נישט געווען שטויסן און זי אַליין וואָלט נישט געווען צוּאַרבעטן, וואָלט ער נישט געווען געהאַט דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, גאַנץ ווייט פון סאַן פּאַולאָ און פון אַ יידישן ישוב. די שוועסטער האָט אים דערציילט, אַז זיי האָבן דאָרטן געלעבט עטלעכע יאָר און פשוט געגרויעט מיט דער נאָז די ערד. און ווען אין יענעם שטעטל וואָלט געווען נאָך אַ ייד, ווער ווייסט צי זיי וואָלטן געווען אָפּגעשפּאָרט די עטלעכע הונדערט „קאָנטעס", וואָס זיי האָבן געבראַכט קיין סאַן פּאַולאָ. און זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז צווישן די דאָזיקע מטבעות איז געווען אויך אַ היפּש ביסל קישקע־געלט און זיי האָבן טאָקע ביידע אָפּגע־שפּאָרט דאָרטן אויף שטיקלעך מאָגן־קאַטאַרס.

בערל האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיטן שוואָגער און חיים האָט געקוקט אויף אים מאָדנע. דער עלטערער שוואָגער, סימאָן, האָט זיך מיט אים נישט אַזוי געפרייט. און ער איז געווען איבערצייגט, אַז בערלען גייט אָן די גאַנצע זאַך מיט דער אַכציק־יאָריקער פּייערונג פון דער מאַמען, אַזוי ווי דער פאַרא־יאָריקער שניי, פונקט אַזוי ווי דאָס גייט אָן סימאָנען, אָבער אויב בערל ווייזט אַרויס פרייד און אינטערעס, איז עס דערפאַר, ווייל ער האָפט אַז ער וועט קע־נען אַ שטיקל צייט מערער זיך קהלן און ווייניקער אַרבעטן. חיים האָט דאָך מיט אים גערעדט ערנסט און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין אַלצדינג און ער האָט ביי זיך געקלערט, אַז ווען מען רעדט אַ לענגערע צייט מיט אָט דעם מענטשן, קען מען אַליין אויך ווערן אַ שטיקל טפש.

חיים האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די אַלע וואָס זענען געקומען אים זען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז פאַראַנען אַ פולע שטוב און בעצם זענען דאָרט געווען עלטערע צוויי פּאָרלעך, יינגערע צוויי פּאָרלעך מיט צו צוויי קינדער יעדע און אַן עקזאָטיש מיידל. אַרום און אַרום דרייצן נפשות. ווען מען רעכנט אָבער צו די מאַמע און אים אַליין וואָלטן זיי געווען פופצן. און סיי־ווי איז ער נישט געווען קיין אָבערגלויביקער אין דעם דאָזיקן פּרט. ער האָט געהאַט אַנדע־

רע אַבערגלויבנס, ער האָט געגלייבט, אַז אַ פּאַדקאָווע איז מזלדיק, ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַ שוואַרצע קאַץ, אָבער פֿאַר קיין דרייצן האָט ער זיך נישט געשראָקן, ווייל זיין „גרעסטער מענטש" איז געוואָרן פּרעזידענט דווקא דעם דרייצנטן און אַראָפּגעזעצט האָט מען אים דעם זיבעצנטן, וואָס איז פֿאַר אים ביז דעמאָלט געווען די בעסטע ציפער. מען האָט אים געזאָגט, אַז זיבעצן איז בגימטריא טוב און טוב איז גוט. ביז דעמאָלט איז פֿאַר אים זיבעצן געווען אידענטיש מיט גוט און פֿון דעמאָלט אָן איז ביי אים געוואָרן זיבעצן אַן אומגליקלעכער ציפער.

חיים איז געווען זייער אומגעדולדיק. אויף וויפל ער האָט זיך געפילט גוט, ווען ער האָט פאַרבראַכט מיט דער מוטער און גערעדט מיט איר, אויף אַזויפיל איז ער געווען אומגעדולדיק, ווען ער האָט גערעדט מיט די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער משפחה און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַרלירט אומזיסט די צייט. ער דאַרף אויסנוצן וואָס מער צייט אויף צו זוכן אַ האָטעל, ווו די גאַנצע זאַך זאָל איינגעאָרדנט ווערן. מיט דער מאַמען האָט ער ליב געהאַט צו רעדן. זי האָט אים געמאַכט פֿון שטענדיק אַן דעם איינדרוק פֿון אַ גרויסע חכמה. דאָס פּשוטסטע וואָרט אירס פלעגט אים מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַ גרויסע לעבנס־חכמה. און זי האָט גערעדט זייער פּשוט און האָט קיינמאָל נישט געזוכט צו מאַכן קיין איינדרוק. איר כוח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט גערעדט אין דער וועלט אַריין. אַז זי האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָט זי געשוויגן, אָבער דאָס האָט פּאַסירט זייער זעלטן. עפּעס צו זאָגן האָט זי שטענדיק געהאַט און זי האָט געקענט יעדן פֿון די קינדער און די אייניקלעך און זי האָט נישט נאָר זיך געכאַפּט אויף יעדער נאַרישקייט פֿון עמיצן, נאָר זי האָט אויך שטענדיק געוווּסט ווער עס זאָגט אמת און ווער עס זאָגט ליגן. און די מאַמע איז געווען די דאָזיקע, וואָס האָט אים סוגערירט דעם געדאַנק, אַז צו הילף זאָל ער זיך נעמען פריידלס יינגערן זון, דעם אַדוואָקאַט אַרטור עלקעס, וואָס איז אַ פאַרשטענדלעכער מענטש און ער זאָגט קיינמאָל נישט קיין ליגן. די מוטער האָט דערביי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אפשר איז עס דערפֿאַר, ווייל אין זיין פּרנסה מוז ער שטענדיק זאָגן ליגן. אַן אַדוואָקאַט וועט דאָך קיינמאָל נישט זאָגן קיין אמתדיק וואָרט זיין קליענט. זאָגט ער אויס אַלע זיינע ליגנס אין ביוראָ און אין דער היים זאָגט ער דעם אמת און די אַנדערע ליגנערן אין דער היים אויף וואָס די וועלט שטייט.

און די מאַמע האָט געוווּסט וואָס זי האָט גערעדט, אַרטור האָט זיך באַלד צוגעקלעפּט צו זיין פעטער און ער איז געוואָרן מיט אים נפש אחת. חיים האָט חושד געווען, אַז זיין פלימעניק, דער אַדוואָקאַט, וויל זיך קהלן אין דער גאַנצער זאַך, ווייל ער האָפֿט, אַז דאָס דאָזיקע וועט אים שפּעטער ברענגען נוצן.

ער וועט זיך באַקענען מיט נייע מענטשן און פּאָר אַן אַדוואָקאַט איז דאָס שטענדיק נייטיק. אָבער אַרטור איז אויך געווען פון דער נאַטור אַ ווילער בחור און ער האָט טאַקע געוואָלט העלפן דעם פעטער און ער האָט חוץ דעם שטאַרק ליב געהאַט זיין באָבען, וואָס איז פאַר אים געווען אַנדערש ווי די אַנדערע מענטשן פון זיין און זיין ווייבס משפחה. די אַכציק־יעריקע פרוי האָט עפּעס געהאַט אַזאַ שכל, וואָס די אַנדערע פרויען און אַפילו מענער האָבן דאָס נישט געהאַט. קיין געזעצן האָט זי דאָך נישט געקענט, אָבער ווען ער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ שווערן פּראָצעס האָט אירע אַ פּשוטע עצה אים אַ סך מאָל געהאָלפן. אַדוואָקאַטן זוכן שטענדיק דעם קרומען וועג און דער כוח פון דער אַלטער חוה־טויבע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז שטענדיק געגאַנגען אויף אַ גלייכן וועג און האָט שטענדיק געזאָגט אַ גלייכן געדאַנק.

אַרטור איז נישט נאָר אַרומגעגאַנגען און אַרומגעפאָרן מיט זיין מאָד־נעם פעטער, אין וועלכן ער האָט געזען אַן ענלעכקייט צו זיין באָבען, נאָר ער איז אַליין אויך אַרומגעפאָרן אין דער געגנט צו זוכן אַ צוגעפּאַסטן האָטעל. און דער סוף איז געווען, אַז טאַקע בעת אַ שפּאַציר מיט אַרטורן האָט חיים גע־פּאַקט אַזאַ האָטעל. אַרטור האָט אים שוין געהאַט באַמערקט פון פריִער, אָבער ער האָט געטאָן אַלצדינג, נישט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער אַליין האָט אים געפונען, נאָר אַז ביידע אינאיינעם האָבן דאָס דאָזיקע באַוויזן. דער האָטעל האָט געהייסן „צום גאָלדענעם לייב“ און די באַלעבאַטים זיינע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון ענגלענדער. ער האָט געהאַט דרייסיק גרעסערע צימערן און צען קלענערע. עס איז אין אים געווען גענוג פּלאַץ און באַקוועמלעכקייט צום וווי־נען פאַר אַ זיבעציק, אויב נישט אַכציק פּערזאָן. און צום פאַרברענגען איז גע־ווען פּלאַץ אויך פאַר הונדערט פופציק מענטשן. די קאַטעגאָריע פון האָטעל איז אייך געווען אַ פיינע. נישט קיין איבערגעטריבענער לוקסוס, אָבער אויך זייער ווייט פון באַשיידנקייט. קיין צו גרויסע באַוועגונג אַרום אים איז נישט געווען און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די באַלעבאַ־טים יאָגן זיך נישט נאָך צופיל געסט. זיי זענען איבערקלייבער. דאָס מזל האָט צוגעשפּילט, וואָס דער חודש אויגוסט, ווען די געסט האָבן געדאַרפט קומען, איז געווען אַ צייט פון טויטן סעזאָן פאַר דעם האָטעל. אין אַן אַנדער צייט וואָלטן די באַלעבאַטים געדאַרפט צופיל געסט אַרויסטרייבן און צופיל נישט אַריינ־לאָזן. אין אויגוסט אָבער איז די זאַך געווען גרינג פון זיך אַליין. און דער ענג־לענדער, דער באַלעבאָס פון האָטעל איז געווען אַ רויִק פּראַקטישער און ער האָט נישט אַריבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט נישט געזאָגט אַזאַ מין פּרייז, אַז מען זאָל זיך דאַרפן דינגען און ער איז נישט געווען גרייט זיך צו דינגען. און זייב האָט געהאַט אַ געוויסע מענטשן־קענטעניש אין זיין פּראַקטיק און ער

האָט געזען, אַז עס איז נישט נאָר איבעריק דאָס דינגען זיך, נאָר ער וועט דורך דעם זיך מאַכן לעכערלעך און אַרויסרופן אַ שלעכטע מיינונג וועגן זיך ביי דעם דאָזיקן פאַרשוין און ער וועט טיי־ווי־סיי גאָרנישט פועלן. ער האָט געמאַכט אַ חשבון אויף גיך, אַז די גאַנצע זאַך וועט נישט באַטרעפן קיין סך מערער ווי טויזנט דאָלער אַ טאָג און אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן, אַז אין צען טעג וועט דאָס אַלץ פאַרטיק ווערן, וועט ער דורכקומען מיט צוועלף טויזנט דאָלער. און אויב אַפילו עס זאָל קומען עפּעס אַ סורפּריז, וועט דאָס אויך נישט אַריינטרייבן אין מערער ווי פופצן טויזנט דאָלער. און נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט ער אויס־געשטרעקט זיינע פעסטע הענט צו דעם באַלעבאָס פון דעם האָטעל און ער האָט אים באַלד אָנגעשריבן אַ טשעק אויף דער סומע פון דריי טויזנט דאָלער אַן אַדערויף, און יענער האָט אים געמאַכט אַ פשוטע קבלה, אין וועלכער עס זענען געווען באַלד אַריינגעשריבן די הויפּט־פונקטן פון דעם אָפּמאַך. עס איז אין דער דאָזיקער קבלה שוין געזאָגט געוואָרן, וואָס אַזוינס חיים בערקאָוויטש דאַרף געבן און וואָס אַזוינס דער באַלעבאָס פון דעם האָטעל „צום גאָלדענעם לייב" דאַרף געבן.

אַ גאָר אַנטציקטער איז חיים געקומען צו זיין שוועסטער פריידל און ער איז גלייך אַריינגעלאָפן צו דער מאַמען איר אָנצוזאָגן דער ערשטער די בשורה, אַז ער האָט שוין דאָס ריכטיקע פּלאַץ. די אַלע, וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג צו דער מאַמען, איז ער פאַרבייגעלאָפן שווייגנדיק. און שוין נאָך דעם וואָס ער האָט דערציילט דער מאַמען וועגן דעם האָטעל און ווי שיין זיינע צימערן און זאַלן זענען און וואָס פאַר אַ פיינער הויף דאָרטן איז פאַראַנען מיט אַ גאָרטן און באַסיינען צום שווימען און אַלדאָס גוטס, האָט ער צונויפגערופן אַלע, וואָס זענען געווען און ער האָט זיי דערציילט דאָס זעלביקע. דאָס דערציילן סיי דער מאַמען און סיי די איבעריקע איז געמאַכט געוואָרן אין אַ דערהויבענעם טאָן, גלייך עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ גרויסאַרטיקן אַקט, אָדער גאָר עפּעס וועגן אַ שידוך. חיים האָט געשיינט בשעת דעם דערציילן און די אַלטע מאַמע איז אַריין אין זונס התפעלות און זי איז געוואָרן פונקט אַזוי עקזאַלטירט ווי ער. זי איז געוואָרן אַזוי פריילעך, אַז זי איז אַזש טרויעריק געוואָרן. אינע־ווייניק אין זיך אַריין האָט זי זיך געפרעגט: „און וואָס וועט זיין דערנאָך?" אָבער זי האָט דאָס דאָזיקע קיינעם נישט געזאָגט. דער זון אָבער האָט יאָ באַ־מערקט, אַז זי איז אינמיטן דער פרייד געוואָרן טרויעריק. ער איז צוגעגאַנ־גען צו איר און האָט זי געגלעט און געקושט און כאָטש זי איז פון שטענדיק אָן געווען אַ האַרטע נאַטור און אַ מענערישע און זי האָט זייער זעלטן געוויינט אין איר לעבן, האָט זי זיך דאָס מאָל שטאַרק צעכליפּעט. חיים האָט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט בלויז פאַר פרייד, אָבער געזאָגט האָט ער:

— ביסט אַ טייערע יידישע טאָכטער, מאַמע, ביי אַ יידישער שמחה מוז מען וויינען.

געוווסט האָט ער, אַז זי וויינט נישט פאַר פרייד בלויז. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי טראַכט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין נאָך אָט דער שמחה. ער אַליין האָט אויך געטראַכט וועגן דעם. אים האָט זיך אויך אויסגעדאַכט, אַז נישט נאָר דער מאַמעס לעצטע שמחה וועט דאָס זיין, נאָר אויך זיין אייגענער לעצטער אויפטו אין לעבן. וואָרום וואָס נאָך קען ער נאָך דעם אויפטאָן?

קוקנדיק אויף דער מאַמען, האָבן זיך שוין אויך בײדע שוועסטער צעכליפּעט און חיים האָט געדאַרפט כלומרשט אַנשרייען אויף זיי, אַז היינט איז נישט תשעה באָב, אָבער אַליין האָט ער זיך אויך געדאַרפט שטאַרק ווישן די אויגן און איינגאַנצן אויסווישן זיי האָט ער נישט געקענט. און די עלטערע שוועסטער פריידל האָט זיך צערעדט און זי האָט גענומען זאָגן, אַז זי וויינט, ווייל זיי זענען גליקלעך. זיי האָבן זיך געראַטעוועט, כמעט די גאַנצע משפחה געראַטעוועט. דער אומגליק איז, וואָס אַ קליינער טייל איז דאָרטן אומגעקומען. און דאָס דאָזיקע האָט אַביסל איינגעשטילט די געמיטער. געוויינט האָט מען טאַקע נאָך מערער ווי פריער, אָבער דאָס געוויין איז שוין נישט געווען וועגן זיך אַליין, נאָר וועגן די אַנדערע. עס איז געווען עפּעס אַזאַ מין געוויין, וואָס מען וויל דאָס אויסוויינען און מען דאַרף דאָס נישט באַהאַלטן...

אין יענעם אָוונט האָט חיים צונויפגערופן די גאַנצע משפחה און מען האָט פאַרבראַכט אייניינעם ביי אַ וועטשערע אין הויף. מען האָט דעם שענק פאַרמאַכט באַצייטנס און מען איז געזעסן צווישן זיך און געגעסן און געטרונקען און דערציילט מעשיות און מער ווי אַלע האָט גערעדט חיים. און אַז די אַלטע מאַמע האָט עפּעס געזאָגט, איז געוואָרן שטיל און אַלע האָבן זיך צוגעהערט. אַפילו די קינדער, וועלכע די זאַך האָט נישט אינטערעסירט, האָבן זיך אויך צוגעהערט, די אַלטע חוה־טויבע האָט געהאַט טאַקע עפּעס פון אַ קיניגן און זי האָט געקענט אימפּאָנירן יעדן איינעם דרך־ארץ. חיים האָט געפילט, אַז די מוטער איז צופיל עמאָציאָנירט און ער האָט געוווסט אַז אין אירע יאָרן דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק אין אַזעלכע מאָמענטן, אָבער די מוטער האָט זיך געהאַלטן אַזוי פעסט, אַז נאָר זי אַליין האָט געפילט, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט איר צו גיך. זי האָט פריער זיך געהייסן דעם אייניקל אירן, דעם דאָקטער, איר מאַכן אַזאַ איינשפּריצונג, וואָס האָט איר צוגעגעבן פעסטקייט.

און סיי חיים, סיי אַרטור האָבן שוין געטאָן אַלצדינג, אַז דער שמועס זאָל געפירט ווערן לייכט און ער זאָל נישט אַרויסרופן קיין אויפרעגונג און קיין געוויין. חיים האָט דער ערשטער אָנגעהויבן מיט אַ דערמאָנונג פון שטעטל און עס איז אָוועק אַ גאַנג. די שוועסטער האָבן אויך זיך דערמאָנט פאַרשידענע

קליינינקייטן, וואָס קענען אַרויסרופן געלעכטער און פאַרגרינגערן דאָס געמיט. און די מאַמע אַליין איז נישט אָפּגעשטאַנען און זי האָט דערציילט אַ סך קאָמישע מעשות.

זי האָט דערציילט אַ זייער טשיקאַווע מעשה וועגן אַ געשטראָפט קינד פון אַן אָרימער יידענע, וואָס מען האָט גערופן חיה־שרה. זי איז געווען אַ סאָרווערן אויף חתונות און איר מאַן איז געווען אונטער־שמש אין דער גרויסער שול. זיי האָבן געהאַט עטלעכע קינדער, וואָס זענען געווען געזונט, אָבער איין יינגל איז געבליבן ביים קינדישן שכל און ביים קינדישן כוח. ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט ער געהאַט דעם פאַרשטאַנד און די שפּראַך פון אַ קינד פון צוויי יאָר. און גיין האָט ער כמעט נישט געקענט. טאַטע־מאַמע זענען ביידע געווען פאַרנומענע מענטשן, האָבן זיי דאָס קריפּלדיקע באַשעפעניש געמוזט האַלטן פאַרמאַכט אין אַ קעמערל. מען פלעג זייער אָפט הערן זיינע קולות אין גאַס אַריין. קינדער פלעגן אַרומרינגלען דאָס קעמערל און דווקא געוואָלט זען דאָס פאַרזעעניש, אָבער די מוטער האָט נישט געלאָזט. זי האָט עס באַהאַלטן אַזוי ווי אַ מאַמע אַ גאַנדז באַהאַלט די גאָר קליינע גענדזעלעך.

האָט מען דערציילט, אַז איין מאָל האָט דער קריפּל געזאָגט צו דער מוטער, אַז ער האָט געזען גאָט... די מוטער האָט זיך אַזש דערשראָקן און זי האָט אַריינגערופן דעם שכן, דעם אַלטן שוחט, אַז ער זאָל הערן, וואָס איר זון דערציילט. און דער קלוגער זון נעבעך האָט אויסגעמאָלט אָט אַזוי אַ גאָט:

„געטראָגן אַ נייעם פעלץ... אַ שיינעם פעלץ... און נייע שטיוול געטראָגן... אָפּגעפּוצטע שטיוול... שטאַרק אָפּגעפּוצטע... און גוט געווען צו מיר... געגעבן מיר אַ שטיקל צוקער... געווען גאָט..."

און נאָך דעם, וואָס מען האָט גערעדט און מען האָט זיך דערציילט מעשיות, האָט מען גענומען זינגען. דער בעסטער זינגער איז דווקא געווען בערנאַרדאַ, וועלכן עס האָבן שוין איצטער אַלע גערופן בערל. ער האָט געשטאַמט נישט פון אַזאַ גוואַלדאָוונער משפחה, אָבער נגינה האָט די דאָזיקע משפחה פאַרמאָגט פון שטענדיק אָן און דאָס דאָזיקע איז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון דור צו דור. בערל האָט געקענט חזנישע שטיקלעך מיט אַלערליי דריידלעך און ער האָט געקענט לידער פון יידישן טעאַטער און ער האָט אויך געקענט מאָלדאַוואַנישע לידער. די מאָלדאַוואַנישע לידער האָבן באַזונדער דערמאָנט אין דער אַלטער היים און דאָס דאָזיקע האָט ווידער אַרויסגערופן אַ געוויין ביי די אָנוועזנדיקע. דאָס מאָל איז חיים געווען זייער פעסט ביי זיך און ער האָט נישט דערלאָזט, אַז עס זאָל קומען דערצו. און ער האָט אָנגעשריגן, אַז ער איז געקומען מאַכן פריילעך די מאַמע, נישט טרויעריק. מען איז גענוג טרויעריק, ווען מען איז נישט איניינעם און ווען מען טרעפט זיך איין מאָל אין אַ לעבן

איניינעם, דאַרף מען זיין פריילעך. און פון זינגען איז מען איבערגעגאַנגען צו טאַנץ אויך. מען האָט געטאַנצט אַ ייִדיש קיילעכדיקס און אַזאַ מין טאַנץ, וואָס מען האָט אין דער אַלטער היים גערופן אַ „בולגאַריש" און מען האָט געזונגען מאָלדאַוואַנישע לידער, וואָס זענען געווען געמישט מיט ייִדישע און לשון־קודשדיקע ווערטער. אין דער דאָזיקער שמחה איז געווען אַן אָנזאָג אויף דעם, וואָס עס דאַרף זיין אין אַ חודש אַרום, ווען עס וועט פאָרקומען די גרויסע פייערונג. חיים האָט זיך פאַרצייכנט די דאָזיקע לידער און חזנישע שטיקלעך, וועלכע ער האַלט, אַז בערל וועט אויך דעמאָלט דאַרפן זינגען.

ערשט איצטער האָט חיים אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּראָגראַם. ער האָט באַשטימט דעם שפּעטסטן דאַטום, ווען מען דאַרף קומען קיין סאַן־פּאַולאָ און ער האָט טאַקע באַלד צעשיקט טעלעגראַמעס וועגן דעם און ער האָט פאַרזי־כערט, אַז קיין ענדערונגען וועלן שוין נישט פאָרקומען. און ער האָט אויך באַשטימט, וואָס עס וועט פאָרקומען אין משך פון זעקס פון די צען טעג, וואָס מען וועט זיין אינאיינעם. פיר טעג, האָט ער געהאַלטן, וועלן דאַרפן זיין פרייע און יעדער וועט זיי קענען אויסנוצן פאַר זיך, אָדער אויף צו פאַרברענגען אין פריוואַטע שמועסן.

איצטער האָט חיים געהאַט נאָך אַ פּאָר זאַכן צו דערליידיקן. ער האָט גע־וואָלט, אַז צו צוויי יום־טובים זאָל מען איינלאַדן אויך אָרטיקע מענטשן. קיין נישט ייִדישע פּערזענלעכקייטן האָט ער נישט געוואָלט איינלאַדן, כאָטש ער האָט געהאַלטן, אַז אין דער פּאָרטוגעזישער פּרעסע וועט מען יאָ דאַרפן עפּעס אינפאָרמירן וועגן אַזאַ אייגנאַרטיקן יום־טוב פון דעם אַכציקסטן געבוירנטאָג פון אַ ייִדישער פרוי, אַ מאַמע פון טעלעכע צענדליק קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, צווישן זיי אַ סך געבוירענע אין לאַטיין־אַמעריקע און אייניקע פון זיי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אינזשעניערן און אַפילו „סענאַטאָרס און גענעראַלן" זענען אויך פאַראַן צווישן זיי. אינפאָרמירן די גוייִשע פּרעסע — יאָ, אָבער איינלאַדן נישט קיין ייִדישע פּערזענלעכקייטן — נישט. די ייִדישע פאַרבעטענע געסט וועלן דאַרפן זיין די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט. און די מאַמע איז דאָך פּאַרט אַן אַלטמאָדישע ייִדענע, האָט ער געהאַלטן, אַז עס דאַרף אויף פאַרבעטן ווערן אַ רב, וואָס זאָל האַלטן אַ שיינע דרשה און אויך אַ מאָדערנער ייִדישער רעדנער דאַרף קומען, וואָס זאָל האַלטן אַ שיינע רעדע. און ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט די אַלע געסט, וואָס מען דאַרף פאַרבעטן. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישט גענוג זיי צו שיקן שריפטלעכע איינלאַדונגען, נאָר ער אַליין דאַרף זיך פּערזענלעך זען מיט זיי. און ער איז טאַקע געגאַנגען צו טעלעכע אָנגעזעענע ייִדישע עסקנים, פּרעזידענטן און סעקרעטאַרן פון די ייִדישע אינסטיטוציעס. און זיי האָבן אים שוין רעקאָמענ־

דירט אַ רב, וואָס איז אי אַן אַלטמאָדישער, אי אַ מאָדערנער און ער איז פּער־זענלעך געגאַנגען צו אים, אים אויפגעקלערט די זאַך און אים געגעבן אַ חודש צייט צוצוגרייטן די ריכטיקע דרשה. און ער האָט מיט צופרידנקייט באַמערקט, אַז דעם רב האָט פּאַראינטערעסירט די גאַנצע זאַך. אים איז געפעלן דער גוּ־טער ווילן פון דעם זון צו פּראַווען אַזאַ יום־טוב פאַר אַן אַלטער מאַמען און ער האָט געזען אַ מין לאַטיין־אַמעריקאַנער קיבוץ־גלויות אין דער גאַנצער זאַך. און חיימען איז דאָס דאָזיקע געווען שטאַרק צום האַרצן.

ווען אַ מאָדערנעם רעדנער איז חיים נישט געקומען צו קיין טאָלק. מען האָט אים געזאָגט, אַז קיין אָרטיקע מאָדערנע יידישע רעדנער זענען נישטאָ און אויב עס איז דאָ איינער אָדער צוויי, איז ער אַ סאָציאַליסט, צי אַ לינקער פּועלי־ציון און ווער ווייסט, צי ער וועט וועלן אַננעמען צו קומען רעדן ביי אַזאַ פאַמיליע יום־טוב. חיים האָט נישט פאַרשטאַנען מיט וואָס קען זיין קעגן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, אַז מען זאָל אָפּגעבן כבוד אַ מאַמע, אַ באָבע און אַן עלטער־באָבע, וואָס ווערט אכציק יאָר. אָבער מען האָט אים געזאָגט, אַז אין שטאָט אַריין קומען אַלעמאָל רעדנער פון אַנדערע לענדער און עס קען זיין, אַז פּונקט דעמאָלט זאָל זיין אין שטאָט עפּעס אַ רעדנער אַן אַנטיקל, אַ פּעפּערל, ווי מען זאָגט, דאַרף ער דאָס דערוויייל איבערלאָזן אויף שפּעטער. האָט ער גע־פּאָלגט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער וועט סיי ווי סיי אַהער קומען מיט צען טעג איידער דער גאַנצער טראַסק וועט זיך אָנהייבן און ער וועט דעמאָלט האָבן צייט צו באַזאָרגן אַ מאָדערנעם רעדנער. און אויב עס וועט נישט זיין קיין גאַסט, וועט ער שוין געפינען אַ צוגאַנג צו איינעם פון די אָרטיקע רעדנער. ער האָט נאָר געטראַכט, אַז ער אַליין וועט אויך האַלטן אַ גרויסע רעדע ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, כאָטש ער האָט זייער זעלטן געהאַלטן רעדעס אין זיין לעבן. ווען ער איז געווען דער בירגערמייסטער אין דעם טשילענער שטעטל, איז אים אויסגעקומען אַ סך מאָל צו לייענען רעדעס. אויף יידיש וועט ער נישט לאָזן, אַז עמעצער אַנדערש זאָל אים אָנשרייבן, ער וועט זיך אַליין אויסטראַכטן אַ רעדע, אין וועלכע ער וועט אַריינטאָן זיינע אַלע געפילן פון די אַריבער פערציק יאָר, וואָס ער וווינט אין די דאָזיקע לענדער. און דער קאָפּ האָט באַ־צייטנס אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אים אַרום דער רעדע. פּונקט ווי פריִער האָט ער אַריינגעטאָן דעם גאַנצן קאָפּ אין דער אָרגאַניזאַציע פון דעם יום־טוב האָט ער איצטער זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דעם טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער וועט זאָגן זיין מאַמען ביי דעם גרויסן יום־טוב, וואָס ער וועט זאָגן וועגן איר און וואָס ער וועט זאָגן דער גאַנצער משפּחה.

אַ צופרידענער איז חיים אַוועקגעפאָרן פון סאַן־פּאַולאָ מיטן געדאַנק, אַז אין צוואַנציק טעג אַרום אי״ה וועט ער דאָ זיין צוריק. ער האָט זיך נישט אויפ־

געהערט צו זאָגן אין די געדאַנקען: אי״ה און ער האָט זיך פאַרטייטשט: אַז גאָט וועט וועלן. ער האָט איצטער נישט אויפגעהערט זיך צו בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל אים געבן דעם ריכטיקן כוח דורכצופירן די שענסטע זאַך אין זיין לעבן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געלערנט יינגלווייז וועגן דעם ווי אַזוי שמשון הגבור האָט צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן באַוויזן אַ גבורה און אָנגענומען די זיילן פון דער שטוב, ווו עס זענען געווען זיינע שונאים און ער האָט איבערגעקערט די שטוב אינאיינעם מיט די שונאים. שמשון האָט זיך דער־מאָנט געבעטן ביי גאָט: „שטאַרק מיך און פעסטיק מיך נאָר דאָס מאָל״ און ער האָט זיך איצטער אויך אַזוי געבעטן ביי גאָט.

באַגלייט האָט אים די גאַנצע משפחה. אַפילו דער שוואָגער סימאָן האָט פאַרמאַכט דעם שענק און איז געגאַנגען צום עראָדראָם און אויך דער אַנ־דערער שוואָגער, בערל, איז געגאַנגען און די מאַמע איז מיטגעגאַנגען. און ער האָט אַלעמען אַרומגענומען און געדריקט צו זיך און ביי אַלע האָט ער געפילט טרערן אויף די באַקן און ווען עס איז געקומען צום געזעגענען זיך מיט דער מאַמען, האָט מען אים געקאָנט אָפּרייסן בלויז דעמאָלט, ווען מען האָט געשריען, אַז ער מוז שוין אַרויפגיין אויף דעם עראָפּלאַן...

— 5 —

ווען חיים איז אַהיימגעקומען קיין סאַנטיאַגאָ און ער האָט געטראָפן זיין פרוי אין דעם זעלבן געזונט־צושטאַנד אין וועלכן ער האָט זי געלאָזט, האָט ער קודם־כל גענומען מאַכן אַ חשבון וויפל געלט ער אַליין קען אַריינלייגן אין דער אונטערנעמונג. ער איז געווען גרייט אַריינצולייגן אין דעם אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אין מזומן און וואָס ער האָט געקענט פאַרוואַנדלען אין מזומן. דאָס דאָזיקע איז אָבער נישט געווען גענוג אַפילו, ווען ער האָט צוגערעכנט געוויסע סומעס, וואָס די דריי ברידער וועלן געבן. האָט ער זיך גענומען באַראָטן מיט דעם זון און ביי אים פרעגן וויפל ער קען אים צולייען. דער זון האָט געוווסט, אַז דער טאַטע לייט, באַצאָלט ער. ער מעג נישט האָבן, מאַכט ער די גרעסטע אָנשטרענגונג און ער באַצאָלט אין צייט און ער געפינט שוין אַ מיטל דאָס צו קריגן און פאַרדינען. ווען ער דאַרף נישט, פאַרדינט ער נישט; דאַרף ער אָבער, וועט ער פאַרדינען די גרעסטע סומע. דער זון איז גרייט געווען צו קריגן פאַר אים כמעט אַזויפיל וויפל ער האָט געהאַט און דאָס דאָזיקע איז שוין זיכער געווען גענוג, לויט דער שטרענגסטער קריטעריע, וויפל ער דאַרף געבן. און ער איז געווען זיכער, אַז די ברידער וועלן שוין דאָס איבעריקע דערגאַנצן. דאָך איז ער געווען גרייט מיטצונעמען אויך דעם ווייבס צירונג און אויב עס וועט זיין נייטיק, זאָל ער דאָס פאַרזעצן, אָדער אַפילו פאַרקויפן. די גאַנצע זאַך פון פייערן זיין מאַמעס אַכציק יאָר האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער איז געווען גרייט זיך לאָזן אַ נאַקעטער און דאָס דאָזיקע דורכפירן.

ווען חיים האָט פאַרענדיקט די חשבונות, האָט ער גענומען דעם יידישן קאַלענדאַר און געקוקט צי די דאַטומס אין וועלכע ער וויל דורכפירן די יום־טובים זענען פּאַסיק דערפאַר. און ער האָט זיך באַלד אָנגעשלאָגן אויף אַ געוויסער שוועריקייט: דעם 25סטן יולי האָבן זיך אָנגעהויבן די דריי וואָכן, וואָס זענען טרויער־וואָכן ביי יידן. דער 23סטער יולי איז אין יענעם יאָר אויסגעפאַלן אין אַ דינסטיק, אין וועלכן עס איז געפאַלן דער תענית שבעה־עשר בתמוז. אָבער ער האָט געוווסט, אַז אין לאַטיין־אַמעריקע היט מען נישט צו שטאַרק אָפּ די דריי וואָכן און ווי די מאַמע איז אַ פרומע וואָלט מען ביי איר געפועלט, אַז זי זאָל דערפון זיך נישט מאַכן קיין גרויס ווען. ערגער איז אָבער געווען, וואָס דעם 5טן אויגוסט איז אויסגעפאַלן ראש חודש אב און דעמאָלט הייבן זיך אָן די ניין טעג, וואָס ווערן פאַרענדיקט מיט תשעה־באב און אין די

דאַזיקע ניין טעג מאַכט מען אין לאַטיין־אַמעריקע אויך נישט קיין יום־טובים. די מאַמע וועט בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז אין די ניין טעג, פאַר תשעה־באב, זאָלן לכבוד איר שפּילן קלעזמער און ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט צוגעבן דער זאַך כאָטש אין איין אָוונט דעם כאַראַקטער פון עפּעס אַ גאָלדענער חתונה. און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער דאַרף פאַרענדיקן די זאַך ביז ראש־חודש אָב, ווען עס הייבן זיך אָן די ניין טעג. ער האָט גערעכנט אַהין און ער האָט גערעכנט אַהער און ער האָט באַשלאָסן אַז די זאַך זאָל זיך אָנהייבן דאָנערשטיק דעם 25סטן יולי, וואָס פאַלט אויס י״ט תמוז, דעם דריטן טאָג פון די דריי וואָכן און איין טאָג פאַר הערצלס יאָרצייט און פאַרענדיקן זאָל זיך דער יום־טוב זונטיק, דעם 4טן אויגוסט, אַ טאָג פאַר ראש־חודש אָב. אַזוי אַרום וועט ער האָבן צוויי שבתים און זונטיקס און אין דער מיט אַ גאַנצע וואָך און דאָס דאָזיקע וועט אים זיין געגנוג.

חיים האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט מיט דעם האָטעל „צום גאָלדענעם לייב״ פאַר אַן אַנדער דאַטום און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען אָנצופרעגן, צי מען קען בייטן דעם דאַטום, אַזוי ווי ער האָט איצטער באַשטימט. ער האָט דאָס דאַזיקע געפרעגט טעלעגראַפיש, ער האָט געבעטן זייער מילד, אָבער ער האָט דערביי צו וויסן געגעבן, אַז אויב נישט אין דעם דאַטום וועט די זאַך נישט קענען צושטאַנד קומען און ער איז אין יידע פאַלן גרייט צו ליידן פינאַנציעל די קאָנסעקווענצן. און דער באַלעבאָס האָט אים באַלד באַשטעטיקט דעם נייעם דאַטום. ווען ער איז מיט דעם דאָזיקן שוין געווען פאַרטיק, האָט ער אָנגעהויבן שיקן טעלעגראַמעס צו די אַלע אייגענע, וועלכע ער האָט שוין טעלעגראַפיש געהאַט באַשטעטיקט דעם פריערדיקן דאַטום. און כאָטש ער האָט אין דער ערשטער טעלעגראַמע צו וויסן געגעבן, אַז ער בייט דעם דאַטום צוליב די באַקאַנטע טעמים און אַז אין פריערדיקן דאַטום וועט די מאַמע זיך נישט וועלן באַטייליקן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעכץ. אייניקע פון זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן שוין אַלץ צוגעגרייט, לויט דעם ווי ער האָט זיי פריער געמאָלדן. און עס זענען ווידער אַמאָל געלאָפן טעלעגראַמעס און טעלעגראַמעס. חיים איז געוואָרן אויסער זיך. ער איז נעכט נישט געשלאָפן. האָט עמעצער אַ ריר געטאָן דאָס טירל פון הויף און דער פּאַפּוגיי האָט אַ געשריי געטאָן „קאַרטעראָ״, פלעגט ער לויפן, אַזויווי אַ קליין יינגעלע. ער האָט דער פרוי גאָרנישט דערציילט וועגן זיינע נייע שוועריקייטן, אָבער זי האָט דערקענט אַז ער איז נערוועז און אויפגערעגט און זי האָט מורא געהאַט, אַז די גאַנצע זאַך וועט אים נאָך חלילה אָוועקלייגן. שטילערהייט האָט זי געזאָגט דעם זון דעם דאָקטער, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויפן טאַטן און יענער האָט זי געפאָלגט און האָט אים טאַקע באַרויקט אויך. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער

איז איצטער געזינטער ווי ער איז ווען אַמאָל געווען. און ער האָט דאָס דערקלערט: ער איז אַזאַ כאַראַקטער, וואָס מוז זיין מיט עפּעס באַשעפטיקט און דווקא ווען ער האָט דאגות און אַ סך זאַכן אויפן קאָפּ, ווערט ער שטאַרק אייזן. ווען ער האָט נישט וואָס צו טאָן, ווערט ער מער נערוועז און פּאַסיוו און אַלץ אין אים ווערט אַטראָפירט און ער פאַרלירט דעם גאַנצן אינטערעס אין לעבן.

און די גוטעביילע האָט פאַרשטאַנען, אַז דער זון דער דאָקטער זאָגט איר דעם אמת און זי איז געוואָרן רויִק און זי האָט געטאָן אַלצדינג, אַז זי זאָל זיך קענען טיילן מיט זיינע דאגות און די גאַנצע זאַך איז שוין געוואָרן אויך איר אינטערעס אין לעבן.

ביילע איז לכתחילה נישט געווען צו־באַגייסטערט פאַר דער גאַנצער אונטערנעמונג פון איר מאַן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע וועט זיי קאָסטן צו טייער. דערצו האָט זי מורא געהאַט, אַז זי וועט אין דעם דאָזיקן יום־טוב זיך נישט באַטייליקן. און זי האָט אויך נישט צו שטאַרק געוואָלט זיך באַטייליקן. גיי קום, אין אַ פרעמד לאַנד אויף אַ גרויסן יום־טוב מיט צענדליקער און אפשר הונדערטער מענטשן און שלעפּ זיך אַרום אויף אַ וועגעלע און וואַרט מען זאָל דיך שטופּן מיט דעם וועגעלע. און דאָס ערגסטע איז געווען איר מורא, אַז דאָס דאָזיקע קען שאַטן דעם מאַנס געזונט. אָבער פון דעם מאָמענט ווען איר זון דער דאָקטער האָט איר פאַרזיכערט, אַז צום געזונט מאַכט עס חיימען בעסער, איז זי שוין געווען גרייט אויף אַלץ. און ווייל חיים האָט איר פאַרזיכערט, אַז די מאַמע דאָרטן האָט אַ פרוי, אַ געטרייע און אַ האַרציקע, וואָס וועט זיך מיט איר אָפּגעבן און זי וועט קיינמאָל נישט זיין אַליין, ווייל די מאַמע וועט די באַגלייטערן דעמאָלט נישט דאַרפן האָבן, האָט זי שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז זי פאָרט און זי האָט שוין אַפילו אַרויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן פאָרן אַהין.

אַלץ איז גוט, וואָס עס ענדיקט זיך גוט. די עטלעכע טעלעגראַמעס, וואָס זענען געפלויגן אַהין און צוריק, האָבן דערפירט די גאַנצע זאַך צו אַ טאָלק און אַלע זענען שוין געווען גרייט צו קומען צום נייעם דאַטום. עס איז שוין געווען אַפילו אויסגערעכנט דער דאַטום און די שעה פון יעדנס אַרויספלי און די נעמען פון די אַוויאַציע־געזעלשאַפטן און די נומערן פון די פליִען. די לעצטע, צו וועמען חיים האָט זיך געווענדט וועגן דעם בייטן דעם דאַטום איז געווען די מאַמע און די גאַנצע משפחה אין סאַן־פּאַולאָ. פאַר זיי איז דאָך דער חילוק נישט געווען קיין גרויסער. די מאַמע האָט אים געענטפערט אין אַ לאַנגע טעלעגראַמע, אַז זי איז צופרידן, וואָס ער מאַכט דאָס נישט אין די ניין טעג, אָבער עס טוט איר וויי, וואָס עס וועט דאָך פאָרקומען אין די דריי וואָכן. אויף דער צווייטער טעלעגראַמע זיינער, אַז דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך און אַז ער

בעט זי, אַז זי זאָל אים נישט מאַכן קיין שוועריקייטן און ער האָט צוגעגעבן אַז איין מאָל דאַרף זי פאָלגן אויך איר ערגסטן זון, האָט זי אים געענטפערט, אַז אַלע קינדער זענען ביי איר די בעסטע און אַז זי איז גרייט אַלע צו פאָלגן דעמאָלט, ווען זיי האָבן רעכט און מען קען אַנדערש נישט מאַכן...

די גאַנצע דינגעניש דורך טעלעגראַמעס האָט פאַרנומען ביי חיימען צוויי וואָכן און ווען אַלצדינג איז פאַרענדיקט געוואָרן גוט, איז ער געווען גרייט צו פּראַווען אַ שמחה ביי זיך אין שטוב און אַפילו גיין טאַנצן. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס ווענעלע, אין וועלכן ביילע איז אַרומגעפאָרן און ער האָט זיך גענומען דרייען דערמיט, גלייך ער וואָלט געטאַנצט מיט איר אַליין. און זי האָט געלאַכט און זיך אויך געפרייט און געהאַלטן אין איין זאָגן:

— הער שוין אויף, משוגענער...

און עס איז געבליבן נישט מער ווי אַ קאַרגע וואָך צייט ביז וואַנען חיים האָט גענומען דאָס קראַנקע ווייב און דעם געזונטן זון און זיך געלאָזט קיין סאַן פּאַולאָ. אָט ווי ער האָט קיינעם נישט דערציילט אין סאַנטיאַגאָ וועגן דער גאַנ־צער זאַך, האָט מען זיך וועגן דעם דערוווּסט און ער איז ביי אַ סך יידן ווידער געוואָרן דער העלד פון טאָג. מען האָט וועגן אים גענומען רעדן אַלצייגס, ווי מען האָט וועגן אים גערעדט דעמאָלט, ווען ער איז געווען דעם פּרעזידענטס רעכטע האַנט. איידער ער האָט געדאַרפט פאָרן קיין סאַן־פּאַולאָ איז צו אים געקומען אַ דעלעגאַציע פון געזעלשאַפטלעכע טוער און בעסאַראַבישע לאַנדס־לייט און האָבן אים נאָר געוואָלט מאַכן אַ באַנקעט. ער איז אָבער אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל אינגאַנצן נישט האָבן קיין באַנקעט וועגן דעם, ער וויל האָבן די גאַנצע מצווה פאַר זיך. און ווען די דע־לעגאַציע איז צוגעשטאַנען צו אים און די מענטשן האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אים לאָזן די גאַנצע מצווה, כאָטש זיי ווילן האָבן אַ חלק אין איר און אַז פאַר דער איינער זאַך איז ער שוין פאַרזיכערט מיט עולם־הבא, האָט ער אָנגעהויבן נאָכצוגעבן, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז אויב מאַכן אַן אָוונט פאַר אים, וועט מען דאָס דאַרפן טאָן ווען ער וועט צוריקקומען און די גאַנצע זאַך וועט אי״ה דורכגיין אויף דעם בעסטן אופן. ער האָט זיי געזאָגט מיט זיין כאַ־ראַקטעריסטישן טעמפּעראַמענט און מיט אַ גוטן שמייכל:

— אַ גענעראַל נעמט מען אויף מיט פּויק און טאַץ נישט ווען ער גייט אין דער שלאַכט אַריין, נאָר נאָך דעם וואָס ער קערט זיך אום צוריק אוז ער האַלט אָפּ אַ נצחון.

די יידן האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און זיי האָבן אים נאָכגעגעבן און אין שטאָט האָט מען נאָך מערער גערעדט וועגן דער ענערגיע, וואָס דער דאָזי־

קער אַלטער „ווולקאַן" פאַרמאַגט און מען האָט דערציילט ניסים וועגן דעם ווי שיין און טאַקטיש און קלוג ער האָט אויפגענומען די דעלעגאַציע.

אין סאַן־פּאַולאָ האָט חיימס זון, ד"ר קאַנראַדאָ, געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער איז געווען אַזוי פעסט ווי דער פאָטער און העכער פון אים און נישט גאָר ייִנגער, נאָר אויך שענער. די פרויען זענען אַנטציקט געוואָרן פון זיין אויס־זען און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי פאַרשטייען נישט ווי אַזוי די טשילענער מיידלעך האָבן ביז איצטער נישט אויסגעכאַפּט אַזאַ שיינעם בחור. חיים איז געווען צופרידן צו הערן די קאָמפּלימענטן פאַר זיין זון און ביילע איז פון זיי געווען גאָר גליקלעך.ביידע זענען געווען אויף דעם זיבעטן הימל פון דעם, וואָס גראָד זייער זון איז געווען דער ערשטער פון די געסט, וואָס האָבן גע־דאַרפט קומען. חוה־טויבע האָט אים נישט געקענט און עס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע צופרידנקייט, וואָס ער איז געווען דער ערשטער צו באַקומען די ברכה פון דער אַלטער און קלוגער מאַמע. עס איז געווען צו דערקענען, אַז חוה־טויבע זוכט צו מאַכן אַן איינדרוק אויף איר אייניקל. זי האָט זיך שטענדיק ליב געהאַט צו פוצן. זי האָט דאָס דאָזיקע געטאָן מיט געשמאַק און האַרמאָניש צו איר עלטער, אָבער שיין אָנגעטאָן איז זי געווען שטענדיק. צו דער באַגע־געניש מיט קאַנראַדן, וועלכן זי האָט גערופן קלמן, ווייל זי האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן קלמן נאָך וועלכן ער האָט געהייסן, האָט זי זיך באַזונדער אויסגע־פּוצט. חיים האָט איר אַזש געפרעגט, ווי אַזוי זי וועט זיך אויספּוצן, דעמאָלט ווען עס וועט זיין דער גרויסער יום־טוב און זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז ער זאָל זיך נישט זאָרגן, עס וועלן איר קיין קליידער נישט פעלן. זי איז געזעסן ביי זיך אין צימער, ווען חיים האָט מיט איין האַנט אַריינגעפירט אין וועגעלע ביילען און מיט דער צווייטער האַנט דעם זון. און זי איז געזעסן אויף איר העכערער און ברייטערער שטול און האָט געקוקט מיט אַ שמייכל און מיט ברען צו דער טיר וואָס האָט זיך געעפנט און אַלע האָבן באַמערקט, אַז זי זעט אויס ווי אַ קעניגן אויף אַ טראָן. און זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון שטול און האָט זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן אַלע דריי, מיט שטאָלץ און דאָך זיך איילנ־דיק. זי האָט אויסגעזען אי ווי אַ קעניגן, אי ווי אַ מאַמע און אַ באָבע. זי האָט זיך צום ערשטן אַרומגעכאַפּט מיט ביילען, צו וועלכער זי האָט זיך אָנגעבויגן, און האָט זי אַרומגענומען און שטאַרק געקושט אין קאָפּ, אין די אויגן און אין די ליפּן. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגענומען מיט דעם זון און זי האָט אים פריִער געקושט און דערנאָך אָנגעשפּאַרט איר שיינעם קאָפּ מיט דער ווייסער קרוין אויף זיין ברייטן אַקסל. און דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי האָט אַריינגעקוקט קאַנראַדן טיף אין די אויגן אַריין און אין אירע אייגענע אויגן האָט זיך אי באַוויזן אַ שמייכל, אי אַ טרער און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז דאָך קלמן! דיין קלמן — האָט זי געזאָגט צו חיימען — אייער קלמן — האָט זי זיך געכאַפּט און געזאָגט צו ביילען — אונדזער קלמן!

און זי האָט געוואָרט, אַז קאָנראַדאָ זאָל זי אַרומנעמען און דאָס דאָזיקע איז טאַקע באַלד געשען. דער יונגער דאָקטער האָט זי אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס און ער האָט זי געקושט אין קאָפּ און זי האָט אַוועקגענומען איר שטערן פון זיינע ליפּן און אויפגעהויבן אירע ליפּן און זיך צעקושט מיט אים.

ביי דער טיר זענען געשטאַנען ביידע שוועסטער און האָבן זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע און זיי האָבן זיך געווישט די אויגן און זיי נישט געקענט אויסוויישן. אויך ביי ביילען האָבן נישט געפעלט קיין טרערן אין די אויגן. און חיים האָט זיך געהאַלטן כלומרשט פעסט, אָבער ער האָט זיך סוף־כל־סוף אויך נישט געקענט באַהערשן און ער האָט זיך אַוועקגעדרייט אָן אַ זייט צו טאָן כלומרשט עפּעס אַנדערש, אָבער ער האָט זיך אויך געווישט די אויגן. און מער האָבן די שוועסטער נישט געדאַרפט, זיי האָבן זיך אַזוי צעכליפּעט, אַז די גאַנצע שטוב איז פול געוואָרן מיט געוויין. ביילע האָט זיי, פאַרשטייט זיך, באַלד צוגעהאָלפן און חיים האָט שוין אַליין האָט שוין אַוועקגענומען די האַנט פון דעם שטאָלצן האַרצן. די איינציקע צוויי, וואָס זענען געבליבן פעסט און כמעט מיט טרוקענע אויגן זענען געווען חוה־טויבע און קאָנראַדאָ און זי, די אַלטע, האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ געוויין איז דאָ? עס איז דאָך נאָך נישט תשעה־באָב. עס איז דאָך נאָך נישט אַפילו די דריי וואָכן. און ביי מיר איז דאָך היינט שמחת־תורה. ווען איך וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט איך אייך אַלע אַרומגענומען און איך וואָלט זיך געשטעלט טאַנצן מיט אייך.

די אַלטע האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער מיט אַזאַ קראַפט און מיט אַזאַ אויטאָריטעט, אַז דאָס געוויין איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן, גלייך אַ פידל וואָלט פּלוצעם פאַרשטומט געוואָרן אויף אַ האַלבן טאָן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט נאָך אָן אָפּקלאַנג פון יענעם געוויין.

און חוה־טויבע איז באַלד געוואָרן מיט איר „קלמנען" ווי אַנדערע צוויי. זי האָט גערעדט מיט אים, גלייך זי וואָלט אים געקענט פון געבוירן אָן און זי האָט אים טאַקע געזאָגט:

— איך קען דיך דאָך, כאָטש איך האָב דיך נישט געזען. מען קען איינעם זען און נישט קענען און איך האָב דיך נישט געזען ביז איצטער און איך האָב דיך געקענט. און איך האָב דיך געזען אויך, אַנדערש אַביסל ווי איצטער, אָבער געזען. איך זע שטענדיק אַלע מיינע קינדער, אייניקלעך, אוראייניקלעך

און אוראוראייניקלעך, וואָס איך וועל האָבן. איך האָב אַלע זייערע נעמען שטענ־דיק אין קאָפּ און זיי אַליין האָב איך שטענדיק אין מיין האַרצן...

ווען קאָנראַדאַ האָט געפּרוווט זאָגן דער אייגנאַרטיקער באָבע „ייִנער „איר”, האָט זי נישט געלאָזט. זי האָט אים געזאָגט:

— וואָס איז דאָס פּאַר אַן „איר”? אַ מאַמען זאָגט מען איר? און מיט וואָס בין איך דיר נישט קיין מאַמע? ווען איך וואָלט נישט געווען, וואָלסטו דאָך אויך נישט געווען.

און עס האָט לאַנג נישט געדויערט ביז וואַנען חוה־טויבע האָט אים גע־פּרעגט שטילערהייט, צווישן פיר אויגן, און מיט טאַקט, פאַרוואָס ער האָט נישט חתונה. זי האָט אים ליבנסווירדיק און מיט איראָניע געזאָגט, אַז ער וועט שוין צו די אַכציק יאָר נישט קענען האָבן אַזויפיל אייניקלעך און אוראייניקלעך וויפל זי האָט און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל גרויס מאַכן און באַשיינען דעם יום־טוב פאַר אים. זי האָט דאָס געזאָגט אַזוי שיין, אַז ער האָט זיך נישט געפילט באַליידיקט, כאָטש עס האָט אים געמעגט איינפאַלן, אַז דאָס האָט דער טאַטע זיינער געבעטן די באָבע אַז זי זאָל אים צורעדן חתונה צו האָבן. ער האָט דאָס דאָזיקע טאַקע געטראַכט, אָבער ער האָט געפילט, אַז זי איז נישט קיין מענטש, וואָס זאָל רעדן אין דער וועלט אַריין און זאָגן פרעמדע געדאַנקען.

אין די עטלעכע טעג, ביז וואַנען עס האָבן אָנגעהויבן קומען די אַנדערע געסט האָט חוה־טויבע אַ סך שעהן פאַרבראַכט מיט קאָנראַדן און זי האָט מיט אים גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן און האָט אים געלאָזט מער רעדן וויפל זי האָט אַליין גערעדט, זי האָט שוין געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל רעדן און איר דערציילן אַזעלכע זאַכן, וואָס זי האָט געוואָלט וויסן. און ער האָט גערעדט און ער האָט זיך געחידושט, וואָס ער לאָזט זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע. ער דער־ציילט איר זאַכן, וואָס ער האָט די עלטערן קיינמאָל נישט דערציילט. און ער האָט זיך פאַר איר מודה געווען, אַז ער האָט אַ געליבטע, וואָס איז נישט קיין ייִדישע און ער האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן פאַר איר, בכדי נישט צו פאַר־שאַפן קיין יסורים זיינע עלטערן און טאַקע איר, זיין באָבע, וועלכע ער האָט אויך נישט געהאַט געזען ביז איצט און דאָך געקענט ווי די בעסטע און די קליגסטע פון אַלע באָבעס אין דער וועלט. און זי האָט אים דערפאַר נישט גע־מוסרט, נאָר געדאַנקט און געגעבן אַ קוש אין קאָפּ אַריין. זי האָט אים געזאָגט, אַז עס איז אַזוי אויך נישט גוט, אָבער ווען ער האָט חתונה פאַר איר, וואָלט געווען ערגער און זי האָט אַ קרעכץ געטאָן און זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט שוין אייניקלעך, וואָס זי ווייסט נישט, צי זיי האָבן ייִדישע ווייבער און מענער. מיט גאָר אַ סך טאַקט האָט זי אים אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז ער וועט נאָך אַמאָל זי פאַרבעטן אויף זיין חתונה מיט אַ ייִדישער טאָכטער. און מער

וועגן דעם האָט זי שוין נישט גערעדט. זי האָט אַ פּאָר מאָל אים געפּרוווט צו־נויפפירן מיט פריידלס נישט־חתונה געהאַטער טאָכטער פלאָראַ, וואָס זי האָט גערופן פייגל און וועלכע איז געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער מענטש צום שמועסן, ווייל זי האָט געקענט אַ סך ליטעראַטור, אָבער די אַלטע האָט זיך באַלד איבערציַיגט, אַז דאָס איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, וויילביידע אייניקלעך האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס ווי פון אַ יונגנמאַן צו אַ מיידל און פאַרקערט.

עטלעכע טעג נאָך דעם, וואָס חיים איז געקומען מיט דער משפחה קיין סאַן־פּאַולאָ און ער האָט מיט צופרידנקייט קאָנסטאַטירט, אַז די גאַנצע זאַך גייט ווי געשמירט און אַלצדינג וועט זיין גוט און פיין און דער האָטעל איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן ליידיק און ער אַליין האָט שוין געהאַט פאַרנומען דעם דאָזיקן צימער, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר זיך, איז אָנגעקומען דער עלצטער פון זייערע ייִנגערע ברידער, אַראָנטשיק מיט זיין פרוי סאָניאַ, מיט זייער זון ד"ר כעראָנימאָ און מיט זיין שנור אַוגוסטינאַ, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע פון 9 יאָר, וואָס זיי האָבן גערופן הערצל און אַ מיידעלע פון 7 יאָר, וואָס האָט געהייסן דבורה.

חיים האָט שוין קרוב צו דרייסיק יאָר נישט געהאַט געזען דעם דאָזיקן ברודער זיינעם, וועלכער האָט זיך אַ קורצע צייט נאָך זיין אָנקומען באַזעצט אין לימאַ, די הויפּטשטאָט פון פּערו. חוה־טויבע האָט אַראָנטשיקן שוין נישט געהאַט געזען קאַרגע פערציק יאָר, זייט ער האָט פאַרלאָזט דאָס בעסאַראַבישע שטעטל און ער איז געפאָרן צו חיימען קיין בוענאָס־איירעס. די שנור האָט חוה־טויבע נישט געקענט און די אייניקלעך מיט די אוראייניקלעך אַוודאי נישט. די באַגעגעניש, ווי אַלע שפּעטערדיקע באַגעגענישן, איז געווען אַ רירנדיקע און אַ האַרציקע. חוה־טויבע האָט געוואָלט גיין צום ערָאָדראָם, אָבער מען האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף דאָס נישט טאָן, ווייל זי וועט דאַרפן צופיל מאָל גיין אַהין. איבערהויפּט האָט קאָנראַדאָ געהאַט אַ ווירקונג אויף איר אין אָט דעם פּרט. ער איז טאַקע געווען אַ דאָקטער פאַר נאָז, האַלדז און אויערן און ער האָט די דאָזיקע דריי אברים אירע גוט באַטראַכט און ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז זיי פונקציאָנירן בעסער ווי ביי יונגע, אָבער ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף נישט צופיל עקספּלאָטירן זיך אַליין און זי דאַרף בעסער לאָזן דאָס געזונט פאַר די יום־טובים, וואָס וועלן דאַרפן דורכגעפירט ווערן, כסדר מיט איר אָנוועזנהייט, ער האָט איר געזאָגט:

— דו, באָבע, ווילסט דאָך מיט מיר טאַנצן אַ פּאָר מאָל, דאַרפסטו ווייניקער אַרומפאָרן.

דאָך איז חוה־טויבע געווען אַזוי אומגעדולדיק, ווען די דאָזיקע געסט

האָבן געדאַרפט אָנקומען, אַז קאַנאַדאַ האָט דערנאָך געזאָגט, אַז עס קען זיין עס וואָלט געווען בעסער, ווען זי גייט יאָ צום עראָדראָם. און ווען זי האָט דערהערט טריט ביים אַריינגאַנג, האָט זי פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט און די וואַזשנעקייט מיט וועלכע זי האָט זיך שטענדיק פּרעזענטירט און זי איז גע־לאָפן גלייך צום טויער. זי האָט די ערשטע געגעבן אַ כאַפּ אַראַנטשיקן און אים שטאַרק געדריקט צו זיך און אַ לאַנגע צייט נישט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט און האָט אים געהאַלטן אין איין קושן און גלעטן, ביז וואַנען זי האָט געקראָגן דעם אָטעם און קוקנדיק אויף אים, האָט זי געזאָגט:

— דו ביסט עס טאַקע, מיין אַרעלע? פאַרוואָס־זשע האָסטו שוין גרויע האָר ביי די שלייפן? דו ביסט דאָך ערשט נאָך געווען אַ קליין יינגל.

— איך בין דאָך שוין אַלט 54 יאָר — האָט אַרעלע געזאָגט — דו ווייסט נישט, מאַמע, וויפל איך בין אַלט?

— איך ווייס, איך ווייס — האָט חוה־טויבע געזאָגט — איך געדענק גאַנץ גוט, ווען איך האָב דיך געבוירן. וואָס הייסט איך זאָל נישט וויסן? איך האָב דאָך דיך געבוירן, נישט דו מיך. דו ווייסט דאָך פון מיר ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן, ווי אַזוי־זשע קען איך דאָס דאָזיקע נישט וויסן?

און באַלד האָט חוה־טויבע אַרומגעכאַפּט איר שנור סאָניאַ און זי באַקוקט און איר געזאָגט, אַז זי זעט אויס אַנדערש ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע און זי האָט איר נישט געלאָזט זי זאָל פרעגן ווי זי זעט אויס און זי האָט איר געזאָגט, אַז אין לעבן איז זי אַ סך שענער. און זי האָט איר אויך געלאָזט אויסרעדן אַ וואָרט און זי האָט זי געגלעט און געקושט אַזוי ווי מען גלעט און מען קושט אַ געפונענע טאָכטער. און דערנאָך איז געקומען די ריי צום אייניקל, ד״ר בעראַנימאַ, זיין פרוי אוגוסטינאַ און זייערע צוויי קינדער הערצל און דבורה. און די אַלטע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דער טאַטע הייסט אַזאַ גויִשן נאָמען, וואָס איך האָב פריִער אַפילו קיינמאָל נישט געהערט. די מאַמע הייסט אויך נישט קיין שטאַרק יידישן נאָ־מען און די קינדער הייסן דווקא זייער שטאַרק יידישע נעמען.

— דאָס איז דערפאַר — האָט בעראַנימאַ געזאָגט — ווייל מיין טאַטע האָט מיך פאַרשריבן מיטן גויִשן נאָמען, כאָטש ער איז אַ גוטער ייִד, מיין ווייבס עלטערן, וואָס זענען שוין נישט אַזעלכע גוטע יידן און זענען נאָך דערצו פון דייטשלאַנד, האָבן זייער טאָכטער געגעבן אַ דייטשן נאָמען און איך האָב מיינע קינדער געגעבן יידישע נעמען.

— וואָס פאַר אַ קלוגן קאָפּ דו האָסט, מיין אייניקל — האָט חוה־טויבע געזאָגט — און וואָס פאַר אַ שיינע שפּראַך דו האָסט! איך וואָלט דיר געדאַרפט

אַ קוש־טאָן אין קאָפּ אַריין, אי אין מויל אַריין; נישט אומזיסט ביסטו אַן אַדוואָקאַט. קענסט רעדן און דו ווייסט וואָס צו זאָגן.

און איידער נאָך חוה־טויבע האָט פאַרענדיקט איר קאָמפּלימענט צו כע־ראַגימאַן, האָט די שנור אוגוסטינאַ אויפגעהויבן איר הערצלען און אים אַרויפ־געשטעלט אויף אַ שטול און דאָס ניין־יאָריקע ייִנגעלע האָט אָפּגעקנאַקט אַ גאַנצע דרשה צו זיין עלטערבאָבען. ער האָט איר געזאָגט, אַז כאָטש זיינע על־טערן האָבן זי קיין מאָל נישט געזען און ער און זיין שוועסטערל האָבן זי אויך נישט געזען, האָבן זיי געהערט זייער אַ סך וועגן איר. דער זיידע האָט זיי שטענדיק גערעדט וועגן איר און זיי דערציילט וואָס פאַר אַ גוטע, קלוגע און געטרייע מאַמע זי איז צו אַלע קינדער און צו אַלע אייניקלעך און אוראייניק־לעך. און דאָס ייִנגעלע האָט אין זיין ייִדיש, וואָס האָט געקלונגען פרעמדלעך און האָט אַ סך מאָל פאַרביטן די „ז" אויף „ס" און די „ל" אויף אַ „ליאַמעד", איר געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין געטרייע ייִדן און זי האָט דעם גרעסטן חלק אין דעם, ווייל אויב זיי האָבן אַזאַ שיינע פאַרגאַנגענהייט, ווי די באָבע שטעלט מיט זיך פאָר, דאַרפן זיי האָבן אַ שיינע ייִדישע צוקונפט און דאָס דאַזיקע וועט זיין די שענסטע מתנה, וואָס זיי קענען איר ברענגען צו איר אַכציקסטן גע־בוירנטאָג. דאָס ייִנגעלע האָט פאַרענדיקט זיינע ווערטער:

„צו דיין אַכציקסטן געבוירנטאָג האָבן מיר דיר, באָבע, געבראַכט צוויי ייִדישע אייניקלעך, וואָס טראָגן אַזעלכע שיינע ייִדישע נעמען ווי הערצל און דבורה".

חוה־טויבע האָט אַ זאָג־געטאָן, אַז די דאָזיקע ווערטער וואָלט הערצל איר געדאַרפט זאָגן שפּעטער ביים גרויסן יום־טוב און זי האָט פריִער אויפגעהויבן הערצלען און אים אַ קוש־געטאָן און דערנאָך דבורהן.

חיים האָט שוין באַזאָרגט אַ פאָטאָגראַף, וועלכער האָט אַראָפּגענומען עט־לעכע מאָמענטן פון דער דאָזיקער סצענע. ביי זיין אייגענע ערשטע באַגעג־ניש און ביי דער באַגעגעניש פון זיין פאַמיליע מיט דער אַלטער איז קיין פאָ־טאָגראַף נישט געווען. ער איז דאָך נישט געווען אין שטאָט, אַז ער זאָל דאָס צוגרייטן. ער האָט שוין טאַקע דערנאָך עטלעכע מאָל זיך פאָטאָגראַפירט איינ־איינעם מיט ווייב און זון מיט דער מאַמען, אָבער די ערשטע סצענע, וואָס וואָלט זיכער געווען די אינטערעסאַנטסטע איז פאַרלוירן געגאַנגען. אַלע אַנ־דערע באַגעגענישן האָט שוין דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט געכאַפּט. חיים האָט שוין געוווסט צו באַזאָרגן באַצייטנס דעם פאָטאָגראַף צו יעדער נייער באַ־געגעניש פון חוה־טויבען מיט דער משפחה. זיי האָבן אַליין אויך געהאַט פאָ־טאָגראַפישע קאַמערס און זיי האָבן טאַקע פאָטאָגראַפירט אויך, אָבער ער האָט געזען, אַז עס זאָל זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער פאָטאָגראַף און ער זאָל גיין מיט אַ

סדר און דערנאָך וועט ער מאַכן אַלבומען פאַר אַלע באַטייליקטע. און ער איז געווען צופרידן צו הערן פון זיין פלימעניק כעראַנימאָ, אַז ער האָט מיט זיך אַזאַ אַפּאַראַט, מיט וועלכן מען קען מאַכן אַ פילם און אַז ער קלייבט זיך טאַקע צו מאַכן אַ פילם פון די שענסטע סצענעס און ער וועט שטענדיק זיין גרייט און זיין ווייב אוגוסטינאַ, וואָס האָט אַ באַזונדער נייגונג צו פאָטאָגראַפיע און קינאָ, וועט אים שטאַרק געהילפיק זיין דערביי.

חיים האָט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער פּערואַנער פלימעניק זיינער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן אין דער גאַנצער יום־טובדיקייט פון דער משפחה. ער איז ענלעך צו זיין זון קאַנראַדאָ, אָבער ער איז אַנדערש. זיין זון איז בלויז אַ גוטער מענטש און אַ ייִד איז ער, ווייל זיינע טאַטע־מאַמע און זיין באָבע זענען דאָס, אָבער ביי אים אַליין איז אַ חילוק צווישן ייִד און נישט־ייִד נישט גרויס, בעת דער פלימעניק פון פּערו, דער אַדוואָקאַט, וואָס טראָגט אַזאַ קריסטלעכן נאָמען און איז אַ סעקרעטאַר ביי אַ מיניסטער, איז אפשר נאָך מער ייִד, ווי ער אַליין איז און ווי עס איז דער טאַטע פון אָט דעם ד״ר כעראַנימאָ. דאָך האָט חיים באַמערקט, אַז כעראַנימאָ שטעלט זיך צופיל אַרויס מיט זיין ייִדישקייט און זי איז ביי אים אַביסל אַ געקינסטלטע, בעת ביי זיין טאַטן און טאַקע ביי אים אַליין, ביי חיימען, איז די ייִדישקייט אַ נאַטירלעכע. ער האָט זיך אָבער אויך איבערצייגט, אַז כעראַנימאָ קען זייער גוט אי ייִדיש, אי העברעיִש און ער איז אָנגעלייענט און אָנגעלערנט אין ביידע שפּראַכן און ער קען ייִדישע געשיכטע און ער וואָלט געקענט זיין אַ לערער פאַר דער גאַנצער משפּחה. חיים איז געווען צופרידן צו קריגן אַזש פון פּערו אַזאַ אייניקל פאַר דער באָבען, מיט וועלכן מען זאָל קענען שטאָלצירן און זאָגן, אַז ער איז דער באָבעס אייניקל. און חוה־טויבע האָט זיך אויך באַלד פאַרליבט אין איר פּערואַנער אייניקל און זי האָט געזאָגט, אַז ער זעט אויס אין גאַנצן ווי איר יונג־פאַרשטאָרבענער מאַן. זי האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט מיט אַ טרער אין אויג און אויך מיט אַ שמייכל. און זי האָט געהאַט גענוג טאַקט דאָך נישט אַרויסצווייזן מערער אויפמערקזאַמקייט און ליבע כעראָנימאָן ווי קלמנען און דאָס דאָזיקע האָט באַמערקט אי חיים, אי ביילע, אי קלמן אַליין. ביילע האָט זיך באַטייליקט אין אַלע באַגעגענישן, כאָטש איר אַנדערשקייט האָט זיך געמוזט וואַרפן אין די אויגן אַריין און זי האָט מורא געהאַט, אַז מען קוקט אויף איר מיט רחמנות. די פרייד איז ביי אַלעמען געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט נישט צופיל געקוקט אויף דעם, וואָס ביילע געפינט זיך די גאַנצע צייט אין איר וועגעלע. דווקא די אַלטע איז געווען די דאָזיקע, וואָס האָט זיך צום מערסטן אומגעקוקט אויף ביילען און איז אָפטער צוגעגאַנגען צו איר, אָבער זי האָט דאָס געמאַכט אַזוי, אַז מען זאָל

נישט צופיל קוקן אויף דער פאַרקריפּלטער שנור, וואָס האָט געהאַט אַ זייער שיין פּנים און וווּנדערלעכע מילדע אויגן.

און אַזוי איז שוין געגאַנגען טאָג נאָך טאָג. אַראָנטשיק און די גאַנצע פּערוואַנער משפּחה איז געקומען זונטיק און זונטיק דעם 21סטן יולי און מאָנטיק דעם 22סטן איז געקומען אַ טייל פון דער בוענאָס־איירעסער משפּחה. דער ערשטער איז געקומען דער עלטערער בוענאָס־איירעסער זון, דער 52־יעריקער סאַנטיאַגאָ מיט זיין פרוי פּאַני. ער האָט מיט זיך געבראַכט נאָר אַ טייל פון זיינע קינדער. די אַלטע האָט באַלד מיט זאָרג געפרעגט, צי די אַנדערע וועלן חלילה נישט קומען און ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז אויך זיי וועלן נישט פאַרפעלן צו קומען. זיי וועלן מאָרגן אָנקומען אינאיינעם מיטן יינגערן ברודער סאַלאָמאָן און זיין פרוי מאַניע און זייערע קינדער.

סאַנטיאַגאָ, וועלכן חוה־טויבע האָט באַלד גערופן ביי זיין נאָמען פון דער היים אַרויס, ישראל איז געקומען אויסער מיט זיין פרוי מיט זיין זון אַלעקסאַנדראָ, וואָס איז געווען אַן אַקטיאָר און זיין פרוי מלכה, וואָס איז געווען אַ טאָכטער פון אַ יידישן אַקטיאָר. כאָטש אַלעקסאַנדראָ האָט געשפּילט אויף שפּאַניש, האָט ער באַוויזן זיך צו באַקענען מיט אַ סך יידישע אַקטיאָרן און ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ טאָכטער פון אַ יידישן אַקטיאָר, וואָס איז נישט געוואָרן קיין אַקטריסע, אָבער זי האָט ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדערלעך, אַ זעקס־יעריק יינגעלע מיטן נאָמען אברהם און אַ פיר־יאָריק מיידעלע מיטן נאָמען אסתר־רחל. דאָס יינגעלע האָט געהייסן נאָך דעם טאַטן פון יידישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען און דאָס מיידעלע — נאָך דער מאַמען פון יידישן טעאַטער אסתר־רחל קאַמינסקאַ. חוה טויבע האָט געשמייכלט מיט הנאה פון אירע אַקטיאָרישע אייניקלעך און אוראייניקלעך. זי איז אין איר יוגנט אַ סך מאָל געווען אין יידישן טעאַטער ביי די פּיעסן פון אברהם גאָלדפאַדען און זי געדענקט נאָך אַפילו די לידער פון „שולמית", „בר־כוכבא" און „עקדת יצחק" און זי האָט געזען שפּילן די קאַמינסקאַ אין אַדעס „מירעלע אפרת" און מען האָט זי אַליין אַ סך מאָל גערופן מירעלע אפרת. דאָך האָט זי באַמערקט, אַז נאָך אַ גרעסערער טאַטע ווי גאָלדפאַדען האָט געהייסן אברהם, דאָס איז געווען אברהם אָבינו, דער טאַטע פון דעם יידישן פאָלק. די ביידע קינדערלעך האָבן גערעדט אַביסל יידיש, דערפאַר האָט שוין געזאָרגט זייער מאַמע און זייער זיידע פון דער מאַמעס זייט, דער יידישער אַקטיאָר, וועלכער האָט זיי אויסגעלערנט עטלעכע יידישע טעאַטערלידער. און די קינדערלעך האָבן זיך טאַקע באַלד באַוויזן מיט זייערע לידערקענטענישן פאַר דער באָבען און זיי האָבן געזונגען, נישט ווי קליינע קינדער, נאָר ווי אַלטע אַקטיאָרן. אינאיינעם מיט סאַנטיאַגאָן איז אויך געקומען זיין

טאָכטער רעבעקאַ און איר מאַן כאָסע, וואָס זיי זענען ביידע געווען נישט־לאַנג נאָך דער חתונה און האָבן נאָך קיין קינדער נישט געהאַט. רעבעקאַ איז אַלט געווען אַ יאָר 25 און זי האָט פאַרשפּעטיקט חתונה צו האָבן, ווייל זי האָט צו לאַנג געזוכט און חוה־טויבע האָט באַלד באַמערקט פאַר זיך, אַז צו שטאַרק גוט האָט זי נישט אויסגעזוכט. איר מאַן איז עפּעס געווען נישט קאַלט און נישט וואַרעם און עס איז שווער געווען צו קריגן ביי אים אַ וואָרט. דערפאַר האָט שוין זיין פרוי רעבעקאַ גערעדט פאַר אים אויך. זי האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און וואָס זי האָט געוואָלט, האָט מען נישט געקענט וויסן. די אַלטע האָט זיך געקלערט, אַז דער מאַן שווייגט און מען ווייסט נישט וואָס ער וויל און די פרוי רעדט און מען ווייסט אויך נישט וואָס זי וויל. און נאָך מער ווי רעבעקאַ האָט גערעדט סאַנטיאַגאָס ייִנגסטע טאָכטער, די 19־יאָריקע מאַרגאַריטאַ, וואָס האָט, ווי דער פאָטער האָט דערציילט חוה־טויבען, נישט־לאַנג געענדיקט די גימנאַזיע, וואָס רופט זיך אין בוענאָס־איירעס „באַכיאָנאַל”. מאַרגאַריטאַ איז געווען כמעט אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ ספּריטנע און אירע אויגן זענען געווען צוויי שטיקער פייער. און דאָס מויל אירס איז געווען נאָך מער פייער ווי די אויגן. זי האָט גערעדט נישט פאַר פייער און וואַסער, נאָר פאַר פייער אַליין. זי האָט גערעדט אויף אַלץ אין דער וועלט. עס איז איר גאָרנישט געפעלן געוואָרן, נישט דער פּרעזידענט פון אַרגענטינע און נישט דער פּרעזידענט פון בראַזיל און באַזונדער נישט דער פּרעזידענט פון צפון־אַמעריקע, פרענקלין רוזוועלט. זי האָט געזאָגט, אַז רוזוועלט נאַרט־אָפּ די אַרבעטער נאָך מערער ווי אַלע אַנדערע פּרעזידענטן, וואָס רעדן נישט אַזוי שיין ווי ער. חוה־טויבע האָט באַלד דערקענט וווהין די מויד ציט און זי האָט איר געפּרוווט אַ רעד צו טאָן וועגן ציוניזם און זי האָט דערקענט אין איר, אַז זי שווייגט און זי פאָרט זי נישט אָפּ, ווייל זי רעספּעקטירט זי. קיינער האָט מאַרגאַריטאַן נישט געדאַרפט דערמאָנען סטאַלינס נאָמען, זי האָט אים שוין אַליין דערמאָנט און זי האָט געזאָגט: „אָט דאָס איז ער!”. אָבער נאָך איידער זי האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט, האָט מען געוווּסט, וואָס זי מיינט.

חוה־טויבע האָט זיך אַביסל געערגערט פון דעם, וואָס דאָס דאָזיקע אייניקל, די ייִנגסטע מסתמא פון די אייניקלעך, רעדט צו איר אַזוי, אָבער זי האָט טאַקטיש געשוויגן און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט נאָך אַ סך מאָל הערן פון אייניקלעך ווערטער, וואָס וועלן איר נישט געפעלן. זי האָט זיך געטראַכט, אַז די משפחה אירע האָט זיך, קיין עין־הרע נישט, צעוואַקסן ווי אַ טייך און אין אַ טייך זענען דאָ אַלערליי פיש. אין גאַנצן גענומען האָט חוה־טויבע הנאה געהאַט אויך פון דער משפחה, וואָס ישראל האָט איר געבראַכט און אויך פון דער שאַרפער חוצפּהניצע מאַרגאַריטאַ, וואָס האָט דאָך אַ קעפּעלע, ווי אַ בערקאָ־

זויסי. זי האָט זיך געטראַכט, אַז אויב מאַרגאַריטאַ וועט קריגן דעם ריכטיקן זיווג און חתונה האָבן און האָבן קינדער, וועט זי מיט דער צייט אויפהערן צו רעדן אַזעלכע קלוגע נאַרישקייטן ווי זי רעדט... זי האָט באַמערקט, אַז חיימס זון, קאָנראַדאָ, קוקט אויף מאַרגאַריטאַן ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע און זי האָט געטראַכט, אַז עס קען זיין, אַז דווקא דער שטילער קאָנראַדאָ זאָל באַווירקן מאַרגאַריטאַן און מאַכן, אַז זי זאָל אַזויפיל נישט רעדן, כאָטש, האָט זי געטראַכט, אַז דער דאָזיקער קרבן איז אַביסל אַ צו אַלטער פאַר אָט דעם יונגן מזבח... זי האָט פון דעסטוועגן באַשלאָסן ביי זיך נאָכצוקוקן און זען, וואָס עס וועט ווערן פון קלמנס פאַרקוקן זיך אויף מאַרגאַריטאַן, וועלכע זי האָט פון דעסטוועגן זייער שטאַרק ליב באַקומען. די גרעסטע הנאה אין אָט דער משפחה האָט חוה־טויבע געהאַט פון די צוויי אייניקלעך אברהם און אסתר־רחל און פון די לידלעך, וואָס זיי האָבן איר געזונגען. זי האָט אויך זייער ליב באַקומען זייער מאַמע מלכה פאַר איר פשוטקייט און האַרציקייט און פאַר דעם שיינעם יידיש וואָס זי האָט גערעדט. צווישן די יונגע פרויען, וואָס זי האָט ביז איצטער דערקענט, האָט מלכה גערעדט באַטירלעכער און שענער יידיש ווי אַלע. פון די מענער האָט דער פערואַנער אַדוואָקאַט, ד״ר כעראָנימאָ, אויך גערעדט אַ זייער גוטן יידיש, אָבער ביי אים איז עס אַרויסגעקומען ווי אַן אויסגעלערנטע שפּראַך און מלכה האָט גערעדט אַנדערש. זי האָט גערעדט אַזוי ווי זי, חוה־טויבע אַליין, האָט גערעדט. אַלעכאַנדראָ האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו געווינען דער באָבעס ליבשאַפט. ער האָט פאַר איר דעקלאַמירט אַלע מאָנאָלאָגן און לידער, וואָס ער האָט געקענט אין יידיש, אָבער קיין צו גרויסן איינדרוק האָט ער אויף איר נישט געמאַכט, הגם זי האָט געטאָן אַלצדינג, אַז ער זאָל דאָס נישט באַמערקן.

און נאָך איידער חוה־טויבע האָט באַוויזן זיך אָנצוזעטיקן מיט סאַנטיאַגאָן און פאַניען און איין טייל פון זייערע קינדער, איז אָנגעקומען באַלד גאַנץ פרי אויפן צווייטן טאָג דער אַנדערער בוענאָס־איירעסער זון, סאַלאָמאָן און זיין פרוי מאַניע מיט זייבע קינדער און מיט די אַנדערע קינדער פון סאַנטיאַגאָן.

די אַנדערע קינדער פון סאַנטיאַגאָן זענען געווען דער צווייטער זון, סאַמועל, וואָס האָט שטודירט אויף פילאָסאָפיע און איז געווען אַ פאַרטיפטער אין זיך און אַ שוויגנדיקער און זיין פרוי, אַניטאַ, וועלכע איז געווען אַ זייער שיינע און אויך שוויגנדיקע. מען האָט געזאָגט, אַז סאַמועל האָט זיך פאַרליבט אין אַניטאַן, ווייל זי איז געווען אַ שוויגנדיקע און זי האָט אים נישט געשטערט אין זיין טראַכטן און אין זיין לערנען. ער האָט זיך מיט איר באַקענט טאַקע אויף דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט פון בוענאָס־איירעס, ווו זי האָט געלערנט איין יאָר. ווען ער האָט געבעטן איר האַנט און זיי האָבן באַשלאָסן חתונה צו

האָבן, האָבן אירע עלטערן איר פאַרגעלייגט, אַז זי זאָל אויפהערן לערנען און ווערן אַ ווייב און מיט דער צייט אַ מאַמע. דער מאַן וועט שוין לערנען פאַר איר אויך. און זי איז געווען אַ שטילע און געהאָרכזאַמע און זי האָט געקוקט אויף זיי מיט אירע גוטע, שיינע, שטילע און מילדע מאַנדל־אויגן און זיי האָבן ביי איר געפועלט. סאַמועל איז געווען מיט דעם צופרידן, כאָטש ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער פילאָסאָפיע, אַז ער האָט כמעט עפּעס אַנדערש נישט געוווסט און נישט געפילט, האָט ער אָבער אַניטאַן שטאַרק ליב געהאַט און ער האָט באַשלאָסן, אַז אירע עלטערן זענען גערעכט און אַז צופיל געלערנטקייט אין איין שטוב איז נישט געזונט. און זיי האָבן טאַקע באַלד געהאַט צוויי יינג־לעך, איינס נאָכן אַנדערן. דאָס עלטערע איז אַלט געווען קאַרגע פיר יאָר און ער האָט געהייסן סאָקראַט און דאָס יינגערע איז אַלט געווען צוויי יאָר און ער האָט געהייסן שפּינאָזאַ. חוה־טויבע האָט געפילט, אַז מיט סאַמועלן און זיין פרוי דאַרף מען נישט צופיל רעדן. קיין פילאָסאָפיע קען זי נישט, דאָס פראַק־טישע לעבן קענען זיי נישט און עס איז גוט, וואָס עס זענען פאַראַן אַזעלכע אויך אין איר משפחה, זי האָט דאָך שוין געזאָגט, אַז אין אַ טייך זענען פאַראַן אַלערליי פיש. די קינדערלעך זייערע האָט זי זייער שטאַרק ליב געהאַט, כאָטש זייערע נעמען האָבן איר געקלונגען אַזוי פרעמד. וועגן שפּינאָזאַן האָט זי גע־הערט עפּעס מערער, וועגן סאָקראַטן האָט זי געהערט גאָר ווייניק. זי האָט נאָר געהערט זאָגן, אַז סאָקראַט האָט געהאַט אַ שלעכטע פרוי, קסאַנטיפּאַ, וואָס איז באַרימט געוואָרן אויף דורות. פון דער אַנדערער זייט, האָט זי געטראַכט, זענען די דאָזיקע נעמען דאָך נישט ערגער, ווי אַזעלכע קריסטלעכע נעמען ווי פּאָול און פעדראָ, וועלכע זי האָט דאָך שוין אויך געהאַט אין דער משפּחה.

עס זענען געקומען נאָך צוויי טעכטער פון סאַנטיאַגאָן און פּאַנין, די על־טערע האָט געהייסן קלאַודיאַ און חוה־טויבע האָט געוווסט, אַז זי איז אַלט אַ יאָר 23 און די יינגערע, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר 21, האָט געהייסן פּערלאַ. זיי זענען געווען נישט קיין גאָר שיינע, אָבער זיי האָבן פאַרמאָגט חן און זיי זענען געווען שיין אָנגעטאָן און האָבן פאַרמאָגט רירעוודיקייט און זיי האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זייער באָבע, מערער ווי אַלע אַנדערע אייניקלעך ביז איצט. זיי זענען ביידע געשטאַנען פון אירע ביידע זייטן, גלייך זיי וואָלטן געווען אירע באַגלייטערנס און זיי האָבן זי אַלעמאָל געקושט און זי האָט זיי געקושט און אַלע דריי האָבן זיך געפילט גוט. חוה־טויבע האָט געטראַכט, אַז איינע פון אָט די ביידע וואָלט געדאַרפט זיין דער זיווג פון חיימס זון קלמן, נישט די יינגסטע מאַרגאַריטאַ, אויף וועלכער דער טשילענער דאָקטער, וואָס האָט אַ גוייִשע גע־ליבטע, הערט נישט אויף צו קוקן מיט הונגעריקע אויגן. און זי האָט געזען, די אַלטע, אַז היינטיקע צייטן קענען נישט שיינע מיידלעך אויך זיין שיין.

אינאײנעם מיט סאַלאָמאָן און מאַניען זענען געקומען אַלע זײערע קינ־דער. סאַלאָמאָן, וואָס האָט אין דער הײם געהײסן שלמהלע, איז געװען דער יינגסטער זון און דאָס יינגסטע קינד בכלל פון חוה־טויבען. ער האָט געדאַרפט ווערן 50 יאָר. חוה־טויבע האָט אויפגעהערט קינדלען בײ דרײסיק יאָר און װען זי איז אַלט געװען 32 יאָר איז איר מאַן געשטאָרבן. סאַלאָמאָן איז אַװעקגעפאָרן קײן אַרגענטינע, װען ער איז נאָך געװען אַ קינד. און חוה־טויבען האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי דאַרף אים אויפהײבן אויף די הענט, אַזױ װי מען טוט מיט אַ קינד. ער איז דאַן אַלט געװען אַריבער צען יאָר, װען מען האָט אים אַװעקגעשלעפּט קײן אַרגענטינע אָבער ער איז דווקא געװען אַ געװיקסיקער און אַ געזונטער און הגם זי איז געװען העכער פון אים און פולער, װאָלט זי אים שױן איצטער נישט געקענט באַװײזן אויפצוהײבן, האָט זי אים סתם געדריקט צו זיך און פאַרמאַכט די אויגן און געװאָלט זען דאָס יינגעלע שלמהלע, װאָס איז אָט ערשט פון איר אַװעקגעפאָרן און אָפּגעריסן בײ איר אַ שטיק האַרץ. זי האָט מורא געהאַט אַװעקצולאָזן פון זיך אַזאַ קלײן קינד און זי האָט זיך געשראָקן פאַר זײן גורל. און עס זענען איר איצטער געקומען אַ סך טרערן אין די אויגן אַרײן, װען זי האָט געזען, אַז ער איז געקומען מיט אַ שײנער און האַרציקער פרוי, מיט צװײ זין, אַ שנור, דרײ טעכטער, אַן אײדעם און צװײ אײניקלעך. דער עלטערער זון סאַלאָמאָנס, װאָס האָט זיך גערופן מאַריאָ און איז אַלט געװען אַ יאָר 28, איז נאָך נישט געװען קײן חתונה־געהאַטער און חוה־טויבע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז עס דער דאָזיקער זון, פון װעלכן די עלטערן האָבן װײניקער נחת װי פון אַלע אַנדערע. דערפאַר איז דער צװײטער זון, װעלכן מען האָט גערופן איסידאָראָ, און װאָס איז אַלט געװען 26 יאָר געקומען מיט אַ שײן יונג װײבל, קלאַראַ, װאָס האָט אויסגעזען אפשר פון 22 יאָר און זײ האָבן שױן געבראַכט מיט זיך צװײ קלײנע קינדער, אַ 3־יאָריק יינגעלע, מיטן נאָמען קאָנסיטאַ און אַן אײן יאָריק מײדעלע מיטן נאָמען פלאָרענסיאַ, װעלכע די באָבע האָט באַלד גערופן בלימע, װײל זי איז געװען אַ נאָמען נאָך אירער אַ מומע, װאָס האָט אויך געהײסן בלימע. מיט סאַלאָמאָנען און מאַניען איז אויך געקומען אַ 24־יאָריקע טאָכטער, װאָס האָט געהײסן סולעמאַ און חנה־טויבע האָט זי גערופן שולמית און זי האָט געבראַכט מיט זיך דעם מאַן, װאָס זי האָט גערופן כאָסע און די בראַזיליענער האָבן אים באַלד גערופן זשאָסע. סולעמאַ און כאָסע זענען נישט לאַנג געװען נאָך דער חתונה און זײ האָבן נאָך קײן קינדער נישט געהאַט. דער זון איסידאָראָ און דער אײדעם כאָסע זענען בײדע געװען אין פאַטערס און שװערס געשעפט און זײ זענען געװען שטילע און גע־האַרכזאַמע קינדער און זײ האָבן גערעדט ביסלעכװײז יידיש אויך און זײ האָבן זיך אַרויסגעזאָגט מיט יידישע געפילן און די באָבע האָט פון זײ הנאה געהאַט.

און נאָך צוויי מיידלעך האָט סאָלאָמאָן געבראַכט מיט זיך, איינע האָט געהייסן סאַראַ און איז אַלט געווען 22 יאָר און די אַנדערע האָט געהייסן כוליאַ און זי איז אַלט געווען 20 יאָר. סאַראַ האָט גערעדט ווי אַ פייערדיקע ציוניסטקע און כוליאַ האָט גערעדט אַזוי, אַז מען האָט געקענט דערקענען, אַז זי קערט זיך אידעיש אָן מיט סאַנטיאַגאָס טאָכטער, מאַרגאַריטאַ, כאָטש זי האָט נישט גע־האַט אַזאַ שאַרפע שפּראַך ווי יענע. חוה־טויבע האָט זיך געטראַכט, אַז די צוויי זין פון בוענאָס־אײַרעס האָבן געבראַכט עטלעכע כלה־מיידלעך און עס איז אַ שאָד, וואָס אין דער משפחה זענען נישט פאַראַן קיין חתנים פאַר זיי. די צייט פון דער שמחה וואָלט געווען די בעסטע, אַז עס זאָלן געשלאָסן ווערן עטלעכע שידוכים. די עלטערן וואָלטן זיך וויניקער אומגעקוקט און די יוגנט וואָלט אַוועק אויף דעם דאָזיקן וועג אויף וועלכן יוגנט דאַרף גיין. עס וואָלט געווען בעסער, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן, איידער זיי זאָלן רעדן אַזעלכע ווערטער און אַרויסברענגען אַזעלכע געדאַנקען, ווי דאָס טוען די שאַרפערע און די שטומפּי־קערע מאַרגאַריטאַ און כוליאַ.

און אָט איז געקומען דער לעצטער טאָג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם אָנקומען קיין סאַן־פּאַלאָ צו דער שמחה. עס איז געווען דאָנערשטיק דעם 25סטן יולי. אויף מאָרגן פרייטיק איז געווען באַשטימט אַ גרויסער עונג־שבת אין דעם גרעסטן זאַל פון דעם האָטעל „צום גאָלדענעם לייב". חיים האָט גע־טאָן אַלצדינג, אַז דער דאָזיקער זאַל זאָל ווערן שיין דעקאָרירט, עס זאָלן דאָרטן זיין פּאַסיקע יידישע בילדער און אַ בילד פון דער העלדין פון טאָג, דער ייִדי־שער קעניגין פון דרום־אַמעריקע זאָל דאָרטן אויך נישט פעלן.

און אין לעצטן טאָג זענען געקומען די לעצטע געסט. דער ערשטער איז געקומען מיט אַן עראָפּלאַן פון באָליוויע דער דאָרטיקער סענאַטאָר, ד"ר עס־טעבאַן בערק, וואָס איז געווען חוה־טויבעס עלטסטער אייניקל, ער איז שוין געווען נאָך די ערשטע פערציקער און שפּעטער מיט אַ שעה איז געקומען פון פּאַראַגווײַ גענעראַל וואַשינגטאָן קאָוויס, וואָס איז געווען דאָס צווייטע עלטסטע אייניקל פון חוה־טויבען. די טאַטעס פון אָט דיביידע זענען אומגעקומען אין בעסאַראַביע באַלד ביים אָנהייב פון דער מלחמה פון יאָר 1939. זיי זענען גע־לאָפן מען ווייסט נישט וווהין און זיי זענען אומגעקומען. ביידע עלטסטע איי־ניקלעך חוה־טויבעס זענען אָפּגעוואָרט געוואָרן אויך פון פאַרשטייערס פון דער בראַזיליענער מאַכט. סענאַטאָר ד"ר עסטעבאַן בערק איז אָפּגעוואָרט גע־וואָרן פון צוויי סענאַטאָרס, וואָס האָבן אים אָפּיציעל באַגריסט און האָבן אים גיך איבערגעלאָזט צו דער משפחה. דעם גענעראַל וואַשינגטאָן קאָוויס האָט אָפּגעוואָרט אַ יונגער קאַפּיטאַן און ער האָט אים אויך וואַרעם באַגריסט אין נאָמען פון דער בראַזיליענער אַרמיי און האָט גענומען זיין אַדרעס און אים

איבערגעלאָזט צו דער משפחה. ביידע זענען אָפּגעוואָרט געוואָרן פון חיימען, פון זיין זון ד״ר קאַנראַדאָ, פון זיין פּלימעניק ד״ר אַרטוראָ עלקעס און פון דעם פּערואַנער פּלימעניק ד״ר כעראַנימאָ בערקאָוויסי.

דער סענאַטאָר ד״ר עסטעבאַן בערק האָט זיך געהאַלטן וויכטיק, אָבער אויך היימיש, די דאָזיקע וואָס האָבן אים אָפּגעוואָרט, זענען אים געפעלן, זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַזעלכע, וואָס קענען פאָרשטעלן טשילע־נער, אַרגענטינער, בראַזיליענער און פּערואַנער אויטאָריטעטן. ער האָט מיט זיך געבראַכט זיין פרוי ד״רא ראָסאַ פּערעז גראַסיאָסאָ דע בערק, וואָס איז גע־ווען אַ דאָקטאָרין אין פילאָסאָפיע און אַ שרייבערין און האָט געמאַכט אַ סימ־פּאַטישן איינדרוק, הגם זי האָט מער אויסגעזען ווי אַן אינדיאַנערן, איידער ווי אַן אייראָפּעערן. זי איז געווען אַ קליינע, אַן אויסגעדאַרטע און די באַקן זענען ביי איר געווען אַרויסגעסטאַרטשעט און די גאָמבע אַריינגעצויגן. זי האָט זיך געהאַלטן נעט און אינטים און האָט באַוויזן אָפּצושאַפן די פרעמדקייט, וואָס איר אויסזען האָט געבראַכט. זיי האָבן מיט זיך געהאַט צוויי גאַנץ דערוואַקסענע טעכטער, די עלטערע איז געווען אַ 16 יאָריק מיידל און האָט געהייסן ראָזאַ און די יינגערע איז אַלט געווען 14 יאָר און האָט געהייסן קאָנסעפּסיאָן און מען האָט זי גערופן פאַרקירצט קאָנסע. די מיידלעך זענען ביידע געווען מערער ענלעך צו דער מוטער, ווי צום פאָטער. זיי האָבן פון פאָטער מער געהאַט די ווייסקייט, ווי דאָס אויסזען. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אינדיאַ־נישע מיידלעך מיט פיגורן פון אייראָפּעערנס. זיי האָבן אין די פיגורן זייערע שוין פאַרמאָגט ווייבלעכקייט, כאָטש די פּנימער זענען געווען קינדישע. חיים האָט געוווּסט אַז דעם באָליוויאַנער סענאַטאָר׳ס פרוי און קינדער וועלן אויף דער מוטער מאַכן אַ שווערן איינדרוק, אָבער ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף איר טאַקט און זיי האָבן געוווּסט, אַז אין ווערטער וועט זי איר אומצופרידנקייט, אָדער שטויננג נישט אַרויסווייזן. צום גליק האָבן זיי געהאַט מיידלעך, אַזוי אַז עס האָט נישט געקענט געשטעלט ווערן דירעקט די פראַגע, צי די קינדער זענען יידישע, אָדער נישט.

גענעראַל וואַשינגטאָן קאָוויס איז געקומען אינאיינעם מיט זיין פרוי ער־נעסטינע, וואָס איז געווען אַ בלאָנדע און האָט געהאַט בלויע אויגן. חיים און זיינע פּלימעניקעס האָבן חושד געווען אַז זי איז אַ דייטשע, זיי האָבן געוווּסט אַז אין פּאַראַגווייַ זענען פאַראַנען אַ סך דייטשע מענער, וואָס האָבן חתונה פאַר אָרטיקע פרויען, אָבער ערנעסטינע האָט בשום אופן נישט אויסגעזען ווי קיין פּאַראַגווייערן און דערפאַר האָבן זיי געמיינט, אַז זי איז אַ געבוירענע אין לאַנד און אַ טאָכטער פון אַ דייטש. זיי האָבן געבראַכט צוויי קינדער מיט זיך, אַ 15־יעריקן בחור מיטן נאָמען דאָמינגאָ, וואָס איז געווען הויך און צעוואַקסן און

מען האָט אים געקענט אָננעמען פאַר אַ 20־יעריקן. און די 12־יאָריקע טאָכ־טער זייערע פאַוסטינאַ איז אויך געווען הויך און צעוואָקסן און עלטער פון אירע יאָרן און מען האָט זי שוין געקענט אָננעמען נישט נאָר פאַר אַ כלה־מויד, נאָר אויך פאַר אַ יונגער מאַמע. צום גליק האָבן זיי זיך באַלד דערוווסט, אַז ערנעסטינאַ איז דווקא אַ טאָכטער פון פוילישע יידישע טאַטע־מאַמע און כאָטש זי איז אַ געבוירענע אין פּאַראַגוויי, רעדט זי אַ געזונטן יידיש און דער זון זייערער איז געמלט און ער איז דערצויגן ווי אַ ייד.

די באַגעגעניש מיט חוה־טויבען און די לעצטע געסט צו דער שמחה איז געווען נישט אַזאַ וואַרעמע, ווי מיט די פריערדיקע געסט, אָבער אַ גאַנץ שיינע און אַן אינטערעסאַנטע. דעם סענאַטאָרס נישט־יידישע פרוי האָט זיך אַרויס־געוויזן צו זיין אַזוי היימיש און האַרציק, אַז זי האָט מיט איר געמיט באַלד אָפּגעקויפט די אַכציק־יאָריקע באָבע פון איר מאַן. זי האָט גערעדט אַביסל דייטש און זי האָט נישט באַהאַלטן, אַז איר ערשטער חתן אירער איז געווען אַ דייטשישער ייד און זי האָט ביי אים געלערנט דייטש. זי האָט נישט פאַרגעסן צו באַטאָנען, אַז ער איז געווען נאָר איר ערשטער חתן, איר ערשטער און לעצ־טער מאַן איז געווען און בלייבט עסטעבאַן. און זי האָט גערעדט מיט אַזויפיל ליבע וועגן דעם יידישן פאָלק, אַז חוה־טויבע האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי האָט פאַר זיך אַ נייע רות. און זי האָט טאַקע גערעדט צו איר מיט די ווער־טער פון רותן און איר געזאָגט, אַז איר מאַנס גאָט איז איר גאָט און איר מאַנס פאָלק איז איר פאָלק. ער אַליין, דער מאַן אירער, דער סענאַטאָר, האָט נישט גערעדט מיט אַזויפיל שטאָלץ וועגן זיין יידישקייט, ווי די האַלבע אינדיאַנערן האָט גערעדט און זי האָט שוין געמאַכט, אַז די שטימונג זאָל נישט בלייבן קאַלט און די באָבע זאָל אויפנעמען די צוויי באַליוויאַנער אוראייניקלעך אירע מיט דער גרעסטער ליבע, כאָטש זי האָט נישט געוווסט, צי זיי זענען יידן און צי זיי וועלן בלייבן יידישע טעכטער.

מיט דעם אייניקל דעם גענעראַל איז די זאַך שוין צוגעגאַנגען לייכטער. זיין פרוי ערנעסטינע האָט מיט איר היימישן און האַרציקן יידיש אַריינגע־בראַכט אַזאַ גוטע שטימונג, וואָס האָט פאַרגעבן פאַר דער שטימונג פון פרעמד־קייט, וואָס די האַלבע אינדיאַנערן האָט ביים אָנהייב אַריינגעבראַכט. אירע „גע־נעראַלסקע" אוראייניקלעך האָבן אויסגעזען ווי יידן און חוה־טויבע איז שוין געווען אַביסל מיד צו טראַכטן צופיל וועגן דעם ווי ווייט זיי וועלן בלייבן יידן, פאַרקערנדיק אין אַ סביבה פון נישט־יידישע מיליטערלייט אין אַזאַ לאַנד ווי פּאַראַגוויי, וואָס זי ווייסט אַפילו נישט גענוי ווו עס געפינט זיך, כאָטש מען האָט איר דערציילט, אַז עס איז אין שכנות אי מיט אַרגענטינע, אי מיט בראַ־זיל און עס האָט געהאַט אַ משוגענעם קעניג, וואָס האָט אַמאָל געפירט מלחמה

מיט דיביידע לענדער. חוה־טויבע האָט געוווּסט, למשל, אַז פּערו איז דאָס לאַנד, ווו עס איז געווען די אינקוויזיציע און מען האָט איר דערציילט, אַז דאָרטן איז נאָך איצטער פאַראַן אַ גאַס, וואָס הייסט „מאַטאַ כודיאָס״ (הרגע יידן) און עס איז פאַראַן אַ „פּלאַסאַ דע לאַ אינקיסיסיאָן״ (דער סקווער פון דער אינקוויזיציע) און פון דעסטוועגן איז פון דאָרטן צו איר געקומען אַן אייניקל, וואָס איז אַזאַ געטרייער ייִד און ער דערציט די קינדער אויך ייִדיש, כאָטש נישט אַזוי ייִדיש ווי זי וואָלט געוואָלט. טראָגן קיין היטל און מאַכן קיין ברכות לערנט ער די קינדער נישט, אָבער אַ ייִד זיין לערנט ער אים פאָרט.

חוה־טויבע האָט געוווּסט, אַז די משפחה יחוסט זיך מיט די דאָזיקע צוויי אייניקלעך, וואָס זענען געקומען פון באָליוויע און פּאַראַגוויי און וועלכע חיים רופט „די סענאַטאָרס און די גענעראַלן״, אָבער זי האָט זיך בעסער געפילט מיט אַלע אַנדערע, הגם זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי האַלטן זיך נאָך פאָרט פאַר אייגענע, אויב זיי זענען איינגעגאַנגען צו קומען צו איר יום־טוב, בעת זיי לעבן שוין אַזוי לאַנג אין אַנדערע וועלטן און מען זאָגט, אַז דער סענאַטאָר וועט אַמאָל ווערן אַ מיניסטער אין באָליוויע. זי האָט אויך זיך געלאָזט באַאיינפלוסן און האָט אָנגעהויבן שטאָלצירן מיט אָט די צוויי אייניקלעך אירע, וואָס זענען, ווי מען האָט איר דערציילט, אויפגענומען געוואָרן אָפיציעל פון בראַזיליענער מלוכה־לייט ביי זייער אָנקומען מיט די עראָפּלאַנען.

דער דאָנערשטיקער טאָג איז אַוועק מיט פאַרשיידענע באַגעגענישן און קענטשאַפטן פון דער משפחה מיט די פרויען און קינדער פון „די גענעראַלן און די סענאַטאָרס״ און אויך מיט אייניקע אָנגעזעענע ייִדישע עסקנים פון סאַן פּאַולאָ. אין דער לופטן האָט געהאָנגען די שטימונג פון דעם גרויסן יום־טוב, וואָס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן מאָרגן, פרייטיק אויף דער נאַכט, לכבוד דער ייִדישער מלכה שבת און לכבוד דער ייִדישער קיניגין פון דרום־אַמעריקע חוה־טויבע בערקאָוויטש.

די ערשטע זענען אויפגעשטאַנען פרייטיק אין דער פרי חיים און ביילע. אויפגעשטאַנען זענען זיי טאַקע, אָבער אויפוועקן זיך האָבן זיי נישט געדאַרפט, זיי זענען כמעט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. חיים איז געווען זייער אויפ־געלייגט און ער האָט געהאַט אַ נאַטור אַז ווען ער האָט געפילט אַ גרויסע פרייד, האָט ער נישט געקענט שלאָפן. ביילע האָט דווקא געהאַט אַ פאַרקערטע נאַטור: ווען איר איז געווען גוט אויפן האַרצן, איז זי געשלאָפן אַ סך, נישט געקענט שלאָפן האָט זי דווקא, ווען עס איז איר געווען טרויעריק אויפן האַרצן. און דאָס מאָל האָט זיך איר איבערגעגעבן די אומרויִקייט פון איר מאַן און זי איז אויך אין יענער נאַכט נישט געשלאָפן. און זי אַליין איז נישט געווען צו גליקלעך אין סאַן פאַולאָ. זי האָט דאָ באַזונדער געפילט איר גרויסן אומגליק, אַלע זענען אַרומגעגאַנגען און האָבן אַרומגעשפּרונגען און זי האָט שטענדיק געדאַרפט זיך נאַכשטופּן מיטן וועגעלע און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל. ווען מען האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ לענגערער צייט ביי אַ טיש, האָט זי זיך מיט עמיצנס הילף ווי עס איז נישט איז אַוועקגעזעצט און מען האָט איר שטענ־דיק געדאַרפט מיט עפּעס העלפן, אָבער ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך ער־געץ אַנידערגעשטעלט שמועסן, האָט זי געדאַרפט זיין מיטן וועגעלע אין אַ ווינקל. זי האָט געוואָלט זיין פריילעך און מיטלעבן דעם מאַנס גליק, זי האָט אָבער פאַרט נישט געקענט אויפהערן פילן דאָס אייגענע אומגליק. איז זי אין יענער נאַכט געווען אי טרויעריק אי פריילעך און דער מאַן איז נישט געשלאָפן און זי איז אויך נישט געשלאָפן. זיי האָבן ביידע זיך אָנגעשטרענגט צו כאַפּן אַ דרימל און זיי האָבן נישט געקענט באַווייזן און זיי האָבן דעם מערסטן טייל פון דער נאַכט פאַרבראַכט אין שמועסן און האָבן אַרומגערעדט וועגן אַלע קרו־בים און וועגן דער גאַנצער זאַך, וואָס אים איז איינגעפאַלן אונטערצונעמען. און ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט ער זי אַריינגעזעצט אין וועגעלע אַריין און זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין און האָבן זיך גענומען אַרומקוקן.

עס איז געווען אַ לויטערער פרימאָרגן, אָבער עפּעס ווי נאָך אַביסל אַ פאַרוואָלקנטער. עס האָט אַפּנים נישט לאַנג אויפגעהערט צו רעגענען און דער גאַנצער אַרום האָט אויסגעזען אי ווי ערשט אַרומגעוואַשן, אי ווי ערשט נאָך אַ געוויין. עס האָבן נאָך געהאָנגען טרערן אין דער לופטן, אויף די בלעטער

פון די ביימער און אומעטום. די ערד איז געווען נאַס. עס האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט זיך אַנידערזעצן אין גראָז אַרײַן פון הויף און אַזוי אַרום זיך דער־מאָנען אין דעם שטעטל, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט זיך אַרײַנזעצן אין דער נעץ אַרײַן. און איידער ער האָט געזאָלט גיין ברענגען פאַר זיך אַ שטול אויף אַנידערזעצן זיך, האָט ווידער גענומען רע־גענען. דער הימל איז דאַכט זיך געווען אינגאַנצן בלוי און לויטער, מען האָט אין ערגעץ נישט געזען קיין שפּרענקעלע פון קיין וואָלקן און דאָך האָט גענו־מען רעגענען און גאַנץ שטאַרק און די טראָפּן זענען עפּעס געפאַלן אין דער קרום און בייז. זיי האָבן ביידע שטאַרק געקוקט אין הימל אַרײַן און געוואָלט זען פון וואַנען עס רעגנט און זיי האָבן קוים באַמערקט אַ קליין דין כמאַרעלע, וואָס איז געווען אומגעהויער ווייס. גלייך עס וואָלט געווען פון וואָל, אָט דאָס כמאַרעלע, פון ווייסער וואָל, וואָס מען האָט ערשט אויסגעוואַשן. זי האָט גענו־מען רודערן אויף אַרײַנצופאַרן צוריק אין צימער אַרײַן, אָבער ער האָט באַ־מערקט אַז נישט ווייט פון זיי איז פאַראַנען אַ גאַנץ היפּשער גערטנדל און אין גערטנדל איז פאַראַן אַ צוגעדעקט פּלאַץ, עפּעס ווי אַ סוכה און ער האָט זי גע־נומען פירן אַהין. דאָס איז געווען אַ מין טעראַסע, וואָס איז געווען אַרומגע־וועבט מיט בלעטער, וואָס האָבן זיך געדרייט און מיט בלומען. עס איז דאָרטן געווען אנגענעם צו זיצן, כאָטש דאָ און דאָרט האָט אַ טראָפּן רעגן דערלאַנגט אַ שפּריץ אַפילו ביז אין סאַמע מיטן אַרײַן. חיים האָט געוווסט, אַזביילע וואָלט געדאַרפט טרינקען אַ גלאָז טיי און ער אַליין האָט שוין אויך געוואָלט טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס און ער האָט גענומען זוכן אַ דינער און ער האָט קיינעם נישט באַמערקט אין הויף. ער האָט באַמערקט אַ הונט, וואָס איז געווען צוגע־בונדן צו אַ קייט און האָט זיך געריסן און פון צייט צו צייט געבילט. ער האָט געהערט קרייען עטלעכע הענער און עפּעס מאָדנע איז געווען זייער קרייען. איינער האָט געקרייעט מיט אַ דין קולעכל, אַזוי ווי מיט אַ סאָפּראַן און אַ צוויי־טער האָט געקרייעט מיט אַ גראָב קול, ווי מיט אַ באַריטאָן. אַמאָל האָט ער אין אַ רוסישן צירק געהערט הענער קרייען אַזוי פאַרשידן, זייט דעמאָלט האָט ער דאָס שוין נישט געהערט. קיין מענטשן האָט ער נישט געזען. האָט ער געבעטן די פרוי זי זאָל בלייבן אַליין און ער איז געגאַנגען עמיצן זוכן, וואָס זאָל זיי מאַכן טיי. דער רעגן האָט באַלד אויפגעהערט. ער האָט געשמייכלט און זיך געקלערט, אַז דאָס קליינע כמאַרעלע האָט אויסגעגאָסן אַלצדינג און האָט שוין מער נישט געהאַט קיין וואַסער. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ לידל, וואָס די קינדער פלעגן זינגען אין שטעטל וועגן דעם רעגן פאַרוואָס ער גייט. די קינדער האָבן געפרעגט דעם רעגן, פאַרוואָס ער גייט. און ער האָט געענט־

פערט, אַז ער וויל פּ... אַן איינפּאַל פון קינדער. אַפּנים אַז דער רעגן אין סאַן־פּאַולאָ האָט אויך געוואָלט אַזוי און ער האָט אָפּגעטאָן זיינס..

אַזוי ווי חיים איז צוגעקומען נישט ווייט פון דעם רעסטאָראַן, ווו עס האָבן זיך שוין געדרייט אַ סך דינער, האָט ער דערזען די מאַמע, באַגלייט פון איר באַדינערין מלכה־העניע רחלס. ער איז געבליבן געפּלעפּט און ער האָט זיך נישט געגלייבט זיינע אויגן. עס איז נאָך געווען אַזוי פרי. די מאַמע האָט נישט אויסגעזען פאַרשלאָפן, זי האָט אויסגעזען לויטער און פריש און מונטער און האָט געהאַט איר שטענדיקן שמייכל און ברען אין די אויגן און זי האָט אים געזאָגט מיט אַ טעמפּעראַמענט:

— אַ גוט מאָרגן דיר, זון מיינער, וואָס קוקסטו אַזוי פאַרחידושט? איך שטיי שטענדיק אויף פרי און היינט האָב איך אַפילו נישט געדאַרפט אויפ־שטיין, ווייל איך בין נישט געשלאָפן...

— דאָס זעלבע פון מיר צו פאַרנעמען — האָט חיים געשמייכלט.

— איך האָב זיך געפילט היינט ביינאַכט, אַזוי ווי איך האָב זיך געפילט צוריק מיט 64 יאָר, ווען איך האָב געדאַרפט גיין צו דער חופּה — האָט חוה־טויבע געזאָגט — אַ יאָ דו ווערסט נישט לאַכן פון מיר, זון מיינער?

— פאַרוואָס זאָל איך לאַכן — האָט חיים געענטפערט — אַז איך אַליין פיל זיך אויך אַזוי?

און חיים האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז ער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז זי וואָלט אויך געדאַרפט וווינען דורך דער גאַנצער צייט פון דער שמחה אין האָטעל און נישט דאַרפן אַלע טאָג זיך שלעפּן אַהערצו. די מו־טער האָט אים פאַרזיכערט אַז דער שפּאַציר איז געווען אַ שיינער און עס איז נישט ווייט און אַפילו דאָס ביסל, וואָס האָט זי פאַררעגנט איניינעם מיט מלכהן, איז אויך גוט געווען. דאָך האָט זי זיך שוין געלאָזט רעדן און ער האָט דער־קענט, אַז זי גייט אַיין צו קומען אין האָטעל אַריין. און חיים האָט אָנגענומען חוה־טויבען ביי איין האַנט און מלכה־העניע רחלס ביי דער צווייטער האַנט און ער האָט זיי ביידע צוגעפירט צו דער טעראַסע אין דעם גאָרטן, וווביילע איז געזעסן און ער האָט געזאָגט צו זיין ווייב:

— איך האָב דיר געבראַכט ביידע חברטעס. איצטער וועל איך קענען גיין באַזאָרגן טיי פאַר אַלע.

חוה־טויבע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט גיין נאָך קיין טיי, ווייל אין סאַן פּאַולאָ טרינקט מען אין דער פרי מאַטע און זי האָט זיך שוין אויסגע־לערנט צו טרינקען די דאָזיקע משקה, וואָס אָדם הראשון האָט נישט גע־טרונקען. ביילע האָט באַמערקט, אַז זי האָט אויך זייער ליב מאַטע, אָבער עס וועט דאָך זיין אַ גאַנצע אַרבעט דאָס צעלייגן פייער און וואַרעמען די וואַסער,

האָט מלכה איר געזאָגט, אַז זי האָט מיט זיך אַ טערמאָס, אין וועלכן די וואַסער איז פונקט אַזוי ווי מען דאַרף פאַר אַ מאַטע, גוט וואַרעם, אָבער נישט זודיק. זי ווייסט שוין, האָט זי געזאָגט, ווי דאָס וואַסער דאַרף זיין פאַר אַ מאַטע. אַז עס איז צו הייס — פאַרפאַרעט עס צו שטאַרק דאָס גראָז און עס פאַרלירט דעם טעם און אַז דאָס וואַסער איז קאַלט, נעמט עס נישט אַרויס די זאַפט פון דער מאַטע און עס שמעקט נישט און עס האָט קיין טעם אויך נישט. חוה־טויבע האָט דערצו באַמערקט:

— וואָס וואָס, אָבער אַ מאַטע מאַכן קען מיין מלכה. איר מאַטע האָט אַזאַ טעם, ווי עס האָט דאָס גאַנצע לעבן אין בראַזיל, זי איז אי ביטער, אי זויער, אי אַפילו אַביסל זיס אויך, נישט קיין סך, אָבער דאָך... און זי מאַכט שוין אַזאַ מאַטע, אַז זי זאָל נישט וויינען. אייניקע מאַכן אַזאַ מאַטע, אַז זי רינט אַריבער און זעט אויס, גלייך טרערן וואָלטן געפאַלן. מלכהס מאַטע האָט נישט קיין טרערן, דאָס לעבן אַליין וויינט שוין דאָ גענוג...

און מלכה האָט באַלד אַרויסגענומען דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג פון אַ קליין זעקל, וואָס זי האָט געטראָגן און האָט גענומען דערלאַנגען מאַטע די „געסט". די ערשטע מאַטע האָט זי גענומען זיך אַליין און זי האָט געזאָגט, אַז אַזוי פירט זיך, ווייל די ערשטע רופט מען דאָ „די נאַרישע מאַטע" און עס דאַרף זי אויסטרינקען די דאָזיקע וואָס סערווירט. די צווייטע האָט זי באַלד דערלאַנגט חוה־טויבען. די באַלעבאָסטע אירע האָט זיך אומעטום איממפּאָנירט אַזוי, אַז מען האָט זי באַטראַכט ווי אַ קיניגין. מלכה האָט געפילט, אַז כאָטש חיים אוןביילע זענען געסט, דאַרף זי סערווירן חוה־טויבען דער ערשטער. און די באַלעבאָסטע איז שוין טאַקע געזעסן ווי אַ קיניגין. זי האָט באַלד געקראָגן אין דער טעראַסע אַ שטול, וואָס איז געווען העכער פון אַלע. און אפשר האָט דאָס איר אויסגעוויזן אַזוי, ווייל זי איז געווען העכער פון אַלע און מען האָט געדאַרפט צו איר אַרויפקוקן.

אין מיטן טרינקען דאָס ביטער־זיסע געטראַנק האָט די גרופּע דערהערט, ווי מען רופט דעם סעניאָר זשאַימע בערקאָוויסי. מיט דער פלינקייט פון אַ יינגעלע האָט ער זיך נאָכגענומען דעם קול און ער האָט געענטפערט אויף שפּאַניש, אַז ער איז דאָ. און עס האָט לאַנג נישט געדויערט איז ער צוריקגעקומען צו זיין מאַמען און זיין פרוי מיט אַ גאַנצן פּאַק צייטונגען. ביילע האָט אַ פרעג געטאָן דערשטוינט און מיט אַ שמייכל:

— וואָס טוסטו? דו ווערסט אַ צייטונגס־פאַרקויפער?

— איר וועט באַלד זען עפּעס שיינס — האָט חיים געזאָגט.

און ער האָט באַלד צעבונדן דעם פּאַק, אַרויסגענומען איין צייטונג, זי אויפגעעפנט און גענומען אַליין אַריינקוקן אין איר, אָבער די דריי פרויען האָבן

באַלד באַמערקט, אַז אין דער סאַמע מיט פון דער אינעווייניקסטער זייט איז פאַראַן אַ גרויס בילד פון חוה־טויבען. די ערשטע האָט דאָס באַמערקט טאַקע זי אַליין און זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל צום זון:

— וואָס איז דאָס, חיים? דו האָסט מיך שוין גענומען אויף די גאַזעטן?

חיים האָט נישט געענטפערט און ער האָט דערלאַנגט איין צייטונג דער מאַמען, די צווייטע צייטונג האָט ער געגעבן דער פרוי, אַ דריטע צייטונג האָט ער געגעבן מלכהן און דערנאָך האָט ער זיך אַליין אויך גענומען אַ צייטונג און אָנגעהויבן אַריינקוקן אין איר. די מאַמע האָט פּאַוואָליע אַרויסגענומען אירע פּענסנע־ברילן מיט דעם שוואַרצן שנירל, אויסגעווישט בײדע גלעזלעך, אָנגע־טאָן פעסט אויף דער נאָז, אַריבערגעלייגט דאָס שוואַרצע שנירל איבער דעם אויער און גענומען לייענען.ביילע האָט פון איר פּרויען־טאַש אַרויסגענומען אַ פּאָר ברילן, זיי גלייך אָנגעטאָן און גענומען לייענען און מלכה איז געווען די איינציקע, וואָס האָט קיין ברילן נישט אָנגעטאָן. חיים אַליין האָט שוין געהאַט פון פריער געטראָגן די ברילן אויף דער נאָז. און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מלכה איז די יינגסטע צווישן זיי און ער האָט איבער די גלעזער אַ קוק געטאָן אויף איר און דערזען, אַז זי איז טאַקע נאָך אַ גאַנץ יונג ווייבל. אַ שטיקל צייט האָבן אַלע פיר געשוויגן און געלייענט. די ערשטע האָט אָנגעהויבן רעדן די מוטער, זי האָט געזאָגט:

— חיים, מען האָט דאָך מיך דאָ באַשריבן פון קאָפּ ביז פיס. זיי שרייבן דאָ פון וואַנען איך בין, ווי אַזוי מיינע טאַטע־מאַמע האָבן געהייסן, ווי אַזוי מיין מאַן האָט געהייסן און וויפל קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך איך האָב און אַפילו „די גענעראַלן און די סענאַטאָרס" זענען אויך דאָ דערמאָנט. מען מאַכט דאָך מיר דאָ פאַר אַ גרויסער חכמת. איך ווייס דאָך נישט, צי מען מיינט מיך צי מען מיינט שלמה המלך...

— מאַכט נישט אויס, — האָט חיים געשמייכלט — איין מאָל אין לעבן מעג מען אויסזאָגן דעם אמת. און די וועלט מעג אויך וויסן ווער עס איז די יידישע קיניגין פון דרום־אַמעריקע.

חוה־טויבע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אי קלוג, אי גוט און האָט גאָר־נישט געענטפערט און זי האָט סתם אַ זאָג געטאָן, אַז זי וויל איבערלייענען די גאַנצע מעשה. ביילע האָט נישט רעדנדיק אויך גענומען לייענען און מלכה האָט געטאָן דאָס זעלביקע.

האָט חיים גענומען דעם גאַנצן פּאַק מיט די צייטונגען און איז אַוועק מיט אים. אַלע דריי פרויען האָבן אים מאָדנע נאָכגעקוקט און די מוטער האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ ממזרישן ווונק מיטן אויג:

— ער גייט זיי פאַרקויפן?

— ער וועט זיי מסתמא איבערגעבן די דינער — האָט ביילע געזאָגט — אַז זיי זאָלן זיי אַוועקלייגן ביי די טירן פון די צימערן פון אַלע געסט.

און ביז וואַנען די דריי פרויען האָבן איבערגעלייענט די גאַנצע זייט מיט דער באַשרייבונג וועגן דעם מאָדנעם ייִדישן יום־טוב, וואָס ווערט דורכגעפירט אין סאַן־פּאַולאָ, איז שוין חיים געווען צוריק און ער האָט געזאָגט, אַז אַ סך פון זיי טרינקען קאַווע מיט מילך און בייסן צו און ער האָט מורא, אַז אייניקע פון זענען שוין אויפגעשטאַנען און אייניקע זענען שוין אַפילו אין רעסטאָראַן און זיי האָבן נאָך נישט געדאַוונט. חוה־טויבע האָט אים באַמערקט מיט שטאָלץ:

— עס זענען אָבער דאָך נאָך דאָ אייניקע, וואָס דאַווענען. איך קען דאָ הי׳ אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט אויך אַ סך קינדער און אייניקלעך, נישט אַזוי פּיל ווי פּיל איך, אָבער דאָך אַ סך און זי האָט זיך מיר געקלאָגט, אַז קיינער פון זיי דאַוונט קיינמאָל נישט. אייניקע גייען ראש השנה און יום־כיפור אין שול אַריין און מער נישט.

און דער הויף איז באַלד פול געוואָרן מיט דער משפחה. צו אייניקע זענען שוין געקומען באַקאַנטע אויך. זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער גאַנצער זאַך, ווייל די ייִדישע צייטונג, וואָס מען האָט חיימען געבראַכט אין דער פרי, איז אין דער ייִדישער געגנט פון סאַן־פּאַולאָ וואָס מען רופט „באָם רעטירא״ שוין געווען נאָך נעכטן אויף דער נאַכט און צווישן די דאָזיקע וואָס האָבן זי גע־לייענט, זענען געווען אַ סך בעסאַראַבער און אַפילו עטלעכע פון דעם דאָזיקן שטעטל, פון וועלכער די בערקאָוויסיס זענען געקומען. די סענסאַציע איז ביי אַלע געווען די צייטונג. מען האָט געלויבט די שיינע באַשרייבונג. אייניקע סאַן־פּאַולער האָבן זיך איראָניש געפרעגט: „פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ גוּ־טער שרייבער קיין סאַן־פּאַולאָ?״ אַנדערע האָבן געלויבט דאָס בילד און האָבן געזאָגט, אַז חוה־טויבע איז אַרויס זייער שיין. זי איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער, די אַלטע העלדין פון טאָג און זי האָט געזאָגט:

— אַוודאי, אַ שיינער מענטש קומט אַרויס שיין אויפן בילד.

דערויף האָט חיים געענטפערט מיט אַ סך התלהבות:

— נישט נאָר אַ שיינער מענטש, נאָר טאַקע ווי אַ קעניגין זעסטו אויס אויף דעם בילד און דו ביזט דאָס טאַקע איצטער. ביזט אונדזער אַלעמענס קע־ניגין.

— אַז דו זאָגסט דאָס מיר איצטער — האָט חוה־טויבע גוט געשמייכלט — וואָס זשע וועסטו מיר שוין זאָגן ביינאַכט און מאָרגן?

דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס צווישן דער גרויסאַרטי־קער מאַמען און דעם טעמפּעראַמענטפולן זון און ער האָט באַמערקט, אַז די מוטער בלייבט קיינמאָל נישט שולדיק קיין ענטפער. ווען דער זון האָט איר גע־

זאָגט, אַז זי וועט שוין פון איצטער אָן שטענדיק זיין די קעניגין, האָט זי אים געענטפערט:

— גאָט זאָל נאָר העלפן, אַז איך זאָל זיצן לאַנג אויף דעם טראָן...

דער עולם האָט פּאַוואָליע גענומען פאַרמירן באַזונדערע גרופּעס. עלטערע האָבן זיך צונויפגעקליבן אינאיינעם מיט עלטערע און יינגערע אינאיינעם מיט יינגערע. און יעדער באַזונדער איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו חוה־טויבען כאַפּן אַ קוק אויף איר און אַ שמועס טאָן מיט איר. ביילע, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן לעבן איר, האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון איר און זיך געטראַכט, אַז זי שיינט און שטראַלט און האָט אין די געדאַנקען אויסגעשפּיגן, אַז זי זאָל איר קיין גוט אויג נישט געבן און קיינער זאָל דאָס איר נישט טאָן.

חיים האָט איבערגעלאָזן דעם גאַנצן עולם און ער איז אַוועק אין שטאָט אַריין. ער האָט נאָך געדאַרפט אַ סך זאַכן באַזאָרגן. ער האָט געוואָלט, אַז די געסט זאָלן אַלע מקבל־שבת זיין אויף דער נאַכט. ער האָט אַפילו גענומען אַ קליינעם זאַל און אַהין אַריינגעשטעלט אַ ספר־תורה און דאָרט געמאַכט אַ מין עמוד און ער האָט געוואָלט, אַז אַ גוטער חזן זאָל ביינאַכט דערלאַנגען דעם אמתן „לכו נרננו" און דעם ריכטיקן „לכה דודי". ער האָט געוווּסט, אַז זיין שוואָגער, בערל, וואָס מען רופט אים דאָ בערנאַרדאָ, קוואָקעט אויף דעם דאַווענען און ער איז אַ גאַנץ גוטער מנגן, אָבער ער האָט געטראַכט, אַז פאַר אים וועט זיין געבוג, אַז ער זאָל ביים עסן זאָגן „שלום־עליכם" און מאַכן קידוש. ער האָט געוואָלט עפּעס אַזוי אַ פיינעם בעל־תפילה, אַזוי ווי אין דער אַלטער היים. עפּעס זאָל מען זיך פילן אַזוי ווי אַמאָל. ער האָט שוין אַ צווי חזנים פאַרהערט און זיי זענען אים נישט געפעלן. ער האָט זיי חלילה נישט באַליידיקט, ער האָט זיי געזאָגט אַז זיי זענען גוטע חזנים, אָבער ער וויל אַן אַלטמאָדישן בעל־תפילה. און איצטער איז ער געגאַנגען הערן נאָך צוויי חזנים. אין האָטעל איז אַלץ געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין און די שוועסטער און די שוועגערנס זענען אַלע געווען אין קיך און זיי האָבן איבערגענומען די מלוכה. זיי האָבן אַרויסגעטריבן די קוכערס און האָבן אַליין געקאָכט יידיש עסן אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. און עס איז געווען צוגעגרייט פון פריער אַלץ, אַז עס זאָל זיין יידיש. די כלים זענען אַלע געווען נייע, דאָס געפּעס און דאָס געשיר זענען געווען ניי און דאָס פלייש איז געווען כשר און די פיש האָט מען געקויפט יידישע. און כריין האָט זיך אויך באַזאָרגט און וויין האָט דער שוואָגער שמעון, פריידלס מאַן באַזאָרגט, אַז עס זאָל זיין ווי אמתער בעסאַראַבער וויין, ביטערלעך, זויערלעך, אַביסל זיסלעך אויך און טערפּקע. עס איז אַלצדינג געווען כשורה. ער האָט נאָר געוואָלט האָבן דעם ריכטיקן חזן. קיין רעדעס האָט ער פריי־טיק־צו־נאַכט נישט געוואָלט האָבן. מען זאָל בעסער עסן און טרינקען און הנאה האָבן און זינגען

זמירות און אַ לידל אויך. נאָר ביים אָנהייב זאָל עמיצער אַ זאָג טאָן, אַז דאָס איז דער ערשטער פרייטיק־צו־נאַכט לכבוד דער אַכציק־יעריקער מאַמען פון אירע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. נישט מער.

פאַרן אַוועקגיין האָט נאָך חיים באַוויזן אַ קוק צו טאָן, וואָס עס טוען די „גענעראַלן און סענאַטאָרס". און ער האָט מיט צופרידנקייט באַמערקט, אַז באַלד ווי זיי האָבן זיך באַוויזן אין הויף, האָבן זיי אויסגעזוכט חוה־טויבען און זיי זענען צוגעגאַנגען צו איר און איר געווונטשן אַ גוט־מאָרגן און זי געקושט אין קאָפּ, עס האָט נאָר געפעלט, אַז זיי זאָלן זיך פאַר איר פאַרנייגן, טאַקע ווי פאַר אַ קעניגין. די איינציקע, וואָס האָט איר געקושט נישט נאָר אין קאָפּ נאָר אויך אין די ליפּן איז געווען דעם סענאַטאָרס נישט־יידישע פרוי. זי האָט זיך געהאַלטן מיט איר ווייניקער אָפּיציעל און מער היימיש ווי אַלע אַנדערע. מאַטע האָבן די „גענעראַלן און סענאַטאָרן" געטרונקען אינאיינעם מיט זייערע פאַמיליעס אויף דער דאָזיקער טעראַסע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ סוכה. זיי זענען דאָך נישט לאַנג געזעסן און זיך וואַזשנע צוריקגעצויגן און דער סענאַטאָר האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף נאָך היינט זיין אין סענאַט און דער גענעראַל האָט געזאָגט, אַז ער איז פאַרבעטן אין דעם גענעראַל־שטאַב. חוה־טויבע האָט באַמערקט מיט אַ שמייכל:

— איך וואָלט דיך געבעטן, מיין ליבער גענעראַל, אַז דו זאָלסט זען אַז מען זאָל כאַטש פאַר דער צייט, וואָס דו וועסט זיין דאָ נישט מאַכן קיין רעוואָלוציע און קיין מלחמה. איך האָב שוין דאָ, גאָט זיי דאַנק, איבערגעלעבט עטלעכע רעוואָלוציעס. מיך האָט טאַקע קיינער נישט געטשעפּעט, אָבער צווישן זיי אַליין האָבן קיין טויטע נישט געפעלט. און אין אייניקע שטיבער פון באַקאַנטע זענען אַריינגעפאַלן באָמבעס און האָבן געמאַכט לעכער. צוליב וואָס זיי דאַרפן דאָס, ווייסן זיי מסתמא בעסער.

דער גענעראַל וואַשינגטאָן קאַוויס האָט גאָרנישט געענטפערט אויף דעם און ער האָט נאָר געשמייכלט און ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ווען זיין באָבע איז אין פּאַראַגווייַ, וואָלט זי נאָך מערער געלאַכט און געווינטשט וועגן די רעוואָלוציעס. און ער איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אים נישט געפרעגט. צי אין זיין מדינה זענען קיין רעוואָלוציעס נישט פאַראַנען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מיט די אויגן האָט זי אים דאָס דאָזיקע געפרעגט.

ווען „די גענעראַלן און סענאַטאָרס" האָבן זיך צוריקגעצויגן, האָט מען געכאַפּט אַ שמועס וועגן זיי און מען האָט זיי אַריינגעקיבעצט און מען האָט אַ ביסל אַ רייד געטאָן אַפילו רכילות. חוה־טויבע האָט זיך טאַקטיש אַריינגעמישט און זי האָט געזאָגט:

— איר זענט אַלע מיינע קינדער און איך וואָלט אייך געבעטן אַז אין די

עטלעכע טעג וואָס מיר וועלן זיין צוזאַמען זאָלן מיר ריידן נאָר גוטס איינער וועגן אַנדערן. און זיי זענען דאָך נישט שולדיק, וואָס זיי זענען אַזוי און נישט אַנדערש. אַז שכנא איז אַ סענאַטאָר, האַלט ער זיך ווי אַ סענאַטאָר, און אַז וועלוול איז אַ גענעראַל, מוז ער זיך האַלטן ווי אַ גענעראַל. ווען איינער איז אַ שוסטער, האַלט ער זיך ווי אַ שוסטער!

אַלע האָבן געשוויגן און מיט דעם שוויגן האָבן זיי אָנערקענט די גע־רעכטיקייט און דעם שכל פון דער אַלטער. די יוגנט האָט זיך אַ לאָז געטאָן טיפער אין הויף אַריין פון דעם האָטעל, און זי האָט אויסגעפונען, אַז ער גרע־נעצט זיך מיט אַ וועלדל און זיי זענען אַוועק ווייטער מיט זייער שפּאַציר. די עלטערע האָבן זיך געהאַלטן אין הויף און זיי האָבן אַרומשפּאַצירט און באַקוקט. אַלצדינג איז פאַר זיי געווען ניי. כאָטש זיי זענען אַלע געקומען פון דרום־אַמע־ריקאַנער לענדער, האָבן זיי דאָ געפונען אַזעלכע געוויקסן אוןביימער, וואָס זיי האָבן ביי זיך אין די היימען נישט געזען קיין מאָל. דער שפּאַציר איז פאַר אַלעמען געווען אַן אַנגענעמער און פול מיט אַלערליי אַנטדעקונגען. די איינצי־קע זאַך וואָס האָט געשטערט איז געווען, וואָס עס האָט אַלע מאָל גערעגנט. עס האָט אַלע מאָל גענומען גיסן אַ קרומער און בייזער רעגן כמעט פון אַ לויטערן הימל און אַלע מאָל האָט מען געדאַרפט ערגעץ אַרונטערלויפן און זיך באַהאַלטן. אייניקע האָבן געקראָגן שירעמס פון זייערע צימערן אַרויס. מען האָט זיי גע־וואָרנט, אַז אין סאַן־פּאַולאָ רעגנט אָפט און זיי האָבן מיטגענומען שירעמס מיט זיך. און זיי האָבן שוין שפּאַצירט מיט די שירעמס און ווען עס האָט גענומען רעגענען האָבן זיי געעפנט די שירעמס, אָבער לאַנג האַלטן אָפן האָבן זיי נישט געדאַרפט. אַלע מאָל האָט דער רעגן אויפגעהערט, ער האָט זיך עפּעס געשפּילט מיט זיי, דער רעגן, אין אַ קאַץ און מויז־שפּיל.

חיים איז אָנגעקומען פּונקט, ווען מען האָט שוין געדאַרפט גיין עסן מי־טיק. ער איז געווען אַ פאַרסאָפּעטער, אַ צעפּלאָנטער און אַ פאַררעגנטער. אין די פּאָר שעה וואָס ער האָט געפּעלט, האָט ער באַזאָרגט אַן אַ שיעור זאַכן און ער האָט געפּאַקט אויך אַ חזן, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז ער איז אַזוינס ווי אַזעלכעס. ער קען זינגען ווי אַ מאָדערנער זון און ער קען זאָגן ווי אַ בעל־תפילה און ער האָט מיט אים אויסגענומען, אַז ער זאָל זיין וואָס ווייניקער חזן און וואָס מער בעל־תפילה און ער זאָל אַ זאָג טאָן אַזאַ מין „לא תבושי", אַז עס זאָל זיך אַלעמען גלוסטן אי וויינען אי טאַנצן. און ער האָט שוין געקראָגן חוץ דעם רב אויך אַ מאָדערנעם רעדנער, וואָס איז גראָד געווען צו גאַסט אין שטאָט. אייניקע האָבן אַפילו געמיינט, אַז דער דאָזיקער רעדנער, וואָס איז אַ פּעפּערל, איז אַ בעסאַראַבער. דאָס דאָזיקע וואָלט שוין געווען עפּעס גאָר אַ גליק. מען האָט אים אָבער נישט פאַרזיכערט אין דעם. עפּעס האָט מען גערעדט וועגן אים

ווי וועגן אַ גרויסן שרייבער און אַ זעלטענעם רעדנער און אים האָט זיך נישט געגלויבט, אַז צווישן בעסאַראַבער זאָלן זיין אַזעלכע אַנטיקלעך, כאָטש ער האָט געהערט אַז עס זענען פאַראַן אַ סך ייִדישע און העברעיִשע שרייבער, וואָס שטאַמען פון בעסאַראַביע. ער האָט דעם דאָזיקן שרייבער און רעדנער נישט געטראָפן אין האָטעל און ער האָט אים געלאָזט אַ צעטל, אַז ער זאָל אים אָפּרופן און ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אים אָפּרופן, ווייל אויב ער איז אַ שרייבער דאַרף אים דאָך אויך אינטערעסירן אַזאַ מין יום־טוב, וואָס קומט נישט פאַר אַלע טאָג. חיים האָט נאָר נישט געוווּסט אויף וועמען ער זאָל דעם שרייבער באַשטעלן. אין דעם היינטיקן אָוונט, פרייטיק־צו־נאַכט, האָט ער אינגאַנצן נישט געוואָלט קיין רעדעס און אויף מאָרגן, שבת־צו־נאַכט, צו דער מלווה־מלכה, האָט ער שוין באַשטעלט דעם רב און עס האָט געמוזט אַזוי זיין, ווייל די מאַמע איז דאָך פאָרט אַן אַלטמאָדישע ייִדענע און די בעסטע דרשה איז פאַר איר אַזאַ, אין וועלכער עס איז פאַראַנען תורה און מוסר און מען קען זיך גוט אויסוויינען. און באַשטעלן דעם שרייבער אויך צו ריידן מאָרגן אויף דער נאַכט, וואָלט עפּעס געווען ווי איינשפּאַנען צוויי קעץ אין איין זאַק. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז אויב דער שרייבער וועט באַלד אָנרופן, וועט ער זיך מיט דעם נישט רעכענען און מאָרגן אויף דער נאַכט לאָזן אויסשיסן ביידע פעסער מיט פולווער, אויב אָבער ער בלייבט נאָך דאָ, וועט ער קענען זונטיק ביינאַכט אויך דורכפירן אַ יום־טוב מיט אַ טראַסק.

חיים איז געוואָרן קאָמאַנדאַנט אין הויף און ער האָט ממש ווי אַ גענעראַל צונויפגענומען דעם גאַנצן עולם אין דעם גרויסן רעסטאָראַן אַריין צום מיטיק. די טישן זענען געווען צונויפגעשטעלט ווי פון אַ גוטן רעזשיסאָר און ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ שיינער ספּעקטאַקל. און עס איז געווען אַזוי, אַז עס איז קיינעם נישט געווען צו ענג און קיינער האָט דעם צווייטן נישט געשטערט און מען האָט געקענט זיך דורכשמועסן מיט נאָענטע שכנים און מיט ווייטערע אויך. די מוטער האָט זיך אַרומגעקוקט און געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף דעם זון. זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט דאָס אַלעס באַזאָרגט און אַז עס געפעלט אַלעמען און אַלע פילן זיך גוט. פאַר איר אַליין איז געווען אַ הויכער און ברייטער שטול, וואָס האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ טראָן, אָבער די ספּעציעלע באַפּוצונג מיט דער אויפשריפט איז נאָך אויף דעם שטול נישט געווען, דאָס האָט חיים געלאָזט מאַכן ערשט אויף פאַרנאַכט, צום עונג־שבת.

די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, די באַדינונג איז געווען אַ זעלטענע. עס האָט אויסגעוואַקסן אַ קאָקטייל מיט צובייס פאַר אַלעמען און גלעזלעך האָבן זיך אויפגעהויבן פון אַלע זייטן און אייניקע האָבן זיך צונויפגעקלאַפּט

מיט די אַנדערע. אַ סך זענען צוגעלאָפן צו חוה־טויבען, וואָס האָט געהאַלטן אויפגעהויבן איר גלאָז און זיך אָנגעשלאָגן מיט איר גלאָז און איר געזאָגט „לחיים". אַנדערע האָבן איר געזאָגט „לחיים" מיט אַ דריק פון דער האַנט, אַזוי ווי מען האָט געטאָן אין דער אַלטער היים. און ספּאָנטאַן האָבן אַ סך געגומען זונגען: „לאָמיר אַלע אינאײנעם די מאַמען מקבל־פּנים זיין", און נאָך דעם וואָס מען האָט געזונגען פאַר דער מאַמען האָט מען געזונגען פאַר חיימען, און דערנאָך האָט מען געזונגען פאַר די סאַן־פּאַולער באַלעבאַטים און ווען מען האָט געזען אַריינקומען דעם סענאַטאָר מיט זיין משפּחה, האָט מען געזונגען פאַר אים און ווען מען האָט געזען אַריינקומען דעם גענעראַל מיט זיין משפּחה, האָט מען געזונגען פאַר אים און דער גאַנצער עס־צימער איז פול געווען מיט געזאַנג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו די קעלנער, וואָס זענען אין אַ גרויסער צאָל, זינגען אויך מיט. און מען האָט נישט געמאַכט קיין טעות, צווישן די קעלנער זענען געווען אַ סך יידן, דאָס האָט שוין חיים באַזאָרגט.

דער מיטיק האָט נישט געטראָגן קיין שום אָפיציעלן כאַראַקטער. אייניקע האָבן געשריגן, אַז חיים זאָל ריידן, אַנדערע האָבן געשריען אַז די מוטער זאָל ריידן, זיי האָבן אָנגערופן אויך אַנדערע נעמען, אָבער חיים האָט זיי באַהערשט און ער האָט געזאָגט:

— דאָ בין איך גענעראַל און איך וועל באַפעלן. איצטער וועלן מיר גאָרנישט רעדן און נישט צוגעבן קיין שום אָפיציעלן כאַראַקטער דעם היינטיקן מיטיק. עס איז סתם אַ מיטיק. אַ היימישער מיטיק און נישט מער.

— און אַ גוטער מיטיק! — האָבן זיך געלאָזט הערן אַ סך קולות.

— אויב עס איז אַ גוטער — האָט חיים געזאָגט — טאָ לאָמיר פאַרברענגען גוט און — אָן רעדעס. מען מעג זינגען, אַפילו טאַנצן, אָבער ריידן נישט.

און מען האָט אים געפאָלגט און מען האָט געזונגען. אַפילו קליינע קינדער האָבן געזונגען. עס האָבן געזונגען יינגלעך, עס האָבן געזונגען מיידלעך. מען האָט געזונגען יידיש, מען האָט געזונגען מאָלדאָוואַניש, רוסיש, מען האָט שוין אויך געזונגען שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש. און דעם רעקאָרד האָט געשלאָגן חוה־טויבעס יינגערער אײדעם בערנאַרדאָ, וואָס מען האָט אין דער היים גערופן בערל. ער האָט געזונגען אַ דאָינע, אַזוי ווי מען האָט זי געזונגען אין דער אַלטער היים אויף די לאָנקעס, ווען מען האָט געפּאַשעט די שאָף. די דאָינע האָט ער געזונגען אָן ווערטער. די אײנציקע „ווערטער", וואָס מען האָט געהערט פון אים זענען געווען „אָף אָף" און „אַאוליו". בערל האָט פאַרמאַכט די ליפּן און זיך צוגעהאַלטן מיט דער רעכטער האַנט ביי דער באַק און עס איז אויסגעקומען, אַז ער האָט אי געזונגען אי געפּייפט. און דערנאָך האָט ער גאָר אַרויסגענומען אַזאַ מין פּייפל, וואָס איז געווען געמאַכט פון קאָרע פון אַ בוים

און ער האָט אויף דעם אויסגעפייפט די גאַנצע טרויעריקע דאָינע און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ פריילעכער „פּאַרניאַלע". ער האָט געפונען פאַר נויטיק צו מעלדן, אַז דעם דאָזיקן „פלויער" (פייפל) האָט ער נאָך פון דער אַלטער היים, ער האָט אים אַמאָל אָפּגעקויפט ביי אַ „טשאַמבאַן" (פּאַסטוך), וואָס האָט דאָס אַליין געמאַכט. דער עולם, איבערהויפּט דער דאָזיקער טייל, וואָס איז געקומען שוין אַ דערוואַקסענער פון בעסאַראַביע קיין דרום־אַמעריקע, האָט זיך געווישט די אויגן. אַפילו „די גענעראַלן און סענאַטאָרס" האָבן אויך געהאַלטן טיכלעך ביי די אויגן און זיי האָבן שטילערהייט דערקלערט זייערע ווייבער און קינדער דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער טרויעריקער מעלאָדיע. און ווען בערל איז אַריבער צו דעם פריילעכן, האָבן אַלע ביים אָנהייב צוגעקלאַפּט מיט די הענט און דערנאָך האָבן זיי אויך גענומען מיטזינגען. חוה־טויבע האָט איר איידעם צוגערופן צו זיך און אים דערלאַנגט אַ קוש אין שטערן. דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט און ער האָט געשריען ביס.

בערל האָט זיך פאַרנויגט, גלייך ער וואָלט געווען אַ גענײטער קינסטלער און ער איז שוין געווען גרייט צו נעמען דאָס פייפל און ווידער אַמאָל שפּילן די דאָינע. האָט זיך אויפגעהויבן ד"ר כעראַנימאָ, דער אַדוואָקאַט און סעקרע־טאַר פון מיניסטער אין פּערו און ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל דערציילן אַ לע־גענדע וועגן דער דאָינע. ער האָט די דאָזיקע לעגענדע געלייענט אין אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער, און דאָס דאָזיקע בוך הייסט טאַקע „בעסאַראַביע". די דאָינע האָט ד"ר כעראַנימאָ געזאָגט, ווייסן אַלע, איז זייער טרויעריק און זי ענדיקט זיך קיין מאָל נישט. די מעלאָדיע האָט נישט קיין ענדע, זי ציט זיך אָן אויפהער. דערציילט די לעגענדע, אַז דער טייוול, וואָס די רומענישע פּויע־רים רופן אים „דראַקו", האָט אַמאָל געכאַפּט אַ פּויער און ער האָט אים גע־הייסן, אַז ער זאָל אים זינגען אַ ליד. האָט דער פּויער קיין ברירה נישט געהאַט און געזונגען דעם „דראַקו" עפּעס אַ טרויעריקן ניגון. און ווען דער פּויער האָט געענדיקט האָט דער טייוול אים געכאַפּט און זיך גענומען דרייען מיט אים און אים זינגען דערביי, און ער דרייט זיך נאָך מיט אים און ער זינגט אים נאָך. דער טייוול האָט דעם פּויער געזונגען די דאָינע, דערפאַר איז זי אַזוי טרויע־דיק און זי ענדיקט זיך קיינמאָל נישט. דער עולם האָט אַפּלאָדירט און ער האָט גענומען שרייען „בערל!" און בערל האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און ער האָט גענומען שפּילן די דאָינע און געשפּילט און געזונגען מיט האַרץ און מיט נשמה און ווידער האָבן געפלאַטערט טיכלעך ביי די אויגן און חוה־טויבע, וואָס האָט געהאַט אַ שם פון אַ פרוי אַ קאָזאַק, האָט אויך געהאַלטן דאָס טיכל ביי די אויגן. און ווען בערל איז אַריבער צום פריילעכן, האָט דער עולם גלייך מיטגעזונגען און זיך גענומען ביי די הענט און גענומען טאַנצן אַ בולגאַריש,

אַזוי ווי מען האָט געטאַנצט אין בעסאַראַביע. מען האָט געטאַנצט אַרום חוה־טויבען. מען האָט געגעבן אַ רוק אַוועק די טישן און מען האָט געמאַכט אַ ראָד אַרום איר און די איניציאַטיוו איז שוין אַליין געקומען פון זיך, מען האָט זי אויפגעהויבן מיט איר שטול און מען האָט געשריען „הוראַ" און „לאַנג לעבן זאָל די מאַמע!" און מען האָט דעם שטול אַזוי אַרויסגעטראָגן אין הויף אַריין און אים אַוועקגעשטעלט אין דער סאַמע מיט און מען האָט ווייטער געדרייט זיך אין אַ ראָד אַרום איר. די ראָד איז געוואָרן אַלע מאָל גרעסער און גרעסער אַפילו דער גענעראַל און דער סענאַטאָר זענען אויך אַריין אין מיטן און מיט־געטאַנצט און ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער אַלטער, האָבן זיי איר אַרייג־געשושקעט האַרציקע ווערטער אין די אויערן אַריין. און דעם סענאַטאָרס נישט־יידישע פרוי, מיט דעם פרעמדן מעסטיסאָ־פּנים האָט מיטגעטאַנצט און זי איז דאַכט זיך געווען גרייט צו שפּרינגען ביזן הימל אַריין. און זי איז עס געווען די דאָזיקע וועלכע האָט געגעבן דעם סיגנאַל, אַז מען זאָל בייטן דאָס ליד און זינגען אַ ליד, וואָס זי האָט געהערט וועגן דער יידישער מאַמע און זי קען דאָס אַפילו אַביסל. ווען זי האָט אָנגעהויבן ריידן, איז געווען אַ גרויסער טומל און מען האָט נישט געהערט, איז מען אָבער באַלד שטיל געוואָרן, ווייל זי האָט אימפּאָנירט מיט איר פרעמדן, אינדיאַנישן אויסזען. און חוה־טויבע האָט אויך געבעטן מיט די הענט מען זאָל איר הערן. און אַזוי ווי זי האָט אַרויסגערעדט, אַז מען זאָל זינגען „די יידישע מאַמע", האָבן אַלע אין איין קול גענומען זינגען אָט דאָס ליד און זיי האָבן דערביי נישט אויפגעהערט טאַנצן, כאָטש די מעלאָדיע האָט זיך נישט געפּאַסט צו קיין טאַנץ. פריער האָט מען די מעלאָדיע געזונגען ריכטיק און דערנאָך האָט מען זי שוין גענומען איבערדרייען אַזוי, אַז זי זאָל פּאַסן צום טאַנץ. געזונגען האָט מען טאַקע די ווערטער פון דעם ליד „די יידישע מאַמע", אָבער די מעלאָדיע איז געווען אַן אַנדערע. און פּלוצים איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ באַנק סאַנטיאַגאָס זון אַלעכאַנדראָ, דער אַקטיאָר, און ער האָט גענומען זאָגן און דעקלאַמירן דאָס גאַנצע ליד „די יידישע מאַמע". און זיין ווייב מלכה האָט אים צוגעהאָלפן און זיינע צווי קליינע קינדער האָבן אויך מיטגעזונגען און די אַנדערע קינדער האָבן שוין אויך געטאָן דאָס אייגענע. דאָס ליד האָט געווירקט אַזוי, אַז מען האָט אָפּגעשטעלט דעם טאַנץ און ווייבער האָבן פּאַוואָליע אָנגעהויבן אונטערוויינען און זיי זענען אַריבער אין אַ כליפּען און אייניקע מענער האָבן צוגעהאָלפן. חוה־טויבע האָט געקוקט, גע־קוקט אויף דעם וויינענדיקן עולם און פּאַוואָלינקע אויך באַהאַלטן די אויגן אין אַ טיכל. אַ שטיקל צייט האָט מען געהערט דאָס כליפּען פון ווייבער און מע־נער. חוה־טויבע האָט באַוויזן מיט אַ זשעסט אָפּצושטעלן דאָס געוויין. און חיים האָט אַ געשריי געטאָן, אַז די מאַמע וויל נישט, אַז מען זאָל וויינען.

— אינגאַנצן אָן וויינען — האָט חוה־טויבע געזאָגט — קען נישט זיין ביי אַ ייִדישער שמחה, אָבער איך מיין, אַז עס איז דערוויל גענוג געוויינט. מיר האָבן זיך שוין אַביסל אַראָפּגעוויינט פון די הערצער פאַר די דאָזיקע, וואָס זענען נישטאָ מיט אונדז און פאַר דעם, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען...

דער עולם איז געבליבן שטיל, אָבער זיפצן און שטילע געוויינען האָט מען נאָך ווייטער געהערט אַ שטיקל צייט. און ערשט, ווען חוה־טויבע האָט אַ געשריי געטאָן, אַז עס וועט נאָך זיין צייט צו וויינען, איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן און בערל האָט געכאַפּט דאָס הילצערנע פייפל זיינס און ער האָט נאָך אַמאָל גענומען שפּילן דאָס פריילעכס, וואָס ער האָט פריִער געשפּילט און דער עולם האָט זיך ווידער אָנגענומען ביי די הענט און געמאַכט אַ ראָד אַרום דער העלדין פון טאָג. דער עולם האָט געזונגען און געטאַנצט. פון ערגעץ איז אויסגעוואַקסן אַ גראַמאַפאָן, וואָס האָט גענומען שפּילן אַ פריילעכס און דער עולם האָט מיטגעזונגען און ער האָט נאָך שטאַרקער געטאַנצט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַנץ וועט זיך קיין מאָל נישט ענדיקן. אָבער עס האָט ווידער גענומען רעגענען און דער עולם האָט זיך געמוזט צעלויפן. חיים האָט אָנגענומען חוה־טויבען מיט איין האַנט אוןביילען האָט ער געפירט מיטן וועגעלע מיט דער צווייטער האַנט און ער האָט זיי ביידע אַריינגעפירט אין דער טעראַסע. די אַלטע האָט באַוויזן צו זאָגן, אַז מים, וואַסער, איז אַ סימן ברכה...

אַזוי ווי ס'איז נאָר געווען אַ מנין, האָט חיים געשטעלט בערלען דאַווענען מנחה און ווען דער ספּעציעל־געבראַכטער חזן האָט גענומען זאָגן „לכה דודי", איז שוין דער גאַנצער עולם געווען אין דעם דאַזיקן זאַל, וואָס איז איינגע־שטעלט געוואָרן פאַר אַ שילעכל פאַר דער גאַנצער צייט פון דער פייערונג. דער זאַל איז איבערגעטיילט געוואָרן אויף צווייען. ביי דער טיר איז געשטעלט גע־וואָרן פריידלס מאַן סימאָן און ער האָט אָנגעוויזן, אַז די ווייבער דאַרפן גיין רעכטס און די מענער לינקס. אַזוי, אַז אַ טייל פון אויבנאָן ביים עמוד איז אויך באַזעצט געוואָרן פון ווייבער. דאָס איז געטאָן געוואָרן בכיוון, בכדי חוה־טויבע זאָל קענען זיצן אויבנאָן. און זי איז געווען פון די ערשטע צו קומען אין „שול" אַריין. לעבן איר איז געזעסן איר געטרייע באַגלייטערין מלכה־העניע רחלס, און פון דער צווייטער זייט איז געזעסן די האַלב־געליימטעביילע, וואָס האָט געשיינט פאַר גליק, וואָס זי קען זיצן ווי אַ מענטש מיטן פנים צום עולם. עס זענען געקומען אַלע פרויען און מיידלעך. די צוויי קאָמוניסטקעס מאַרגאַריטאַ און כוליאַ זענען געקומען אַביסל מיט צו־צעעפנטע בלוזעס און מיט אויפגע־דעקטע קעפּ. האָט זיי סימאָן צוריקגעשיקט און זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך בעסער פאַרשפּיליען און צודעקן די קעפּ. ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „אויב איך האָב זיך שוין יאָ דערדינגט צו זיין אַ שמש אין דער שול „צום גאָלדענעם לייב", וועל איך מיין אַרבעט טאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין, „קום סע קאַדיע", ווי מען האָט געזאָגט אין בעסאַראַביע. און ער האָט געמיינט, אַז זיי וועלן ברוגז ווערן און שוין מערער נישט קומען, אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט: זיי זענען אין עטלעכע מינוט אַרום צוריק געקומען גוט פאַרשפּיליעט און מיט טיכלעך אויף די קעפּ און זיי זענען צוגעגאַנגען גלייך צו דער באָבען און זי געקושט. און אויך דעם סענאַטאָרס ווייב, די קריסטלעכע און האַלבע אינדיאַנערין, ד"ראַ ראָסאַ פּערעז גראַסיאַסאַ דע בערק, איז געקומען אין שילעכל אַריין און מען האָט איר אָנגעוויזן אַ פּלאַץ אויבנאָן, נישט ווייט פון חוה־טויבען און פון עמוד און זי האָט זיך שטיל און ערנסט צוגעהערט צום געזאַנג פון חזן און פון עולם און זי האָט געזאָגט איר שכנה, אַז זי באַדויערט זייער, וואָס זי פאַרשטייט נישט. זי האָט פּונקט אָנגעטראָפן אויף דער קאָמוניסטקע מאַרגאַריטאַ מיטן שאַרפן צינגל און יענע האָט איר גלייך געזאָגט:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין? רעליגיע איז אומעטום אָפּיום פאַרן פאָלק...

די פרוי מיט דעם פרעמדן פּנים און אַרויסגעסטאַרטשעטע שטשאָקעס האָט דאָס מיידל דורכגענומען מיט אירע שאַרפע אויגן און זי האָט איר געזאָגט:

— אַ מיידל מיט אַזאַ שיין יידיש פּנים, ווי איר זענט, וואָלט געמעגט טראַכטן אַביסל און נישט נאָכזאָגן די ווערטער פון סטאַלינען, וואָס איז אַ שותּף צו דעם, וואָס וויל אומברענגען אַלע יידן. איך בין אַ פרעמדע און הלוואי וואָלט מיין מאַן געוואָלט, וואָלט איך שוין איצטער געוואָרן אַ יידישע און איך וואָלט אויסגעלערנט אָט די אַלע שיינע תּפילות, וואָס פאַרשלעפּערן נישט ווי אָפּיום, נאָר וועקן אויף דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט...

דער חזן האָט לכתּחילה נאָר געזאָגט נוסח און איינציקע פון די מתפּללים האָבן אים נאָכגעזונגען און זיי האָבן זיך וואָס אַמאָל מערער צעוויגט; און כאָטש עס איז דאָ נישט געווען קיין איין ייד מיט אַ באָרד, האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מען איז אין אַ שילעכל אין דער אַלטער היים און מען איז מקבּל שבּת מיט האַרץ און נשמה און מיט פּיסקעס. וואָס אַמאָל איז דאָס דאַווענען געוואָרן וואַרעמער און בשׂמחהדיקער און דעם חזנס מתיקות איז זיך צעגאַנגען אין אַלע איבֿרים. און ווען עס איז צוגעקומען צו „לכה דודי", האָט דער חזן זיך פאַרקאַטשעט חזניש און ער האָט אַ זאָג געטאָן אַ „לא תבושי", אַז ס'האָט אַלע־מען צעגומען. טאָקע נאָר געציילטע האָבן פאַרשטאַנען פּירוש המילות, איז אָבער דאָס געזאַנג געווען אַזוי, אַז ס'האָט זיך אַלעמען געדאַכט, אַז זיי פאַר־שטייען די ווערטער. דער חזן האָט חוצב געווען להבות אש... ער האָט געהאַקט פייערדיקע פלאַמען. „לא תבושי, ולא תכלמי" — זאָלסט זיך נישט שעמען און נישט ליידן קיין חרפּה, וואָס רעדסטו און וואָס ברומסטו... בך יחסו עניי עמי... — אין דיר שפּאַרן זיך אָן די אָרעמע פון מיין פאָלק... און ער האָט געגעבן אַ דריי צוריק, דער חזן, און געזאָגט: „עמי, עמי לא תבושי"... — מיין פאָלק, זאָלסט נישט פאַרשעמט ווערן. און דערנאָך האָט דער חזן מערער דעקלאַמירט ווי געזונגען „כגוונא"; די קבּלה־ווערטער פון זוהר וועגן שבּת, וועגן דעם סוד פון שבּת... די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער האָבן געקלונגען אַזוי, אַז לויט דער אינטאָנאַציע האָט מען געקענט פאַרשטיין, וואָס מען מיינט. און דער גרעס־טער רעקאָרד איז ביים חזן געווען „השכיבנו", פאַרשלעף אונדז, גאָטעניו, אין שלום... יעדער וואָרט האָט זיך געגאָסן ווי באַלזאַם אין האַרצן אַריין.

דאָס גאַנצע דאַווענען איז צוגעגאַנגען יידישלעך און נאָר צום שלוס האָט דער חזן אַ זינג געטאָן אַ מין כאָראַליש געזאַנג „אדון עולם". אין די פרומע שולן האָט מען פרייטיק־צו־נאַכט נישט געזאָגט קיין „אדון עולם". אָבער די מעלאָדיע איז געווען אַ באַקאַנטע און דער עולם האָט זי באַלד נאָכגעזונגען

און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער חזן זינגט מיט אַ כאָר און ער באַ־זינגט דעם „אדון עולם", דעם הערשער פון דער וועלט, וואָס האָט געקיניגט נאָך איידער עס איז עפּעס באַשאַפן געוואָרן. מען איז געוואָרן האַפּעדיק, גלייך מען וואָלט זיך געקליבן צו גיין אַ טאַנץ לכבוד דעם האַר פון דער וועלט. נאָכן דאַוונען זענען אַלע צוגעגאַנגען צום חזן און אים באַגריסט. חוה־טויבע האָט אים פון דער ווייטנס געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ און ווייל ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַלץ פאַר דעם כבוד וועגן פון אַט דער פרוי, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און זי באַגריסט און איר געוווּנטשן אַריכת־ימים און נחת פון די קינ־דער. און זי האָט אים באַגריסט פאַר זיין מתיקותדיקן דאַוונען און זי האָט גע־זאָגט, אַז זי איז שוין באַלד פיר יאָר אין סאַן־פּאַולאָ און זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געהערט אַזאַ טייערן חזן. און אַלע האָבן זיך באַלד דערוווסט, אַז דער חזן איז אַ פּליט. ער האָט געדאַוונט ביז נישט לאַנג אין אַ גרויסער שול אין אַ ליטווישער שטאָט און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט אַהער. עמיצער האָט צו־געגעבן, אַז מען וועט אים גיך אויסכאַפּן און חיים האָט געזאָגט, אַז הגם ער איז אין ערגעץ נישט קיין גבאי, איז ער אים גרייט צו געבן צוויי מאָל אַזויפיל וויפל ער נעמט דאָ אין אַ שול אין סאַנטיאַגאָ...

פון דאַוונען האָט חיים גלייך געפירט דעם עולם אין גרויסן עסצימער אַריין, ווו אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט ווי פאַר דער אמתדיקער פייערונג. איבער דער ברייטער און הויכער שטול, ווו חוה־טויבע האָט געדאַרפט זיצן, איז געהאַנגען אירער אַ גרויסער פּאָטרעט און אונטן איז געווען אָנגעשריבן מיט יידישע און לאַטיינישע אותיות חוה־טויבע בערקאָוויטש ה׳תרכ״ח ה׳תש״ח און 1860—1940. די שטול איז געווען באַפּוצט מיט אַ מין קרוין און מיט אַ מגן־דוד. און ווען זי אַליין איז אַריינגעקומען, אַן אויסגעפּוצטע מיט אַ זילבער־קאָ־לירטן קלייד און מיט אַ ווונדערלעכן שטערנטיכל אויף דעם קאָפּ, פון וועלכן עס האָבן בלויז ביים שטערן זיך אַרויסגעזען ווייסע האָר, און זי האָט זיך אַנידער־געזעצט און אַ קוק געטאָן אויף דעם גאַנצן עולם, האָבן אַלע גענומען אַפּלאָדירן און שרייען:

— לאַנג לעבן זאָל די מאַמע!

אייניקע האָבן געשריען:

— לאַנג לעבן זאָל די יידישע מאַמע!

און די פרויען זענען אַלע געלאָפן זיך צעקושן מיט איר. חיים האָט געבעטן, אַז נישט מיט אַמאָל. און ער האָט געמיטלעך באַהערשט דעם עולם און אים איינ־געשטילט און ער האָט פּאַוואָליע צוגעפירט צו דער מוטער אַלע קינדער, וואָס זענען געווען, די אוראייניקלעך. זיי האָבן איר אַלע געקושט די האַנט און זי האָט זיי געקושט אין די קעפּלעך און אַרויפגעלייגט אויף זיי אירעביידע הענט און

זיי געבענטשט. די קינדער האָבן גענומען זינגען „שלום־עליכם" און אַלע האָבן גענומען אַפּלאָדירן. די דאָזיקע דערוואַקסענע, וואָס האָבן געקענט דעם נוסח פון דעם „שלום־עליכם", וואָס די קינדער האָבן געזונגען, האָבן באַלד מיטגעזונגען. אַנדערע האָבן געוואַרט ביז וואַנען זיי וועלן כאַפּן די מעלאָדיע. און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אַלע האָבן געזונגען „שלום־עליכם". און ווען אַלע האָבן געענדיקט, האָט דער חזן געזאָגט, אַז לכבוד דער גרויסער ייִדישער מאַמען וועט ער זינגען אַ „שלום־עליכם", וואָס ער האָט געהערט פון בוהושער רבין, וואָס האָט געהאַט אַ סך חסידים אין בעסאַראַביע. און ער האָט געזונגען שטיל און בנעימותדיק אַ גוט ייִדישן „שלום־עליכם", גלייך ער אַליין וואָלט געווען אַ רבי. דער עולם האָט זיך שטאַרק צוגעהערט. אַזוי גיך נאָכזינגען האָבן גע־קענט נאָר געציילטע און אויך זיי האָבן דאָס דאָזיקע געטאָן שטיל און עפּעס ווי מיט מורא. און באַלד נאָך דעם „שלום־עליכם" האָט דער חזן געמאַכט קי־דוש. אַלע האָבן זיך אָנגעגאָסן גלעזלעך און נאָך דער חזן און די מאַמע האָבן געהאַט זילבערנע בעכערס. דער חזן האָט ווידער געמאָלדן, אַז ער וועט מאַכן דעם קידוש, וואָס ער האָט געהערט פון בוהושער רבין. און ווידער איז דאָס געווען אַ קידוש מיט דביקות און מיט נעימותדיקייט, אָבער ער האָט שוין גע־זונגען מיט מער פּאַטאָס און מיט אַ שטאַרקערן קול.

און באַלד נאָך די פיש מיטן כריין, וואָס האָבן געהאַט אַלע טעמים און אייניקע האָבן געזאָגט, אַז נישט אַנדערש מען האָט די פיש געבראַכט גלייך פון דעם דניעסטער, דעם פּרוט, אָדער דעם דונאַי, האָט בערל דערלאַנגט דעם כל־מקדש אַזוי ווי מען האָט געזונגען אין דער היים. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ „קאָאָל" (כל) און דער עולם האָט באַלד אונטערגעכאַפּט. די אין דרום־אַמעריקע געבוירענע מיידלעך האָבן די ווערטער נישט געקענט, אָבער די מעלאָדיע האָבן זיי גיך געכאַפּט. און זיי האָבן מקנא געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט נאָכזאָגן די ווערטער אויך און באַטאָנען דעם „שכרו הרבה מאוד, על פי פעלו... איש על מחנו ואיש על דגלו...".

און נאָך דער יויך איז נאָך אַלץ בערל געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט געגעבן דעם טאָן צו זינגען „מנוחה ושמחה". ער האָט געגעבן אַ נעם אין דעם אַלטן נוסח: „מנוחה ושמחה, מנוחה ושמחה..." און ווידער אַמאָל האָבן מיטגע־זונגען אי די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט די ווערטער, אי די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט כאַפּן נאָר די מעלאָדיע. און אַזוי ווי ער האָט געענדיקט, האָט דער פּערוואַנער ד"ר כעראַנימאַ זיך אַריינגעמישט און געזאָגט, אַז ער קען אַן אַנדער „מנוחה ושמחה", וואָס איז נישט נאָר צו זינגען אין רעטשיטאַטיוו, נאָר טאַקע מיט אַ מעלאָדיע און ער האָט גלייך אַלעמען גענומען אויסלערנען דעם נייעם מנוחה ושמחה.

נאָך דעם פלייש, און דעם עוף, און נאָך דעם גרויסאַרטיקן קוגל, וואָס איז געווען פון צווייערליי מינים, איינער פון בלויז לאָקשן מיט געפילטער קישקע אינעווייניק און געזאַלצן און געפעפערט און אַ צווייטער פון לאָקשן מיט ראָזשינקעס און צימרינג, און צוקער, האָט מען געטרונקען אַ לחיים, ביי יועלכן יעדער האָט געקענט אויסדריקן זיין ווונטש, אין בלויז אַ פּאָר ווערטער, האָט דער חזן געזונגען אַ צור משלו אָכלנו... די מעלאָדיע איז געווען אַ קאָמפּליצירטע און ער האָט געדאַרפט אָפּזינגען עטלעכע סטראָפן, אַז מען זאָל זי אויסלערנען. און ווען אַלע האָבן זי שוין געקענט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וואָלט אַלע אַנגאַזשירט אין אַ כאָר אַריין און ער וואָלט מיט זיי אַוועקגעפאָרן אי קיין ניו־יאָרק, אי קיין בוענאָס־איירעס. אין די ווינטשעוואַניעס האָט מען געהערט אָט אַזעלכע פראַזן:

— ביים הונדערטסטן געבוירנטאָג פון דער מאַמען.

— ביי הונדערט און צוואַנציק...

— אויף שמחות.

— אַלע יידן זאָלן זיך אויסלערנען מאַכן אַזעלכע שמחות.

— אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער זאָלן לאַנג לעבן פאַר דעם, וואָס זיי לאָזן יידן זיין יידן.

— אַלע יידן זאָלן זיין יידן...

די שטימונג איז וואָס אַמאָל געווען אַ געהויבענערע און אַ פריילעכערע. אין די פרוי פון סענאַטאָר ראָסאָ פערעז גראַסיאָסאָ דע בערק האָט אויסגעשריגן האַלב דייטשמעריש און האַלב יידיש:

— פאַר דער יידישער מאַמע, פאַר דעם יידישן שבת, פאַר דעם יידישן פאָלק...

און דער טיש איז געוואָרן אַ פרייע רעפובליק. ווער עס האָט געוואָלט און געקענט, האָט געזונגען. די מערסטע האָבן דערמאָנט ניגונים און לידער פון דער אַלטער היים. אייניקע האָבן געזונגען יידישע לידער געמישט מיט אוקראַאיניש, אַנדערע געמישט מיט מאָלדאָוואַניש... דער אַקטיאָר אַלעכאַנדראָ האָט דעקלאַמירט יהואשס „מזמור שיר ליום השבת" און דער ריטם פון דעם הימלישן געזאַנג, וואָס מלאָכים האָבן געשאַפן, האָט דעם גאַנצן עולם אַ ריר געטאָן...

און דער סורפּריז איז געווען ווידעראַמאָל די באָליוויאַנערין, וואָס האָט געקענט אַביסל דייטש און האָט באַוויזן אויסצולערנען די גאַנצע פּאָעמע „פרינצעסין שבת" פון היינריך היינע. כאָטש נישט אַלץ, וואָס זי האָט געזאָגט האָבן די בייוועזנדיקע פאַרשטאַנען און די יוגנט האָט טאַקע גאָרנישט פאַרשטאַנען. און ווען איינער וואָלט געקענט גוט דייטש, וואָלט ער ערשט נישט פאַרשטאַ־

נען, ווייל די דייטשע ווערטער זענען ביי איר אַרויס אַזוי פרעמד, אַז זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון טערקישע... דאָ און דאָרט האָט מען געהערט באַ־קאַנטע ווערטער, ווי „תורה", „יעקב"... און ווען די האַלבע אינדיאַנערין האָט געזאָגט:

פערל' אונד בלומע אַלער שיינהייט
איזס די פירשטין. שיינער וואַר
ניכט די קעניגן פאָן סאַבאַ,
סאַלאָמאָנס בוזענפרוינדין...

(בלום און פערל אַלער שיינהייט
אין די מלכה! וואָס מיר, ווער מיר
מלכה שבא אין איר פאַרגלייכן,
די וואָס איז געפעלן שלמהן).

(ביאַליקס איבערזעצונג)

ווען זי האָט געזאָגט אָט דעם סטראָף, איז זי צוגעגאַנגען צו חיה־טויבען און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, גלייך זי וואָלט באַזונגען געוואָרן אין יענעם ליד און נישט דער יידישער שבת... דער עולם האָט געיובלט.

נאָך דער דעקלאַמאַציע פון דעם סענאַטאָרס פרוי האָט מען געזונגען נאָך זמירות און מען איז איבערגעגאַנגען צו אַלערליי לידער. און אַזוי ווי ד"ר בעראַנימאָ פון לימאַ, פערו, האָט געזונגען די התקווה, האָבן מאַרגאַריטאַ און קוליאַ געפרווט זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. זיי זענען אָבער אַריבערגע־שריגן געוואָרן פון דעם גאַנצן עולם און בכדי אויסצומיידן אַ קריגעריי האָט חיים מכבד געווען אַראָנטשיקן, דעם עלצטן פון די יינגערע ברידער מיט בענטשן מזומן. דער עולם האָט נישט פאַרגעסן נאָכצופרעגן צי ער האָט... מזומן. נאָכן בענטשן האָט חיים געמאָלדן אויף יידיש און ד"ר בעראַנימאָ אויף שפּאַניש און ד"ר אַרטוראָ עלקעס אויף פּאָרטוגעזיש, אַז מאָרגן, אינדערפרי וועט מען דאַווענען שחרית און מוסף אין שולעכל און אין אָוונט וועט זיין דער גרויסער יום־טוב אין זאַל פון עסצימער, ווו מען וועט מאַכן הבדלה, עסן מלווה מלכה און רעדן וועגן דער אמתדיקער יידישער מלכה, וואָס האָט קינדער, איי־ניקלעך און אוראייניקלעך אין זעקס דרום־אַמעריקאַנער לענדער. רעדן וועט דער אַרטיקער רב ר' יצחק בער פרידמאַן, וועלכער וועט דערקלערן דעם זין פון יום־טוב און דעם ווערט פון ערלעך האַלטן עלטערן בכלל און אַ מאַמען בפרט. דערמיט איז דער שיינער עונג־שבת פאַרענדיקט געוואָרן און חיים האָט מכבד געווען דעם סענאַטאָר מיטן גענעראַל אָפּצופירן חווה־טויבען אין איר צימער אַריין. דער עולם איז זיך צעגאַנגען, ווער אין די צימערן אַריין און

ווער — שפּאַצירן. די אַלטע האָט באַמערקט ווער מיט וועמען עס גייט און אי־בערהויפּט האָט זי געזען ווי ד״ר קלמן, חיימס איינציקער זון גייט שפּאַצירן מיט זיין שוועסטערקינד, די לינקע מאַרגאַריטאַ, פון וועלכער ער איז צוויי מאָל עלטער, ווי זי איז...

און צו דער מלווה־מלכה איז געקומען אַ סך אַ גרעסערער עולם ווי צום עונג־שבת. עס זענען געקומען איניקע עסקנים, פאַרשטייער פון אָרטיקן ישוב, אינאיינעם מיט זייערע פרויען און עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דעם בעסאַראַבער לאַנדסלייט פאַראיין.

חיים האָט געמאָלדן, אַז כאָטש צו מלווה־מלכה דאַרף מען זינגען המבדיל און אליהו הנביא, וועט מען אָנהייבן מיט רעדן. עס וועט היינט זיין דער ערשטער גרויסער אָוונט פון דער סעריע יום־טובים, ביי וועלכע מען וועט רעדן. עס וועט זיין איין אָוונט, ביי וועלכן מען וועט אינגאַנצן טאַנצן. ביידע פּלימעניקעס האָבן איבערגעזעצט זיינע ווערטער — כעראָנימאָ אויף שפּאַניש און אַרטור אויף פּאָרטוגעזיש. און חיים האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס ער האָט צוויי אַדיוטאַנטן, וואָס זענען אויך זיינע פּלימעניקעס, וואָס זענען ביידע דאָקטוירים און ערשט אַזעלכע דאָקטוירים, וואָס פאַרשטייען נישט קיין קרענק... און דאָס מאָל האָט ער זיך אַ באַרים־געטאָן, אַז ווען ער איז געווען דעם טשילענער פּרעזידענטס רעכטע האַנט, האָט ער געהאַט אַדיוטאַנטן אוניווערסיטעט־פּראָ־פעסאָרן. זיי האָבן טאַקע געקענט, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, ווייל עס זענען דאָ אַ סך, וועלכע קענען ווייניק און פאַרשטייען אַ סך און אַזעלכע, וואָס קענען אַ סך און פאַרשטייען ווייניק... נאָך אַ פּאָר קורצע באַגריסונגען פון די אָרטיקע עסקנים, האָט דאָס וואָרט באַקומען דער רב. ער איז געווען אַ מיטלוויקסיקער מאַן, דער רב, אָבער אַ זייער דינער און שלאַנקער און ער האָט אויסגעזען הויך. זיין טונקל בערדל, וואָס איז געווען פאַרגלייכט, האָט שוין געהאַט זיל־בערנע פּעדעם. די אויגן זענען ביי אים געווען אי ברענענדיק, אי שמייכלענ־דיק. ער איז געווען געקליידט האַלב־מאָדערן. ער האָט געטראָגן נישט קיין קאַ־פּאָטע און נישט קיין קורץ רעקל, נאָר אַ גייראָק. ער האָט אויסגעטאָן דעם ברייטן, שוואַרצן הוט און אָנגעטאָן אַ יאַרמלקע. דאָס פּנים איז אים דורך דעם געוואָרן העלער און אָפענער. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו אַלע און אַ באַ־זונדערן שמייכל געטאָן צו חוה־טויבען און ער האָט ביים אָנהייב גערעדט ווי צו זיך אַליין. דער מיקראָפאָן האָט אָבער געטראָגן זיינע ווערטער צו יעדן איינעם באַזונדער. גלייך ווי זיי וואָלטן געגאַנגען צו יעדנס אויער ווי דורך אַ טעלעפאָן. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם איינעם וואָרט, רבותי, וואָס ער האָט געזאָגט לכתחילה מיטן ספרדישן דיאַלעקט. און ווען ער האָט באַמערקט אַז דאָס וואָרט „ראַבאָטאַי״ מאַכט אַ פרעמדן איינדרוק, האָט ער זיך באַלד צוריק־

געכאַפּט און געזאָגט „ראַבויסאַי״. ער האָט זיך נאָך דעם אַ רגע אָפּגערוט און גערעדט אַביסל אין טרייבל אַריין פון הויכרעדער און אַביסל צו זיך אַליין. און ער האָט געזאָגט:

— עוד לא אלמן ישראל, דאָס ייִדישע פאָלק איז נאָך ברוך־השם נישט קיין אַלמן, אויב עס קענען זיך צונויפנעמען אויף איין אָרט ייִדן פון קיין עין־הרע נישט צען אַמעריקאַנער לענדער, בכדי אָפּצוגעבן כבוד אַ מאַמען, אַ באָבען און אַן עלטער־באָבען. ווען איך וואָלט געווען דער ווערט צו זיין אַ חוטר מגזע, אַן אָפּשפּראָץ פון גרויסן אוהב ישראל, דער בערדי־טשעווער רב, וואָלט איך אויסגעשריִען: רבונו־של־עולם, נאָך האָסטו טענות צו דיין פאָלק ישראל? גיב אַ קוק, ווי אַזוי זיי זענען מקיים דאָס זעקסטע געבאָט „כבד את אביך ואת אמך״, האַלט ערלעך דיין טאַטן מיט דיין מאַמען. אַוודאי שטייט באַלד נאָך אָט דעם געבאָט „למען יאריכון ימיך״, בכדי דיינע טעג, אויף דער ערד זאָלן פאַרלענגערט ווערן, און ס׳זאָל דיר גוט זיין. אָבער אַלע ייִדן וויסן, אַז דאָס מיינט נישט, אַז מען קריגט דעם שכר באַלד, אַ גמרא זאָגט, אַז אויף דער וועלט קריגט מען נישט דעם שכר פון אַ מיצווה. דעם שכר באַקומט מען אין דעם יום שכולו טוב ויום שכולו אָרוך — אין טאָג, וואָס ער איז אינגאַנצן גוט און ער איז אינגאַנצן לאַנג. אין דער גמרא רעדט זיך אַ סך, מיינע ליבע ייִדן, וועגן דעם למאי אומעטום ווערט דערמאָנט דער טאַטע פאַר דער מאַמען. און עס קומט אַרויס, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער טאַטע האָט מער אחריות פאַר דעם קינד. ער דאַרף דעם קינד לערנען תורה, ער דאַרף אויסהאַלטן דאָס קינד. לויט דעם ייִדישן געזעץ מוז דער פאָטער מפרנס זיין דאָס קינד, ווען עס איז קליין. דער דאָזיקער טאַטע, וואָס טוט דאָס נישט, ווערט געגליכן צו די ערגסטע רויב־פייגל, וואָס לאָזן די קינדער אויף הפקר. אַ טאַטע איז מחויב צו האַלטן בכבוד אַ טאָכטער און זי חתונה מאַכן און איר געבן נדן. אַ מאַמע איז דאָס נישט מחויב. און דאָ האָבן מיר אַ מאַמע, וואָס האָט פאַרזאָרגט איינע אַליין, קיין עין־הרע נישט — זעקס זין און צוויי טעכטער. מיר האָבן פאַר זיך אַ מאַמע, וואָס איז געווען אי דער טאַטע, אי די מאַמע.

דער רב האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן און באַקוקט דעם גאַנצן עולם. אַלע האָבן אויסגעזען צו זיין פריש און מונטער. זיי זענען נאָך נישט געווען מיד. ער האָט דערקענט, אַז זיי הערן זיך צו און ווילן הערן. און ער האָט געוואָלט זיי זאָגן עפּעס, וואָס זיי האָבן נאָך נישט געהערט און ער האָט אויפגעהויבן דאָס קול און דאָס געלאָזט הערן:

— רבותי, — האָט ער ווידער געזאָגט — פאַראַן אַ ברייתאָ, וואָס זאָגט, אַז דריי זענען שותפים צום מענטשן: דער רבונו־של־עולם, דער פאָטער און די

מוטער. פון פאָטער האָט דאָס קינד: די ביינער, די אָדערן, די נעגל, דעם מוח אין קאָפּ און דאָס ווייסלעכן אין אויג; פון דער מאַמען האָט דאָס קינד: די הויט, דאָס פלייש, די האָר און דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג; און גאָט ברוך־הוא גיט אַריין דעם מענטשן דעם גייסט און די נשמה. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ מאַמע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו זיין פון די קינדער אי די הויט און דאָס פלייש, אי די ביינער, אָדערן און נעגל און אי דאָס ווייסלעכן, אי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. און השם יתברך האָט איר געהאָלפן, זי האָט מחנך גע־ווען אַ דור אַ גאַנצן. זי האָט קיין עין־הרע נישט צענדליקער קינדער אין זעקס לענדער און זי האָט די קינדער און אַ סך פון די אייניקלעך מגדל גע־ווען לתורה, לחופה ולמעשים טובים...

און איך זאָג, אַז דער רבונו־של־עולם האָט איר געהאָלפן. ווייל די קינדער זענען דאָך נאָך אַוועק פאַר דעם ערשטן וועלטקריג. און אַלע זענען דאָך געווען אין סכנה חלילה אומצוקומען דאָרטן. דאָ זענען ברוך־השם נישט געווען קיין מלחמות און אַלע האָבן זיך געראַטעוועט. און איצטער האָט זיך דאָרטן אויסגע־שפּרייט גאָטס צאָרן, אויב נישט חלילה ערגער. עס איז שווער צו גלייבן, אַז נישט דער אשמדאי ימח־שמו האָט איבערגענומען די מאַכט איבער אונדזער אַלטער היים, ווו אַלץ ווערט פאַרלענדט... וויפל מאָמעס האָבן דאָרטן שוין נישט פאַרלוירן די קינדער... און וויפל פרויען די מענער... מיר זיצן דאָ, אין דער מיט צווישן אונדז איז אַ גרויסער ים. אָבער מיר קוקן אַהין, מיר מוזן קוקן אַהין... דאָרטן פאַרלענדט די שווערד און דאָס פייער אַלצדינג... ס׳איז נאָך ערגער ווי ביי פּרעהן אין מצרים, אויף וועמען עס איז געזאָגט געוואָרן: „אין בית אשר אין שם מת...״ — נישטאָ קיין שטוב, ווו עס זענען נישטאָ קיין אומגעקומענע...

דער ווייבערישער עולם האָט דער ערשטער אָנגעהויבן מיט ווישן זיך די אויגן און ווען די מענער האָבן דאָס געמומען נאָכטאָן, האָבן די ווייבער שוין געכליפּעט, אויף אַ קול. דער רב האָט איבערגעוואַרט, ביז וואַנען דאָס געוויין וועט איינגעשטילט ווערן און ער האָט געזאָגט:

איך האָט גערעדט צו אייך וועגן דעם גליק, וואָס ס׳האָט אייך און אונדז געטראָפן, וואָס מיר האָבן זיך אַלע געראַטעוועט און איר האָט זיך דערווייל צעוויינט וועגן דעם, וואָס ס׳האָט דאָרט געטראָפן און עס טרעפט זיך נאָך אַלץ... מען דאַרף האָבן אַ סך רחמים פאַר דאָרטן. מען דאַרף דאָס גאַנצע וואַ־סער פון אַלע זיבן ימים צו קענען לעשן דאָס פייער, וואָס ס׳האָט זיך דאָרטן אָנגעצונדן. און השי״ת וועט העלפן, ער וועט מוזן העלפן. אָט פאַר דעם אַליין, וואָס אַזויפיל ייִדן זענען מקיים כיבוד־אם, ביי וועלכן עס שטייט געשריבן למען יאריכון ימיך על האדמה, דיינע טעג וועלן פאַרלענגערט ווערן אויף דער

ערד, דאַרף דאָך השם יתברך העלפן. און השם יתברך וועט מוזן העלפן, אַז ארץ־ישראל זאָל געראַטעוועט ווערן פון דער סכנה איינגעוויקלט צו ווערן אין פייער. דער רבונו־של־עולם איז דאָך פאַרט דאָס האַרץ פון דער וועלט. ער וועט דאָך נישט דערלאָזן, אַז ס'זאָל חלילה קומען צו אַ נייעם חורבן...

דער רב האָט נאָך גערעדט און ער האָט דערציילט פאַרש־ידענע מעשות וו'עגן דער מאַמעס געטריישאַפט צו קינדער און ער פאַרענדיקט מיט דעם ווונטש אַז פונקט ווי די דאָזיקע מאַמע, וואָס מען טוט איר היינט אָן כבוד, איז געווען אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע, זאָל דער רבונו־של־עולם, וואָס איז דער אבי כל יציר, דער פאָטער פון אַלע באַשעפענישן, אויך זיין די מאַמע פון אַלע באַשע־פענישן און ער זאָל ראַטעווען אַלע יידן פון שונאס פאַרלענדונג און ס'זאָל קומען לציון דער ריכטיקער גואל ונאמר אָמן.

נאָך דעם רבס דרשה האָט ד"ר כעראָנימאָ איבערגעזעצט דעם תמצית דערפון אויף שפּאַניש און ד"ר אַרטור האָט איבערגעזעצט אויף פּאָרטוגעזיש פאַר די דאָזיקע, וואָס פאַרשטייען נישט קיין יידיש. זייער צאָל איז נישט גע־ווען גרויס, אָבער אייניקע האָבן דאָך נישט פאַרשטאַנען גענוג יידיש. ביידע איבערזעצער האָבן באַמערקט, אַז אינגאַנצן איבערגעבן די רעדע פון דעם רב איז אוממעגלעך, ווייל עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס קענען געזאָגט ווערן נאָר אין איין שפּראַך און זיי קענען בשום אופן נישט געזאָגט ווערן אין אַן אַנדער שפּראַך. ד"ר כעראָנימאָ האָט דערפון געמאַכט אַן אויספיר, אַז יידישע קינדער אין אַט די לענדער דאַרפן קענען אי יידיש, אי העברעיש, ווייל בכדי צו פאַרשטיין אַלץ וואָס דער רב האָט געזאָגט, דאַרף מען אויך קענען די אַלטע און אייביקע יידישע שפּראַך. די קליינע מאַרגאַריטאַ איז אויפגעשפּרונגען פון איר פּלאַץ און זי האָט געזאָגט, אַז יידיש איז נאָך יאָ די שפּראַך פון די יידישע מאַמען אין אַט די לענדער, אָבער העברעיש איז שוין קיינעמס שפּראַך נישט. דאָס שוועסטערקינד אירס כוליאַ האָט איר געהאָלפן שרייען. ד"ר כעראָנימאָ האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט נישט געוואָלט פאַרשווייגן, אָבער ער האָט אויך נישט געוואָלט, אַז עס זאָל קומען צו אַ סקאַנדאַל, ווייל עס איז אים געווען צוליב דעם כבוד פון דער באָבען. פון אַלע זייטן האָט מען געקוקט מאָדנע אויף די צוויי מיידלעך, וואָס שרייען אַזוי. אייניקע פון די אָרטיקע עסקנים, וואָס זענען בייגעווען די פייערונג פון יענעם אָוונט, האָבן באַמערקט, אַז די דאָזיקע מין סחורה פעלט אין ערגעץ נישט, פון סאַן־פּאַולאָ, דורך בוע־נאָס־איירעס, ביז לימאַ. די צערודערונג האָט צעחושט דעם גאַנצן עולם. און ווען די באָבע זאָל זיך נישט געווען אַריינמישן, וואָלט אפשר געקומען צו אַ סקאַנדאַל. עס איז געווען אַ צייט, ווען די לינקע האָבן געהאַט אַ באַפעל אויפ־צורייסן יעדן מיטינג פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און יעדן יום־טוב

און שטערן ווו עס לאָזט זיך נאָר. זיי פלעגן האָבן אַ באַפעל דאָס דאָזיקע צו טאָן ביי יעדער געלעגנהייט און באַזונדער דעמאָלט, ווען מען האָט גערעדט וועגן צווייטן וועלט־קריג, וואָס האָט באַזונדער איבערגעשראָקן די יידישע מאַסן. דער באַפעל איז געווען נישט צו דערלאָזן שאַפן אַ שטימונג, אַז עס איז חלילה אַן אַנטיפאַשיסטישער קריג, עס האָט געדאַרפט בלייבן, אַז דאָס איז נאָר אַ קאַפּיטאַליסטישע און אימפּעריאַליסטישע מלחמה. און די דאָזיקע צוויי יונגע מיידלעך, מאַרגאַריטאַ און כוליאַ, וואָס האָבן שוין אַ פּאָר נעכט געשוויגן, האָבן געפילט פאַר נייטיק ערגעץ אַרויסצושיסן און אַרויסווייזן זייער געטריישאַפט דער „זאַך" און חוץ דעם האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז מיט דעם וואָס דער רב האָט גערעדט וועגן די יידישע ליידן אין דער איצטיקער מלחמה, מאַכט ער פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער מלחמה פון אַ יידישן און מענטשלעכן קוקווינקל. די באָבע האָט זיך אויפגעהויבן און האָט געבעטן אירע טייערע אייניקלעך, וואָס זיי זענען נאָך יונג און נישט פּראַקטיש, אַז זיי זאָלן איר צוליב טאָן און איצ־טער שווייגן; מיט זייערע געדאַנקען קענען זיי זיך בלייבן. ביידע מיידלעך האָבן זיך כמעט פאַרשעמט און זיי האָבן זיך שוין געהאַלטן אין אַנידערזעצן, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט מאַרגאַריטאַ דאָך נאָך אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דער באָבען, וואָס זי קען נישט זאָגן אַלץ וואָס זי וויל אויף יידיש און זי האָט גערעדט שפּאַניש. זי האָט געזאָגט, אַז נישט זי און נישט איר שוועסטערקינד און אידייען־חברטע כוליאַ ווילן חלילה פּוגע בכבוד זיין דער באָבען און פאַרשטערן איר שמחה, אָבער זי וויל שטעלן אַ פראַגע דעם רב. דער רב האָט פאַרשטאַנען אירע ווערטער און ער האָט איר דערלויבט צו פרעגן. און דאָס ניינצן־יאָריקע מיידל האָט חוצפּהדיק געפרעגט פאַרוואָס דער רב האָט גערעדט נאָר וועגן די יידישע ליידן און נישט וועגן די מענטשלעכע ליידן בכלל. די אַרבעטער, האָט זי געזאָגט, ליידן נישט ווייניקער פון די יידן, פאַרוואָס האָט ער נישט גערעדט וועגן זיי. און דאָס דאָזיקע האָט געגעבן אַ געלעגנהייט דעם רב צו האַלטן נאָך אַמאָל אַ קורצע דרשה, אין וועלכער עס איז געווען אַריינגעפלאָכטן אַ סך תורה און גמרא. אין תוך אַריין האָט ער געענטפערט, אַז היטלער ימח־שמו האָט נישט דערקלערט קיין מלחמה די אַרבעטער, נאָר די יידן. ער איז נישט לאַנג אַנטלאָפן פון דאָרטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר דער חזן, נאָר דער רב איז אויך געווען אַ נייער פּליט. און ער האָט גוט געזען, וואָס אין דייטשלאַנד איז פאָרגעקומען. איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט זענען מיט אים מיטגעגאַנגען צום מערסטן די אַרבעטסלאָזע און די גאַנצע אונטערוועלט פון דייטשלאַנד, די גנבים און רוצחים, אָבער ווען ער האָט באַקומען די מאַכט, זענען צו אים איבערגעגאַנגען מיליאָנען אַרבעטער. זיי האָבן שוין באַלד גע־

שטימט פאַר אים, דעמאָלט ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז ער וועט געווינען די וואַלן. איבערהויפּט זענען אַריבער צו אים די מיליאָנען אַרבעטער, וואָס האָבן פריִער געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. די מלחמה פירט היטלער, האָט דער רב געזאָגט, קעגן דער גאַנצער וועלט און באַזונדער קעגן דעם יידישן פאָלק און אַלע מענטשן און אַלע יידן באַזונדער דאַרפן אין איצטיקן מאָמענט זיין פאַר די דאַזיקע, וואָס באַקעמפן היטלערן און דעם נאַציזם און זיי געפינען זיך מיט אים אין אַ מלחמה אויף לעבן און אויף טויט. כוליאַ, וואָס איז געווען אַ שווייגנדיקע, האָט אַ פרעג־געטאָן דווקא אויף יידיש:

— און ענגלאַנד איז בעסער?

— ענגלאַנד — האָט דער רב געענטפערט — איז נישט גוט צו קיינעם און צו יידן אויך נישט, אָבער ענגלאַנד הרגעט נישט קיין יידן און דייטשלאַנד וויל אויסהרגענען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און ווען פון איין זייט לויערט אויף מיר איינער און ער וויל מיך הרגענען און פון דער צווייטער זייט קוקט אויף מיר אַ מענטש און איך ווייס אַז ער האָט שלעכטע געדאַנקען וועגן מיר, וועל איך לויפן זיך פאַרטיידיקן קעגן דעם, וואָס וויל מיך באַלד הרגענען.

— אַז ענגלאַנד זאָל מאָרגן געווינען — האָט מאַרגאַריטאַ געשריִען — וועט דאָס מאָרגן וועלן הרגענען די יידן.

— וועלן מיר דעמאָלט קעמפן קעגן ענגלאַנד! — האָבן זיך געלאָזט הערן אַ סך קולות.

די באָבע האָט זיך אויפגעהויבן צום צווייטן מאָל און זי האָט געבעטן, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די קריגעריי און זי פירן ערגעץ אַנדערש. פון אַלע זייטן האָט מען גענומען קוקן ברוגז אויף די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן אַריינגעפירט אַזאַ ליידנשאַפטלעכן טאָן אין דעם מאָמענט, ווען דער יום־טוב האָט זיך דער־פירט צו אַ טרויערן און אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט אין אייראָפּע צו די יידישע קעפּ. און די מיידלעך האָבן געפילט, אַז עס קען קומען צו דעם, אַז מען זאָל זיי הייסן פאַרלאָזן דעם זאַל. זיי האָבן שוין געהערט, ווי מען האָט פון עטלעכע ערטער געפרעגט: „וואָס ווילן די צוויי סמאַרקאַטעס?”. דערצו האָבן ביידנס טאַטעס זיך אַ לאָז־געטאָן צו זיי און זיי האָבן רעזיגנירטע זיך אַוועקגעזעצט און מער נישט גערעדט. אַ מאָ־מענט האָט געהערשט אַ שטילקייט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסע פּיין. כעראַנימאַ האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך עפּעס איבערצוגעבן פון דעם, וואָס דער רב האָט געזאָגט און ער וויל נאָך אַליין אויך עפּעס צוגעבן. דעם רבס ווערטער האָט ער איבערגעגעבן אין שפּאַניש, אָבער זיינע אייגענע רייד האָט ער אַרויסגעבראַכט דווקא אין יידיש

און ער האָט געזאָגט, אַז אויב עס וועט זיין נייטיק, וועט ער זיי איבערזעצן אין שפּאַניש. ער האָט אויך גערעדט וועגן ארץ־ישראל און ער האָט געזאָגט, אַז ענגלאַנד פירט זיך טאַקע נישט גוט אויף לגבי יידן און באַזונדער לגבי ארץ־ישראל אין דעם איצטיקן מאָמענט און דאָס דאָזיקע איז באַזונדער נישט שיין, ווייל דאָס דאָזיקע ווערט געטאָן אין אַ צייט, ווען די יידן קענען דאָך נישט גיין מיט דעם צד שכנגד. מיר קענען דאָך נישט גיין, האָט ער געזאָגט, מיט דייטשלאַנד, וואָס רעדט אָפן אַז איר פּראָגראַם איז אונדז צו אָפּווישן פון דעם פּנים פון דער ערד. די ווערטער פון כעראַנימען זענען געווען געזאָגט מיט האַרץ און זיי האָבן געווירקט און חיים האָט פאַרשטאַנען, אַז די מיידלעך קענען ווי־דעראַמאָל אַרויסקומען מיט נאָך טענות און ער האָט אַזוי געמאַכט, אַז מען זאָל זיך אָנהייבן צעגיין באַצייטנס און ער האָט געמאָלדן, אַז מאָרגן וועט פאַר־קומען גאָר אַ באַזונדערער אָוונט פון אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן כאַראַקטער. עס וועט פאָרקומען אַ בעסאַראַביש־יידישער יום־טוב. אין שטאָט געפינט זיך גראָד אַ יידישער שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען, וואָס שטאַמט פון בעסאַראַביע און ער האָט איינגעוויליקט מאָרגן צו קומען אַהער רעדן וועגן די בעסאַראַבישע יידן און וועגן זייער כאַראַקטער און זייערע גייסטיקע שאַפונגען און וועגן זייער פּלאַץ אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור. און ער האָט באַ־מערקט, אַז דער מאָרגנדיקער אָוונט וועט זיך אָנהייבן זייער אייגנאַרטיק בע־סאַראַביש, מיט אַ ריכטיקן בעסאַראַבישן אָוונט־ברויט, אָבער די פּרטים וויל ער היינט נישט דערציילן, מען וועט זיך זיי דערוויסן מאָרגן. דאָס דאָזיקע וואָס מען דאַרף וויסן היינט, איז: מען דאַרף מאָרגן קומען זייער הונגעריק, ווייל עס וועט זיין אַן אמתדיקער בעסאַראַבישער אָוונט־ברויט און ווער עס וועט זיין זאַט, וועט אים באַנג־טאָן.

אַרטור און כעראָנימאָ האָבן איבערגעזעצט די מעלדונג פון חיימען אויף פּאָרטוגעזיש און שפּאַניש און כעראָנימאָ האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט געקענט קומען דערצו, אַז אייניקע פון די עסקנים זאָלן באַגריסן דעם היינטיקן אָוונט, כאָטש זיי זענען געקומען אַלס רעפּרעזענטאַנטן פון ישוב. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו קריגן ווערטער ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווייל די פייע־רונגען וועלן נאָך געדויערן אַ גאַנצע וואָך. און ער האָט געבעטן, אַז דער היינ־טיקער שיינער און טרויעריקער אָוונט זאָל פאַרענדיקט ווערן מיטן געזאַנג פון דער התקוה, וואָס דריקט אויס דעם אייביקן יידישן בטחון. דעם עולם האָט באַלד געכומען זינגען און די צווי לינקע מיידלעך האָבן זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט. דער עולם האָט דאָס באַמערקט און גענומען נאָך הייסער זינגען עוד לא עבדה...

דעם גאַנצן טאָג האָט חיים אינאיינעם מיט זיינע שוועסטער און שוועגערנס געגרייט דעם אָוונט־ברויט. און אַפילו די מוטער האָט אויך צוגעהאָלפן און נישט בלויז מיט אַ וואָרט, נאָר טאַקע בפועל־ממש. די עלטערן פון מאַרגאַריטאַן און כוליאַן זענען געווען זייער בייז אויף זייערע טעכטער, וואָס זיי האָבן געוואָלט צעשטערן דעם נעכטיקן שיינעם יום־טוב און זיי האָבן זיי געדראָט, אַז אויב זיי וועלן נאָך אַ מאָל פּרוּוון אַזוי צו האַנדלען, וועלן זיי אָנכאַפּן זיי ביי די צעפּ, וואָס זיי האָבן נישט, און זיי וועלן זיי אַרויסשלעפּן. און ווען די עלטערן וואָלטן נישט געווען פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג מיטן העלפן גרייטן די וועטשערע, וואָלטן זיי מסתמא געווען געיאַדעט דעם גאַנצן טאָג זייערע זוידערשפּעניקע טעכטער.

צום אָוונטברויט זענען געקומען נישט נאָר די אייגענע, נאָר אויך אייניקע פון די זעלביקע עסקנים, וואָס זענען געווען דעם פריערדיקן אָוונט אין האָטעל און עס זענען געקומען אַ סך בעסאַראַבישע יידישע משפחות. מען האָט איבערגעגעבן דעם בעסאַראַבער פאַראיין, אַז ער זאָל מעלדן, אַז ווער פון די בעסאַראַבער ס׳וויל קומען, וועט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט און די בעסאַראַבער יידן האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן און זיי זענען געקומען. און צום גליק האָט חיים צוגעגרייט אַזויפיל און מיט אַזאַ ברייטער האַנט, אַז כאָטש עס זענען געקומען זייער אַ סך געסט, איז נאָך אַלץ געווען צופיל. עס האָט נישט נאָר נישט געפעלט קיין עסן און קיין טרינקען, נאָר עס איז אויך געבליבן.

געגעסן האָט מען אין יענעם אָוונט נישט אין רעסטאָראַן פון דעם האָטעל, נאָר אין גרויסן הויף, וווּהין עס האָבן געקענט אַריינגיין אַ פּאָר הונדערט מענטשן. דאָס ערשטע מאכל, וואָס מען האָט די מענטשן סערווירט, איז געווען דאָס טיפּישסטע בעסאַראַבישע עסן: אַ מאַמעליגע מיט קעז און פּוטער. אין עטלעכע גרויסע קעסלען האָט מען אָפּגעקאָכט מאַמעליגעס, וועלכע מען האָט אַרויסגעלייגט אויף טישן מיט ווייסע, באַקעטע ברעטער, וואָס זענען געווען זייער ריין. די מאַמעליגעס האָבן אויף די דאָזיקע טישן אויסגעזען אַזוי ווי טורעמס גאַנצע. און מען האָט יעדן איינעם פון די אָנוועזנדיקע געגעבן אַ טעלער, אַ לעפל, אַ גאָפּל און אַ פאָדים. די נישט־בעסאַראַבער האָבן ביים אָנהייב נישט פאַרשטאַנען צו וואָס מען דאַרף דעם פאָדים און פאַר וואָס עס איז נישטאָ קיין מעסער. זיי האָבן אָבער באַלד געזען, אַז די בעסאַראַבער גייען צו

צו די גרויסע טורעמס מאַמעליגע און שניידן אָפּ שטיקער מיט די פּעדימער און די אָפּגעשניטענע שטיקער נעמען זיי מיט די לעפל און לייגן זיי אַריין אין די טעלער אַריין. לעבן יעדן טורעם מאַמעליגע איז געשטאַנען אַ גרויסער פּאַלומעסיק מיט צעשמאָלצענער פּוטער און אַ גרויסע שיסל מיט ווייסן קעז. די נישט־בעסאַראַבער האָבן זיך געלערנט ביי די בעסאַראַבער, ווי אַזוי אָנצו־בעמען די פּוטער און באַגיסן די מאַמעליגע און דערנאָך אַרויפּצולייגן קעז. די מאַמעליגע איז געווען גוט הייס, די פּוטער האָט זי געמאַכט נאָך הייסער און כאָטש אין דרויסן איז נישט געווען קאַלט, האָט פון דער מאַמעליגע גע־זעצט אַ פּאַרע, די בעסאַראַבער האָבן די ערשטע זיך אַ וואָרף געטאָן מיט גרויס זשעדנעקייט אויף דעם מאכל און די אַנדערע איז די זאַך אויך געפעלן. עס איז זיי געפעלן דער שפּיל פון שניידן די מאַמעליגע מיט אַ פּאָדים און דאָס באַגיסן מיט פּוטער און באַלייגן מיט קעז. און דאָס מאכל אַליין איז גע־ווען געשמאַק און אַלע האָבן דערפון הנאה געהאַט. די אייגענע און די אַנדערע בעסאַראַבער האָבן געפרעגט איינער ביים אַנדערן וויפל יאָר ער האָט שוין נישט געגעסן אַזאַ מאַמעליגע. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז פון זייט זיי זענען אַוועקגעפאָרן פון דער אַלטער היים האָבן זיי דאָס שוין נישט פאַרזוכט. אַלע האָבן אויסגעדריקט זייער באַוווּנדערונג פאַר דעם אופן, ווי די זאַך איז צוגע־גרייט געוואָרן. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַפילו אין די אַלטע גוטע צייטן האָט מען אין בעסאַראַביע גופא נישט געקענט בעסער אָרגאַניזירן אַזאַ מין מאַמעליגע. אייניקע האָבן גענומען שרייען אויף אַ קול, אַז מען דאַרף אַפּלאָדירן די אָרגאַ־ניזירער פאַר דעם גרויסן אויפטו פון סערווירן אַזאַ מין בעסאַראַבישע ווע־טשערע אין אַ פרעמדן האָטעל ערגעץ אין סאַן־פּאַולאָ. און מען האָט טאַקע שוין אָנגעהויבן אַפּלאָדירן פון אַלע זייטן. איינער האָט אַ פרעג־געטאָן איראָניש ביי מאַרגאַריטאַן, צי פון איר קוקווינקל איז אַזאַ מין אָוונטברויט אידעיִש אויס־געהאַלטן. זי האָט זיך אַוועקגעקערט אַ ברוגזע פון אים, אָבער די מאַמעליגע אַליין איז איר געפעלן און זי האָט שטילערהייט באַוווּנדערט דער בריהשקייט פון איר פעטער חיים, וואָס האָט באַוויזן דאָס אַלץ דורכצופירן. אין מיטן פון אָט דעם טומל איז אָנגעקומען דער שרייבער, וואָס האָט געדאַרפט רעדן וועגן בעסאַראַבישע יידן אין יענעם אָוונט. חיים האָט אים דערזען, איז אים אַנטקעגן געלאָפן און ער האָט אים גלייך צוגעפירט צו זיין מאַמען און אים איר פאַר־געשטעלט און באַלד נאָך דעם האָט ער אים פאַרגעשטעלט דעם גאַנצן עולם, וועלכן ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז דער באַוווּסטער יידישער שרייבער און רעדנער אליעזר שפּיצבערג. ער איז „דע איי נאַשטרי״, פון אונדזעריקע, ווי מען האָט געזאָגט אין בעסאַראַביע. ער איז אַ גרויסער שרייבער און ער איז אַ בעסאַראַבער.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און שפּיצבערג האָט זיך היימיש פאַרנייגט אין אַלע זייטן אַריין און ער האָט באַלד באַקומען אַ טעלער מיט אַ גאָפּל, אַ לעפל און אַ פאַדים. מען האָט אים נאָך אַלץ אַפּלאָדירט און ער האָט זיך פאַרנייגט אין אַלע זייטן אַריין און אויך געמאַכט צום עולם מיטן טעלער, גלייך עס וואָלט געווען אַ טיכל. און ער איז גלייך צוגעגאַנגען מיטן פאַדים צו דער מאַמעליגע און ער האָט זיך אָפּגעשניטן איין שטיק און אַ צווייטס, אַריינגעלייגט אין טע־לער אַריין, באַגאָסן מיט פּוטער און באַלייגט מיט קעז. עס האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן:

— ער איז דאָך אַ בעסאַראַבער.

— ער איז „דע איי נאַשטרי״.

— מען דערקענט דאָס ווי ער שניידט די מאַמעליגע.

— און ווי ער עסט די מאַמעליגע.

דער לעצטער אויסגעשריי האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן, ווי אַ גע־ווּיסע איראָניע, אָבער שפּיצבערג האָט זיך נישט פאַרלוירן און ער האָט גע־זאָגט, אַז אַוודאי עסט ער ווי אַ בעסאַראַבער. הלוואי קען ער אַזוי גוט שרייבן און רעדן ווי גוט ער קען עסן בכלל און מאַמעליגע בפרט. דער עולם האָט באַלד דערפילט, אַז מען האָט אין אים אַן אייגענעם יאַט און מען האָט אים אַרומ־געריגלט פון אַלע זייטן און געגומען פרעגן פון וואַנען ער איז. און כאָטש ער איז געווען אַ מענטש אין די פערציקער יאָרן, האָט ער זיך אָבער געהאַלטן לייכט און היימיש, גלייך ער וואָלט נאָך געווען אַ יינגל. דער קאָפּ איז אים געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער טשופּרינע, וואָס איז געווען שוואַרץ ווי קויל און ער האָט נישט געהאַט דעם קלענסטן ווונק אויף גרויקייט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער עולם האָט גענומען זינגען מיט אים אינאיינעם עפּעס אַ ליד, וואָס מען פלעגט באַזונדערס זינגען אין בעסאַראַביע און מען האָט דאָס גערופן איראָניש „דער בעסאַראַבער הימן״. דער עולם האָט געזונגען מיט דעם פּרימיטיוון מאָטיוו:

הער נאַר, דו, דו
רוק זיך צו מיר צו, צו
שטיי נישט ביי מיין טיר.
און אַז דו ווילסט אַ ליבע פירן
זאָל דאָס זיין מיט מיר...

חיים האָט געמאָלדן און זיינע צוויי פּלימעניקעס האָבן דאָס באַלד איבער־געזעצט אויף פּאָרטוגעזיש און שפּאַניש, אַז מיט דער מאַמעליגע איז נאָך נישט פאַרענדיקט. ווער עס וויל נאָך עסן מאַמעליגע, זאָל זיך צואיילן, ווייל אַט־

באַלד קומט נאָך אַ געריכט. דער עולם האָט זיך געאײלט און װען קײנער האָט זיך נישט מער צוגערירט צו דער מאַמעליגע, האָבן קעלנערס זי אַװעקגע־נומען. און זײ האָבן נאָך געהאַט אַװעקצונעמען גאַנצע בערג מיט מאַמעליגע אין פולע פאָלומעסיקעס מיט פוטער און מיט קעז. און באַלד זענען אויף די זעלביקע טישן געשטאַנען קעסלען מיט קרעפּלעך מיט קעז און פוטער. און װידער איז געװען דער באַפעל, אַז יעדער זאָל זיך אַלײן סערװירן פון די קעס־לען, בײ װעלכע עס זענען געװען אַזעלכע גרויסע לעפל, װאָס מען האָט גערופן „פּאַלאַניקעס" און מיט װעלכע מען האָט געקענט אַרויסנעמען צו עטלעכע קרעפּ־לעך מיט אַ מאָל. לעבן אָט די קעסלען זענען געשטאַנען אַנדערע פאָלומיסיקעס מיט פוטער, װאָס איז אויך געװען צעלאָזט און די בעסאַראַבער האָבן באַלד געװוסט װיפל פוטער זײ דאַרפן אַראָפּגיסן אויף די קרעפּלעך און די אַנדערע האָבן בײ זײ באַלד אויסגעלערנט די „תורה". מען האָט געגעסן און געטרונ־קען. אויף קלענערע טישלעך זענען געשטאַנען גרויסע קרוגן מיט װײסן און רויטן װײן און מיט ביר און דער באַפעל איז געװען, אַז השתיה כדת — דאָס טרינקען איז פרײ. עסן מוזן אַלע, טרינקען מעג מען װי מען קען און מען װיל, כאָטש די בעסאַראַבער פויערים פלעגן זאָגן, אַז דאָס עסן איז נישט דער עיקר, דער עיקר איז דאָס טרינקען. די שטימונג איז געװאָרן װאָס אַמאָל מערער אַ פרײלעכע און מענטשן האָבן זיך געפילט באַפרײט פון אַלצדינג. װען עמעצער האָט עפּעס אַ זינג געטאָן אַ ליד, האָבן אַלע מיטגעזונגען. און געזונגען האָט מען צום מערסטן בעסאַראַבישע לידער. אײניקע האָבן געזונגען טאַקע מאָל־דאָװאַנישע לידער, אַנדערע האָבן געזונגען אַ דאָינע אָן װערטער. דאָס זינגען איז נישט געװען אָרגאַניזירט און יעדער האָט זיך געזונגען אין אַן אַנדער װינקל אַ ליד. און אַלעמען האָט חיים איבערגעשריִען דורך דעם הויכרעדער, אַז מען זאָל זיך צואײלן מיט דעם עסן די קרעפּלעך, װײל בײ אַנדערע װאָלט דאָס שוין אפשר געװען גענוג, אָבער נישט בײ בעסאַראַבער. און װען קײנער האָט זיך שוין צו די קרעפּלעך נישט צוגערירט, זענען די כלים אַװעקגענומען געװאָרן און עס זענען געקומען נײע כלים מיט װאַרעניקעס פון װײנשל. בײ די זײטן זענען געשטאַנען פאלומעסיקעס שוין נישט מיט פוטער, נאָר מיט אַ רויטער זאַפט פון פרוכטן, מיט װעלכע מען האָט די װאַרעניקעס באַגאָסן. דער עולם איז אַרײן אין אַ װילדער התלהבות און ספּאָנטאַן האָבן אַלע גענומען אַפּלאָדירן און שרײען:

— זאָלן לעבן די אָרגאַניזירער פון דעם יום־טוב!

דערויף איז געקומען אַן ענטפער פון די אָרגאַניזירער:

— זאָל לעבן די מאַמע! זאָל לעבן דער עולם!

און װידער האָט דער עולם נאָך דעם עסן די געשמאַקע װאַרעניקעס, זיך

אַ נעם־געטאָן צום זינגען און אַלץ אַזוי נישט אָרגאַניזירט און צו עטלעכע לי־דער אויף אַ מאָל. און דאָ האָט זיך אַריינגעמישט שפּיצבערג, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז היינט האַלטן אַ רעדע וועט ער נישט קענען. דער עולם האָט זיך צופיל אָנגעגעסן און אויך צופיל אָנגעטרונקען, כאָטש דער באַפעל איז געווען, אַז עסן מוז מען, אָבער טרינקען נישט. דער עולם איז נישט געווען שיכור, הגם אייניקע זענען דאָס מסתמא אויך געווען, אָבער ער איז געווען צו פריילעך, אַז ער זאָל קענען אַריינגיין אין זאַל אַריין און אויסהערן רויִק אַ רעדע. מעלדן פון דער הוילער הויט, אַז ער וועט נישט רעדן היינט, האָט ער געפילט, אַז עס וועט נישט טויגן. איז ער פון זיך אַליין געוואָרן דער אָנפירער מיט דער שמחה און ער האָט דורך דעם מיקראָפאָן געמאָלדן, אַז אויב זינגען, איז נישט יעדער באַזונדער, נאָר אינאיינעם. דיסציפּלינירט דאַרף מען זיין אַפילו ביים זינגען. ביים עסן האָט מען געמעגט זיין, האָט ער געזאָגט, אינדי־ווידואַליסטן און יעדער זאָל זיך עסן און טרינקען אויף זיין שטייגער, אָבער זינגען איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דעם עולם איז געפעלן געוואָרן, ווי דער דאַזיקער מאַן, וואָס איז ביז נישט לאַנג מיט קיינעם נישט געווען באַקאַנט, איז באַלד געוואָרן מיט אַלעמען היימיש. און עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען, אַז ער איז אַ יאָט מיט ביינער און אַז דאָס דאַזיקע קען נאָר אַ בעסאַראַבער. ער האָט קאָרעגירט און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ בעסאַראַבישער פּאַטריאָט, אָבער נישט קיין שאָוויניסט און אַנדערע קענען אויך און יעדער קען פאַרשידענע זאַכן אויף זיין שטייגער. און ער האָט אַרויסגערופן דעם ערשטן, וואָס קען זינגען אַ ליד, וואָס מען האָט געזונגען אין דער אַלטער היים. און עס האָט זיך באַלד באַוויזן איינער אַ גאַסט, וואָס איז געווען פון בעסאַראַ־ביע און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען אַזאַ ליד, וואָס ער האָט ערגעץ אַנדערש נישט געהערט קיין מאָל, כאָטש ער איז שוין אויסגעוועזן אַ וועלט. מיטן אויס־זען האָט דער דאַזיקער מענטש נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ זינגער, אָדער אַ קינסטלער. ער האָט נישט אויסגעזען ווי די מערסטע יידישע סוחרים פון סאַן־פּאַולאָ. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ מיטליאָריקער מאַן, זיינע רויט־לעכע האָר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין גרויע פּעדעם, אָבער מען ווייסט דאָך אַז רויטע ווערן זייער שפּעט גרוי. די יאָרן זענען אים געלעגן אין די קנייטשן פון זיין פּנים און אויף זיין אויסגעבויגענער פּלייצע. שפּיצבערג איז מיט אים אַרויף אויף דער קאַטעדרע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן הויף און געבעטן זיין שטיל און הערן. אייניקע האָבן זיך געחכמעט און געפרעגט, צי עס וועט זיין וואָס צו הערן. שפּיצבערג האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט דערוואָרטן, אַז ער זאָל זיין שאַליאַפּין און ער האָט געקענט אַזעלכע מבינים, וועלכע קאַרוסאָ איז אויך נישט געפעלן. עס איז געוואָרן שטיל און דער מאַן האָט באַלד גע־

כאַפּט אַ ריכטיקן טאָן און מיט נישט קיין שטאַרקער, אָבער גאַנץ אַנגענעמער שטימע האָט ער געגומען זינגען אַ לידל און ער אַליין האָט אויסגענומען און דאָס לידל האָט אויך אויסגענומען, אפשר נאָך מערער ווי דאָס זינגען. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ליד פון אַ מיידל און ער האָט אָנגעהויבן:

נעם דיר אַראָפּ דאָס בילד פון מיין פּנים
און הענג דאָס דיר אויף אויף דער וואַנט
און אַז דו וועסט אַמאָל אין מיר זיך דערמאָנען
זאָלסטו נעמען מיין בילד אין דיין האַנט.
אַזוי ווי דער שענקער צאַפּט אָפּ דעם ווײַן
און דאָס אונטערשטע גיסט ער אַרויס,
אַזוי צאַפּסטו דו מערדער דאָס בלוט פון מיין האַרצן
און דו גיסט עס אין דרויסן אַרויס.

ער האָט געזונגען מיטן בעסאַראַבישן דיאַלעקט און די מעלאָדיע איז געווען אי אַ האַרציקע, אי אַביסל אַ קאָמישע און זי האָט דעם עולם אַ נעם־געטאָן מיט שטורעם און ווען ער האָט געענדיקט דאָס זינגען, האָט מען גענו־מען שרייען „ביס" און פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל זינגען נאָך אַמאָל דאָס זעלביקע ליד. ביים צווייטן מאָל זינגען האָבן שוין אייניקע געקענט די מעלאָדיע און טיילווייז די ווערטער און ביים דריטן מאָל זינגען, האָט שוין דער גאַנצער עולם מיטגעזונגען און שפּיצבערג האָט געזאָגט, אַז נאָר בכדי אויסצולערנען דאָס דאָזיקע עכטע בעסאַראַבישע ליד, וואָס פאַראייניקט ווײַן מיט בלוט פון דעם האַרצן האָט זיך געלוינט צו קומען צו אָט דעם יום־טוב. און ער רעדט שוין נישט דערפון, וואָס עס האָט זיך געלוינט צו קומען זיך באַקענען מיט דער העלדין פון דעם טאָג, דער יידישער קיניגין פון דרום־אַמעריקע, וואָס איז אַזאַ עכטע יידישע מאַמע בכלל און בעסאַראַבישע יידישע מאַמע בפרט. און ער האָט צוגעגעבן איראָניש, אַז אינאיינעם מיט דעם ליד „הער נאָר דו דו", וואָס מען האָט דאָ פריער געזונגען, קען אויך דאָס ליד וועגן שענקערס טאָכ־טער באַטראַכט ווערן ווי אַ „בעסאַראַבישער הימן".

און אליעזר שפּיצבערג האָט אַליין אויך געזונגען אַ ליד. ער האָט דאָס גערופן „מאַמע בעסאַראַביע" און עס האָט געהאַט אַ באַרימטע רומענישע מע־לאָדיע. ער האָט דערציילט, אַז ער אַליין האָט דאָס אָנגעשריבן, ווען בעסאַראַ־ביע איז אין 1917סטן יאָר געוואָרן רומעניע. ער האָט דעמאָלט געלעבט אין בוקאַרעשט. ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחורל און ווען אַלע האָבן באַזונגען די רומענישע בעסאַראַביע, האָט ער געשריבן, אַז מאַמע בעסאַראַביע איז אויך יידיש. אַ סך מאָל איז זי צו יידן געווען אַ שטיפמאַמע און אַ שלעכטע. אָבער

אַ סך מאָל איז זי אויך געווען אַ גוטע מאַמע. די שוואַרצע בעסאַראַבישע ערד איז געווען גוט ווי די וועלט, אָבער זי האָט געהאַט שטיקלעך פאַרשאָלטענע ערד. און האָט אַ ייִד אַמאָל אָנגעטראָפן אויף דעם שטיקל פאַרשאָלטענער ערד, האָט געטראָפן, אַז אַ גוי האָט אים דערהרגעט. און ער האָט פאַרגעשטעלט, אַז די מאַמע בעסאַראַביע האָט געזונגען:

איך האָב גרינע פעלדער, וועלדער,
האָניק, ניס און וויין,
כוליגאַנעס דעפוטאַטן —
פורישקעוויטש קרושעוואַן.
איך האָב טייכן פרוט און נעסטער
און די טינע ביי דעם ים,
איך האָב טייכן בלוט און טרערן
פון אַ ייִדישן פּאָגראָם...

און נאָך דעם איז שוין געוואָרן אַ שטופּעריי און אַלע האָבן געוואָלט זינ־גען. אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געזונגען פאַר קיין עולם און זענען געווען שעמעוודיקע, האָבן געוואָלט זינגען. אייניקע האָבן געזונגען שמחת־תורהדיקע לידער, אַנדערע האָבן געזונגען פורימדיקע. אייניקע האָבן גע־זונגען שטיקלעך פון דעם דאַווענען. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט אַ ייִד מיט אַ קליין וויסלעך בערדל, וואָס האָט אויסגעזען אפשר ווי פון אַכציק יאָר און וואָס האָט געטראָגן אַ האַלבע קאַפּאָטע און אַ צילינדער. ער איז געקומען אַזוי אויסגעפּוצט, אַזוי ווי ער פלעגט גיין אין דער אַלטער היים. שפּיצבערג האָט זיך ביי אים באַלד דערוווּסט, אַז ער איז פון אַ דאָרף, נישט ווייט פון דעם שטעטל פון וואַנען חוה־טויבע איז און אַז די לעצטע יאָרן האָט ער שוין גע־לעבט אין שטעטל און מען האָט אים דאָרטן גערופן אויף דעם נאָמען פון דעם דאָרף, ווו ער איז געבוירן געוואָרן. מען האָט אים גערופן יאַנקל ניראַשייער. זיין דערשיינען אַליין האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי אַלעמען און ער האָט געמאָלדן, אַז ער געווינט מיט אַ יאָר די בעל־שמחהטע. ער איז שוין גע־וואָרן 81 יאָר. און ער האָט געזונגען מיט אַ טיפּיש דין קעלעכל פון אַן עלטערן מאַן. ער האָט געזונגען אַ מאָלדאַוואַניש ליד וועגן אַ ליבע פון אַ ייִנגל צו אַ מיידל און אַ מיידל צו אַ ייִנגל. עס איז געווען אין דעם נוסח פון דער דאָינע און דאָס ליד איז געווען אַ מין האַלבע באַלאַדע וועגן דעם ווי אַזוי אַ פּויערישן שייגעץ חלומט זיך, אַז זיין כלה גייט אַוועק מיט אַן אַנדערן און ער קומט און ער דערהרגעט זי און איר בלוט פליסט אַריין אין פרוט אַריין און דער טייך ווערט רויט און ער בלייבט שוין אַזוי רויט אויף שטענדיק. שפּיצבערג האָט

פאַר דעם עולם איבערגעזעצט דעם זין פון דעם ליד, אָבער אַ סך האָבן דאָס פאַרשטאַנען אַליין און זיי האָבן געשריִען אַז ער זאָל דאָס זינגען נאָך אַ מאָל און ער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און געזונגען. און ווען ער איז אַראָפּ־געגאַנגען, האָט אים חוה־טויבע צוגערופן צו זיך און דער עולם האָט געקוקט אויף די צוויי אַלטע לייט, וואָס זעען אויס אַזוי פאַרשידן. דער מאַן איז געווען צעקנייטשט עפּעס ווי אַ געלאַטעטער קאַלאָש און חוה־טויבע איז געווען פעסט און אין פּנים איז נישט געווען קיין איין קנייטשל, קנייטשן האָט זי בלויז גע־האָט אויפן שטערן און אַלץ אין איר איז געווען אַן אויסדרוק פון קראַפט, פעסט־קייט און ווילן.

סע זענען נאָך אַרויסגעקומען סורפּריזן מיט לידער, וואָס זענען קיינעם נישט געווען באַקאַנט און אייניקע האָבן געזונגען באַקאַנטע לידער, וועלכע עס איז געווען איינגענעם צו דערמאָנען ווידער אַמאָל. דער עולם איז וואָס אַמאָל געוואָרן פריילעכער. צו עסן האָט מען שוין מער נישט געגעבן, אָבער משקה און קאַלטע געטראַנקען איז נאָך אַלץ געשטאַנען. און קאַוועלעך האָבן אויך קעל־נער דערלאַנגט דעם פריילעכן עולם. און ווען שפּיצבערג האָט געמאָלדן אַז זיין רעדע וועט ער האַלטן אַ צווייטן אָוונט, וועגן וועלכן עס וועט באַזונדער געמאָלדן ווערן, האָט דער עולם זיך אַ נעם־געטאָן צום טאַנצן...

און דאָך האָט חיים באַשלאָסן צו מאַכן אַ ספּעציעלן טאַנץ־אָוונט און טאַקע נאָך איידער שפּיצבערג, דער יידישער שרייבער פון בעסאַראַביע, וואָס לעבט שוין זייט אַ לאַנגע צייט אין דרום־אַמעריקע, וועט רעדן וועגן בעסאַראַבישע ייִדן און העברעיִשע און ייִדישע שרייבער, וועט פאַרקומען דער דאָזיקער טאַנץ־אָוונט. אַזוי ווי, האָט חיים געמאָלדן, מען האָט דריי נעכט דורכאַנאַנד פאַר־בראַכט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, וועט מען איין אָוונט זיך אָפּרוען און דעם צווייטן אָוונט, דינסטיק, וועט דורכגעפירט ווערן אין גרויסן זאַל אַ ספּע־ציעלער באַל מיט סורפּריזן און אַפילו מיט אַ קאָנקורס.

און אויף דינסטיק אויף דער נאַכט איז פאַרבעטן געוואָרן נישט נאָר דער אייגענער עולם, נאָר אויך אַ סך לאַנדסלייט פון סאַן־פּאַולאָ און אַפילו פון די דערבייִיקע שטעטלעך. מען האָט שוין צעוויסן געגעבן די בעסאַראַבישע ייִדן פון דער געגנט, אַז אין דעם האָטעל „צום גאָלדענעם לייב" קומט פאַר אַזאַ יום־טוב פאַר אַ בעסאַראַבישער ייִדישער מאַמע, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט פאַר־געקומען. און עס זענען אויך פאַרבעטן געוואָרן צום טאַנץ־אָוונט די פּני פון דער שטאָט, די וויכטיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פון ישוב.

צען אַזייגער אין אָוונט איז דער גרויסער זאַל געווען געפּאַקט. עס איז געווען אַ שיינער בופעט, אין וועלכן מען האָט זיך געקענט סערווירן פון אַלעם גוטן, סיי אין עסן און סיי אין טרינקען. עטלעכע דאַמען האָבן זיך אָנ־

געבאָטן צו שטיין ביים בופעט און נעמען ביישטייערונגען פאַר די אָרטיקע יידישע אינסטיטוציעס, אָדער פאַרן קרן־קימת, אָבער חיים האָט נישט דער־לויבט, ער האָט געזאָגט, אַז ער דערלויבט זיי צו העלפן סערווירן, אָבער קיין באַשטייערונגען וועט מען דאָ נישט נעמען. די משפחה, וואָס דעקט אַלע הוצאות, וועט אויך געבן געהעריקע באַשטייערונגען סיי פאַר די אָרטיקע און סיי פאַר די אַלוועלטלעכע יידישע אַנשטאַלטן.

דער אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן עפּעס ווי עס וואָלט געווען אַ חתונה, ביי וועלכער עס איז אָבער געווען בלויז אַ כלה, קיין חתן איז נישט געווען. חוה־טויבע האָט געשיינט טאַקע ווי אַ כלה. די מיידלעך האָבן צו איר געבראַכט איינע פון די בעסטע מאַסאַזשיסטקעס און פאַרקעמערנס פון אַ שיינהייט־אַנשטאַלט און זיי האָבן שוין געמאַכט, אַז איר שיין פּנים זאָל זיין נאָך שענער און זיי האָבן זי פאַרקעמט אַזוי, אַז די ווייסע האָר אַליין האָבן אויסגעזען ווי אַ קרוין. און דאָס שטערן־טיכל האָט מען איר אָנגעטאָן אויף אַ האַלבן קאָפּ און די פּערל פון דעם דאָזיקן טיכל און די אַנדערע שטיינער האָבן געשיינט און געשטראַלט. און אַ קלייד האָט זי געטראָגן, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון אַ מין גאָלדענעם זייד און דאָס דאָזיקע קלייד האָט נאָך מער בולט געמאַכט איר שטראַלנדיק פּנים.

אָנגעהויבן האָט מען דאָס טאַנצן מיט דאָס גאַר אַן אַלטן וואַלס. חוה־טויבע האָט באַלד באַמערקט, אַז שוין אויף איר חתונה האָט מען געשפּילט דעם דאָזיקן וואַלס. און זי איז טאַקע געווען די ערשטע צום עפענען דעם באַל. דער ערשטער, וואָס האָט זי גענומען טאַנצן איז געווען חיים. ער האָט אָבער געמאַכט מיט איר בלויז עטלעכע שפּאַן און באַלד האָט זי איבערגענומען אַ צווייטער ברודער. אין משך פון אַ פּאָר מינוט האָבן אַלע פיר זין געטאַנצט מיט דער מאַמען. דערנאָך איז באַלד געקומען די ריי פאַר די עלטערע אייניקלעך און עס האָבן מיט איר געטאַנצט אַפילו די קלענסטע פון די אייניקלעך. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זי אַרומגערינגלט און די פאַמיליע האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל מיט איר נישט צו לאַנג טאַנצן. צום סאַמע לעצט האָט חוה־טויבע געטאַנצט מיט דעם קלענסטן אוראייניקל, אַ יינגעלע פון פיר יאָר. דער עולם איז נישט מיד געוואָרן צו אַפּלאָדירן און קיינער האָט זיך נישט דער־וועגט צו טאַנצן, אַזוי לאַנג זי האָט געטאַנצט. ערשט ווען מען האָט זי אָוועק־געזעצט, האָט דער עולם גענומען טאַנצן דעם זעלבן וואַלס און עס איז באַלד געוואָרן אַ צעמישעניש. די עלטערע, די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט אַ וואַלס נאָך פון בעסאַראַביע, האָבן זיך געדרייט אַהין און צוריק און די יינגערע, די דאָזיקע וואָס האָבן אויסגעלערנט אָט דעם טאַנץ שוין אין אַמעריקע, האָבן זיך געדרייט און געוויגט בלויז אין איין זייט אַריין, זענען פאַרגעקומען צוזאַמענ־

שטויסן אָבער מען איז געווען אַזוי גוטמוטיק געשטימט, אַז מען האָט זיך נישט געקריגט און פאַרקערט, אַפּילו אַז מען האָט געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ, אָדער אַ שפּאַן אויף אַ פוס, האָט מען געשמייכלט און אַפּילו געלאַכט. די שטימונג איז וואָס אַמאָל געווען האָפּערדיקער.

פון דעם וואַלס איז מען באַלד אַריבער צו די מאָדערנע טענץ„ בכדי יוצא צו זיין פאַר דער יוגנט. מען האָט געטאַנצט, סיי דעם סענטימענטאַל־פוילן אַרגענטינער טאַנגאָ, סיי די ווילד־טעמפּעראַמענטפולע נאָרד־אַמעריקאַנער דזשאַז־טענץ. חוה־טויבע האָט געקוקט אויף די טענצער און זי האָט זיך געקלערט, אַז ווען זי ווייסט נישט, אַז מען טאַנצט וואָלט זי געמיינט, אַז מען מאַכט זיך משוגע. מען האָט די מאָדערנע טענץ נישט געטאַנצט צו־לאַנג, ווייל מען איז אַריבער צו די היימישע טענץ פון דער אַלטער היים. מען האָט אָנגעהויבן מיט דעם בולגאַריש און די אַנדערע פריילעכסן, וואָס מען האָט געטאַנצט אין בעסאַראַביע און מען איז אַריבער צו די פּאָלקעס און מאַזורקעס, וואָס מען האָט געטאַנצט אין פוילן און אין גאַליציע. און דער סוף איז געווען, אַז די מוזיק האָט אַ קנאַק־געטאָן אַ קאַזאַצקע און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דווקא צווישן די עלטערע און מיטליאָריקע זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטאַנצט אַ קאַזאַצקע נישט ערגער פון די קאָזאַקן אַליין. אייניקע האָבן געמאַכט פּריסאַדקעס ביז צו דער ערד און זיי פלעגן דערלאַנגען שפּרונגען ביז צו דער סטעליע. דער אַלטער 81־יאָריקער יאַנקל ניראַשאַיער האָט אויך געוואָלט ווייזן, אַז ער קען טאַנצן אַ קאָזאַק און מען האָט אים לכתחילה געלאָזט, אָבער ווען מען האָט געזען, אַז ער פאַרמעסט זיך צו שטאַרק צום שפּרינגען, האָט מען אים גוטמוטיק אָװעקגענומען און מען האָט אים אַוועקגעזעצט לעבן חוה־טויבען, בכדי ער זאָל נישט ברוגז ווערן. ביים טאַנצן די קאָזאַצקע איז דער גאַנצער זאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן פון איין זייט אין טענצער און פון דער אַנדערער זייט אין צושויער. די טענצער האָבן געטאַנצט אין דער מיט און די צושויער האָבן זיי אַרומגערינגלט. אייניקע פון די טענצער האָבן אויסגעזען קאָמיש, דערפאַר זענען געווען אַנדערע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנצע ווירטואָזן. זיי האָבן געמאַכט אַזעלכע פּריסאַדקעס און אַזעלכע שפּרינגערייען, וואָס מען זעט נאָר אין רוסישן באַלעט.

און ווען די סאָלאָ־טענצער זענען געוואָרן מיד האָט דער אָרקעסטער גענומען שפּילן אַ שער און עס איז כמעט נישט געבליבן קיין איינער אין זאַל, וואָס זאָל זיך נישט אויסזוכן אַ פּאָר און אַריין אין טאַנץ. עס האָבן זיך פאַרמירט קאַרגע הונדערט פּאָרלעך, וואָס האָבן געטאַנצט דעם דאָזיקן שער.

אַ קורץ שטיקל צייט האָט מען דעם אָרקעסטער געגעבן צום עסן און צום טרינקען און אין דער דאָזיקער צייט האָבן אַלע אָנוועזנדיקע זיך אַביסל אָפּגע־

רוט און אַרומגעווישט פון דעם שוויס. חיים האָט אויסגענוצט די דאָזיקע רויִקע צייט און געמאַכט אייניקע מעלדונגען וועגן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון די פייערונגען און ער האָט געגעבן עטלעכע פון די פאַרשטייער פון דעם אַר־טיקן ישוב ווערטער צו באַגריסן. זיי האָבן געהאַלטן קורצע טאָסטן און אַלע האָבן באַטאָנט, אַז זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שמחה אין סאַן־פּאַולאָ, זייט זיי געפינען זיך דאָרט און אייניקע האָבן פאַרזיכערט, אַז אין גאַנץ דרום־אַמעריקע איז נאָך אַזאַ שמחה נישט געווען. איינער פון די בעסאַראַבער האָט געזאָגט, אַז אפשר איז אַמאָל, אַמאָל געווען אַזאַ שמחה אין בעסאַראַביע, אָבער אין די גאָר אַלטע צייטן, פאַר דעם קעשענעווער פּאָגראָם, ווען די גוטע בעסאַראַבישע ערד איז נאָך נישט געווען פאַרשאָלטן... און אַ צווייטער פאַר־שטייער, וואָס איז געווען אַ פּוילישער, האָט דערקלערט, אַז אין יענע צייטן פלעגן פּוילישע ייִדן אויך מאַכן גרויסע און שיינע שמחות. עס איז געווען אַ צייט, ווען סיי פּוילן און סיי בעסאַראַביע זענען געווען ארץ־ישראל. די דאָזיקע דערקלערונגען האָבן אַרויסגערופן אַ געוויסן טרויער, ווייל אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך דערמאָנט אין די אַלטע היימען, וואָס מען האָט פאַרלוירן.

ווען די מוזיקער האָבן זיך צוריקגעקערט פרישע און מונטערע און געגנו־מען שפּילן אַ מאָדערנעם טאַנץ, איז צו זיי צוגעגאַנגען ד״ר כעראַנימאַ און ער האָט זיי געבעטן, אַז ווען זיי וועלן ענדיקן אָט דעם טאַנץ, זאָלן זיי שפּילן אַ האָראַ. און אַזוי ווי זיי האָבן געענדיקט דעם טאַנץ, האָט טאָקע דער שעף פון דעם אָרקעסטער געמאָלדן דורך דעם הויכרעדער, אַז מען וועט איצטער שפּילן אַן אמתדיקע ארץ־ישראלדיקע האָראַ. עס האָבן זיך דערהערט אַ סך אָוואַציעס און עס האָבן זיך באַלד פאַרמירט עטלעכע גרופּעס יוגנט און זיי האָבן גענומען טאַנצן דעם דאָזיקן טאַנץ מיט זייער אַ סך טעמפּעראַמענט. ביי זיך האָט ד״ר כעראַנימאַ געטראַכט, אַז צו טאַנצן אַ האָראַ איז די יוגנט מער גרייט ווי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל צו אַרבעטן און קעמפן, אָבער ער איז געווען צופרידן, וואָס די גאַנצע יוגנט קען אָט דעם טאַנץ. און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די עלטערע שטייען נישט אָפּ און זיי קענען אויך טאַנצן אַ האָראַ. עס האָבן זיך פאַרמירט אַ פּאָר גרופּעס פון מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן, וואָס האָבן גענומען טרייסלען דעם פּאָל און דעם גאַנצן זאַל נאָך מיט מער אימפּעט און כוח ווי די יוגנט. פּאַוואָליע האָבן זיך די עלטערע גענומען אויסמישן מיט די ייִנגערע און עס האָט זיך גענומען פאָרמירן איין ראָד פון אַ סך רעדער, איינע האָט אַרומגערינגלט די צווייטע. עס איז געוואָרן אַ ראָד אפשר פון צען רעדער און מען האָט געטאַנצט אַזוי, אַז די לאָמפּן האָבן זיך געשאָקלט. אייניקע פון די מוזיקער האָבן געזונגען די האָראַ, אויך אַ סך פון עולם האָבן מיטגע־זונגען, אָבער דער געקלאַפּ פון די זוילן איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז ער האָט

פאַרקלאַפּט דאָס געזאַנג. געקייקלט איינער אין אַנדערן האָט יעדער אייגער געטאַנצט מיטן גאַנצן כח און יעדער האָט געוואָלט שפּרינגען העכער פון דעם צווייטן און מאָמענטנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אינאיינעם שוועבן אין דער לופטן. אָט גיבן זיי זיך אַ לאָז־אַראָפּ מיטן גאַנצן כח אויפן דיל און אָט גיבן זיי אַ פלי אין דער לופטן. פון אַלע טענצער האָט זיך געגאָסן דער שוויס, זיי האָבן זיך שוין געווישט, נישט מיט טיכלעך, נאָר מיט די אַרבל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען שוין אַלע אַזוי מיד, אַז אָט באַלד וועלן זיי אַנידערפאַלן. אייניקע האָבן שוין טאַקע נישט געהאַט קיין כוח און זיי האָבן זיך פּאַוואָליע אַרויסגעשלייכט פון דעם טאַנץ. וואָס אַמאָל האָבן זיך אַלץ מער און מער אַרויס־גערוקט און זיי זענען ממש אַנידערגעפאַלן אויף די שטולן. די ראָד איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער, פון צען רעדער זענען געוואָרן ניין און דערנאָך אַכט און נאָך ווייניקער, אָבער אַ סך האָבן זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט אויפהערן. און ווען די מוזיקער האָבן שוין מער קיין כח נישט געהאַט און אָפּגעשטעלט דאָס שפּילן, האָבן די לעצטע טענצער נאָך אַלץ אַפּלאָדירט און זיי האָבן גע־מאָנט, אַז מען זאָל ווייטער שפּילן. מען האָט זיי שוין נישט געפאָלגט און איי־ניקע פון די אָנוועזנדיקע האָבן זיי אָוועקגעשלעפּט פון מיטן זאַל און באַזעצט אויף די שטולן, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווענט.

חיים האָט געזאָגט צו דער מוטער שטילערהייט:

— דו זעסט, מאַמע, דאָס איז אַלץ פאַר דיין כבוד וועגן.

-- איך ווייס נישט — האָט חוה־טויבע אַ שמייכל־געטאָן — פאַרוואָס מיר קומט אַזאַ כבוד און איך ווייס אַפילו נישט צי עס איז אַ ריכטיקע צייט איצטער צום טאַנצן.

ד״ר כעראַנימאָ, וואָס איז געשטאַנען דערביי און זיך צוגעהערט צו דעם קורצן דיאַלאָג, האָט אַ זאָג־געטאָן צו דער אַלטער:

— נישקשה, באָבע, זאָל מען טאַנצן. אַז ייִדן רעדן און דיסקוטירן, זענען מיר אפשר צוויי און צוואַנציק פעלקער, יעדער האָט זיך אַנדערע געדאַנקען און אַן אַנדער שפּראַך, אָבער אַז מיר טאַנצן זענען מיר דאָך איין פאָלק. האָסט געזען, באָבע, אַפילו מאַרגאַריטאַ און כוליאַ האָבן דאָך אויך געטאַנצט.

— איך האָב געזען — האָט חוה־טויבע געשמייכלט — זיי זענען אַרייַנ־געקומען, ווען מען האָט שוין געהאַלטן אין מיטן דער האָראַ און זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ מין טאַנץ דאָס איז. קלמן האָט זיי געשלעפּט טאַנצן, זענען זיי מיט אים מיטגעגאַנגען.

— אַזוי זאָג־זשע — האָט חיים געלאַכט — צווישן מיין קאָנראַדן און ישראלס מיזינקע קומט עפּעס פאַר. זיי זענען שטענדיק אינאיינעם.

— דיין קלמן — האָט חוה־טויבע ווייטער געשמייכלט — איז אַפילו אַביסל

אַ צו אַלטער קרבן פאַר מאַרגאַריטאַס מזבח, אָבער אײדער ער זאָל זיך האַלטן דאָרט מיט דער גויע, װאָלט שוין געװען בעסער, אַז דאָ זאָל װערן אַ שידוך.

— עס װעלן דאָ װערן עטלעכע שידוכים — האָט חיים געזאָגט — איך האָב אַ גוט אויג און איך זע, װאָס דאָ קומט פאָר.

— װער מיט װעמען? — האָט חוה־טויבע געפרעגט.

— איך װײס נישט צי דװקא אין דער משפחה. עס װעלן פאָרקומען אַ פּאָר שידוכים צװישן דײנע אײניקלעך און ייִדישע יונגעלײט פון סאַן־פּאַולאָ. גאָט זאָל נאָר העלפן, אַז דאָס זאָלן זײן זיװוגים מן השמים.

— אָמן! — האָט חוה־טויבע געזאָגט — לאָמיר דערלעבן נחת.

חיים האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ, אַז ער איז אַ גאַנצן אָװנט נישט געגאַנגען קוקן, װאָס זײן בײלע טוט און ער האָט גענומען די מוטער אונטער דעם אָרעם און ער האָט זי װי אַרויסגעגנבעט און האָט זי געפירט צו בײלען און ער האָט איר געזאָגט, אַז זײן װײב האָט צו דעם טאַנץ־אָװנט נישט געװאָלט קומען און ער פאַרשטײט פאַרװאָס. זי װאָלט געװען די אײנציקע, װאָס װאָלט געדאַרפט זיצן פאַרוקט אין אַ װינקל און קוקן װי אַלע מענטשן האָבן פּיס און אַפילו אַזעלכע, װאָס זענען אַ סך עלטער פון איר, טאַנצן אויך. די אַלטע האָט צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ און זי האָט אים שטומערהײט געזאָגט, אַז ער איז דער מאַ־מעס זון און ער איז אַ געטרײער מאַן. אַן זײן שאַדן אויף אַלע ייִדישע מענער געזאָגט געװאָרן.

ד״ר כעראַנימאָ האָט אַ לאַנגע צײט נאָכגעקוקט חײמען, װאָס פירט זײן מאַמען צו זײן קראַנקער פרוי און ער האָט אין זיך אַרײן אויסגעדריקט זײן באַ־װוּנדערונג פאַר אים און ער איז געגאַנגען זיך דורכרעדן מיט זײן פרוי און איר דערצײלן װאָס פאַר אַ געטרײער מאַן זײן פעטער חיים איז און אין אײן װעג האָט ער געכאַפּט אַ טענצל אויך מיט איר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז חיים װעט שוין אפשר נישט צוריקקומען און אַז ער װעט שוין דאָ דאַרפן פאַרענדיקן דעם באַל און ער האָט געטראַכט װי אַזוי דאָס צו טאָן. דער זײגער האָט שוין גע־װיזן װײט נאָך אײנס און כעראַנימאָ האָט נאָך געלאָזט אַביסל דעם עולם טאַנצן אַלערלײ טענץ און דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום מיקראָפאָן און ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי װי מאָרגן איז אַ טאָג פון אַרבעט און עס איז שוין גאַנץ שפּעט, זאָל מען נאָך כאַפּן אַ האָראַ און אויף אַן אמת ייִדישן אופן פאַרענדיקן דעם הײנטיקן פרײלעכן אָװנט, װעלכער דאַרף װערן אָנגענומען אַלצאײנס װי אַן ערנסטער. „מיר האָבן דאָך אַלע, האָט ער געזאָגט, געטאַנצט נישט בלויז פאַר אונדזער פאַרגעניגן װעגן. מיר האָבן טאַקע געטאַנצט פאַר אונדזער פאַרגעניגן װעגן אויך, אָבער נאָך מערער האָבן מיר געטאַנצט לכבוד דער װוּנדערלעכער מאַמען פון הונדערט קינדער, אײניקלעך און אוראײניקלעך. פאַר דער ייִדישער

מאַמען האָבן מיר געטאַנצט, וועלן מיר פֿאַרענדיקן מיט דעם ייִדישן טאַנץ, מיט וועלכן די ארץ־ישראל־יוגנט אַרבעט און פֿאַרטיידיקט זיך. דער עולם האָט אַפּלאָדירט און אײדער וואָס־ווען האָט די מוזיק שוין געשפּילט אַ באַקאַנטע האָרא און דער עולם האָט גענומען טאַנצן. ווידער אַ מאָל האָט מען דאָס געטאָן אַזוי ווי פֿריִער, מען האָט אָנגעהויבן אין באַזונדערע גרופּעס און דערנאָך האָט מען זיך גענומען פֿאַראײניקן און געשאַפֿן אַ ראָד פֿון אַ סך רעדער. כעראַנימאָ אָבער האָט נישט געלאָזט, אַז מען זאָל ווערן אַזוי מיד ווי ביים פֿריִערדיקן טאַנץ פֿון דער האָראַ. די מוזיקער האָבן דאָס מאָל אָפּט געביטן די מעלאָדיעס פֿון דער האָראַ. דער ריטם איז טאַקע געווען דער זעלביקער, אָבער די מעלאָ־דיע איז אַלעמאָל געוואָרן אַן אַנדערע און דאָס דאָזיקע האָט אויפֿגעפֿרישט און באַנייט דעם אימפּעט. און כעראָנימאָ האָט דערלאַנגט אַ באַפֿעל אין דער סאַמע מיט פֿון ברענענדיקן טאַנץ:

— און איצטער וועלן מיר אַרויסטאַנצן אין הויף אַריין און פֿון דאָרטן אַהיים און איבערמאָרגן וועלן מיר זיך ווידער זען.

דער עולם האָט זיך צעצויגן אין איין לאַנגער ראָד און אויף אַזויפֿיל אויף וויפֿל מען איז פֿריִער געווען ענג צונויפֿגעדרוקט און אָנגעשפּאַרט איינער אויפֿן אַנדערן, איז מען איצטער געווען אָפּגעטיילט איינער פֿון צווייטן און עס האָט זיך געצויגן אַ גאָר לאַנגע קייט און איינער האָט געשלעפּט דעם צווייטן. עס זענען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבן קוים געקענט גיין. די מוזיקער זענען נאָכגעגאַנגען די טענצער ביז צו דער טיר און זיי זענען דאָרטן געבליבן שטיין און זיי האָבן אַרויסגעשפּילט אין הויף אַריין און עס האָט זיך געדאַכט אַז זיי שפּילן אַרויס צו דער גאַנצער ברייטער וועלט. דער עולם האָט נישט געוואָלט אויפֿהערן טאַנצן. אַ פֿרייד האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. דער הימל איז געווען אַ בלויער און אַ לויטערער און העכער, אַרויפֿצו איז געשטאַנען אַ גרויסע לבנה, די גרעסטע, וואָס עס קען אַמאָל זיין און מען האָט בולט אָנגעזען אין דער גרויסער לבנה סימנים פֿון עפּעס אַ מענטשלעכן פּנים, פֿון אַ נאָז, ליפּן און אויגן. אַלע האָבן געקוקט אַרויף צו דער לבנה און דאָס טאַנצן האָבן זיי נישט אָפּגעשטעלט. די ערד האָט געציטערט אונטער די פֿיס. און פּלוצים האָט זיך אין הויף באַוויזן חוה־טויבע אין דער באַגלייטונג פֿון חיימען. זיי זענען ביידע אַרויסגעקומען פֿון חיימס צימער, ווו חיימס קראַנקע פֿרוי ביילע איז געלעגן און נישט געשלאָפֿן און גערעדט מיט איר באַגלייטערין מלכה־העניע רחלס, וואָס די שוויגער האָט איר אויסגעלייִען אויף דער גאַנצער צייט פֿון דער שמחה. חיים און חוה־טויבע האָבן געמוזט דערציילן ביילען וועגן אַלץ, וואָס איז פֿאָר־געקומען ביים טאַנץ־אָוונט און ווען זיי האָבן געענדיקט דאָס דערציילן, האָט חיים גענומען די מאַמע זי אָפּצופֿירן אין איר צימער אַריין, ווהין עס האָט

באַלד געדאַרפט קומען מלכה. און אַז דער עולם האָט דערזען חוה־טויבען איניינעם מיט חיימען, האָט ער זיי געלאָזט צוקומען אַביסל מער אין דער מיט אריין און ער האָט טאַנצנדיק זיי ביידע אַרומגערינגלט. דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן מיט מער אימפּעט און ער האָט אַלעמאָל געביטן אַ מעלאָדיע אויף אַ מעלאָדיע און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ טאַנצט דאָ, עס טאַנצט דער הימל, די ערד, די לבנה און די שטערן...

דאָנערשטיק אויף דער נאַכט איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע משפּחה און זייער אַ סך אָרטיקע בעסאַראַבער ייִדן. עס זענען אָבער אויך געקומען אַ סך נישט־בעסאַראַבער, ווייל אין די עטלעכע טעג, וואָס שפּיצבערג איז געווען אין סאַן פּאַולאָ, האָט ער שוין געהאַט געהאַלטן עטלעכע רעפעראַטן און ער האָט אויסגענומען ווי אַ רעדנער, וואָס פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט און אויך הומאָר. חיים האָט געמיינט, אַז דער דאָזיקער אָוונט וועט קענען פאָרקומען אין אַ קלענערן זאַל, אָבער ווען ער האָט געזען, אַז עס איז פאַראַן אַ סך אַ גרעסערער עולם ווי ער האָט דערוואַרט, האָט ער באַלד געמאַכט, אַז ער זאָל פאָרקומען אין גרעסטן זאַל פון האָטעל און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און עס איז געווען פולאַץ פאַר אַלע.

דעם דאָזיקן אָוונט האָט חיים מכבד געווען צו עפענען דעם פּרעזידענט פון בעסאַראַבער לאַנדסלייט־פאַראיין און ער האָט אים פון פריִער צוגעגרייט, וואָס ער זאָל זאָגן. ער האָט אים געזאָגט, אַז רעדן קען ער אייגנטלעך וואָס ער וויל, אָבער ער דאַרף אויסרעכענען די גאַנצע משפּחה. זאָל מען וויסן ווער עס איז געקומען צו דעם יום־טוב פון די אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער און וויפל זיי זענען פאַראַן און ער האָט אים געבעטן אויך צו דערמאָנען די דאָזיקע צוויי זיין חוה־טויבעס, וואָס זענען שוין נישטאָ און די דאָזיקע פון זייערע קינדער, וואָס זענען פאַרבליבן דאָרטן. ער האָט געהאַט אַ געדאַנק דערביי, חיים, ער האָט געוואָלט, אַז בייב אויסרעכענען אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה, זאָל מען דערמאָנען באַזונדערס דעם באָליוויאַנער סענאַטאָר און זיין פרוי און דעם פּאַראַגווייער גענעראַל און זיין פרוי אוןביידנס קינדער. דאָס אַליין וועט שוין זיין אַ מאַניפעסטאַציע. און ער האָט זיך געטראַכט, אַז אפשר וועט עמיצער פון זיי נעמען אַ וואָרט, כאָטש ער האָט שוין צוגעגרייט אַ מאָמענט, ווען זיי וועלן מוזן נעמען ווערטער. ער האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז זונטיק אויף דער נאַכט ווען מען וועט זיך געזעגענען, זאָל זיך צונויפקומען נאָר די משפּחה און דעמאָלט וועלן „די גענעראַלן און די סענאַטאָרס" מוזן עפּעס זאָגן. און שליסן יענעם אָוונט, וואָס וועט נישט זיין דער פריילעכסטער פון אַלע און אפשר אויך דער טרויעריקסטער, דערפאַר אָבער דער הייליקסטער, שליסן יענעם אָוונט וועט די מאַמע אַליין מיט אירס אַ וואָרט. ער האָט זי שוין געהאַט צוגעגרייט, אַז זי וועט דאַרפן זאָגן אַ פּאָר ווערטער שבת אויף דער נאַכט צום עולם און

זונטיק ביינאַכט צו דער אייגענער משפחה. זי האָט אונטערגעקרעכצט: זי האָט קיינמאָל אין איר לעבן נישט גערעדט. צו דער משפחה וועט זי ווי עס איז נישט איז רעדן, זי וועט זיך פאָרשטעלן, אַז פאַר איר שטייען עטלעכע קינדער און זי רעדט צו זיי, פאַר דעם עולם אָבער ווייסט זי נישט ווי זי וועט רעדן.

און דער אָוונט איז צוגעגאַנגען אַזוי ווי מען האָט דערוואַרט. עס איז געווען אַן אָוונט פון גוטע געפילן און גוטע ווונטשן און דערנאָך האָט מען אויך געהערט פון שרייבער שפּיצבערג אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן בעסאַראַבער ייִדן און זייערע וואָרטזאָגערס. דער פאָרזיצער האָט געעפנט דעם אָוונט און האָט באַגריסט די גאַנצע משפחה און אויסגערעכנט יעדן ביים נאָמען און מען האָט כמעט ביי יעדן נאָמען אַפּלאָדירט. מען האָט אַפּלאָדירט פון הימען ביז צום קלענסטן אוראייניקל. דער סענאַטאָר האָט זיך וויכטיק אויפגעהויבן און גע־דאַנקט פאַר דעם באַגריסן און געזאָגט בלויז אַ פּאָר ווערטער. ער האָט גע־זאָגט, אַז ער איז גליקלעך, וואָס ער קומט אַרויס פון אַזאַ באָבען און ער וויל האָפן, אַז ער וועט ווערט זיין צו טראָגן איר נאָמען. פאַרענדיקט זיין וואָרט האָט שוין זיין פרוי, די האַלבע אינדיאַנערין, וועלכע האָט געזאָגט אַז איר מאַן וועט ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען פון זיין גרויסער באָבען און ער וועט האָבן, אַז גאָט וועט וועלן, גרויסע פאַרדינסטן סיי ביי דעם באַליוויאַנער פאָלק און סיי ביי דעם ייִדישן פאָלק. דער גענעראַל האָט נישט גערעדט, ער האָט בלויז מיט אַ זשעסט באַדאַנקט פאַר דער באַגריסונג. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין דער פּולער אוניפאָרם, אָבער דאָס היטל האָט ער געהאַט אויסגעטאָן, האָט ער דאָס אָנגעטאָן און מיליטעריש באַגריסט און גענומען די פרוי מיט די קינדער און איז מיט זיי צוגעגאַנגען צו חוה־טויבען און אַלע האָבן זי געקושט און דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט.

דער פּרעזידענט פון בעסאַראַבער לאַנדסלייט־פאַראיין האָט דערנאָך גע־זאָגט, אַז די בעסאַראַבער ייִדן פון סאַן פּאַולאָ פילן זיך גליקלעך צו זיין באַ־טייליקט אין אַזאַ יום־טוב און זיי נעמען צו אַלס שותפים אַלע ייִדן פון סאַן פּאַולאָ, ווייל חוה־טויבע בערקאָוויטשי איז דאָך נישט נאָר אַ בעסאַראַבישע ייִדי־שע טאָכטער, נאָר זי איז אַ ייִדישע טאָכטער בכלל. דערפאַר איז עס אַ יום־טוב פאַר אַלע ייִדן פון סאַן פּאַולאָ, וועלכע וועלן אים שטענדיק געדענקען. און באַלד נאָך דעם האָט ער געגעבן דאָס וואָרט דעם שרייבער אליעזר שפּיצבערג.

דער שרייבער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע דערמיט, וואָס ער איז צוגע־גאַנגען צו חוה־טויבען, פון וועלכער ער איז געשטאַנען עטלעכע מעטער די ווייט, און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. ער האָט געזאָגט, אַז ער פילט, אַז ער דאַרף אַזוי טאָן, אַלצייענס ווי חזנים גיבן אַ קוש דעם פּרוכת פון דעם אָרון־קודש, איידער זיי שטעלן זיך דאַווענען. און ער האָט גענומען רעדן וועגן די

בעסאַראַבער ייִדן, וואָס איז בעסאַראַביע גופא האָט זייער צאָל קיינמאָל נישט געגרייכט מערער ווי ביז צו 300.000 נפשות, אָבער דעמאָלט ווען אין בעסאַ־ראַביע זענען געווען אַזויפיל, זענען שוין אין אַ סך לענדער פון דער וועלט און באַזונדער אין אַמעריקע געווען אפשר נאָך אַמאָל אַזויפיל. ער האָט געזאָגט, אַז ייִדן האָבן געלעבט אין בעסאַראַביע אַריבער צוויי הונדערט יאָר. זיי זענען אַהין געקומען, ווען אַלץ איז נאָך דאָרטן געווען וויסט און זיי האָבן דאָרטן גע־האַט אַ גרעסערן חלק אין אויפבוי פון לאַנד, ווי עס האָבן געהאַט די אוקראַי־נער און די רוסן, וואָס זייער צאָל גרייכט איצטער ביז צו אַריבער אַ מיליאָן. ער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס די ערד אין בעסאַראַביע איז אַ זייער גוטע און זאַפטיקע, אָבער מענטשן האָבן זי פאַרשאָלטן. און דווקא געלערנטע מענטשן האָבן פאַרשאָלטן די גוטע בעסאַראַבישע ערד, נישט די פּראָסטע מענטשן. ווען גראַף איגנאַטיעוו האָט געוואָלט אַרויסטרייבן בעסאַראַבישע ייִדן פון די דער־פער, האָבן די פויערים געשיקט צו אים אַ פּעטיציע און געבעטן, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן, ווייל די ייִדן העלפן זיי צום לעבן און דווקא די מענטשן פון זייער אייגענעם קריסטלעכן גלויבן נאַרן זיי אָפּ און נעמען ביי זיי אַלצדינג צו. גלחים, שאָוויניסטן און מענטשן־פיינט זענען געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן פאַרשאָלטן די גוטע בעסאַראַבישע ערד און פאַרסמט די דאָרטיקע לופט. ער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס בעסאַראַבישע ייִדן האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צו דער ערד און עס זענען צווישן זיי געווען מערער ערדאַרבעטער, ווי ביי אַנדערע ייִדן אין גלות. און אַלע בעל מלאכות אין בעסאַראַביע זענען געווען ייִדן. דער פּראָצענט סוחרים איז ביי בעסאַראַבישע ייִדן געווען קלענער ווי ביי אַנדערע ייִדן און זייער מסחר האָט אויך געבראַכט ברכה דעם לאַנד. אָן די ייִדישע סוחרים וואָלטן די בעסאַראַבער פויערים געווען פאַרקויפט די פּרוכט פון זייער פּראַצע פאַר אַ סך ביליקער. און ער האָט דערציילט, אַז פון שטענדיק אָן האָבן בעסאַראַבישע ייִדן, וואָס זענען געווען געבענטשט מיט אַל־דאָס גוטס פון לאַנד, אַרויסגעוויזן אַ ליבע צום לעבן און אַ נייגונג צו פרייד. מען האָט זייער אַ סך געזונגען ביי בעסאַראַבישע ייִדן און זייער אַ סך גע־טאַנצט. דער רעדנער האָט אויסגערופן: „איר האָט דאָך דאָ צוריק מיט עטלע־כע נעכט געהערט די שיינע און די זאַפטיקע בעסאַראַבישע פאָלקס־לידער, וואָס מען האָט אַזוי האַרציק געזונגען. און מיט דער צייט זענען אין בעסאַראַ־ביע אַרויסגעקומען אויך ייִדישע געלערנטע. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן לומדים צווישן די דאָרטיקע ייִדן און אין עטלעכע שטעט זענען געגרינדעט געוואָרן ישיבות און די קעשענעווער ישיבה האָט געקראָגן אַ שם אין דער גאַנצער וועלט. און צו די בעסאַראַבישע ייִדן, וועלכע מען האָט געוואָלט פאַר־שרייען פאַר עם־הארצים זענען געקומען בחורים פון גאַנצן צאַרישן רוסלאַנד

צו לערנען תורה. און קעשענעווער און בכלל בעסאַראַבער בעלי־צדקה האָבן געקראָגן אַ שם אין דער וועלט. די ישיבה אין קעשענעוו האָט אויסגעהאַלטן אויף זיין חשבון איין גביר מיטן נאָמען שלום פּערעלמוטער. עס איז געווען אָבער נאָך אַ רייכער ייִד אין קעשענעוו, מיטן נאָמען אלישע האַלפּערין, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע בעלי־צדקה אין דער וועלט. שלום פּערעל־מוטער האָט געהאַט בלויז איין טאָכטער און די דאָזיקע טאָכטער האָט קיין קינדער נישט געהאַט. אלישע האַלפּערין האָט געהאַט מער ווי צען זין און ער האָט אויסגעגעבן אויף צדקה מערער ווי שלום פּערעלמוטער האָט אויסגעגעבן אויף דער ישיבה און אויף דעם מושב־זקנים, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן. אַז אַ בעסאַראַבער ייִדן איז געגאַנגען שלעכט אין פּרנסה, איז ער געפאָרן צו האַלפּערין און ער איז געהאָלפן געוואָרן. אלישע האַלפּערין האָט געהאַט אַ זון, וואָס האָט געהייסן אלי, איז ער געווען אַזאַ גוטהאַרציקער מענטש, אַז מען האָט אים אַ סך מאָל געמוזט פאַרשליסן אין אַ באַזונדער צימער, בכדי ער זאָל נישט צעטיילן דאָס גאַנצע פאַרמעגן. איבערהויפּט פלעגט דאָס געשען מיט אים אום פּורים, ווען מען האָט געטיילט צדקה. און צווישן די בעסאַראַבער ייִדן זענען אויך געווען חסידים און לומדים, וואָס האָבן געקראָגן אַ שם אין דער וועלט".

נאָך דעם, וואָס שפּיצבערג האָט כאַראַקטעריזירט געוויסע קעשענעווער גבירים און חסידים, האָט ער גערעדט וועגן די בעסאַראַבער ייִדישע פאָלקס־מענטשן און וועגן זייער גוטהאַרציקייט און זייער אָפּהיטן די מידה פון הכנסת־אורחים. די גאַסטפריינטלעכקייט פון בעסאַראַבישע ייִדן האָט געקראָגן אַ שם אין דער וועלט. אויב דער טאַטע פון ייִדישן פאָלק, אברהם אָבינו, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער מידה פון הכנסת־אורחים, האָבן די בעסאַראַבער ייִדן, מער ווי אַלע אַנדערע ייִדן, איבערגענומען ביי אים די דאָזיקע מידה. ער האָט אויך גערעדט וועגן דער נייגונג צו פריידן ביי בעסאַראַבער ייִדן, וועגן זייער קענען נעמען אַביסל משקה און ווערן פריילעך, אָבער נישט אַריינפאַלן אין קיין שיכּרות, פון וועלכער דער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין דער אומרייַנסטער בהמה, אין אַ חזיר. און ער האָט גערעדט וועגן די לידער, וואָס זענען אַרויס־געקומען פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פרייד וואָס בעסאַראַבער ייִדן האָבן פאַרמאָגט און דאָ איז ער צוגעקומען צו דער ליטעראַטור פון בעסאַראַבער שרייבער אויף ייִדיש און אויף העברעיִש. ער האָט געכאַפּט אַ שפּאַציר ביז צו די סאַמע אָנהייבן פון אָט דער ליטעראַטור אין דער מיט און ביים סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער האָט דערמאָנט אַ סך נעמען און ער האָט זיך באַזונדער אָפּגעשטעלט אויף דעם ערשטן באַקאַנטן ייִדישן פאָלקס־דיכטער פון בעסאַראַביע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין כאָטין, און ער איז אַוועקגענו־

מען געוואָרן פון לעבן אין אַמעריקע, ווו ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר. שפּיצבערג האָט געזאָגט, אַז עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער דאָזיקער פאָלקסדיכטער איז אַוועק קיין אַמעריקע. ער האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ סך צענדליקער טויזנטער בעסאַראַבער ייִדן. שבתי לערנער איז געווען אַן עכטער בעסאַראַבישער ייִדישער דיכטער און דאָך האָט ער געזונגען אַ סך מער טרויעריק ווי פריילעך. ער האָט דערפילט דעם דאָזיקן טרויער וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די ייִדישע קעפּ, ווען עס זענען געקומען פון אַנדערע טיילן רוסלאַנד אַגיטאַטאָרס צו פאַרשעלטן די ערד און פאַרסמען די לופט. און שפּיצבערג האָט ציטירט לערנערס אַ טרויעריק ליד און אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו די טרויעריקע און אייגענע ווערטער:

זיפּ דיך, רעגן,
קאַלטער, נאַסער.
גיסט אויס, כמאַרעס,
עמערס וואַסער.
זייַ דיר, הימל, גרוי ווי בלייַ
פון די טראָפּן
די געמיינע
וועט קיין בלום
אַפילו איינע
נישט שפּראָצן סיי־ווי־סייַ!
ווייל פון פאָרנט
און פון הינטן
בלאָזן בייזע
קאַלטע ווינטן
און עס ווערט נאָר אייז מיט שניי.
גיס, מיין פאָלק, אויס
טייכן טרערן,
קען דיין הימל
איצט דען ווערן
אויסגעלייטערט אָך און ווי!
דיינע אויגן
זענען קוואַלן,
טייכן גאַנצע
רינען, פאַלן,

זיי קענען וועלטן באַלד אויפרירן.
פון די הערצער
דיינע אַלטע
און די טרערן פרירן... פרירן.
ווייען אָבער
ווינטן קאַלטע.

שפּיצבערג האָט דערנאָך דערציילט זיינע צוהערער וועגן דעם גרויסן העב־רעיִשן שרייבער יהודה שטיינבערג, וואָס איז אויך געקומען פון אַ בעסאַראַביש שטעטל און וואָס איז געוואָרן איינער פון די בעסטע שילדערער פון די חסי־דים. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אינאיינעם מיט די נעמען פון די צוויי באַ־שרייבער פון חסידיש, י. ל. פּרץ און מ. י. בערדיטשעווסקי, אָבער בעת די דאָ־זיקע צוויי האָבן מער געשילדערט די געדאַנקען פון חסידיזם האָט שטיינבערג געשילדערט די לעבעדיקע מענטשן אין דער חסידישער באַוועגונג. ער האָט אויך געשריבן אַ סך שיינע משלים און פּרוון פון ראָמאַנען, וואָס האָבן אַרויס־געבראַכט דאָס לעבן פון דעם נייעם יִדישן דור אין בעסאַראַביע, נאָך דעם, וואָס די השכלה האָט אים געעפנט אַ פענצטער און אַ טיר צו דער וועלט. פון אַ שפּעטערדיקן דור איז דער שרייבער ש. בן־ציון (גוטמאַן), וואָס האָט געוויזן די צעריסענע נשמות פון דעם נייעם דור אין בעסאַראַביע. ער האָט באַשריבן אינטעליגענטן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט אין די פאַרשידנסטע טיילן פון דער וועלט און דערנאָך קיין ארץ־ישראל.

אין דער זעלביקער צייט, האָט שפּיצבערג ווייטער גערעדט, איז פון דער בעסאַראַבישער שטאָט בעלץ אויסגעוואַקסן איינער פון די גרעסטע העברעיִשע דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער פון דער ביאַליק־עפּאָכע, יעקב פיכמאַן, וועלכער האָט אויך געשריבן אין יִדיש און ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ליבע צו אונדזער מאַמע־לשון. אין יִדיש האָט יעקב פיכמאַן אַרויסגעוויזן אַ זעלטע־נע נאָסטאַלגיע צו בעסאַראַביע, כאָטש די דאָזיקע בענקשאַפט האָט אויך נישט געפעלט אין זיינע העברעיִשע לידער. ער האָט מער פּייזאַשן ווי אַלע העברעיִ־שע דיכטער און זיינע פּייזאַזשן זענען שטענדיק בעסאַראַבישע. מען פלעגט אַמאָל אין אַלע בעסאַראַבישע שטעטלעך זינגען פיכמאַנס ליד „בענקען״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

אין פיל שטעט און אין מדינות
האָב איך שוין געלעבט, געליטן,
כ׳האָב אָן פרייד, אָן טרויער איינע
אויף די צווייטע אויסגעביטן.

יעקב באַטאָשאַנסקי

נאָר אַ שטעטעלע אַ קליינינקס
לעבט נאָך איצט אין מיין זכרון
און עס רופט אַרויס דאָס בענקען
נאָך די אַלטע קינדער־יאָרן.
עס איז אַ שטעטעלע אָן אָרעמס,
ס׳האָט קיין אויסגעצירטע גאַסן,
ס׳שטייען שטיבלעך דאָרט צעוואָרפן,
ווייס געשמירט מיט שוואַרצע פּאַסן.

און דאָס דאָזיקע ליד פאַרענדיקט זיך מיט דעם, וואָס דער דיכטער שיל־דערט, ווי ער געפינט זיך אין דער פרעמד און ער זאָגט:

בלאָנדזשעסט דו אַליין, פאַרשלאָסן,
ווו אַ טיר און ווו אַ טויער,
וועמען זאָלסטו דאָ דערציילן
פון דיין בענקען? פון דיין טרויער?
זוכסט אַ גרעזל, אַ באַקאַנטעס,
אונטער ווו אַ פּלויט אָן אַלטן,
אפשר גליט דיר ווו אַ פונק נאָך —
אין דיין לעבן דאָ, אין קאַלטן
און געפינסט נישט... נאָר פאַרגעסן
קאָנסטו נישט די מאָרגן־שטראַלן.
ס׳הויבט דער האַרבסט־ווינט אָן צו בלאָזן
ס׳הויבן בלעטלעך אָן צו פאַלן —
און דו טראָגסט אַלץ טיף אַ בענקען
און אַ חלום זיס און טייער
צו דער בר״יטער ערד דער פרישער
צו דער גרינער ערד דער פרייער.

שפּיצבערג האָט נאָך דעם געערעדט וועגן דעם גרעסטן יידישן פאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג, וואָס שטאַמט פון בעסאַראַביע. ער איז געווען יהודה שטיינ־בערגס אַ שוועסטערקינד, ער האָט געשריבן אויך העברעיש, אָבער מער יידיש. ער האָט אויך געשריבן קינדער־לידער און קינדער־מעשיות און ער איז גע־ווען איינער פון די אייגנאַרטיקסטע יידישע פּעדאַגאָגן. זיינע קינדער־לידער שטרעבן צו פאַראייניקן יידיש מיט העברעיש און זיי זענען אי פּאָעזיע, אי פּע־דאַגאָגישער מאַטעריאַל. אייניקע פון זיינע משלים זענען געוואָרן ממש פאָלקס־

שאַפונגען. זיין משל „דער חלף און די זעג" ווערט רעציטירט אין דער גאַנצער וועלט און איז איבערגעזעצט אויף העברעיִש און אַנדערע שפּראַכן. אַ סך פון זיינע מוסר־השכּלס וואָלטן געקענט ווערן פאָלקס־ווערטלעך. ער גיט זיך אַ זאָג ביים סוף פון אַ משל: „גוטע צייטן — חיריק זאָל פון אויבן רייטן". ווען די נאָז נעמט זיך צו שטאַרק איבער און וויל נישט ליידן, וואָס די בריל פאָרט אויף איר רייטנדיק, זאָגן איר אַלע אברים:

ביזט דאָך פאָרט אַ מיאוסע כּלי
פרעג זיי מוחל די פּאַטשיילע...

איך וואָלט אייך געקענט, האָט שפּיצבערג געזאָגט, ריידן און וועגן אליעזר שטיינבאַרג, אָבער די צייט דערלויבט נישט. עס זענען לעבן אים גע־וואַקסן צוויי אייגנאַרטיקע יידישע שרייבער, וואָס קומען פון דעם זעלבן שטעטל ליפּקאַן, ווו ער איז געבוירן. דאָס זענען יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן. דער לעצטער האָט געשילדערט די אומרויִקייט פון דעם בעסאַראַבער ייִדן, וואָס וואַקסט מיט אים אינאיינעם פון קינדווייז אָן. די אומרויִקייט, וואָס אַלט־מאַן רופט „דער בלוד" כאַפּט אָן דעם ייִדן אין דער קינדהייט און פאַרפירט אים אין אָפּגרונט אַריין, פון וואַנען ער רייסט זיך שטענדיק צוריק. יעקב שטערנבערג איז אַ היפּער ראַפינירטער דיכטער, וואָס האָט צום מערסטן גע־שילדערט די שטאָט מיט איר צערודערטקייט פון קאָרומפּירטקייט, אָבער ער האָט אָפּגעגעבן צינז צו בעסאַראַביע און ער האָט בעסאַראַבישע לאַנדשאַפטן, וואָס געהערן צו די שענסטע אין דער ייִדישער פּאָעזיע. איך וועל אייך איין פּייזאַזש זיינעם ציטירן, וואָס כאָטש ער איז געשריבן אַביסל צו מאָדערניסטיש, וועט איר אים דאָך פאַרשטיין און איר וועט זען בעסאַראַביע:

גרוי דער הימל, גרוי צעשויבערט,
ווי אַ זקנס קאָפּ
ערגעץ פאָרט אַ וואָגן און עס סקריפּען רעדער
מיט אַ פוילן טראָט.
ס'פאָרט אַוועק די זומער־נאַכט,
אויף אַ וואָגן שטרוי,
אויף אַ וואָגן מיט צוויי אָקסן
פירט זי אָפּ אַ גוי.
קלאָץ פון ברונעם קרעכצט פאַר תענוג
שיבה טובה קלאָג.
באַרוועס שוועבט אָן אַלטע גויע —
טאָג!

איך וואָלט געדאַרפט דערמאָנען און דערמאָנען, האָט שפּיצבערג געזאָגט. עס איז אונטערגעוואַקסן אַ גאַנצער דור פון יונגע בעסאַראַבער שרייבער, וואָס האָבן זייער אַ סך צוגעזאָגט און ווער ווייסט ווו זיי זענען איצטער. אין נאָרד־אַמעריקע זענען פאַראַנען אַ סך יידישע שרייבער, וואָס שטאַמען פון בעסאַראַביע. פון די פּראָזע־שרייבער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אייזיק ראַבאָי, וואָס איז אָנערקענט ווי איינער פון די גרעסטע יידישע נאָוועליסטן. ער האָט געשילדערט בעסאַראַבישע יידן אין די פאַראייניקטע־שטאַטן. יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט אויך נישט געקענט צופּאַסן צום לעבן פון דער שטאָט און זיי זענען אַוועק אין די ברייטע סטעפּעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס ווערן גערופן „פּריירים״. זיי ווערן געשילדערט מיט זייערע ברייטע כאַראַקטערס, ברענענדיקע ליידנשאַפטן און מיט זייער בענקשאַפט אי נאָך בעסאַראַביע אי נאָך ארץ־ישראל. און צווישן די דיכטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן צייכנט זיך אויס דער בעלצער אפרים אויערבאַך, וואָס איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער יידישער דיכטער מיט פאַרנעם, אַ באַזינגער פון יידישער טראַדיציע, אַן איבערדיכטער פון יידישע תפילות, אַ שילדערער פון מענטשן אין דער פרעמד און מענטשן, וואָס קריכן אַרויס פון דער אייגענער הויט און ליידן פון טראַגישער צעריסנקייט. און פון דער אַנדערער זייט שילדערט אויערבאַך גאַנצע בעסאַראַבישע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט גערירט פון דער דאָרטיקער שוואַרצער ערד און האָבן אין די שווערע גופים זייערע איידעלע נשמות. קיינער ווי אויערבאַך האָט נישט אַזוי באַזונגען די פּילפּאַרביקייט און די קראַפט פון יידיש. אין אַ ליד זאָגט ער צו אונדזער מאַמע־לשון:

פאַר מיר ביזטו אַ רעגנבויגן פון קאָלירן,
געמישט פון קלאַנג, געזאַנג, געוויין און פרייד,
איך הער אין לויטערקייט פון דיינע רייד
מיין מאַמעס פשוט, כשר האַרץ וויברירן.
דער שמיד האָט דיך געהאַמערט רינג און קייט,
די דינסט־מויד האָט געזונגען דיך אויף טירן,
געזעל האָט דיך גענומען אויפן פעלד שפּאַצירן,
דער „סטעפּניק״ האָט דיך אין דער בייט פאַרזייט.
דו ביזט אַ נס, דיין וואָרט און יעדער אות באַזונדער
איז קראַפט, איז פאַרב, איז זוניקייט, איז זיבן וונדער.

שפּיצבערג האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער רעדט איצטער פאַר בעסאַראַבישע יידן צו דער געלעגנהייט פון אַזאַ אייגנאַרטיקער שמחה, ווייזט זיך אים אויס, אַז ער זעט פאַר זיך גאַנץ בעסאַראַביע און

אַלע בעסאַראַבישע ייִדן פון דאָרט. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן זענען זיי געווען דריי הונדערט טויזנט נפשות און וויפל זענען פון זיי נאָך געבליבן? און מיר, האָט ער געזאָגט, די בעסאַראַבער ייִדן אין די אַמעריקעס, זענען מיר נאָך יענע פשוטע און האַרציקע ייִדן? אפרים אויערבאַך שילדערט איינעם אַ מענטשן, וואָס הייסט הערי שעילפן, וואָס שטאַמט פון בעסאַראַבישן שטעטל קאַפרעשט. דאָרטן האָבן געוווינט פינף דורות זיינע עלטערן, זיי האָבן אַלע גע־הייסן חלפן און ער אַליין האָט אויך געהייסן הערשל חלפן. און ער זאָגט זיך:

אַ מענטש דאַרף הייסן הערשל חלפן,
פשוט: הערשל פון קאַפרעשט.
אַ מענטש דאַרף אומקערן זיך צוריק צו זיבן דורות חלפן
און שטעלן זיך מיט זיי:
דער אַכטער חלפן.

אפרים אויערבאַך טענהט זיך אויס מיט די בעסאַראַבישע ייִדן אין דער אַלטער שפּראַך און ער ניצט אַזעלכע בעסאַראַבישע ווערטער, ווי: „ברע אָמור־לע” (העי, מענטש) און „וואַרבע דע קליאַקע” (רייד צוליב רייד). מיר אַליין, האָט שפּיצבערג געזאָגט, איז אויסגעקומען צו טרעפן אַ סך בעסאַראַבישע ייִדן, וואָס האָבן אַליין געפּרוווט אַרויסקריכן פון דער אייגענער הויט און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די קינדער זייערע זענען שוין אינגאַנצן אַוועק פון די זיי־דעס. איך האָב דאָס געזען אין אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. אָבער עס טרעפט נישט איין מאָל, אַז די אייניקלעך קערן זיך אום צוריק. און ווען איך שטיי דאָ־אָ און איך זע אייך אַלעמען פאַר מיר און איך באַטייליק זיך אין אַזאַ מין סאַרט שמחה, וואָס איך ווייס נישט, צי עס זענען ערגעץ געווען אַזעלכע, פיל איך אי אַ פרייד אי אַ טרויער ביים האַרצן. און עס דערוועקן זיך האָפענונ־גען און עס ווילט זיך גלויבן, אַז נאָך איז נישט אַלץ פאַרלוירן. די טאַטעס און זיידעס אונדזערע זענען געווען קרעפטיקע ייִדן. עס זענען געווען בעסאַראַבישע ייִדן ווי בערג און ווי וועלדער, זיי האָבן געהאַט כוח ווידערצושטיין די גרעס־טע שונאים און זיי האָבן געהאַט גייסטיקע גבורה צו בלייבן דאָס דאָזיקע וואָס זיי זענען און דאָ זענען מיר אָפט ווי פלעווע אויפן ווינט. אָבער היינט וויל איך נישט טרויעריק זיין און איך וויל אייך נישט טרויעריק מאַכן. און מיר גלויבט זיך טאַקע, אַז עס איז צו פרי זיך מיאש צו זיין, אויב איך האָב געקענט אין סאַן־פּאַולאָ זיך באַטייליקן אין אַ יום־טוב פון דעם אַכציקסטן געבוירנטאָג פון אַ בעסאַראַביש ייִדישער מאַמע, וואָס האָט אַליין שוין באַלד אַ גאַנץ פאָלק מיט קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

שפּיצבערג האָט געענדיקט זייןריידן און ער האָט נאָך לאַנג געקוקט אויפן

עולם און באַזונדערס אויף דער העלדין פון טאָג און דער עולם האָט נישט אויפגעהערט צו אַפּלאָדירן און צו שרייען: „זאָל לעבן"...

שפּיצבערג האָט דערמאָנט נאָך עטלעכע העברעיִשע און ייִדישע דיכטער פון בעסאַראַביע. ער האָט דערמאָנט דעם צאַרטן דיכטער אליהו מייטוס, וואָס האָט פון צייט צו צייט אויך געשריבן ייִדיש און ער האָט אין מאַמע־לשון אַריינגעבראַכט תנכישע ווערטער און סימבאָלן. און ער האָט דערמאָנט דעם ייִדישן דיכטער אליעזר גרינבערג, וואָס איז קיין ניו־יאָרק געקומען פון ליפּקאַן אַ יונגער בחור „מיט צוויי הענט ווי לאָפּעטעס". און נאָך דעם, וואָס ער האָט באַזונגען דאָס אידילישע לעבן אין שטעטל, האָט ער באַזונגען דאָס שטורמישע לעבן פון ניו־יאָרקער גאַסן און עוועניוס און ער האָט דערנאָך געמוזט זינגען וועגן „דער נאַכט פון לאַנגן מעסער", אין וועלכער מען האָט געקוילעט ייִדן... ער האָט דערמאָנט נאָך אַ סך יונגע ייִדישע און העברעיִשע דיכטער פון בעסאַראַביע און ער האָט פאַרענדיקט: „אַ ישוב, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ אַ ייִדישע מאַמע, האָט געמוזט אַרויסגעבן אויך ייִדישע שרייבער און וויכטיקע ייִדישע מענטשן"...

די ערשטע איז צו שפּיצבערגן צוגעלאָפן די העלדין אַליין. זי האָט פאַרגעסן אין איר „קעניגלעכער" פּאָזיציע און זי איז צוגעלאָפן צו אים, נישט ווי אַן אַכציק יעריקע פרוי, נאָר ווי אַ קליין מיידעלע און זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירעביידע שטאַרקע הענט און אים צוגעדריקט צו זיך און געגעבן אַ קוש אין שטערן. און דער עולם האָט אַפּלאָדירט און געלאַכט און זיך געפרייט און ווער עס האָט געהאַט גאַט אין האַרצן איז צוגעלאָפן צו אים און אים געדריקט די האַנט און באַגריסט. אויך די האַלב־אינדיאַנישע פרוי פון דעם באָליוויאַנער סענאַטאָר ד"ר עסטעבאַן בערק איז צוגעלאָפן צו אים און האָט אים באַגריסט און אויסגעדריקט איר באַדויערונג, וואָס זי האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען און זי האָט צוגעגעבן, אַז דערפאַר האָט זי אַלץ געפילט. אויף איר קוקנדיק איז שוין דער מאַן אירער, דער סענאַטאָר אַליין אויך צוגעגאַנגען און באַגריסט און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז בעסאַראַבער ייִדן האָבן אַזעלכע ליטעראַרישע שאַפונגען. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז די בעסאַראַבישע ייִדן זענען געווען אויפריכטיקע און געזונטע. אויך דער גענעראַל וואַשינגטאָן קאַוויס איז שוין אויך צוגעגאַנגען צום שרייבער אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי ערנעסטינאַ, די דייטשע ייִדישע טאָכטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן נאָך וואַזשנער און פרעמדער ווי איר מיליטערישער מאַן און זיי האָבן אים ביידע באַגריסט. דער גענעראַל האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט נישט דערציילט, צי בעסאַראַבישע ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט מיליטערישע פעיִקייטן און שפּיצבערג האָט אים געענטפערט, אַז זיי האָבן נישט גע־

האָט קיין געלעגנהייט דערפאַר. מען האָט זיי נישט דערלויבט צו זיין קיין אָפּי־צירן, אָבער אין די צייטן פון פּאָגראָמען האָבן די יידישע זעלבסטשוצן דאָרטן אַרויסגערוקט אַ סך מענטשן מיט סטראַטעגישע פעיִקייטן. צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן דעם שרייבער צום הייסטן באַגריסט איז געווען דער אַקטיאָר אַלע־כּאַנדראָ און זיין פרוי מלכה, די טאָכטער פון אַ יידישן אַקטיאָר. זיי האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט נישט גערעדט וועגן די אַקטיאָרן וואָס בעסאַראַ־בער יידן האָבן אַרויסגעגעבן און ער האָט געענטפערט, אַז דאָס דאָזיקע איז טאַקע געווען אַ פעלער, אָבער אַלץ האָט ער נישט געקענט אַרומנעמען. בע־סאַראַבער יידן האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע אַקטיאָרן און גרויסע זינגער און זיי האָבן אויך אַרויסגעגעבן פערזענלעכקייטן מיט וועלט־נעמען. דער קעשע־נעווער ייִד מ. גערשנזאָן איז געווען איינער פון די גרעסטע רוסישע דענקער. דער קעשענעווער ייִד פּאַטלאַזשאַן האָט זיך געמאַכט אַ וועלט־נאָמען ווי אַ גרויסער סקולפּטאָר און דער קעשענעווער ייִד דויד (דייוו) קעסלער איז אפשר געווען דער גרעסטער יידישער אַקטיאָר.

אַלע אַנוועזנדיקע האָבן אַ לאַנגע צייט אַרומגערינגלט שפּיצבערגן און זיי האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן. מען האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער שטאַמט און ווען ער וואָלט געהאַט מיט זיך זיינע ביכער, וואָלטן זיי זיך באַלד גע־שטעלט זיי לייענען. און ער האָט גערעדט און דערציילט און ער האָט ווייניקער גערעדט וועגן זיך און מערער גערעדט וועגן אַנדערע העברעיִשע און יידישע שרייבער און ער האָט דערציילט וועגן אַקטיאָרן און חזנים און וועגן מבינים אויף טעאַטער און חזניש אין בעסאַראַביע און וועגן רבנים און לומדים און וועגן פשוטע יידן. ער האָט געגומען דערציילן וועגן פאַרשידענע טיפּן פון בע־סאַראַבישע יידן, וואָס ער האָט אַליין געקענט און דער גאַנצער עולם האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט האַלטן אַ גייעם רעפעראַט, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין רעדע נאָר פשוט אַן איי־גענער מענטש, וואָס קען אַ סך אייגענע מענטשן איז געשטאַנען און ער האָט דערציילט. ער האָט דערמאָנט, אַז ווען ער איז געווען אַ ייִנגל אין דער קעשע־נעווער ישיבה, איז ער אַמאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ יידישן שענק אין אַ פאַר־נאַכט נאָך ווייִן, איז דאָרטן געווען אַ באַרימטער מאָלדאַוואַנישער גיבור און קאַנדאַליסט, וואָס האָט באַליידיקט יידן און געמאַכט חוזק פון זיי. איז צו אים צוגעגאַנגען אַ ייִד, וואָס איז אויך נישט געווען קיין שיפע זיבעלע און ער האָט אים דערלאַנגט אַ פאַטש, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן. עס האָט געדויערט אפשר צען מינוט ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געפרעגט ווער עס האָט אים דערלאַנגט דעם פאַטש און דער ייִד האָט זיך נישט דערשראָקן און ער האָט אים געזאָגט אָפן און מוטיק: „איך!". מען האָט

געמיינט, אַז דער שלעגער וועט זיך וואַרפן צו אים שלאָגן, אָבער עס איז נישט געווען אַזוי, ער האָט אים גאָר פאַרבעטן צו טרינקען מיט אים אַ קוואָרט ווייַן און ער האָט אים געזאָגט:

— אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך נאָך נישט געכאַפּט אַזאַ שטאַרקן פּאַטש.

שפּיצבערג האָט פאַרגעשטעלט אַ בעסאַראַבישן ייִדן אַ גבר, וועלכן מען האָט גערופן משה צאַראַן (פויער), אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ רייף אַרום דעם בויך. מען האָט געזאָגט אַז שטאַרקע מענטשן האָבן אַזעלכע רייפן. אַלע אַנטיסעמיטן האָבן פאַר אים מורא געהאַט, אָבער ער איז געווען אַ גרויסער פרעסער און ער פלעגט יעדן פרייטיק עסן אַזוי פיל צימעס־פּאַסאָלעס, אַז מען האָט מורא געהאַט פאַר זיין געזונט. און איין מאָל האָט ער זיך טאַקע איבערגעפרעסן און געקראָגן קראַמפן און פאַר וויטיק צעבראָכן מיט די הענט דאָס אייזערנע בעטל אויף וועלכן ער איז געלעגן און ער איז גע־שטאָרבן. ער האָט געשילדערט, ווי אין קעשענעוו ביים אַרויסגיין פון דער גרויסער באָד פלעגט מען שטיין מיט פעסער ווייַן און פאַרקויפן אַ גאַנצע קוואָרט פאַר איין קאָפּיקע. און מען האָט געטרונקען, אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום איז מען געווען אויסגעפּוצט אין די שילן און מען האָט געהערט די האַרציקסטע בעלי־תפילות און די גרעסטע חזנים. שפּיצבערג האָט אויך דערציילט פער־זענלעכע זכרונות וועגן אייניקע בעסאַראַבישע רבנים און דיינים און וועגן מאָ־דערנע ייִדישע פירער. און ער האָט אַרויסגערופן דערינערונגען ביי אַ סך פון די אַנוועזנדיקע און זיי האָבן אויך גענומען דערציילן עפּיזאָדן וועגן פאַרשי־דענע מאָמענטן אין ייִדישן לעבן אין בעסאַראַביע, סיי אין די טרויעריקע צייטן, סיי אין די פריילעכע צייטן. אייניקע האָבן גענומען דערציילן פאַרשידענע בע־סאַראַבישע לעגענדעס וועגן ייִדן און וועגן קריסטן און וועגן די באַציִונגען צווישן אָט די ביידע. און חוה־טויבע אַליין האָט אויך זיך דערמאָנט אין אַ סך זאַכן און זי האָט דערציילט וועגן די ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס זענען צום ערשטן מאָל געקומען קיין בעסאַראַביע צוריק מיט 70 יאָר. זי געדענקט נאָך ביז היינט די געזאַנגען פון די גאָלדפאַדענישע פּיעסן וואָס זיי האָבן געשפּילט. און עס האָט נישט געדויערט לאַנג און דער עולם האָט גענומען זינגען מעלאָדיעס פון גאָלד־פאַדענס פּיעסן. מען האָט געזונגען דאָס פריילעכע ליד „אַנגעלאָדן מיט אַל־דאָס גוטס‟, דאָס גלוביקע ליד „באַלד וועט שוין ציון הערן ווידער פריילעכע און לוסטיקע לידער‟ און מען האָט געזונגען דאָס שענסטע וויג־ליד פון ייִדישן טעאַטער, מיט וועלכן שרה פאַרוויגט איר זון יצחק און זי זאָגט אים:

דו וועסט גרויס ווערן, זונעניו,
וועסטו זיך דערמאָנען אין מיין לידעניו

פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
דאָס וועט זיין דיין באַרוף,
מיט דעם זאַלסטו, זונעלע, האַנדלען,
דערווייל שלאָף, ידעלע, שלאָף.

און דער בעסאַראַבישסטער פון די אָוונטן ביי יענער פייערונג איז פאַרענ־דיקט געוואָרן מיטן זינגען פון גאָלדפאַדענס „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״, וואָס איז אפשר דאָס שענסטע ליד פון יידישן טעאַטער און וואָס האָט געגרייכט אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, ווי עס האָט שפּעטער מיט יאָרן דערגרייכט מאָריס ראָזענ־פעלדס ליד „מיין יינגעלע״ און שלום־עליכמס „וויג־ליד״.

אין מיטן זינגען האָבן זיך מענטשן דערמאָנט פאַרשידענע מאָמענטן. מען האָט דערציילט וווּנדער וועגן גרויסע אַקטיאָרן, סיי אַזעלכע, וואָס זענען גע־ווען זינגער און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין בר־כוכבא און אַבישלום און סיי אַזעלכע, וואָס זענען געווען דראַמאַטישע שוישפּילער און האָבן זיך אויסגע־צייכנט אין אַזעלכע ראָלן ווי אוריאל אַקאָסטאַ, הערשעלע דובראָוונער, טביה דער מילכיקער, אָדער גאָר סטרינדבערגס „פאָטער״ און אַפילו אין פּיעסן פון איבסען און שעקספּיר...

עס האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט אַהיים צו גיין אין יענעם אָוונט, ווען אַלע האָבן זיך אין עפּעס דערמאָנט פון דער אַלטער היים און דערציילט און געזונגען. און כאָטש פאַר דעם יונגן דור, וואָס איז געקומען קליינערהייט קיין אַמעריקע, אָדער דאָ געבוירן געוואָרן, איז דאָס אַלץ געווען פרעמד און זיי האָבן נישט אַלץ פאַרשטאַנען אין דעם יידיש, וואָס מען האָט גערעדט און איז געווען געמישט מיט מאָלדאָוואַניש און מיט רוסיש, האָבן זיי זיך אויך צוגעהערט סיי צו די רייד און סיי צו די געזאַנגען און די לידער האָבן זיי אָפּט מיטגע־זונגען. און די עלטערן האָבן זיך צו זייערע קינדער אַנטפּלעקט אין אַ נייער פאָרעם. זיי האָבן זיי געקענט ווי אַזעלכע וואָס זענען שטענדיק באַשעפטיקט און באַזאָרגט און האָבן אין זין פּרנסה און מסחר און דאָ האָבן זיי זיך אַרויס־געוויזן ווי נייע מענטשן, מיט הערצער, מיט נשמות, מענטשן, וואָס האָבן אַ סך איבערגעלעבט און געדענקען דאָס. מענטשן וואָס האָבן ליב געהאַט און געליטן און געזונגען און ליב געהאַט צו זינגען. די קינדער האָבן זיך באַהעפט יענעם אָוונט מיט די עלטערן, וואָס זענען זיי געוואָרן מער נאָענט און זיי האָבן זיי מער ליב באַקומען און זיי זענען געוואָרן איינס מיט זיי...

חיים האָט גענומען מאַכן אַ סך־הכל פון דער יום־טובדיקער וואָך און ער האָט דערפילט, אַז עס איז פאָרגעקומען פאַר אָט דער צייט אַ סך שיינקייטן און מען האָט איבערגעלעבט מערער וויפל מען קען איבערלעבן אַן אַנדערש מאָל אין משך פון יאָרן. אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דער גאַנצער צייט פון דעם ערשטן אָוונט־ברויט פאַראַכטאָגן דאָנערשטיק און דעם גרויסאַרטיקן עונג שבת ביז צו דעם אָוונט מיט דעם בעסאַראַבישן שרייבער, ביי וועלכן אַלע האָבן אויסדערציילט און אויסגעזונגען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך פון דער אַלטער היים, האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. ער האָט זיך אַליין נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט זיין אַזוי גרויסאַרטיק און אַזוי שיין. און דאָס דאָזיקע האָבן אים געזאָגט אַלע זיינע דריי ברידער און די צוויי שוועסטער מיט די שוועגערנס און שוואָגערס און די דערוואַקסענע פלימעניקעס און די מאַמע אַליין. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט גע־מיינט אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין גאַנצע צען טעג פאַר דער דאָזיקער פייע־רונג. זי האָט געזאָגט, אַז אויב אַ געוויינלעכער געבורינטאָג געדויערט איין אָוונט, האָט אַזאַ אַכציק־יאָריקער געבורינטאָג געדאַרפט געדויערן אַ צוויי, אָדער העכסטנס דריי אָוונטן, אָבער נישט קיין צען. און איצטער וויזט זיך איר אויס, אַז צען אָוונטן זענען אויך נישט גענוג. מען וואָלט געדאַרפט האָבן אפשר הונדערט אָוונטן, אַז מען זאָל זיך קענען איבערגעבן אַלע געפילן פאַר דעם, וואָס עס איז שוין געווען און פאַר דעם וואָס עס דאַרף נאָך זיין. און די ברידער האָבן דאָס אים געזאָגט נאָך שאַרפער. זיי האָבן געמיינט, אַז עס וועט עפּעס זיין אַ נאַרישע קאָמעדיע און צום סוף איז דאָס געווען אַזוי גוט, אַז עס גלוסט זיך אין איין צייט אי וויינען, אי, אי לאַכן. און דער פלימעניק ד״ר כעראָנימאָ האָט געזאָגט, אַז פאַר אים איז דאָ געווען אי תשעה־באָב, אי יום־כיפור, אי שמחת־תורה. אַפילו די לינקע פלימעניצע זיינע, די 19־יאָריקע חוצפּהדיקע טאָכטער פון זיין ברודער ישראל, מאַרגאַריטאַ, האָט אים עטלעכע מאָל גע־זאָגט: „בראַוואָ פּעטער. איר האָט דאָס געמאַכט זייער שיין, איך וועל אַלצדינג געדענקען!״.

אַלץ איז טאַקע געווען גוט און שיין, אָבער עס זענען נאָך געבליבן דריי אָוונטן. עס איז נאָך געווען אַ פּרייטיק־צו־נאַכט און אַ שבת־צו־נאַכט און אַ זונטיק ביינאַכט און חיים האָט זיך אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויסצוטראַכטן עפּעס

פאַר אַט די דריי נעכט. און ער האָט צו הילף זיך גענומען צום טראַכטן אַלע דערוואַקסענע פלימעניקעס זיינע און מען האָט זיך דערטראַכט צו פאַרשידענע עקסקורסיעס צו מאַכן אַרום דער שטאָט. אָבער דאָס אַלץ איז געווען גוט פאַר פרייטיק און זונטיק בייטאָג, אָבער פאַר די אָוונטן איז נאָך קיין פּראָגראַם נישט געווען. איינע פון די שענסטע עקסקורסיעס וואָס זיי האָבן געמאַכט איז געווען צו אַ שלאַנגען־אינסטיטוט, וואָס הייסט „בוטאַנטאַן". מען זאָגט, אַז אין דעם דאָזיקן אַנשטאַלט זענען פאַראַנען די אינטערעסאַנטסטע שלאַנגען אין דער וועלט און עס איז דאָרטן פאַראַנען די רייכסטע קאָלעקציע פון די דאָזיקע באַשעפענישן. אויך חוה־טויבע איז מיטגעפאָרן און זי האָט געקוקט אויף די אַלע שלאַנגען מיט נישט ווייניקער נייגעריקייט, ווי עס האָבן געקוקט אירע זעכצן, פערצן און צוועלף יאָריקע אוראייניקלעך. זיי האָבן געזען די ריזיקע באָאַ־שלאַנג, וואָס קען אויפעסן אַ גאַנצן אָקס. די באַגלייטער האָבן דערקלערט, אַז ווען מען וויל כאַפּן אַזאַ שלאַנג גיט מען איר איינצושלינגען אַן אָקס, ווערט זי מיד און זי שלאָפט איין און מען כאַפּט זי שלאָפנדיקערהייט. מען האָט זיי געוויזן גרויסע שלאַנגען, וואָס פאַרמאָגן גאָר קיין סם נישט און קליינע שלענגעלעך, וואָס מען קוועטשט אַלע טאָג אַרויס פון זיי אַזוי פיל סם, וואָס איז גענוג אומצוברענגען טויזנטער מענטשן. חוה־טויבע האָט געזען אַ גאָר קליין שלענגעלע, וואָס מען האָט דערקלערט, אַז דאָס כאַפּט זיך אַרויף אויף אַן אָקס, וואָס איז די שטאַרקסטע חיה אין דער וועלט (ער איז שטאַרקער פון אַ לייב און פון אַ טיגער, נאָר ער איז נישט ווילד), און דאָס קליינע שלענגעלע גיט אים איין אַ קליין ביסעלע סם דורך אַ „קוש", פאַלט דער אָקס באַלד אַנידער אַ טויטער. חוה־טויבע האָט געזאָגט, אַז ווען זי איז גאָט, וואָלט זי געמאַכט פאַרקערט: זי וואָלט באַשאַפן אַזאַ קליין שלענגעלע, וואָס זאָל זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ שטאַרקער באַשעפעניש, וואָס איז שוין טויט און זי מאַכן לעבעדיק. אַלע האָבן געלאַכט און זיי האָבן זיך געפרייט מיט דעם שיינעם אָפּטימיסטישן געדאַנק, וואָס די אַלטע פרוי האָט אַרויסגעזאָגט.

און טאַקע אין הויף פון דעם שלאַנגען־אינסטיטוט האָט חיים איינאיינעם מיט זיינע פלימעניקעס באַשלאָסן, אַז דער פרייטיק־צו־נאַכט וועט דורכגיין אין אַ היימישן עונג־שבת און אויב עס וועלן צוקומען געסט וועט מען זיי נישט אַרויסטרייבן. שבת־צו־נאַכט וועט מען מאַכן דעם גרויסן טראַסק. דעם גרעסטן יום־טוב פון דער גאַנצער צייט. מען וועט פאַרבעטן אי דעם רב, אי דעם שרייבער, אַז זיי זאָלן ריידן קורץ און דעם חזן, אַז ער זאָל זינגען. און דערנאָך וועלן שוין אַלע ריידן און אַלע זינגען. מען וועט לאָזן פריי פאַר אַלעמען. און נאָך האַלבער נאַכט ערשט זאָלן קומען קלעזמער און מען וועט טאַנצן, אַפילו ביז דעם ווייסן טאָג אַריין טאַנצן.

— און זונטיק?

די דאָזיקע פראַגע האָבן זיך אַלע געשטעלט און דער ענטפער איז געקו־מען פון זיך אַליין. זונטיק וועט זיין דער געזעגענונג־אָוונט. וועגן אים וועט מען טאַקע קיינעם נישט מעלדן און ער וועט פאַרקומען נאָר אין דער משפחה. נאָר די מאַמע, די קינדער, די אייניקלעך און די אוראייניקלעך וועלן זיך באַ־טייליקן אין דעם דאָזיקן אָוונט. מען וועט פאַר אַלעמען ריידן, ווער עס וועט וועלן וועט ריידן און זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. און דאָס לעצטע וואָרט וועט האָבן חוה־טויבע אַליין. און נאָך איר וועט שוין קיינער נישט ריידן. קיינער וועט שוין נישט טאָרן ריידן. מען וועט מעגן זינגען, זיך אַרומנעמען, זיך האַלטן ביי די הענט, זיך קוקן אין די אויגן אַריין און זיך קושן. ביזן ווייסן טאָג אַריין וועט מען דאָס דאָזיקע מעגן טאָן און ביז די עראָפּלאַנען וועלן אַוועקפליען...

און די דריי אָוונטן זענען פאַרגאַנגען מיט מער שנעלקייט ווי די ערשטע זיבן טעג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס גייט שוין באַרג־אַראָפּ און וואָס נענטער עס קומט צום סוף, אַלץ שנעלער קאַטשעט זיך דאָס. די צייט איז שוין איצ־טער נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן און געפלויגן. און אַלע האָבן באַדויערט, וואָס עס איז שוין מערער ווייטער ווי נאָענטער און אַלע זענען געוואָרן פילאָ־סאָפן און זיי האָבן די דאָזיקע צען טעג פאַרגליכן צו דעם גאַנצן לעבן פון מענטשן. די ערשטע יאָרן צ[י]ען זיך און געדויערן און אַמאָל דאַכט זיך, אַז זיי געדויערן לענגער ווי מען וויל, אָבער וואָס ווייטער עס גייט אַוועק, אַלץ שנע־לער נעמט דאָס לעבן לויפן.

און די דריי אָוונטן זענען דורכגעגאַנגען אַזוי ווי מען האָט דערוואַרט. עס איז דאָך שוין געווען פאַר זיי אַ מוסטער פון דעם ערשטן פרייטיק־צו־נאַכט און דעם צווייטן שבת־צו־נאַכט. פרייטיק־צו־נאַכט זענען די מאכלים געווען כמעט די זעלביקע, עסן דאָך מיליאָנען ייִדן שוין זייט הונדערטער יאָרן די זעלביקע מאכלים אין דער גאַנצער וועלט. מען האָט זיך דאָס מאָל נאָך מער אָפּגעגעבן מיט די קוגלען, וואָס זענען געווען געשמאַק, זיס און נישט זיס, אָבער פעט. זיי זענען אַלע געמאַכט געוואָרן מיט היגער־שמאַלץ און זיי זענען געווען אַזוי פעט, אַז עס האָבן געגרונען טראָפּנס פון זיי און מען האָט געזאָגט, אַז זיי ווייגען. זייט שטענדיק אָן זאָגט מען אין בעסאַראַביע אויף אַ זייער פעטן קוגל, אַז ער וויינט. די קוגלען האָבן אויך געוויינט, וואָס די צייט גייט אַריבער. און די זמירות האָט מען אויך געזונגען ווי פאַראַכטאָגן און מען האָט זיך דער־מאָנט אין נייע ניגונים, וועלכע מען האָט שוין צענדליקער יאָרן נישט געהערט אין מען האָט די זעלביקע זמירות געזונגען מיט אַנדערע ניגונים, וועלכע האָבן אַ סך מאָל יאָ געפּאַסט צו די ווערטער און אַ סך מאָל נישט געפּאַסט צו זיי. אָבער די גאַנצע זאַך איז געווען שיין און האַרציק און אין טרויער איז געווען

אַביסל פרייד און אין דער פרייד איז געווען טרויער און אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט מיט אַנאַנדער...

דער שבת־צו־נאַכטס איז געווען עפּעס ווי דרייפאַכיק לגבי דעם פאַראַכטאָגעדיקן. מען האָט אָנגעהויבן פון דעם, וואָס מען האָט געמאַכט אַ געוועט ווער עס וועט ברענגען אַ שענערע מעלאָדיע פאַר אליהו־הנביא. און דערווייל האָט מען שוין גענומען דערקלערן פאַרוואָס מען זינגט שבת־צו־נאַכט אליהו הנביא און מען האָט דערציילט אַלערליי מעשיות וועגן דעם דאָזיקן גרויסן נביא, וואָס אין ארץ־ישראל איז ער געווען אַ שטרענגער און ער האָט מוראַדיק שווער באַשטראָפט די געצנדינער און די פאַלשע נביאים און אין גלות איז ער געוואָרן דער גוטער נביא, דער רעטער, וועלכער באַווייזט זיך שטענדיק, ווען ייִדן זענען אין אַ נויט און ער ראַטעוועט און ער איז דער בשורה־אָנזאָגער פון משיחן. ער וועט זיך באַווייזן און ער וועט אָנזאָגן, אַז משיח וועט קומען. און אין דעם געזאַנג וועגן אליהו הנביא שבת־צו־נאַכט זאָגט זיך טאַקע, אַז אינגיכן, אינגיכן זאָל ער קומען צו אונדז, אינאיינעם מיט משיח בן־דוד. און אַ סך האָבן געבראַכט פאַרשידענע מעלאָדיעס צו דעם דאָזיקן געזאַנג און דאָס שענסטע איז פאַרבליבן דאָס דביקותדיקע, וואָס חסידים זינגען אין דער גאַנצער וועלט. און חוץ די צוויי הויפּט־רעדנער, דער רב און דער שרייבער, האָט גערעדט ווער נאָר עס האָט געוואָלט. דער רב האָט פאַרגליכן חוה־טויבעז צו דער מלכה שבת, וועלכע מען באַגלייט אַרויס שבת־צו־נאַכטס מיט אָנצינדן אַ פלאַם פאַר הבדלה און מיט די שענסטע געזאַנגען און מיט דער גרעסטער בענקשאַפט. און דער שרייבער האָט דערגאַנצט דאָס דאָזיקע וואָס ער האָט נישט געזאָגט אין זיין ערשטן רעפעראַט פון צוריק מיט עטלעכע טעג און ער האָט געשילדערט ווי אַזוי מען פלעגט ביי די פייכטע שויבן זאָגן אין די בעסאַראַבישע שטעט און שטעטלעך „גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקב" יעדן שבת פאַרנאַכט. אַ סך מאָל האָבן די שויבן ווי געוויינט פאַר שרעק. די עלטערע מענער זענען אַוועק אין שיל אַריין, אינאיינעם מיט די ייִנגלעך, איז די שטיבער זענען געבליבן די באָבעס מיט די מאַמעס מיט די מיידלעך. דאָס אָנקומען פון דער וואָך האָט געשראָקן. אַ סך מאָל פלעגן פאַלן שטיינער איז די ייִדישע שויבן אַריין און די מאַמעס און די באָבעס, אינאיינעם מיט די מיידלעך, האָבן געבעטן ביים גאָט פון די דריי אָבות, אַז ער זאָל באַהיטן זיין פאָלק. עס איז אויסגעקומען, אַז אום שבת דאַרף מען דאָס דאָזיקע פאָלק נישט היטן, דער שבת אַליין היט דאָס, דער שבת פאַרטרייבט דעם טרויער און די שרעק, אָבער באַלד ווי עס גייט אַוועק דער ליכטיקער שבת און עס קומט אָן די טונקעלע וואָכעדיקייט, קומט אויך אָן באַלד דער טרויער, די שרעק און די סכנה. און דערנאָך האָבן שוין גערעדט אַלע. עס האָבן גערעדט די געסט, וואָס זענען

שוין געווען ביי עטלעכע אָונטן. אייניקע האָבן נישט באַוויזן קיין איין מאָל צו ריידן, אַנדערע האָבן שוין געהאַט גערעדט און זיי האָבן גערעדט נאָך אַ מאָל. און אַלע האָבן אויסגעדריקט באַוווּנדערונג פאַר דער פאַמיליע בערקאָוויטש, וואָס האָט זיך קיין עין־הרע נישט אַזוי צעוואַקסן און גרייכט ביז צום שפּיץ און איז אי טיף, אי הויך, אי ברייט. די גרעסטע באַוווּנדערונג האָט מען אויסגעדריקט פאַר דעם שטאַם אַליין, פאַר דער מאַמען, פאַר חוה־טויבען. דער־נאָך האָט מען אויסגעדריקט באַוווּנדערונג פאַר דעם שטאַרקסטן צווייג פון אָט דעם שטאַם, פאַר חיימען, וואָס האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן און דורכפירן אַזאַ מין פייערונג, וואָס דאַרף בלייבן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. און מען האָט דערמאָנט אַלערליי מיטגלידער פון דער משפחה. ווער עס האָט דערמאָנט דעם ד"ר פון סאַנטיאַגאָ, ווער דעם ד"ר פון סאַן־פּאַולאָ, ווער די אַדוואָקאַטן פון סאַן־פּאַולאָ און לימאַ. מען האָט גערעדט וועגן די מיידלעך, דעם שוישפּי־לער אַלעכאַנדראָ און זיין האַרציקער פרוי, וואָס האָט דעם גאַנצן חן פון יידישן טעאַטער. מען האָט גערעדט וועגן דעם גענעראַל, וועגן דעם סענאַטאָר און מען האָט געזאָגט, אַז דעם סענאַטאָרס נישט־יידישע פרוי איז אפשר מער יידישע טאָכטער, ווי אַ סך אמתדיקע יידישע טעכטער. און עמיצער האָט געזאָגט, אַז עס קען זיין אַז די ד"ראַ ראָסאַ פּערעז גראַסיאָסאַ דע בערק איז אַ באַהאַלטענע יידישע טאָכטער און זי שטאַמט פון די עשרת־השבטים. עס האָבן גערעדט זייער אַ סך מענטשן פון דער משפחה און די ראַזשינקע איז געווען חוה־טויבע אַליין. זי האָט די גאַנצע צייט נישט גערעדט, אָבער זי איז שטענדיק געווען אין צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ווער עס זאָל נישט געווען ריידן און ווער עס זאָל נישט געווען זינגען זענען אַלע אויגן געווען אַנגעשטרענגט אויף איר. מען האָט אַזוי פיל געקוקט אויף איר, אַז מען האָט זיך געמעגט שרעקן פאַר אַ גוט אויג. מען האָט נישט גערדאַרפט זיין אָבערגלויבעריש מורא צו האָבן פאַר אַ גוט אויג. צענדליקער מענטשן האָבן געקוקט צענדליקער שעהען מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג אויף איין עלטערע פרוי. זי האָט גע־דאַרפט האָבן אַ גרויסן כוח פון ווידערשטאַנד, אַז מען זאָל זי נישט צערודערן פּסיכיש און אַפילו פיזיש מיט דעם קוקן. און צום שלוס פון דעם גרויסן, צווייטן שבת־צו־נאַכט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן כמעט ביז צו דעם מאָרגנשטערן, האָט זי געמוזט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, ווייל דער דאָזיקער אָונט איז דאָך שוין גע־ווען דער לעצטער פאַר דעם עולם. דער מאָרגנדיקער אויף־דער־נאַכט איז שוין געווען באַשטימט פאַר דער בלויזער משפחה. חוה־טויבע אַליין האָט זיך גע־שראָקן פאַר דעם מוזן נעמען אַ וואָרט. זי האָט פון פריער געטענהט צו חיימען און זיינע באַגלייטער און געזאָגט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? איך בין אַן אַלטע, פּשוטע יידענע, איך האָב

קיין מאָל אין מיין לעבן נישט גערעדט. איך האָב קיין מאָל נישט געהאַלטן קיין דרשה, פון וואַנען זאָל איך פּלוצים ווערן אַ רעדנערין?

אָבער אַז זי האָט גענומען ריידן, איז געווען אַ טעם, אַ רייץ און אַ חן אין אירע ווערטער. עמיצער האָט געזאָגט: עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ מיידל האָט אַזוי נישט קיין חן, אָבער ווען זי טוט אָן דאָס כלה־קלייד, באַקומט זי אַ באַזונדערן כלה־חן. און חוה־טויבע האָט סיי־ווי שטענדיק געהאַט חן. די ווערטער, וואָס זי האָט גערעדט פּריוואַט אין לעבן, האָבן געהאַט אַן אייגנאַרטיקן חן. און איצטער איז זי געווען ווי אַ כלה און דאָס דאַזיקע, וואָס זי האָט געזאָגט עפּנטלעך, האָט אויך געקראָגן אַ כלה־חן. זי האָט אָנגעהויבן דערמיט, וואָס זי האָט געדאַנקט אַלעמען פאַר דעם כבוד, וואָס מען האָט איר אָנגעטאָן, באַזונדער האָט זי געדאַנקט אַלע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, און גאָר באַזונדער איר עלטסטן זון חיים, וואָס האָט די גאַנצע זאַך דורכגעפירט מיט אַ זעלטענער עקשנות. און זי האָט דערנאָך געזאָגט, אַז זי האָט אין איר לעבן געהערט אַ סך באַרימטע רעדנער. דער גרעסטער רעדנער, וואָס זי האָט אַמאָל געהערט, איז געווען צבי מאַסליאַנסקי, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען דער גרעסטער בעל־דרשן ביי ייִדן. זי קען זיך אַפילו דערמאָנען אייניקע מעשיות, וואָס ער האָט דערציילט און ווי אַזוי ער האָט זיי דערציילט. זי האָט געהאַט די זכיה אין אָדעס צו זען אַ סך גרויסע מאָדערנע ייִדן, ווען זי איז געפאָרן אַהין נאָך סחורה. זי האָט געזען מענדעלע מוכר ספרים און חיים נחמן ביאַליק. דעם לעצטן האָט זי געהערט אויך ריידן אין אַ ציוניסטישער שול, וואָס מען האָט גערופן „יבנה”. זי האָט דאָרטן געהערט ריידן אַ שרייבער, וואָס איז דעמאָלט געווען באַרימט און ער האָט געהייסן אלחנן לעווינסקי. זי געדענקט זיינע קלוגע רייד. ביאַליק האָט נישט געטראָגן קיין באָרד און דער דאַזיקער לעווינסקי האָט געהאַט אַ קיילעכדיקע באָרד און ער האָט געקוקט מיט שטאַרק קלוגע אויגן אויף די אַלע, וואָס האָבן אים געהערט. אין יענער צייט זענען נישט געווען קיין סך רעדנער ביי ייִדן און דערפאַר האָט מען געקענט דערציילן נסים וועגן יעדן רעדנער. היינט זענען פאַראַנען אַזוי פיל רעדנער ביי ייִדן. אין די עטלעכע יאָר וואָס זי איז אין סאַן־פּאַולאָ האָט זי שוין געהערט ריידן וועגן אַ סך גרויסע רעדנער, וואָס זענען אַהער געקומען. און אַ סך פון זיי האָט זי אַליין געהערט. און אין די עטלעכע טעג, וואָס עס האָט געדויערט די פייערונג פאַר אירע אַכציק יאָר, האָבן דאָך גערעדט אַזוי פיל רעדנער און צווישן זיי אַ גרויסער רב און אַ גרויסער שרייבער. פאַרשטייט זי נישט פאַרוואָס מען וויל דווקא, אַז זי זאָל אויך ריידן. און זי ווייסט נישט ווי אַזוי זי זאָל ריידן — זי האָט דערביי געטאָן אַ קלוג ממזירישן פינטל מיטן אויג — צי אַזוי ווי מאַסלאַנסקי, צי ווי ביאַליק, ווי לעווינסקי, אָדער ווי די רעדנער, וואָס זי האָט

איצטער־אָ געהערט. די בעסטע זאַך וועט זיין נישט צוריידן, אָבער זי האָט דאָך סיי־ווי אַ סך גערעדט, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט נאָכטאָן דעם שרייבער שפּיצבערג און זי וועט דערציילן עפּעס, וואָס זי געדענקט פון אירע קינדערשע יאָרן. און זי האָט טאַקע דערציילט עטלעכע עפּיזאָדן פון אפשר צוריק מיט 75 יאָר. זי געדענקט נאָך, ווען ביי בעסאַראַבער יידן פלעגט שבת בייטאָג פאַרקו־מען אַרויס דער שטאָט אַ „זשאָק", ביי וועלכן מענער און פרויען, יינגלעך און מיידלעך און קינד און קייט האָבן געטאַנצט. דערנאָך איז געקומען אַ רב און האָט געמאַכט אַן איסור אויף דעם „זשאָק" און מער נישט געלאָזן טאַנצן. און מען האָט זיך דערוווסט, אַז אין אַנדערע שטעט האָבן די רבנים פאַרבאָטן די „זשאָקן" און מען האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן פאַרשטערט שמחות ביי יידן. זי האָט אויך דערציילט וועגן דעם ווי אַזוי זי האָט איין מאָל געזען טאַנצן אַ ברוגז־טאַנץ אויף אַ חתונה. צוויי ווייבער האָבן אים געטאַנצט און מער האָט זי שוין קיין מאָל אין איר לעבן אַזאַ מין טאַנץ נישט געזען. און איצטער, ביי דער „חתונה", וואָס מען האָט דורכגעפירט לכבוד איר, האָט מען געטאַנצט נישט אַ ברוגז־טאַנץ, נאָר אַן איבערבעט־טאַנץ. אַ משפחה האָט פאַרגעסן אַלץ, וואָס קען אַרויסרופן רוגז און האָט זיך איבערגעבעטן... איבערגעבעטן צווישן זיך, איבערגעבעטן מיטן יידישן גאָט, איבערגעבעטן מיטן יידישן פאָלק... איז וואָס זשע נאָך? צו וואָס דאַרף מען נאָך ריידן און וואָס דאַרף מען נאָך זאָגן? האָט דען דער דאָזיקער יום־טוב נישט געזאָגט און גערעדט מער פון אַלע רעדעס, וואָס זי וואָלט געקענט האַלטן? און חוה־טויבע האָט פאַרענדיקט איר וואָרט:

— טייערע מיינע, איך נעם אייך אַלעמען אַרום און איך קוש אייך און איך ווינטש אייך, אַז איר זאָלט אַלע דערלעבן אַלדאָס גוטס און טאַקע איך אַליין אויך אינאיינעם מיט אייך...

חוה־טויבע איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט און אַ שטיק צייט האָט דער באַצויבערטער עולם נישט געגעבן זיך חשבון, אַז זי האָט שוין געענדיקט. אַ צוויי מינוט האָט געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט און דערנאָך ערשט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז זי רעדט שוין נישט מער און אַז זי קוקט אויף אַלעמען און זי האָט טרערן און פרייד אין די אויגן און מען האָט גענומען אַפּלאָדירן. און פון אַפּלאָדירן איז מען איבערגעגאַנגען צום זינגען. פריער האָט מען געזונגען „לאָמיר אַלע די מאַמע מקבל פנים זיין" און דערנאָך האָט מען איבערגעמאַכט דאָס ליד „אונדזער רבניו" אויף „אונדזער מאַמעניו" און מען האָט דאָס לאַנג געזונגען און מען האָט די מאַמען אַנידערגעזעצט אויף איר שטול און דעם שטול אויפגעהויבן און אַרויסגעטראָגן פון זאַל און צוגעטראָגן ביז צו איר צי־מער און נישט אויפגעהערט צו זינגען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז הימל און ערד און שטערן זינגען מיט דאָס ליד „אונדזער מאַמעניו".

און אויב ד״ר כּבראַנימאַ איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז די פייערונג פון דער מאַמעס אַכציק יאָר איז געגליכן נישט נאָר צו שמחת־תּורה, נאָר אויך צו יום־כּיפּור, איז דאָס געווען באַזונדער אמת לגבי דעם לעצטן אָוונט, דעם זונטיק ביינאַכט, אין וועלכן עס האָט זיך באַטייליקט בלויז די משפּחה. עס איז סערווירט געוואָרן אַ פיינער אָוונט־ברויט, אָבער אַ באַ־שיידענער לגבי די פריערדיקע מאָלצייטן. און משקה איז אויך געווען ווייני־קער ווי אַן אַנדערש מאָל. מען האָט נישט געדאַרפט טרינקען אַז מען זאָל ווערן סענטימענטאַל, מען איז דאָס געווען סיי־ווי. מען איז געקומען מיט דער פּאַרטיקער בענקשאַפט. מען האָט געפילט, אַז אָט קומט דער מאָרגן, ווען יע־דער וועט שוין זיין אויפן וועג צו זיך אַהיים און איינאַיינעם וועט מען שוין נישט זיין. עס איז עפּעס ווי פון זיך אַליין אויסגעוואַקסן אַ לידל, וואָס האָט זיך גע־זונגען:

וועז, ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?
אַז גאָט וועט געבן
געזונט און לעבן
וועלן מיר זיך ווידער זען אין פריידן.

מען האָט דאָס דאָזיקע ליד געזונגען, אָבער געגלויבט האָט מען נאָר אין דער פראַגע פון די ערשטע ווערטער. אַז מען וועט זיך ווידער זען אין פריידן, האָט מען געזונגען, אָבער מען האָט אין דעם נישט געגלויבט. און אַ טרויער האָט געגנאָגט ביי יעדן אין האַרצן און יעדער האָט זיך געדאַרפט באַהערשן נישט צו וויינען. חוה־טויבע אַליין האָט געטאָן אַלצדינג אַרויסצוּווייזן פעסטקייט, אָבער מען האָט געפילט, אַז אויך ביי איר פאַרדעקט דער שמייכל אַ ים מיט טרערן אין די אויגן.

מען האָט געפּרוּווט זינגען אין יענעם אָוונט אַלערליי לידער. פּאַרכאַפּט האָבן בלויז שטיקלעך פון דאָוועגען און לידער, וואָס האָבן דערמאָנט אין דער אַלטער היים. סתּם האָט זיך נישט געזונגען. גערעדט האָט מען. חיים האָט גע־מאָלדן, אַז עס וועט זיין אַ פרייע רעפּובליק און יעדער וועט קענען רעדן און יעדער וועט קענען זאָגן, וואָס ער וויל. די לעצטע וועט רעדן די מאַמע און נאָך דעם וועט מען זיך בלויז געזעגענען און קושן.

און אַלע האָבן גערעדט, אַפילו קינדער האָבן גערעדט. מען האָט גערעדט יידיש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש. די שפּראַכן האָבן זיך אויסגעמישט. די דריי יינגערע ברידער חיימס, וואָס האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט געהאַלטן קיין רעדעס, האָבן גערעדט. די הערצער זענען געווען אַזוי פול ביי זיי, אַז קיין ווערטער האָבן נישט אויסגעפעלט. און ביי קיינעם האָבן די ווערטער נישט

פאַרדעקט די געפילן, נאָר זיי אויפגעדעקט. אוןווידער אַמאָל איז דעם סענאַ־טאָרס האַלב־אינדיאַנישע פרוי געווען פון די דאָזיקע, וואָס האָבן געשלאָגן רע־קאָרד אין צוציִען די אויפמערקזאַמקייט מיט זייערע ווערטער. זי האָט דווקא גערעדט נישט קיין סך; כאָטש בכלל האָט זי גערעדט אַ סך און זי האָט געניצט אַ מליצהדיקע שפּראַך, אַ באַמבאַסטישע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שפּאַ־ניש און דערצו פאַר אַזאַ איינער, וואָס רעדט די דאָזיקע שפּראַך אפשר אין ערשטן דור. זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט זיך גליקלעך, וואָס זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער משפחה בערקאָוויסי און דורך דעם פון דעם ייִדישן פאָלק און עס טוט איר באַנג וואָס איר מאַן הייסט בלויז בערק, ווען זי וואָלט אים גע־קענט איידער ער האָט דאָס דאָזיקע געטאָן, וואָלט זי אים נישט געלאָזט פאַר־קירצן אַזאַ גרויסן און שיינעם נאָמען. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט נאָך קיינמאָל אין איר לעבן נישט געזען אַזאַ שיינעם משפחה־יום־טוב און זי מיינט, אַז נאָר ביי ייִדן קען זיין אַזאַ יום־טוב. זי איז זיך מודה, אַז ווען עס וואָלט געקענט געמאָלט זיין, אַז ביי איר פאָלק זאָל פאָרקומען אַזאַ יום־טוב, וואָלט מען זיך צופיל איבערגעטרונקען און מען וואָלט זיך צעשלאָגן, אויב נישט צעהרגעט. און דאָ איז די גאַנצע צייט געווען אַלץ האַרמאָניש: נאָר צוויי מיידלעך, יונגע קינדער, האָבן עפּעס אַ רעד־געטאָן אַנדערש ווי אַלע, אָבער אויך זיי האָבן גע־מיינט צום גוטן. זי האָט דאָ געהערט, האָט זי געזאָגט, זינגען אַ ליד אויף דער אַלטער ייִדישער שפּראַך און מען האָט איר דערקלערט, אַז די ווערטער מיינען „ווי גוט און ווויל איז, ווען ברידער זיצן אינאיינעם". אָבער ביי וואָס פאַר אַ פאָלק זיצן אַזוי ברידער אינאיינעם ווי מען איז דאָ געזעסן. זי האָט גערעדט קורץ און האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט און האָט זיך צעקושט מיט דער באָבען, מיטן מאַן, מיט די קינדער און מיט דער גאַנצער משפחה.

אין די מערסטע רעדעס האָבן די מיטגלידער פון דער משפחה אויסגע־דריקט די גרויסע פרייד פאַר דעם גליק, וואָס עס האָט זיי געטראָפן מיט דעם יום־טוב און דעם גרויסן טרויער פאַר דעם, וואָס ער מוז זיך ענדיקן. ד"ר כע־ראַנימאָ איז געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי ביטערע רע־צעפּטן ווערן געגעבן אין זיסע דעקלעך, אַזוי ווערט געגעבן אַ גרויסע פרייד אין טרויעריקע מענטעלעך. און אַלע האָבן שוין גערעדט וועגן דעם געמיש פון טרויער און פרייד. אויך דער סענאַטאָר האָט גענומען אַ וואָרט און ער האָט געזאָגט, אַז ערשט דאָ האָט ער זיך דערפילט ווי אַ בערקאָוויסי און טאַקע ווי אַ ייִד. ער האָט ערשט איצטער פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס אים, אַן אימיגראַנט, איז געלונגען צו פאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע אין זיין נייער היים, האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין ייִדישקייט. אָט ווי יונג ער איז געווען, ווען ער איז אַוועק פון געדיכטן ייִדישן לעבן, האָט ער מיט זיך מיטגענומען די דור־דורות־

דיקע חכמה פון אַן אייביקן פאָלק. און ער האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל: „ביז איצטער האָט זיך מיין גויִיש ווייב אָנגעשטרענגט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיין ייִדן, איצטער וועל אויך איך, זייער ייִדישער טאַטע מאַכן אָנשטרענגונגען וועגן דעם״. די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע פרייד ביי אַלעמען און; מען האָט דעם סענאַטאָר לאַנג אַפּלאָדירט און אָוואַציאָנירט און חוה־טויבע האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער יום־טוב איז ווערט געווען שוין צוליב דער דערקלערונג פון דעם אייניקל אירן, דעם באָליוויאַנער סענאַטאָר. עס האָט שוין אויך גערעדט דער גענעראַל, וואָס האָט פּונקט ווי דער סענאַטאָר, אָנגעהויבן אויף שפּאַניש און ער איז אַריבער אויף ייִדיש. אויך ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער פילט זיך איצטער נישט ווי וואַשינגטאָן קאָוויס, נאָר ווי וועלוול בערקאָוויסי. ער האָט אָבער נישט אַזוי באַטאָנט זיין ייִדישקייט, ווי דער סענאַטאָר, ער האָט בעיקר גערעדט וועגן דער משפּחהדיקייט. די 19־יאַריקע מאַרגאַריטאַ, וואָס איז געווען די קאָמוניסטישע שטערערן, אין נאָמען פון נאָך אַן אייניקל און אפשר פון נאָך אַ פּאָר, האָט אויך גערעדט און געזאָגט, אַז איצטער וועט זי נישט רעדן וועגן דעם אידעיִשן אונטערשיד צווישן איר און דער מערהייט פון דער משפּחה, נאָר וועגן דער באָבען, וואָס האָט באַוויזן מיט איר פערזענלעכקייט צו באַשטראַלן אַזוי שיין אַ יום־טוב פון אַ משפּחה, אַז מען זאָל האָבן דעם איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, ווען עס וועט נישט זיין קיין חילוק צווישן מענטש און מענטש... און נאָך איר האָט גערעדט ד״ר כעראַנימאָ און ער האָט געזאָגט, אַז מען מעג אויסדריקן אַ ווונטש אַפילו ווען מען איז נישט זיכער, אַז ער קען מקוים ווערן. און זיין ווונטש איז, אַז די גאַנצע משפּחה זאָל זיך נאָך אַ מאָל טרעפן ביי אַזאַ יום־טוב אין ארץ־ישראל...

ווען עס איז אַוועק אַ שטיק צייט און קיינער האָט נישט גערעדט מער און אַלע האָבן גערעדט שווייגנדיק און יעדער האָט געהערט ווי דעם צווייטנס האַרץ האָט געקלאַפּט, האָט זיך חוה־טויבע אויפגעהויבן און זי האָט גענומען רעדן. עס וואָלט נישט געווען אמת צו זאָגן, אַז זי האָט באַלד טאַקע גערעדט. זי האָט אָנגעהויבן מיט שווייגן. זי האָט געקוקט אויף דעם גאַנצן עולם און געשוויגן. און דער עולם האָט צוריק געקוקט אויף איר און ער האָט אויך געשוויגן. ביי איר אין די אויגן האָבן זיך געוויזן טרערן און ביי אַלעמען איז געשען דאָס זעלביקע. און פּונקט ווי פון איין פונק ווערט גיך אַ גאַנצער פלאַם, איז פון דעם ערשטן שלוכץ, וואָס די צוויי טעכטער חוה־טויבעס, פעסל און פריידל האָבן אַרויסגעלאָזט, געוואָרן אַ כליפּעריי. נישט נאָר אַלע ווייבער האָבן געוויינט, נאָר אויך די שטאַרקסטע מענער האָבן אי געווישט זייערע אויגן, אי געלאָזט הערן זייערע קולות. און דאָס געוויין האָט געדויערט אַ גאַנץ היפּשע

צייט און סוף כל סוף האָט דאָס חוה־טויבע איבערגעריסן. זי האָט זיך מערער אַרויפגערוקט דאָס שטערן־טיכל אויפן קאָפּ און עס האָט זיך אַלעמאָל אַראָפּ־געדרוקט און אירע ווייסע האָר האָבן מער געשיינט נאָך ווי די פּערל אויף דעם שטערן־טיכל. זי האָט געזאָגט, אַז איצטער ווייסט זי שוין טאַקע נישט וואָס נאָך צו רעדן. וואָס נאָך האָט מען צו זאָגן, וואָס מען האָט שוין נישט געזאָגט? און ווער נאָך האָט געהאַט אַזאַ זכיה ווי זי האָט געהאַט? ווען נאָך האָט אַ מאַמע דערלעבט אַזאַ שמחה? איז ווו קען זי נעמען ווערטער צו אויסדריקן די פריידּ און דעם דאַנק פאַר אַט דעם אַלעמען? און זי האָט באַמערקט:

— טייערע מיינע, איך פיל, אַז דורך אַט־דעם געוויין וואָס מיר האָבן אַלע עד־שט דאָ אַרויסגעבראַכט האָבן מיר אויסגעדריקט נישט נאָר דעם טרייער פאַר דעם, וואָס די גליקלעכע טעג ענדיקן זיך, נאָר אויך די פרייד פאַר דעם, וואָס די דאָזיקע גרויסע פרייד איז צו אונדז געבראַכט געוואָרן. איך מיין, אַז גאָט ברוך הוא אַליין האָט זי אונדז אַראָפּגעשיקט פון הימל. און מער פון אַלע־מען דאַרף מען אים דאַנקען דערפאַר. וויפל נאָך יידישע משפחות זענען פאַ־ראַן, וואָס זענען געבליבן אַזוי גאַנץ, ווי עס איז געבליבן מיין משפחה און איך פיל, אַז די דאָזיקע, וואָס זענען נישטאָ מיט מיר, זענען אויך דאָ... איך פיל זיי אַלע, אַלע לעבן זיך.

די אַלטע האָט ווידעראַמאָל אַ לאַנגע צייט געשוויגן און ווען זי האָט דער־פילט, אַז עס וועט ווידער זיך אָנהייבן אַ געוויין, האָט זי זיך באַהערשט און זי האָט אויפגעהויבן דאָס קול און זי האָט ווי אָנגעשריען אויף זיך אַליין, אַז זי זאָל נישט וויינען און אויף אַלעמען, אַז זיי זאָלן נישט וויינען און זי האָט ווי־דער גענומען רעדן. זי האָט געזאָגט, אַז איצטער רעדט זי טאַקע שוין ווערטער פון געזעגענען זיך. דערנאָך וועט מען זיך שוין געזעגענען שטום. און איידער זי געזעגנט זיך וואָלט זי אויסגעדריקט אַ לעצטן פאַרלאַנג. נישט אַ לעצטן פאַר דעם טויט חלילה, זי פילט זיך נאָך געזונט און זי וועט נאָך קענען לעבן און לעבן, אַז גאָט וועט געבן יאָרן. זי מיינט דעם לעצטן ווונטש איצטער, פאַר דעם צעפאָרן זיך. אַלע האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אויף איר און זי האָט געקוקט נאָך מער אָנגעשטרענגט אויף אַלע. זיי זענען געווען אין דערוואַרטונג און זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס זי וועט פאַרלאַנגען ביי זיי און זי האָט גע־זוכט ווערטער ווי אַזוי אויסצודריקן איר פאַרלאַנג. און זי האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז וואַנען זי האָט אַרויסגעבראַכט די פּשוטסטע ווערטער פאַר איר ווונטש און פאַר איר געדאַנק.

— טייערע מיינע, — האָט זי געזאָגט — אייגענע מיינע... איך בעט ביי גאָט, אַז איר זאָלט אַלע זיין געזונט און לאַנג לעבן און זיך נישט דערווייטערן איינער פון אַנדערן, כאָטש איר ווינט אין פאַרשידענע לענדער. אויב נישט

שטענדיק איז אַמאָל אַ בריוול פון איינעם צום אַנדערן... אײן בריוול פאַרבינדט ווידער אויף אַ לאַנגער צייט. און... — זי האָט ווידער געמאַכט אַ פויזע און ווידער געקוקט אויף אַלעמען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַגעגנט זיך אין דער צייט פון דער פויזע מיט אַלעמענס בליקן — און... מיין פאַרלאַנג איז, אַז אַלע מיינע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, וואָס זענען דאָ פאַראַן, זאָלן זיין יידן, זאָלן זיין באַהעפט מיטן יידישן פאָלק און זאָלן בלייבן יידן... איך מאָן ביי אייך נישט, אַז איר זאָלט אַלע זאָגן קדיש נאָך מיר... עס וועט זיך שוין מסתמא עמעצער געפינען, וואָס וועט זאָגן קדיש נאָך מיר און וועט נישט לאָזן, אַז מיין נשמה זאָל דאַרפן פאַרבלאָנדזשען אין עולם־התוהו... איך מאָן, אַז איר זאָלט אַלע זיין און בלייבן יידן...

מיט אָט די ווערטער האָט זי פאַרענדיקט איר רעדע און איז ווידער גע־בליבן שטיין לאַנג און געקוקט אויף אַלעמען און אַלע האָבן געקוקט אויף איר אין עס האָט זיך יעדן אויסגעוויזן, אַז זי רעדט נאָך ווייטער. עס האָט זיך יעדן איינעם געדאַכט אַז זיי הערן די ווערטער, וואָס זי זאָגט זיי נישט מיט די ליפּן, נאָר מיטן האַרצן דורך די אויגן. די דאָזיקע פויזע האָט געדויערט זייער לאַנג. און די ערשטע האָט די האַלבע אינדיאַנערן אויסגעשריִען, אַז זי שווערט צו זיין אַ יידישע טאָכטער און צו דערציִען אירע קינדער יידיש. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט עפּעס ווי פאַרשעמט, וואָס דווקא די נישט־יידישע פרוי האָט די ערשטע דאָס דאָזיקע געזאָגט. כעראַנימאָ האָט ביי זיך דאָס דאָזיקע אויסגע־טייטשט, אַז אַנדערע דאַרפֿן נישט זאָגן, אַז זיי וועלן דאָס זיין, ווייל זיי זענען דאָס. דאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און ער איז צוגעגאַנגען צו דער באָבען און ער האָט איר געזאָגט, אַז ער שווערט צו זיין און בלייבן אַ ייד און איר אַ קוש געגעבן. און זיין ווייב און זיינע קינדער האָבן דאָס דאָזיקע נאָכגעטאָן. און נאָכדעם האָבן שוין אַלע אַזוי געטאָן. יעדער איינער איז צוגעגאַנגען צו דער באָבען און איר געמאַכט אַ צוזאָג מיט אַ שבועה צו בלייבן יידן.. כמעט צום לעצט זענען נישט זיכער און שעמעוודיק צוגעקומען די לינקע צוויי מיידלעך, מאַרגאַריטאַ און כוליאַ, וועלכע האָבן זיך אַפּנים געוואַקלט, אָבער זיי האָבן סוף־כל־סוף אויסגעשריִען מיט אַ סך פּאַטאָס זייער צוזאָג. און דער באַמע לעצטער איז געווען דער גענעראַל וואַשינגטאָן קאַוויס, וועלכער האָט מיטגענומען דאָס ווייב און די צוויי קינדער און ער האָט אַליין צוגעזאָגט דער באָבען אַלצדינג, וואָס די פריִערדיקע האָבן צוגעזאָגט און ער האָט געהייסן דעם ווייב און די קינער נאָכזאָגן די זעלביקע רייד און זיי האָבן נאָכגעזאָגט אַלציינס ווי מען זאָגט נאָך אַ תפילה...

און ווידער איז געקומען צו אַ שווייגן. די באָבע האָט זיך נאָך לאַנג נישט אַנידערגעזעצט און זי האָט ווייטער געקוקט אויף אַלעמען. אין אירע אויגן איז

שוין נישט געווען דער דאָזיקער ברען, וואָס זי האָט געהאַט די גאַנצע צייט פון דעם אויסערגעוויינלעכן יום־טוב. דער שטאַרקער פייער פון אירע קלוגע און גוטע אויגן איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ שטילן פייער, אַ פייער נישט מיט אַ פלאַם, נאָר אַ האַלאָוועשקע־פייער מיט פונקען. און אַ סך זענען זיי געווען אָט די פונקען אין אירע אויגן און גוטע זענען זיי געווען און זיי האָבן גע־גרייכט צו אַלע אַנוועזנדיקע, פון חיימען, ביז צום קלענסטן אוראייניקל. און יעדער האָט די דאָזיקע פונקען געפילט ביי זיך אין די אויגן און אין האַרצן. זיי האָבן אַלע געפילט, אַז דאָס געזעגנט זיך די מאַמע און באָבע מיט יעדן פון זיי און זי בענטשט יעדן פון זיי באַזונדער און אַלעמען אין איינעם און זי דאַנקט גאָט דערפאַר, וואָס זי האָט דערלעבט צו אַזאַ שמחה מיט כמעט אַלע אירע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך... און אַ שטילע טרער האָט זיך געקאַטשעט פון איין אויג און פון אַ צווייטן און זי האָט געוווסט, אַז דאָס וויינט זי אויף די דאָזיקע קינדער וואָס זענען נישטאָ און אויף די אייניקלעך, וואָס זענען נישט מיט איר...

און שיין האָט זי אויסגעזען, די 80־יאָריקע פרוי מיטן געקרוינטן זיל־בערנעם קאָפּ, ווען זי איז געשטאַנען און האָט מיטן גוטן פייער פון אירע מילדע אויגן אַרומגענומען אַלע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך און זיי געקושט מיט דעם גלעטנדיקן פייער און שיינקייט האָבן איר צוגעגעבן די צוויי טרערן, וואָס האָבן זיך פון די צוויי אויגן געקאַטשעט. נישט איינער האָט אַ טראַכט גע־טאָן, אַז דאָס זענען בריליאַנטענע טרערן פון אַ גאָלדן האַרץ. און ווען זי האָט דערפילט, אַז די טרערן קאַטשען זיך אויף אירע באַקן, האָט זי גענומען דאָס קליינע טיכל, וואָס איז געלעגן פאַר אירע אויגן אויפן טיש און אויסגעווישט פריִער די באַקן און דערנאָך די אויגן, וועלכע זענען אָבער געבליבן מיטן שיי־נעם גלאַנץ פון די טרערן.

און פּלוצים האָט זיך ווידער באַוויזן דאָס שטאַרקע פריִערדיקע פייער אין דער מאַמעס אויגן. זי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. און זי האָט געזאָגט:

— טייערע מיינע... ערשט איצטער האָב איך אים דערזען... די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט פון אים און איצטער זע איך אים.

דער איינציקער, וואָס האָט דערפילט ווּעמען די מאַמע מיינט, איז געווען חיים. די אַנדערע האָבן נישט פאַרשטאַנען און זיי האָבן געפרעגט:

— ווּעמען?

און מיט אַ מילד און ציטערדיק קול האָט די מאַמע געענטפערט:

— אייער טאַטן, אייער זיידן, אייער עלטער־זיידן, וואָס האָט מיר געלאָזט אַזעלכע מתנות, ווי איר זענט, אַזעלכע אוצרות און ער איז אַוועק אין דער אמתדיקער וועלט... איך זע אים איצטער און איך הער אים. ער זאָגט מיר:

„דו ביסט גליקלעכער פון מיר... דו האָסט דאָס אַלעס דערלעבט... אָבער איך בין אויך גליקלעך... איך בין קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך, סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט, ווי איך בין איצטער... דו געפינסט זיך איצטער אין דער מיט פון ביידע וועלטן און דו פּאַראַייניקסט זיי". ער שעפּ־טשעט דאָס מיר אָן ליפּן, נישט אין די אויערן אַריין, נאָר גלייך אין האַרצן אַריין...

און איידער נאָך זי האָט געענדיקט אירע ווערטער, האָט בערל גענומען מאַכן אַ „מלא" דעם טאַטן, זיידן און עלטער־זיידן, וואָס האָט נישט דערלעבט. די מערסטע מענער זענען געגאַנגען אָן היטלען און זיי האָבן זיך אויף גיך צו־געדעקט די קעפּ ווער מיט אַ טיכל, ווער פּשוט מיט אַ האַנט. אויך די פרויען האָבן זיך צוגעדעקט די קעפּ מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. אייניקע האָבן גענומען די סערוועטן פון טיש. און בערל האָט שוין געמאַכט „מלאָס" די צוויי־זין, וואָס זענען אַוועקגענומען געוואָרן פאַר דער צייט. און די דריי „מלאָס", וואָס בערל האָט געזאָגט און געזונגען מיט האַרץ און נשמה, האָבן פּאַוואָליע צערודערט דעם עולם און דער קוואַל פון טרערן האָט זיך פריִער געעפנט אין די הערצער און אויגן פון די פרויען און דערנאָך אויך ביי די מענער. און ווען בערל האָט געענדיקט די דריטע „מלא", האָבן נאָך אַלע געוויינט. עס איז גע־שטאַנען אַן עולם פון פאַרשידענע קאַרגע הונדערט מענטשן און געוויינט. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז בערלס קול הערט זיך ווייטער און מען הערט אַ סך מאָל דעם „את נשמת"... מען דערמאָנט נאָך אַ סך, אַ סך נשמות... די זין האָבן אַלע באַגלייט די „מלאָס" מיט אַ קדיש. יעדער האָט געזאָגט יתגדל ויתקדש אין דעם ווינקל ווו ער איז געשטאַנען. און די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט, האָבן נאָכגעזאָגט „אמן יהא שמיה רבא". און די דאָזיקע, וואָס האָבן נישט גע־קענט, האָבן געקוקט אויף די ליפּן פון די דאָזיקע, וואָס האָבן געזאָגט און זיי נאָכגעזאָגט. אויך די לינקע צוויי מיידלעך האָבן געטאָן דאָס זעלביקע.

דער קדיש האָט איבערגעריסן און איינגעשטילט דאָס געוויין. אַלע האָבן זיך געווישט די אויגן, וואָס זענען געבליבן פייכט און שטראַלנדיק. און די מאַמע איז צוגעגאַנגען צו בערלען און אים אַ קוש געטאָן אין מויל אַריין און געזאָגט:

— האָסט אונדז אַלע אויסגעלייזט... און מיך באַזונדער. איך דערמאָן אים מיין מאַן שוין פופציק יאָר ביי יזכור, און איך הייס אים מאַכן אַ מלא, און אויך דאָ גיי איך יעדן חודש אלול אויפן בית־עולם און איך פאַרמאַך די אויגן און איך זע זיין קבר און אים אַליין... אָבער דאָ, ביי אָט דעם יום־טוב, האָט מען אים אין די קינדער געדאַרפט דערמאָנען...

און זי איז צוריקגעגאַנגען אויף איר פּלאַץ און זי האָט ווידער באַקומען

דאָס מילדע פייער אין אירע אויגן און ווידער האָבן די פונקען פון איר גוטן פייער געקושט אַלע, אַלע... און זי האָט געזאָגט:

— מען דאַרף שוין מער נישט וויינען. פרייען זיך דאַרף מען! ווער נאָך האָט דערלעבט אַזאַ גליק ווי איך און ווי איר אַלע? און איך וויל נישט פאַרגעסן צו דאַנקען חיימען, וואָס גאָט האָט אים געגעבן קיין עין־הרע אַזאַ כוח און דער־צו אַזאַ געדאַנק...

חיים איז געשטאַנען לעבן איר און זי האָט אים אַרומגענומען און גע־דריקט צו זיך און געקושט. און אַלע האָבן אַ שטיקל צייט געקוקט אויף ביידע און דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן אַפּלאָדירן. חיים האָט אַלע שטיל געמאַכט מיט אַ האַנט־באַוועגונג און ער האָט געזאָגט:

— איך בין דאָך געווען גליקלעך, ווען איך בין געווען די רעכטע האַנט פון דעם פּרעזידענט פון טשילע, אָבער איצטער בין איך אַ סך גליקלעכער. איצטער בין איך די רעכטע האַנט פון דער קעניגין אַליין — פון דער ייִדישער קעניגין פון דרום־אַמעריקע!

ווידער האָט מען אַפּלאָדירט און מען האָט געשריגן בקול רם, גלייך ס'וואָלט געווען אַ געזאַנג:

— זאָל לעבן דער פעטער חיים! זאָל לעבן די ייִדישע קעניגין פון דרום־אַמעריקע!

און בערל האָט גענומען זינגען „אשת חיל מי ימצא"... זיין קול איז איצ־טער געווען שטאַרקער ווי פריִער. און ער האָט אַ געשריי געטאָן פאַר דעם אָנהייבן זינגען:

— איך וועל זינגען „אשת חיל", אַזוי ווי מען האָט געזונגען אין דער אַלטער היים. אַזוי ווי אַלע ייִדן האָבן דאָרטן געזונגען און אַזוי ווי דער שווער, עליו השלום, האָט געזונגען.

און ד"ר כעראַנימאָ האָט געפּרוּווט אַריינשרייען אַ פּאָר ווערטער און ער האָט געזאָגט:

— „אשת חיל" איז דער הימן צו דער פרוי און צו דער מאַמען אין תנך. און דווקא שלמה המלך, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט טויזנט ווייבער, האָט דעם הימן געזונגען...

בערל האָט גענומען זינגען מיטן גאַנצן כוח. ד"ר כעראַנימאָ האָט אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

לאָמיך פריִער איבערלייענען אויף ייִדיש דעם שיינעם תנכישן הימן צו דער פרוי, דעם שענסטן הימן אין דער וועלט צו דער פרוי. און ער האָט גע־נומען זאָגן:

אַן אשת חיל ווער קען געפינען?
און העכער פון פערל איז איר ווערט.
דאָס האַרץ פון איר מאַן פאַרזיכערט זיך אויף איר
און אים פעלט נישט קיין איינקום.
זי טוט אים גוטס און נישט שלעכטס,
אַלע טעג פון איר לעבן.
זי זוכט אויף וואָל און פלאַקס,
און אַרבעט מיט אירע ווילִיקע הענט.
זי איז ווי די האַנדלשיפן,
פון דער ווייטן ברענגט זי איר ברויט.
און זי שטייט אויף ווען נאָך נאַכט.
און גרייט צו שפּייז פאַר איר הויזגעזינד.
און די אויסקומעניש פאַר אירע דינסטמיידלעך.
זי פאַרטראַכט אַ פעלד און קויפט עס,
פון דער פרוכט פון אירע הענט פלאַנצט זי אַ ווייִנגאָרטן.
זי גורט אַן מיט קראַפט אירע לענדן
און זי שטאַרקט אירע אָרעמס.
זי מערקט, אַז איר פאַרדינסט איר גוט;
נישט פאַרלאָשן בייַנאַכט ווערט איר ליכט.
אירע הענט לייגט זי צום שפּינראָד
און אירע האַנטפלאַכן האַלטן דעם שפּינדל.
איר האַנטפלאַך שפּרייט זי אויס צום אָרעמאַן
און אירע הענט שטרעקט זי אויס צום אביון.

ד״ר כעראַנימאָ האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און געזאָגט בערלען, אַז ער זאָל זינגען ביז אַהער. בערל האָט געוואָלט זינגען די ווערטער אויף ייִדיש, אַזוי ווי זיין פלימעניק האָט געלייענט, אָבער דער נוסח האָט זיך אים שווער אַריינגעפּאַסט און ער האָט געזונגען מיט די לשון־קודשדיקע ווערטער און אַ סך האָבן אים מיטגעהאָלפן. די שטימונג איז אַלע מאָל געוואָרן הייטערער און ווען בערל האָט געענדיקט מיט די ווערטער „וידיה שלחה לאביון״, האָט כעראַנימאָ ווייטער געלייענט:

זי האָט נישט מורא וועגן איר הויזגעזינד פאַר שניי,
וואָרום איר גאַנץ הויזגעזינד איז אָנגעטאָן אין רויטן געוואַנט.
דעקן מאַכט זי זיך,
פיינליינען און פורפל איר מלבוש,

באַקאַנט אין די טויערן איז איר מאַן,
ווען ער זיצט מיט די עלטסטע פון לאַנד.
אַ ליינענטוך מאַכט זי און פאַרקויפט.
און גאַרטלען שטעלט זי צו דעם האַנדלסמאַן.
שטאַרקייט און שיינקייט איז איר מלבוש,
און זי לאַכט פון שפּעטערדיקן טאָג.
איר מויל עפנט זי מיט חכמה,
און די לערנונג פון גענאַד איז אויף איר צונג.
זי קוקט נאָך דעם באַרג פון איר הויז.
און זי עסט נישט דאָס ברויט פון פוילקייט.
אירע קינדער שטייען אויף און לויבן זי,
איר מאַן — און ער רימט זי.
פיל טעכטער האָבן אויפגעטאָן בריהשאַפט,
אָבער דו שטייגסט זיי אַלע אַריבער...

די לעצטע צוויי שורות האָט כעראַנימאָ געזאָגט צו זיין גרויסער באָבען און ער האָט פאַרענדיקט:

חן איז אָפּנאַר און שיינקייט איז נישטיק,
אַ גאָטפאָרכטיק ווייב, זי זאָל געריממט זיין.
גיט איר די פרוכט פון אירע הענט
און זאָלן אירע מעלות זי רימען אין די טויערן.

די ווייבער האָבן אַלע שטאַרק אַפּלאָדירט און בערל האָט געזאָגט:

— איר האָט שוין געהערט די אַנדערע העלפט. איצטער וועלן מיר אַלע זינגען „די יידישע מאַמע״

און אַזוי ווי ער האָט געגעבן דעם טאָן, האָבן אַלע גענומען זינגען און זיי האָבן געמאַכט אַ ראָד אַרום דער מאַמען און זי אַנידערגעזעצט אויף איר שטול און זי אויפגעהויבן מיטן שטול און זי אַרויסגעטראָגן אין הויף אַריין.

אין דרויסן האָט שוין גענומען שאַריען אויף טאָג. אין דעם טונקעלן הימל האָבן זיך שוין געזילבערט עטלעכע קליינע כמאַרעלעך און רויטקייטן האָבן שוין גענומען ציטערן ביי זיין מזרחדיקן ברעג. און זיי האָבן אַנידערגעשטעלט דער מאַמעס שטול אין איינעם מיט דער מאַמען אין סאַמע מיטן הויף און געטאַנצט אַרום איר און געזונגען. זיי האָבן אַזוי לאַנג געזונגען „די יידישע מאַמע״, ביז עמעצער האָט אַ זינג־געטאָן „הבה נגילה״ און אַלע האָבן באַלד אויפגעכאַפּט די מעלאָדיע און אייניקע האָבן זי געזונגען אָן ווערטער... די

דינערשאַפט פון האָטעל האָט זיך אויפגעכאַפּט. די פרויען האָבן געכאַפּט אויף זיך קליידער, די מענער זענען אַרויס אין די פּידזשאַמעס. אַלע האָבן געקוקט אויף די דאָזיקע, וואָס האָבן געטאַנצט אַרום דער אַלטער פרוי, וואָס האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ קעניגין.

און די קאַרגע הונדערט קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך האָבן גישט אויפגעהערט צו זינגען און צו טאַנצן. זיי האָבן אַזוי לאַנג געזונגען און גע־טאַנצט, ביז וואַנען די זון איז אויפגעגאַנגען און זי האָט גענומען שיינען מיט איר גאָלד אויף דער מאַמעס זילבערנעם קאָפּ. די מאַמע האָט איצטער געהאַט צוויי קרוינען — איינעם אַ זילבערנעם און איינעם אַ גאָלדענעם — — —
די משפחה האָט ווייטער געטאַנצט. און ס'האָבן מיטגעטאַנצט די ביימער, די בלומען, די ערד, דער הימל, די זון...

ס ו ף

דער „זשידאָן" יאַאַן

— 1 —

אַ גויע מיט יידישן בטחון

פּלוצעם, פון דער העלער הויט, ווי אַ דונער פון אַ לויטערן הימל, איז מיר אַריינגעפאַלן אַ מאָדנע גרויסער קאָנווערט מיט אַ בריוו און אַ פּאַק פּאַפּירן פון אַ שטאָט אין בעסאַראַביע, ווו איך בין אַ סך מאָל געווען צו־גאַסט און ווו איך האָב געהאַט אַ סך פריינט און באַקאַנטע, יידן און אויך נישט־יידן.

דער דאָזיקער בריוו האָט ביי מיר ארויסגערופן אַ גרויסע נייגעריקייט. איך האָב שוין לאַנג נישט געטראַכט וועגן אָט דער שטאָט און זייט איך בין דאָרטן געווען צום לעצטן מאָל, זענען שוין פאַרגאַנגען פערציק יאָר און מיר איז נישט איינגעפאַלן אַז עמעצער פון מיינע דאָרטיקע באַקאַנטע זאָל נאָך לעבן. פון די יידן איז דאָך אָפּגערעדט. ניינצן יאָר זענען זיי נאָך זייט דעמאָלט געווען אונטער דעם רומענער און בלייבן לעבן אין משך פון אָט די קנאַפּע צוואַנציק יאָר וואָלט געשמעקט מיט אַ נס. און דערנאָך זענען געקומען זעקס יאָר מלחמה. איין אָקופּאַציע נאָך דער צווייטער. אָט דייטשן מיט רומענער, אָט רוסן. ווער עס האָט געשלאָגן יידן פאַר „מצווה" און ווער עס האָט געשלאָגן יידן און נישט־יידן פאַר מורא. ווער עס האָט געהרגעט אויפן פּלאַץ און ווער עס האָט פאַרשלעפּט. די דאָזיקע שטאָט געפינט זיך ביים ברעג פון דעם גרויסן טייך דונאַי און שיפן זענען אַהער געקומען מיט מערדער פון רומעניע, דייטש־לאַנד, אונגאַרן, עסטרייך און פון אוקראַינע זענען יאַקאָס אויך געקומען רוצ־חים.

האָב איך געדרייט דעם גרויסן קאָנווערט פון אַלע זייטן, ווען ער איז נאָך געווען פאַרמאַכט און איך האָב געזוכט דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט מיר אים געשיקט. און דערווייל איז מיר די דאָזיקע שטאָט געשטאַנען פאַר די אויגן. איך האָב געזען דעם גרויסן פּאַרק, ווו יוגנט האָט שפּאַצירט אַ גאַנץ יאָר. איך האָב געזען דאָס בערגל, וואָס איז געשטאַנען איבער דער שטאָט, ביים ברעג פון גרויסן טייך, ווו עס איז געווען אַ צעשטערטע פעסטונג פון די טערקישע צייטן מיט עטלעכע אַלט־מאָדישע, אָפּגעהעשעטע קאַנאָנען. איך האָב אויך געזען פאַר די אויגן די גרויסע ריי געשעפטן, וואָס האָט זיך געפונען אין צענ־טער פון שטאָט וואָס מ'האָט גערופן „קראַסני ריאַד" (די רויטע ריי); די גע־

שעפּטן האָבן זיך דאָרטן געפונען הינטער אַ לאַנגן קאָרידאָר און עס האָט דאָרט געראַשט אַפילו אין די צייטן, ווען עס איז געווען אַ טויטער סעזאָן און מען האָט חוץ עסנוואַרג גאָרנישט געקויפט און גאָרנישט פאַרקויפט. איך האָב דעם נאָמען פון אָפּשיקער געפונען אויף דער צווייטער זייט פון קאָנווערט. ער איז נישט געווען קיין ייִדישער, אָבער קיין מאָלדאַוואַנישער איז ער אויך נישט געווען. און איך האָב אָנגעשטרענגט דעם זכרון און איך האָב זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען קיין אײן נישט־ייִדישן באַקאַנטן, אָדער באַקאַנטע פון יענעם שטעטל מיט אַזאַ רוסישן נאָמען. איך בין געווען איבערצייגט, אַז איך האָב דאָרטן געהאַט באַקאַנטע נישט ייִדן בלויז מיט מאָלדאַוואַנישע נעמען.

דורכן פאַרמאַכטן קאָנווערט האָב איך בשום אופן נישט געקענט שטילן מיין נייגעריקייט און טרעפן ווער עס האָט מיר געשיקט אָט דעם בריוו מיט די פאַפּירן. און איך האָב אים געעפנט. ער איז געווען געשריבן אויף רוסיש און ער הייבט זיך אָן מיט אָט די ווערטער: „גוטער באַקאַנטער מיינער פון די אַלטע צייטן". און עס ווערט באַלד געזאָגט: „איך רוף אייך אַזוי, ווייל מיר זענען באמת געווען גוטע באַקאַנטע אין משך פון די דריי מאָל, וואָס איר זענט געווען אין אונדזער שטאָט, אין די יאָרן 1914, 18 און איבערהויפּט 20. איך האָב מיט אייך אַ סך מאָל פאַרבראַכט אין הויז פון דעם פאָטאָגראַף אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, אינאיינעם מיט אַ יונגער געזעלשאַפט. מיר האָבן באַטראַכט די וועלט, אַרויס־געזאָגט מיינונגען וועגן איר, פאַנטאַזירט און אויך דעקלאַמירט און געזונגען. איר געדענקט נאָך אַזעלכע צייטן? ווייטער זאָגט זיך אין בריוו, אַז די שרייַ־בערן פון אים איז נישט שטאַרק זיכער, אַז איך געדענק זי. איך בין געווען איין גאַסט און זי איז געווען איינע פון אַ סך אָרטיקע. און זי נעמט מיר דער־מאָנען ווער זי איז. איר מיידלשער נאָמען איז געווען אַ מאָלדאַוואַנישער, זאַרזאַר, אָבער זי האָט שוין זייט לאַנג חתונה געהאַט מיט אַ רוס און זי טראָגט דעם נאָמען פון איר מאַן וואָס איז שוין לאַנג נישטאָ אין לעבן. זי מאַכט אַ באַ־מערקונג, אַז מערער וועגן זיך ווייל זי איצטער גאָרנישט דערציילן. ווער עס האָט פאַנטאַזיע און איז געווען אין יענע יאָרן אין בעסאַראַביע און האָט אָנ־געשפּאַרט ביז מיטל־אַזיע פון איין זייט און ביז סיביר פון דער צווייטער זייט, קען זיך אַליין אַביסל אויסטראַכטן די איבערלעבונגען פון אַ פרוי וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ שרייבערן און איז עס נישט געוואָרן און האָט אונטערוועגס פאַרלוירן דעם מאַן און אים געפונען ערשט אין אַ יאָר אַרום. געפונען נישט איב אַליין, נאָר אַ בריוו, אַז ער איז געפאַלן אויפן פראָנט. זי דערציילט מיר וועגן זיך נאָר דאָס דאָזיקע, וואָס זאָל מיר העלפן זיך דערמאָנען ווער זי איז און זי כאַפּט זיך באַלד און באַמערקט: „איך ווייס אַליין נישט צו וואָס איך דאַרף עס. מיר זענען שוין ביידע נישט קיין יונגע קינדער און איך גלייב נישט,

אַז אונדז קען באַשערט זיין נאָך זיך צו טרעפן אַמאָל". און זי גיט מיר אַ סימן ווער זי איז. אין יאָר 1920, ווען איך בין אין יענער שטאָט געווען צום לעצטן מאָל, האָט זי מיר געלייענט דערציילונגען אויף רומעניש און געוואָלט וויסן מיין מיינונג וועגן זיי. און זי דערמאָנט מיר באַזונדער איין דערציילונג, וואָס האָט מיך דעמאָלט פאַראינטערעסירט. די דערציילונג האָט געהייסן „זשידאַן יאָאַן" — דער זשידאַן יאָאַן. „זשידאַן" איז אויף רומעניש אַ באַליידיקונג־וואָרט פאַר דעם באַגריף ייִד, אַזוי ווי „זשיד" אויף רוסיש. יאָאַן איז דער טי־פּישסטער רומענישער נאָמען. און דער טיטל אַליין האָט געווירקט טשיקאַווע. זי האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז זי ראַנגלט זיך מיט צוויי שפּראַכן. אין דער היים האָבן די עלטערן מיט איר גערעדט מאָלדאַוואַניש (רומעניש) און אין שול האָט זי געלערנט רוסיש. מאָלדאַוואַניש איז איר אייגענער און רוסיש, האָט זי מיר דעמאָלט געזאָגט, קען זי בעסער.

איך האָב נאָך אַלץ נישט געקענט דערגיין די סיבה פאַרוואָס זי שרייבט מיר און וואָס זי וויל פון מיר און איך האָב ווייטער געלייענט איר בריוו, וואָס איז געשריבן מיט קליינע אותיות, געדיכט און נישט קלאָר. זי דערמאָנט מיר אַז דעמאָלט האָט זי געשריבן רומעניש, אָבער שוין אַריבער צוואַנציק יאָר אַז זי הערט נישט און רעדט נישט איר מוטער־שפּראַך. זי איז די גאַנצע צייט געווען אין רוסלאַנד און זי האָט זיך ערשט איצטער אומגעקערט אין איר געבוירן־שטאָט, אָדער אויף אַ צייט, אָדער אויף שטענדיק. די ווערטער אויף שטענדיק שטרייכט זי אונטער און שטעלט דריי פּינטלען נאָך זיי און זי באַטאָנט מיר דערמיט, אַז זי פילט זיך נישט ווייט פון סוף. זי האָט איצטער געפּרוווט שרייבן רומעניש און נישט געקענט. שרייבן האָט זי געפּרוווט טאַקע דעם סוף פון דער דערציילונג „דער זשידאַן יאָאַן". דעמאָלט האָט זי די דערציילונג געענדיקט אין דער מיט פון העלדס לעבן, אָבער איצטער האָט זי זיך דערוווּסט נייע פּרטים וועגן דעם העלד און זיין טויט און זי האָט געוואָלט אַנדערש ענדיקן די דער־ציילונג. האָט זי דערפאַר געמוזט דעם סוף שרייבן אויף רוסיש. „אין דער־ציילונג און געשריבן איז זי אין צוויי שפּראַכן". נישט נאָר אַ ייִד קען האָבן דריי שפּראַכן...

און די שרייבערן באַטאָנט מיר, אַז דער העלד אירער איז נישט קיין אויס־געטראַכטער, אַז ער איז גענומען פון לעבן און אַז זי האָט מיר אים דעמאָלט אַפילו געוויזן. און איך האָב אים טאַקע עטלעכע מאָל געזען אין פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט. און זי שרייבט: „דערווייסנדיק זיך מער ווי אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די לעצטע יאָרן פון מיין טשיקאַווען העלד, האָב איך געפּיבערט און עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד געשריבן דעם נייעם סוף, וואָס איז אַרויס אפשר נאָך גרעסער ווי דער אָנהייב. איך בין לעצטנס, שרייבט זי, נישט אין אַזאַ גוטן

געזונט־צושטאַנד. איך קרענק שטאַרק אונטער. דער דאָקטער וואָלט מיר זיכער נישט דערלויבט צו אַרבעטן אַזוי אינטענסיוו עטלעכע נעכט דורכאַנאַנד און איך האָב טאַקע אויך קיין כוח נישט צו אַזאַ אַרבעט, אָבער איך האָב נישט געפילט די שווערקייט פון דער אַרבעט און נישט קיין מידקייט. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל איך בין שוין אַ סך נענטער ווי ווייטער צו מיין סוף, האָט עס מיך אַזוי געיאָגט".

און ערשט איצטער איז געקומען די אויפבינדונג פון דעם רעטעניש. זי ווייסט, אַז די דערציילונג אירע, וואָס איז געשריבן אין צוויי שפּראַכן, האָט אַזאַ טעמע, וואָס אינטערעסירט נישט היינט צו טאָג אין ראַטנפאַרבאַנד. די גאַנצע זאַך געפינט זיך פון יענער זייט „סאָציאַליסטישער רעאַליזם". זי האָט נישט קיין שייכות מיטן סאָציאַליזם און נישט מיט דער היינטיקער ווירקלעכקייט. און זי האָט דורך אַ צופאַל זיך דערמאָנט אין מיר. זי האָט אין איר געבוירן־שטאָט נישט געטראָפן קיינעם פון אירע יוגנט־פריינט. ווער עס לעבט נישט מער און ווער עס איז ערגעץ אַנדערש, אָבער אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון מיין זיין דאָרטן אין יאָר 1920, האָט זי געטראָפן אין אַ בוך. זי אַליין איז אויך פאַראַן אויף יענער פאָטאָגראַפיע. זי באַמערקט, אַז זי האָט זיך קוים דערקענט און מסתמא וואָלט איך זיך אויך שווער דערקענט. און קוקנדיק אויף דער פאָטאָגראַפיע, האָט זי געטראַכט, אַז דער בעסטער איינפאַל וואָלט געווען, אַז זי זאָל מיר שיקן די דאָזיקע דערציילונג אין די צוויי שפּראַכן, וואָס איך קען ביידע. זי האָט מיר דעמאָלט צוגעזאָגט צו שיקן די דערציילונג בלויז אין רומעניש, אַז איך זאָל זי זען צו פאַרעפנטלעכן ערגעץ אין אַ רומענישן זשורנאַל און אויך אין אַ יידישע איבערזעצונג, אָבער זי האָט דאָס דעמאָלט נישט געקענט באַווייזן, האָט זי געקלערט, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס איז נישט געשען אין יאָר 1920, וואָלט געדאַרפט געשען אין יאָר 1960. פאַר יידן מיינט זי, קען זי זיין אינטערעסאַנט. און זי שרייבט: „איז געווען די האַנט פון גורל, אַז איך זאָל זיך דערוויסן, אַז אין טשערנאָוויץ געפינט זיך אייערע אַ פּלימעניצע און איך האָב איר אָוועקגעשריבן אַ בריוו און ביי איר געבעטן אייער אַדרעס און אָט ווי איר זעט, האָב איך אים באַלד באַקומען. האָב איך אַריינגעפּאַקט די דערציילונג איינעם מיט אָט דעם בריוו, וואָס איך פאַרענדיק און איך שיק אייך ביידע. איך שיק אייך די דערציילונג און איך פיל, גלייך ווי איך וואָלט אָוועקגעשיקט עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס איז מיר נאָענט. איך וועל זי טאַקע שוין מער נישט האָבן! קיין כח צו מאַכן אַ קאָפּיע האָב איך נישט און קיין געלט צו באַצאָלן דערפאַר האָב איך אויך נישט. איך וועל שוין טאַקע נישט האָבן די דאָזיקע „לעבעדיקע זאַך", וואָס איז מיר נאָענט, אָבער איך האָב

דאָס געפיל אַז איך ראַטעווע זי. און אפשר וועל איך אַמאָל זיך דערוויסן, וואָס מיט איר איז געוואָרן".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב דעם זכרון לאַנג נישט געדאַרפט אָנשטרענגען. איך האָב די שרייבערן פון דעם בריוו און פון דער דערציילונג גאַנץ גוט געדענקט. זי איז געווען איינע פון דער קליינער גרופּע אינטעליגענטע נישט־ייִדן אין יענער שטאָט וואָס האָט זיך געהאַלטן נאָענט פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. די גרופּע איז באַשטאַנען פון דריי פרויען און פיר מענער. אַלע אַנדערע אינטעליגענטע מאָלדאַוואַנער פון דער שטאָט האָבן זיך געטוליעט צו דער רעגירונג. ווער עס האָט געהאַט אַ נישט־וויכטיקן פּאָסטן אויפן אָרט און ווער עס האָט געקוואָקעט אויף אַ גרעסערער פּאָזיציע אין בוקאַרעסט. זי איז געווען אַ יונגע, שיינע פרוי, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן רוסיש און נאָך דעם ווי בעסאַראַביע איז באַזעצט געוואָרן פון די רומענער, איז זי אַריבערגעגאַנגען צו רומעניש. קיין גרויס מזל מיט איר שרייבן האָט זי נישט געהאַט. ווען דער רומענער איז אַריין קיין בעסאַראַביע, איז זי געווען אַ לערערן פון רוסיש אין דער אָרטיקער פּראָ־גימנאַזיע. זי האָט געוווסט, אַז מען וועט די דאָזיקע פּראָ־גימנאַזיע, פּונקט ווי אַלע שולן פון בעסאַראַביע, אַריבערפירן אויף רומעניש און זי האָט גלייך זיך גענומען פלייסיק פּערפעקציאָנירן אין דער דאָזיקער שפּראַך, וואָס זי האָט געקענט בלויז אין אָרטיקן דיאַלעקט און בלויז אין וואָרט, אָבער נישט אין שריפט. זי האָט נישט געקענט די גראַמאַטיק פון דער צענטראַלער רומענישער שפּראַך און נישט די רומענישע ליטעראַטור. אַ טעמפּעראַמענטפולע, כמעט אַ היסטערישע (מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט דעמאָלט שוין געהאַלטן ביים דריטן געליבטן), איז זי אויך געווען אַ זייער אַרבעטזאַמע און זי האָט אין עטלעכע חדשים באַוויזן צו באַהערשן זייער גוט די רומענישע שפּראַך. און ווען מען האָט אינגיכן די פּראָ־גימנאַזיע רומעניזירט, איז זי געוואָרן לערערן פון רומעניש. זי אַליין האָט געזאָגט: „איך בין פון שטורמישן פּושקין אַריבער צום מעלאַנכאָלישן עמינעסקו". אָבער זי איז לאַנג נישט געבליבן לערערן, זי האָט גיך געהאַט אַ קאָנפליקט מיטן דירעקטאָר פון דער פּראָ־גימנאַזיע, אַ נישט־געראָטענער דאָקטער אין פילאָסאָפיע, וואָס איז אַהין געשיקט געוואָרן פון רעגאַט צו רומעניזירן די שטאָט; ער איז געווען אַן עלטערער מאַן און אַ רעאַקציאָנער און ער האָט זי באַזייטיקט. זי האָט מיר דעמאָלט דערציילט, אַז ער האָט זי באַזייטיקט פאַר צוויי זאַכן: ווייל אַלס פרוי איז זי לגבי אים געווען „צו רעאַקציאָנער" און אַלס לערערן איז זי געווען צו פּראָגרעסיוו.

ווען זי איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער פּראָ־גימנאַזיע, האָט זי זיך מיט

מער היץ אַ נעם־געטאָן צום שרייבן. געלעבט האָט זי פון שניידעריי־אַרבעט. זי האָט געקענט היימיש בייען און זי איז געוואָרן אַ בייטערן פאַר די באַשיידע־נערע יידישע ווייבער פון דער שטאָט. מיר האָט מען דעמאָלט דערציילט, אַז מען האָט זי באַזייטיקט פון דער פראָ־גימנאַזיע אויך, ווייל זי האָט זיך צו שטאַרק געהברט מיט די יידן. עס איז געווען איינגערעדט ביי דער רומענישער מאַכט, אַז אַלע מאָלדאַוואַנעס פון בעסאַראַביע, וואָס זענען באַפריינדעט מיט יידן, זענען באָלשעוויקעס. פאַקטיש זענען אויך די מענשעוויקעס און די סאָציאַל רעוואָלוציאָנערן געווען חבר מיט די יידן. און זי, בעקאַ זארזאר, האָט קיין שום פּאָליטישע איינשטעלונג נישט געהאַט. זי אַליין האָט זיך פאָרגע־שטעלט, ווי אַ הומאַניסטקע און זי האָט געזאָגט, אַז איר פּראָגראַם איז: אַלע מענטשן זאָל זיין גוט. און מיט יידן האָט זי פאַרבונדן אַ טשיקאַווע טראַדיציע אין איר פאַמיליע. איר פאָטער איז געווען פון די רייכערע מאָלדאַוואַנעס אין שטאָט און ער איז אונטער דער צאַרישער רעגירונג איין מאָל געווען בירגער־מייסטער. קיין גרויסער יידן־פריינט איז ער דעמאָלט נישט געווען. ביי איר מוטער האָבן זיך קיין קינדער נישט געהאַלטן. זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל מפּיל געווען און צוויי קינדער זענען ביי איר קליינערהייט געשטאָרבן. און ווען אין שטאָט אַריין איז איינמאָל געקומען דער בוהושער רבי, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען אויך ביי די קריסטן, האָבן איר די שכנים איינגערעדט, אַז זי זאָל גיין ביי אים בעטן, אַז עס זאָלן זיך ביי איר האַלטן די קינדער. זי איז גראָד דעמאָלט געווען שוואַנגער און איבערגעשראָקן איז זי געווען, האָט זי זיך גע־לאָזט איבעררעדן און זי איז געגאַנגען צום רבין. און ער האָט איר געגעבן אַ ברכה. דאָס וואָרט „ברוכע" האָט זי מיט שווערער מי אַרויסגערעדט, אָבער זי האָט דאָס כסדר גענוצט. אויך דער פאָטער האָט דאָס גענוצט און אַלע קינדער האָבן דאָס געקענט, גלייך עס וואָלט געווען זייערס אַן אייגנס. דער רבי האָט דעמאָלט געזאָגט צו איר מאַמען, אַז אויב ביי איר וועט געבוירן ווערן אַ זון, זאָל זי אים אַ נאָמען געבן איסאַק, און אויב אַ טאָכטער — זאָל זי איר אַ נאָמען געבן רעבעקאַ. איז געבוירן געוואָרן אַ זון: איר עלטערער ברודער. און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן איסאַק און זי איז געווען די צווייטע און כאָטש דער רבי האָט גערעדט נאָר וועגן ערשטן קינד, האָט די מוטער איר געגעבן דעם נאָמען, וואָס דער רבי האָט דערמאָנט: רעבעקאַ. דער ברודער איז געווען אַ נאָטאַריוס און די שוועסטער האָט אים אַזוי לאַנג גערופן איציק, ביז וואָנען זיינע יידישע קונים האָבן אים אויך אַזוי גערופן. האָט שוין דער ברודער זי דערפאַר גערופן „ריווקאַ" (רבקה) און די חברטעס האָבן זי אויך אַזוי גערופן. מיט דער צייט איז איר נאָמען רעבעקאַ פאַרקירצט געוואָרן און מען האָט זי גערופן בעקאַ. איציק און בעקאַ האָבן זיך אַזוי נאָענטן געהאַלטן צו די יידן,

אַז זיי האָבן מיט דער צייט נישט שלעכט פאַרשטאַנען ייִדיש און זיי האָבן אַפילו געקענט אַביסל רעדן דאָס מאַמע־לשון פון זייערע חברים און חברטעס.

איך בין אין יענער שטאָט געקומען אין 1920, אין נאָמען פון דער טשער־נאָוויצער פעדעראַציע פון אַלע קולטור־ליגעס אין גרויס־רומעניע. די דאָזיקע ליגעס זענען באַשטאַנען פון אַלע ייִדיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען און אויך די ייִדסעקן און די אַרבעט איז אין זיי געפירט געוואָרן אויף ליטעראַרישע טעמעס. איך האָב נאַטירלעך גערעדט מאַמע־לשון און צוביידע איז בעקאַ גע־קומען. און צו דער היימישער פאַרוויילונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין זאַל פון דער ייִדישער שול לכבוד מיין אָפּפאָרן, איז זי אויך געקומען. און איך געדענק זי גאַנץ גוט. אַ הויכע, אַ ברונעטקע, מיט שוואַרצע, פעטע, קיילעכדיקע, מילדע און הונגעריקע אויגן. דאָס פנים אַ לענגעכיקס, דאָס מויל אַ קליינטשיקס. די זאַפטיקע ליפּן אירע זענען נישט געווען באַשמירט מיט קיין רויטס און זיי זענען דאָך געווען שטאַרק רויט. אין דער לינקער באַק האָט זיך ביי איר שטענ־דיק באַוויזן אַ חן־גריבל, ווען זי האָט געשמייכלט. און געשמייכלט האָט זי כמעט שטענדיק. דער קערפּער איז ביי איר געווען אַ פעסטער, דאָך אַ זייער ווייבלעכער. זי האָט געטראָגן אַ זייער געפּאַסטן אַנצוג און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי וויל צוימען און באַהאַלטן איר ווייבלעכקייט, אָבער די ווייבלעכקייט איז דורך דער געפּאַסטקייט פון די קליידער געוואָרן נאָך מער אַרויסגעשטאַרטשעט און בולט.

איך האָב זי שוין געהאַט געקענט פון מיינע פריִערדיקע באַזוכן אין יע־נער שטאָט ווו איך האָב געהאַט קרובים און פריינט און איך האָב אַביסל גע־קענט איר „ייִדישע״ לעבנס־געשיכטע. דעמאָלט האָב איך זיך מיט איר נענ־טער באַקענט, ווען זי איז צו מיר געקומען לייענען אירע דערציילונגען. אַלע אַנדערע זאַכן וואָס זי האָט מיר געלייענט, האָבן מיר קיין איבעריקן איינדרוק נישט געמאַכט. זיי האָבן געהאַט איין מאָטיוו: בענקשאַפט. זי האָט באַשריבן כמעט בלויז מענער. איך האָב שוין דעמאָלט געטראַכט אַז דאָס דאָזיקע שטאַמט דערפון, וואָס זי טראַכט בלויז וועגן מענער. אָבער אירע מענער זענען עפּעס אויך געווען ווייבלעך, עס האָט זיי געפעלט אַקטיוויטעט. זיי האָבן געבענקט. זי האָט טשעכאָווס „דריי שוועסטער״ „פאַרברידערט״ און פאַרבעסאַראַבישט און זיי געמאַכט בענקען נישט נאָך עפּעס אַ באַשטימטן פונקט נאָר נאָך אַ זאַך, וואָס איז פאַראַן בלויז אין דער... בענקשאַפט.

די איינציקע זאַך, וואָס האָט מיך פאַראינטערעסירט איז געווען די דער־ציילונג „דער זשידאַן יאַאַן״. שוין דער טיטל אַליין איז געווען טשיקאַווע. אַ ייִד מיט דעם מאָלדאַוואַנישן נאָמען יאָאַן. זי האָט זיך מיר געאיילט דערציילן, אַז איר העלד איז נישט קיין אויסגעטראַכטער, ער לעבט אין שטעטל. און דאָס

דאַזיקע האָט דווקא קלענער געמאַכט מיין נייגעריקייט. מיך האָט קיין מאָל נישט איבערצייגט אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס איז גענומען בלויז פון איין רעאַלן פאַקט, אָדער פון איין רעאַלן טיפּ. ליטעראַטור דאַרף, לויט מיין שטענדיקער איבערצייגונג זיין דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדיקער באַאָבאַכטונג פון סביבות און מענטשן, וואָס גייט דורך די פּריזמע פון אַ שעפערישן מענטשן. איך האָב געקלערט נאָך איידער איך האָב גענומען לייענען די זאַך, אַז אויב עס איז בלויז אַ רעאַלע באַשרייבונג פון איין טיפּ, דאַרף איך זי נישט לייענען. איך קען דאָך אַליין אַרויסגיין און אויסזוכן דעם טיפּ און זיך באַקענען מיט אים און זיך דערוויסן די פּרטים פון זיין ביאָגראַפיע, אָבער ווען איך האָב גענומען לייענען די זאַך, האָב איך זיך באַלד איבערצייגט אַז עס איז נישט בלויז אַ מעשה פון לעבן. די שרייבערן האָט אַרום איין אומגליקלעכן מענטשן אויסגעמאָלן אַ סביבה און זי האָט די געשעענישן דורכגעטראַכט ביז איז די קלענסטע פּרטים און האָט אַזוי באַלויכטן די טונקעלע ווינקלען, אַז דער איינ־צלנער פאַקט איז געוואָרן אַ גאַנצע ווירקלעכקייט. די דערציילונג האָט אויף מיר דעמאָלט געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק, אַז איך האָב זיך צוגעזאָגט צו באַמיען זי צו פאַרעפנטלעכן אין רומעניש און אין יידיש. אָט־אָ דער פאַקט איז שוין געווען געגוג, אַז בעקאַ זאַרזאַר זאָל ביי מיר פאַרבלייבן אין זכרון און איך זאָל זי געדענקען. זי איז אָבער פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש מיט נאָך איין באַ־זונדער טשיקאַווע געשעעניש.

ביי יענעם געזעגענונגס־אָוונט אין דער יידישער שול האָבן גערעדט עט־לעכע חברים. עס איז חלילה נישט געווען קיין באַנקעט. עס איז געווען אַן אָוונט ביי וועלכן מען האָט גערעדט און געטראַכט, סיי שווייגנדיק און סיי אויף אַ קול. וועגן סאַמע עיקר האָט מען געטראַכט שווייגנדיק. די רומענישע מאַכט האָט דעמאָלט אין בעסאַראַביע פּשוט נישט געלאָזט לעבן. אַ דערלויבעניש פאַר אַ רעפעראַט איז אָנגעקומען מיט אַ סך מאַטערניש. די זאַך איז נישט איינגע־שטאַנען ביי דער ציווילער מאַכט, נאָר ביי די אויטאָריטעטן פון דעם מיליטע־רישן גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. און די אָפיצירן האָבן נישט געוואָלט נישט קיין רעפעראַטן און נישט קיין קאָנצערטן, נאָר בעלער. זיי האָבן געוואָלט טאַנצן מיט מיידלעך און פרויען. און זיי וואָלטן מסתמא קיינמאָל נישט דערלויבט קיין יידישן רעפעראַט, ווען די פאַרשטייערנס פון דעם שייגעם מין וואָלט זיי נישט געווען געמאָלדן, אַז אויב זיי וועלן נישט דערלויבן קיין ליטעראַרישע אָוונטן, וועלן זיי נישט קומען צו זייערע בעלער. מען האָט ביי יענעם אָוונט מער געשוויגן, ווי גערעדט און שווייגנדיק האָט מען דעם גאַסט געגעבן צו פילן דעם טרויער פון אַזאַ לעבן. און אָט ביי יענעם אָוונט האָט בעקאַ זאַרזאַר, צו אַלעמענס שטוינונג, געבעטן אַ וואָרט. זי האָט זיך אַנט־

שולדיקט, וואָס זי רעדט נישט קיין יידיש. זי איז נישט קיין יידישע, כאָטש זי איז אַן אויסגעבעטענע ביי אַ רבין; זי פאַרשטייט יידיש אָבער זי קען נישט רעדן. זי האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, אַז קיין גוטער תירוץ איז דאָס נישט. אָט זענען כמעט אַלע אין זאַל נישט קיין רומענער און נישט קיין רוסן און זיי קענען אי רומעניש, אי רוסיש. ליידער האָט זי נישט באַוויזן אויסצולערנען געגוג די שפּראַך פון אירע מערסטע גוטע חברים און חברטעס. זי האָט גערעדט רוסיש. האָט דער פאַרשטייער פון דער מאַכט זי אָפּגעשטעלט און איר געהייסן רעדן רומעניש. און עס איז פאָרגעקומען אָט־דער דיאַלאָג צווישן זיי:

פאַרשטייער: רעדט רומעניש, פריילן.

בעקאַ: רוסיש איז פאַרבאָטן צו רעדן אין בעסאַראַביע?

פ.: רוסיש פאַרשטיי איך נישט.

ב.: און יידיש פאַרשטייט איר יאָ?

פ.: אַביסל פאַרשטיי איך. און יידיש איז זייער שפּראַך. און אייער שפּראַך איז נישט רוסיש, נאָר רומעניש. איר הייסט זאַרזאַר.

ב.: און אַז מיר איז פאַרט גרינגער צו רעדן רוסיש און זיי אַלע דאָ איז גרינגער צו פאַרשטיין אָט די שפּראַך?

פ.: איר טענהט צופיל פריילן, אָדער רומעניש, אָדער — שווייגן.

און זי האָט איר וואָרט פאַרענדיקט אין רומעניש. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט פאַרשטאַנען מיינע ביידע לעקציעס, סיי וועגן דער פּרוי ביי פּרצן און סיי וועגן שלום־עליכמס געלעכטער און זי האָט פון זיי ביידע עפּעס געלערנט. זי האָט פון דער ערשטער לעקציע געלערנט, אַז מענער וועלן נאָך לאַנג נישט פאַרשטיין די פרוי ביי אַלע פעלקער. דאָס דאַזיקע האָט זי באַזונדער אַרויסגע־נומען פון מיין אַנאַליז וועגן פּרצעס סקיצע „מענדל בריינעס", אין וועלכער עס ווערט געשילדערט ווי די פרוי טראָגט דעם גאַנצן עול פון דער פּרנסה און פון דער שטוב און דער מאַן חידושט זיך למאי זי שטאַרבט פריער. און פון דער לעקציע וועגן שלום־עליכמען האָט זי געלערנט, אַז מען קען נישט פאַר־לירן דעם מוט און אַפילו לאַכן, ווען דאָס לעבן איז שטאַרק טרויעריק. זי האָט געגוצט די ווערטער „בטחון" און „מענדל בריינעס", וועלכע זי האָט שווערלעך אַרויסגעזאָגט. און ווענדנדיק זיך צום פאַרשטייער פון דער מאַכט, האָט זי אים געזאָגט:

— הער פאַרשטייער, דאָס זענען נישט קיין אומדערלויבטע רוסישע ווער־טער, נאָר דערלויבטע יידישע ווערטער. איבערהויפּט דאַרפן אַלע מענטשן קענען דאָס וואָרט בטחון. אַזאַ וואָרט איז נישטאָ אויף קיין שום אַנדער שפּראַך, אַזוי האָט געזאָגט דער לעקטאָר. עס מיינט, אַפּנים, קיין מאָל נישט פאַרצווייפ־

לען. אויך ווען אין דער באַפרייטער בעסאַראַביע איז נישטאָ קיין פרייהייט, דאַרף מען האָבן בטחון.

דער פאָרשטייער פון דער מאַכט האָט בעקאַן געוואָלט גלייך אַרעסטירן, אָבער דער עולם האָט זיך אריינגעמישט און עס האָט געקאָסט מי און נאָך עפּעס, אַז מען זאָל איר שולד פאַרשווייגן.

נאָך יענער געשעעניש בין איך נאָך געווען דריטהאַלבן יאָר אין רומעניע און איך האָב איר דערציילונג „דער זשידאַן יאַאַן" קיין מאָל נישט באַקומען. איך האָב איר געשריבן אַ בריוו און נישט באַקומען קיין ענטפער. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי אַנדערע, האָט מען מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז זי איז בּסתמא אַרעסטירט.

און אָט איצטער־אָ, פערציק יאָר נאָך דער דאָזיקער איבערלעבונג, איז מיר אָנגעקומען יענע דערציילונג אויף רומעניש אינאיינעם מיט אַ לאַנגן צו־גאָב אויף רוסיש און מיט דעם בריוו, וואָס דערקלערט די גאַנצע זאַך.

איך האָב ביידע טיילן פון דער דערציילונג איבערגעזעצט פון ביידע שפּראַכן אויף ייִדיש און איך האָב כמעט נישט געמאַכט קיין שום ענדערונג, כאָטש אין בריוו האָט זי מיר דערלויבט צו מאַכן די דאָזיקע ענדערונגען, וואָס איך וועל געפינען פאַר נייטיק. איך האָב נישט געפונען פאַר נייטיק איינצופירן ענדערונגען, אויסער אין פאַלן, ווען זי איז באַגאַנגען אומפּינקלעכקייטן אין שייכות צו ייִדישע יום־טובים און אַנדערע ייִדישע ענינים.

בעקאַ זאַרזאַר פאַרענדיקט איר בריוו צו מיר מיט אָט די ווערטער: „איך געדענק אייער דעפיניציע וועגן בטחון און איך האָב לאַנג זיך געראַנגלט זיך דורכצודרינגען מיט אָט דער עכט־ייִדישער אייגנשאַפט. איך האָב אַ סך מאָל זי נייטיק געהאַט, בכדי זיך נישט צו פאַרלירן. און איך בין געבליבן „אַ גויע מיט בטחון". און מיך אינטערעסירט שטאַרק צו וויסן, צי איר האָט נאָך דעם בטחון פון אַמאָל. שלעכטע מענטשן האָבן אים ביי מיר אַ סך מאָל געוואָלט צורויבן, אָבער איך האָב נישט געלאָזט".

— 2 —

פאַרוואָס איז די מאַמע געווען אַ שלעכטע?

יאָאַן דרייט זיך אַרום אין מאַרק, ביי דער „רויטער ריי״, אין די גאַסן, בלייבט שטיין, גייט ווייטער, קוקט אויף זאַכן, אויף מענטשן. ער אַליין זאָגט קיינמאָל קיינעם גאָרנישט. אַז מען רעדט צו אים, ענטפערט ער זייער זעלטן. אין די מערסטע פאַלן, ווען מען רעדט צו אים, נעמט ער פריִער אַוועק די אויגן און דערנאָך נעמט ער אַוועק די פּיס און ער כאַפּט אַלעמאָל אַ קוק, צי מען גייט אים נישט נאָך.

ער איז נישט קיין הויכער, יאָאַן, און נישט קיין נידעריקער. אַביסל העכער ווי מיטלוווקסיק. ער איז נישט קיין ברונעט און נישט קיין בלאָנדין, אַ טונקעלער שאַטין איז ער. דער קאָליר פון זיין פּנים איז אַזוי מילד, ווי דער אויסדרוק פון זיינע גרויסע, קיילעכדיקע אויגן. און טרויעריק איז זיין קיילעכדיק פּנים, וואָס האָט אידעלע שטריכן, אַלציינס ווי דאָס זענען זיינע אויגן. דער גרויסער שטערן זיינער איז פול מיט קנייטשן, כאָטש ער איז נאָך אַ יונגער מענטש. ער האָט דינע פּיס, ווי אַ יינגל פון צוואַנציק יאָר, אָבער מען זאָגט, אַז ער איז שוין באַלד פינף און צוואַנציק. ווען ער בלייבט ערגעץ שטיין אַליין, קנייטשט זיך ביי אים דער שטערן נאָך מערער. מען דערקענט אַז ער טראַכט מיט זאָרג. קומט עמעצער צו און פרעגט אים וואָס ער טראַכט, כאַפּט ער אַ קליינעם קוק אויף אים און ער גייט אַוועק.

שוין זייט אַ סך יאָרן טראָגט יאָאַן דעם זעלבן טונקל־גרויען אַנצוג, וואָס איז אין עטלעכע ערטער געלאַטעט. די לאַטעס זענען פון אַנדערע קאָלירן, אָבער אויך טונקל־גרויע. קיין לעכער האָבן זיינע רעקל און הויזן קיינמאָל נישט. לאַטעס קומען צו צו זיי אַלעמאָל. און שמוציק איז זיין אַנצוג אויך קיינמאָל נישט; אָפּגעריבן, אָבער זויבער. אַז יינגלעך פון דער גאַס לויפן אים נאָך, וואַרפן אויף אים שטייִנער און שמוץ, ראַטעוועט ער זיך פון זיי און באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל און דאָס ערשטע, וואָס ער טוט איז — זיך אַרומרייניקן. ער רייניקט זיך אַרום מיט די הענט, מיט פּאַפּיר און מיט וואָס ער געפינט. אויך די שיך רייניקט ער אַרום מיט פּאַפּיר. זיי גלאַנצן ביי אים קיינמאָל נישט, די שיך, אָבער זיי זענען ריין. ער טראָגט נישט קיין קראַוואַט, אָבער דאָס העמד איז

ביי אים ריין. עס איז צעקנייטשט, דאָס טונקעלע העמד, אָבער ריין. ער וואַשט דאָס אַליין אויס אין טייך און ער לייגט דאָס טריקענען אויף דער זון. אויך דאָס וועש וואַשט ער אין טייך. ער זוכט אויס אַ ווינקל, ווו קיינער איז נישטאָ און ער שטעלט זיך וואַשן. אַז ער האָט מזל, קומט קיינער נישט אָן און ער לייגט די וועש אויף דער זון און אַליין באַהאַלט ער זיך אין שאָטן. ער שטעלט זיך קיינמאָל נישט אויף דער זון, ער אַנטלויפט פאַר אירע שטראַלן. אָבער ווי אויף צו להכעיס קומט שטענדיק עמיצער אָן, ווען ער טוט אויס זיין וועש און ער שטעלט זיך וואַשן. ער אַנטלויפט אַ סך מאָל אַ האַלב־נאַקעטער און ער זוכט אַ באַהאַלטן ווינקל, ווו זיך אָנצוטאָן.

פאַר פרויען אַנטלויפט יאַאַן מערער ווי פאַר מענער. אַמאָל מאַכט זיך, אַז אַ פרוי שטעלט אים אָפּ און פרעגט אים פאַרוואָס ער וויל נישט אַביסל רעדן מיט איר, אַנטלויפט ער. און אַז זי האַלט אים צו און זי פרעגט אים פאַרוואָס ער אַנטלויפט, זאָגט ער, אַז מיט פרויען וויל ער נישט רעדן.

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי ווילן אַ שלעכטע זאַך.

ווינטער זעט יאַאַן אויס ערגער ווי זומער. אין טייך קען ער קיין העמד און זיין וועש נישט וואַשן, אָבער ער וואַשט זיי דאָך. עס פּאַסירט אַפילו, אַז ווען דער טייך איז פאַרפרוירן, וואַשט ער זיי אין אַ „ווירובאַק״, אין אַן אויס־געהאַקט פלאַץ, ווו שכנים שעפּן אָן וואַסער. די ערגסטע צרה מיטן וועש אום ווינטער איז פאַר יאַאַנען נישט דאָס וואַשן, נאָר דאָס אויסטריקענען. און אַ סך מאָל טוט ער דאָס טאַקע אָן נאַסערהייט און ער פאַרקילט זיך אַלעמאָל. ער איז שוין נישט איינמאָל געלעגן אין אַ ווינקל פון מאַרק, אונטער אַ קאַסטן, מיט פערציק גראַד די היץ. מען האָט אים אַ סך מאָל גענומען אין שפּיטאָל אַריין און ער איז גיך געזונט געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט מער לעבנס ווי אַ קאַץ.

קיינער ווייסט נישט פון וואָס יאַאַן לעבט. און אַז מען פרעגט עמיצן וועגן דעם, ענטפערט ער:

— ווער זאָגט אַז ער לעבט?

ער גייט אַמאָל פאַר איין פרוי אַ גאַנג, אַן אַנדער פרוי העלפט ער טראָגן דאָס קיישל פון מאַרק. אַמאָל טראָגט ער אַ קאַסטן אַליין, אָדער נאָך מיט עמיצן. גיט מען אים עפּעס דערפאַר. קיין געלט גיט מען אים קיינמאָל נישט. מען גיט אים אַ שטיקל ברויט, אַ געקאָכטע קאַרטאָפל, אַ רויע פרוכט, אַ ביין מיט אַ שטיקל פלייש. פרייטיק איז ביי אים דער בעסטער טאָג. ייִדענעם גייען מיט שווערע קוישן פון מאַרק, העלפט ער זיי טראָגן, גיט מען אים אַ שטיקל חלה, אַ שטיקל פיש. פרייטיק איז ער מער זאַט ווי אַלע טאָג. און זומער שלאָפט ער

אַ־ן פרייטיק אין אָוונט ערגעץ הינטער אַ פּלויט און ער שטייט אויף אינדער־דערפרי. אַ ייִדן ענטפערט ער דאָך אַמאָל אויף אַ פראַגע, אַ קריסט — זייער זעלטן. און ווען אַ קריסט האָט אים אַמאָל געפרעגט פּאַרוואָס ער ענטפערט די „זשידאַנעס" יאָ און די קריסטן נישט, האָט ער געענטפערט:

— ווייל די ייִדן זענען בעסערע מענטשן.

— מיט וואָס זענען זיי בעסער?

— זיי געבן...

אָפּגעזאָגט, זיך אַביסל אומגעקוקט און אַנטלאָפן ווי פאַר מורא.

יאַאַן רעדט בעסער ווי אַלץ מאָלדאַוואַניש. רוסיש רעדט ער ערגער, ייִדיש רעדט ער קוים אַ פּאָר ווערטער, אָבער כאָטש ער שווייגט אַ סך מער ווי ער רעדט, מערקט מען דאָך, אַז ער באַמיט זיך צו קענען ענטפערן אויף ייִדיש, ווען מען פרעגט אים עפּעס אויף אָט דער שפּראַך. און ער שמייכלט אַפילו, ווען מען רעדט צו אים ייִדיש.

אַ אַ פרעמדער קומט אַהער און ער באַקענט זיך מיט דעם ביסל מערקווירדיקייטן פון דער שטאָט און מיט די אָפּגעהעשעטע טערקישע קאַנאָנען, ווייזט מען אים איין משוגענע פרוי און צוויי משוגענע מענער און מען ווייזט אים אָן אויך אויף יאַאַנען ווי אויף עפּעס יאָ און נישט קיין משוגענעם און מען ווייזט אים אויך אָן אויף אַן אויסערגעוויינלעכן טיפּ — אַ מאַן, וואָס איז שטענדיק שיכור. מען זאָגט, אַז ער איז געווען אַ גימנאַזיע־לערער. ער איז קיינמאָל נישט ביי די ניכטערע געדאַנקען און ער רעדט געפּערלעכע זאַכן אויף אַלע מענטשן און באַזונדער אויף דער מאַכט און די פּאָליציי טשעפּעט אים קיינמאָל נישט. די משוגענע איז אַ מיטליעריקע פרוי, וואָס גייט שטענדיק אַרום פּאַוואַליע, זינגט צו זיך אַליין און אַז אַ מאַן כאַפּט אַ קוק אויף איר, הייבט זי אויף דאָס קליידל און זאָגט אַ גראָב וואָרט. אַז אַ פרוי קוקט אויף איר, שטעלט זי איר אַרויס אַ צונג און זי פרעגט איר:

— ווילסט אויך?

קינדער האָט זי ליב און זי וויל זיי גלעטן און קושן, אָבער זיי אַנטלויפן פאַר איר. און ווען אין מיטן הימל שטייט אַ קיילעכדיקע לבנה, קען זיך די דאָזיקע משוגענע אָוועקשטעלן און פריִער זינגען צו איר און דערנאָך זי שעלטן מיט טויטע קללות.

פון די צוויי משוגעים הייסט איינער לוקאַ און איינער קאָליאַ. לוקאַ איז אַ נידעריקער, אַ גראָבער, אַ שווערער און אַן עלטערער. קאָליאַ איז אַ הויכער, אַ דאַרער און אַ יונגער. לוקאַ שטייט שטענדיק לעבן די סלופּעס, הערט זיך צו און ער מאַכט „הו הו". קאָליאַ לויפט שטענדיק אַרום און ער פרעגט ביי יעדן איינעם, וואָס ער טרעפט אויפן וועג, אַ מאַן, צי אַ פרוי:

— ווו איז זי?

און יאַן טוט גאָרנישט, זאָגט גאָרנישט און מען קוקט אויף אים מער ווי אויף אַלע אַנדערע נישט נאָרמאַלע מענטשן פון דער שטאָט און מען קען קיינמאָל נישט דערגיין וואָס ער איז.

— אַ משוגענער?

— ניין.

— אַ קלאָרער?

— אויך נישט.

— וואָס זשע פאָרט?

— ער האָט מורא פאַר מענטשן, פאַר פרויען מערער ווי פאַר מענער.

— פאַרוואָס?

— גיי ווייס.

אַז יאַן זאָל אַנטלויפן איז אַ געוויינלעכע זאַך. מערער ווי פאַר אַלע אַנטלויפט ער פאַר די קינדער אין גאַס, וואָס דערקוטשען אים און באַוואַרפן אים מיט אַלץ, וואָס זיי טרעפן אונטער זייערע הענטלעך. און פאַר קינדער איז שווער צו אַנטלויפן, ווי גיך ער זאָל נישט לויפן, לויפן זיי נאָך גיכער. ער באַהאַלט זיך פאַר זיי ווו נאָר עס לאָזט זיך, אין אַ שטוב, אין אַ קלויסטער, אין אַ שולע, אין אַ שול. מען טרייבט אים טאַקע פון אומעטום באַלד אַרויס, אָבער ביז דאָס געשעט, זעען שוין די קינדער נישט פאַראַן. און ער אַנטלויפט אויך פאַר פרויען. איבערהויפּט אַנטלויפט ער פאַר די דאָרפישע שיקסעס, וואָס שטייען צו אים צו מיט גראָבע רייד און טשעפּען אים אומעטום. ער באַגיסט זיך פון דעם מיט שווייס און ער לויפט אַזוי, אַז עס דאַכט זיך, אַז ער האַלט די פיס נישט אויף דער ערד, נאָר אויף די פּלייצעס. און אַ סך מאָל פאַלט ער אַזוי לויפנדיק און די שיקסעס פאַלן אויף אים. אַז מענער זעען דאָס, לויפן זיי צו אים צו און שלעפּן אים מיט שווערער מי אַרויס אַ קוים לעבעדיקן. נאָך אַזאַ פאַל זעט מען יאַנען אַ לאַנגע צייט אין ערגעץ נישט. ער באַהאַלט זיך.

פאַר מענער אַנטלויפט יאַן נאָר ווען זיי רעדן צו אים צופיל און זיי ווילן אים אויספרעגן אינטימע זאַכן. אַז מענער קוקן בלויז אויף אים, שטייט ער אויף אַן אָרט און ער שווייגט, אָבער אַז זיי נעמען אים פרעגן אויף זיין טאַטן און אויף זיין מאַמען, דעמאָלט וואַרפט ער אַ לעצטן בליק אויף דעם פרעגנדיקן, פאַרקנייטשט דעם הויכן שטערן טיפער און ער שלעפּט אַוועק דעם בליק איניינעם מיט די פיס.

אַ לאַנגע צייט האָט קיינער אין שטאָט נישט געוווסט ווער יאַן איז. ער אַליין האָט נישט געענטפערט אויף קיין שום פראַגע. קיין דאָקומענטן האָט נישט אַזאַ פאַרשוין, פונוואַנען זשע זאָל מען וויסן ווער ער איז? איין מאָל אָבער

איז צו אים צוגעקומען אַ פרעמדער מאַן און זיך גוט איינגעקוקט אין אים און אים געזאָגט:

— זשידאַנול יאַנע, וואָס טוסטו דאָ?

אַלע וואָס זענען געשטאַנען אין דער נאָענט, האָבן דערהערט וואָס יענער מאַן האָט געזאָגט און זיי האָבן זיך דערנענטערט צו זיי. האָט יאַן געוואָרפן אויף אַלע אַ טרויעריק איבערגעשראָקענעם בליק און ער איז אַוועק. האָבן אַלע אַרומגערינגלט דעם מאַן, וואָס איז זיי געווען אַ פרעמדער און זיי האָבן זיך גענומען אויספרעגן ביי אים:

— ער איז אַ „זשידאַן"?

— אַוודאי אַ „זשידאַן".

— פון וואַנען קענט איר אים?

— ער איז פון מיין דאָרף, פון קיסליצע. איך בין דאָרטן אַ שרייבער אין דער פרימאַריע (מוניציפּאַליטעט) און איך האָב געקענט זיין מאַמען און זיין טאַטן.

— ביידע ייִדן?

איינער האָט באַמערקט אַז ער האָט אים אַ סך מאָל געזען זיך צלמען, האָבן שוין אויך די אַנדערע דערציילט, אַז ווען עס דונערט, צלמט ער זיך. און איי־נער האָט דערציילט, אַז ער האָט אים אַליין געזען אין קלויסטער שטיין אויף די קני און זאָגן 'אונדזער פאָטער".

האָט דער פרעמדער מאַן דערציילט, אַז יאַן אַליין איז שוין ניט גע־בוירן געוואָרן קיין ייִד, מען האָט אים געטויפט אין קלויסטער פון דעם דאָרף, אָבער זיין מאַמע איז געווען אַ ייִדישקע. זי איז געווען די טאָכטער פון דעם ייִדישן קרעמער אין דאָרף. זי איז געווען די שענסטע מיידל אין דאָרף און דער „פּריסטאַוו" (פּאָליציי־שעף) האָט זיך אין איר פאַרליבט. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט אין קלויסטער און אַט דער יאַן איז דער זון פון יענער „זשי־דאַנקע" און פון דעם פּריסטאַוו. די מוטער איז פּלוצים פאַרשוווּנדן. עס איז געווען אַ גאַנצע געשיכטע דערביי, מען האָט געזאָגט, אַז אירע ברידער האָבן זי דערהרגעט. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך צונויפגענומען און געוואָלט דער־הרגענען אירע ברידער איינעם מיט איר טאַטן און מיט די אַנדערע ייִדן אין דאָרף, אָבער דער פּריסטאַוו האָט נישט געלאָזט. ער האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין, זיך געצלמט און ער האָט געשוווירן, אַז נישט די ברידער און נישט קיין אַנדערע ייִדן האָבן איר געטאָן שלעכטס. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זי אַרויסגעצויגן פון טייך. אַלע האָבן זי דערקענט. זי איז נישט גע־ווען אין ערגעץ צעשלאָגן. דער פּריסטאַוו האָט געזאָגט אַז זי האָט זיך אַליין אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין, ווייל עס האָט איר באַנג געטאָן, וואָס זי איז

געוואָרן אויס ייִדישקע. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער פּריסטאַוו אויך פאַרשוואונדן. ער איז געווען פון טיף „ראַסעיאַ" און מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָרטן געהאַט אַ ווייב מיט קינדער. יאַאַנען האָט ער איבערגעלאָזט אין דאָרף און ער איז געוואַקסן אַ טרויעריקער און אַן איבערגעשראָקענער. ער האָט זיך געבעטן ביי זיין זיידן, אַז ער זאָל אים אַריינעמען, האָט אים דער גלח געוואָרנט, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן. ער איז געבוירן געוואָרן אַ קריסט און ער טאָר נישט ווערן קיין ייִד. אָבער עסן האָבן אים אַלץ געגעבן מערער זיין זיידע און זיין באָבע און די אַנדערע ייִדן פון דאָרף, ווי אַלע קריסטן. יאָרן זענען אַוועקגעגאַנגען און יאַאַן איז וואָס אַמאָל געוואָרן מער דערשלאָגן און מער טרויעריק. און פּלוצים איז ער פאַרשוואונדן. ווידער האָבן די פּויערים געשריען, אַז דער ייִד האָט דערהרגעט זיין קריסטלעכן איניקל און זיי האָבן אים געוואָלט דערהרגענען. דאָס מאָל איז דער ייִדישער „כאַכאַם" (שוחט) געגאַנגען צום פּאָפּ און אים באַשווירן, אַז ער זאָל זען, אַז מען זאָל דעם ייִדן נישט טאָן קיין שלעכטס, ווייל ער איז אומשולדיק און דער גלח האָט זיינע צעווילדעוועטע גלויביקע באַהערשט.

אַזוי אַרום האָט מען אין שטאָט זיך דערוווּסט ווער יאַאַן איז. עטלעכע טעג האָט ער זיך אינגאַנצן נישט געוויזן אין ערגעץ. מען האָט געמיינט, אַז ער איז אַוועק. און ווען ער האָט זיך באַוויזן, איז באַלד אויסגעוואַקסן אייגער, וואָס האָט אים גערופן „זשידאַן", אָדער „זשיד". אַ צווייטער האָט זיך געווענדעט גלייך צו אים און געזאָגט:

— זשידאַנול יאַאַנע, ביזט שוין ווידער דאָ?

איז ער ווידער אַנטלאָפן און מען האָט אים נישט געזען עטלעכע טעג. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער באַהאַלט זיך אין קלויסטער און אַנדערע האָבן געזאָגט אַז ער באַהאַלט זיך אין שול.

עטלעכע מאָל איז יאַאַן אַזוי אַנטלאָפן, ווען מען האָט אים גערופן „זשידאַן" און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן. מיט דער צייט אָבער האָט ער זיך צוגעוווינט צו זיין צונאָמען און ער האָט זיך מער נישט באַהאַלטן. די גאַסן־ייִנגלעך האָבן אים שוין מער קיין מאָל נישט גערופן אַנדערש ווי „זשידאַן" יאַאַן. און אַנטלאָפן איז ער שוין איצטער נאָר פאַר קינדער, וואָס האָבן אים באַוואָרפן מיט שטיינער און שמוץ און פאַר פּויערישע מוידן וואָס האָבן זיך געטשעפּעט צו אים און פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן אים געשטעלט צופיל פראַגן. (איצטער האָט מען אים געשטעלט מער פראַגן ווי פריִער). פאַר דעם וואָרט "זשידאַן" איז ער שוין מערער נישט אַנטלאָפן, ער האָט זיך צו אים צוגעוווינט אַלצאיינס, ווי צו זיין אייגענעם נאָמען.

אין שטאָט זענען געווען מענטשן, ייִדן און קריסטן, וואָס האָבן געפּרוּווט

זיין גוט צו יאַאַנען. אַ סך האָבן אים געגעבן עסנוואַרג. אייניקע האָבן אים אויך געגעבן אָפּגעניצטע אַנצוגן. ער האָט אַ שעמעוודיקער גענומען, אָבער ניִשט צופיל. געלט האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען און עסנוואַרג האָט ער גענומען נאָר וויפל ער האָט אין יענעם מאָמענט געדאַרפט. און אַז מען האָט אים געגעבן מערער, האָט ער צוריקגעגעבן. צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך צו אים צוגעלאָזט אָן חוזק, האָבן אים נישט גערופן „זשידאַן“ און האָבן אים אַרויסגעוויזן גוטסקייט, האָט ער זיך באַצויגן מיט ווייניקער מורא. ער האָט אויף זיי אויך געקוקט מיט פאַרדאַכט, אָבער אויף נישט וויכטיקע פראַגן, האָט ער זיי געענטפערט. אַז מען האָט אים געפרעגט ווו ער וווינט, האָט ער אָנגע־וויזן אויף ערגעץ מיטן פינגער. ער האָט אויך געענטפערט אויף אַ פראַגע וועגן דעם פון וואָס ער לעבט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט די אויגן און געזאָגט:

— איך אַרבעט, גיט מען מיר.

אָבער ווען מען האָט אים גענומען פרעגן ווער ער איז, ווער זיינע טאַטע־מאַמע זענען געווען, איז ער אַנטלאָפן. און אַז יונגאַטשעס האָבן אים געזען לויפן, האָבן זיי שוין געשריען:

— זעט נאָר, ווי דער „זשידאַן“ יאַאַן לויפט.

און וואָס אַמאָל האָבן מערער און מערער מענטשן אין שטאָט זיך דער־וווּסט, אַז אָט דער יאַאַן, וואָס צלמט זיך און גייט אין קלויסטער אַריין, שטאַמט פון יידן. און זייט דעמאָלט זענען יידן געוואָרן בעסער צו אים און זיי האָבן אים אָפטער גענומען געבן עסנוואַרג און קליידער. אייניקע האָבן אים אויך געגעבן אַ פּלאַץ ווו צו שלאָפן און ווו צו איבערבייטן וועש. ער האָט פון שטענ־דיק אויסגעזען ריינער ווי די אַנדערע משוגעים פון שטאָט, אָבער זייט מען האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען „זשידאַן“, איז ער געוואָרן גאָר ריין. יוען נישט דאָס דאַזיקע, וואָס מען איז אים אַזוי באַפאַלן און וואָס ער איז אַזוי אַנט־לאָפן, וואָלט מען שוין באַלד נישט דערקענט, אַז ער איז נישט קיין נאָרמאַ־לער מענטש. און אַ סך מאָל איז ער שוין נישט אַנטלאָפן, ווען מענער זענען צוגעשטאַנען צו אים. אַז מען האָט אים געפרעגט:

— ווער ביזטו?

האָט ער געענטפערט:

— ווער איך בין.

אַנטלאָפן איז ער בלויז פאַר קינדער און פאַר שיקסעס *.

---

* בעקאַ זאַרזאַר נוצט עטלעכע מאָל דאָס וואָרט „שיקסעס“ און זי באַמערקט, אַז דאָס מיינט פּראָסטע דאָרפישע מוידן.

פון דעסטוועגן האָט מען יאָגנען אָפטער געזען אין קלויסטער זייט מען האָט אים אָנגעהויבן רופן „זשידאַן". אייניקע האָבן געמיינט, אַז ער האָט דאָס אומישנע געטאָן בכדי צו ווייזן אַלעמען, אַז ער איז נישט קיין ייִד, אָבער די עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעלאָזט צו אים, האָבן פאַרזיכערט, אַז עס איז נישט אַזוי. קיין געדאַנקען אויף אָפּצונאַרן האָט ער אינגאַנצן נישט גע־האַט. ער איז געגאַנגען אין קלויסטער אַריין, ווייל ער האָט אין אים געגלויבט. עס איז געווען דאָס אייינציקע פּלאַץ ווו ער האָט געפונען טרייסט און רו. און זייט מען האָט אים גערופן „זשידאַן", האָט ער זיך מערער געשראָקן פאַר עפּעס, כאָטש ייִדן האָבן זיך מיט אים מערער אָפּגעגעבן און זיי האָבן אים געהאָלפן.

עס איז אים פון איין זייט געוואָרן בעסער, זייט מען האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין מאַמע איז געווען אַ ייִדישע, ווייל די ייִדן האָבן אים מערער געהאָלפן און זיך בעסער באַצויגן צו אים, אָבער פון דער אַנדערער זייט איז אים גע־וואָרן ערגער, ווייל די גאַסן־יונגען האָבן זיך מערער געטשעפּעט צו אים און זיי האָבן נישט אויסגעמיטן קיין איין געלעגנהייט, אַז זיי זאָלן אים נישט רייצן און טאַקע אויך נישט טשעפּען מיט די הענט. און ווען עס איז אים געוואָרן זייער שלעכט, איז ער געלאָפן אין קלויסטער אַריין, וועלכן ער האָט געקענט. אין ייִדישן געבעט־הויז איז ער קיינמאָל נישט געווען.

אין יענער צייט האָט איין ייִד זיך שטאַרק צוגעלאָזט צו אים. ער האָט אים געבראַכט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד עסן און אַ פּאָר ריינע העמדער. אויך גאַטקעס האָט ער אים געשאָנקען, זאָקן און שיך. ער האָט אים אַרויסגעוויזן אַזאַ אינטימיטעט, וואָס קיין שום מענטש אין שטאָט האָט אים קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן. אין דאַרף האָבן אַזאַ באַציִונג צו אים אַרויסגעוויזן נאָר די על־טערן און די ברידער פון זיין מאַמען. איז דאָס אים געפעלן געוואָרן, אָבער עס איז אים נישט געפעלן געווען, וואָס דער דאָזיקער ייִד האָט צופיל געוואָלט ריידן מיט אים. יאָגן האָט שטענדיק דערפילט אַן אומצוטרוי צו אַ מענטשן, וואָס האָט געוואָלט צופיל ריידן מיט אים. ער האָט זיך צום בעסטן געפילט, ווען מען האָט צו אים געשוויגן. ער האָט נישט ליב געהאַט צו ריידן בכלל און צו ענטפערן בפרט. ער האָט געוווּסט, אַז ווען מען רעדט מיט אים, קומט מען שטענדיק דערצו, אַז מען זאָל אים פרעגן זאַכן, וואָס ער וויל וועגן זיי נישט טראַכטן און שוין אַוודאי נישט ריידן. יענער מענטש, וואָס איז געווען אַ פאָ־טאָגראַף און ער איז געווען באַליבט ביי אַ סך מענטשן, ווייל ער איז געווען אַן אינטעליגענטער, אַ באַשיידענער און ער האָט געהאַט גוטע געפילן צו אַלעמען, און אַלע האָבן אים גערופן אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, האָט זיך מיט אים אַמאָל אָנגעגעצט אין אַ ווינקל פון פאַרק און גערעדט מיט אים און ער האָט נישט געקענט וויסן, וואָס אַזוינס וויל ער פון אים. ער האָט געקענט אַרויס־

נעמען פון זיינע רייד, אַז ער וויל אים איבעררײדן, אַז ער זאָל אויפהערן זיין אַ מענטש אָן אַ היים און ער זאָל זיך נעמען צו אַ שטענדיקער אַרבעט און האָבן אַ שטענדיקע וווינונג. האָט יאַאַן נישט פאַרשטאַנען צוואָס דער דאָזיקער מענטש וויל אים אַריינברענגען אין אַ שטוב אַריין צווישן מענטשן, פאַר וועלכע ער האָט מורא. און ער האָט אים טאַקע שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט קיין מאָל באַרירן און ער איז אַנטלאָפן אויך פאַר אים. אָבער אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט אים אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד. ער האָט אים געלאָזט אַנטלויפן און ער האָט אים דאָך צוריקגעבראַכט. נישט מיט כוח, נאָר מיט גוטע רייד צוריקגעבראַכט.

יאַאַן האָט געוווּסט ווער עס איז אַ ייִד און ווער אַ קריסט. ער האָט אַפילו געקענט דאָס וואָרט „גוי". און די ווערטער „זשידאַן" און „זשיד" האָט ער אַוודאי געקענט. אָבער אין וואָס באַשטייט דער חילוק צווישן זיי האָט ער נישט געוווּסט. ביי זיך האָט ער געהאַט זייט לאַנג באַשלאָסן, אַז די ייִדן זענען בעסערע מענטשן. זיי טשעפּען נישט, זיי רייצן נישט און זיי באַליידיקן נישט קיינעם אין גאַס און אים אויך נישט. און זיי גיבן לייכטער, ווי די גויים. ווען ער איז געווען הונגעריק, האָט ער געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן אויף אַלע מענטשן און ייִדן האָבן אים גרינגער געענטפערט ווי די קריסטן. ער האָט נישט ליב געהאַט, ווען מען האָט אים גענומען פרעגן, וואָס ער אַליין איז, אַ ייִד צי אַ גוי. און ער האָט טאַקע נישט געוווּסט אויך. אָט ווייסט ער, אַז מען רופט אים „זשידאַן", אָבער מען האָט אים אויסגעלערנט זיך צו צלמען, אַ זאַך, וואָס די ייִדן טוען קיין מאָל נישט. און אין קלויסטער האָט ער געוווּסט, וואָס מען טוט און ער איז טאַקע אַהין געגאַנגען אָפט און ער האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס די אַנדערע האָבן דאָרטן געטאָן און אין דער ייִדישער שיל איז ער פרעמד. ער ווייסט נישט, וואָס מען דאַרף דאָרט טאָן. און אַז ער איז איין מאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ שיל אין מיטן דאַוונען האָט מען אים געהייסן אַרויסגיין. ער האָט געוווּסט, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ קריסט און אַז זיין מאַמע איז געווען אַ ייִדישע, אָבער ער האָט אַליין געהערט ווי דער פּאָפּ האָט געזאָגט אין דאָרף צום „כאַכאַם", אַז זיין מאַמע איז געוואָרן אַ קריסטלעכע. זי איז געווען אַ ייִדישע און איז געוואָרן אַ קריסטלעכע. קען מען יאָ ווערן אַ קריסט? פאַרוואָס זשע רופט מען אים „זשידאַן"? זיין מאַמען גערענקט ער נישט, זיין טאַטן אָבער געדענקט ער גוט און ער איז זיכער געווען אַ קריסט. ער געדענקט גוט, אַז ער האָט אים געפירט אין דאָרף אין קלויסטער אַריין און ער האָט אים געלערנט זיך צלמען און זאָגן די תפילה „אונדזער פאָטער". פאַרשטייט ער נישט ווי אַזוי זיין טאַטע האָט געקענט זיין אינאיינעם מיט זיין מאַמען, אויב זיי זענען ביידע געווען אַזעלכע פאַרשידענע מענטשן. האָט ער פון דעם שטענדיק

געטראַכט, אָבער ווען זיין נייער און טאַקע ערשטער פריינד האָט אים גערעדט וועגן דעם, האָט ער די ערשטע צייט נישט געוואָלט ליידן און ער איז פאַר אים אַנטלאָפן.

אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט אָבער געקענט אומגיין מיט אים און אַרויס־ווייזן צו אים אַזוי פיל גוטסקייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן געווינען זיין צוטרוי. ער האָט אים אַ פּאָר מאָל שוין געהאַט גענומען צו זיך אין הויז אַריין און ער האָט אים געגעבן צו טרינקען אַ גלאָז טיי און עסן. ער, יאַאַן, וואָס איז שטענ־דיק געווען אויף הפקר, איז איצטער צום ערשטן מאָל געזעסן אין שטאָט ביי אַ טיש, אַזוי ווי יעדער מענטש. איין מאָל האָט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש גע־פּרוווט זיך אַנידערזעצן מיט אים ביי אַ טישל אין אַ קאַפע און באַשטעלט פּאָר ביידן קאַווע מיט מילך, אָבער די אַרומיקע האָבן אַזוי שטאַרק געקוקט אויף אים און האָבן פון אים אַזוי אָפן חוזק געמאַכט, אַז ער איז אַנטלאָפן. האָט דער פאָטאָגראַף אים שוין מער נישט גערופן אין קאַפע, נאָר גענומען צו זיך אין שטוב אַריין און דאָרטן האָט קיינער נישט געקוקט נייגעריק אויף אים, נישט דעם פאָטאָגראַפס ווייב, נישט זיינע קליינע קינדער און נישט די דינסט. אַבראַם יאַקאָוולעוויטש איז נישט געווען קיין שיינער. ער איז געווען אַ דאַרער, אַן אויסגעטרוקנטער מאַן, ער האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּנים און דאָס דאָזיקע פּנים איז אים שטענדיק געווען באַוואַקסן מיט אַ באָרד, וואָס ער האָט זייער זעלטן ראַזירט, אָבער יאַאַנען האָט ער אויסגעוויזן ווי דער שענסטער מענטש אין דער וועלט. ער האָט געהאַט זייער גוטע אויגן און אַ גוטן שמייכל און ביי־דע האָבן זיך אים איינגעבאַקן אין האַרצן און ער האָט באַקומען צוטרוי צו אים און נישט נאָר ער האָט געענטפערט אויף זיינע פראַגן, נאָר ער האָט אים שוין אַליין אויך געשטעלט פראַגן. ער האָט אים געפרעגט, צי ער ווייסט נישט וואָס זיין טאַטע איז און פאַרוואָס האָט אים זיין מאַמע איבערגעלאָזט און זיך אַריינ־געוואָרפן אין טייך אַריין. אים איז אַזוי נישט גוט געווען אָן אַ מאַמען, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל. ער געדענקט גאַנץ גוט, אַז ער האָט מקנא געווען אַלע קינדער אין דאָרף, וואָס האָבן געהאַט מאַמעס, ער האָט זיי מקנא געווען נישט נאָר, ווען די מאַמעס האָבן זיי געגלעט און געקושט, נאָר אויך ווען זיי האָבן אויף זיי געשריען און האָבן זיי געשלאָגן. ער האָט געפילט, אַז דאָס שרייען און שלאָגן איז פונקט אַזאַ אויסדרוק פון גוטע געפילן, געטרייקייט און אייגנקייט, ווי דאָס גלעטן און דאָס קושן. ער האָט דעם פאָטאָגראַף דערציילט, אַז נאָך היינט אַפילו, ווען ער זעט אין גאַס, ווי אַ מאַמע גיט אַ שלעפּ צו זיך אַ קינד, קערט דאָס איבער און פּאַטשט דאָס אָן, איז ער דעם קינד מקנא און ער מיינט אַז דאָס קינד דאַרף זיך דערפון פילן גוט און אַפילו גליקלעך. און ער געדענקט גאַנץ גוט, אַז אים האָט קיינער דאָס דאָזיקע נישט געטאָן. און אויב

מען האָט זיך געטשעפּעט צו אים, איז דאָס געווען נישט פֿאַר גוטסקייט, נאָר פֿאַר שלעכטקייט און מען האָט אים דורך דעם נישט געוואָלט מאַכן בעסער, נאָר ערגער.

יאָאַן פֿלעגט שוין זיין אומרויִק און טרויעריק, ווען אַבראַם יאַקאָוולעוויטש איז אין אַ טאָג נישט געקומען צו אים און ער האָט אים נישט גערופֿן צו זיך. און כאָטש ער האָט אים געזאָגט, אַז ער קען אַריינקומען צו אים, ווען ער וויל, האָט ער דערצו קיין מוט נישט געהאַט. איין מאָל האָט ער זיך באַשלאָסן, אַוועקגענומען די האַנט פֿון האַרצן און איז אַריינגעגאַנגען צו אים, האָט ער פּונקט געטראָפֿן מענטשן, וועלכע זענען זיך געקומען פֿאָטאָגראַפֿירן און די דאָזיקע מענטשן האָבן אויפֿגעהויבן אַ הו־האַ קעגן אים און אַ ווילדן געלעכטער און ער איז קוים אַנטלאָפֿן.

איין מאָל איז אַבראַם יאַקאָוולעוויטש געזעסן מיט יאָאַנען אין פּאַרק און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וואָלט אים אויסגעלערנט זיין אַרבעט, האָט יאָאַן אים געענטפֿערט, אַז דאָס וועט ער קיין מאָל נישט קענען, ווייל, אַז ער זאָל נעמען פֿאָטאָגראַפֿירן אַ מענטשן, וועט יענער לאַכן פֿון אים און אַנטלויפֿן. האָט דער פֿאָטאָגראַף אים געזאָגט, אַז ער מוז נישט אָנהויבן פֿון פֿאָטאָגראַפֿירן מענטשן, ער וועט אים לערנען אַנדערע זאַכן און דערווייל וועט מען זיך צוגעוווינען צו אים. האָט יאָאַן אים געזאָגט, אַז בעסער זאָל ער וועגן דעם נישט ריידן און זאָל ער אים דערקלערן פֿאַרוואָס זיין מאַמע האָט אים איבערגעלאָזט. זי האָט דאָך געוווּסט, אַז אַ קינד איז שלעכט אָן אַ מאַמען, ער ווייסט, אַז די ייִדן זענען בעסערע מענטשן, איז דאָך די מאַמע זיינע אויך געווען אַ גוטע, פֿאַרוואָס זשע איז זי געווען צו אים אַזוי שלעכט? און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט יאָאַן געוויינט נישט ווייל עמיצער האָט אים אויפֿן פּלאַץ געטאָן אַ רשעות, נאָר ווייל ער האָט באַטראַכט דאָס גאַנצע לעבן זיינס און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אים איז געשען אַ גרויסע עוולה, סיי פֿון זיין טאַטן און סיי פֿון זיין מאַמען, אָבער זיין טאַטן איז ער געווען גרייט מוחל צו זיין. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז נישט געווען קיין ייִד און אַז ער איז געווען פֿון דער פּאָליציי און פּאָליציי־מענטשן דאַרפֿן נישט זיין גוט. זיי זענען אַלע שלעכט. אָבער די מאַמע איז דאָך פֿאַר אַלעמען אַ מאַמע און זי דאַרף זיין בעסער ווי דער טאַטע און דערצו איז זי נאָך געווען אַ ייִדישע אויך, פֿאַרוואָס זשע איז זי געווען אַזוי שלעכט צו אים?

— 3 —

געפונען אַ גוטע שוועסטער

פלוצים האָט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש אויפגעהערט צו קומען צו יאָאַנען און אים צו נעמען צו זיך. נישט נאָר טעג זענען אַוועקגעגאַנגען און יאָאַן האָט מער נישט געזען דעם פאָטאָגראַף, נאָר אויך וואָכן זענען אַוועקגעגאַנגען. האָט ער דאָס נישט געקענט פאַרשטיין. ער איז געווען זיכער, אַז פאַרגעסן האָט ער אים נישט און שלעכט איז ער אויך נישט געוואָרן צו אים, טאָ פאַרוואָס זשע קומט ער נישט? איז ער איין מאָל געוואָרן פעסט ביי זיך און ער איז געגאַנגען צום פאָטאָגראַף אין הויז און געפרעגט אויף אים. האָט ער אַבראַם יאַקאָוולע־וויטשן נישט געטראָפן און די פרוי זיינע האָט אויסגעזען ווי פאַרוויינט. זי האָט געהאַט רויטע אויגן. אויף זיין פראַגע ווו דער פאָטאָגראַף איז, האָט אים די פרוי געענטפערט, ווי צו אַ פאַרשטענדלעכן מענטשן און אים געפרעגט. צי ער האָט גאָרנישט געהערט וועגן אים. אים איז געווען געפעלן, ווי אַזוי די פרוי רעדט צו אים און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט געטראָפן אַ נישט־גוטע זאַך מיט אים, אָבער וואָס — האָט ער נישט געוווּסט. די פרוי האָט צו איב גערעדט אינגאַנצן ווי צו אַ גלייכן און דאָס איז אים שטאַרק געפעלן גע־וואָרן, נאָר ווען זי האָט אים געבעטן זיצן און געוואָלט געבן אַ גלאָז טיי, האָט ער זיך אויסגעדרייט און געזאָגט מיט אַ האַלבן מויל „צום ווידערזען" און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אין יענעם טאָג איז יאָאַן אַרומגעגאַנגען אַ זייער צעררודערטער. ער האָט בשום אופן נישט געקענט וויסן, וואָס אַזוינס האָט געטראָפן מיט זיין פריינד. גיין פרעגן ביי דער פרוי האָט ער זיך געשעמט. ער האָט אָבער געפילט, אַז עס איז געוואָרן ערגער אין שטאָט ווי עס איז געווען. די גאַסן־יונגען האָבן נישט נאָר אים געשריען „זשיד" און „זשידאָן", נאָר אויך צו די אַנדערע ייִדן האָבן זיי געשריען די דאָזיקע ווערטער און אַנדערע באַליידיקנדיקע ווערטער. צווישן די קריסטלעכע און ייִדישע ייִנגלעך זענען אָפט מאָל פאַרגעקומען גע־שלעגן אין די גאַסן און די געשלעגן האָבן שטענדיק אַרויסגערופן די קריסט־לעכע און די ייִדן האָבן זיך פאַרטיידיקט. ער האָט געזען, אַז אַ סך טעג זעט מען אינגאַנצן נישט קיין ייִדן אין די גאַסן.

אין יענער צייט איז יאָאַנען געוואָרן זייער שלעכט. ייִדן האָט ער זייער זעלטן געזען אין גאַס און קריסטן האָבן אים כמעט קיין מאָל נישט גערופן צו טאָן עפּעס אַן אַרבעט און ער האָט געליטן אַ סך הונגער. ער האָט געפילט, אַז די זעלביקע קריסטן, וואָס פלעגן אויף אים אַמאָל קוקן מיט נישט־שלעכטע אויגן און אים עפּעס געבן, דרייען איצטער אַוועק די אויגן פון אים. ער האָט נישט געקענט באַנעמען, וואָס אַזוינס עס איז פאָרגעקומען אין שטאָט. אָבער ער האָט געזען, אַז עס איז געוואָרן ערגער נישט נאָר פאַר אים נאָר פאַר אַלע ייִדן. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוווט גיין צו אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס פרוי, האָט ער אַ סך מאָל געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן און קלאַפּן האָט ער מורא געהאַט. און אַז ער האָט אַמאָל יאָ געטראָפן אָפן די טיר, איז ער אַריינגעגאַנגען און ער האָט געפילט, אַז אַלע זענען דאָרטן טרויעריק און כאָטש דער הונגער האָט אים זייער שטאַרק דערקוטשעט, האָט ער זעלטן געטרונקען דאָרט אַ גלאָז טיי און עפּעס געגעסן.

יאָאַן איז געוואָרן דאַרער און אויסגעטריקנטער און ער האָט זיך געפילט שוואַך און מיד. ער וואָלט נאָר געשלאָפן. און ער איז טאַקע געשלאָפן ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ער איז געשלאָפן אויף די בענק אין פּאַרק, הינטער קעסטלעך אין מאַרק און ביים אַריינגאַנג אין באָד. און אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך געפילט נאָך מער מיד און דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. ער האָט נישט געוווּסט ביי וועמען גיין עפּעס בעטן. געטראַכט האָט ער, אַז ווען ער פאָרט צוריק אין דאָרף אַריין, וואָלטן אים זיין באָבע און זיין זיידע געגעבן עסן, האָט ער מורא געהאַט זיך צו לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג. און איין מאָל האָט ער ביי זיך באַשלאָסן. נאָך דער תּפילה אין קלויסטער איז ער געגאַנגען צום גלח און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל מיט אים ריידן. ער האָט געמיינט, אַז דער גלח קען אים נישט, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער קען אים יאָ. ער האָט געוווּסט, אַז ער הייסט יאָאַן און אַז ער איז אַ גוטער קריסט, כאָטש די גאַסן־יונגען שרייען אים „זשידאַן“. ער האָט אים געפרעגט, צי צו די ייִדן דאַרף מען יאָ אַזוי שרייען און זיי טשעפּען, האָט אים דער גלח געענטפערט, אַז צו דעם וויל ער זיך נישט מישן. באמת זענען אַלע מענטשן גאָטס קינדער, נאָר נישט אַלע ווילן דאָס זיין. אייניקע ווילן דווקא זיין קינדער פון טייוול. ביי דעם דאָזיקן וואָרט האָט זיך דער גלח איבערגעצלמט. יאָאַן האָט אים געפרעגט ווער עס איז דער טייוול, און דער „פּאָפּ“ האָט אים געענטפערט, אַז וועגן דעם איז בעסער נישט צו ריידן. און ער האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און ער האָט אים געפרעגט, צי זיין פריינד דער פאָטאָגראַף האָט אים נאָך נישט אָפּגערעדט פון גיין אין קלויסטער און נישט געוויזן דעם טייוול. יאָאַן האָט נישט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער גלח וויל

זאָגן און ער האָט סתם אַזוי אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר ווערטער, אַז אַבראַם יאַקאָוו־לעוויטש איז זייער אַ גוטער מענטש. דער גלח האָט זיך ווידער אַ מאָל איבער־געצלמט און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַזעלכע ווערטער אויף זיינע ליפּן נישט ברענגען, ווייל דער דאָזיקער פאָטאָגראַף איז זייער אַ שלעכטער מענטש. און מיט אַ געפיל פון אַ שלעכטער פרייד און מיט אַ שלעכטן פייער אין די אויגן האָט דער גלח אים געזאָגט:

— אָבער ער איז שוין מער נישטאָ דאָ אין שטאָט. ער קען שוין נישט פאַרפירן יינגלעך און מיידלעך, אַז זיי זאָלן שפּילן פאַרן טייוול.

יאַן האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואָס דער גלח מיינט און דאָך האָט ער ביי זיך אָפּגעפּסקנט, אַז די צוויי מענטשן זענען צעקריגט און אַז דער גוטער איז נישט דער גלח, נאָר דער פאָטאָגראַף. און ער האָט אויך פאַרשטאַ־נען, אַז דער גלח איז שולדיק אין דעם, וואָס אַבראַם יאַקאָוולעוויטש איז ניש־טאָ אין שטאָט און וואָס זיין פרוי און זיינע קינדער זענען אַזוי טרויעריק. דער גלח האָט נאָך צו אים אַ סך גערעדט, אָבער ער האָט זיך נישט צופיל צוגע־הערט צו זיינע רייד. דער „פּאָפּ" האָט אים אויך געזאָגט, אַז ער זאָל אַן אַנ־דער מאָל אַריינקומען צו אים, אָבער ער איז מער צו אים נישט געגאַנגען. ער האָט זיך געזאָגט, אַז אויב דער גלח קען ריידן אַזעלכע שלעכטע רייד וועגן זיין פריינד, וויל ער מער מיט אים נישט האָבן צו טאָן.

און אין שטאָט איז וואָס אַמאָל געוואָרן ערגער. וואָס אַמאָל האָבן קריסטן אַרויסגעוויזן אַ שלעכטערע באַציִונג צו ייִדן. פריִער איז דאָס געווען נאָר מיט ווערטער, דערנאָך האָט עס אָנגעהויבן ווערן אויך מיט מעשים. אַז קריסטלעכע יונגאַטשעס האָבן באַמערקט אַ שוואַכן ייִדן, פלעגן זיי אים איבערפאַלן און באַ־ליידיקן מיט ווערטער און שלאָגן. עס האָט זיך אַ סך מאָל געמאַכט, אַז אַנדערע קריסטן האָבן זיך אָנגענומען פאַר דעם שוואַכן ייִדן און עס איז געקומען צו געשלעגן צווישן קריסטן און קריסטן.

איין מאָל האָט אַפילו פּאַסירט, אַז קריסטן זענען איבערגעפאַלן אַ ייִדן און אַנדערע קריסטן האָבן זיך פאַר דעם ייִדן אָנגענומען. איז געקומען צו אַ געשלעג און גראַד זענען די דאָזיקע קריסטן, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר די ייִדן געווען שטאַרקער און זיי האָבן די כוליגאַנעס צעשלאָגן. איז געוואָרן אַ געשריי. און געשריִען האָט מען, אַז ייִדן שלאָגן קריסטן. יעדער האָט געזען, אַז דער געשלעג איז פאָרגעקומען צווישן קריסטן און קריסטן און דאָך האָט מען געשריִען, אַז ייִדן שלאָגן. און פּאָליציי איז גיך אויסגעוואַקסן און זי האָט פאַרנומען עטלעכע ייִדן, וועלכע האָבן כלומרשט צעשלאָגן די קריסטן. עטלע־כע קריסטן האָבן בפירוש דערקלערט דער פּאָליציי, אַז זיי האָבן זיי פאַרוווּנ־דעט, אָבער פּאָליציי האָט פאַרנומען די ייִדן. די פּאָליציי האָט אַוועקגענומען

די צעשלאָגענע אין שפּיטאָל אַריין און די ייִדן, די כלומרשטע שלעגערס אין אַרעסט־הויז אַריין און אין גאַס איז געוואָרן שטיל. נאָר אויף אַ פּאָר שעה איז געוואָרן שטיל און זייער אומהיימלעך.

און פּלוצים איז געוואָרן אַ טומל אין גאַס און מען האָט געהערט דעם בראַזג פון שויבן. און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט זענען די מערסטע גרויסע פענצטער פון די ייִדישע געשעפטן אין דער „רויטער ריי" געווען אויסגעזעצט. געבראָכן שויבן האָבן גאַסן־יונגען, וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרן אויך פון אַ פּאָר אינטעליגענטע און אָנגעזעענע מענטשן, וועלכע זענען באַלד אַוועק. און די גאַסן־יונגען האָבן זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט דעם אויסזעצן די שויבן פון די פענצטער און פון די טירן, נאָר זיי זענען אויך אַריין אינעווייניק אין די געשעפטן און זיי האָבן גענומען רויבן, וואָס עס איז זיי געקומען אונטער די הענט. און אויב עמעצער האָט זיך זיי אַנטקעגנגעשטעלט, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים שלאָגן מיט די פויסטן און מיט שטעקנס. און מען האָט באַלד געהערט קרעכצן פון פאַרוווּנדעטע מענטשן און מען האָט אויך געזען בלוט. צווישן די פאַרוווּנדעטע זענען אויך געווען פרויען און אַפילו קינדער.

פּאָליציי האָט זיך דאָס מאָל נישט געוויזן. די גאַסן־יונגען האָבן אָנגערויבט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט און ווען זיי האָבן דערזען בלוט, האָבן זיי זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן, און זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן. אפשר האָבן זיי מורא געהאַט פאַר דעם בלוט און אפשר פאַר דעם, אַז פּאָליציי זאָל נישט אָנקומען, אָבער זיי זענען אַנטלאָפן. פאַר דעם אַנטלויפן האָבן צוויי דערזען יאַאַנען און האָבן זיך ביידע געוואָרפן אויף אים מיט די שטעקנס און האָבן אים אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן.

עס זענען דאָרטן, ביי דער „רויטער ריי" געווען אַלע משוגעים פון דער שטאָט. עס איז געווען דער שיכור, וואָס מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ געוועזענער גימנאַזיע־לערער, עס איז געווען די משוגענע פרוי, וועלכע האָט זיך געהויבן דאָס קליידל און געזאָגט גראָבע ווערטער, עס זענען געווען לוקאַ און קאָליאַ און דער ערשטער האָט געמאַכט „הו־הו" און דער צווייטער האָט געפרעגט: „ווו איז זי?" אָבער די אַלע משוגעים האָט קיינער נישט געטשעפּעט און נאָר יאַאַנען האָט מען אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן. ווען מען האָט געטשעפּעט משוגעים, איז ער געווען אַ משוגענער און ווען מען האָט געשלאָגן ייִדן, איז ער געוואָרן אַ קלאָרער ייִד...

ווען עס איז שוין קיינער פון די כוליגאַנעס נישט געווען אין גאַס און עס זענען נאָר געווען די צעשלאָגענע ייִדן און זייערע אייגענע, איז אָנגעקומען פּאָליציי. זי האָט געפרעגט ביי די ייִדן ווער עס האָט דאָס געטאָן און ייִדן

האָבן קיין נעמען נישט געוווּסט אָנצורופן. אַ פּאָר נעמען האָט מען דאָך אָנגע־רופן. נעמען פון זייער חשובע מענטשן אין שטאָט.

— זיי אַליין האָבן געבראָכן שויבן און געשלאָגן? — האָט פּאָליציי גע־פרעגט.

— ניין — האָבן די ייִדן געענטפערט — זיי האָבן נאָר געזאָגט די גאַסן־יונגען, וואָס צו טאָן און זיי זענען באַלד אַוועקגעגאַנגען.

פּאָליציי האָט געשריבן אַהין און אַהער. די לייכט־פאַרוווּנדעטע האָבן די ייִדן אַוועקגעפירט צו זיך אין די הייזער אַריין, די שווער־פאַרוווּנדעטע האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין.

אויף דעם צווייטן טאָג האָט יאָאַן דערפילט און געזען, אַז ער ליגט אין שפּיטאָל אויף אַ בעטל. ער איז געווען באַנדאַזשירט אויף עטלעכע ערטער. ביי די פּיס, ביים קאָפּ און אויך דאָס פּנים איז אים געווען אויף עטלעכע ערטער באַנדאַזשירט, ער האָט קוים געקענט אַרויסקאַרטשען די אויגן פון די באַנ־דאַזשן. לעבן אים איז געשטאַנען אַ קראַנקנשוועסטער, וואָס איז אים פאַרגע־קומען באַקאַנט. זי האָט צו אים גערעדט און זי האָט אים געפרעגט ווי ער פילט זיך. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן, געוואָלט זיך זען און פילן אינגאַנצן, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט זיך נישט געפילט און ער האָט געזאָגט, אַז אים טוט וויי.

— וווּ? — האָט אים די קראַנקנשוועסטער געפרעגט.

ער האָט הילפלאָז געשמייכלט און געזוכט אַ פּלאַץ אין זיין גאַנצן קער־פּער, וואָס טוט אים נישט וויי און ער האָט טרויעריק געשמייכלט און געענט־פערט:

— אַלצדינג טוט מיר וויי.

— אָבער — האָט די קראַנקנשוועסטער געזאָגט — דער דאָקטער האָט פאַרזיכערט, אַז געפערלעך זענט איר נישט. עס איז ביי אייך גאָרנישט צע־בראָכן. איר זענט נאָר שטאַרק צעקלאַפּט.

ערשט אויפן דריטן טאָג האָט יאָאַן זיך דערמאָנט ווו ער האָט געזען די דאָזיקע קראַנקנשוועסטער, וואָס איז אים געווען באַקאַנט און ער האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געקענט דערמאָנען ווער זי איז. ווען זי איז געשטאַנען לעבן אים און אים געפּרוּווט די היץ און איבערגעבונדן עטלעכע באַנדאַזשן, האָט ער דערהערט, אַז מען רופט זי פּאַליאַקאָווא און אים איז אויסגעקומען מאָדנע. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט ערגעץ אַנדערש געהערט זי רופן נישט מיט דעם נאָמען. און ער האָט זיך טאַקע באַלד דערמאָנט, אַז זי איז געווען עטלעכע מאָל ביי אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, ווען ער איז דאָרט געווען און מען האָט זי גערופן חיה. ער געדענקט גאַנץ גוט, אַז אַבראַם יאַקאָוולעוויטש אַליין האָט זי

גערופן אַזוי און אַז אויך די אַנדערע האָבן זי גערופן מיט אָט דעם נאָמען. און כאָטש יאַאַן האָט בכלל מורא געהאַט פֿאַר אַ פּרוי און נישט ליב געהאַט צו ריידן מיט קיין שום פּרוי, האָט ער געזאָגט צו דער קראַנקנשוועסטער:

— ביים פֿאָטאָגראַף האָט מען אייך נישט אַזוי גערופן.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און זי האָט ווי אויסגעדריקט צופֿרידנקייט, וואָס ער האָט זי דערקענט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זי איז געווען צופֿרידן צו הערן דעם נאָמען פֿון פֿאָטאָגראַף, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב געהאַט, ווי אַ סך אַנדערע יונגע מיידלעך און בחורים פֿון יענער שטאָט. זי האָט זיך איינגעקוקט אין אים און אים געזאָגט:

— אויב איר האָט מיר דערקענט, זענט איר שוין גאָר בעסער. יאָ, ביי אַבראַם יאַקאָוולעוויטש רופֿט מען מיך חיה. איך הייס חיה פּאַליאַקאָוואַ. דאָ רופֿט מען מיך אָפֿיציעל און דאָרטן רופֿט מען מיך היימיש.

יאַאַן האָט נישט דורכויס פֿאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט, אָבער ער איז געווען זייער צופֿרידן, וואָס זי רעדט צו אים אַזוי, גלייך ער וואָלט נישט געווען אַ משוגענער אין גאַס, נאָר אַ מענטש גלייך מיט אַלע. זי האָט צו אים אַזוי גערעדט די גאַנצע צייט. די אַנדערע קראַנקנשוועסטער האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרינגשאַצונג און זיי האָבן אים נאָר געטאָן, וואָס מען דאַרף און זיי האָבן נישט גערעדט צו אים. און אַז זיי האָבן אים געזאָגט עפּעס, איז דאָס געווען אַ באַפֿעל. און אַמאָל פֿלעגן זיי אויך חוזק מאַכן פֿון אים און ער איז געווען גליקלעך אין יענעם טאָג, ווען חיה האָט אים קורירט. די אַנדערע פֿלעגן דאָס מאַכן ברוטאַל און אים אַפֿילו אַזוי אַ שלעפּ טאָן, אַז עס האָט אים וויי געטאָן. אויך די דאָקטוירים האָבן אים באַהאַנדלט עפּעס ווי נישט אינגאַנצן ערנסט. דער איינציקער דאָקטער, וואָס האָט אים באַהאַנדלט אַלצאיינס ווי אַלע פּאַציענטן איז געווען דער ייִדישער דאָקטער. יענער האָט זיך זייער שטאַרק צוגעקוקט צו אים און צוגעהערט צו אים און ער האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן אפֿשר נאָך מערער ווי מיט די אַנדערע פּאַציענטן.

חיה פּאַליאַקאָוואַ איז פֿאַר יאַאַנען געוואָרן די שוועסטער. אין די געדאַנקען האָט ער זי טאַקע גערופֿן „די גוטע שוועסטער". ביז דעמאָלט האָט ער קיין מאָל נישט געטראַכט גוט וועגן אַ פּרוי. די ערשטע פּרוי, וואָס האָט אַרויסגערופֿן זיין ברוגזקייט, איז געווען זיין מאַמע אַליין, וועלכע ער האָט נישט געדענקט און ער האָט דערפֿאַר געהאַט אַ שלעכטע מיינונג וועגן אַלע פֿרויען. דערצו האָבן אים די דאָרפֿישע מיידלעך שטענדיק ווולגאַר באַהאַנדלט און ער האָט געוווּסט, אַז „זיי ווילן אַ שלעכטע זאַך" און אויך פֿון זיי האָבן זיך זיינע געדאַנקען אַריבערגעטראָגן צום שלעכטן אויף אַלע פֿרויען.

יאַאַן האָט באַמערקט, אַז ווען די אַנדערע קראַנקע ווערט בעסער, לייי־

ענען זיי אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, אָדער אַ בוך. און ער האָט זיי מקנא געווען און ערשט איצטער האָט ער זיך געפרעגט פאַרוואָס ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז מען דאַרף זיך אויסלערנען לייענען. און ער איז גע־ווען דערפאַר גליקלעך, ווען חיה האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אים אויסלער־נען לייענען און אַז עס איז נישט אַזוי שווער, ווי ער מיינט. זי האָט דאָס אים געזאָגט פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט געטראַכט וועגן דעם און עס איז אים אויסגעקומען, אַז זי האָט געלייענט זיינע געדאַנקען.

עס איז אָבער יאַאַנען בעסער געוואָרן נאָר אויף צוויי טעג, אויף דעם דריטן טאָג איז אים געוואָרן ערגער. ווייטיקן אין די אַלע ערטער, וואָס זענען ביי אים געווען צעקלאַפּט, האָט ער נישט געפילט, אָבער דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט און עס איז אים געווען הייס אין גאַנצן קערפּער. און ווי געטאָן האָט אים אויך דער קאָפּ. אין יענעם טאָג האָט גראָד חיה געהאַט דינסט און זי האָט דאָס באַמערקט און צו אים געבראַכט דעם ייִדישן דאָקטער, וועלכער האָט אים זייער ערנסט באַטראַכט און ער האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט אים באַלד גערופן. דער דאָקטער האָט חיהן געזאָגט, אַז ער דאַרף האָבן אַ בלוט־טראַנספוזיע, ווייל ווען מען האָט אים צעשלאָגן איז פון אים אָפּגערונען אַ סך בלוט. ער איז, הפנים, לאַנג געלעגן אין גאַס. ביז מען האָט אים געבראַכט אַהער. און ער האָט ביי איר געפרעגט, צי זי האָט נישט אַ באַקאַנטן, וואָס וואָלט אים געגעבן בלוט. זי האָט אים געענטפערט, אַז זי פאַרשטייט, אַז מען דאַרף נישט לאַנג פאַרציִען די זאַך, און אויב איר בלוט וועט פאַסן, וועט זי גלייך דאָס געבן. יאַאַן האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן גערעדט, אָבער דער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט. אַז דאָס איז לטובה פאַר אים. און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און חיה האָט אים געשטאָכן ערגעץ און אַרויסגענומען אַביסל בלוט, און כאָטש עס האָט אים ווי געטאָן און ער האָט זיך דערפאַר געשראָקן, האָט ער זיך נישט געוועהרט. ער האָט געפילט, אַז אַלץ וואָס זי טוט איז צום גוטן. זי איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שטיקל צייט און איז צוריק געקומען מיט אַ צופרידענעם פּנים און זי האָט אים געזאָגט, אַז עס וועט זיין גוט און זי איז ווידער אַוועקגעגאַנגען און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ליגן רויִק, ווייל זי וועט באַלד צוריקקומען.

עס האָט דאָך געדויערט אַ היפּשע צייט ביז וואַנען חיה איז צוריקגעקו־מען. די גאַנצע צייט איז יאַאַן געלעגן אַזוי ווי פאַרטשאַדעט און ער האָט גע־פילט, אַז מען וועט אים עפּעס באַלד מאַכן אַ זאַך, וואָס ער ווייסט נישט. צי עס וועט זיין גוט, צי נישט גוט. ער האָט דאָך געהערט, ווי דער דאָקטער האָט געזאָגט אַז מען דאַרף אים עפּעס מאַכן. דאָס וואָרט „טראַנספוזיע" האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט און

פּרעגן האָט ער זיך געשעמט. ער האָט בכלל די לעצטע צייט באַמערקט, אַז ער פאַרשטייט אַ סך ווינציקער ווערטער, ווי די אַנדערע מענטשן און ער האָט זיך דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס ער קען ניט לייענען. ער האָט געפילט, אַז דער שטאָך, וואָס די גוטע שוועסטער האָט אים פריִער געמאַכט, איז נאָך נישט אײנגאַנצן, וואָס דער דאָקטער האָט געהייסן.

און יאַאַן איז געווען אי צופרידן, אי איבערגעשראָקן, ווען חיה איז צוגעקומען צו אים מיט אַ גלעזערנער זאַך, וואָס האָט אינעווייניק געהאַט אַזאַ רויטע פליסיקייט, וואָס האָט אים אויסגעוויזן ווי בלוט, כאָטש ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען קיין צונויפגענומענע בלוט אין אַ כלי. חוץ דעם האָט זי אויך געבראַכט עטלעכע גומענע קישקעלעך און אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט זיי נאָך קיין מאָל נישט געזען. זי האָט אים אַ גלעט געטאָן און דאָס מאָל האָט דאָס אים געמאַכט גוט, כאָטש ער פלעגט שטענדיק אַנטלויפן, ווען אַ פרוי האָט אים אָנגערירט. זי האָט אים געהייסן זיך נישט שרעקן און זי האָט אים געזאָגט:

— איך וועל אײך אַריינלאָזן בלוט. עס וועט אײך מאַכן גוט און געזונט. מײַן בלוט גיב איך אײך. מיטן גאַנצן האַרצן גיב איך דאָס אײך.

יאַאַן האָט געפילט אין אירע ווערטער אַזוי פיל גוטסקייט, אַז עס זענען אים געקומען טרערן אין די אויגן. און אים האָט שוין דערנאָך נישט געאַרט, ווען זי האָט אים ווידער געשטאָכן און שטאַרק אײנגעצויגן די האַנט ביז ווייטיק און ווען עס איז אים עפּעס ווי נישט גוט געוואָרן פון דעם אַלעמען, וואָס זי האָט אים געטאָן. ער האָט דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר גוט און אַריבערגעטראָגן מיט אַ סך מוט.

אויף דעם צווייטן טאָג האָט זיך יאַאַן אויפגעכאַפּט גאַר פרי און ער איז געווען גליקלעך צו זען, אַז חיה דרייט זיך אַרום אין דעם זאַל, וווּ ער ליגט. און באַלד ווי זי האָט דערזען, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי צו אים צוגעגאַנגען און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט היינט נישט געהאַט קיין דינסט, נאָר צוליב אים האָט זי זיך געביטן מיט אַן אַנדער שוועסטער. און זי האָט אים דערציילט, אַז אַבראַם יאַקאָווליעוויטש האָט זי שטאַרק געבעטן, אַז זי זאָל זיך געטריי אָפּגעבן מיט אים. ער האָט אַ ציטער געטאָן און געפרעגט:

— אַבראַם יאַקאָווליעוויטש איז דאָ?

— ער איז נעכטן צוריקגעקומען — האָט חיה געענטפערט. — ער איז געווען אַ שטיק צייט אַרעסטירט...

יאַאַנען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן פון אָט דעם וואָרט. ער האָט געוווּסט, אַז גנבים און שלעכטע מענטשן אַרעסטירט מען און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען קען אַזאַ גוטן מענטשן ווי אַבראַם יאַקאָווליעוויטש

אַרעסטירן. ער האָט זיך אָבער געשעמט צו פרעגן פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט און ער האָט זיך צוגעהערט צו חיהס רייד. זי האָט שוין איצטער די גאַנצע צייט גערעדט וועגן פאָטאָגראַף און זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש און אַז ער איז אַ העלד און ער האָט זיך דאָרט געהאַלטן זייער גוט. זי האָט גערעדט שטיל, גלייך זי וואָלט נישט געוואָלט, אַז די אַנדערע קראַנקע זאָלן הערן וואָס זי רעדט. זי האָט אויך גערעדט גיך און גענוצט אַ סך ווערטער, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

חיה האָט געמאָסטן די טעמפּעראַטור פון יאַנען און זי איז געווען זייער צופרידן און זי האָט אים געזאָגט, אַז איצטער וועט ער שוין גיך ווערן געזונט. זי האָט אים אַרומגעווישט דאָס פּנים פון שוויס און אויסגעוואַשן די אַלע ערטער, וווהין זי האָט געקענט צוקומען דורך די באַנדאַזשן און זי האָט אים געזאָגט:

— איצטער דאַרפט איר ווערן גיך געזונט. איך האָב אייך געגעבן מיין בלוט. מיין פאַמיליע האָט אַ געזונט און גוט בלוט.

ריידנדיק האָט זי געקוקט אויף אים מיט אַזוי פיל גוטסקייט, אַז אים האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער איז געווען גרייט זיך צו שטעלן פאַר איר אויף די קני, אַזוי ווי ער טוט דאָס אַ סך מאָל אין קלויסטער. און זי איז טאַקע אויסגעקומען, ווי איינע פון די הייליקע, וועמעס איקאָנעס זענען פאַראַן אין קלויסטער, כאָטש זי איז נישט ענלעך צו קיין איינע פון זיי. יענע האָבן אַלע אַזעלכע קיילעכדיקע און ווייסע פּנימער און זי האָט אַ לענגלעכדיק און טונקל פּנים. אָבער אויגן האָט זי אַזעלכע גוטע, ווי די הייליקע פרויען פון די איקאָנעס און אפשר נאָך בעסערע. ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי וועט אפשר נאָך היינט קומען זען, וואָס ער טוט. און אויב היינט וועט צו אים נישט קומען אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, וועט ער מאָרגן געוויס קומען. און זי האָט אים געוואָרנט מיטן ווייזפינגער:

— אָבער איר זאָלט אייך די גאַנצע צייט אויפפירן גוט און זען שטענדיק צו זיין אַ גוט יינגל.

ווען חיה פּאָליאַקאָוואַ איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט זי באַמערקט, אַז יאַן רופט זי צוריק. ער האָט דאָס געטאָן פאַרשעמטערהייט מיטן פּנים און מיט אַ באַשיידענעם זשעסט פון דער האַנט. און זי איז צוגעקומען און אים געפרעגט וואָס ער וויל. ער האָט געשטאַמלט. פון איין וואָרט ביז דעם אַנדערן איז געווען אַ לאַנגע פּויזע:

— איך... וויל... אייך... פרעגן... אַבראַם יאַקאָוולעוויטש... פאַרוואָס... איז געווען אַרעסטירט?... ער... איז... אַ... גנבֿ?

חיה האָט זיך געוואָלט צעלאַכן, אָבער זי האָט באַמערקט, אַז דאָס פרעגן

איז ביי אים געווען אַ זייער שווערע אַרבעט. און ווען ער האָט געענדיקט, איז אים דער קאָפּ אַוועקגעפאַלן אויף דעם קישן און דאָס פּנים איז אים געווען פול מיט שווייס. האָט זי זיך באַהערשט און האָט נישט געלאַכט און זי האָט אים אָפּגעווישט דעם שווייס און האָט אים געזאָגט:

— ניין, יאַאַן. ער האָט נישט געגנבעט און ער האָט נישט געטאָן קיין שום שלעכטע זאַך. ער האָט געטאָן נאָר גוטס...

— פאַרוואָס... זשע?

— פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט, פרעגט איר? — האָט חיה צו אים גערעדט מיט אַ סך צוטרוי און זיכערקייט — מען אַרעסטירט מענטשן פאַר טאָן גוטע זאַכן נישט ווייניקער און אפשר נאָך מערער ווי פאַר טאָן שלעכטע זאַכן. איך וועל דאָס אייך אַן אַנדערס מאָל בעסער דערקלערן. די אַלע מענטשן, וואָס האָבן דעמאָלט צעשלאָגן די ייִדן אין דער „רויטער ריי" און זיי האָבן אייך דאָרט צעשלאָגן, האָט מען נישט אַרעסטירט. און אַזעלכע מענטשן, וועל־כע האָבן קיינעם נישט געשלאָגן האָט מען אַרעסטירט.

זי האָט לאַנג געקוקט אויף אים מיט אירע גוטע אויגן און ער האָט מער געפילט ווי פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געזאָגט און ער האָט זיך דערפילט בע־סער ווי שטענדיק. ערשט איצטער, האָט ער געפילט, אַז ער איז אַ מענטש גלייך מיט אַלע און אַז זי רעדט צו אים אַלצאיינס, ווי צו אַלע מענטשן און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער קען טאַקע ווערן אַ מענטש. אין די געדאַנקען האָט ער זיך פאַרגעשטעלט די אַנדערע צוויי משוגעים פון דער שטאָט, ליקאַן און קאַליאַן, און ער האָט געטראַכט מיט הנאה, אַז קיין שום מענטש וואָלט צו זיי נישט גערעדט אַזוי, ווי זיין חיה, רעדט צו אים און צו דער משוגענער, וואָס הייבט דאָס קליידל, וואָלט מען אַוודאי נישט גערעדט אַזוי. און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט ווערן אַ מענטש. ער האָט אַפילו נאָך אין יענעם טאָג געפּרוווט אַריינקוקן אין אַ זשורנאַל. ער האָט מיט טרויער זיך איבערצייגט, אַז ער קען גאָרנישט לייענען, אָבער ער האָט געקוקט אויף די בילדער. ער האָט באַמערקט, ווי די אַנדערע קראַנקע און די אַנדערע קראַנקנשוועסטערס, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט, האָבן אויף אים געקוקט מיט חוזק און ער האָט דעם זשורנאַל אַוועקגעלייגט. אין אַ צייט אַרום האָט ער ווידער גענומען קוקן אין אים און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערוויסט זיך עפּעס פון די ביל־דער און אים האָט נישט געאַרט, וואָס מען קוקט אויף אים מיט חוזק. ער האָט זיך מער אויף קיינעם נישט אומגעקוקט.

און פון דעמאָלט אָן איז יאַאַנען שוין געווען גאָר גוט אין שפּיטאָל. ער האָט געפילט, אַז ער איז דאָ ווי ניי געבוירן. אים האָט שוין נישט געאַרט דער ווייטיק, אויך די ברוטאַליטעט פון די אַנדערע קראַנקנשוועסטערס און פון די

נישט־ייִדישע דאָקטוירים אין זייער באַציִונג צו אים האָט אים נישט געאַרט. ער איז געווען צופרידן און גליקלעך. ער האָט געוווּסט, אַז איצטער וועט ער שוין מער נישט זיין דער משוגענער יאַאַן, וואָס דרייט זיך אַרום אין גאַס און וואַרט, אַז אַ פרוי זאָל אים געבן צו טראָגן אַ קיישל אָדער אַ פּעקל און אים דערפאַר געבן אַ שטיקל ברויט, נאָר ער וועט זיין אַ מענטש. ער האָט נישט געוווּסט, צי ער וועט אַרבעטן ביי אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן אין דער פאָטאָגראַ־פיע, אָדער ביי חיה פּאַליאַקאָוואַס טאַטן אין דער קראָם. זי האָט אים געזאָגט, אַז איר טאַטע האָט אַ קראָם און אַז ער וועט וועלן, וועט ער דאָרטן קענען אַר־בעטן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ קראָם דאָרטן איז און וואָס פאַר אַן אַרבעט ער קען דאָרט טאָן, אָבער ער איז געווען גרייט אויף אַלץ, אַפילו שווערע קאַסטנס צו טראָגן, אַפילו שטיינער צו טראָגן.

עטלעכע מאָל איז אַבראַם יאַקאָוולעוויטש געקומען צו אים אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט אויסגעזען זייער שלעכט. יאַאַן האָט דאָס אים נישט געזאָגט, אָבער ער האָט דאָס דערקענט. און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אים איז געווען זייער שלעכט דאָרטן, וווּ מען האָט אים געהאַלטן. ערגער, ווי אים איז דאָ אין שפּיטאָל. די ערשטע עטלעכע מינוט האָט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש אויסגעזען אַזוי, אַז יאַאַן האָט אים קוים דערקענט, אָבער ווען ער האָט זיך צערעדט, האָט זיך ווידער באַוויזן זיין שיינער שמייכל אין זיינע גוטע אויגן און ער איז גע־וואָרן דער זעלביקער וואָס פריִער. ווען אַבראַם יאַקאָוולעוויטש איז צו אים געקומען צום ערשטן מאָל האָט ער אים געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז חיה וויל איך לערנען לייענען און שרייבן. דאָס איז אַ זייער גוטע זאַך. יעדער מענטש דאַרף דאָס קענען.

פאַר די צוויי ווערטער „יעדער מענטש", איז יאַאַן געווען גרייט צו קושן זיין פריינד די הענט. ער האָט אים פאַרגליכן צו יעדן איינעם. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַלצאיינס ווי יעדער מענטש. און דער פאָטאָגראַף האָט ווייטער גערעדט:

— איר דאַרפט אויסלערנען לייענען און שרייבן. עס איז אַ שווערע זאַך, אָבער נישט קיין אוממעגלעכע און אַ מענטש דאַרף קענען טאָן אויך דאָס אומ־מעגלעכע. איר זאָלט נאָר צולייגן קאָפּ. איר זאָלט נישט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן לייענען און שרייבן. און איר וועט זיך אויסלערנען. און ערשט דעמאָלט וועט איר זען, וואָס פאַר אַ נייע וועלט עס וועט זיך פאַר אייך אין די ביכער עפענען.

און אויפן צווייטן טאָג האָט חיה גענומען לערנען יאַאַנען לייענען און שרייבן. זי האָט מיטגעבראַכט אַ ביכל, אַ טאַוול און אַ גריפל. זי איז געקומען צו אים נישט אין דער צייט ווען זי האָט געהאַט דינסט און די אַנדערע קראַנקנ־

שוועסטערס האָבן געקוקט אויף איר מיט באַהאַלטענער איראָניע. זי האָט אָבער אויף זיי רעכט נישט געקוקט און געטאָן אירס. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד צו אים. אַזאַ געדולד וויזט אַרויס אַ מאַמע צו אַ קראַנקן קינד. און ער האָט געפילט אַזוי פיל שולדיקייט צו איר, אַז ער איז געווען גרייט אַפילו צו שטאַרבן, אַבי איר צוליב צו טאָן. און ווען זי האָט אים אַ פּאָר מאָל געוויזן עפּעס און ער האָט דאָס נישט געקענט מאַכן און ער האָט געמערקט, אַז זי ווערט מיד און זי ערגערט זיך, האָט דאָס אים שטאַרק ווי געטאָן און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות צו קענען נאָכזאָגן און נאָכטאָן אַלץ, וואָס זי הייסט אים. און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען און זי האָט אים געלאָזט דאָס ביכל מיטן טאָוול און מיטן גריפל, האָט ער די גאַנצע צייט זיך אָנגעשטרענגט צו קענען אויסקריצן די זעלבע פּאַסיקלעך, וואָס זי האָט געמאַכט און צו געדענקען די אותיות, וואָס זי האָט אים געלערנט.

יאַאַן האָט נאָך געדאַרפט ליגן אַ שטיק צייט אין שפּיטאָל. די ווונדן זענען געווען צו טיפע און כאָטש ער האָט געהאַט ווידערשטאַנד־פעיִקייט און דאָס בלוט, וואָס חיה האָט אים געגעבן, האָט אים געשטאַרקט, זענען אָבער די ווונדן דאָך נישט אַזוי גיך פאַרהיילט געוואָרן. און ער האָט די גאַנצע צייט געלעבט ווי עפּעס אין אַ פיבער. זיין איינציקער חלום איז געווען, אַז חיה זאָל קומען צו אים און זאָל מיט אים לערנען. ער האָט נאָך אַבראַם יאַקאָוולעוויטש אויך געבענקט. ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל קומען צו אים וואָס אָפטער, אָבער נאָך אים האָט ער נישט אַזוי געבענקט ווי נאָך חיהן. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זי לערנט מיט אים. און עס איז טאַקע געווען אויך דערפאַר, אָבער עס האָט אים חוץ דעם געצויגן צו איר. זייט מען האָט אים געגעבן איר בלוט, האָט עס אים שטאַרק געצויגן צו איר, גלייך ווי זי וואָלט נישט געווען קיין פרוי און זי וואָלט נישט געווען קיין פרעמדע. חיה האָט דאָס אָנגעהויבן באַמערקן און זי האָט ווייניקער געשמייכלט צו אים, ווייל זי האָט געוווסט אַז איר בלוט, וואָס ער האָט אין זיך ציט אים און זי האָט נישט געוואָלט אַרויסרופן ביי אים אַזעלכע אילוזיעס, וואָס וועלן נישט קענען פאַרווירקלעכט ווערן און וועלן אים אומגליקלעך מאַכן. אָבער ער האָט דאָס נישט באַמערקט. ער האָט זי ווייטער געזען אַלצאיינס ווי פריִער. פאַר אים איז זי געווען די זעלבע „גוטע שוועסטער" און אַפילו ווען זי האָט נישט געשמייכלט האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי שמייכלט יאָ און ער איז געווען גליקלעך צו הערן יעדער וואָרט פון איר און יעדן קלאַנג. און אַז זי האָט אים אַמאָל געמאַכט אַ קאָמפּלימענט דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט גוט די לעקציע, איז ער געווען אויף דעם זיבעטן הימל. קיינער איז נישט געווען גלייך צו אים, ווען ער האָט שוין געקענט אָנשרייבן אַלע אותיות און זיין אייגענעם נאָמען און איבערלייענען אַ

גאַנצע פראַזע. ער פלעגט זיך באַרימען מיט זיינע דערפאָלגן פאַר אַבראַם יאַ־קאָוולעוויטשן און יענער איז אויך געווען צופרידן דערפון, וואָס ער פּראָ־גרעסירט אַזוי שטאַרק.

איין זאַך נאָר איז יאַנען נישט אַריין אין קאָפּ אַריין און ער האָט זי נישט געקענט באַגרייפן, כאָטש אים האָט זיך געדאַכט, אַז זייט ער קען שוין אַביסל לייענען און שרייבן, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס עפּעס איז אַזאַ גוטער מענטש ווי אַבראַם יאַקאָוולעוויטש געווען אַרעסטירט אַלציינס, ווי מען אַרעסטירט גנבים און מערדער. חיה האָט אים דעמאָלט, ווען ער האָט זי געפרעגט וועגן דעם, צוגעזאָגט דאָס צו דער־קלערן. אָבער זי האָט דאָס נישט געטאָן און ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו פרעגן נאָך אַ מאָל. אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן האָט ער זיך געשעמט צו פרעגן. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז פאַר אים עפּעס נישט קיין שיינע זאַך, וואָס ער וויל זיך נישט דערמאָנען אין איר. אָבער אין דעם טאָג, ווען דער יידישער דאָקטער האָט יאַנען געזאָגט, אַז ער איז שוין געזונט און אַז ער וועט מאָרגן שוין קענען אַרויסגיין, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און ווען דער פאָטאָגראַף, זיין פריינד, איז פאַרנאַכט געקומען צו אים און האָט אים געבראַכט צוויי עפּל און ער האָט גערעדט צו אים וועגן פאַרשידענע זאַכן, ווי צו זיינעם אַ גלייכן, האָט ער אים געפרעגט וועגן דעם, וואָס ער האָט אַזוינס געטאָן פאַר־וואָס מען האָט אים אַרעסטירט, האָט יענער געקוקט אויף אים מיט דעם טייערן שמייכל פון זיינע גוטע אויגן און ער האָט אים געזאָגט:

— איך האָב גאָרנישט געטאָן.

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט אַ לאַנגע צייט און זיי האָבן ביידע געשוויגן. יאַן האָט נישט פאַרשטאַנען און ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו פרעגן נאָך אַ מאָל, אָבער זיין פריינד האָט געזען, אַז ער פאַרשטייט נישט און ער האָט אים געזאָגט:

— דאָ וועל איך דאָס אייך נישט קענען דערקלערן. און אויף איין מאָל וועל איך דאָס נישט קענען דערקלערן אויך אין דער היים, אָבער איך וועל דאָס אייך שוין געבן צו פאַרשטיין. און נישט נאָר איך אַליין. אַ סך מענטשן וועלן דאָס אייך געבן צו פאַרשטיין. דאָס לעבן אַליין וועט דאָס אייך געבן צו פאַרשטיין. ווען איר וועט דאָס באַנעמען, וועט איר שוין טאָקע אַלצדינג פאַר־שטיין, ווי מיר אַלע און עס וועט זיין גוט.

אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט אָפּגעזאָגט אָט די ווערטער און ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַ לאַנגע צייט שטום אַריינגעקוקט יאַנען אין די אויגן אַריין און דאָס מאָל האָט ער נישט געהאַט דעם שמייכל פון שטענדיק. דאָס מאָל זענען די אויגן זיינע געווען זייער ערנסט און יאַן האָט זיך פון דעם נייעם

בליק פון זיין פריינד געפילט נאָך בעסער, ווי פון דעם שטענדיקן שמייכל זיי־נעם. מיט אַט אָ דעם קוקן אויף אים, האָט זיך אַבראַם יאַקאָוולעוויטש מיט אים פאַרבונדן עפּעס אַלציינס, ווי חיה האָט זיך פאַרבונדן מיט אים, דעמאָלט, ווען זי האָט אים געגעבן איר בלוט אויף צו שטאַרקן אים און אויף אויסצוהיילן די ווונדן, ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען.

אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט לאַנג געקוקט אויף אים שטייענדיקערהייט און ער האָט אויסגעזען אי פעסט, אי צערודערט און ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט און איר געגעבן אַ שטאַרקן דרוק און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַ שוויי־גנדיקער. ער איז אַוועקגעגאַנגען אַן אַנדערער ווי שטענדיק און יאָאַן איז גע־בליבן אַן אַנדערער. ער איז עפּעס געוואָרן אַ נייער מענטש. און פון דעם שפּי־טאָל איז ער טאַקע אַרויסגעגאַנגען אַן אַנדערער.

פּאָליצײ האָט איבערגעריסן

ווען יאַן איז אַרויס פון שפּיטאָל, איז ער געשלאָפן אַ שטיקל צייט ביים פאָטאָגראַף און געאַרבעט האָט ער אין קראָם פון חיהס פאָטער. ער האָט נישט געוווסט אַז זיי האָבן פריִער דיסקוטירט צווישן זיך און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אַזוי זאָל זיין די ערשטע צייט. ער זאָל אַרבעטן אין קראָם, ווו מען דאַרף נישט צופיל קאָפּ. די ערשטע צייט וועט ער גיין אַ גאַנג, ער וועט עפּעס צו־טראָגן און פּאַוואָליע וועט ער זיך אויסלערנען פאַרקויפן. פּאָליאַקאָוו האָט גע־האָט אַ שפּיִז־קראָם און אַרבעט פּשוטע, צו וועלכער מען דאַרף ווייניק שכל האָט זיך געפונען. אָבער אין דער פאָטאָגראַפישער סטודיע פון אַבראַם יאַקאָוו־לעוויטש איז שוין געווען אַרבעט, צו וועלכער מען דאַרף האָבן מער „סמע־קאַלקע״ און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז יאַן וועט דאָס נישט האָבן.

די דיסקוסיע איז געווען נישט נאָר צווישן אַבראַם יאַקאָוולעוויטש און חיה און איר טאַטן, נאָר דער גאַנצער קרייז האָט אַרומגערעדט וועגן דעם, וואָס מען זאָל טאָן מיט דעם יאַן, וואָס איז געוואָרן פון אַ גולם אַ מענטש. דער קרייז ביי אַבראַם יאַקאָוולעוויטש איז געווען אַ טאָפּלטער. איינער איז געווען פון ייִדן מיט קריסטן צוזאַמען און איינער איז געווען פון ייִדן אַליין. די זעלביקע וואָס זענען געווען אין קרייז איניינעם מיט די קריסטן, האָבן זיך פאַרמירט אויך אין אַ ייִדישן קרייז. זיי האָבן געטאָן אי אַלגעמיינע אַרבעט פאַר דעם לאַנד, אי ייִדישע אַרבעט. די קריסטן זענען געווען פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע ריכ־טונגען, וועלכע האָבן לעצטנס, אונטער די שווערע אונטערדריקונגען פון רומע־מענישן רעזשים זיך גענומען נייגן לינקס און האָבן זיך געאייניקט. צווישן די ייִדן זענען על פּי רוב געווען פועלי־ציון, וואָס האָבן גענייגט לינקס און אונ־טער דעם שווערן יאָך פון רומענישן רעזשים זענען זיי געווען גרייט צו אַרבעטן פאַר אַן אַנדער רעזשים, מיט, אָדער אָן די רומענער.

די פראַגע וועגן דעם, וואָס מען טוט מיט יאַנען, האָבן באַהאַנדלט בלויז די ייִדישע מיטגלידער פון קרייז. די גויִשע האָט דער דאָזיקער מאָדנער פאַר־שוין נישט אינטערעסירט. זיי האָבן קלאָר געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין צייט זיך צו נעמען אָפּגעבן מיט איין פאַרשוין, וואָס איז יאָ, אָדער נישט קיין משו־

גענער. אין בעסטן פאַל, האָבן זיי געזאָגט, אַז מען זאָל אים איבערגעבן צו דעם יידישן חבר עמנואל גערעכט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פּסיכאָלאָגיע און גראַפּאָלאָגיע און זאָל ער זען, וואָס מען קען מיט אים טאָן. עמנואל גערעכט האָט געשטאַמט פון דער בוקאָווינע. זיין שפּראַך איז געווען דייטש. יידיש האָט ער אויך געקענט. ער האָט אַביסל גערעדט אויך אוקראַיניש. ער האָט זיך געמוטשעט צו קענען רומעניש. רוסיש האָט ער אינגאַנצן נישט גערעדט און שווער פאַרשטאַנען. מיט די נישט־יידישע חברים פון קרייז האָט ער זיך נישט געטראָפן. אין דער דאָזיקער שטאָט אַריין האָט ער פאַרבלאָנדזשעטביים סוף פון קריג און ער איז דאָרט פאַרבליבן. ער האָט געוואָלט אַוועקפאָרן און נישט געקענט. זיין פּראָפעסיע איז מער פון אַלץ געווען גראַפּאָלאָגיע. ער האָט גערעדט ווי אַ פילאָסאָף און ער האָט געזאָגט, אַז דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דעם מענטשן קען מען דערקענען בלויז לויט זיין האַנטשריפט. ער האָט געזאָגט אַז פיזיאָנאָמיע האָט קיין שום ווערט נישט פאַר דער פּסיכאָלאָגיע און די דאָזיקע וואָס מיינען אַז לויט דער צורה פון דעם מענטשן קען מען דערקענען זיין כאַראַקטער, געפינען נישט קיין האַנט און קיין פוס אין דער פּסיכאָלאָגיע. אַפילו לויט די רייד פון אַ מענטשן, האָט גערעכט געזאָגט, קען מען אויך נישט דערקענען זיין כאַראַקטער. נאָר די האַנטשריפט ווייזט דעם מענטשן דורך און דורך. זי ווייזט זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין קעגנוואַרט און אַפילו זיין צוקונפט.

אָט־אָ דער גערעכט האָט שוין געהאַט דורכשטודירט דאָס ביסל האַנטשריפט, וואָס מען האָט געקענט אַרויסקריגן פון יאָאַנען און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען ווערן נישט נאָר אַ נאָרמאַלער מענטש, נאָר אויך עפּעס העכער פון נאָרמאַל. זיין האַנטשריפט ווייזט אויף שעפערישקייט. קען זיין, אַז אין אים איז באַהאַלטן עפּעס אַ טאַלאַנט. די אַנדערע חברים פון קרייז האָבן נישט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך אַזויפיל אָפּגעבן מיט יאָאַנען און זיי האָבן באַשולדיקט אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן אין אַראָפּפירן דעם קרייז פון וועג, אויף וועלכן מען דאַרף גיין פאַרן כלל צום יחיד. דער יינגסטער פון קרייז האָט געהייסן ליאָניאַ גאָלד. ער האָט זיך געקליבן צו ווערן אַ סטודענט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאָרן לערנען קיין בוקאַרעשט, ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיך קענען אַריבערכאַפּן קיין אָדעס. ער איז געווען נישט קיין הויכער, אַ דאַרער און אַ יינגלשער. ער האָט זיך זייער געהיצט ביי יעדער פראַגע און ווען עס איז געקומען צו דער זאַך וועגן יאָאַנען האָט ער אַ געשריי־געטאָן, אַז דאָס איז קאָנטררעוואָלוציע און אינדיווידואַליזם און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און ער איז אַוועק. אין דעם קרייז איז געווען אַן עלטערער מאַן מיטן נאָמען מאָניע רויט. ער האָט אַביסל געהונקען און ער איז שטענדיק אומגעגאַנגען מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, אין וועלכן עס זענען געווען אויך ווייסע

פעדערן. מען האָט נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ טייל קאָפּ איז ביי אים ווייס פון זײַנע אייגענע האָר און וואָס פאַר אַ טייל איז ווייס פון די פעדערן. געקוקט האָט ער שטענדיק אַרויף צו דער סטעליע, ווען ער האָט גערעדט מיט מענטשן. ער איז געווען דער היפוך פון ליאָניאַ גאָלד. אויף וויפל יענער האָט זיך שטענ־דיק געהיצט, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געהיצט. ער האָט געהאַלטן, אַז קיין זאַך לוינט זיך נישט און אַז אַלץ איז אין דער ערד. מען האָט אַזש נישט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס ער קומט אין אָט דעם קרייז אַרייַן. מען האָט אָבער געפילט, אַז ער רעדט מער ציניש ווי ער טראַכט און אַז מורא האָבן, אַז ער קען פאַראַטן טאָר מען בשום אופן נישט. ביים רעדן האָט ער אַלץ צונישט געמאַכט און מען האָט אים גערופן „מען דאַרף נישט". אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן האָט מען גערופן „מען דאַרף". אָבער אַז עס איז געקומען דורכצופירן עפּעס אַ זאַך, וואָס מען האָט אויף מאָניען אַרויפגעלייגט, האָט ער דאָס געטאָן בשלימות. פאַרשטייט זיך, אַז מאָניע רויט איז אין שייכות צו יאָאַנען געווען נעגאַטיוו. ער האָט געהאַלטן, אַז אויב מען קען אים מיט עפּעס העלפן מאַטעריעל, זאָל מען, אויב דער חבר גערעכט וויל זיך אָפּגעבן מיט אים און באַרייכערן זיין אייגענע עקספּעריענץ, זאָל ער, אָבער צום גאַנצן קרייז קער זיך דאָס נישט אָן. דערצו האָט נאָך מאָניע רויט באַמערקט, אַז היינט איז יאָאַן אַ גוי, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע מאַמע און אַז מען וועט זיך אַביסל אָפּגעבן מיט אים, וועט ער נאָך ווערן אַ ייד. און דאָס דאַזיקע דאַרף מען נישט. עס זענען שוין פאַראַן גענוג יידן אָן אים. ער האָט נאָך דערצו צוגעגעבן אַ העברעיִשן זאָג וועלכן ער האָט פאַרטייטשט: עס טוט אונדז באַנג, וואָס מיר זענען יידן, דאַרף מען נאָך נייע? (על הראשונים אנו מצטערים ואתה בא להוסיף עלינו...).

אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערע אַטאַקע פאַר זיין אָפּגעבן זיך מיט יאָאַנען און ער אַליין האָט אויך נישט געוווּסט פאַרוואָס ער האָט דאָס דאַזיקע געטאָן. עס האָט אים פאַרכאַפּט דער געדאַנק, אַז מען קען פון איינעם, וועלכער איז אַ פאַרשריַיענער אַלס אַ משוגענער און איז פּאַק־טיש אַ קרבן פון מענטשלעכע פאַראורטיילן מאַכן פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן. דעם אָנשפּאַר האָט ער געהאַט אין עמנואל גערעכט, וועלכער האָט מיט דער פולער זיכערקייט פון זיין וויסן באַהויפּטעט, אַז יאָאַן קען ווערן אַ נאָרמאַלער מענטש און מער ווי דאָס, ליאָניאַ האָט געטענהט, אַז גראַפאָלאָגיע איז נישט קיין עקזאַקטע וויסנשאַפט. מאָניע רויט האָט געזאָגט, אַז גראַפאָלאָגיע איז אַ משוגעת. עס האָבן זיך געפונען אייניקע חברים, וועלכע האָבן געזאָגט אַז גראַ־פאָלאָגיע איז אַנטימאַרקסיסטיש. גערעכט האָט געזאָגט, אַז די גראַפאָלאָגיע ווערט אָנערקענט אין אַלע וויסנשאַפטלעכע קרייזן, מאַרקסיסטישע און אַנטי־מאַרקסיסטישע.

דעם גרעסטן אָנשפּאַר האָט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש און זיין יאָאַן־מאַניע, ווי אַ סך האָבן דאָס גערופן, געהאַט אין צוויי חברטעס פון קרייז. איינע איז געוועזן חיה פּאָליאַקאָוו און די צווייטע איז געוועזן מאַניע גלאַסעוויטש. חיה איז געוועזן נישט קיין זייער שיינע מיידל, אָבער אַן אינטעליגענטע און אַ רירעווודיקע און זי האָט שוין געהאַט געלערנט צוויי יאָר אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט אין קיִעוו און די רעוואָלוציע און דאָס רומענישע באַזעצן בעסאַראַביע האָט זי געלאָזט הענגען אין דער לופטן. איר פאָטער איז אויך געוועזן אַ נישט־פּאַרענדיקטער סטודענט. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן גענומען לערנען און ער האָט דאָס שטודירן נישט געקענט פאָרזעצן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין באַמיטעלע מעגלעכקייט. ער איז געוועזן אַ זון פון זייער אָרעמע עלטערן. די מאַמע חיהס איז געוועזן דווקא אַ טאָכטער פון דעם גרעסטן גביר אין שטאָט און זי האָט זיך פאַרליבט אין דעם אָרעמען בחור. די עלטערן זענען געוועזן קעגן זייער ליבע און ווען זי האָט שוין חתונה געהאַט מיט איר באַגערטן, האָבן זיי זיך געוואָלט איבערבעטן מיט איר און מיט אים, אָבער איר מאַן איז געוועזן אַ שטאָלצער און האָט דאָס נישט דערלאָזט און ער האָט אויפגעגעבן דאָס לערנען און זיך געמאַכט אַ שפּייז־קראָם אין שטאָט. און חיה איז געוואַקסן צווישן פאָלקסטימלעכע און פלעבעיִשע מענטשן, כאָטש זי איז געוועזן אַן אייניקל פון דעם גרעסטן גביר און אַריסטאָקראַט אין שטאָט. זי האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט דער העכערער געזעלשאַפט און וועגן אַ שידוך מיט די העכערע קרייזן האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. זי איז געוועזן אַ סך מער געשטימט הומאַניסטיש, ווי סאָציאַליסטיש און זי האָט פון דעסטוועגן דורכגעפירט די געפערלעכסטע סאָציאַליסטישע מיסיעס. זי האָט זיך פערזענלעך געהאַלטן פריי און זי האָט שוין געהאַט צוויי געליבטע. מיט דעם ערשטן איז זי זיך צעגאַנגען אויף אַ נאַטירלעכן אופן; דער צווייטער האָט זי איבערגעלאָזט און דאָס דאָזיקע האָט איר געמאַכט אַ וווּנד אין האַרצן. און איבערגעלאָזט האָט איר דער צווייטער געליבטער, ווייל אַן אַנדער חברטע, אויך אַ מיטגליד אין אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס קרייז, האָט אים ביי איר צוגענומען. די אַנדערע חברטע האָט געהייסן מאַניע גלאַסיעוויטש און זי איז געוועזן זייער מאָדנע. זי איז געוועזן, קען מען זאָגן, אַ זייער שיינע, אָבער איר שיינקייט איז געוועזן מער אַ מענערישע, ווי אַ ווייבערישע. זי איז געוועזן אַ הויכע, אַ פעסטע און האָט אויסגעזען ווי אַ הוזאַר. זי האָט געהאַט אַ מענערישע שטימע ביים רעדן און זי האָט זייער שיין געזונגען, אָבער דורכויס מיט אַ מענערישער שטימע. זי האָט אויך געקענט זייער שיין פייפן. זי איז געוועזן מוזיקאַליש דורך און דורך. זי האָט געשפּילט פּיאַנאָ און האָט געקענט אַביסל שפּילן אויף נאָך עטלעכע אינסטרומענטן. זי האָט זיך געקליידט מענעריש און נישט איינמאָל האָט פאַסירט, אַז

ווען מען האָט זי באַגעגנט אין גאַס, האָט מע זיך אָפּגעשטעלט קוקן און מען האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז אַ מאַן, אָדער אַ פרוי. מאַניע רויט האָט געזאָגט, אַז מען דערקענט איר ווייבלעכקייט אין דער הונגעריקייט פון אירע אויגן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מאַניע איז נישט קיין דורכויסיקע פרוי און קיין קינדער וועט זי נישט האָבן. אין אָט דער מאַניע האָט זיך פאַרליבט חיהס חתן; און ער האָט איבערגעלאָזט זיין כלה און איז אַוועק צו איר. און זי איז באַלד געוואָרן שוואַנגער און געהאָט פון אים אַ קינד. מאַניע רויט האָט זיך וועגן דעם געחכמעט און ער האָט געפרעגט ביי עמנואל גערעכט, וואָס עס זאָגט וועגן דעם זיין גראַפאָלאָגיע. מאַניעס מאַן איז נישט געווען קיין ייִד. ער איז געווען אַ גרעק און זיינע עלטערן האָבן געלעבט אין יענער שטאָט זייט עט־לעכע דורות. און אַ מערקווירדיקע זאַך: איידער מאַניע האָט חתונה געהאַט פאַר דעם נישט־ייִדן, האָט זי נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאַר קיין ייִדישע פראַגן און דווקא נאָך דעם, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיטן גוי, איז זי געוואָרן מער ייִדיש. אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס קרייז איז געווען דורכ־אויס לינק ביי די אַלגעמיינע פראַגן פון לאַנד, אָבער אין ייִדישע פראַגן איז נאָך ביי אַ סך געבליבן עפּעס אַ ציוניסטישער געפיל. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם ציוניזם ליקווידירן, ווייל עס איז איצטער נישט קיין צייט פאַר אים. און דווקא מאַניע איז געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס זענען געווען קעגן דער פולער ליקווידאַציע פון דעם ציוניזם. חיה און מאַניע זענען געווען אין זעלביקן ייִדישן און געמישטן קרייז, זיי האָבן ביידע אַ סך מאָל געטאָן אַזאַ בשותפותדיקע אַרבעט, וואָס אַ מאַן קען נישט טאָן און זיי האָבן זיך זייער גוט פאַרטראָגן און זיי האָבן נישט פאַרמישט די פּערזענלעכע איבערלעבונגען מיט זייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָט די צוויי פרויען, וואָס האָבן אין ליבע זיך ריוואַליזירט, זענען געווען די שטאַרקסטע שטיצע פאַר אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן אין זיין יאָאַן־מאַניע און זייערע שטימען האָבן געהאָלפן דעצידירן, אַז מען זאָל דעם דאָזיקן געמישטן ייִד־גוי, וואָס איז געוואַקסן ווי אַ משוגענער אין גאַס, אַרויסוויזן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און אים העלפן ווערן אַ נאָרמאַלער און נוצלעכער מענטש.

חיה האָט ווייטער געלערנט יאָאַנען לייענען און שרייבן און ער האָט וואָס ווייטער אַרויסגעוויזן מער פעיִקייטן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיך אויפגעוועקט פון אַ לעטאַרגישן שלאָף אין שפּיטאָל און אייניקע גע־פילן זענען ביי אים נאָך געבליבן פאַרשלאָפן און ווען ער איז אַרויסגעקומען פון שפּיטאָל און גענומען אַרבעטן ווי אַ מענטש און שלאָפן אויף אַ געלעגער ווי אַ מענטש, האָבן די געפילן ביי אים דערוואַכט. ער האָט שוין געקענט אויף אַזוי־פיל לייענען צו די דריי חדשים נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל, אַז ער האָט גע־

פּרוווט לייענען ביכער. און דער אַפּעטיט איז ביי אים געקומען מיטן עסן. וואָס מער ער האָט געלייענט, אַלץ מער האָט ער געוואָלט לייענען. און עס האָט אים געצויגן צו דעם קרייז פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, ווו ער איז געשלאָפן. ער האָט באַמערקט אַז מען קומט זיך צונויף און מען רעדט און ער האָט שטאַרק געוואָלט וויסן וואָס מען רעדט און ער האָט געפרעגט ביי זיין פריינד, צי ער מעג אַריינקומען אין צימער אַריין, ווו מען רעדט. אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט זיך וועגן דעם באַראָטן מיט די חברים און אַ סך פון זיי זענען געווען קעגן. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז נאָך אַ תם און ער קען זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט. אין ווידעראַמאָל האָט דער פאָטאָגראַף געהאַט אַ שטיצע איןביידע פרויען. זיי האָבן ביידע פאַרזיכערט, אַז אויב מען וועט יאָאַנען אַנזאָגן, אַז ער זאָל קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם, וואָס מען רעדט דאָ, איז דאָס ווי אין אַן אייזערנער קאַסע. סיי די פרויען און סיי אַבראַם יאַקאָוולעוויטש זענען געווען גרייט צו גאַראַנטירן פאַר יאָאַנען מיט זייערע אייגענע קעפּ. און דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט דער גראַפאָלאָג. ער האָט געקוקט אין יאָאַנס האַנטשריפט און ער האָט פאַרזיכערט, אַז אין איר איז נישטאָ פאַראַנען קיין שום שטריך, וואָס זאָל אינס-פּירירן מורא פאַר פאַרראַט. און מען האָט יאָאַנען פון צייט צו צייט דערלויבט אַריינצוקומען אין צימער אַריין, ווו מען האָט גערעדט וועגן אַלגעמיינע זאַכן. נישט צו אַלע זיצונגען האָט מען אים צוגעלאָזט. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ דירעקטער טאַט, וואָס דאַרף זיין זייער קאָנפידענציעל, האָט מען אים געבעטן נישט צו קומען. קיין מער גליקלעכער מענטש ווי יאָאַן איז נישט גע-ווען דעמאָלט, ווען מען האָט אים צוגעלאָזט צו אַ זיצונג. ער איז געזעסן שטי-לערהייט און ער האָט מער ווי געהערט, וואָס זיי רעדן. ער האָט געקוקט אויף דעם, וואָס האָט גערעדט און ער האָט געוואָלט אויפכאַפּן זיינע ווערטער נישט נאָר מיט די אויערן, נאָר אויך מיט די אויגן. און אַפילו אַז ער האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען, האָט ער זיך אויך אָנגעשטויסן. נאָך עטלעכע זיצונגען האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן אַרעסטירט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די סאָלדאַטן און די פּאָליציי טוען נישט קיין גוטע זאַכן מיט די מענטשן און די פריינט פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, וואָס זענען אויך זיינע פריינט, זענען ביי דער פּאָליציי פאַרהאַסט. אָט דאָס איז געווען, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען און ער איז געווען גליקלעך צו וויסן, אַז זיין פריינד איז געווען אַרעסטירט פאַר נישט קיין שלעכטער זאַך, נאָר דווקא פאַר אַ גוטער. און יאָאַן איז שוין גאָר געווען גליקלעך אין דעם טאָג, ווען מען האָט אים פאַרטרויעט אַן אַרבעט. מען האָט אים געגעבן אָפּטראָגן ערגעץ אַ פּעקל. מען האָט דאָס פאַרפּאַקט אַלצאיינס ווי די פּעקלעך פון פּאָליאַקאָווס קראָם און חיה האָט אים

גוט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען מען וועט אים פרעגן, וואָס ער טראָגט, זאָל ער זאָגן, אַז ער טראָגט סחורה פון דער קראָם.

אין שייכות, צי מען מעג יאָגנען געטרויען סודות און שליחותן האָט זיך פאַרבונדן אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער שמועס צווישן אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, מאַניע רויט און עמאַנועל גערעכט. אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט אויפריכטיק דערציילט וועגן זיך און ער האָט געזאָגט:

— איך בין פיזיש אַ שוואַכער מענטש און איך קען לאַנג קיין ווייטיק נישט אַריבערטראָגן. און מען האָט מיך אין דער קעשענעווער תפיסה שטאַרק געפייניקט. מען האָט אַזוי געפייניקט ווי נאָר די רומעניזשע אַנטיסעמיטן פון „רעגאַט" (אַלטרומעניע) קענען פייניקן אַ שוואַכן יידן פון בעסאַראַביע.

— געפייניקט האָבן זיי אַלע, אָבער מיך מער פון אַלע.

— פאַרוואָס? — האָט רויט געפרעגט.

— ווייל — האָט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש געענטפערט — זיי האָבן געזען, אַז איך בין דער שוואַכסטער פון אַלע.

— שוואַכע — האָט ער געזאָגט — טראָגן אָפט גרינגער אַריבער ווייטיק ווי פיזיש שטאַרקע.

— אָבער איך — האָט אַבראַם ווי אַ קרעכץ געטאָן — טראָג שווער אַריבער ווייטיק און זיי האָבן דאָס דערקענט.

— אין וואָס?

— איך מיין, ווען עס טוט מיר ווי...

— איז וואָס זשע פלעגט איר טאָן?

— איך פלעג דערציילן...

— דערציילן?

— יאָ, דערציילן אַ סך זאַכן — האָט אַבראַם געשמייכלט — אָבער שרעקט אייך נישט. ליגנס האָב איך דערציילט. און דערווייל האָט מען מיך אָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר טאָג, ביז מען האָט זיך דערוווסט, אַז איך האָב זיי אָפּגענאַרט... איך פלעג זיך ראַטעווען אויף דערווייל.

אונטער דער ווירקונג פון זיין נייעם לעבן האָט יאַאַן פאַרלוירן דעם צו־טרוי און דעם אינטערעס פאַר דעם קלויסטער און ער האָט אויפגעהערט צו גיין אַהין. דער אָנהייב פון דעם דאָזיקן אומצוטרוי איז ביי אים געווען דעמאָלט, ווען ער איז געגאַנגען בעטן הילף ביים גלח און יענער האָט אים גערעדט שלעכטס אויף זיין בעסטן פריינד און דאָס איבעריקע איז געקומען פון זיך אַליין. אין די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט, האָט ער אויך געטראָפן זאַכן, וואָס ווייזן, אַז די גלחים זענען נישט שטענדיק קיין גוטע מענטשן און ביי די זיצונגען האָט ער עטלעכע מאָל געהערט, אַז דער קלויסטער פון שטאָט, עס

הייסט די עטלעכע קלויסטערס, אינאיינעם מיט אַלע גלחים, גייען אינאיינעם מיט דער פּאָליציי און נאָר איין גלח איז פאַראַן אין שטאָט, וואָס מישט זיך נישט צו דער פּאָליציי און עס קען זיין, אַז ביי זיך אין דער נשמה איז ער קעגן דער פּאָליציי. יעדנפאַלס האָט יאַן דערציילט, אַז ער גייט מער נישט אין קלויסטער אַריין און מאַניע רויט האָט מיט אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער באַמערקט טריומפירנדיק:

— איך האָב אָבער באַלד געוווּסט, אַז אויב ער וועט זיך עפּעס דערוויסן, וועט ער קודם־כל ווערן אַ ייִד. שטאַרק נייטיק געהאַט צו האָבן נאָך אַ ייִדן...

יאַן האָט אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער איז געווען פאַרכאַפּט פון די ווייעסן, וואָס ער האָט געלייענט אין די ביכער און געהערט ביי די זיצונגען אין אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס קרייז, אַרויסגעוויזן אַ געפערלעכן אינטערעס פאַר חיה פּאָליאַקאָוו. חיה אַליין האָט געפילט, אַז ער קוקט אויף איר מיט שרעקלעכער, כאָטש הילפלאָזערליידנשאַפט און אויך די אַנדערע האָבן דאָס דאָזיקע באַמערקט. צווישן זיך האָבן די מענער וועגן דעם גערעדט, איר האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט, אָבער מאַניע גלאַסעוויטש, וואָס האָט בכלל אויסגעמיטן צו רעדן מיט איר ר׳וואָלקע וועגן ליבע־עסקים, איר שטיל אַ זאָג־געטאָן:

— דאַכט מיר, אַז מען וועט דיך דאַרפן באַגריסן מיט אַ נייעם דערפאָלג אין ליבע...

חיה האָט איר גאָרנישט געענטפערט אויף דעם. זי האָט אינעווייניק אין זיך געפילט, אַז די דאָזיקע געפילן, וואָס זי האָט דערוועקט אין יאַנען, קענען פירן צו אַ טראַגעדיע אין ביידנס לעבנס. זי האָט נישט איין מאָל געטראַכט, אַז זי האָט אין שפּיטאָל אַרויסגעוויזן צופיל אויפמערקזאַמקייט דעם „אָדאָפּטירטן זון" פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטש. זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס זי האָט דאָס געטאָן. מסתמא איז דאָס געווען אונטער דער היפּנאָטישער ווירקונג פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטש. עס האָט אויך געווירקט אויף איר דער פאַקט, וואָס אַלע קראַנקנשוועסטערס אין שפּיטאָל און אַלע דאָקטוירים, אויסער דעם ייִדישן, האָבן זיך צו יאַנען באַצויגן ערגער, ווי זיי האָבן זיך באַצויגן צו אַלע אַנדערע פּאַציענטן, כאָטש יאַן איז דאָך געווען אַן אומשולדיקער קרבן פון פּאַנאַטיזם און רישעות. זי האָט איצטער געפילט, אַז זי האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט דעם אומגליקלעכן מענטשן, אַז דאָס דאָזיקע האָט געקענט ביי אים דערוועקן אילוזיעס. און דער גרעסטער פעלער איז אפשר געווען, וואָס זי האָט אים געגעבן איר בלוט. זי וואָלט געווען געדאַרפט אויסזוכן אַן אַנדער מיידל, אָדער אַ ייִנגל, וואָס זאָל אים דאָס געבן און ער זאָל אַפילו נישט וויסן וועמעס בלוט עס איז געווען זיין רעטער. מען האָט איר געזאָגט, אַז איר בלוט האָט געמוזט ווירקן אויף אים, אַזוי ווי עס האָט געווירקט.

אַזוי לאַנג יאָאַן האָט זיך באַצויגן פּאַסיוו צו חיהן, איז זי געווען געדול־דיק און זי האָט באַהאַלטן איר שרעק אין זיך. זי האָט שטענדיק געפילט זיין הייסן בליק אויף זיך און האָט געזען זיין טרויער, ווען זי ענדיקט די לעקציע מיט אים און זי קלייבט זיך אַוועקגיין, אָבער זי האָט זיך געמאַכט נישט פילנ־דיק און נישט זעעוודיק. זי האָט געפּרוווט רעדן מיט אים וועגן די פאַרשידנ־סטע זאַכן און אים אַוועקפירן די געדאַנקען אין אַנדערע וועלטן. זי האָט אים גערעדט וועגן דעם, וואָס זי האָט געלערנט מיט אים. און עס איז שוין געווען וועגן וואָס צו רעדן. זי האָט שוין געלערנט מיט אים אַביסל געאָגראַפיע און אים דערקלערט, וואָס איז אַזוינס אַ האָריזאָנט און ווי אַזוי עס הייסן די פיר זייטן פון דער וועלט. זי האָט אויך געוווסט, וואָס פאַר אַ ביכער ער האָט גע־לייענט און זי האָט גערעדט מיט אים וועגן די העלדן פון די ביכער, אָבער זי האָט געזען, אַז ער טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש, כאָטש ער שטעלט איר צומאָל פראַגן וועגן דעם, וואָס ער לייענט. אין אַ סך פּרטים האָט ער געהאַט דעם שכל פון אַ קליין קינד און ער האָט געפרעגט, צי דאָס דאַזיקע, וואָס ווערט דער־ציילט אין די ביכער, איז טאַקע אמת, אָדער עס איז אויסגעטראַכט. און ווען זי האָט אים דערקלערט, אַז כאָטש עס איז אויסגעטראַכט, איז דאָס אמת, האָט ער שווער פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט און זי האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים דאָס נאָך דערקלערן. זי האָט מיט אים אויך גערעדט וועגן די דאָזיקע דיסקוסיעס, וואָס ער האָט געהערט ביי די זיצונגען און זי האָט זיך אָנגע־שטרענגט אַרויסצורופן ביי אים געדאַנקען וועגן זיי און ער האָט טאַקע נישט איפגעהערט טראַכטן וועגן דעם און ער האָט שטאַרק געמוטשעט זיין קאָפּ, וואָס איז נאָך געווען גענוג פאַרשלאָפן, צו פאַרשטיין דאָס אַלץ, אָבער מער ווי אַלץ האָט ער אויך דעמאָלט געקוקט אויף איר און זי האָט געפילט, אַז אין אים זידט אַלץ און קאָכט און זי האָט דערוואַרט אַ שטורעם. זי האָט שוין וועגן דעם געהאַט גערעדט מיט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש און יענער האָט איר געזאָגט, אַז ער ווייסט דאָס אַליין און ער איז נישט דער איינציקער, וואָס זעט דאָס און פילט דאָס, אָבער קיין עצה האָט ער נישט געהאַט. ער האָט געמיינט, אַז עס קען זיין, אַז די דאָזיקע איבערלעבונג וועט פאַר אים זיין צום גוטן, זי וועט אים אינגאַנצן אויפלעבן און מאַכן פאַר אַ מענטשן, אָבער עס קען אַמאָל זיין, אַז פון דעם זאָל פאַר אים אַרויסקומען אַ שווערער קריזיס. דער גראַפאָלאָג און פּסיכאָלאָג עמנואל גערעכט האָט אויך מורא געהאַט פאַר אַ קריזיס. און ביידנס איינציקע עצה איז געווען דערוויייל צו וואַרטן. גערעכט האָט געזאָגט, אַז מען וואָלט געדאַרפט אויסמיידן אים צו געבן לייענען אַזעלכע ביכער, אין וועלכע עס זענען פאַראַן באַשרייבונגען פון עראָטישן כאַראַקטער. אָבער פּונקט ווי אויף צו־להכעיס האָט ער דעמאָלט געהאַט געלייענט ביכער, אין וועלכע עס

זענען געווען שילדערונגען פון ליבעס און ווען ער האָט געלייענט, איז פאַר אים דער העלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אים אַליין און יעדע העלדין איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין חיהן. ער האָט אין יענער צייט געלייענט גאָנטשאַראָווס באַרימטן ראָמאַן „אָבריוו" (דער אָפּגרונט), ווו עס איז געשילדערט געוואָרן ווי אַזוי אַ וואַגאַבונד דערקלערט זיך אין ליבע אַן אַריסטאָקראַטיש מיידל און ער האָט דעם גאַנצן ראָמאַן געלייענט מיט אויסערגעוויינלעך פיבערדיקע אָנ־שטרענגונג און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער לייענט זיין אייגענע לעבן־גע־שיכטע, כאָטש דער העלד דאָרטן איז געווען אַ געלערנטער און אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און ער איז דאָך אַ מענטש, וואָס ווייסט נאָך גאָרנישט און ער עפּנט ערשט איצטער די אויגן.

און אָט דער ראָמאַן פון גאָנטשאַראָוון איז געווען דער לעצטער שטויס, אַז יאָאַן זאָל אָנהייבן ווערן צודרינגלעך צו חיהן. פריִער האָט ער נאָר אָנגע־שטרענגט געקוקט אויף איר און ער האָט זי ממש צוגעהאַלטן מיט זיינע בליקן. דערנאָך פלעגט ער לענגער האַלטן איר האַנט, ווען ער האָט זיך באַגריסט, אָדער געזעגנט מיט איר. ער האָט געפילט דאָס גרעסטע גליק אין זיין ביז־איצ־טיקן לעבן אין דעם, וואָס ער האָט געקענט לענגער האַלטן איר האַנט און זי דריקן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי שטאַרק ער פלעגט מורא האָבן פאַר פרויען און ווי אַזוי ער פלעגט אַנטלויפן פאַר זיי און איצטער אָ וואָלט ער געוואָלט שטענדיק זיצן, אָדער כאָטש שטיין לעבן אָט דער פרוי און קוקן אויף איר. און איין מאָל האָט ער פאַרלוירן דעם קאָפּ און זיך אָנידערגעשטעלט פאַר חיהן אויף די קני און ער האָט איר דערקלערט ווי אַזוי ער קען אָן איר נישט לעבן. זי האָט דערקענט, אַז די ווערטער, וואָס ער זאָגט זענען נישט זיינע, ער האָט זיי געלייענט. זי האָט אַפילו געוווּסט ווו ער האָט זיי געלייענט. און דאָך האָט זי געפילט, אַז זיי זענען דורכויס זיינע און זיי גייען אַרויס פון דער טיפעניש פון זיין האַרצן, אַלצאיינס ווי די ווערטער פון תהילים, וואָס ליידנדיקע מענטשן זאָגן אין די געבעט־הייזער.

כאָטש חיה האָט דעם דאָזיקן מאָמענט דערוואַרט, האָט זי קיינמאָל נישט געטראַכט ווי אַזוי צו האַנדלען ווען ער וועט קומען און זי איז געווען זיכער, אַז דער אינסטינקט וועט זי דעמאָלט פירן אויפן ריכטיקן וועג. און זי האָט זיך טאַקע נישט פאַרלוירן. זי האָט אויפגעהויבן יאָאַנען, אים אָנידערגעזעצט, אים אַ גלעט־געטאָן אין קאָפּ און מיט אַ שמייכל אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיין אַ גוט ייִנגל און נאָכדעם האָט זי געמאַכט אַ לענגערע פּויזע און ווען ער האָט גע־וואָלט עפּעס זאָגן, האָט זי אים פאַרהאַלטן מיט דער האַנט דאָס מויל און גע־זאָגט:

— לאָמיר אַביסל שווייגן.

געשען איז דאָס אַלץ אין הויז פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, אין דעם צי־מער, ווו חיה האָט שטענדיק געלערנט מיט יאַאַנען. אין אַ צווייטן צימער, אין אַ גרעסערן, איז דער באַלעבאָס פון הויז געזעסן מיט עטלעכע חברים פון קרייז און דיסקוטירט. חיה האָט זיך געקליבן אַריינגיין אַהין און דערנאָך אַריינרופן אַהין יאַאַנען, אָבער אידער זי האָט געקומען דורכפירן איר באַשלוס, האָט מען דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר און באַלד אויך אַ רויש, ווי עפּעס פון אַ סך מענטשן.ביידע זענען אַרויסגעלאָפן און זיי האָבן דערזען אַ פולע שטוב מיט פּאָליציי. זיי זענען אָנגעקומען פונקט ווען דער קאָמיסאַר האָט „העפלעך״ געבעטן, אַז אַלע זאָלן מיט אים מיטגיין אין קאָמיסאַריאַט.

— פאַרוואָס? — האָבן אַלע געפרעגט אין איין קול.

— מען וועט אייך שוין דאָרטן זאָגן — האָט דער קאָמיסאַר אַלץ אַזוי „העפלעך״ געענטפערט.

— די פרויען אויך?

— די באַלעבאָסטע פון הויז דאַרף נישט מיטגיין, די אַנדערע פרויען זע־נען אַלע העפלעך געבעטן מיטצוגיין.

עס איז געווען אָנהייב ווינטער. אַ טרויעריקער און קאַלטער פאַרנאַכט איז געשטאַנען. דער הימל איז געווען ווי ביי דער ערד און עס האָט געשפריצט אַ דריבנער רעגנדל, וואָס איז אינמיטן וועג פאַרפרוירן געוואָרן און ביז די טראָפּנס זענען געפאַלן אויף דער ערד זענען זיי צעגאַנגען געוואָרן. אַלע האָבן זיך פאַוואָליע אָנגעטאָן די מאַנטלען און די קאַלאָשן. די פרויען האָבן זיך צו־געקעמט און אָנגעטאָן די היטעלעך. קיינער האָט זיך נישט געאיילט. דער קאָ־מיסאַר האָט נישט געיאָגט. די שטוב איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי פון אַלע זייטן, קיינער האָט נישט געקענט אַנטלויפן. די עקזאָטישע מאַניע גלאַסעוויטש האָט זיך אונטערגעפייפט אַ רוסישן ראָמאַנס. יאַאַן איז געווען עמאָ־ציאָנירט און ער האָט זיך געפילט דערהויבן. ער האָט זיך אויך אָנגעטאָן און זיך געקליבן צו גיין גלייך מיט אַלע. דער קאָמיסאַר האָט אים אָנגעקוקט איראָ־ניש און אים געזאָגט:

— דו קענסט בלייבן.

חיה האָט אים באַמערקט:

— הער קאָמיסאַר, כאָטש איר נעמט אים נישט מיט, דאַרפט איר אים נישט זאָגן דו.

— אַז איר באַפעלט — האָט דער קאָמיסאַר געענטפערט שמייכלענדיק.

אַלע האָבן זיך געלאָזט גיין. חיה איז אַרויסגעגאַנגען די לעצטע און זי האָט געקוקט אויף יאַאַנען מיט שמייכלענדיקע אויגן, אין וועלכע זי האָט דאָך נישט געקענט באַהאַלטן די טרערן. יאַאַן האָט געפרווט איר ענטפערן מיט אַ

שמייכל און ער האָט דאָס נישט געקענט באַווייזן און דאָס גוטע פּנים איז אים צעקרומט געוואָרן. ער האָט זיך געפילט אומגליקלעך פון דעם, וואָס חיה גייט פון אים אַוועק פּונקט איצטער, אײדער נאָך זי האָט אים עפּעס געזאָגט און ער האָט זיך געפילט באַליידיקט פון דעם, וואָס אים האָט מען נישט אַרעסטירט...

און ערשט ווען אַלע זענען אַוועק און די טיר איז פאַרמאַכט געוואָרן, האָט זיך די פּרוי פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטש צעשלוכצט אין איין ווינקל פון צימער און יאָאַן האָט זיך צעשלוכצט אין צווייטן עק פון צימער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערמיט איז פאַרענדיקט דער ערשטער טייל פון דער דאָזיקער דער־ציילונג, וואָס בעקאַ זאַרזאר האָט אָנגעשריבן אויף רומעניש צוריק מיט 40 יאָר. אין בריוו צו מיר שרייבט זי, אַז זי האָט זי איבערגעריסן דאָרטן, ווו די האַנדלונג איז דעמאָלט אָפּגעשטעלט געוואָרן. די אַלע אַרעסטירטע זענען פאַר־שיקט געוואָרן און אַ לאַנגע צייט האָט מען קיינעם פון זיי נישט געזען אין שטאָט. מיט חיהן האָט יאָאַן זיך מער שוין קיינמאָל נישט געטראָפן. ער האָט פון איר באַקומען צוויי בריוו און ער האָט איר געשריבן זייער אַ סך בריוו. עס קען זיין, אַז זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט, וואָס מען האָט זי אַוועקגעשיקט, בכדי זי זאָל אים נישט דאַרפן געבן קיין ענטפער אויף זיין געבעט. אים האָט זי געשריבן, אַז זיי זענען ביידע געפאַלן קרבנות פון דער בייזער און טיראַנישער רומענישער מאַכט און ער דאַרף נעמען פאַר גוט אויך דאָס ערגסטע פון לעבן און זיך טרייסטן און געפינען גליק אין אַלץ אין וואָס מען קען זוכן דאָס גליק, ווייל דאָס בעסטע און שענסטע אין לעבן איז דאָך נאָר דאָס זוכן דאָס גליק. און די שרייבערן באַמערקט מיר, אַז דעמאָלט האָט זי נישט געטראַכט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען זי וועט זיך דערוויסן אַזוי־פיל אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען פון איר העלד, אַז זי וועט זיך ווידער נעמען צו דער פעדער אויף צו שרייבן וועגן אים און דערצו נאָך אויף רוסיש. עס קען זיין, באַמערקט זי, אַז ווען זי וואָלט זיך נישט אַזוי געאיילט וואָלט זי אפשר דאָך געקענט שרייבן דעם סוף פון דער דערציילונג אויף דער זעלביקער שפּראַך, אויף וועלכער זי האָט זי אָנגעהויבן צוריק מיט 40 יאָר, אויף רומע־מעניש, אָבער דאָס לעבן ברענגט סורפּריזן. שרייבן גיך רומעניש וואָלט זי איצטער נישט געקענט, האָט זי זיך נישט גערעכנט מיט דער משונהדיקייט פון שרייבן אַ דערציילונג אין צוויי שפּראַכן און זי האָט די זאַך פאַרענדיקט אויף רוסיש סיי ווי סיי איז די גאַנצע געשיכטע מער אינטערעסאַנט פאַר ייִדן ווי פאַר אַנדערע, כאָטש אַנדערע וואָלטן זי אפשר אויך געדאַרפט לייענען...

— 5 —

ווער בין איך?

אַ גאַנץ יאָר האָט יאָאַן געהאָפּט, אַז די גאַנצע גרופּע, וואָס פּאָליציי האָט דעמאָלט אַוועקגענומען אַזוי פּלוצעם און אַוועקגעשיקט, אייניקע האָבן געזאָגט קיין קעשענעוו און אַנדערע — קיין בוקאַרעשט, וועט צוריקקומען. עס איז נישט געווען אַ טאָג, אַז ער זאָל נישט זיין ביים פּאָרט און זען, צי עס קומט נישט אָן אַ שיף מיט די פאַרשיקטע און עס פלעגט אויך זעלטן אַוועקגיין אַ טאָג, אַז ער זאָל נישט זיין ביי דעם הויפּט־אַריינפאָר אין שטאָט אַריין דורך דער יבשה און זען, צי זיי קומען נישט אָן אין אַ דיליזשאַנס, אָדער אויטאָבוס. מען האָט די גאַנצע צייט נישט געוווּסט, וואָס עס געשעעט מיט זיי. בריוו האָבן באַקומען בלויז עטלעכע מענטשן אין שטאָט. אָפּטער ווי אַלע האָט באַקומען בריוו די פרוי פון פאָטאָגראַף, פון צייט צו צייט האָבן באַקומען בריוו חיהס עלטערן און דער מאַן פון מאַניע גלאַסעוויטש האָט אויך באַקומען בריוו. דער לעצטער צו באַקומען אַ בריוו איז געווען יאָאַן. דעם בריוו האָט אים געשריבן אַבראַם יאַקאָוולעוויטש און חיה האָט צוגעשריבן אַ גרוס. די בריוו זענען געווען קורץ און גאָרנישט זאָגנדיק. זיי זענען אויסן געווען צו דערציילן, אַז די שרייבער זייערע לעבן. וואָס זיי טוען און וואָס זיי דערוואַרטן, האָט זיך אין די דאָזיקע בריוו נישט געזאָגט. און ערשט, ווען עס איז אַוועק אַ יאָר און אין שטאָט איז ווידער געשטאַנען אַזאַ קאַלטע צייט מיט דעם הימל ביי דער ערד און מיט אַ פאַרפרוירן רעגנדל, וואָס איז אונטן צעגאַנגען געוואָרן, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אַלע פאַרשיקטע געמישפּט און „באַשאָנקען" מיט אַ סך יאָרן טור־מע. די לענגסטע צייט האָט באַקומען אַבראַם יאַקאָוולעוויטש. אויף אַ גאַנצן פערטל יאָרהונדערט האָט מען אים פאַרמישפּט. אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער, אַזאַ שוואַכער מענטש, וועט אַפילו קיין פינף יאָר אויך נישט אויסהאַלטן אין דער רומענישער טורמע, ווו מען פייניקט מענטשן. די קורצסטע שטראָף האָט באַ־קומען דער גראַפאָלאָג עמנואל גערעכט, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אייגנטלעך האָט ער אידעיִש געהאַט ווינציק געמיינזאַמס מיט דער גרופּע און ער האָט זיך געטראָפן מיט אַט־די מענטשן, ווייל זיי זענען געווען די איינציקע צוגעפּאַסטע פריינד פאַר אים אין יענער שטאָט.

אין דעם טאָג, ווען מען האָט זיך דערוווּסט דעם רעזולטאַט פון דעם משפט איבער די „פאַרברעכער", איז יאַן געגאַנגען זען, וואָס עס טוט זיין פריינדס, דעם פאָטאָגראַפס פרוי. ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין פּאַליאַקאָווס קראָם און ער איז אויך געשלאָפן ביי די פּאַליאַקאָווס. ער פלעג דאָך אָפט קו־מען אין דער פאָטאָגראַפישער סטודיע, וואָס איז איצטער געווען אַ פאַרלאָזטע נעסט. ער איז אין יענעם פאַרנאַכט געגאַנגען אַהין, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די באַלעבאָסטע פון הויז דאַרף זיך פילן זייער אומגליקלעך און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל איר זאָגן אַ טרייסט־וואָרט. די צוויי קינדער וואָס זי האָט געהאַט, זענען נאָך געווען קליין, דאָס מיידעלע איז אַלט געווען 11 יאָר און דאָס יינגעלע — 9. און ער האָט טאַקע געטראָפן די באַלעבאָסטע אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, האָט געהאַט רויטע אויגן און פון איר מויל זענען אַרויסגעקומען אַ סך מאָל די איינציקע ווערטער: „איך וועל אים שוין מער נישט זען"...

יאַן האָט נישט געוווּסט, וואָס איר צו זאָגן און ער האָט סתם געקוקט אויף איר האַרציק און גוט און ער האָט געפילט, אַז זיין אַנוועזנהייט מאַכט איר גוט פילן. אויף וויפל ביי איר אין שטוב פלעגן אַמאָל שטענדיק זיין צו־פיל מענטשן, זענען איצטער דאָרט אינגאַנצן קיין מענטשן נישט געווען. אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער גרופּע, האָבן נישט געטאָרט קומען און אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונגען, האָבן מורא געהאַט צו קומען. די מערסטע, וואָס האָבן געהאַט פאַרבינדונגען זענען געווען אויס־באַהאַלטן און זייערע אייגענע האָט געקאָסט אַ סך מי און טאַקע אַ סך געלט, אַז מען זאָל זיי „נישט געפינען".

אין יענער צייט האָט יאַן איין מאָל זיך געטראָפן מיט ליאָניאַ גאָלד. ער האָט נישט געדענקט, אַז דער דאָזיקער בחור איז אין מאָמענט, ווען פּאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן צום פאָטאָגראַף, דאָרט נישט געווען. ווינציקער ווי וועגן אַלע האָט יאַן געטראַכט וועגן ליאָניאַן. און פּלוצים האָט ער זיך באַוויזן צו אים און האָט אים מיט אַ ווונק אַרויסגערופן אין הויף אַריין פון די פּאַליאַקאָווס און ער האָט אים אויסגעמאָלט אַ מענטשן, וועלכער וועט זיך מיט אים טרעפן און ער האָט אים געגעבן אַ פּאַראָל, מיט וועלכן ער זאָל זיך פאַר אים אידענ־טיפיצירן. ער האָט אים נישט געפרעגט אַפילו, צי ער וויל ווייטער טאָן די דאָזיקע אַרבעט. ער האָט גערעדט צו אים, גלייך ער, יאַן, וואָלט געווען זיין אונטערגעאָרדנטער און ער, ליאָניאַ, וואָלט געווען זיין שעף. און דאָס דאָזיקע איז אים דווקא געפעלן. ער האָט דורך דעם זיך געפילט פאַרבונדן סיי מיט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש און סיי מיט חיהן. אָן דער פאַרבינדונג מיט אָט אַ די מענטשן האָט זיין לעבן קיין זין נישט געהאַט. צוליב דעם איז יאַן אָפט אַריינ־

געקומען צום פאָטאָגראַפס פרוי. ער האָט נישט נאָר איר געוואָלט העלפן, נאָר ער האָט געוואָלט זיין אין אָט דעם הויז, ווו ער איז פון אַ משוגעגעם געוואָרן אַ נאָרמאַלער מענטש. געהאָלפן זיין פריינדס פרוי האָט ער מיט וואָס ער האָט געקענט. ער האָט געהאָלפן שטעלן דעם סאַמאָוואַר, איינהייצן דעם אויוון און ער פלעגט אַפילו עפּעס ברענגען פון פּאַליאַקאָווס קראָם. ער האָט דערפאַר באַצאָלט פון זיין אָרעמען געהאַלט און ער איז געווען גליקלעך, ווען זי האָט דאָס ביי אים גענומען, כאָטש זי האָט אים דערביי געמאַכט שטאַרקע פאַר־וווּרפן און געזאָגט אַז ער זאָל זיך מער נישט דערוועגן דאָס צו טאָן. ער האָט באַמערקט, אַז אין דער שטוב, ווו עס האָט אַמאָל גאָרנישט געפעלט, הייבט אָן אויסצופעלן אַלץ און ער האָט אין עטלעכע טעג אַרום ווידער עפּעס געבראַכט און ביי זיך אין האַרצן האָט ער באַדויערט, וואָס ער קען נישט ברענגען עפּעס אַלע טאָג. פאַר די קינדער איז ער געוואָרן ווי אַ גוטער פעטער און זיי האָבן אים טאַקע גערופן „פעטער יאַאַן".

און אַזוי איז אַ לאַנגע צייט זיך געגאַנגען דאָס לעבן פון אונדזער העלד. ער האָט געאַרבעט אין קראָם, האָט עפּעס געטאָן פאַר דער „זאַך" און ער האָט געהאָלפן דער פאַמיליע פון דעם פאָטאָגראַף און ער איז געווען גליקלעך, ווען די פרוי פון פאָטאָגראַף האָט אים געוויזן, אַז איר מאַן שרייבט אים אין יעדן בריוו אַ באַזונדערן גרוס. ביי זיך אין האַרצן האָט ער נאָך געהאָפט זיך צו טרעפן מיט חיהן, אָבער דער נישט גענוג אַנטוויקלטער געדאַנק זיינער האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער וועט זי שוין מער נישט זען. ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט באַקומען פופצן יאָר טורמע און ער האָט געפּרווּט זיך פאָרשטעלן ווי־לאַנג דאָס איז און זיין קאָפּ האָט דאָס נישט געקענט איינגאַנצן אויסרעכענען. די באַקאַנטע האָבן אים אַלע געזאָגט, אַז די ערשטע וועט חיה אַנטלויפן פון טורמע. זי איז די אומרויִקסטע פון אַלע און זי וועט זיך דאָרט נישט איינ־האַלטן און זי וועט אַנטלויפן. זי איז דערפינדעריש, זי האָט פאַנטאַזיע און איינפאַלן און זי וועט שוין אַזוי מאַכן, אַז זי זאָל קענען פאַרשווינדן. און אַז זי וועט אַוועק פון טורמע, וועט זי שוין נישט בלייבן אויך אין לאַנד. וועט זי נישט קענען אַריבער די גרענעץ קיין מזרח, וועט זי לויפן קיין מעריב, אין רומעניע וועט זי שוין נישט בלייבן. האָט יאַאַן געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ער וועט זי שוין מער נישט זען, ווייל ער וועט זיך נישט איינשטעלן צו לויפן איבער דער גרענעץ און ער וועט נישט וויסן איבער וועלכער ער דאַרף דאָס טאָן. און דאָך איז זיין חלום געווען זיך צו טרעפן מיט חיהן. עס איז זעלטן אַוועק אַ נאַכט, אַז ער זאָל זי נישט זען עטלעכע מאָל אין שלאָף און אַז ער זאָל ווערן אַזוי אומרויִק, אַז ער זאָל זיך אויפכאַפּן. און וויפל מאָל ער האָט זיך אין אַזאַ פאַל אויפגעכאַפּט, האָט ער געמאַכט ליכטיק און ער האָט זי געזוכט. עס איז ביי אים געווען אַ צייט, ווען

ער האָט נאָך נישט געקענט אונטערשיידן צווישן חלום און וואָר און זייער אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט געזען אין חלום און ער האָט געדענקט, האָט ער אָנ־גענומען פאַר וואָר. איצטער האָט ער שוין געוווסט דעם חילוק צווישן זיי. ער האָט שוין אויך עפּעס געלייענט וועגן חלומות און ער האָט געוואָלט פאַר־שטיין פון וואַנען זיי קומען און ער האָט נישט געקענט גענוג באַגרייפן די זאַך. און די חלומות וועגן חיהן זענען ביי אים געווען אַזוי אינטענסיוו, אַז אים האָט זיך דאָך געדאַכט אַז זיי זענען ווירקלעכקייט און ער האָט זי נאָך יעדן חלום געזוכט אויף דער וואָר.

חדשים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יאָרן. יאַן האָט נישט באַמערקט, אַז די שלייפן ווערן ביי אים גרוי, ביז וואַנען ער האָט דערזען, אַז די חברטע פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטש זעט אויס, ווי אַן אַלטע און געבראָכענע פרוי. ווען ער האָט דאָס פלוצים באַמערקט, האָט ער גענומען קוקן אויף זיך אין שפיגל און דערזען זיין גרויקייט. און מיט דער צייט האָט ער שוין נישט אַזוי אָפט גע־טראַכט וועגן חיהן און ער האָט זי אַלץ זעלטענער און זעלטענער געזען אין חלום. און אין זיין לעבן האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען פלאַץ אַן אַנדער פרוי. ווען ער פלעגט גיין פון פאָרט, האָט ער אין אַ שטיל געסל געזען אַ שפּייז־קראָם, וואָס איז עפּעס ענלעך געווען צו דער שפּייז־קראָם פון די פּאָליאַקאָווס, ווו ער האָט געאַרבעט און ער איז אַ פּאָר מאָל אַהין אַריינגעקומען. דער באַלעבאָס איז אויך געווען אַ ייִד און מיט אים אינאיינעם האָט געאַרבעט אין קראָם זיינע אַ טאָכטער, וואָס איז עפּעס מאָדנע געווען ענלעך צו חיהן. זי איז געווען אַזוי טונקל־הויטיק, ספּריטנע, דאַר און רירעוודיק, ווי יענע; און אויגן האָט זי אויך געהאַט גאַנץ לעבעדיקע, כאָטש נישט אַזעלכע שטאַרק עקספּרעסיווע, ווי עס האָט געהאַט חיה. ער האָט געוואָלט זען וואָס פאַר אַ קראָם דאָס איז, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז די פּאָליאַקאָווס וועלן אויפגעבן זייער קראָם און ער וועט דאַרפן זוכן אַרבעט, זאָל ער וויסן ווו צו זוכן. קיין אַנדער אַרבעט קען ער דאָך נישט. און ער האָט זיך דאָרט פאַרקוקט אויף דעם מיידל און דאָס מיידל האָט געקוקט אויף אים. עס איז געווען אַ שטילע געגנט און מען האָט דאָרט געזען מער פרויען ווי מענער. אין יענער צייט זענען אַ סך מענער געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט און אַנדערע זענען געפאָרן אין גרעסערע שטעט צו זוכן אַרבעט. איז אפשר דערפאַר האָט דאָס מיידל פון יענעם קרעמער אַזוי שטאַרק געקוקט אויף אים. זי פלעגט שוין אַפילו וויסן, ווען ער האָט געדאַרפט דורכגיין דאָרט און זי איז געווען אין דרויסן. ער איז כמעט געווען זיכער, אַז זי וואַרט אויף אים. און זי האָט טאָקע זייער פריינדלעך געענטפערט אויף זיין גרוס.

און אין אַ צייט אַרום פלעגט שוין יאַן גיין אין דער געגנט אַריין פון זיין „צווייטער חיה", ווי ער האָט זי גערופן אין געדאַנק, אַפילו, ווען ער האָט

צום פּאָרט נישט געדאַרפט גיין. און אַז זי איז נישט געווען אינדרויסן, פלעגט ער אַריינקומען אינעווייניק און ער האָט שוין עפּעס געפונען אַן אויסרייד, כאַטש צו רייך אין תירוצים איז ער נישט געווען. אין לעצטן פאַל האָט ער דאָרטן עפּעס געקויפט און ער האָט דאָס אַוועקגעטראָגן צו אַבראַם יאַקאָוו־לעוויטשעס פרוי. און ער איז געווען צופרידן, וואָס דאָס דאָזיקע האָט ביי אים פּאַסירט אַלץ אָפטער, ווייל ער האָט אַזוי אַרום געקענט מיט עפּעס העלפן דער אומגליקלעכער פרוי פון זיין בעסטן פריינד.

און עס איז געקומען אַ צייט, ווען יאַאַן האָט שוין נישט געדאַרפט האָבן קיין תירוץ אויף זיין אַריינקומען צו דער נייער באַקאַנטער זיינער. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זי הייסט ראַיאַ און ער איז געווען מאָדנע צופרידן, וואָס איר נאָמען איז ענלעך צום נאָמען פון זיין „כלה". ער האָט די ווערטער חיה און ראַיאַ אַ סך מאָל געזאָגט אינעווייניק אין זיך אַריין, ווי מען זאָגט אַ תפילה און ווי מען זינגט זיך אונטער אַ ליד. און ער האָט שוין אויך געוווּסט, אַז איר פאָ־טער הייסט קראַסניאַנסקי. דער דאָזיקער נאָמען איז נישט געווען ענלעך צו פּאָליאַקאָוו און עס האָט אים באַנג געטאָן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ראַיאַס פאַמיליען־נאָמען דאַרף אויך זיין ענלעך צו חיהס פאַמיליען־נאָמען. ראַיאַס פאָ־טער האָט אים פון פריִער נישט געקענט. ער פלעגט זעלטן ווען קומען אין צענטער פון דער שטאָט און ער האָט נישט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער מאַן, וואָס הייבט אָן אַריינצוקומען צו זיין טאָכטער, איז אַמאָל געווען אַ שטאָט־משוגענער. ראַיאַ איז אויך געווען אַ צוריקגעצויגענע און זי פלעגט אויך זעלטן ווען קומען אין צענטער אַריין און זי האָט אויך נישט געוווּסט ווער יאַאַן איז. ער איז איר אויסגעקומען מאָדנע באַקאַנט. זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט אים אַמאָל ערגעץ געזען. און אפשר מער ווי איין מאָל. עס איז איר אָבער נישט איינגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער מאַן, וואָס קומט אַריין צו איר און רעדט אַזוי קלאָר, באַשיידן און שיין, זאָל געווען זיין דער זעלביקער, וואָס די יִינגלעך זענען אים נאָכגעלאָפן און האָבן אים געשריִען „זשידאָנול יאַאַן".

דער אַלטער קראַסניאַנסקי און זיין טאָכטער ראַיאַ האָבן אים אַ סך מאָל איינגעלאַדן, אַז ער זאָל קומען אין אָוונט, ווען זיי פאַרמאַכן די קראָם און טרינ־קען אַ גלעזל טיי. און ער האָט אַזוי לאַנג אָפּגעזאָגט, ביז איין מאָל איז ער גע־קומען. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ראַיאַס פאָטער איז אַן אַלמן. איר מאַמע איז געשטאָרבן אין דער צייט פון קריג. זי האָט נאָך צוויי שוועסטער און דריי ברי־דער, אָבער זיי זענען אַלע פאַרבליבן אין רוסלאַנד און אַמאָל, אַמאָל קומט אַ בריוו פון זיי. און זי אַליין טראַכט אויך אַ סך מאָל וועגן איבערפּעקלען זיך אין יענער זייט, ווייל דאָ זעט זי פאַר זיך קיין צוקונפט נישט. זי האָט אָבער רחמנות אויף איר אַלטן טאַטן. ער איז שוין אַן אַלטער מאַן און זי איז די

יינגסטע טאָכטער זיינע און אַז זי וועט אים איבערלאָזן, וועט ער שוין קיינעם נישט האָבן אויף גאָטס וועלט. זי האָט אים דערציילט אַזויפיל וועגן זיך, אַז עס וואָלט געדאַרפט קומען זיין ריי און ער זאָל אויך דערציילן וועגן זיין פאַר־גאַנגענהייט. האָט ער אָבער געשוויגן און גערעדט וועגן אַ סך זאַכן. ער האָט גערעדט וועגן פאָטאָגראַף און זיינע אידייען און זיין אידעאַל און וואָס פאַר אַ גוטער מענטש ער איז, וועגן חיהן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף נישט רעדן. וועגן זיך אַליין האָט ער גאַרנישט דערציילט. איז איר די זאַך געווען אויפפאַלנדיק. אַ מענטש זאָל גאַרנישט דערציילן וועגן זיך, נישט דערציילן ווער עס זענען זיינע עלטערן און צי זיי לעבן נאָך און פונוואַנען ער איז. און זי האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אים ביי אַנדערע.

אַזוי ווי יאָאַן האָט כסדר גערעדט צו ראַיאַן וועגן אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן, האָט ראַיאַ אין איינעם אַ בייטאָג זיך אָנגעטאָן און איז צוגעגאַנגען ביז צו אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס פאָטאָגראַפיע און זי איז אַריינגעגאַנגען צו זיין פרוי און איר געזאָגט, אַז זי וויל מיט איר רעדן אומבאַקאַנטערהייט ווי אַ פרוי צו אַ פרוי. די דאָזיקע טרויעריקע און אומגליקלעכע פרוי האָט לכתחילה געמיינט, אַז דאָס מיידל ברענגט איר עפּעס אַ גרוס פון איר מאַן, אָבער ווען יענע האָט איר געגעבן שטעלן פראַגן וועגן יאָאַנען, האָט זי זיך פאַרלוירן און זי האָט איר ביים אָנהייב נאָר געענטפערט, אַז ער איז אַ גוטער מענטש. און ווען דאָס מיידל איז צו איר צוגעשטאַנען מיט צודרינגלעכע און דירעקטע פראַגן, האָט זי קיין סך נישט געטראַכט און האָט איר דערציילט ווער יאָאַן איז. זי האָט דערביי איר פאַרזיכערט, אַז קיין משוגענער איז ער קיינמאָל נישט געווען חלילה. ער איז נאָר דערצויגן געוואָרן אַזוי, אַז ער איז געווען צוריקגעשטאַנען אין זיין אַנט־וויקלונג און ער האָט אַ סך אָנגעיאָגט און ער איז שוין איצטער אַ נאָרמאַלער מענטש. זי האָט איר אויך דערציילט, אַז ביי זיי אין הויז איז געווען אַ פּסיכאָ־לאָג, וואָס איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן, וועלכער האָט פאַרזיכערט, אַז יאָאַן איז אין תוך אַריין בכח צו זיין מער ווי אַ מיטלמעסיקער מענטש.

ראַיאַ איז נישט אַנטוישט געוואָרן פון דער געשיכטע, וואָס די אומגליק־לעכע פרוי פון פאָטאָגראַף האָט איר דערציילט. זי האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז זי אַליין וועט איצטער אויספאָרשן איר באַקאַנטן, און זי אַליין וועט זיך דערוויסן, צי איז ער טאַקע אַזאַ מענטש, ווי יענע פרוי האָט איר געזאָגט. זי איז געווען אַן איינזאַמע און זי האָט דעם דאָזיקן מאַן נישט געוואָלט פאַרלירן. זי האָט זיך געמאַכט וועגן אים אַ סך אילוזיעס אין דעם איצטיקן מאָמענט, האָט זי זיך גע־זאָגט, איז ער פאַר איר דער פּאַסיקסטער. זי וועט פאַר אים חתונה האָבן, אים אַריינעמען אין קראָם, דער פאָטער פאַלט אַ סך מאָל איין און ער קען שוין נישט פירן די קראָם, וואָס גיט פּרנסה און אַ פּלאַץ, ווו צו אַנידערלייגן דעם קאָפּ.

און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מען קענען זען. אָדער עס וועט דאָ ווערן בעסער, אָדער מען וועט טראַכטן וועגן אַריבערציִען זיך אין אַן אַנ־דער שטאָט, ווו קיינער וועט נישט וויסן זיין עבר.

נישט אַזוי האָט די זאַך גענומען דער אַלטער קראַסניאַנסקי. ער האָט זיך אויך גענומען נאָכפרעגן ווער עס איז דער יונגערמאַן, וואָס קומט אַריין צו זיין טאָכטער. ער האָט קודם־כל געוואָלט וויסן, צי ער איז אַ ייִד. ער האָט עפּעס יאָ געהאַט פאַר אים אַ ייִדישע צורה, אָבער דער נאָמען זיינער, יאָאַן, איז דאָך אַזאַ גוייִשער. און דעם פאַמיליען־נאָמען ווייסט ער אינגאַנצן נישט. און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז באַקאַנט מיט פּאָליאַקאָוון, ווו דער דאָזיקער מאָדנער מענטש אַרבעט און ער האָט אויסגעזוכט אַ צייט, ווען ער איז געווען זיכער, אַז יאָאַן וועט דאָרטן נישט זיין און ער איז געגאַנגען נעמען אויסקונפט וועגן אים ביי זיינע באַלעבאַטים. און ראַיאַס טאַטע האָט זיך דערוווּסט, אַז יאָאַן איז אַ זון פון אַ ייִדישער פרוי, וואָס האָט זיך געשמדט און פון אַ רוסישן מאַן און געוואַקסן איז ער אין אַ מאָלדאַוואַנישן דאָרף און פאַרשריבן איז ער מיט אַ מאָלדאַוואַנישן נאָמען. ווען מען וואָלט אים געווען פאַרשרייבן מיט אַ רוסישן נאָמען, וואָלט ער אינגאַנצן געהייסן איוואַן און דאָס דאָזיקע וואָלט געווען נאָך ערגער. ער האָט זיך נישט באַניגנט מיט דעם, וואָס די פּאָליאַקאָווס האָבן אים דערציילט און ער איז געגאַנגען פרעגן דעם רב, צי אַזאַ מענטש ווי יאָאַן קען באַטראַכט ווערן ווי אַ ייִד, אָדער ער איז דורכויס אַ גוי. און דער רב האָט אים געענטפערט, אַז לויט דעם ייִדישן דין איז אַ קינד פון אַ ייִדישער מאַמע אַ ייִד און דאָס דאָזיקע, וואָס די מאַמע איז געווען געשמדט מיינט גאָרנישט, ווייל דאָס ייִדישע געזעץ אָנערקענט נישט קיין שמד. אַז מען איז געבוירן אַ ייִד, שטאַרבט מען אַ ייִד. אָבער יאָאַן איז נישט געייִדישט. אַ ייִדישער זכר דאַרף צו אַכט טעג ווערן געייִדישט און קריגן אַ צייכן אין זיין לייב. און אויב אָט דער יאָאַן זאָל זיך מל זיין, איז ער אַ ייִד. אונטער דעם צאַר, ביי די רוסן, וואָלט אַזאַ זאַך נישט געווען מעגלעך. פאַר זיי איז ער געווען אַ קריסט און ער טאָר זיין רעליגיע נישט בייטן. די רומענער אָבער דערלויבן איבערצוגיין פון איין רעליגיע צו דער צווייטער און אויך צו ווערן פון אַ קריסט אַ ייִד.

דער אַלטער קראַסניאַנסקי איז פון דעם רב אַוועקגעגאַנגען אי צערודערט, אי מיט האָפענונגען. ער איז נישט געווען קיין פרומער, אָבער אויס ייִד האָט ער נישט געוואָלט ווערן און ער האָט נישט געוואָלט אַז קיינס פון זיינע קינדער זאָל דאָס ווערן. וואָס מיט זיינע קינדער איז געוואָרן אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד ווייסט ער נישט. ער האָט געהערט, אַז איינע פון די צוויי טעכטער האָט דאָרט חתונה געהאַט פאַר אַ רוס. מען זאָגט, אַז דאָרטן איז קיין חילוק נישט צווישן אַ ייִד און אַ גוי. ער גלייבט נישט אין דעם, אַ חילוק

מוז זיין, אָבער פון די אויגן איז פון דעם האַרצן. די טעכטער, וואָס זענען אין רוסלאַנד וועלן ביי אים קיין מיינונג נישט פרעגן און ער וועט אויף זיי קיינ־מאָל קיין דעה נישט האָבן. די דאָזיקע טאָכטער, וואָס איז מיט אים, פאָלגט אים. זי אַליין וואָלט אפשר אויך נישט געוואָלט חתונה האָבן פאַר אַ גוי און אים אַריינגעמען אַהער אין שטוב. ער וואָלט באַלד אויפגעגעסן, פאַרטרונקען און פאַרשפּילט די קראָם. די בעסערע גויִים זענען אַוועק פון שטאָט און אַ סך אויך פון גאַנץ בעסאַראַביע, געבליבן זענען דאָ צום מערסטן די ערגערע. אָבער אָט דער יאַאַן, איז נישט קיין גוי, קיין ייִד טאַקע אויך נישט, אָבער קיין גוי אויך נישט. און ראַיאַ וואָלט געווען גרייט מיט אים חתונה צו האָבן. עס וואָלט איר געווען בעסער צו זיין מיט אים, איידער צו זיין אַליין. און ער אַליין, דער טאַטע אירער, איז אויך געווען גרייט אים אַריינצונעמען אַלס איידעם, אָבער באַר ווען ער וועט זיך מל זיין און דער רב וועט זאָגן, אַז ער איז אַ ייִד. און ער איז געווען זיכער, אַז יאַאַן וועט פאָלגן, וועט זיך מל זיין און בייטן דעם נאָמען און מען וועט אים פאַרשרייבן ווי אַ ייִד. ער האָט שוין אַפילו געטראַכט, וואָס פאַר אַ נאָמען אים צו געבן און ער האָט זיך געקלערט, אַז עס וואָלט גע־ווען גוט, ווען ער גיט אים אַ נאָמען נאָך זיין טאַטן, וואָס האָט געהייסן חיים. ווען זיין זון איז געבוירן געוואָרן, האָט זיין טאַטע נאָך געלעבט און זיין טאַטע איז געבליבן אָן אַ נאָמען נאָך זיך. און ער האָט וועגן דעם אַלעמען גערעדט מיט זיין טאָכטער.

ראַיאַ איז נישט געווען דערצויגן שטאַרק ייִדיש, כאָטש זי האָט גערעדט מיט איר פאָטער ייִדיש. זי האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן ייִדישקייט און זי האָט געוווּסט, אַז צווישן אַ ייִד און אַ גוי איז פאַראַן אַ חילוק אין כאַראַקטער, אָבער וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישן זיי אין די געדאַנקען, האָט זי נישט געוווּסט. כאָטש זי האָט טאַקע גערעדט ייִדיש מיטן טאַטן, דאָך האָט זי רו־סיש געקענט בעסער און זינט די רומענער האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד, האָט זי שוין אויך געקענט נישט שלעכט רומעניש. זי איז געווען גרייט חתונה צו האָבן מיט יאַאַנען אַזוי ווי ער איז, זי האָט אָבער נישט געוואָלט ערגערן איר פאָטער און זי האָט איר בחור דערציילט, וואָס דער פאָטער זאָגט און וואָס ער וויל און וואָס זי טראַכט וועגן דעם.

יאַאַנען איז די גאַנצע זאַך געווען פרעמד. ביז ער האָט דערקענט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ קריסט און דער קלויסטער איז געווען דאָס איינציקע פלאַץ, ווו ער האָט געפונען רו. זייט דער פאָטאָגראַף האָט אים גענומען צו זיך און זייט יענער גלח האָט גערעדט אַזוי שלעכט אויף זיין פריינד, איז ער געוואָרן אויס קריסט. עס האָט אים מער נישט געצויגן אין קלויסטער אַריין. וועגן קיין פרומער ייִדישקייט האָט מען ביים פאָטאָגראַף

קיינמאָל נישט גערעדט. קיינער פון די אַלע, וואָס פלעגן אַריינקומען אין דער פאָטאָגראַפישער סטודיע, האָט קיינמאָל וועגן קיין שול נישט גערעדט. ער איז געוואָרן אויס קריסט, אָבער ער האָט נישט געפילט קיין שום נייטיקייט צו ווערן אַ ייִד. ער איז געווען דער זעלבער מענטש, ווי עס איז אַבראַם יאַקאָוו־לעוויטש, ליאָניאַ גאָלד, מאָניע רויט און עמנואל גערעכט. און איצטער, אַז מען האָט אים גענומען רעדן וועגן דעם, אַז ער דאַרף זיך מל זיין און ווערן אַ ייִד, איז אים אויסגעקומען, אַז ער דאַרף אָנהייבן גיין אַנטקעגן די געדאַנ־קען פון דעם דאָזיקן פריינד, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש. ראַיאַ האָט אים טאַקע געזאָגט, אַז נאָך דעם, וואָס ער וועט ווערן אַ ייִד, וועט ער שוין מער גאָרנישט דאַרפן טאָן. ער וועט נישט דאַרפן גיין אין שול אַריין און נישט דאַרפן דאַווענען און זיך נישט דאַרפן אָפּגעבן מיט קיין שום רעליגיע־זער צערעמאָניע. איר טאַטע אַליין היט אויך נישט אָפּ קיין שום זאַך און ער גייט בלויז פינף מאָל אין יאָר אין שול אַריין: ראש השנה און יום־כיפור און צום יאָרצייט פון זיינע טאַטע־מאַמע. אים איז אָבער אויסגעקומען, אַז אויב ער וועט ווערן אַ ייִד, וועט ער דאַרפן לעבן אַן אַנדער לעבן, ווי ער האָט ביז איצ־טער געפירט.

און נישט זאָגנדיק גאָרנישט ראַיאַן איז יאַאַן אַוועקגעגאַנגען צום רב זיך מיט אים דורכצורעדן וועגן זיין פאַרפּלאָנטערטער זאַך. דער רב איז געווען אַ יונגער מענטש, מיט אַ נישט לאַנגער רויטלעכער באָרד און מיט גוטע, מידע אויגן. ער האָט געהאַט אַ סך מער קנייטשן אין שטערן, ווי אַ מענטש אין זיינע יאָרן וואָלט געדאַרפט האָבן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אים ייִדיש און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער פאַרשטייט אים זייער ווייניק, איז ער אַרי־בערגעגאַנגען צו רוסיש. און ער האָט נישט גערעדט שלעכט קיין רוסיש און רומעניש האָט ער שוין אויך גערעדט. ער איז געווען אויך אַ מאָדערנער ראַ־בינער און ער האָט געהאַט אי אַ סך ייִדיש וויסן, אי אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט געדענקט, אַז חיה האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז דער רב איז אַן אינטערע־סאַנטער און געלערנטער מענטש. ער האָט איינער אַליין זיך אויסגעלערנט רו־סיש און ער האָט זיך עקזאַמינירט אין דער אָרטיקער גימנאַזיע. ער האָט אויך געשריבן, האָט זי אים געזאָגט, אַרטיקלען און אַפילו לידער אין העברעיִשן רבנישן זשורנאַל. גערעדט האָט ער מיט אים זייער העפלעך און זייער פריינד־לעך און ער האָט אים געזאָגט, אַז קיינער צווינגט אים נישט צו ווערן אַ ייִד, אָבער אויב ער וויל חתונה האָבן מיט אַ ייִדישער טאָכטער און ער וויל אַליין זיין אַ ייִד, קען ער דאָס ווערן און ער דאַרף דאָס ווערן. און ער דאַרף דערצו זיך מאַכן נישט נאָר דעם צייכן אין זיין לייב, וואָס גאָט אַליין האָט געהייסן מאַכן די ייִדן, נאָר ער דאַרף אויסלערנען די אַלע דינים, וואָס אַ פּשוטער ייִד

דאַרף קענען. אַ פּשוטער ייִד, האָט ער אים געזאָגט, דאַרף נישט קענען אַזוי־פיל וויפל אַ רב. ער דאַרף זיך אויסלערנען די ייִדישע אותיות און ער דאַרף זיך אויסלערנען דאַווענען און ער דאַרף קענען לייגן תּפילין און אָנטאָן אַ טלית...

יאַאַן האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם רב, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ גוטער מענטש. ער האָט געהאַט אַ מילד קול און ער איז געווען פריינד־לעך צו אים, אָבער ער האָט דאָך גערעדט שטרענג צו אים, ער האָט אים גע־זאָגט, אַז אַ ייִד דאַרף אָפּהיטן אַ סך זאַכן. ער מוז דעם שבתדיקן טאָג אָפּהיטן יעדע וואָך און נישט טאָן אין אים קיין שום אַרבעט און ער מוז אָפּהיטן אַלע ייִדישע יום־טובים און ער מוז נאָך און נאָך... יאַאַן האָט געפילט, אַז פון דעם אַלעמען, וואָס דער רב זאָגט אים, ווערט אים פול דער קאָפּ און ער דרייט זיך אים און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אים נישט זאָגנדיק אים יאָ און נישט ניין. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך דורכרעדן מיט ראַיאַן. זי איז איצטער גע־ווען דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן ער האָט זיך געקענט אַן עצה האַלטן. מיט חיהס עלטערן איז ער געווען ווייניק אינטים. ער האָט געאַרבעט ביי זיי און מער גאָרנישט. אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס פרוי איז געווען אַלט און דער קאָפּ איז איר נישט געלעגן דערביי. ער האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען ער שרייבט זיך דורך וועגן דעם מיט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, אָבער ווער ווייסט, צי יענעם איז דער קאָפּ דערביי. מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט אים פאַרשיקט אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט ביי די זאַלץ־גרובן און ער האָט קוים כוח אָנצושרייבן איין מאָל אין אַ פּאָר וואָכן אַ בריוו צו זיין פרוי.

ראַיאַ האָט אים אויך איצטער געזאָגט דאָס זעלביקע, וואָס זי האָט אים געזאָגט פריִער. די איינציקע שווערע זאַך וועט זיין דאָס מל זיין, אָבער אַלע זאָגן אַז עס איז נישט געפערלעך. זי ווייסט וועגן עטלעכע פאַלן, אַז מען האָט מל געווען רייפע מענטשן און עס האָט זיי גאָרנישט געשאַדט. די אַנדערע זאַכן זענען שוין גאָרנישט, ער וועט אויסלערנען אַביסל לייענען אין סידור. איר טאַטע אַליין קען אויך נישט קיין סך און עס זענען שוין פאַראַן אַ סך ייִדן אין שטאָט, וואָס גייען יאָ אין שול אַריין און זיי קענען זייער ווייניק זאָגן די ייִדי־שע תּפילות. יאַאַן האָט אין דעם פּרט מסכּים געווען מיט איר. ער פאַרשטייט אַליין, אַז דער רב וועט שוין ביי אים נישט פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל ווערן אַ גרויסער ייִדישער געלערנטער, אָבער, האָט ער געטענהט, דער רב האָט דאָך גערעדט וועגן אַזויפיל געזעצן און וועגן אָפּהיטן שבת און יום־טוב און וועגן דעם, אַז אַ סך זאַכן טאָר מען נישט עסן ווי אַזוי וועט ער דאָס אַלצדינג קענען געדענקען און ווי אַזוי וועט ער דאָס אַלץ אָפּהיטן? זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז די מערסטע פון ייִדן היטן שוין נישט אָפּ דאָס אַלץ און קיינער זאָגט זיי קיין דעה נישט און אים וועט אויך קיינער נישט זאָגן קיין דעה. האָט ער צו־

ריקגעטענהט, אַז ער קען נישט צוזאָגן דעם רב אָפּצוהיטן דאָס אַלץ און דער־נאָך זאָל ער אים אָפּנאַרן. ראַיאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט זיין מאַמעס קאָפּ, נאָר זיין טאַטנס, ער האָט אַ גוייִשן קאָפּ. די ייִדן פאָלגן נישט קיינער אַלץ וואָס דער רב הייסט זיי... יאַאַן איז אויף דעם בשום אופן נישט איינגעגאַנגען. ער האָט געזאָגט, אַז אָדער ער וועט ווערן אַ ייִד און ער וועט דאָס זיין, אָדער ער וועט אינגאַנצן נישט ווערן קיין ייִד. און ער איז ווידער אַ מאָל אַוועקגעגאַנגען צום רב.

דאָס מאָל איז אונדזער העלד שוין געקומען צום רב מיט אַ טענה, ער האָט געוואָלט ביי אים וויסן ווער ער איז, אַ ייִד, צי אַ גוי. דער רב האָט דער־קענט, אַז ער איז פאַרביטערט און ער האָט אים באַרויִקט. ער האָט אים גע־רעדט מיט אַ טרויעריקן שמייכל און געזאָגט:

— אַ ייִד קען מען אָדער זיין פון געבוירן, אָדער ווערן. אַז מען ווערט גע־בוירן פון אַ ייִדישער מאַמען איז מען אַ ייִד. מען קען אָבער געבוירן ווערן פון אַ גוייִשער מאַמע און וועלן זיין אַ ייִד און ווערן אַ ייִד. איר זענט פון גע־בוירן אַ ייִד, אָבער געמאַכט האָט מען אייך נישט פאַר קיין ייִדן, ווייל אייער מאַמע איז אַוועק פון ייִדישקייט. און די ברירה איז ביי אייך, איר קענט ווערן אַ ייִד און איר קענט זיין נישט אַהין און נישט אַהער.

— אָבער — האָט יאַאַן געטענהט — איר האָט מיר נאָך אַלץ נישט גע־ענטפערט אויף מיין פראַגע ווער איך בין, אַ ייִד, צי אַ גוי.

— איך מיין — האָט דער רב אים געזאָגט פריינדלעך און געקוקט מילד אין די אויגן אַריין — אַז נישט איך דאַרף אייך ענטפערן אויף אָט דער פראַגע, נאָר איר דאַרפט מיר ענטפערן. איך בין אַ רב און אַז איר קומט צו מיר און איר זאָגט אַז איר ווילט זיין אַ ייִד, דאַרף איך מיט אייך נישט טענהן און אייך מאַכן פאַר אַ ייִדן. ווען עס קומט צו מיר איינער, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַ גוייִשער מאַמע און ער זאָגט מיר, אַז ער וויל ווערן אַ ייִד, איז מיין חוב אים צו פרעגן פאַרוואָס ער וויל דאָס ווערן און איך מעג אים מגייר זיין נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט מיך איבערצייגן, אַז ער ווייסט, וואָס אַ ייִד איז און ער וויל דאָס ווערן. אייך דאַרף איך די אַלע פראַגן נישט שטעלן, ווייל פאַר מיר זענט איר אַ ייִד, וואָס איז נישט געמלט און ווייסט נישט, וואָס איז אַזוינס ייִדישקייט און אַז איר וועט זיין געמלט, וועט איר זיין אַ ייִד גלייך מיט אַלע.

יאַאַן איז געבליבן זיצן צעטומלט און ער האָט באמת נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. עס האָט אים שוין נישט געשראָקן דאָס מל זיין, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט באַשליסן צוצוזאָגן היינט דעם רב, אַז ער וועט זיין אַ ייִד און מאָרגן זאָל ער אים אַוווּסטזיניק אָפּנאַרן. צו וואָס דאַרף ער אָפּנאַרן אָט דעם מענטשן, וואָס זעט נישט אויס צו זיין קיין שלעכטער און

וועלכן ער גיט אַזוי פיל אומזיסטע אַרבעט. און ער האָט געבעטן ביים רב עט־לעכע טעג צייט זיך צו באַטראַכטן און ווען יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט וואַרטן, איז ער אַוועק פון אים אַ זייער צערודערטער. פאַרן אַוועקגיין האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט פונקט אַנטקעגן דעם יונגנמאַן מיט דער רוי־טער באָרד און מיט דעם אַלטן שטערן און ער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף אים און בעטנדיק זיך געווענדט צו אים:

— זאָגט מיר פאָרט ווער בין איך?

סתם אַ מענטש קען מען נישט זיין

כאַטש יאַן איז אַוועק מיט דעם פעסטן געדאַנק, אַז ער זאָל זיך נישט איבערמאַכן און ווייטער בלייבן דאָס דאַזיקע, וואָס ער איז, נישט קיין ייִד און נישט קיין גוי, נאָר אַ מענטש, האָבן אים דער אַלטער קראַסניאַנסקי און זיין טאָכטער ראַיאַ באַוויזן איבערצורעדן. ער האָט זיי געזאָגט, אַז אין אַ גאַנצער שטאָט מיט מענטשן, ווו אַלע זענען, אָדער ייִדן, אָדער גוייִם, מעג זיין איינער, וואָס זאָל זיין בלויז אַ מענטש, האָבן זיי אים צוריקגעזאָגט, אַז אין שטאָט זענען קיין מענטשלעכע שטיבער נישט פאַראַן, עס זענען פאַראַן אָדער ייִדישע, אָדער גויִישע שטיבער און ווער עס איז נישט קיין ייִד און נישט קיין גוי בלייבט אויף דער גאַס, אַזוי ווי ער איז טאַקע געווען אַ לאַנגע צייט.

און יאַן האָט געזען פאַר זיך אַ זייער שלעכטע צייט מיט אַ סך איינזאַמקייט. די פּאָליאַקאָוס האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז זיי וועלן זייער קראָם אויפגעבן. זיי וועלן אויספאַרקויפן אַלץ, וואָס וועט זיך לאָזן און זיי וועלן אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. אַז די טאָכטער איז נישטאָ מיט זיי, דאַרפן זיי אַליין זייער ווייניק און זיי וועלן זיך ערגעץ אַנדערשוואו בעסער דורכלעבן. אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס פרוי האָט די גרויסע שטוב אירע מיט דער פאָטאָגראַפיע געדאַרפט אויפגעבן. זי אַליין האָט גאַנץ גוט געקענט די אַרבעט און די קינדער האָבן זי שוין אויך געקענט, אָבער עס איז קיינער צו זיי נישט געקומען זיך פאָטאָגראַפירן. זייט מען האָט אים פאַרשיקט, האָט מען זיך געשראָקן אַרייַנצוקומען צו זיי. אַמאָל פלעגט מען דאָרטן אַ גאַנצן טאָג פאָטאָגראַפירן מענטשן. מען איז זיך געקומען מאַכן פאָטאָגראַפיעס פאַר דאָקומענטן, מען איז געקומען פאָטאָגראַפירן חתן־כלה און מען איז געקומען ביי אַנדערע געלעגנהייטן און זייט מען האָט אים אַוועקגענומען, האָט אַלץ אויפגעהערט. גלייך עמיצער איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָט און ער האָט אָנגעוויזן אויף דער דאָזיקער סטודיע און געזאָגט, אַז אַהער דאַרף מען נישט אַרייַנקומען. האָט זי זיך אַרייַנגעצויגן מיט ביידע קינדער אין אַ קליינער דירה פון צוויי צימערן און זי האָט געטראַכט וועגן אַרויסציִען זיך אין אַן אַנדער שטאָט, ווו מען קען זי נישט און מען וועט נישט מורא האָבן פאַר איר. דער איינציקער פּאַרטרויונגס־מענטש פון פאָטאָגראַפס פרוי איז געווען יאַן און זי האָט צו אים געזאָגט:

— דאָ האַלט מען דאָך אונדז עפּעס ווי פאַרשאָלטענע. אין אַן אַנדער שטאָט וועט מען נישט וויסן און מען וועט נישט אַנטלויפן פאַר אונדז.

מיט די פּאָליאַקאָווס איז טאַקע יאָאַן נישט געווען שטאַרק באַפריינדעט, אָבער זייער היים איז דאָך פּאַרט געווען זיין היים און אַרבעט האָט ער דאָך געקראָגן ביי זיי. ווער וועט אים געבן אַרבעט, ווען זיי וועלן אַוועקפאָרן? און דעם פאָ־טאָגראַפס פרוי איז דער איינציקער מענטש אין שטאָט, וואָס רעדט מיט אים ווי מיט זיינס גלייכן און ער איז נאָך שטאַרקער פון איר. ער איז יונג און גע־זונט און ווי וויניק ער פאַרדינט, פאַרדינט זי נאָך וויניקער און ער קען איר נאָך מיט עפּעס העלפן. און אַז זי וועט אויך אַוועקפאָרן וועט ער דאָך זיין אַזוי איינזאַם ווי ער איז געווען אַמאָל, איידער ער האָט דערקענט אַבראַם יאַקאָוולע־וויטשן. און דעמאָלט האָט ער דאָך נאָך נישט געוווסט פון קיין אַנדער לעבן. ער זאָל היינט דאַרפן זיין אַ משוגענער אין גאַס, וואָלט דאָך אים געווען נאָך טויזנט מאָל ערגער.

יאָאַן איז אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט און ער האָט זיך נישט געקענט באַשליסן. און גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט האָט ער געזען, ווי עס פאָרט אַ קריסטלעכער טויטן־וואָגן און עס גייען נאָך אים נאָך בלויז עטלעכע מענטשן. עס גייט נישט נאָך אַ גלח מיט ווייררויך, נאָר אַ דיאַק. איין מענטש צווישן די דאָזיקע, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען דעם טרויעריקן וואָגן איז אים געווען באַ־קאַנט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין אים און דערזען, אַז דאָס איז לוקאַ, זיין אַמאָליקער „קאָלעגע". דער אַלטער משוגענער איז געוואָרן אַ סך עלטער. ער האָט אים שוין אַ סך יאָרן נישט געזען. און לוקאַ האָט יאָאַנען ווי דערקענט, ער האָט צו אים גערעדט אויף זיין „שפּראַך" און ער האָט געוויזן מיט אַ האַנט אויף דעם טויטן־וואָגן און ער האָט אים געזאָגט:

— קאַליאַ... הו הו...

יאָאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז לוקאַ זאָגט אים, אַז דער צווייטער משוגענער, דער יינגערער, קאַליאַ, וואָס פלעגט אַרומלויפן איבער די גאַסן און שרייען: „ווו איז זי", אַז אָט דער משוגענער איז געשטאָרבן און מען פירט דאָ זיין טויטן קערפּער.

עס איז געווען אַ פאַרנאַכט פון סוף האַרבסט. עס האָט דורכגענומען אַ קעלט און אַ רעגנדל האָט געשפּריצט. דער טויטן־וואָגן איז געשלעפּט געוואָרן פון בלויז איין פערדל, וואָס האָט געהאַט פאַרדעקטע אויגן. אָבער יאָאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס פערדל איז בלינד און אַז אָט־אָט וועט עס ערגעץ אַריינפאַלן אינאיינעם מיטן וואָגן. דער דיאַק האָט געשאָקלט דעם ברענענדיקן ווייררויך אַהין און צוריק און ער האָט געטשאַדעט און ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן עפּעס, דער דאָזיקער דיאַק, וואָס איז געווען אַלט און וויס ווי אַ טויב

און ער האָט געהאַט אַ ריטשענדיק קול. דאָס קול זיינס איז נישט געווען אַנ־דערש ווי דאָס סקריפּען פון וואָגן. און כאָטש יאַנען האָט געדראָזשעט דאָס גאַנצע לייב סיי פון דער קעלט און דעם רעגן און סיי פון דעם גאַנצן טרויע־ריקן בילד, איז ער נישט אַוועקגעגאַנגען און ער איז נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן. זיין „קאָלעגע" לוקאַ האָט זיך אַלע מאָל געצלמט. ער האָט זיך שוין זייט לאַנג נישט געצלמט. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם טויטן־וואָגן אַ לאַנגן וועג ביז צום בית־עולם און ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען ווייזט דאָס אים אומישנע און אַז ער דאַרף דאָס זען. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיצער זאָגט אים: ווערסט נישט ווערן קיין ייִד, וועסטו שטאַרבן ווי קאָליאַ. די פּאָליאַקאָווס און דעם פאָטאָגראַפס פרוי וועלן אַוועקפאָרן, צו ראַיאַן וועט מען דיר מער נישט בעטן און דו וועסט שטאַרבן אַלצאיינס ווי אָט דער משו־גענער, וועלכן מען באַגראָבט אין אַ שטיינערדיקן גרוב לעבן פּלויט.

צוריק פון בית־עולם איז דער דיאַק געפאָרן מיט אַ וועגעלע און יאַנען און לוקאַ זענען ביידע געגאַנגען צו פוס, אַזוי ווי חברים פון די אַלטע צייטן. יאַנען האָט געוואָלט עפּעס זיך דערוויסן ביי לוקאַן און ער האָט דאָס בשום אופן נישט געקענט באַוויזן. דער אַלטער משוגענער האָט אים נישט געזאָגט עפּעס אַנדערש ווי „קאָליאַ הו־הו". דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט, ער איז נאָך געוואָרן שטאַרקער. יאַנען האָט געטראָגן אַ מאַנטל און ער איז געווען אַנגעטאָן ווי אַ מענטש. לוקאַ האָט געטראָגן אַ רעקל אויפן נאַקעטן לייב. קיין העמד האָט ער נישט געהאַט און אויף דעם רעקל האָט ער געטראָגן אַ צעריסענע און פאַר־לאַטעטע בורקע, אַ האָריקע און אַ שטעכיקע. די בורקע האָט נישט געהאַט קיין קנעפּ און מען האָט זי נישט געקענט פאַרשפּיליען און דער אַלטער משוגענער האָט זי געפּרוווט פאַרמאַכן מיט דעם, וואָס ער האָט צונויפגעשלאָסן די הענט אויף דער ברוסט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, די פּאָלעס פון דער בורקע זענען זיך צעלאָפן און דער ווינט און דער רעגן זענען אין אים אַריין אין נאַ־קעטן לייב אַריין און ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן „הו־הו" און דאָס דאָזיקע האָט געמיינט צו זאָגן, אַז עס איז אים קאַלט. יאַנען האָט געקראָגן רחמנות אויף לוקאַן און ער האָט געוואָלט אים מיט עפּעס מהנה זיין. ער האָט געוווּסט אַז אין אַ רעסטאָראַן, אָדער אַ טראַקטיר וועט מען אים נישט לאָזן זיך אַנידער־זעצן און עפּעס עסן און טרינקען, איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ קראָם און ער האָט אים געקויפט ברויט און אַן עפּל און זיי אים געגעבן. יענער האָט די ביידע זאַכן אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט און די פּאָלעס פון דער בורקע און פון דעם רעקל זענען זיך צעלאָפן און געוויזן די גאַנצע נאַקעטע ברוסט זיינע, אַ באָוואַקסענע און אַ שמוציקע. ווי אַ חיה האָט זיך לוקאַ צוגעכאַפּט צום עסן און ער האָט מיט די לעצטע צוויי ציין וואָס ער האָט געהאַט אין מויל געריסן שטי־

קער פון דעם ברויט און דעם עפּל. מען האָט געזען, אַז ער קען נישט באַווייזן אַזוי פיל אָפּצורייסן מיט די ציין וויפל ער וויל עסן. געקייעט האָט ער אינגאַנצן נישט, נאָר ער האָט שטיקערווייז געשלונגען ביידע זאַכן. יאָאַן האָט דערקענט, אַז ער האָט שוין לאַנג גאָרנישט געגעסן. ער, יאָאַן, האָט געוווּסט, אַז לוקאַ וועט פון אָט דעם עסן גאַנצע שטיקער, נישט צעקייטערהייט, קראַנק ווערן, אָבער לוקאַ האָט וועגן דעם דאָזיקן נישט געטראַכט. און יאָאַן האָט געפרעגט לוקאַן, ווו ער שלאָפט, האָט ער אים געוויזן מיט דער האַנט אין אַ זייט אַריין. האָט יאָאַן אים צוריקגעוויזן מיט דער האַנט, אַז ער וויל גיין אַהין. און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין אַהין, וווהין לוקאַ האָט אָנגעוויזן און זיי זענען געגאַנגען אַזוי אַ היפּש שטיקל צייט אין דער קעלט און אונטער דעם רעגן. לוקאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ פּלויט און ער האָט פאַרענדיקט דאָס עסן. די פינגער פון זיינע הענט זענען געווען באַוואַקסן מיט גרויסע נעגל און זענען געווען שוואַרץ ווי די ערד און ער האָט מיט זיי געריסן דאָס ברויט און דעם עפּל נישט וויניקער ווי מיט די ציין.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דעם פּלאַץ ווו לוקאַ איז געשלאָפן, איז יאָאַן אַריינגעגאַנגען אַהין. עס איז געווען אַ לאַנגע און שמאָלע שטוב מיט אַ סך נאַרעס, אויף איניקע פון זיי זענען שוין געלעגן מענטשן, וואָס האָבן נישט אויסגעזען „שענער״ פון לוקאַן. די מערסטע פון די נאַרעס זענען געווען ליידיק. זייערע קליענטן זענען נאָך געווען אין גאַס. זיי האָבן נאָך געבעטלט, אָדער געגנבעט. עס איז אין דער דאָזיקער שטוב געווען זייער קאַלט, אפשר נאָך קעלטער ווי אויף דער גאַס, כאָטש געריגנט האָט דאָרט נישט. דער ווינט איז דאָ יאָ פריי אַרומגעגאַנגען. יאָאַן האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַרומער איז דער ווינט אַהער אַריין, ווייל די עטלעכע פענצטער זענען געווען פאַרהאַקט. און כאָטש עס איז דאָרט געווען שרעקלעך קאַלט, איז אויך דאָרט געווען אַ שרעקלעכער ריח. עס האָט געשמעקט מיט שוויס און מיט צוגעלעגערט עסן און מיט אָפּפאַל און מיט אַלץ אין דער וועלט, וואָס האָט אַ שלעכטן ריח. יאָאַן האָט געפּרוּווט זיך שטאַרק פאַרקוועטשן די נאָז, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, די ריחות זענען אים אַריינגעקראָכן אין גאַנצן וועזן אַריין און ער האָט געפילט, אַז עס עקלט אים צום ברעכן. נאָך אַביסל און ער וועט דאָ אַנידערפאַלן. און ער איז קוים אַרויס אויף דער גאַס און ווען ער איז שוין געווען אויף דער פרייער לופט האָט ער געפילט, אַז אַלץ אין אים הויבט זיך אויף און ער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך נישט נאָר, וואָס ער האָט היינט געגעסן, נאָר אפשר אויך דאָס דאָזיקע וואָס ער האָט געגעסן צוריק מיט אַ וואָך. און ווען עס איז אים שוין איבערגעגאַנגען און ער האָט זיך אַרומגעווישט, האָט ער שווער זיך געהאַלטן אויף די פיס און דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט און ער האָט זיך גע־

מוזט אָנשפּאַרן ביי אַ וואַנט און דאָרטן שטיין אַ לאַנגע צייט. ווען ער איז איינגאַנצן געקומען צו זיך, האָט ער דערזען, אַז לוקאַ שטייט לעבן אים און ער האָט דערהערט זיין שטענדיקן „הו־הו" און דאָס מאָל האָט ער נישט געוווּסט, וואָס דער דאָזיקער „קאָלעגע" זיינער וויל פון אים. ער, אָבער, האָט יאָ געוווּסט, אַז ער וויל, וואָס גיכער פון אים פּטור ווערן. ער האָט מיט אים געהאַט אַזאַ טאָג, וואָס האָט אים איבערגעשראָקן. אים האָט זיך געדאַכט אַז עמיצער שטייט איבער אים און ער זאָגט אים: „אַז דו וועסט נישט גיין איצטער צו ראַיאַן און וועסט איר נישט זאָגן, אַז דו וועסט טאָן אַלצדינג, וואָס איר פאָטער פאַרלאַנגט, וועסטו האָבן אַזאַ „לעבן", ווי לוקאַ האָט איצטער און דו וועסט האָבן דעם זעלביקן סוף, וואָס קאַליאַ האָט געהאַט. און אפשר אַפילו נישט אַזאַ סוף אויך. קאָליאַן האָט באַגלייט אַ קריסטלעכער דיאַק, וואָס האָט געזוכט וויירויך און זיך געצלמט, דיך וועט מען אַזוי נישט באַגלייטן, ווייל דו ביזט נישט קיין גוי און נישט קיין ייד". און יאַאַן האָט אויף גיך אַרויסגענומען פון דער קעשענע דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און ער האָט דאָס אַוועקגעגעבן דעם אַלטן משוגענעם און איז אַנטלאָפן. ער האָט אַ לאַנגע צייט געהערט יענעמס נאָכגעשריי „הו־הו". אויך ווען ער האָט דעם דאָזיקן געשריי שוין נישט געהערט, האָט זיך אים נאָך אַלץ געדאַכט, אַז ער הערט אים, גלייך ווי לוקאַ וואָלט זיך באַזעצט ביי אים אין די אויערן און נישט אויפגעהערט צו בודיען מיט זיין „הו־הו".

יאַאַן איז געלאָפן אַ לאַנגע צייט. ער איז געווען ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער גייט גלייך צו ראַיאַן און איר טאַטן און ער זאָגט זיי, אַז ער איז שוין גרייט אויף אַלעמען. און ער איז געלאָפן טאַקע אויף דעם וועג צו זיי, אַזוי שנעל, אַז ער האָט אַזש דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן. און ווען ער איז געווען שוין אינגאַנצן אַ פּאָר מינוט גאַנג פון דעם אַלטן קראַסניאַנסקיס קראָם, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט געטראַכט, אַז עס איז בעסער ער זאָל נישט גלייך אַריינלויפן צו זיי. זאָל ער זיך נאָך אַביסל אָפּאָטעמען. זאָל אַוועק דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט דערפילט, זייענדיק אין יענעם שרעקלעכן הקדש, ווו ער האָט געפילט אַלע ערגסטע ריחות אין דער וועלט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַרקראָכענע נאַרעס זענען אַרויפגעקראָכן צו אים אויף די קליידער, אפשר איז ער גאָרנישט ריין. ער וועט אַהיים גיין און ער וועט זיך אויספּוצן די קליידער און אויסשווענקען דאָס מויל און דערנאָך וועט ער גיין און זיך דורכריידן מיט זיין כלה און איר טאַטן. און ער האָט זיך אויסגעדרייט און געלאָזט גיין אַהיים.

יאַאַן איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שענק און כאָטש עס איז געווען קאַלט און די טיר איז דאָרטן געווען פאַרמאַכט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט די

אַלקאָהאָלישע ריחות פון דעם שענק. שיכורע געשרייען האָט ער געוויס גע־הערט. און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט זיך פאַרטראַכט. ווער זענען די דאָזיקע מענטשן, האָט ער זיך געפרעגט, וואָס טרינקען אינעווייניק די שאַרפע משקאות? אפשר זענען פאַראַנען צווישן זיי אַזעלכע אומגליקלעכע ווי ער, וואָס ווילן פאַרגעסן זייערע ליידן און דאָס מיטל דערצו איז זיך פאַרשי־כורן? ער האָט שוין געהאַט געלייענט ביכער, אין וועלכע עס ווערן דערציילט איבערלעבונגען פון מענטשן, וואָס ווילן פאַרגעסן אין די צרות. אייניקע נוצן דערצו אַלקאָהאָל, ביי מענטשן אין גרעסערע שטעט קומט עס דערצו, אַז זיי טרינקען אָפּיום, אָדער מאָרפיום. ביים אָנהייב טוען זיי דאָס זיך צו פאַרגעסן און דערנאָך ווערט דאָס שוין ביי זיי אַזאַ פאַרדאָרבענע געוווינהייט, אַז זיי קע־נען שוין אָן דעם נישט לעבן. אים האָט קיין מאָל נישט געצויגן צו טרינקען וויין, אָדער בראָנפן. פאַרקערט: די ריחות פון די אַלקאָהאָלישע משקאות האָבן אים אָפּגעשטויסן. און דאָס אויסזען פון די שיכורים האָט אים געשראָקן. ווי אַזוי עס זעען אויס אָפּיום־טרינקער האָט ער קיין מאָל נישט געזען, אָבער ער האָט געלייענט אין אַ בוך וועגן דעם. זיי זעען נישט אויס אַזוי ווי מאַלפּעס און חזירים, ווי עס זעען אויס די אַלקאָהאָליקער. זיי בלייבן נאָר זיצן, אָדער ליגן פּאַסיוו און זיי זעען חלומות פון אַזעלכע וועלטן, וואָס זענען נאָר פאַראַנען אין דער פאַנטאַזיע. ער געדענקט, אַז איין מאָל איז געווען עפּעס אַ שמחה ביי אַב־ראַם יאַקאָוולעוויטשן אין הויז און מען האָט געטרונקען „וואָדקאַ" און מען האָט אים געצוווּנגען, אַז ער זאָל אויך טרינקען אַ גלעזל. אַ פּאָר פון זיי האָבן דאָרטן געטרונקען גרויסע גלעזער בראָנפן. אים האָט דערנאָך ווייי געטאָן דער קאָפּ פון דעם קליינעם גלעזל און ער האָט מער אויף יענער משקה נישט געקענט קוקן אַ לאַנגע צייט.

איצטער אָבער האָט עס יאַנען אַ צי געטאָן צו דער משקה און ער איז שוין געווען גרייט אַריינצוגיין אין שענק אַריין און עפּעס אויסטרינקען. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ביי זיך נישט קיין געלט, ער האָט דאָס גאַנצע ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט אַוועקגעגעבן לוקאַן. ער האָט געזוכט אין די קעשענעס און ער האָט מער גאָרנישט געפונען. דער שענק איז געווען נישט ווייט פון זיין הויז און דער שענקער האָט אים געקענט און ער האָט געוווּסט, אַז ער וואָלט אים געטרויעט אַ פּאָר גלעזלעך, אָבער ער האָט זיך געשעמט צו גיין בעטן קרעדיט. ער האָט געהערט, אַז דאָרטן זענען פאַראַן אַ סך מענטשן און ער וואָלט זיך געשעמט אַריינצוגיין אַהין אַפילו, ווען ער האָט געלט, גיין בעטן אויף באָרג האָט ער זיך גאָר געשעמט, איז ער אַהיים געגאַנגען.

יאַן האָט געוווינט אין זעלביקן הויז, ווו די פּאָליאַקאָוווס האָבן געהאַט זייער קראָם. די וווינונג האָבן זיי געהאַט אין זעלביקן הויף, אָבער ווייטער

אַביסל און זיין צימער איז געווען לעבן דער קראָם. אַמאָל ווען די קראָם איז געווען גרעסער און זיי האָבן געהאַט אַ סך סחורה, איז דאָס דאָזיקע צימער געווען אַ דעפּאָזיט, זייט אָבער די לייזונג איז געוואָרן קלענער, האָבן זיי דאָס דאָזיקע חדרל אויסגערייניקט און אים דאָרטן איינגעשטעלט אַ שלאָפצימער. נאָר חיה האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם דאָזיקן צימער און עס איז געווען ניש־קשה. עס האָט געהאַט עלעקטריש ליכט און אַ שיסל מיט וואַסער און אַ שפּיגל אין דער וואַנט. ווען יאַאַן איז אַריינגעקומען אין זיין צימער אַריין און ער האָט געמאַכט ליכטיק, האָט ער באַלד אַריינגעקוקט אין שפּיגל אַריין. דער מאַנטל איז געווען ריין, ער איז נאָר געווען באַנעצט פון דעם רעגן, וואָס איז געגאַנ־גען בעת דער לוויה. צום לעצט האָט דער רעגן אויפגעהערט. ער האָט אויס־געטאָן דעם מאַנטל און ער האָט געזען, אַז דאָס רעקל איז אויך ריין. דאָס פּנים אָבער איז נישט געווען אינגאַנצן ריין און עפּעס איז דאָס געווען צערודערט. ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ פּנים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דעמאָלט ווען מען האָט אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן און חיהן אַוועקגענומען אין פּאָליציי, פון וואַנען זיי האָבן זיך שוין נישט אומגעקערט, האָט ער אַזוי אויסגעזען, אָבער דעמאָלט האָט ער נישט געקוקט אין שפּיגל אַריין. ער האָט אויסגעטאָן דעם הוט, וועלכן ער האָט געטראָגן די גאַנצע צייט און דער קאָפּ איז אים געווען צעשויבערט. פון וואַנען האָט זיך אים צעשויבערט דער קאָפּ האָר אונטערן הוט, האָט ער נישט פאַרשטאַנען, סיידן פון די שווערע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געמוטשעט. ער איז זיך אַליין נישט געפעלן און אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער דאַרף איצטער נישט גיין צו ראַיאַן, ווייל אַז זי וועט אים זען אין זיין איצטיקן צושטאַנד, וועט זי מער נישט וועלן האָבן צו טאָן מיט אים, אַפילו, אַז ער וועט מסכים זיין צו אַלץ, וואָס איר פאָטער פאַרלאַנגט. בעסער, האָט ער זיך געזאָגט, וועט ער זיך היינט אויסרוען און מאָרגן וועט ער גיין צו איר. און עס האָט אים טאַקע געצויגן צום שלאָף אויך. די איבערלעבונגען פון דעם טאָג האָבן ביי אים צוגענומען אַלע כוחות. ער האָט מיט שווערער מי זיך אויסגעטאָן און ער האָט זיך אַנידערגעלייגט שלאָפן און ער איז טאַקע באַלד איינגעשלאָפן.

אָבער יאַאַן איז נישט געשלאָפן לאַנג. אינגאַנצן עטלעכע מינוט איז ער געווען פאַרזונקען אין שלאָף, ממש ווי אַ טויטער. ער האָט גאָרנישט געפילט און גאָרנישט געחלומט. און פּלוצים האָט דאָס אים עפּעס ווי אויפגעריסן און ער איז געוואָרן אין איין רגע וואַך. ער האָט געמיינט, אַז עס איז עפּעס געשען אין דרויסן און ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון געלעגער, געעפנט די טיר און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. און ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. עס איז געווען אַ שטילע האַרבסט־נאַכט. דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט

און ער איז געוואָרן הויך, אַזוי הויך, אַז מען האָט אים קוים געזען, ווייל ער איז געווען טונקל. שטאַרק טונקל. אַנגעזען האָבן זיך נאָר די שטערן, די קלעז־נערע און די גרעסערע, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון דער פינצטערקייט. ווי וויט זיין אויג און זיין אויער האָבן געקענט כאַפּן, האָט ער גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. און ער האָט פאַרמאַכט צוריק די טיר און ער האָט זיך ווי־דער אַריינגעלייגט אין דעם וואַרעמען בעט אַריין. שלאָפן האָט ער שוין נישט געקענט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אייגענע געדאַנקען האָבן אים אויפגע־ריסן, אָדער ער האָט געהאַט אַ חלום.

און די נאַכט האָט זיך דערנאָך פאַר יאָאַנען געצויגן אָן אַ סוף. ער האָט געגומען אַרומטראַכטן וועגן זיך. צוריק מיט ווייניקער ווי צען יאָר, איז ער געווען אַ משוגענער אין גאַס. ער ווייסט ביי זיך, אַז קיין משוגענער איז ער נישט געווען, אָבער אַ קלאָרער אויך נישט. ער האָט נישט געוווסט די פשוט־סטע זאַכן, וואָס אַלע מענטשן ווייסן. ער איז גיכער געווען עפּעס אַ נישט־דער־באַקענער, אָדער אַן אידיאָט, ווי אַ משוגענער. היינט איז ער אַ מענטש גלייך מיט אַלע און אייניקע זאַכן ווייסט ער אפשר מערער, ווי די דורכשניטלעכע מענטשן אַרום אים. ער ווייסט נישט אַזוי פיל וויפל עס האָבן געוווסט די אַלע מענטשן, וואָס פלעגן אַריינקומען צו אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן, אָבער ער ווייסט מערער ווי די מערסטע מענטשן, וואָס קומען אַריין אין קראָם קויפן הערינג, בוימל און צוקער. און וואָס האָט ער דערפון? נאָר ליידן. חיהן וועט ער שוין קיין מאָל נישט זען, מען האָט זי פון אים אויף שטענדיק אַוועקגענומען. אַמאָל טראַכט ער, אַז מען האָט זי גאָרנישט אַוועקגענומען, נאָר זי האָט אַליין גע־וואָלט אַוועק פון אים. צו ראַיאַן גייט ער, אָבער ער טראַכט נאָך שטענדיק וועגן חיהן. ער נאַרט זיך אָפּ און ער נאַרט זי אָפּ. דער ציניקער מאָניע רויט האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז מיטן אמת אַליין קען מען קיין מאָל נישט דורכקומען. מען מוז שטענדיק עמיצן אָפּנאַרן. מען נאַרט אָפּ די עלטערן און אַז מען האָט אַ ווייב, נאַרט מען אָפּ דאָס ווייב. און גאָט אַליין, האָט ער געזאָגט, נאַרט מען אויך אָפּ. און ראַיאַ איז נאָך נישט זיין ווייב און ער נאַרט זי אָפּ. ער דערציילט איר קיין מאָל נישט וועגן זיינע געפילן, וואָס ער האָט געהאַט צו חיהן. און ער האָט זיי דאָך נישט נאָר געהאַט, נאָר ער האָט זיי אויך איצטער.

טראַכטנדיק אַזוי אַרום זיין מאָדנע לאַגע, האָט ער מסתמא געכאַפּט אַ דרימל אויך און זיינע געדאַנקען האָבן זיך אים געוועבט ווי אונטער אַ נעפּל. פֿר האָט זיי יאָ און נישט געזען. ער האָט געזען חיהן פון איין זייט און ראַיאַן פון דער צווייטער זייט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז חיה שטויסט אים דווקא יאָ אין די אָרעמס פון ראַיאַן און גראַד ראַיאַ בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל זי נישט אָפּנאַרן. האַלב אין חלום און האַלב אין וואָר האָט ער געזען אַלע זיינע

באַקאַנטע פון פאָטאָגראַפס קרייז. לויט זיין חשבון האָט שוין עמנואל געדעכט געדאַרפט זייט לאַנג באַפרייט ווערן, ווייל ער איז דאָך געווען פאַרמשפט נישט מער ווי אויף פינף יאָר. חיה און מאַניע זענען ביידע פאַרמשפט געוואָרן אויף 15 יאָר און אים איז אויסגעקומען, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן און זיי וועלן באַפרייט ווערן. און ער האָט זיך געפרעגט, צי וועט חיה צוריק קומען אַהער, אירע עלטערן זאָגן דאָך, אַז זיי וועלן אַוועקפאָרן פון דאַנען, טאָ צו וועמען זשע וועט זי קומען אַהער? ער האָט געזען אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן, אַלץ אַזוי האַלב אין חלום און האַלב אויף דער וואָר און ער איז געווען זיכער, אַז ער זעט אויס זייער פאַרעלטערט און ער איז קראַנק. פיזיש וואָלט ער שוין זייט לאַנג געדאַרפט אומקומען, ווען ער האָט נישט אַזאַ שטאַרקן גייסט. עמנואל געדעכט האָט אים געזאָגט אַמאָל, אַז כאָטש אויף לאַטיין זאָגט מען „אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן קערפּער" באַווייזט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש די קונסט צו האָבן אַ זייער געזונטן גייסט אין אַ זייער שוואַכן קערפּער. ער האָט געזען פאַר זיך דעם ציניקער מאַניע רויט, וועלכער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז דאָס לעבן איז נישט ווערט קיין שאָלעכץ פון אַן איי. און דאָך מוטשעט ער זיך ערגעץ אין די זאַלץ־גרובן און ער וויל לעבן. אַלע האָבן זיך אַזוי געדרייט פאַר זיינע אויגן און זיי האָבן אים ווי געזאָגט, אַז זיי אַלעמען איז ערגער. ער האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלן, וואָס אַזוינס מען טוט דאָרטן אין די זאַלץ־גרובן, וווּהין זיי זענען פאַרשיקט אויף אַרבעט און ער האָט נישט געהאַט גענוג פאַנטאַזיע דערפאַר. געוווּסט האָט ער, אַז עס איז דאָרטן זייער שלעכט און אַז געזונטע מענטשן ווערן דאָרטן קראַנק. די זאַלץ פרעסט אויף שטיקער פון מענטשלעכן קערפּער. אייניקע קריגן פון איר לעכער אין די פאַרשידענע טיילן פון קערפּער, אָדער פּנים. מען האָט דערציילט, אַז עמיצער האָט זיך אומגעקערט פון דאָרטן נאָך צען יאָר, איז ביי אים די נאָז געווען צעגעסן. ער האָט זיך נישט געוואָלט פאָרשטעלן חיהן מיט אַ צעגעסענער נאָז, אָבער ער האָט זי אַזוי געזען.

די אַלע בילדער און אַלע שווערע געדאַנקען און ביטערע פאַרצווייפלטקייטן האָבן אים געמוטשעט אַ גאַנצע נאַכט און נישט געלאָזט שלאָפן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט נישט געדרימלט אויך, אָבער אַ דרימל האָט ער פון צייט צו צייט געכאַפּט. איינגעשלאָפן איז ער ערשט פאַרטאָג, ווען ער האָט געהערט קרייען די הענער שוין צום דריטן מאָל.

יאַאַן איז איינגעשלאָפן פאַרטאָג מיט אַן אומגעהויער שווערן שלאָף. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ וועק־זייגער און ער איז געווען זיכער, אַז ווען ער האָט זיך געלייגט, האָט ער אים אָנגעשטעלט, אַז ער זאָל אים אויפוועקן אין דער זעלביקער צייט ווי שטענדיק, אָבער ער איז געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער און

ער האָט דאָס קלינגען פון זייגער נישט געהערט. ער האָט זיך דערנאָך געגעבן חשבון, אַז אין יענעם פרימאָרגן זענען אין שטאָט פאָרגעקומען שרעקלעכע זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפט מאַכן אַ גרויסן רעש, אָבער ער האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געפילט. אַ קלאָץ דאַרף אַזוי ליגן אַזוי ווי ער איז געלעגן אין יענעם פרימאָרגן. און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, ווען דער זייגער האָט אים געוויזן, אַז עס איז שוין נאָך צוויי. ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. ביים אָנהויב האָט ער געמיינט, אַז עס איז צוויי אַזייגער ביינאַכט, אָבער עס איז אין דרויסן געווען גרויסער טאָג. און כאָטש ער איז געווען דערשטוינט דערפון, וואָס ער כאַפּט זיך אויף צוויי שעהען נאָך האַלבן טאָג, בעת ער שטייט שטענדיק אויף אין דער האַרבסט־צייט אַ שעה פאַר טאָג, איז ער נישט אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, נאָר ער איז ווייטער געלעגן און ער האָט זיך געפילט עפּעס ווי אין אַ הינער־פּלעט. ער האָט יאָ געדענקט, וואָס מיט אים האָט זיך נעכטן געטאָן און נישט געדענקט. די אויגן זענען אים געווען האַלב־פאַרמאַכט און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט זיי צו עפענען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעדט מיט חיהן און מיט אַבראַם יאַ־קאָוולעוויטשן און מיט די אַנדערע מענטשן פון זייער קרייז. דאָ איז קיינער נישט געווען. ער איז געווען געוווינט, אַז באַלד ווי ער כאַפּט זיך אויף, זאָל ער גלייך אַראָפּשפּרינגען פון בעט. זייט ער האָט אָנגעהויבן שלאָפן אין אַ מענטש־לעכן געלעגער, האָט ער אַזוי געטאָן: דער פּסיכאָלאָג עמנואל גערעכט האָט איב אַזוי געלערנט טאָן. ער האָט אים געזאָגט, אַז קיין ערגערע זאַך אין לעבן, ווי נישט שלאָפן און נישט וואַך זיין קען נישט זיין. אַז אַ מענטש שלאָפט נישט, דאַרף ער ווערן וואַך און אַקטיוו. און דאָך איז ער דאָס מאָל געלעגן לאַנג אין בעט און ער האָט זיך נישט גערירט און ער האָט געזען, ווי דער זייגער ווערט האַלב דריי און שפּעטער און אים לאָזט עפּעס נישט אַראָפּגיין פון בעט. ער פילט נישט אַפילו קיין הונגער און קיין דאָרשט. ער איז עפּעס ווי האַלב־געליימט.

ערשט אַרום פיר אַזייגער האָט ער זיך אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. און עס האָט אים באַלד עפּעס איבערגעשראָקן. די שטאָט איז שוין זייט לאַנג נישט געווען קיין רוישיקע. זייט די רומענער האָבן דאָרטן געווילדעוועט, זענען אַ סך מענטשן אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן. אַ סך האָט מען פאַרשיקט. וואָס אַמאָל איז געוואָרן דאָרטן קלענער די באַפעלקערונג. און די דאָזיקע מענטשן, וואָס זענען געבליבן, זענען געווען שטיל. זיי האָבן זיך ווי געשראָקן אַפילו פאַר די אייגענע שאָטנס. איינער אַ ייִד האָט דערציילט פאָליאַקאָוון, אַז ער דערזעט אַמאָל דעם אייגענעם שאָטן און ער דערקענט אים נישט און ער מיינט, אַז ער איז עמיצן אַנדערש און ער דערשרעקט זיך. די

מענטשן האָבן זיך שוין זייט אַ לאַנגער צייט געהאַלטן זייער שטיל. אָבער יאָ־
אַגנען איז פאָרגעקומען, אַז אין שטאָט איז שוין עפּעס צו שטיל. ער האָט אָנ־
געשטרענגט דאָס געהער. געזען האָט ער גאָרנישט קיין אויסערגעוויינלעכס
פאַרן ערשטן מאָמענט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון ערגעץ דערטראָגן
זיך פאַרשטיקטע געלעכטערס און שיכורע געזאַנגען. און ער האָט גענומען זוכן
מיט די אויגן און מיט די אויערן. ער איז געבליבן אַ רגע שטיין און ער האָט
זיך געפרעגט וווהין ער זאָל פרי׳ער גיין. און עס האָט אים ווי אַ שטויס געטאָן,
אַז ער זאָל אַריינגיין אין קראָם אַריין, וואָס איז דאָך געווען נאָר איין שפּאַן פון
אים. ער האָט זיך טאַקע געשעמט פאַר זיינע באַלעבאַטים, וואָס ער איז נישט
געקומען אַ גאַנצן טאָג צו דער אַרבעט, אָבער ער האָט געוווסט אַז קיין שלעכ־
טע מענטשן זענען זיי נישט. ער וועט זיי דערציילן וועגן קאָליאָס לוויה און
וועגן דער נאַכט, וואָס ער האָט דערנאָך געהאַט, וועלן זיי אים מוחל זיין. ער
האָט אַ שפּאַן געטאָן צו דער קראָם...

ביים ערשטן קוק אויף דער קראָם האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיצער
האָט אים אַ שניט געטאָן מיט עפּעס אַ שאַרפער זאַך אין די אויגן און אים
פאַרשאַפט אַ שטאַרקן ווייטיק. און ער האָט זיך גענומען זאָגן, אַז דאָס וועט ער
זעט, איז נישט אויף דער וואָר, נאָר עס איז אַ חלום. ער איז נאָך נישט אויפ־
געשטאַנען פון זיין געלעגער און ער זעט אַ קאָשמאַרן חלום. פונקט ווי ער האָט
געזען די קאָשמאַרן פון זיינע חברים אין די זאַלץ־גרובן, האָט ער איצטער
געזען אַ קאָשמאַר דאָ אין שטאָט. און ער האָט געפּרווט זיינע אַלע אברים באַ־
זונדער און זיך אינגאַנצן. ער איז פאָרט נישט געלעגן ביי זיך אין בעט, נאָר
ער איז געשטאַנען ביי דער טיר פון פּאָליאַקאָווס קראָם, ווו ער אַרבעט שוין זייט
אַזוי פיל יאָרן. די טיר איז אינגאַנצן געווען אויסגעבראָכן. די גרויסע שויבן
זענען געווען אויסגעזעצט און די שטיקער גלאָז זענען געלעגן ביים אַריינגאַנג.
און די גאַנצע קראָם איז געווען צעשטערט. אַלע סחורות זענען געווען אַראָפּ־
גענומען פון די ראַפּטן און די מערסטע פון זיי זענען נישט געווען. עס זענען
געווען אַ סך אויסגעליידיקטע פּושקעס און צעשאָטענע רעשטן פון סחורות.
בוימל איז געווען אויסגעמישט מיט קעראָסין. צוקער איז געווען אויסגעמישט
מיט זאַלץ. פּעפער איז אים פאַרגאַנגען אין דער נאָז אַריין. די פּעסער פון הע־
רינג זענען געווען אויסגעליידיקט אינגאַנצן און צעבראָכן. אַ סך גלעזערנע
כלים. אין וועלכע עס זענען געווען פאַרשידענע פליסיקע און טרוקענע סחו־
רות זענען געווען צעבראָכן. בלעכן זענען געווען צעטראָטן. אויך די ראַפּטן
זענען געווען אַראָפּגעריסן און צעהאַקט. די לאָמפּן פון דער סטעליע זענען גע־
ווען אַרויסגעריסן און די עלעקטרישע פּעדים זענען געלעגן אויף דער ערד.
און איבער די אַלע צעשטערטע זאַכן האָט געהאַנגען עפּעס אַ שטיל־געוואָרענע

שרעק און אויף די ווענט האָט ער באַמערקט רויטע פלעקן. ער האָט זיך צוגעקוקט און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס זענען פלעקן פון מענטשלעך בלוט. ער איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אַזוי און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך אַביסל אַרומגעדרייט איבער דער קראָם. בכדי זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע געשען אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט זיך פאַרשמירט די שיך. ער האָט געוווסט, אַז ער דאַרף גיין ווייטער, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט רירן.

און ער האָט זיך פּלוצים אַ ריס געטאָן פון זיין פּלאַץ און ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער וווינונג פון די פּאָליאַקאָווס, וואָס איז געווען פּונקט אַנטקעגן דער קראָם. און דאָרטן איז אים אַנטקעגן געקומען דאָס זעלביקע בילד, וואָס ער האָט געזען אין קראָם. טירן און פענצטער זענען געווען אויסגעבראָכן. צעבראָכענע שויבן און שפּיציקע שטיקער גלאָז זענען געלעגן סיי אין דרויסן, סיי אינעווייניק. די שאַפעס זענען געווען אויפגעבראָכן און אויסגעליידיקט. אויף דער ערד זענען נאָך עפּעס געלעגן שמאַטעס, אין די שאַפעס האָט מען נישט געזען קיין קלייד און קיין איין שטיקל וועש. אויך דאָס בעטגעוואַנט איז געווען אינגאַנצן אַוועקגענומען און די בעטן צעבראָכן. אייניקע שטיקער מעבל זענען געווען אַזוי צעהאַקט, אַז מען האָט זיי קוים געקענט דערקענען. גלאָזוואַרג האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד צעבראָכן. די מערסטע כלים אין קיך זענען געווען אַוועקגענומען. און אַ סך טעלער זענען געווען צעבראָכן. פון עסנוואַרג זענען דאָרטן געבליבן רעשטן בלויז. אויך דאָרטן איז געווען אויסגעגאָסן בוימל און קעראָסין און זיי האָבן זיך ביידע צונויפגעמישט. די שאַרפע ריחות האָבן אים געמאַכט ניסן און האָבן אים געקראַצט אין האַלדז. ער האָט געפילט, ווי אַלץ קערט זיך אים איבער אין מוח. ער האָט געהערט זאָגן, אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז ביי מענטשן ווערט דער מוח באַגאָסן מיט בלוט. ער האָט געזען אין בילדער פון ביכער ווי אַזוי געהירן זעען אויס. זיי זענען קיילעכדיק, אַזוי ווי וויינשל. און ער איז געווען זיכער אַז זיינע געהירן זענען איצטער באַגאָסן מיט בלוט און זיי זעען אויס אַזוי ווי רויטע וויינשל. ער האָט נישט געקענט שטיין אויף די פיס. ער האָט געפילט ווי אַלץ וואַקלט זיך מיט אים און אונטער אים. און ער האָט געפילט, אַז אָט־אָט וועט ער אַנידערפאַלן און ער וועט זיך נישט קענען אויפשטעלן. ער האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען גוט, אַז ער זאָל אַריינגיין צו זיך אין צימער אַריין און זיך ווידער אַנידערלייגן, ביז דאָס קאָפּ־דרייעניש וועט אים איבערגיין און ער וועט קענען שטיין אויף די פיס. אָבער עס האָט אים געיאָגט עפּעס. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף לויפן זען, וואָס עס טוט ראַיאַ און איר פאָטער און וואָס עס טוען די פרוי פון אַבראַם יאַקאָווליעוויטש און אירע קינדער. און ער האָט זיך געלאָזט לויפן אויף גאָטס באַראָט.

יאַאַן איז געלאָפן מיטן געדאַנק פריִער צו גיין צו ראַיאַן, אָבער דאָס שטיבל, ווו עס האָט לעצטנס געווױנט דעם פאָטאָגראַפס פרוי, איז געווען אין וועג און ער האָט זיך אינסטינקטיוו אָפּגעשטעלט לעבן דעם. ער האָט שוין גע־האַט באַמערקט פריִער, אַז אַן אַנדער הויז, ווו ער האָט געווױנט אַ ייִד, איז גע־ווען אַזוי צעשטערט און צערויבט ווי דאָס הויז פון די פּאַליאַקאָווס. און דאָס זעלביקע איז געשען מיט דער קליינער דירה פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס פרוי. די געגנט איז נישט געווען קיין ייִדישע און די באַלעבאָסטע פון דער קליינער דירה איז אויך נישט געווען קיין ייִדישע און אויך אַהער האָבן די טר־ליגאַנעס אַנגעשפּאַרט און אַלץ צעשטערט און צערויבט. ער האָט גערופן די פרוי און די קינדער ביי די נעמען און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קאָפּ פון אַ מאָלדאָוואַנישער פרוי, וואָס האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— זשידאַן יאַאַן, גיי אַוועק פון דאַנען, אַז נישט וועסטו האָבן דעם זעלביקן סוף, וואָס אַלע זשידאַנעס האָבן געהאַט...

יאַאַן איז צוגעלאָפן צו איר און גענומען אַ דערשראָקענער פרעגן:

— וואָס איז דען געשען מיט זיי? דערצייל מיר, איך בעט דיך...

די פויערטע האָט פאַרהאַקט פאַר אים די טיר און האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַוועק, אַז נישט וועט זי אַרויסשיקן צו אים איר זון מיט דער האַק.

יאַאַן איז געלאָפן ווייטער. די שטאָט איז געווען וויסט און אומעטום, ווו עס האָט געווױנט אַ ייִד, האָט ער געזען דאָס זעלבע שוידערלעכע בילד פון צעשטערטקייט און צערויבטקייט, וואָס ער האָט געזען ביי די פּאַליאַקאָווס און ביי אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן. ער האָט נישט געפילט נישט דעם קאָפּ און נישט די פיס. ער איז געגאַנגען ווי אַן אויטאָמאַט. און עס האָט זיך אים אַלץ גע־דאַכט, אַז ער הערט די גאַנצע צייט פון ערגעץ פאַרשטיקטע געלעכטערס און שיכורע געזאַנגען. דער וועג צו ראַיאַן איז נאָך געווען אַ גאַנץ ווייטלעכער און ווי שטאַרק ער האָט נישט געוואָלט לויפן, האָבן אים די פיס נישט גענוג גע־דינט. ער איז פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע שענקען און ער האָט געזען, אַז זיי זענען אַלע איבערפולט. עס איז געווען קאַלט און דאָך זענען די טירן געווען אָפן, אַזוי פול זענען זיי געווען מיט שיכורים, וואָס זענען געווען זייער אויפ־געלייגט. מען האָט געהערט מערער זינגען ווי אַלע אַמאָל אין אַט דער צייט אין די שענקען, אַפילו מערער ווי אין אַ זונטיק. עס איז נישט געווען שווער צו פאַרשטיין, אַז אין די אַלע שענקען האָבן געהוליעט די דאָזיקע, וואָס האָבן צע־רויבט די ייִדישע געשעפטן. יאַאַן האָט נאָך נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס עס איז געוואָרן מיט די אַלע ייִדן, וועמענס הייזער און געשעפטן מען האָט צע־רויבט. ער האָט טאַקע געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין דער קראָם פון די פּאַ־

ליאַקאָווס זענען געווען די ווענט באַשפּריצט מיט בלוט, אָבער ער האָט נישט געטראַכט, אַז מען זאָל געווען האָבן דערהרגעט אַפילו איין מענטשן. און אַזוי אַ גייענדיק און טראַכטנדיק אין הוילער שרעק, איז ער אָנגעקומען צו די קראַס־ניאַנסקיס אין קראָם.

אויך דאָ האָט ער געטראָפן דאָס זעלביקע בילד. גענוי אַלצאיינס ווי אין דער קראָם פון די פּאַליאַקאָווס. גלייך די זעלביקע הענט האָבן געטאָן די שמוציקע אַרבעט איןביידע קראָמען. אָדער אפשר איז געווען אַ פּלאַן אויסגעאַרבעט פון פריער און מען האָט די באַנדיטן געלערנט פון פריער וואָס צו טאָן: ער איז געבליבן שטיין ביי דעם אַריינגאַנג אין קראָם. דער אַריינגאַנג איז פול געווען מיט שטיקער גלאָז פון פלעשער, גלעזער און שויבן. ער האָט געדאַרפט אַוועקשאַרן די אַלע שטיקער גלאָז, בכדי ער זאָל קענען אַריינגיין ווייטער. ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען, נישט אַהין און נישט אַהער: ער האָט פאַרלוירן יעדן ווילן עפּעס צו טאָן און ער האָט נישט געהאַט קיין כוח אַריינצוגיין. ער האָט זיך מיט אַמאָל באַשלאָסן און איז אַרונטערגעגאַנגען הינטער דער קראָם, וווּ עס איז געווען די קליינע דירה וווּ ראַיאַ האָט געוווינט מיט איר פאָטער. כאָטש עס איז געווען די זעלביקע שטוב, האָבן זיי קיין אינעווייניקסטן אַריינגאַנג אין זייער וווינונג נישט געהאַט. זיי האָבן וועגן דעם אַ סך מאָל גערעדט, אַז מען וואָלט געקענט אויסהאַקן אַ טיר פון דער קראָם צו דער וווינונג. אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט דערפאַר, מען וואָלט געדאַרפט פאַרמאַכן די קראָם אויף אַ פּאָר טעג און עס וואָלט זיי ערשט דערנאָך אויסגעפּעלט אויך פּלאַץ פאַר די ראַפּטן.

די וווינונג פון די קראַסניאַנסקיס, כאָטש זייער אָן אָרעמע, אין וועלכער עס איז געווען זייער ווייניק וואָס צוצונעמען, איך דאָך געווען צערויבט און צעשטערט. ביידע שאַפעס, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר קליידער און די קאָמאָדע פאַר דעם געשיר זענען געווען צעהאַקט אויף פּיץ־פּיצלעך. די צוויי בעטן זענען געווען אויסגעליידיקט פון לעצטן שטיקל בעטגעוואַנט און די ברעטער צעבראָכן. און דאָס זעלביקע איז געשען אין קיך. ווען האָבן זיי געהאַט צייט, האָט זיך יאָאַן געפרעגט, צו טאָן אַזוי פיל אַרבעט? און פון וואַנען, האָט ער זיך ווייטער געפרעגט, האָבן זיי געוווּסט אַלע אַדרעסן פון די ייִדן. עס איז געווען אַ געגנט אין צענטער, וואָס איז געווען כמעט אינגאַנצן באַזעצט פון ייִדן, אָבער עס האָבן געוווינט אַ סך ייִדן צעוואָרפן אין פאַרשידענע נישט־ייִדישע ווינקלען, ווי אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס פרוי און די קראַסניאַנסקיס. פון וואַנען זשע האָבן די כוליגאַנעס געוווּסט די אַלע אַדרעסן? ער איז געווען זיכער, אַז עס איז נישט געבליבן קיין איין ייִדיש הויז, וואָס איז נישט צעשטערט און צערויבט געוואָרן. ער האָט אין די געדאַנקען געזוכט אַ שליסל צו דער

גאַנצער זאַך. ווו זאָל ער זוכן אַ מענטשן, וועלכער זאָל אים קענען דערציילן, וואָס עס איז געוואָרן מיט די אַלע יידן, וועלכע מען האָט צערויבט? און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער „רויטער ריי״. ער האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז דאָרטן וועט ער זיך דערוויסן עפּעס וועגן זיינע פריינד.

די „רויטע ריי״ און אַלע אירע געשעפטן האָבן אויסגעזען ווי די אַלע יידישע קראָמען און היימען, וואָס יאַאַן האָט שוין ביז איצטער געזען. דער אויסנאָם איז געווען, וואָס לעבן זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט גאַסן־פּאָליציאַנטן און אויך איינִיקע קאָמיסאַרן און האָבן אַכטונג געגעבן. יאַאַן האָט גוט געזען, אַז עס איז שוין כמעט נישטאָ אויף וואָס אַכטונג צו געבן. עס איז שוין אַלץ געווען צערויבט און די פּאָליציי האָט בלויז געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי גיט אַכטונג: ווען ער האָט געוואָלט צוגיין צו אַ געשעפט און אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט טוט זיך, האָט מען אויף אים זיך צעשריען, אַז מען טאָר נישט צוקומען. און איינער אַ סובקאָמיסאַר האָט אים אַפילו אַ שטויס געטאָן און אָנגערופן גנב און באַנדיט. כאָטש ער האָט גוט געזען, אַז ער האָט גאָרנישט מיט זיך און ער האָט נישט בדעה צו גנבענען. און ער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז דעמאָלט, ווען מען האָט דאָ געראַבעוועט, האָט קיינער די כוליגאַנעס נישט געטשעפּעט און זיי געלאָזט רויִק טאָן זייער שרעקלעכע אַרבעט. ער האָט געזוכט מיט די אויגן אַ באַקאַנטן און ער האָט נישט געפונען קיינעם: ער האָט געפּרוווט אַ רייד טאָן צו איינעם פון די פּאָליציסטן און פרעגן ביי אים אויף אַ באַקאַנטן. עס איז געווען דאָרטן אַ קראָם פון איינעם אַ יידן מיטן נאָמען קאָסי, וועמענס צוויי זין פלעגן אַריינקומען צו אַבראַם יאַקאָוולעוויטש. איינער האָט געהייסן אַבראַשאַ און דער צווייטער גרישאַ. זיי זענען געווען פריילעכע צוויי יאַטן און האָבןביידע געקענט זייער שיין זינגען. זיי זענען נישט געווען קיין גרויסע קעפּ, האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין די אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס, אָבער ווען מען האָט געדאַרפט דורכפירן אַן אַרבעט, זענען זיי געווען גרייט אַפילו צו גיין אין פייער אַריין. איבערהויפּט איז געווען אַ בריה ביי דער אַרבעט דער יינגערער, גרישאַ. זייט מען האָט אַרעסטירט די גרופּע ביי אַבראַם יאַקאָוולעוויטש, האָט ער די דאָזיקע צוויי יינגלעך שוין מער קיינמאָל נישט געזען. דער פּאָליציסט האָט אים אויף זיין פראַגע געענטפערט בייז, אַז מען וועט אים שוין דערציילן און אַ סובקאָמיסאַר איז צו אים צוגעלאָפן און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל וואָס ווייניקער רעדן, אַז נישט וועט ער אים אַרעסטירן. יאַאַן איז געווען איבערצייגט, אַז איינִיקע פון די באַלעבאַטים פון די קראָמען אין דער „רויטער ריי״ זענען געווען אינעווייניק. ער איז געווען כמעט איבערצייגט, אַז ער האָט דאָרטן געזען דעם אַלטן קאָסי און זיין פרוי און אַז זי איז געווען מיט

אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. און ער איז אַוועקגעגאַנגען, נישט ווייסנדיק אַליין וווּהין ער זאָל שלעפּן די פיס.

צוקומענדיק נאָענט צום פּאַרק האָט יאָאַן געטראָפן לוקאַן. דער משוגע־נער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי פריילעך ווי איצטער. עס האָט פון אים געשמעקט מיט ווייַן. ער האָט אין די הענט געהאַט עטלעכע שטיקער ברויט, געבעקס און פון די קעשענעס האָבן אים אַרויסגעסטאַרטשעט שטיקער ווורשט און שטיקער קעז. ער האָט אויס־געזען אַ סך בעסער, ווי נעכטן. די קליידער האָט ער געטראָגן די זעלביקע, אָבער אַרום דעם האַלדז איז געווען ביי אים אַ נייער שאַרף און אונטער דעם שאַרף איז געווען אויסגעבונדן אַ קראַוואַט. אויף דעם נאַקעטן לייב, אָן אַ העמד, האָט אים עמיצער אויסגעבונדן אַ קראַוואַט. עס איז געווען קענטיק, אַז דער דאָזיקער משוגענער האָט געזען, אַז עס איז הפקר, האָט ער אויך גענומען. ער האָט איבערהויפּט גענומען עסנוואַרג. לויטן אויסזען, האָט יאָאַן דערקענט, אַז לוקאַ איז איבערגעפרעסן און אַז דאָס גאַנצע עסנוואַרג, וואָס ער האָט אין די הענט און אין די קעשענעס, קען ער שוין נישט עסן. ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן, ווו ער האָט גענומען צו טרינקען און ער האָט אים געפרעגט. לוקאַ האָט, אַפּנים געמיינט, אַז ער בעט ביי אים עסן און ער האָט אים געשטופּט ברויט און געבעקס. יאָאַן האָט פון דער האַנט געמאַכט ווי אַ גלאָז און זי גע־נומען צום מויל און דערמיט געפרעגט, ווו ער האָט געטרונקען, האָט אים דער משוגענער געוויזן אין אַ זייט אַריין מיט ביידע הענט. יאָאַן האָט זיך איינגע־קוקט אַהין און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָרטן איז געווען אַ שענק פון אַ ייִדן און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט דעם דאָזיקן שענק אויך צערויבט און דאָרטן האָט זיך געגאָסן ווייַן אָן אַ שיעור. יאָאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז לוקאַ ווייסט אַליין נישט, וואָס עס איז אַזוינס פאָרגעקומען. ער האָט גאָר קיין זין נישט געהאַט אויף צו קענען מאַכן אַ חילוק צווישן אַ ייִדן און נישט אַ ייִדן. עס איז געווען, האָט ער געגעסן און געטרונקען און גענומען, וואָס עס האָט זיך געלאָזט. און האָט מער נישט „גערעדט", ווי אַלעמאָל, ווען עמיצער האָט אים עפּעס געפרעגט און ער האָט בלויז געמאַכט „הו־הו".

יאָאַן האָט איבערגעלאָזט דעם משוגענעם און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אים אַ שטיק וועג און ער איז אַריין אין פּאַרק אַריין. די פיס האָבן אים נישט געקענט טראָגן. אַ קאַלטער שווייס האָט אים איינגענצן באַגאָסן. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, גלייך עמיצער וואָלט אַריינגעקראָכן אין אים אַריין און אי־נעווייניק עפּעס דאָרט געדרייט. און ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן אַריין. מען האָט נישט געזען קיין שום מענטשן. גלייך די גאַנצע שטאָט וואָלט אויסגע־שטאָרבן. אָבער זי איז דאָך נישט אויסגעשטאָרבן. פון די שענקן האָבן זיך גע־

טראָגן ווילדע קולות, וואָס זענען געווען אַ געמיש פון געלעכטערס און געזאַנ־גען. דער קאָפּ האָט זיך אים געשאָקלט, די געהירן האָבן אים געטאַנצט און אַלץ אין אים האָט געפרעגט איין זאַך: ווו זענען די פּאַליאַקאָווס, אַבראַם יאַקאָוו־לעוויטשעס פּרוי, די קראַסניאַנסקיס און אַלע יידן פון דער שטאָט? ווו זענען אַלע מענטשן, נישט קיין יידן, וועלכע האָבן נישט צעשטערט און צעראַבעוועט די יידישע געשעפטן און היימען? האָבן אַלע נישט־יידן דאָס געטאָן? זענען אַלע נישט־יידן פון שטאָט איצטער אין די שענקן און אַלע שיכורן זיי און זינ־גען און לאַכן?

יאַאַן איז געזעסן אַזוי אַ שטיק צייט אין דעם פּאַרק. ווי לאַנג ער איז אַזוי געזעסן, האָט ער נישט געדענקט. די קעלט איז געווען אַ גאַנץ עסעריקע און זי האָט אים דורכגענומען, אָבער ער איז געזעסן אַזוי לאַנג, ביז עס האָט נישט אָנגעהויבן רעגענען. די קעלט האָט ער נישט געפילט, דערפילט האָט ער די טראָפּנס רעגן, וואָס זענען אים געפאַלן אויף דעם פּנים. און ווען ער איז געקו־מען צו זיך, האָט ער דערהערט מוזיק. ער האָט אָנגעשטרענגט די אויערן און ער איז געווען זיכער, אַז ער הערט דעם צווייטן רומענישן הימן, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „דערוואַך, רומענער". און באַלד נאָכדעם האָט ער געהערט אַ ליד, וואָס די קוזיסטן און די אייזערנע גוואַרדייער זינגען שטענדיק און אין וועלכן עס זאָגט זיך, אַז מען דאַרף אויסהרגענען אַלע יידן, אַלע באָלשעוויקעס און אַלע סאָציאַליסטן. ער האָט זיך נאָכגענומען נאָך דער מוזיק און ער איז אַרויסגעקומען אין צענטער פון שטאָט, נישט ווייט פון דער פּרעפעקטור. און אַז ער איז צוגעקומען נענטער, האָט ער געזען, אַז דאָרטן גייט אַ מאַניפעס־טאַציע, וואָס טראָגט די רומענישע פאָן און די עמבלעמען פון די אייזערנע גוואַרדייער. די מאַניפעסטאַציע איז באַשטאַנען פון מיליטערלייט און ציווילע. מען האָט געזען מאַרשירן אין די רייען מערער גאַסניונגען, אָבער עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „לייטישע בירגער" אויך. און דער אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט איז געווען אַ מיליטערישער. אַלעמאָל איז דאָס געזאַנג און דאָס שפּילן פון אָרקעסטער איבערגעשריגן געוואָרן פון אויסרופן. מען האָט גע־שריגן: „עס זאָל לעבן גאָגאַ!", „עס זאָל לעבן קוזאַ!". די מאַניפעסטאַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ באַקאַנטער אייזערנער גוואַר־דייער פון שטאָט און ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז היינט איז אַ גרויסער טאָג פאַר אַלע אמתדיקע רומענער און אמתדיקע קריסטן. יעדעס וואָרט פון אָט דעם רעדנער איז באַגלייט געוואָרן פון ווילדע אַוואַציעס און מוראַדיקע געשרייען. מען האָט אָן אויפהער געשריגן: „עס זאָל לעבן גאָגאַ, עס זאָל לעבן קוזאַ!". דער רעדנער האָט אַזוי געשריגן און דער הויכרעדער האָט זיין קול געמאַכט אַזוי שטאַרק, אַז עס איז שווער געווען צו וויסן וואָס ער רעדט. עס האָט געדויערט

אפשר פופצן מינוט ביז וואַנען יאָאַן האָט זיך דערוווּסט וועגן וואָס עס רעדט זיך. סוף־כּל־סוף האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ניקאָלאַי גאָגאַ, דער רומענישער היטלער איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער פון לאַנד און זיין הילף איז געוואָרן דער וועלט־באַרימטער רומענישער אַנטיסעמיט פּראָפעסאָר קוזאַ, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַן ביי די אַכציק יאָר און וועלכער האָט זיך באַ־רימט, אַז ער איז דער עלטסטער אַנטיסעמיט אין אייראָפּע און דער לערער פון אַדאָלף היטלער. יאָאַן האָט געהערט די ווילדע קולות פון דעם רעדנער און זיינע צוהערער און ער האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז עמיצער קען אים נאָך באַמערקן און נעמען רופן „זשידאַן". עס איז נאָך גוט, וואָס קיינער האָט אים ביז איצטער נישט באַמערקט. אַפּנים, אַז זיי זענען פאַר ענטוזיאַזם אַזוי צעהושט, אַז זיי ווייסן נישט און זעען נישט, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. ער איז געשטאַנען פאַר אַ דילעמע: זאָל ער איצטער נעמען אַוועקגיין, אָדער זאָל ער אַוועקגיין, ווען אַלע וועלן זיך אַ ריר טאָן? וועט ער איצטער נעמען אַוועקגיין, קען אים עמיצער באַמערקן. פון דער אַנדערער זייט אָבער קען אים עמיצער באַמערקן סיי־ווי. ער האָט דאָך געוואַרט, ביז דער רעדנער האָט געענדיקט; און ווען אַלע האָבן זיך אַ ריר געטאָן צו גיין ווייטער און די מוזיק האָט ווידער געשפּילט, האָט ער זיך אַוועקגערוקט אָן אַ זייט און ער האָט זיך געלאָזט גיין אין זיין טרויעריקער היים.

דעם גאַנצן וועג איז אים נאָכגעגאַנגען דאָס שפּילן און דאָס זינגען פון דעם המון. און אויך די ווילדע געשרייען פון דעם רעדנער און זיינע צוהערער זענען אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט געמערקט, אַז אין זייער ווייניק הייזער זעט מען ליכט. אויך די קריסטן האָבן זיך, אַפּנים, אין יענעם אָוונט נישט געוואָלט וואַרפן צופיל אין די אויגן אַריין. אין גאַס האָט ער קיין איין מענטשן נישט באַגעגנט. דאָ און דאָרט איז אין אַ ראָג געשטאַנען אַ פּאָליציסט און וויפל מאָל ער איז נעבן אַזאַ איינעם דורכגעגאַנגען, האָט יענער געקוקט אויף אים מיט חשד און ער האָט זיך געכאַפּט צום רעוואָלווער און ווען ער איז שוין געווען ווייט פון אים, האָט ער זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביים רעוואָלווער. און אָט אַזוי איז יאָאַן געקומען צו זיך אין שטיבל אַריין. ער האָט ווידעראַמאָל אַ קוק גע־טאָן סיי אין קראָם אַריין און סיי אין דעם הויז פון די פּאָליאַקאָווס. עס איז דאָרט קיינער נישט געווען. עטלעכע גאַסן־הינט האָבן נאָך געפונען, וואָס צו לעקן און אייניקע האָבן זיך פאַר אים דערשראָקן און זענען אַנטלאָפן מיט אַ געוואַי, כאָטש ער האָט קוים געקוקט אויף זיי. עס איז שוין געווען נאַכט זייט אַ היפּשער צייט, דאָך האָט ער קיין ליכט נישט אויפגעדרייט און ער איז גע־בליבן זיצן מיטן מאַנטל און מיטן הוט ביי זיך אין בעט. כאָטש די טיר איז געווען פאַרמאַכט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט געזאַנג און מוזיק. ער

האָט געזען אויפבליצן שיינען דורך דעם פענצטער און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף און געקוקט. מען האָט געלאָזט פייערווערק אין צענטער און די ראַקעטן האָבן זיך געלאָזט איבער דעם גאַנצן הימל, געפלויגן אָנגעצונדענע און זיי זענען געפאַלן. עס איז געווען אַ „גרויסער טאָג” פאַר די מערדער. זיי זענען געוואָרן באַלעבאַטים פון רומעניע. מען האָט זיי ביז איצטער אויך נישט געטשעפּעט, געטשעפּעט האָט מען סאָציאַליסטן, באָלשעוויקעס און יידן, די אַנטיסעמיטן האָט מען שטענדיק געלאָזט צורו און איצטער איז געקומען זייער טאָג און עס איז ביי זיי איצטער יום־טוב. אַ שוואַרצער יום־טוב.

יאַאָן איז ווידער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער און ער האָט זיך געבומען פרעגן, וואָס ער זאָל טאָן. אים איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף איצטער, אָדער גיין צום רב, אָדער גיין צום גלח. קיין דריטער צו וועמען צו גיין איז נישטאָ. מען דאַרף זיין, אָדער אַ קריסט, אָדער אַ ייד, סתם אַ מענטש קען מען נישט זיין...

— 7 —

אַז מען גלייבט, פאַרשטייט מען...

די וואַקכאַנאַליע האָט זיך געצויגן אינגאַנצן עטלעכע טעג, אָבער פאַר יאַנען זענען די עטלעכע טעג געווען ווי יאָרן. ער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז און ער האָט נישט געקראָגן קיין שום פאַרבינדונג מיט עמעצן. ער האָט געפּרוּווט גיין צום רב און ער האָט דווקא דאָרטן נישט געטראָפן צעשטערט, אָבער אַריינגיין האָט ער נישט געקענט. עס זענען געשטאַנען צוויי פּאָליציי־לייט ביי דער טיר פון דעם רב און זיי האָבן קיינעם אַהין נישט אַריינגעלאָזט. רעדן האָבן זיי מיט אים נישט געוואָלט. אויף זיינע פראַגן האָט מען אים נישט געענטפערט. ער האָט פאַרזיכערט, אַז דער רב קען אים און ער וועט אים אַריינלאָזן, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט גיין פרעגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די רעליגיעזע יידישע אַנשטאַלטן האָט מען באַוואַכט אין יענעם פאַטאַלן טאָג, ווען גאָגאַ־קוזאַ זענען געקומען צו דער מאַכט. בכדי זיך צו איבערצייגן, אַז עס איז טאַקע אַזוי, איז ער געגאַנגען צו איין שול און צו אַ צווייטער. קיינע פון זיי איז נישט געווען צעשטערט און צערויבט און ביי די טירן זענען געשטאַנען פּאָליציסטן, וואָס האָבן זיי באַוואַכט. אין איין שול האָט ער געפּרוּווט אַריינגיין, האָט מען אים נישט געלאָזט. ער האָט געזאָגט דעם פּאָליציסט, אַז ער וויל גאָט בעטן, האָט אים יענער געזאָגט אַז דערווייל קומען דאָ נישט פאַר קיין געבעטן. און ווען ער האָט אים געפרעגט ווו די יידן בעטן איצטער גאָט, האָט יענער געקוקט אויף אים פאַרדעכטיק און ער האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל אַוועקגיין און נישט דולן קיין קאָפּ.

דאָס דאָזיקע איז געשען דריי טעג דורכאַנאַנד. מען האָט אים נישט צוגעלאָזט נישט צום רב און נישט צו קיין שום שול. און ער האָט נישט געהאַט ביי זיך גאָרנישט קיין געלט. דאָס לעצטע ביסל געלט זיינס האָט ער דאַן אַוועקגעגעבן איין טאָג פאַר דעם ווילדן פּאָגראָם דעם משוגענעם לוקאַ. און ער האָט פּשוט נישט געהאַט, וואָס צו עסן. די יידישע קראָמען זענען אַלע געווען פאַרמאַכט און ער האָט מורא געהאַט צו גיין בעטן אין אַ קריסטלעכע קראָם אויף באָרג. נישט נאָר וועט מען אים נישט געבן, נאָר מען וועט אים אויך טשעפּען. ער איז דאָך פאַר אַלע קריסטן אַ ייד. האָט ער עטלעכע טעג דורכאַנאַנד געליטן הונגער און ער האָט זיך „דערנערט" מיט בלויז וואַסער. ער איז כמעט די

גאַנצע צייט געלעגן אין בעט ביי זיך און ער האָט זיך געפילט ווי אין אַ טשאַד. די געדאַנקען האָבן זיך אים געקנוילט זייער לאַנגזאַם און מיט ווייניק קלאָר־קייט. ער האָט שוין אַפילו אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיינע באַקאַנטע, כאָטש ווען ער פלעגט איינשלאָפן, האָט ער זיי געזען אין חלום. געטראַכט האָט ער וועגן זיך אַליין און ער האָט זיך געפרעגט: וואָס וועט זיין דער סוף? וועל איך אַזוי דאָ ליגן, ביז איך וועל אויסגיין פאַר הונגער? ער האָט געפילט ווי די כוחות פאַרלאָזן אים וואָס אַמאָל מערער. קיין אַנדער אויסוועג האָט ער פאַר זיך נישט געזען. אויפן פערטן טאָג האָט ער דורך די פאַרמאַכטע טיר און פענצטער עפּעס דערהערט אַנדערע קולות און אַנדערע באַוועגונגען אין גאַס. ער האָט זיך מיט מי שווערער מי אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און נאָך יעדע עטלעכע שפּאַן האָט ער זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן אַ וואַנט. ער איז געגאַנגען צום רב. ער האָט שוין איצטער פאַר־בונדן אַלע זיינע געדאַנקען מיטן רב. ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַ ייִד און דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז היינט וועט מען אים אַריינלאָזן צום רב. צום גליק האָט דער רב נישט געוווינט ווייט און ער האָט זיך מיט שווערער מי דערשלעפּט צו אים. ער האָט אויך איצטער געטראָפן אַ פּאָליציי־וואַך ביים אַריינגאַנג צום רב, אָבער די פּאָליציסטן האָבן זיך שוין איצטער געלאָזט רעדן און ווען ער האָט געבעטן, אַז זיי זאָלן מעלדן זיין נאָמען דעם רב, איז איינער פון זיי געגאַנגען פרעגן. און עס האָט טאַקע נישט־לאַנג געדויערט און דער רב אַן אויסגעגלייכטער, אַן אָפּגעשוואַכטער, איז אַרויסגעקומען צו אים און ער האָט אים אַריינגענומען אין שטוב אַריין. וואָס מיט אים איז געשען דאָרט ביים אָנהייב, געדענקט ער נישט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געלעגן אויף אַ בעטל אין אַ קליינעם צימער, ווו עס האָט געשמעקט מיט ספּירט און מיט עסיק.

דער רב איז באַלד אַריינגעקומען צו אים און ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז געקומען צו זיך. ער האָט אים דערציילט, אַז אין דער צייט, וואָס ער איז געלעגן פאַרחלשט, איז שוין ביי אים געווען אויך אַ דאָקטער. און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אָפּגעשוואַכט פון נישט עסן און פון איבערלעבונגען און אין עטלעכע טעג וועט ער קומען צו זיך. יאָאַן האָט דערציילט דעם רב, אַז ער ווייסט אינגאַנצן נישט, וואָס עס איז געשען אין יענעם טאָג אין שטאָט, ווייל ער האָט פריִער מיט אַ נאַכט געהאַט אַ שווערע איבערלעבונג און איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט פאַרנאַכט, ווען אַלץ איז שוין געווען צעשטערט און צערויבט. ער ווייסט אויך ביז איצט נישט, וואָס עס איז געשען מיט די אַלע ייִדן און מיט זיינע פריינט. דער רב האָט אים באַרויִקט. צעשלאָגן האָט מען אַ סך. אייניקע פון די ייִדן ליגן אין

די שפּיטאָלן, געהרגעט האָט מען קיינעם נישט. עס זענען געווען בלויז צוויי טויטע, אָבער מען האָט זיי נישט געהרגעט, נאָר זיי זענען געשטאָרבן פאַר שרעק און פאַר עמאָציעס. זיי זענען געווען עלטערע מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי. עלטערע און קראַנקע זענען זיי געווען. יאַאַנען האָט באַלד דאָס האַרץ געזאָגט, אַז דער מאַן איז ראַיאָס טאַטע, דער אַלטער קראַסניאַנסקי. ער האָט געפרעגט ביים רב, ווי אַזוי די טויטע הייסן און יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער מיידט אים אויס צו זאָגן די נעמען. ער האָט נישט געוואָלט שטעלן דעם רב אין קיין פאַרלעגנהייט און ער האָט אים מער נישט געפרעגט. ער האָט אים נאָר געפרעגט ווו עס זענען די אַנדערע יידן. ער האָט אים געזאָגט, אַז אַ סך זענען מיט זייערע פאַרוווּנדעטע אין די שפּיטאָלן. אַ סך זענען אַנטלאָפן מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. די פאַר־מעגלעכערע האָבן באַוויזן צו דינגען אויטאָס און אַנטלויפן, כאָטש קיינער איז נישט זיכער, אַז אין אַנדערע שטעט איז נישט געשען דאָס זעלביקע. און איי־ניקע זענען באַהאַלטן ביי זייערע פריינט, קריסטן. עס האָבן דאָך נישט געפעלט קיין גוטע קריסטן, וואָס האָבן זיך אַליין איינגעשטעלט און האָבן אַריינגענומען זייערע פריינט צו זיך. און דאָס בעסטע, וואָס דער רב האָט יאַאַנען דערציילט, איז געווען, אַז די רעגירונג פון גאָגאַ־קוזאַ איז געפאַלן און די ליבעראַלע וואָס זייער נאָמען איז געווען שענער ווי זייערע געדאַנקען און זייערע טאַטן האָבן ווידער איבערגענומען די רעגירונג. די ליבעראַלן זענען אויך נישט געווען קיין קליינע אַנטיסעמיטן, אָבער זייער קאַמף קעגן יידן איז געווען פון אַן אַנדער מין. צו אַזעלכע ווילדע איבערפאַלן, ווי עס איז געקומען, ווען גאָגאַ האָט אי־בערגענומען די מאַכט, איז ביי זיי קיינמאָל נישט געקומען. די יידן האָבן פריי אָפּגעאָטעמט נאָך דעם פאַלן פון גאָגאַן. אָבער זיי האָבן נישט געהאַט אין יענער שטאָט וווהין אַריינצוקומען און ווו עפּעס צו טאָן.

עטלעכע טעג זענען אַוועקגעגאַנגען ביז וואַנען יאַאַן האָט געקענט זיך אויפהייבן פונעם בעט, זיך אָנטאָן און אַוועקגיין. ער האָט פון דער ערשטער מינוט, ווען ער איז געקומען צו זיך געוואָלט פאַרלאָזן דעם רבס הויז, אָבער דער רב האָט דערצו נישט דערלאָזט. סיי ווי האָט ער דאָס דאָזיקע געוואָלט נאָר מיטן געדאַנק און מיט די ווערטער, אָבער זיך אָנטאָן אין דער אמתן און אַוועק־גיין וואָלט ער נישט געקאָנט. ערשט אויפן פערטן טאָג, ווען ער האָט געפילט אַביסל כח אין זיך, האָט ער זיך גענומען גרייטן צום אַוועקגיין, כאָטש דער רב און די רביצן האָבן געטענהט, אַז ער דאַרף נאָך בלייבן עטלעכע טעג, ביז ער וועט אינגאַנצן קומען צו די כוחות. ער האָט געזאָגט צום רב:

— איך בין דאָך נישט ווערט, אַז איר זאָלט זיך אַזויפיל באַמיִען פאַר מיר. איך בין דאָך קיין ייִד נישט, איך האָב דאָך אייך נאָך גאָרנישט געפאָלגט.

— אָבער ליידן ליידט איר אַלציינס ווי אַ ייִד — האָט דער רב אים געזאָגט — איר זעט דאָך, אַז ביי זיי איז מען אַ ייִד, אַפילו ווען מען איז אַ האַלבער ייִד און אַפילו אַ פערטל. ביי מיר דאַרפט איר נאָך ווערן אַ ייִד, ביי זיי זענט איר דאָס שוין. און מיר העלפן נישט־ייִדן אויך. ביי העלפן ליידנדיקע מאַכן מיר קיין חילוק נישט צווישן ייִד און גוי...

ווען דער רב און די רביצן זענען נישט געווען ביי אים אין צימער, האָט יאַאַן זיך אויפגעהויבן, געמאַכט אַן אָנשטרענגג איבער זיך און ער האָט זיך אָנגעטאָן און געוואַרט ביז זיי וועלן אַריינקומען צו אים און ער האָט זיך געזעגנט מיט זיי און געדאַנקט פאַר דעם אַלעמען, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אים און עס האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער. דער רב האָט געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט פאַרט נישט פאַרוואָס ער איילט זיך, ער וועט דאָך קיינעם פון די ייִדן נישט טרעפן ביי זיך אין דער היים.

און יאַאַן האָט זיך דערוווּסט, אַז אייניקע פון די ייִדן האָט דאָס אָפּגעגאָלטן, מען האָט צו זיי נישט געטראָפן און זייערע וווינונגען זענען געבליבן אומבאַרירט. און די דאָזיקע, וועלכע עס האָט אַזוי אָפּגעגליקט, האָבן אַריינגענומען צו זיך אַ טייל פון די דאָזיקע פאַמיליעס, וואָס זענען געבליבן אויף דער גאַס. אייניקע פאַמיליעס געפינען זיך אין די צימערן פון דער ייִדישער קהילה אין שטאָט און מענער אַליין שלאָפן אַפילו אין די פאָלישן פון די שולן. די פאַרשטייער פון דער רעגירונג באַמיִען זיך צו העלפן די ייִדן מיט וואָס נאָר עס לאָזט זיך. די דאָזיקע הייזער, וואָס לאָזן זיך לייכט פאַריכטן, ווערן שוין באַצייטנס צוגעגרייט, אַז מען זאָל זיך קענען אין זיי אַריינציִען. עס זענען פאַרגעקומען אַזעלכע פאָגראָמען אין נאָך עטלעכע שטעט פון בעסאַראַביע און די רעגירונג, וואָס איז איצטער געקומען צו דער מאַכט, איילט זיך צו פאַרגלעטן די שפּורן פון די דאָזיקע רויבערייען און מערדערייען. אין די פאָגראָמירטע שטעט זענען פאַראַן אויסלענדישע זשורנאַליסטן און די רעגירונג וויל נישט, אַז מען זאָל זיך צופיל דערוויסן וועגן דעם אין אויסלאַנד. גאָגאַ איז געפאַלן, ווייל אַלע אייראָפּעיִשע רעגירונגען האָבן אים באָיקאָטירט און נישט געוואָלט אָנהאַלטן מיט אים קיין קאָמערציעלע באַציִונגען. די מערסטע אויסלענדישע בענק האָבן אָפּגעשטעלט זייערע פונקציעס אין לאַנד. און די נייע רעגירונג האָט געוואָלט ווייזן, אַז זי פאַרריכט אַלעס, בכדי מען זאָל גיך באַנייען די באַציִונגען מיט איר. עס זענען אויך געקומען ייִדישע פאַרשטייער פון בוקאַרעסט מיט דער אויפגאַבע אַרויסצוהעלפן די פאָגראָמירטע ייִדן. יאַאַן האָט זיך געוואָלט דערוויסן ביים רב, ווו עס געפינט זיך ראַיאַ קראַסניאַנסקי, אָבער ער האָט וועגן דעם שטאַרק אונטערגעשוויגן און יאַאַן האָט דערפאַר געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דער רב ווייסט עפּעס און ער וויל אים נישט אויסזאָגן. ער האָט באַ־

שלאָסן, אַז ער וועט גיין אין דער קהילה און אין די שולן אַריין און ער וועט שוין געפינען עמעצן, וואָס וועט אים זאָגן, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אַלע זיינע באַקאַנטע.

און דאָס האַרץ האָט יאָאַנען דאָס מאָל נישט אָפּגענאַרט. ער האָט אין דער קהילה געטראָפן ליאַניא גאָלד, וועלכן ער האָט אַ לאַנגע צייט שוין נישט געהאַט געזען. פריִער פלעגט ער זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער פּאָליציי, אָבער מען האָט זיינע עלטערנס הויז אויך צעראַבעוועט און צעשטערט און ער האָט איצטער זיך געקענט באַווייזן ווי אַ געליטענער ייִד. און ליאַניא האָט אים דערציילט, אַז אַבראַם יאַקאָוולעוויטשעס פרוי מיט די קינדער זענען באַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטער רוסישער פאַמיליע. די פּאָליאַקאָווס האָט אַ רוסישער פריץ אַוועקגענומען צו זיך אויף דער פּאָסעסיע נישט ווייט פון שטאָט און זיי זענען פון דאָרטן אַוועקגעפאָרן קיין אַלט־רומעניע. וועגן די קראַסניאַנסקיס האָט גאָלד נישט געהאַט קיין אַנונג, ער האָט זיי נישט געקענט, אָבער ער האָט געהערט אַז פון די צווויי, וואָס זענען געשטאָרבן בעת דעם פּאָגראָם, האָט דער מאַן געהייסן קראַסניאַנסקי און אַ פרוי איז געשטאָרבן מיטן נאָמען זילבערמאַן. עס איז געווען אין דער קהילה אַן אָנגעשטעלטער, ביי וועלכן יאָאַן האָט זיך געקענט דערוויסן וווּ עס געפינט זיך ראַיאַ. זי האָט אויף דעם צווייטן טאָג באַוויזן צו ברענגען איר פאָטער צו קבר ישראל און זי אַליין געפינט זיך ביי אירער אַ חבר־טע, אַ מאָלדאַוואַנישע פרוי, מיט וועלכער זי האָט געלערנט אינאיינעם אין שול. דער באַאַמטער האָט געהאַט ראַיאַס אַדרעס און יאָאַן איז באַלד אַוועק צו איר.

מען האָט ביי ראַיאַס חברטע ביים אָנהייב נישט געוואָלט אַריינלאָזן יאָאַנען אין שטוב אַריין. ער האָט זיי נישט אויסגעזען ווי קיין ייִד און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיי נישט איבערפאַלן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישקע. די עטלעכע טעג, וואָס גאָגאַ איז געווען ביי דער מאַכט, פלעגן כוליגאַנעס אַרומגיין איבער די נישט־ייִדישע הייזער צו זוכן ייִדן און ווען זיי האָבן זיי דאָרטן געטראָפן, האָבן זיי זיך מיט זיי אָפּגערעכנט ערגער נאָך ווי מיט די ייִדן אַליין און כאָטש גאָגאַ איז שוין נישט געווען ביי דער מאַכט, האָבן זיך די נישט־ייִדן נאָך אַלץ געשראָקן און אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן ייִדן ביי זיך האָבן קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. ראַיאַ האָט אָבער דערהערט די טענות ביי דער טיר און זי איז אַרויסגעלאָפן צו אים און זי איז ביי דער טיר געפאַלן חלשות. אָט־ווי אָפּגעשוואַכט ער איז געווען, האָט ער באַוויזן זי צו קענען נעמען אויף די הענט און זי אַריינטראָגן אין צימער אַריין און זי אַנידערלייגן אויף דער ערשטער סאָפע, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די אויגן. עס איז געוואָרן אַ כומאַטאָכע, מען האָט ראַיאַן באַשפּריצט מיט וואַסער, מען האָט איר אָנגעריבן די שלייפן מיט ספּירט און מיט עסיק און מען האָט איר געגעבן אָט־די שאַרפע

פּליסיקייטן צום שמעקן און זי האָט געעפנט די אויגן און איז געקומען צו זיך. זי האָט געקוקט אַ שווייגנדיקע אויף יאַנען, האָט שווער געכאַפּט דעם אָטעם, די ברוסט האָט זיך איר געהויבן אַרויף און אַראָפּ און די אויגן האָבן זיך איר אָנגעפילט מיט טרערן. יאַן האָט געקוקט אויף איר און ער האָט זי כמעט נישט דערקענט, אַזוי פאַרענדערט איז זי געוואָרן אין משך פון די עטלעכע טעג. פאַר אים איז געלעגן אַן אַנדער פרוי. די אויגן זענען איר טיף אַריין אין די גריבער אַריין און די באַקן אירע, וואָס זענען געווען אַביסל אויסגעקיילעכט, זענען איינגעפאַלן. זי האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן און דערנאָך האָט זי אים אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט וואָס אונדז האָט געטראָפן?

— איך ווייס — האָט ער געענטפערט — מען האָט מיר דערציילט.

— אַז איך בין נישט געבליבן דאָרטן אין גרוב אינאיינעם מיט מיין טאַטן, איז דאָס געווען אַ נס — האָט זי געזאָגט — איך האָב נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרטן און נישט געקענט אַוועקגיין. אַהער האָט מען מיך געבראַכט מיט אַ דראָשקע. איך האָב זיך באַשלאָסן, אַז דאָס איז דאָס איינציקע פלאַץ וווהין איך קען זיך הייסן פירן. זיכער בין איך נישט געווען. זיי האָבן זיך מסתמא געשראָקן, אָבער מיר האָבן זיי דאָס נישט אַרויסגעוויזן און זיי האָבן מיך אַריינגענומען אין הויז אַריין, גלייך איך וואָלט געווען זייערע אַ שוועסטער.

ווען די באַלעבאַטים פון הויז האָבן געזען, אַז ראַיאַ איז שוין אינגאַנצן דערמונטערט פון דעם חלשות און אַז זי וויל זיך פאַר איר באַקאַנטן אַראָפּרעדן מערער פון האַרצן, האָט דער מאַן געזאָגט צו דער פרוי, אַז זיי וועלן ביידע גיין צוגרייטן טיי פאַר ראַיאַן און איר באַקאַנטן. און ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך ראַיאַ ערשט רעכט צעשלוכצט און זי האָט נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. זי האָט שטומערהייט געזאָגט זייער אַ סך יאַנען, אָבער דעם סאַמע עיקר האָט זי אים נישט געקענט זאָגן אַן ווערטער. און זי האָט זיך באַהערשט און אויסגעווישט די אויגן און אָפּגעווישט די באַקן פון די טרערן און זי האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל זיך אָנבייגן צו איר און זי האָט אים געזאָגט שטילערהייט, אַז ער דאַרף זי וואָס גיכער אַרויסנעמען פון דאַנען. זיי זענען טאַקע גוט צו איר די גאַנצע צייט, אָבער זייט זי האָט געזען די מערדעריי מיט וועלכער די כוליגאַנעס זענען באַפאַלן איר טאַטן און זיי האָבן גוט געזען, אַז ער איז אַן אַלטער קראַנקער מאַן, איז איר שווער צו זיין צווישן נישט־יידן. דערצו האָט דער מאַן פון איר פריינדין זיך אַרויסגעכאַפּט איין מאָל מיט אַ וואָרט, אַז די יידן זענען אויך נישט אַזעלכע גוטע און אפשר זענען זיי אויך שולדיק. די פריינדין אירע האָט טאַקע אויסגערעדט איר מאַן דערפאַר און זי האָט אים געמאַכט אַ שאַרפן פאַרוואורף, אָבער ביי איר אין געמיט איז פאַרבליבן, אַז איר

פריינדינס מאַן איז פונקט אַזאַ כוליגאַן, ווי די דאָזיקע וואָס האָבן איר פאָטער דערהרגעט.

— זיי האָבן אים געשלאָגן? — האָט יאָאַן געפרעגט.

— זיי האָבן זיך געוואָרפן צו אים, אַז ער זאָל זיי געבן די שליסלען פון דער קאַסע און באַלד ווי זיי האָבן דאָס געטאָן, אַזוי ווי זיי האָבן אויפגעהויבן די לאַפּעס זייערע קעגן אים, איז ער אַנידערגעפאַלן. און זיי האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף אים. אַ מינימאַלער מענטש וואָלט אויף אַ הונט וואָס פאַלט מער זיך אומגעקוקט, ווי זיי האָבן זיך אומגעקוקט אויף מיין טאַטן. און זיי האָבן געווילדעוועט און געשטערט און געהאַקט און געראַבעוועט און איך האָב געשריִען. וויפל עס האָט געדויערט געדענקט איך אַליין נישט. איך בין אַני־דערגעפאַלן לעבן טאַטן. און ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, איז שוין געווען אַ ייִדישער שמש מיט אַ ייִדישן טויטן קאַסטן און נאָך צוויי ייִדן און פאָליציי און אַלץ איז געווען צעשטערט און צעראַבעוועט און מען האָט דעם טאַטן אַ טויטן און מיך אַ האַלב־טויטע אַוועקגעפירט אויף דעם ייִדישן בית־עולם. דאָס איבעריקע ווייסט דו שוין.

ראַיאַ האָט זיך ווידער צעשלוכצט און יאָאַן האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט ווידער חלשן און ער האָט איר אַרומגעווישט די טרערן, זי געגלעט און באַרויִקט. זי האָט נאָך באַוויזן אים צו זאָגן איידער אירע באַלעבאַטים זענען אַריינגעקומען, אַז ער זאָל זיך גלייך אַוועקנעמען פונדאַנען.

— וווהין? — האָט ער געפרעגט.

— וווהין די אויגן וועלן אונדז טראָגן — האָט זי געענטפערט. מיר וועלן גיין אַהין, ווו עס געפינען זיך איצטער די מערסטע ייִדן פון שטאָט.

— זיי געפינען זיך צום מערסטן אין דער קהילה — האָט ער געזאָגט.

— וועלן מיר אויך גיין אַהין — האָט זי געענטפערט.

— עס איז דאָרטן זייער ענג — האָט ער געזאָגט מיט אַנגסט.

— מאַכט נישט אויס — האָט זי געזאָגט — זאָל זיין אין ענגשאַפט, אַבי נישט אין באַליידיקונג.

ביי אָט די ווערטער זענען די באַלעבאַטים פון הויז אַריינגעקומען מיט צוויי גלעזער טיי. ראַיאַ האָט געמאַכט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג איבער זיך און זי האָט זיך אויפגעהויבן און געפרווט שמייכלען. יאָאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז זי מאַכט אַפילו אַן אָנשטרענג אַרויסצונעמען אירע אויגן פון די גריבער. ער האָט זייער געזען, אַז זי וויל זיך מער נישט פאַרהאַלטן דאָ, אָבער זי האָט זיך דאָך געזעצט צום טיש טרינקען די טיי, וואָס מען האָט איר דערלאַנגט און זי האָט אים אויך גערופן זיך אַנידערזעצן און טרינקען. זיי האָבן דערלאַנגט אויך צובייס, אָבער זי האָט זיך צו דעם נישט צוגערירט. און יאָאַן,

קוקנדיק אויף איר, האָט זיך אויך נישט צוגערירט צום צובייס. די טיי איז געווען שטאַרק הייס, דאָך האָט ראַיאַ געטרונקען גיך. יאַאַן האָט דערקענט, אַז זי בריט זיך אָפּ דאָס מויל, עס קומען איר אַזש טרערן אין די אויגן אַריין דער־פון און זי איילט זיך. האָט ער אויך געטרונקען אַזוי גיך. און אַזוי ווי זי האָט אויסגעטרונקען אַריבער אַ האַלבע גלאָז טיי, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַ זאָג געטאָן צו יאַאַנען:

— מיר וועלן גיין?

די פריינדין אירע האָט איר געוואָלט איבעררעדן, אַז זי זאָל נאָך בלייבן, אַז זי זאָל סיי ווי נאָך בלייבן דאָ אַ שטיקל צייט, זי האָט דאָך נישט וווהין צו גיין, אָבער ראַיאַ איז באַשטאַנען אויף אירן. זי מוז גיין, זי דאַרף זיך דאָרט רעגיסטרירן. מסתמא וועט זי דאָרטן קריגן הילף פון דער רעגירונג און פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד און אין אויסלאַנד. זי האָט גערעדט גיך און יאַאַן האָט באַמערקט, אַז זי וויל מיט אירע רייד געבן צו פילן דעם מאַן פון איר פריינדין, אַז נישט זי און נישט אַלע יידן זענען שוין אינגאַנצן הפקר און אַז עמעצער נעמט זיך אָן פאַר זיי. זי האָט געהאַט אַ קליין פעקל מיט זיך. אין יע־נעם מאָמענט איז דאָס געווען אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט. דאָס איבעריקע האָבן די כוליגאַנעס צוגעראַבעוועט און דאָס געבליבענע צעשטערט. דאָס מזו־מענע געלט פון דער קאַסע און פון איר אייגענער טאַש האָבן זיי אויך צוגענו־מען. זי האָט נישט געהאַט קיין איין קליידל און קיין איין מאַנטל מער, ווי די דאָזיקע וואָס זי האָט געהאַט אויף זיך. זי האָט קוים אָפּגעראַטעוועט אַביסל אונטערוועש און אַ בערשטל צו די ציין. אַפילו קיין רויטס פאַר די ליפּן האָט זי נישט געהאַט און זי האָט גוט געזען אין שפּיגל, אַז אירע ליפּן זענען בלייך און צעשפּאָלטן. זי האָט די פריינדין אַרומגענומען און זיך מיט איר צעקושט און דעם מאַן אירן האָט זי געגעבן די האַנט און יאַאַן האָט גוט באַמערקט, ווי זי האָט זי זייער גיך אַוועקגעכאַפּט. גלייך די דאָזיקע האַנט וואָלט זי געווען גע־בריט. און יאַאַן און ראַיאַ האָבן ביידע געטראַכט אין יענעם מאָמענט, אַז די זעלביקע האַנט, וואָס זי האָט איצטער געדריקט, וואָלט געקענט ראַבעווען אַלץ וואָס זיי האָבן און דאָס איבעריקע צעשטערן, אַלצאיינס, ווי די אַנדערע כולי־גאַנעס האָבן דאָס געטאָן. ביידע זענען שווייגנדיק אַרויס און ביידע פּאַרלעך האָבן לייכט אָפּגעאָטעמט.

אין דער קהילה האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגיסטראַציע. מען האָט פאַר־שריבן אַלע געליטענע. און עס איז געקומען אויך ראַיאַס ריי. האָט מען זי גע־פרעגט, וואָס זי וויל איצטער טאָן. צי וויל זי, האָט מען זי געפרעגט, בלייבן דאָ־הי און אויף דעם זעלביקן פּלאַץ ווידער עפענען אַ קראָם. זי האָט באַקומען אַ היסטערישן אָנפאַל און זי האָט געמומען שרייען, אַז אַהין וועט זי זיך שוין

מער קיינמאָל נישט אומקערן. דאָרטן וועט זי שטענדיק זען פאַר די אויגן ווי איר טאַטע פאַלט אַנידער פאַר שרעק. מען האָט איר דערקלערט, אַז מען וויל איר העלפן. עס קומט איר אַנטשעדיקונג, אָבער זי דאַרף דערקלערן וואָס אַזוינס זי וויל. און זי האָט געבעטן צייט זיך צו באַטראַכטן. אין גידאַנק זענען איר פאַרגעקומען אַ סך פּלענער. פון איין זייט האָט זי געטראַכט וועגן איר שוועסטער, וואָס זענען געבליבן אין רוסלאַנד, אָבער זי האָט געוווּסט אַז דאָס איז אַ צו ווייטער חלום, אַהין וועט זי נישט קענען קומען. די גרענעץ מיט רוסלאַנד איז ווייט פון דאַנען און דאָס אַריבערגיין איז אַן איינשטעלעניש און פאַר אַ פרוי איז דאָס, האָט מען איר געזאָגט, אַן אוממעגלעכקייט. דאָ בלייבן האָט זי זייער נישט געוואָלט. דאָ וועט איר יעדער שטיין דערמאָנען אין דעם, ווי אַזוי איר פאָטער איז אומגעקומען. זי וועט דאָ אין יעדן נישט־ייִדן זען דעם מערדער פון איר טאַטן. די בעסטע זאַך וואָלט אפשר געווען אַרויספאָרן אין אַן אַנדער שטאָט און נישט אין בעסאַראַביע, נאָר טאַקע אין רומעניע. זי האָט אָבער נישט געוווּסט, צי מיט דעם דאָזיקן, וואָס זי וועט באַקומען, וועט זי קענען אינאיינעם מיט יאַאַנען אַריינפאָרן אין אַ רומענישער שטאָט און זיך דאָרטן איינאָרדענען. דער אַנטיסעמיטיזם, האָט זי געהערט, ווילדעוועט היינט אומעטום. זי האָט אויך נישט געוווּסט, צי ער, יאַאַן, וועט באַקומען עפּעס אַנטשעדיקונג. ער האָט דאָך נישט פאַרלוירן מער ווי נאָר זיין פּאָסטן. און זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט נעמען יאַאַנען און זיך דורכגיין צום רב. זי ווייסט טאַקע גאָרנישט פון ייִדישקייט, אָבער זי איז אַ ייִדישע טאָכטער און אין איצטיקן מאָמענט איז ער, דער רויטלעכער יונגערמאַן מיטן בערדל, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז זייער געלערנט, דער איינציקער, וואָס קען איר געבן אַן עצה. איר טאַטע איז דאָך אויך געגאַנגען ביי אים פרעגן אַן עצה. און יאַאַן האָט איר באַוויזן צו דערציילן, אַז ער איז געווען עטלעכע טעג ביים רב און מען האָט דאָרטן צו אים געבראַכט אַ דאָקטער און אים געראַטעוועט און געגעבן צו עסן אין טעג, ווען עס איז געווען זייער ווייניק שפּייז אין שטאָט און זיי האָבן אים געהאַלטן ביז וואַנען ער איז געקומען צו זיינע כוחות.

און זיי זענען נאָך אין יענעם פאַרנאַכט אוועקגעגאַנגען צום רב און כאָטש ער איז געווען פאַרנומען מיט זייער אַ סך פּראָבלעמען, וואָס זענען דעמאָלט אויפגעשווומען און ער האָט געהאַט אויפצונעמען געסט, פאָרשטייער פון ייִדישע געזעלשאַפטן אין בוקאַרעסט, האָט ער זיך מיט זיי אָפּגעגעבן אַ שטיקל צייט. ער האָט זי אויסגעהערט רויִק און מיט אַ סך מיטגעפיל און ער האָט מסכים געווען, אַז פאַר איר איז בעסער אַוועקצופאָרן פון דאַנען. דאָ, האָט ער געזאָגט, איז טאַקע איר היים, דאָ איז איר וויגל געשטאַנען און דאָ אויפן בית־עולם האָט זי איר טאַטע־מאַמע, אָבער זי וועט שטענדיק געדענקען ווי אַזוי מען האָט איר

פּאָטער דערהרגעט און זי וועט דאָס דאָ הי נישט קענען פאַרגעסן. ערגעץ אַנ־דערש אפשר וועט זי מיט דער צייט יאָ קאָנען פאַרגעסן. און ער האָט צוגעזאָגט זיך צו באַמיִען, אַז מען זאָל אים אויך געבן אַ געוויסע אַנטשעדיקונג. ער האָט טאַקע נאָר פאַרלוירן די אַרבעט, אָבער קיין אַנדער אַרבעט וועט ער דאָ הי אַזוי גיך נישט קריגן, קיין גוי וועט אים נישט צונעמען און ייִדן וועלן אַזוי גיך נישט קענען צונעמען קיין אַנגעשטעלטן. ער איז טאַקע נאָך נישט אינגאַנצן קיין ייִד אויך, אָבער געליטן האָט ער דאָך דורכויס ווי אַ ייִד און דערפאַר וועט אים קומען אַנטשעדיקונג. ער האָט אָבער פאָרט נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ רב און ער האָט געמאָנט זיינס. ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער וויל חתונה האָבן מיט ראַיאַן און ער וויל, אַז ער, דער רב, זאָל זיי ביידע העלפן זיך איינאָרדענען, דאַרף ער פאַר אַלעמען ווערן אַ ייִד. דער רב האָט ביידן אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און ער האָט זיי געזאָגט:

— אַ מאָדנע פאָלק מיר זענען. צוריק מיט עטלעכע טעג איז דאָ קיין שום ייִד נישט געווען זיכער מיט זיין לעבן און שוין אַוודאי נישט מיט זיין כבוד און מיט זיין פאַרמעגן, געהרגעטע זענען געווען טאַקע נאָר צוויי, אָבער פאַר־וווּנדטע זענען נאָך פאַראַן אַ סך. און דאָך רעד איך אייך איצטער וועגן דעם, אַז איר, יאָאַן, וואָס זענט געבוירן פון אַ ייִדישער מאַמען און אַ רוסישן טאַטן, זאָלט פונקט איצטער זיך ייִדישן און ווערן אַ גאַנצער ייִד...

זיי האָבן אים ביידע גאָרנישט געענטפערט, אָבער זיי האָבן אים גוט פאַרשטאַנען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער קען אַלס רב נישט אַנדערש האַנד־לען. ער קען נישט קומען צו גיין צו ייִדישע אינסטיטוציעס און זיי הייסן העלפן אַ נישט־ייִדן איינצואָרדענען זיין לעבן מיט אַ ייִדישער טאָכטער. און זיי האָבן צו אים קיין טענות נישט געהאַט. זיי האָבן זיך שווייגנדיק געזעגנט מיט אים און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן אינגיכן קומען אים זאָגן, אַז זיי זענען מסכים מיט אים. און זיי אַליין האָבן אויך געטראַכט, אַז עס וועט לאַנג נישט געדויערן און זיי וועלן ווידער קומען אַהער. דער רב האָט שוין אַפילו געמאַכט פּלענער ביי זיך אין די געדאַנקען וויפל ער זאָל פאַרלאַנגען פאַר אָט דעם פּאָר און ווי אַזוי ער זאָל דאָס באַגרינדן. און זיי זענען ביידע אַוועקגע־גאַנגען אין פּאַרק אַריין.

עס איז געווען סוף האַרבסט. דער פאַרנאַכט איז געווען נישט קיין מיאוּ־סער. דער הימל איז געווען לויטער און די זון האָט גענומען פאַרגיין אַ שטאַרק רויטע, אָבער די קעלט איז געווען אַ גאַנץ בייסיקע. קיין איין פּאָרל איז נישט געזעסן אין פּאַרק. די ביימער האָבן שוין כמעט גאָרנישט געהאַט קיין בלעטער און די צווייגן זענען געווען טונקל און שטעכיק. און זיי האָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט. זיי זענען אפשר געווען אויך אַ פאַרליבט פּאָרל, אָבער

מערער פון דעם, זענען זיי געווען צווי יונגע מענטשן פוןביידע מינים, וואָס געפינען זיך ביים ברעג פון אַן אָפּגרונט און זוכן זיך צו ראַטעווען. און דערצו האַלט עס ביי איר אינגאַנצן אַ פּאָר טעג נאָכדעם, וואָס מען האָט איר פאָטער דערהרגעט און ער שטייט איר די גאַנצע צייט פאַר די אויגן און ער גייט איר נאָך און ער לאָזט זי נישט רוען. און געדאַרפט האָבן זיי אַנטשיידן אַ זאַך, אין וועלכער זיי האָבן קיין אַנונג נישט. דאָס לעבן פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל ווערן אַ גאַנצער ייִד. און ווערן אַ גאַנצער ייִד קען ער נאָר דורך דעם, וואָס מען וועט אים מל זיין. פאַר איר איז דאָס געווען אַ טאָפּלט פּיינלעכע זאַך. זי האָט זיך געשעמט צו רעדן וועגן דעם און אַפילו צו טראַכטן און זי האָט געוווסט, אַז דאָס וועט אים פאַרשאַפן פיזישע ווייטיקן. האָבן זיי טאַקע מער געשוויגן וועגן דעם אַלעמען, ווי זיי האָבן גערעדט. זיי זענען געזעסן אַזוי לאַנג וויפל זיי האָבן געדאַרפט האָבן צייט זיך איינצופאַרשטיין שווייגנדיק און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען אין דער קהילה. זיי האָבן קודם־כל געדאַרפט זיך באַזאָרגן נאָך אויף יענעם אָוונט מיט געלעגערס. און מען האָט זי באַזאָרגט מיט אַ געלעגער אין דער קהילה אַריין און אים האָט מען געשיקט אין אַ שולע אַריין, ווו אַ סך בחורים זענען געשלאָפן אין פּאָליש. זיי האָבן געמוזט גיין פרי שלאָפן, ווייל פון דער קהילה ביז צו דער שול איז געווען אַ היפשער מהלך און מען האָט נאָך מורא געהאַט צו גיין ביינאַכט אין שטאָט. דאָס שיכרות פון די עטלעכע גאָגאַ־קוזאַ־טעג איז נאָך נישט געווען פאַרביי. די כוליגאַנעס האָבן זיך נאָך נישט צוגעווינט צו דעם געדאַנק, אַז מען טאָר שוין נישט. די ייִדן אַליין האָבן געבעטן, אַז מען זאָל די כוליגאַנעס נישט באַשטראָפן שטרענג, ווייל דאָס דאָזיקע וועט אַרויסרופן נאָך מער צאָרן ביי זיי. מען האָט אַרעסטירט בלויז עטלעכע פון די אָנפירער פון די כוליגאַנעס און מען האָט דאָס דאָזיקע געטאָן נישט אַזוי אַלס שטראָף פאַר דעם, וואָס זיי האָבן שוין געטאָן, נאָר אַלס באַוואָרעניש, אַז זיי זאָלן ווייטער נישט בונטעווען דעם המון און נישט אַרויסרופן קיין אומרוען קעגן דער רעגירונג.

און דער ערשטער געדאַנק ביי ביידן איז געווען אינדערפרי, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן ביי אַ גלעזל טיי אין דער קהילה: גיין צום רב. דאָס בילד אין דער קהילה, ווו אַ פּאָר הונדערט ייִדן האָבן אין יענעם פרימאָרגן געטרונקען טיי, איז געווען אַזאַ, פאַר וועלכן מענטשן וואָלטן זיך געדאַרפט שעמען. עטלעכע צענדליק פון די דאָזיקע ייִדן, צווישן זיי פרויען און קינדער און גאָר אַלטע פרויען און גאָר קליינע קינדער זענען געווען פאַרוווּנדעט און באַנדאַזשירט. פאַרוואָס האָט מען זיי געשלאָגן? נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געבוירן געוואָרן אַזוי און נישט אַנדערש. און דאָך האָט נישט געהערשט קיין פאַרצווייפלונג ביי די אַלע ייִדן און זיי האָבן גערעדט וועגן גיין אין פּאָסט אַריין פרעגן אויף בריוו

און זיי האָבן אויך גערעדט וועגן אַוועקפאָרן אין פאַרשידענע לענדער. זיי זע־נען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט קרובים אין לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער און יענע האָבן זיי געשריבן, אַז דאָרטן לעבט מען. און יאָאַן און ראַיאַ זענען אַוועק צום רב און ער האָט אים געמאָלדן, אַז ער איז גרייט. ער וועט טאָן דאָס דאָזיקע, וואָס דאָס לעבן הייסט. דער רב האָט באַמערקט, אַז גאָט אַליין הייסט דאָס אויך.

די זאַך איז צוגעגאַנגען פיבערדיק. נישט מער ווי צוויי טעג האָט געדויערט ביז וואַנען דער רב האָט אַלץ צוגעגרייט פאַר דעם דאָזיקן אַקט, ביי וועלכן יאָאַן, דער זון פון אַ יידישער פרוי און אַ רוסישן פריסטאַוו וועט דורך זיין בלוט פאַרבונדן ווערן מיט דעם יידישן פאָלק. ראַיאַ איז צו דעם דאָזיקן ברית נישט געבראַכט געוואָרן. פאַרגעקומען איז ער אין הויז פון דעם רב אַליין און נישט, ווי געוויינלעך אין אַזאַ פאַל, אין שול. די אָפּעראַציע פון מילה האָט דורכגעפירט אַן אַלטער מוהל און עס איז געווען צוגעגרייט אַ מעדיקער, אויף דעם פאַל, אויב עס וועט בייטיק זיין הילף. יאָאַן איז געווען ווי אין אַ חלום. ער איז נישט געווען זיכער, אַז דאָס אַלץ געשעעט מיט אים אין דערווירקלעכ־קייט. ער האָט יאָ און נישט געפילט ווייטיק, ער האָט געפילט נאָר צערודערט־קייט, אָבער קיין שרעק האָט ער נישט געפילט. די געפילן זענען ביי אים געווען די גאַנצע צייט עפּעס ווי אַ קנויט וואָס ברענט קוים קוים. נישט ער ברענט ווי עס באַדאַרף צו זיין און נישט ער ווערט פאַרלאָשן. דער רב האָט אים אין די צוויי טעג פאַר דעם ברית דערקלערט אַ סך זאַכן וועגן יידישקייט. נישט אַלץ האָט ער באַנומען. און ער האָט אויף אַ סך זאַכן געפרעגט דעם שכל און דער רב האָט אים געזאָגט, אַז דער חילוק צווישן גלויבן און פילאָסאָפיע באַשטייט אין דעם, וואָס אין פילאָסאָפיע פרעגט מען נאָך אַלץ און ביים גלויבן פרעגט מען וואָס ווייניקער. ער וועט זיין אַ ייִד, וועט ער מיט דער צייט באַנעמען מיט די געפילן די דאָזיקן זאַכן, וואָס ער וויל איצטער באַנעמען מיט שכל. קיין שכל איז אויבנאויף נישט פאַראַן אין קיין סך זאַכן פון לעבן. דאָס גאַנצע לעבן אַליין האָט טאַקע נישט קיין זינען ביי פילאָסאָפן, פאַר גלייביקע אָבער האָט דאָס לעבן שוין גאָר אַ גרויסן זינען. די אַלע זאַכן, וואָס דער רב האָט יאָאַנען פריִער געזאָגט האָבן איצטער אין אים אויפגעטויכט, ווען ער איז געווען אין דעם מאָדנעם צו־שטאַנד פון אַן אָפּערירטן...

און יאָאַן האָט אָנגענומען די הענט פון די אַלע צען יידן, וואָס זענען ביי־געווען זיין ברית און האָבן אים געוווּנטשן מזל־טוב. דער רב האָט אים שטאַר־קער געדריקט די האַנט און ער האָט אים געוווּנטשן מזל־טוב און געזאָגט:

— ביז איצטער האָט איר געליטן ווי אַ ייִד, איצטער וועט איר זיין אַ ייִד און איר וועט אויך האָבן די יידישע פריידן...

— 8 —

צום אייביקן לעבן

אַריבער אַ חודש נאָכדעם, וואָס מען האָט יאָאַנען מל געווען, איז פאָרגעקומען די חתונה צווישן אים און ראַיאַן. כאָטש דאָס ביסל ייִדן, וואָס איז געבליבן אין שטאָט, איז נישט געווען פריילעך אויף די הערצער, האָט מען זיך דאָך געחכמעט און געזאָגט אַז דאָס ווערטל „נאָך אַ חתונה אַ ברית" און דאָס מאָל פאַרקערט — נאָך אַ ברית אַ חתונה.

דער רב האָט עפּעס באַזונדערס געוואָלט דורכפירן די דאָזיקע חתונה מיט אַביסל פּאָמפּע. ער האָט שוין זייט אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין חתונה. דער דאָזיקער שטאָט איז נישט געגאַנגען מיט אירע ייִדן. אין יאָר 1905 איז אין אָט דער שטאָט פאָרגעקומען אַ גרויסער פּאָגראָם און ייִדן האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. ביז דעמאָלט איז דאָרטן געווען די גרעסטע צאָל ייִדן אין דער געגנט, וואָס ביי דעם ברעג פון דעם דונאַי, פון דעמאָלט אָן אָבער איז די צאָל ייִדן דאָרטן געוואָרן קלענער און קלענער. ביז דעם יאָר 1905 איז געווען אַט־אָ דאָ אפשר צוויי מאָל אַזויפיל ייִדן וויפל אין דער שכנישער שטאָט און איצטער איז שוין געווען פאַרקערט. און מען איז זיך אַלץ צעפאָרן און צעפאָרן. זייט מען האָט אויפגעהערט אַריינצולאָזן קיין אַמעריקע, איז מען געפאָרן קיין אַרגענטינע, בראַזיל און שפּעטער אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. און די לעצטע צייט זענען שוין דאָרטן געבליבן כמעט נאָר עלטערע מענטשן אין דער ייִדישער באַפעלקערונג. זייט מען האָט אַרעסטירט אַבראַם יאַקאָוולעוויטש און זיין גרופּע, איז די מערסטע יוגנט אַוועק. און נאָך דעם פּאָגראָם אין דעם טאָג פון דעם קומען צו דער מאַכט פון דער גאָגאַ־קוזאַ רעגירונג איז די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט געוואָרן ביז צו דעם מינימום. דער רב פלעגט שוין זייט יאָרן אַרומגיין אַ טרויעריקער מיט מורא, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט די שטאָט בלייבן נאָר מיט אַ „לעבעדיקן" בית־עולם און מיט אויסגעליידיקטע שולן. ער אַליין איז געווען דער ייִנגסטער חתונה־געהאַטער ייִד אין שטאָט. קיינער האָט שוין נישט געהאַט אַזעלכע קליינע קינדער ווי ער. און ער האָט געהאַט עפּעס אַ פאָרגעפיל, אַז די חתונה צווישן יאָאַנען, וועלכן מען האָט איצטער געוואָלט רופן אברהם, און ראַיאַן איז אפשר די לעצטע ייִדישע חתונה אין שטאָט. און דערפאַר האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן אַ פריילעכע

חתונה, כאָטש ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז דאָס איז אַזאַ מין חתונה, וואָס מען פלעגט מאַכן בשעת אַ מגפה אויף אַ בית־עולם, בכדי מען זאָל אָפּשטעלן די מגפה. און די יידן האָבן זיך טאַקע געפרייט אויף יענער חתונה. מען האָט געטאַנצט ביזן ווייסן טאָג אַריין אין דעם זאַל פון דער קהילה און מען האָט חתן־כלה געגעבן שיינע מתנות. און אויסגעזען האָבן אַלע, גלייך זיי וואָלטן געהאַלטן ביי חלשן. מען האָט געוואָלט אַרויסטאַנצן פון זיך די גאַנצע מרה־שחורה און זי איז געקראָכן צוריק.

און באַלד נאָכדעם האָט דאָס נייע פּאָרפאָלק געדאַרפט קריגן ערגעץ פּרנסה. דאָ אין שטאָט האָט ראַיאַ פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט בלייבן. און דער רב האָט אָנגעהויבן זאָרגן דערפאַר נאָך פאַר דער חתונה. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט עטלעכע יידישע ישובים פון בעסאַראַביע און האָט אָנגעפרעגט אומעטום, צי מען קען עפּעס געפינען באַשעפטיקונג פאַר אַזאַ פּאָרפאָלק. מען האָט טאַקע געפונען אַ מצב פאַר זיי אין דער שכנישער שטאָט, ווו דער יידישער ישוב איז לעצטנס דווקא פאַרגרעסערט געוואָרן. דאָרטן האָבן די יידן געהאַט אַ מין גמילת־חסדים קאַסע, וואָס זיי האָבן גערופן באַנק און מען האָט געשריבן דעם רב, אַז יאָאַן קען דאָרטן ווערן אַ קאַסירער און ראַיאַ זאָל זיין אַ שטיקל סעקרע־טאַרשע און פון ביידנס געהאַלט וועלן זיי האָבן מער אָדער ווייניקער פּרנסה. ראַיאַ האָט געקראָגן פון דער רומענישער רעגירונג אַן אַנטשעדיקונג פאַר איר פּאָגראָמירטער קראָם און יאָאַן האָט געקראָגן עפּעס פון דער יידישער געזעל־שאַפט אין בוקאַרעסט און מיט דעם ביסל געלט האָבן זיי אין דער צווייטער שטאָט איינגעקויפט דאָס נייטיקע מעבל און זיך איינגעשטעלט אַ וווינונג.

אין דער צווייטער שטאָט איז געווען מערער יוגנט און סיי יאָאַן און סיי ראַיאַ האָבן געפונען אַ פּאַסיקע געזעלשאַפט. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויס־געוויזן, אַז זיי גלייכן זיך נישט אין די געדאַנקען. אין יענער שטאָט זענען געווען צווייערליי יידישע יוגעלייט: אַזעלכע, וואָס עס האָט געצויגן קיין רוס־לאַנד און זיי האָבן געמיינט, אַז זיי זענען קאָמוניסטן און אַזעלכע, וועלכע עס האָט געצויגן קיין ארץ־ישראל און זיי האָבן זיך גערופן ציוניסטן. די לעצטע, כאָטש נישט קיין פרומע, פלעגן אָפט גיין אין שול אַריין און זיי האָבן אָפּגעהיט יידישע ימים־טובים און האָבן געהאַלטן פון יידישער טראַדיציע. פאַר די ערשטע האָט די יידישע טראַדיציע אינגאַנצן נישט עקזיסטירט און זיי האָבן בלויז גערעדט וועגן אַ נייער וועלט מיט גלייכקייט פאַר אַלע. ראַיאַ האָט גע־ליטן אַלס יידישקע אַ גאַנץ לעבן, אָבער צו שטאַרק צוגעבונדן צו דעם יידישן פאָלק האָט זי זיך נישט געפילט. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט פון דעם, וואָס מען האָט איר פאָטער דערהרגעט און איר קראָם פּאָגראָמירט און איר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען דער באָלשעוויזם וואָלט אַהערגעקומען, וואָלט זי

זיך געקענט אָפּרעכענען מיט די אַלע שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן איר און אַלע ייִדן געטאָן אַזויפיל רישעות. יאָאַן איז דערצויגן געוואָרן פון אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן און זיין אידעאַל איז געווען אַזאַ עקאָנאָמישע גלייכקייט, ווי דער באָלשעוויזם האָט געדאַרפט ברענגען, אָבער זייט ער איז געוואָרן אַ ייִד, האָט אים געצויגן צו ייִדישקייט. אים איז געווען געפעלן צו גיין שבת אין שול און הערן דאָרטן דאַוונען, כאָטש ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. אים איז געווען געפעלן צו הערן די תפילות און די געזאַנגען און אים איז געווען געפעלן, אַז פרייטיק־צו־נאַכט זאָלן ביי אים אין שטוב ברענען ליכט און עס זאָל ליגן אַ ווייס טישטעך און צוויי חלות אויפן טיש. האָבן די לינקע, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן זיך צו חברן פון אים געלאַכט און ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי לאַכן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען קען נישט זיין פאַרן באָלשעוויזם און דאָך האַלטן פון אַ שול און פון בענטשן ליכט. און וויפל מען האָט אים נישט געפרוווט אויפקלערן, האָט ער דאָס נישט פאַרשטאַנען און ווייל ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם חוזק פון די לינקע, האָט ער אויפגעהערט צו קומען צווישן זיי און ער איז אַוועק צו די ציוניסטן. און ראַיאַ איז פאַרבליבן מיט די לינקע און צווישן מאַן און ווייב זענען אָפט פאָרגעקומען שאַרפע צווישנריידן. זי האָט אים גערעדט איראָניש וועגן „זיינע" ציוניסטן און ער האָט איר גערעדט איראָניש וועגן „אירע" „אַפיקורסים", ער האָט ערגעץ אויסגעלערנט דאָס דאָזיקע וואָרט. מען האָט אים געזאָגט, אַז דאָס מיינט אַזעלכע מענטשן וועלכע גלייבן אין גאָרנישט. ער האָט נישט געוווּסט, צי ער גלייבט, אָבער ער האָט געוואָלט גלייבן ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער האָט זיך מל געווען און התּיובה געהאַט ווי אַ ייִד און לויטן ייִדישן דין איז אַ זון פון אַ ייִדישער מאַמען און אַ גוייִשן טאַטן אַ ייִד, איז אַ סימן, אַז גאָט האָט דאָס דאָזיקע געטאָן און אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. און אויב עס איז דאָ, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען אין אים גלייבן. און זי האָט געזאָגט, אַז זאַכן וואָס זי האָט נישט געזען, איבערצייגן זי נישט. דעמאָלט ווען די שלעכטע מענטשן זענען איבערגעפאַלן די אומשולדיקע ייִדן, האָט גאָט נישט געהאָלפן די געליטענע. ווייסט זי נישט, צי „זיין" גאָט האָט נישט געוואָלט העלפן, צי ער איז נישטאָ. ער האָט אַזעלכע רייד נישט געוואָלט הערן.

די דיסקוסיע צווישן יאָאַנען און ראַיאַן איז פאַרביידע געווען שווער. זיי האָבן ביידע געהאַט נאָר געפילן, נישט קיין געדאַנקען. ראַיאַ האָט געפילט, אַז זי האָט נישט פאַרוואָס צו זיין אַ ייִדישקע, און זי האָט געמיינט, אַז זי איז עס נישט און יאָאַן האָט געפילט, אַז ער איז געוואָרן אַ ייִד, ווייל ער דאַרף דאָס זיין. ראַיאַ האָט מיט שווערער מי פאַרטיידיקט אירע געפילן, יאָאַן האָט נישט געקענט געפינען קיין ווערטער צו באַגרינדן זיינע געפילן, און נישט

איין מאָל, בעת אַ שאַרפֿער דיסקוסיע מיט זיין ווייב, האָט ער מורא געהאַט, אַז ער פֿאַרלירט ווידער אינגאַנצן זיין געדאַנק און ער ווערט ווידעראַמאָל דער זעלביקער, וואָס ער איז געווען איידער ער האָט דערקענט אַבראַם יאַקאָווּלע־וויטש. און ער האָט זיך געפֿרעגט, צי איז ער נישט ווידעראַמאָל דער משוגענער יאַאַן...

בכדי צו קאָנטראָלירן זיין געדאַנק און זיין באַוווּסטזיין, האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל געטראָפֿן מיט דעם ייִדישן שטאָט־משוגענעם, וואָס האָט געהייסן נחמן. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אין די מערסטע פֿאַלן קלאָר און דאָס משוגעת כאַפּט אים בלויז אַן אַמאָל. ווען דאָס משוגעת האָט נחמנען אָנ־געכאַפּט, פֿלעג ער זיך אַנידערשטעלן אין מיטן גאַס אויף אַ טראָטואַר, זיך אָנשפּאַרן אין אַ בוים, אָדער אַ טעלעגראַפֿישן סלופּ און זיך אָננעמען מיט דער רעכטער האַנט ביי דער רעכטער באַק און לאַכן. ער האָט געלאַכט זייער הויך, מיט אַ פֿולער ברוסטיקער שטימע און עס איז געווען אַ מין ריטם אין זיין לאַכן. פּונקט אַזויפֿיל מאָל וויפֿל ער האָט אויסגעשריִען „כאַ־כאַ", האָט ער אויסגעשריִען „כאָ־כאָ" און פּונקט אַזויפֿיל מאָל „כי־כי". און פֿון „כי־כי" איז ער צוריקגעגאַנגען צו „כאַ־כאַ". ער פֿלעגט לאַכן לאַנג און פֿיינלעך. זיין לאַכן פֿלעגט קענען געדויערן אַ האַלבע שעה דורכנאַנאַנד. ער פֿלעגט פֿון לאַכן אָפּ־גיין מיטן שווייס און ער האָט זיך געווישט אָן אויפֿהער מיטן אַרבל דאָס נאַסע פּנים, וואָס האָט בשעתן געלעכטער אויסגעזען מער וויינענדיק, ווי לאַכנדיק. קינדער אין די גאַסן פֿלעגן זיך דערשרעקן, ווען נחמן האָט געלאַכט און זיי פֿלעגן זיך צעוויינען און נעמען לויפֿן. און די מאַמעס האָבן זיי דעמאָלט אויף גיך אַריינגעכאַפּט אין די שטיבער אַריין.

יאַאַנען האָט נחמן צוגעצויגן צו זיך זייט ער איז אָנגעקומען אין שטעטל. אָט אין דער שטאָט זענען געווען דריי משוגענע מענער און איין משוגענע פֿרוי און זיי האָבן קיינס נישט אויסגעזען אַזוי ווי ער. זיי האָבן נישט געלאַכט און נישט געוויינט. און נחמן האָט געלאַכט און ער האָט עפּעס ווי געוויינט דערביי און אַ פּאָר מאָל האָט יאַאַן געזען און געהערט נחמנען וויינען. ער האָט נישט אַזוי שטאַרק געוויינט ווי געלאַכט, אָבער גענוג שטאַרק ער האָט געכליפּעט אויף אַ קול. און מען האָט געהערט צווייערליי קלאַנגען: „אוך־אוך" און „אוי־אוי". און פּונקט ווי זיין פּנים האָט געוויינט, בשעת ער האָט געלאַכט, האָט עס געלאַכט, ווען ער האָט געוויינט.

יאַאַן איז צוגעגאַנגען צו נחמנען אַ שטילער און אַ שעמעוודיקער. ער האָט פֿריִער זיך גוט אומגעקוקט און ער האָט געזען, אַז עס איז קיינער נישטאָ אין גאַס, וואָס זאָל אים זען. ער האָט געזאָגט צו נחמנען:

— איך וויל מיט אייך עפּעס רעדן.

— אויב דו זאָגסט מיר „איר" — האָט אים נחמן געזאָגט — ביסטו אַפּנים מיינער אַ קאָלעגע... אויך אַ משוגענער?

יאַאַן איז געשטאַנען הילפלאָז און געשוויגן אַ רגע און דערנאָך האָט ער גענומען רעדן נאָך שטילער און געזאָגט:

— איך וויל אייך פרעגן פאַרוואָס לאַכט איר?

— איך לאַך — האָט נחמן געענטפערט — ווייל ס'איז מיר גוט און פריילעך.

— מיט וואָס איז אייך גוט?

— מיט דעם, וואָס איך האָב גאָרנישט און איך דאַרף גאָרנישט און מען גיט מיר אַלץ, וואָס איך דאַרף.

— פאַרוואָס זשע וויינט איר? — האָט יאַאַן געפרעגט.

— ווייל אַ מענטש דאַרף וויינען. און ווייל איך וויל נישט, אַז זיי זאָלן מיינען, אַז מיר איז שטענדיק גוט.

— ווער זיי? — האָט יאַאַן געפרעגט.

— אַלע מענטשן פון דער שטאָט...

יאַאַן האָט גערעדט מיט נחמנען אַ היפּשע צייט און נישט געקענט דער־גיין צו קיין טאָלק מיט אים. זיינע ענטפערס זענען געווען קלוגע. ער אַליין, יאַאַן, וואָלט אַזוי קלוג נישט געקענט ענטפערן, ווי נחמן. דערפאַר אָבער זע־נען נחמנס ענטפערס געווען נישט קיין קלאָרע. און יאַאַן האָט זיך געזאָגט, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען פון נחמנען:

— ער איז קליגער פון מיר און איך בין קלאָרער פון אים.

און מער האָט יאַאַן זיך נישט געטראָפן מיט נחמנען, כאָטש עס האָט אים געצויגן צו דעם דאָזיקן משוגענעם. ער האָט אים עפּעס ווי מקנא געווען און ער האָט ווייטער געפירט דיסקוסיעס נאָר מיט זיין ווייב ראַיאַ און ער איז בעת אָט די וויכוחים געווען דער שווייגנדיקער...

אינגאַנצן עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה איז דער שלום־בית צווישן די ביידע יונגע מענטשן צעשטערט געוואָרן און זייער לעבן איז צעריסן גע־וואָרן. ער פלעגט גיין אין איין קרייז אַריין, זי אין אַ צווייטן און זיי פלעגן אַהיימקומען עפּעס ווי אין אַ ברוגזער שטוב אַריין. עס האָט זיך זייביידן גע־דאַכט, אַז די וועגט אַליין פאַרשאַרפן דעם רוגז צווישן זיי. און וואָס אַמאָל איז דער תהום צווישן זיי ביידע געוואָרן גרעסער און גרעסער.

אין איין טאָג האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַביסל דערנענטערן. דאָס איז גע־ווען דעמאָלט, ווען זי האָט אים אויסגעזאָגט, אַז זי פילט זיך אין אַנדערע אומ־שטענדן. אים האָט דאָס דאָזיקע געקלונגען ווי אַ גרויסע בשורה און ער איז געווען גרייט צו טאַנצן אין די גאַסן פאַר גדולה. ער האָט זי אויפגעהויבן און

זיך געדרייט מיט איר און דערנאָך האָט ער זיך דערשראָקן, אַז דאָס זאָל חלילה נישט שאַטן דעם „קינד" און ער האָט זי אַוועקגעלייגט און האָט געקניט פאַר איר, אַזוי ווי ער פלעגט אַמאָל קניִען אין קלויסטער. ער האָט באַלד באַמערקט, אַז זי קוקט נישט צופרידן אויף זיין גרויסער פרייד, אָבער אַזוי ווי זי האָט אים גאָרנישט געזאָגט האָט ער געשוויגן און ער האָט זי אַ פּאָר טעג באַגלייט מיט צאַרטע בליקן און ער איז איר נאָכגעגאַנגען אַזוי ווי אַ שאָטן. אַזוי ווי זי האָט אים נישט געענטפערט אויף זיין צאַרטקייט, האָט ער איר גאָרנישט געזאָגט, אָבער ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז אים איז געשען אַ גרויס גליק. ער וועט איצטער געפינען אַ טרייסט און אַ זין אין לעבן און אַ באַפרידיקונג פאַר די אַלע ליידן פון זיין טרויעריקן און פאַרשאָלטענעם לעבן פון אַ מענטשן אָן טאַטע־מאַמע, אָן אַ שטוב און אָן אַ רעכטן נאָמען אַפילו. ער וועט איצטער ווערן דער טאַטע פון אַ קינד, וואָס וועט האָבןביידע עלטערן, וואָס וועט האָבן אַ נאָמען און אַ שטוב. אָבער לאַנג האָט זיין פרייד נישט אָנגעהאַלטן. ראַיאַ האָט אים געזאָגט שטיל, מיט מורא, אָבער זיכער, אַז זי וועט דאָס קינד אָפּטרייבן. עס איז איצטער נישט קיין צייט, האָט זי געזאָגט, פאַר אַזעלכע מענטשן ווי זיי צו האָבן אַ קינד. קיינער קען נישט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. עס איז קיינעמס לעבן נישט זיכער אין בעסאַראַביע און ייִדנס אַוודאי און אַוודאי נישט. די צייטונגען און די ראַדיאָס דערציילן וועגן דעם, אַז אין דער וועלט קומען פאָר שרעקלעכע זאַכן, איז פשוט אַ פאַרברעכן צו נעמען איצטער און האָבן אַ קינד. מען קען מאָרגן דאַרפן אַנטלויפן פון דאַנען און אין אַזאַ פאַל קען אַ קינד אַליין אומקומען און העלפן אומברענגען די עלטערן. ער האָט געקוקט טרויעריק די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט גערעדט און ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט. זי איז געווען אַ סך לייכטער אויף דעם וואָרט ווי ער. אָבער ער האָט געפילט, אַז אָט־אָט וועט ער חלשן. ער האָט גאָרנישט גערעדט, וואָס זאָל זי קענען איבערצייגן. ער האָט זי נאָר געבעטן, אַז אויב זי וויל, אַז ער זאָל בלייבן לעבן, זאָל זי דאָס נישט טאָן. אויף אָט די ווערטער האָט זי אים גאָרנישט געענטפערט און זי האָט נאָר געקוקט אויף אים אַ פאַרצווייפלטע.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס געשען. יאָאַן איז געווען ביי דער אַרבעט און ראַיאַ איז דאָרטן נישט געווען. ער איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי אויף שפּילקעס און ער האָט זיך געשעמט איבערלאָזן די אַרבעט און זי גיין זוכן. ווען ער איז אַהיימגעקומען צו מיטיק, האָט ער זי נישט געטראָפן. דאָס האַרץ האָט אים פאָרויסגעזאָגט נישט קיין גוטע זאַך. און עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און ראַיאַ איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין אַ בלייכע, גלייך דער לעצטער טראָפּן בלוט איז אַנטלאָפן פון אירע אָדערן און באַגלייט האָט זי אַן אַקושאָרקע, וואָס האָט באַפוילן, אַז מען זאָל זיך גלייך אַריינלייגן אין בעט

אַריין און איר צולייגן אַ קאַלטן בייטל. יאָאַנען האָט אַ טיאָכקע־געטאָן אין האַרצן. דער ערשטער געדאַנק זיינער איז געווען, אַז ער זאָל זיך וואַרפן אויף איר. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער נאָך אַזאַ געדאַנק נישט געהאַט. ביז איצטער האָט מען זיך געוואָרפן אויף אים. דערנאָך האָט ער זיך אַביסל באַרויִקט און ער האָט געהאָלפן דער אַקושאָרקע זי אַנידערלייגן און איר מאַכן אַ בייטל מיט אייז. ער האָט אויך, אויף דעם באַפעל פון דער אַקושאָרקע, איר געמאַכט אַ גלאָז טיי, כאָטש קוקן אויף איר האָט ער נישט געקענט. ער האָט געפילט עפּעס אַנדערש ווי דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט געטאָן. געגלוסט האָט זיך אים אַנטלויפן פון איר אויף שטענדיק און זי מער קיינמאָל נישט זען און ער האָט דאָך זיך געדרייט אַרום איר און געפּאַדיעט און אַפילו געפרעגט ווי אַזוי זי פילט זיך. זי האָט אים געענטפערט, אַז זי ליידט ווייטיקן, אָבער זי האָפט, אַז עס וועט זיין צום גוטן. ער האָט איר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט, אָבער זיין שווייגן איז געווען גערעדט. זי האָט געפילט, אַז ער קוקט אויף איר נישט בלויז ווי מען קוקט אויף אַ מענטשן מיט וועלכן מען איז נישט מסכים, נאָר ווי מען קוקט אויף אַ מענטשן, וואָס האָט געטאָן אַ זייער שלעכטע זאַך. און ער האָט טאַקע געקוקט אויף איר עפּעס ווי אויף אַ מערדערן. זי האָט געהרגעט זייער קינד, זי האָט אים דערמאָרדעט און זי האָט זיך אַליין אומגעבראַכט. ער האָט אַזוי שלעכט געטראַכט וועגן דעם, וואָס זי האָט געטאָן, אַז ער האָט אַזש מורא געהאַט, וואָס מיט איר אַליין וועט געשען אַן אומגליק. ער האָט געטראַכט, אַז אַזאַ זאַך קען גאָט נישט לאָזן אומבאַשטראָפט. עס איז איר אָבער גאָרנישט געשען און אין עטלעכע טעג אַרום איז זי אויפגעשטאַנען אַ געזונטע און דאָס בלוט איז איר צוריקגעקומען אין פּנים אַריין און זי איז דאַכט זיך געווען די זעלביקע ראַיאַ וואָס פריִער, אָבער נישט פאַר אים...

און פון דעמאָלט אָן איז דאָס לעבן צווישן זיי שוין אינגאַנצן נישט געווען קיין לעבן. זיי האָבן ביידע געאַרבעט אין דער זעלבער באַנק, זיי האָבן געפירט די שטוב פאַר ביידנס געהאַלטן, זי האָט געקאָכט און גערוימט און ער האָט איר געהאָלפן, אָבער אינאיינעם איז מען אַ רגע נישט געווען אין שטוב. ווען מען איז געווען פריי איז זי געגאַנגען צו איר קרייז, אָדער צו אירע חברטעס און ער צו זיין קרייז, אָדער צו זיינע חברים. און ווען עס איז אויסגעקומען נישט צו קענען אַוועקגיין פון דער שטוב אין דער פרייער צייט, האָבן זיי צווישן זיך קיין וואָרט נישט אויסגעביטן. ער איז געזעסן אין איין ווינקל פון שטוב און געלייענט עפּעס אַ בוך און זי איז געזעסן אין אַ צווייטן ווינקל. אַמאָל איז זי געזעסן אין איינעם פון די צוויי צימערן וואָס זיי האָבן געהאַט און ער איז געזעסן אין צווייטן. ער האָט זיך געטראַכט, אַז פאַר לייט זענען זיי מאַן און ווייב, אָבער נישט פאַר גאָט. אָט ווי פּרימיטיוו ער האָט געטראַכט, איז ער גע־

קומען צו דעם געדאַנק, אַז צווישן מאַן און ווייב טאָר נישט זיין אַזאַ אָפּגרונט אין די מחשבות, ווי עס איז פאַראַן צווישן זיי, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כח עפּעס אונטערצונעמען. ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי אַ מאַן קען נעמען און איבערלאָזן זיין פרוי. ער ווייסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מין זאַך ווי אַ גט, אָבער דאָס דאַזיקע איז פאַר אַנדערע מענטשן מיט אַ בעסערער לאַגע, ווי ער האָט. ווען דאָס דאַזיקע וואָלט געשען אין יענער שטאָט, וואָלט ער געגאַנגען צום רב און וואָלט אים אַלצדינג אויסדערציילט און פון דעם אָראָפּרעדן זיך פון האַרצן וואָלט אים שוין גרינגער געוואָרן. און דער רב וואָלט אים זי־כער געווען געגעבן אַן עצה. אין דער שטאָט ווו ער איז איצטער געווען, איז אויך געווען אַ רב, אָבער זייער אַן אַלטער מאַן. ער איז געווען אַ טיפער זקן און ער האָט געהאַט גרויסע ברעמען וואָס האָבן אים פאַרדעקט די אויסגע־לאָשענע אויגן און ווען ער האָט די דאַזיקע אויגן אַמאָל געעפנט, האָבן זיי גע־קוקט בייז. פאַר אָט דעם רב האָט יאַאַן מורא געהאַט. ער האָט אויך נישט גע־קענט רעדן מיט אים. דער יונגער רב אין דער אַנדערער שטאָט האָט גערעדט אויך רוסיש און רומעניש און דער האָט גערעדט נאָר יידיש. יאַאַן האָט זיך שוין טאַקע אויסגעלערנט מערער יידיש, אָבער נאָך אַלץ נישט גענוג אויף צו קענען פירן אַ לאַנגן שמועס. ער האָט געהאַט עטלעכע פריינט אין שטאָט, דאָך האָט ער קיין איינעם נישט געהאַט אַזעלכן, וועלכן ער וואָלט זיך געקענט פאַר־טרויען מיט זיינע אינטימע איבערלעבונגען. האָט ער אין זיך געשטיקט זיינע געפילן און צייטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ שטיין ליגט אים אויפן האַרצן און פרעסט דאָרטן. ער איז געווען זיכער, אַז קיינער אין שטאָט ווייסט נישט, וואָס עס קומט פאָר צווישן אים און זיין פרוי און ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט עמעצן דערציילן, וועלן זיך אַלע דערוויסן און ער האָט שטאַרק גע־ליטן און טיף געשוויגן.

אין שטאָט האָט מען שוין אָבער יאָ געוווּסט, אַז צווישן דעם נייעם פּאָר־פּאָלק איז נישט פאַראַן קיין גוט לעבן. מענטשן האָבן באַמערקט, אַז זיי גייען קיינמאָל נישט אינאיינעם, זיי טרעפן זיך קיינמאָל נישט מיט די בליקן, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געדאַרפט טרעפן אַ פּאָרפּאָלק, וואָס איז נאָך נישט קיין יאָר נאָך דער חתונה. און ראַיאַ אַליין האָט פאַר אירע חברטעס נישט פאַרלייקנט וועגן איר אָפּגעקילטקייט צו דעם מאַן אירן, וואָס איז איר פרעמד מיט זיינע געפילן. זי האָט זיך פאַר אייניקע פון זיי מודה געווען, אַז איר חתונה פאַר אים איז אפשר געווען אַ טעות. ווען זי האָט נישט חתונה און וואָלט געווען געקומען אַליין אַהער, וואָלט זי דאָ געווען געפונען אַזאַ איינעם, וואָס איז נאָענט אין די געדאַנקען און וואָלט איר אפשר אויך געווען נאָענט אין די געפילן... און כאָטש צווישן די צוויי קרייזן אין שטאָט איז כמעט קיין קאָנטאַקטן נישט געווען, האָט

זיך שוין איבערגעגעבן פון די לינקע צו די רעכטע, אַז צווישן יאָאַנען און ראַ־יאַן האַלט דאָס ביי אַ ריס און מען האָט דערוואַרט, אַז פּלוצעם זאָל קומען צו אַן אָפיציעלן איבעררייס צווישן זייביידע און ער זאָל זי פירן צום רב. זי האָט דאָס נישט געדאַרפט האָבן, זי האָט זיך סיי ווי נישט געפילט שטאַרק צוגעבונדן צו אים, זי האָט נישט געהאַלטן פאַר קיין גרויסע געשעעניש די חתונה מיט אים און זי איז געווען גרייט צו יעדער צייט אים איבערצולאָזן און אַוועק. זי האָט נאָר נישט געפונען קיין געלעגנהייט דערפאַר. זיך אויפהייבן און זיך אַרויסציִען פון אים האָט זי נישט געהאַט קיין כאַראַקטער און דאָס האַרץ האָט איר אויך נישט דערלאָזט צו דעם. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט זייער אַ סך ליידן דערפון, כאָטש צווישן זיי איז שוין זייט לאַנג גאָרנישט געווען. האָט זי, פּונקט ווי ער, געליטן און געשוויגן און געוואַרט אויף דעם, וואָס עס וועט זיין. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס לעבן אַליין וועט אָפּבינדן דעם קנופּ וואָס האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אויף אַזאַ נישט־ריכטיקן און אומגליקלעכן אופן.

און די געלעגנהייט דערפאַר איז געקומען אַ סך פריִער, ווי מען האָט גע־קענט דערוואַרטן. אין האַרבסט פון יאָר 1939, זענען די דייטשן איבערגעפאַלן פּוילן און רומעניע איז געווען אַ פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד. שפּעטער איז רוסלאַנד אַריין קיין בעסאַראַביע און די רוסישע אַרמיי איז דאָרט אויפגענו־מען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס פון די מערסטע איינוווינערס. נישט נאָר רוסן האָבן אויפגענומען די רוסישע סאָלדאַטן מיט צופרידנקייט און נישט נאָר די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן געהאַט קאָמוניסטישע איבערצייגונגען זענען זיי אַנט־קעגן געקומען מיט פרייד, נאָר אויך די דאָזיקע ייִדן, וואָס זענען נישט געווען פאַר דעם קאָמוניזם, האָבן געהאָפט, אַז ביי די רוסישע קאָמוניסטן וועט זיי זיין בעסער ווי ביי די רומענישע פאַשיסטן. און עס זענען אויך געווען אַ סך טויזנטער מאָלדאַוואַנעס, וואָס האָבן געקוקט אויף די רוסישע זעלנער ווי אויף זייערע דערלייזער.

די לופט אין בעסאַראַביע איז דעמאָלט נישט געווען קיין רויִקע. די רו־סישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשוויגן, האָבן געגעבן צו פילן, אַז זיי זענען נישט זיכער, אַז זיי וועלן דאָ לאַנג בלייבן. געווען צווישן זיי ייִדן וואָס האָבן זיך פאַרטרויט צו אייניקע אָרטיקע ייִדן און האָבן זיי געזאָגט, אַז אונטער די רוסן דערוואַרט זיי אויך נישט קיין גרויס גליק און אַז לעבן פריי אַלס ייִדן וועלן זיי נאָך קענען ווייניקער ווי ביי די רומענישע „ליבעראַלן". דאָס אַריינקומען פון דעם רוסישן מיליטער קיין בעסאַראַביע האָט נאָך מערער פאַרשאַרפט די באַ־ציִונגען צווישן די צוויי ערליי ייִדן דאָרטן, די רעכטע און די לינקע. און יאָאַן איז געשטאַנען אין דער מיט. ער האָט געוואָלט, אַז עקאָנאָמיש זאָל זיין אַזוי ווי די באָלשעוויקעס ווילן און גייסטיק זאָל זיין אַזוי ווי די אַנדערע ייִדן ווילן.

ער האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דער באָלשעוויזם זאָל זיין קעגן דעם, וואָס מענטשן ווילן גיין גאָט בעטן, ווילן אָפּהיטן זייערע טראַדיציעס און אַפילו פאַרוואָס ער איז קעגן דעם, וואָס ייִדן שטרעבן זיך אומצוקערן אין זייער לאַנד אַריין.

עס איז וואָס אַמאָל געוואָרן אומרויִקער אין בעסאַראַביע און מען האָט גענומען רעדן וועגן דעם, אַז די רוסן מוזן אָפּציִען און די רומענער, געשטיצט פון די דייטשן וועלן צוריק אַריינקומען אַהער. ראַיאַ האָט באַלד געמאָלדן איר מאַן, אַז ווען דאָס רוסישע מיליטער וועט אָפּציִען, וועט זי זיי נאָכגיין, אַפילו זי זאָל דאַרפן גיין הונדערטער קילאָמעטער צו פוס. יאָאַן האָט איר געענטפערט, אַז ער וועט נישט נאָכגיין. אים איז שווער דאָ, אין דער געגנט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און ווו ער האָט שוין באַלד אָפּגעלעבט מער ווי אַ האַלב לעבן, וועט ער אין אַ פרעמדער וועלט אַוודאי נישט קענען געפינען פאַר זיך גאָרנישט. ראַיאַ האָט אים אויף דעם דאָזיקן גאָרנישט געענטפערט. זי האָט שוין זייט לאַנג אויסגעמיטן צו דיסקוטירן מיט אים און זי האָט איצטער באַזונדער נישט געוואָלט אים צורעדן צו דעם, אַז ער דאַרף אויך אַנטלויפן. זי האָט געטראַכט, אַז פונקט ווי זייער פאַרבינדונג איז געווען אַ פלוצימדיקע און דאָך אין צייט, קומט איצטער זייער צעשיידונג אויך אויף אַ נאַטירלעכן אופן און זייערע וועגן מוזן זיך צעגיין. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מען האָט שוין גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס אָפּציִען פון די רוסן קען געשען צו יעדן מאָמענט, האָט ראַיאַ גערעדט האַרציק צו יאָאַנען און זי האָט אים געזאָגט, אַז מען קען נישט וויסן, וואָס עס קען פּאַסירן. זיי קענען זיך אַמאָל מער קיינמאָל נישט טרעפן. זי גלייבט נישט אין גאָרנישט און איר אַרט עס נישט, אָבער ער קען אַמאָל געפינען אַ מער צוגעפּאַסטע חברטע אין לעבן און ער זאָל זיך נישט טאָרן פאַרבינדן מיט איר, איז דערפאַר בעסער, אַז זיי זאָלן אַריינגיין צום רב און זיך גטן. און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז גערעכט און ער איז אַליין געגאַנגען פריִער צום רב צוצוגרייטן אַלצדינג. דער רב האָט אים געפּרוווט אָפּרעדן דערפון, אָבער ער האָט געהאַט גענוג כוח אים צו איבערצייגן, אַז עס קען אַנדערש נישט זיין און ער האָט גערופן דעם סופר פון שטאָט און זיי האָבן ביידע צוגעגרייט דעם גט. און אין אַ פּאָר שעה נאָכדעם, וואָס זיי האָבן זיך געגט און זיך געזעגנט חבריש און קאַלט ביי די הענט, האָט ער געזען דורך דעם פענצטער פון זיין דירה, אַז די רוסן ציִען אָפּ און ער איז געווען זיכער, אַז צווישן זיי געפינט זיך אויך זיין געוועזענע ווייב ראַיאַ מיט אירע עטלעכע חברטעס און חברים. ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט ביז וואַנען ער האָט שוין גאָרנישט געזען און די נאַכט איז אויך צוגעפאַלן און עס איז געוואָרן פינצטער. קיין באַלויכטונג אין די גאַסן איז נישט געווען און דער הימל איז געווען באַ־

דעקט מיט כמאַרעס. פון ערגעץ וויט האָט שימערירט אַ שיין און ער האָט נישט געקענט וויסן, צי איז דאָס אַ לאַמטערן, וואָס שטייט אויף אַ פּלאַץ, אָדער אַ שײַן, וואָס באַגלייט די סאָלדאַטן און די דאָזיקע, וואָס גייען מיט זייער וועג... און יאָאַן איז אַנידערגעפאַלן אין בעט און ער האָט זיך געפילט אַזוי ווי אין יענער נאַכט אין דער אַנדערער שטאָט פאַר דעם פּאָגראָם, בעת ער האָט באַגלייט דעם משוגענעם קאַליאַ צו זיין אייביקער רו און דער צווייטער משוגע־נער, לוקאַ, האָט אים אַריינגעפירט אין הקדש. יאָאַן האָט איצטער אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן און ער האָט געהאַט דאָס גאַנצע לעבן זיינס פאַר זיך. אים איז שווער אָנגעקומען צו גלייבן, אַז דאָס אַלץ, וואָס האָט פּאַ־סירט מיט אים, איז טאַקע געשען אויף דער וואָר און נישט אין חלום. ער האָט ווידעראַמאָל נישט געקענט מאַכן קיין חילוק צווישן דער ווירקלעכקייט און די חלומות. איבערהויפּט איז ער נישט געווען זיכער, אַז די חתונה זיינע מיט ראַיאַן און זיין שיר נישט ווערן אַ טאַטע, זענען טאַקע פאָרגעקומען אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין שטערן אַריין און ער האָט זיך געפרעגט:

— אפשר איז דאָס אַלץ געווען נישט מער ווי אַ חלום?

ווען ער האָט זיך געשטעלט אָט די פראַגע אין יענער נאַכט צום טויזנטסטן מאָל און ער האָט געמיינט, אַז עס איז נאָך נאַכט, האָט ער דערזען, אַז עס איז שוין טאָג און ווי אַן ענטפער אויף דער פראַגע איז געקומען אַ קלאַפּ אין טיר אַריין וואָס האָט זיך באַלד געעפנט, ווייל זי איז נישט געווען פאַרשלאָסן...

דאָס האָבן זיך די צוריקגעקומענע רומענער אַריינגעריסן צו אים אין שטוב אַריין, אַלציינס ווי זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין נאָך אַ סך שטיבער אין שטאָט, ייִדישע און נישט־ייִדישע. די סאָלדאַטן האָבן באַלד באַמערקט, אַז זיי זענען אַריין אין אַן אָרימער שטוב און אַז דאָ האָבן זיי כמעט גאָרנישט. זיי האָבן געפרעגט ביי דעם צעטומלטן באַלעבאָס, צי ער האָט נישט קיין גאָלד און ווען זיין געלעכטער האָט זיי איבערצייגט, אַז זיי האָבן אים געשטעלט אַ נאַריי־שע פראַגע, האָבן זיי אים געפרעגט, צי ער האָט נישט קיין געווער. ער האָט זיי געהייסן זוכן, ער האָט דאָס דאָזיקע געטאָן אַזוי אויפריכטיק, אַז זיי האָבן געפילט, אַז זיי האָבן נישט וואָס צו זוכן, דאָך האָבן זיי אַביסל געזוכט. דערנאָך האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט אויף דער באַלעבאָסטע. זיי האָבן אים געזאָגט:

— דו האָסט דאָך מסתמא אַ יונג שיין ווייבל, אַ יונגע ייִדישקע...

נאָך געלט און געווער איז דאָס געווען דאָס לעצטע וואָס זיי האָבן גע־זוכט. ער האָט זיי טרויעריק געזאָגט, אַז ער האָט קיין ווייב נישט. זיי האָבן אים געפרעגט, צי איז נישט אַמאָל זיין ווייב אַוועק מיט די רוסן און ער האָט געשוויגן. ער האָט זיי קיין שום ענטפער נישט געוואָלט געבן און זיי זענען גע־

וואָרן בייז פאַרוואָס ער שווייגט. איינער פון זיי, דער עלטסטער, האָט גענו־מען שרייען:

— רעד, ייד, דערציייל. ווו איז דיין ווייב, וווהין זענען אַוועקגעגאַנגען די רוסן?

— מיין ווייב ווייס איך נישט ווו זי איז — האָט ער געענטפערט — מיר זענען נישט לאַנג געוואָרן אויס מאַן און ווייב.

— זיך געגט? — האָט יענער געפרעגט.

— זיך געגט — האָט ער געענטפערט.

— און די רוסן וווהין זענען געגאַנגען? — האָט יענער געפרעגט.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — האָט ער געענטפערט — איך בין אַ גאַנ־צע נאַכט געווען אין הויז און איך האָב נישט געזען. איך האָב געהערט מען איז געגאַנגען אין פעלד אַריין, מען איז געגאַנגען צום וואַסער. אפשר איז מען אַוועקגעפאָרן מיט שיפן, אפשר איז מען אַוועקגעפלויגן מיט עראָפּלאַנען.

די רומענער האָבן געקוקט אויף אים און ער איז זיי פאַרגעקומען מאָדנע. ער האָט גערעדט אָן שרעק און עפּעס איז ער זיי אויסגעקומען ווי אַ נאַר, וואָס זאָגט דעם גאַנצן אמת און באַהאַלט נישט, נאָר ער ווייסט אַליין נישט קיין סך. עפּעס אין זיי האָט אים מיטגעפילט און עפּעס האָט זיי אויפגערעגט קעגן אים. זיי האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן אַוועקצוגיין און מער נישט טענהן מיט אים, אָבער איינער פון די סאָלדאַטן, וואָס איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט זיך אומגעקערט און ער האָט אים דערלאַנגט איין קלאַפּ און אַ צווייטן און אַ דריטן און ער איז אַוועק מיט אַ פאַרבלוטיקטער האַנט און ער האָט זיך אַפילו רעכט נישט אומגעקוקט אויף דעם, וואָס מיט זיין קרבן איז געוואָרן.

און יאַאַן איז אַנידערגעפאַלן און ער איז געלעגן אַזוי אין זיין אייגענעם בלוט עטלעכע שעה דורכאַנאַנד און ער האָט יאָ און נישט געוווּסט, וואָס מיט אים איז געוואָרן. דעם ווייטיק האָט ער געפילט נישט אינגאַנצן, ער איז גע־ווען אין האַלב באַוווסטזיין. נאָך עטלעכע שעה אַזוי ליגן, האָט ער זיך דער־פילט ביים פולן באַוווסטזיין און ער האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט גענו־מען זיך אַרומטאַפּן ווו ער איז צעקלאַפּט. ער האָט געפילט ווייטיק אין עטלע־כע ערטער, אָבער נישט שטאַרק. אים איז געווען צעבלוטיקט איין באַק, איין האַנט און איין פוס. ער האָט זיך פּאַוואָליע אַרומגעוואַשן די ווונדן מיט וואַסער, אַז ער זאָל זיי קענען זען און אַז ער האָט געזען, אַז זיי זענען נישט טיף, האָט ער זיי אויסגעוואַשן אויך מיט אַלקאָהאָל, וואָס איז געווען אין שטוב און ער האָט זיי אַליין פאַרבאַנדאַזשירט. אין שטוב איז נאָך געווען ברויט און מילך און ער האָט געגעסן און געטרונקען. עס איז נאָך געווען עפּעס צום אָפּקאָכן, אָדער צום דערוואַרעמען און ער האָט זיך אויך געקענט מאַכן אַ גלאָז טיי,

אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקן ווילן דערצו און ער האָט זיך אַזוי אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און ער איז אָפּגעלעגן אַזוי דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. ער איז יאָ און נישט געשלאָפן, ער האָט נישט געוווסט צי ער שלאָפט, צי ער איז וואַך. ער האָט נישט געוווסט צי ער טראַכט, אָדער ער חלומט. און ערשט אויף דעם צווייטן טאָג האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט ביי אים אין שטוב און דער שכן איז אַריינגעקומען צו אים און האָט אים דערציילט, אַז מען רופט אַלע יידן אין דער מוניציפּאַליטעט אַריין פון שטאָט. מען דאַרף זיי מאַכן מעלדונגען. אַ סך יידן, האָט דער שכן דערציילט, לויפן וווהין די אויגן טראָגן זיי. מען ווייסט, אַז צו קיין גוטן רופט מען זיי נישט. דער שכן האָט גע־ווּסט, אַז איצטער זענען פאַראַנען נאָר רומענער אין שטאָט, אָבער מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועלן קומען אויך דייטשן און עס וועט ווערן נאָך ערגער. יאָאַן האָט קיין מאָל אין זיין לעבן קיין דייטשן נישט געזען, אָבער ער האָט גע־הערט אַז די דייטשן ווילן אומברענגען די יידן און ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער שכן האָט גערעדט צו אים. ער האָט זיך געפילט זייער מיד און ער האָט זיך קוים געקענט אויפהייבן. דער שכן האָט אים געהאָלפן זיך אָנטאָן און אַרומוואַשן נאָך אַמאָל די ווונדן, וואָס האָבן נאָך אַלץ געבלוטיקט. ער האָט פאַרשטאַנען ווער עס האָט אים געשלאָגן, דאָך האָט ער אים געפרעגט און ער האָט אים דערציילט, אַז די רומענישע סאָלדאַטן האָבן נעכטן דערשלאָגן אַ סך יידן. דער שכן האָט געזאָגט יאָאַנען, אַז ער דאַרף איצטער טאָן איינס פון די ביידע: אָדער נאָכלויפן די רוסן, אָדער זיך מעלדן אין דער מוניציפּאַלי־טעט צו די רומענער. בלייבן אין שטוב טאָר קיינער נישט, ווייל זיי קענען גיין זוכן און דעם וואָס זיי וועלן געפינען אין שטוב, וועט נישט זיין מקנא צו זיין.

— און די דאָזיקע וואָס וועלן זיך מעלדן, וואָס וועט זיי געשען? — האָט יאָאַן געפרעגט — זיי וועט מען נישט טשעפּען?

— ווען איך וואָלט געוווסט — האָט דער שכן געענטפערט — הייַנט קען קיינער נישט וויסן, וואָס עס וועט געשען אין אַ מינוט אַרום. עס איז אַ משוגענע וועלט...

און ביידע זענען אַוועקגעגאַנגען אין דער מוניציפּאַליטעט און דאָרטן האָבן זיי געטראָפן כמעט אַלע יידן, וואָס זענען געבליבן אין שטאָט. אויך דער אַל־טער רב איז דאָרטן געווען. און דייטשן זענען שוין אויך געווען אינאיינעם מיט די רומענער. דאָס זענען געווען דייטשע אָפיצירן. זיי האָבן געלאָזט די רומענער אויספרעגן די יידן און פאַרשרייבן זייערע נעמען, אָבער פון צייט צו צייט האָבן זיי אויך געשטעלט אַ פראַגע. זייערע אַלע פרעגעכצן האָבן זיך געדרייט אַרום דעם, צי זיי זענען אַלע באָלשעוויקעס און ווו זיי האָבן באַהאַלטן דאָס געווער און ווו זיי האַלטן פאַרשטעקט די רוסישע סאָלדאַטן. פון צייט צו צייט

האָט אַ דייטשישער אָפיציר נישט נאָר געשטעלט אַ פראַגע אַ ייִדן, נאָר ער האָט אים אויך דערלאַנגט אַ קלאַפּ, ווען אים איז נישט געפעלן דעם ענטפער, וואָס ער האָט אים געגעבן.

און איצטער איז שוין די גאַנצע זאַך געגאַנגען גיכער ווי גיך. מען האָט צוגענומען פון די ייִדישע הייזער אַלצדינג, וואָס האָט געקענט האָבן אַ ווערט. מען האָט געלאָזט ווינציקער ווי ווייניק. מען האָט די ייִדן געשיקט אויף אַרבעט אין פעלד, אונטער אַ שטרענגער וואַך, וואָס האָט זיי געשלאָגן און געמאַכט חוזק פון זיי און פאַרלאַנגט דערביי דעם מאַקסימום פון אַרבעט. און האָט אַ ייִד אַמאָל נישט געענטפערט אַזוי ווי מען האָט געוואָלט, אָדער ער האָט נישט געאַרבעט אַזוי גיך ווי מען האָט פאַרלאַנגט, האָט מען געשאָסן. עס איז נישט געווען דער טאָג, ווען עס זאָל נישט געווען פאַרקומען עטלעכע לוויות.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אַ סך ייִדן פון יענער שטאָט געשיקט אויף אַרבעט אין אַ דאָרף אַריין. מען האָט אויסגעזוכט די ייִנגערע און די געזינטערע. און צווישן זיי איז אויך געווען יאַאַן, וואָס איז טאַקע נאָך נישט געווען אויסגעהיילט פון די ווונדן, אָבער ער האָט אויסגעזען צו זיין געזונט. ווען מען האָט אים געפרעגט ווער עס האָט אים פאַרווונדעט, האָט ער געשוויגן און דאָס דאָזיקע איז זיי געפעלן, ווייל זיי האָבן מער ווי גוט געוווּסט ווער עס האָט אים צעשלאָגן.

דאָס דאָרף, אין וועלכן מען האָט יאַאַנען געפירט אויף אַרבעט, איז געווען אַ דרייסיק ויאָרסט פון דער שטאָט, וווּ ער האָט זיך געפונען. אַזוי ווי ער איז אַהין אַריינגעקומען, האָט ער דאָס באַלד דערקענט. דאָס איז געווען דאָס דאָזיקע דאָרף, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און וווּ ער האָט אָפּגעלעבט ביז דעם עלטער פון 14 ־ 15 יאָר. ער האָט דערקענט אַלע הייזער. ער האָט געוווּסט וווּ די פּאָליציי געפינט זיך, וווּ די קראָם פון זיין זיידן, זיין מאַמעס טאַטע געפינט זיך. און ער איז טאַקע געלאָפן אַהין אַ קוק טאָן און דאָרטן געפונען אַ קראָם, אָבער נישט זיין זיידע, נישט זיין באָבע און נישט קיינער פון זיינע פעטערס זענען דאָרטן געווען. די באַלעבאַטים פון דער קראָם זענען נישט געווען קיין ייִדן און דאָך האָט ער דערקענט אַפילו די ראַפטן פון דער דאָזיקער קלייט.

עטלעכע טעג האָט יאַאַן געאַרבעט אין דאָרף. מען האָט אים געגעבן די שווערסטע אַרבעט און זייער ווייניק צום עסן און אַ שלעכט געלעגער. און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס מען האָט אים געהייסן און דאָך איז מען נישט געווען צופרידן מיט אים און מען האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אַרבעטן נאָך און נאָך. ער האָט געפּרוּווט ריידן מיט די אָרטיקע איינוווינער, אָבער זיי האָבן זיך געהיט פאַר אים מיט אַ וואָרט און אויף אַלץ, וואָס ער האָט געפרעגט, האָבן זיי נישט געענטפערט. ער האָט דאָך געטראָפן אַן על־

טערע פרוי, וואָס האָט נישט מורא געהאַט און האָט אים געענטפערט אויף אַלץ וואָס ער האָט געפרעגט. און ער האָט זיך דערוווסט, אַז זיין זיידן האָט מען אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז פון די וווּנדן געשטאָרבן. די באָבע זיינע איז געשטאָרבן פאַר הונגער. די פעטערס זענען אַוועק. די אַלטע האָט אים אַלץ דערציילט און גענומען פרעגן ביי אים צו וואָס ער דאַרף דאָס אַלץ וויסן און זי האָט זיך גע־נומען איינקוקן אין אים און זי האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט געקענט שווערן, אַז ער איז דער זון פון דעם פּריסטאַוו און דעם יידישן קרעמערס טאָכטער. זי האָט זיך גוט איינגעקוקט אין אים און האָט זיך איבערגעצלמט און געזאָגט:

— יאָאַן, דו ביזט עס דאָך...

און זי האָט זיך ווידער אַמאָל איבערגעצלמט. זי האָט אים דערציילט, אַז זיינע עלטערן האָבן שפּעטער אַריבערגעפירט זיין מאַמעס ביינער אויף דעם יידישן בית־עולם, וואָס געפינט זיך נאָך דאָרט, ווו ער איז געווען, כאָטש קיין איין ייד איז שוין נישטאָ אין דאָרף. דער פּאַרקן אַרום בית־עולם איז צעבראָכן און מען צעשלעפּט די שטיינער. יאָאַן איז באַלד געגאַנגען אויף דעם יידישן בית־עולם, אָבער ער האָט קיינעם דאָרטן נישט געטראָפן. אַ סך מצבות זענען געווען אַוועקגעשלעפּט און די דאָזיקע וואָס זענען געווען, האָט ער אויך נישט געקענט איבערלייענען. אָבער ער איז צוגעפאַלן צו דער ערשטער מצבה און גערופן צו איר, ווי צו דער מאַמען. און דערנאָך איז ער שוין אַ סך מאָל גע־קומען אויף דעם דאָזיקן בית־עולם, ווען ער האָט געהאַט צייט. ווען ער האָט געענדיקט די אַרבעט און געדאַרפט גיין זיך אָפּרוען, האָט ער מיטגענומען דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געהאַט צו עסן און דאָס שטיקל ציבעלע און ער איז געגאַנגען צו זיין „מאַמעס קבר". ער איז דאָרטן אָפּגעלעגן שעהן, דאָרט געשוויגן און גערעדט צו זיין מאַמען. ער איז געלעגן ביי דעם ערשטן קבר און דער וואָר. חלום און וואָר האָבן זיך אויסגעמישט אין זיין שוואַכן געדאַנק און געוואָרן איינס.

**
*

און ביי אָט דעם קבר האָט יאָאַן פאַרענדיקט זיין לעבן. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט ער געאַרבעט שווער און די כוחות האָט ער געפילט גייען אים אויס. ער האָט זיך מוראדיק אָנגעשטרענגט צו קענען טאָן, וואָס מען האָט אים געהייסן, אָבער די כוחות האָבן אים נישט געדינט. ביי דער אַרבעט זענען די יידן געווען באַגלייט פון עטלעכע רומענער און איין דייטש. און דעם דייטש איז נישט געפעלן געוואָרן ווי יאָאַן אַרבעט און ער האָט אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן קאָפּ מיטן פוס אין בויך אַריין און ער איז ווי אַנידערגעפאַלן טויט. דער דייטש האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף אים. און ווען אַלע זענען

אַוועק פון דער אַרבעט, האָט מען אים געלאָזט ליגן אין פעלד. די דייטשן אַליין האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף אים און נישט געלאָזט די ייִדן זיך אומקוקן אויף אים. און ווען קיינער איז שוין נישט געווען, האָט ער זיך קוים אויפגעהויבן און זיך גענומען שלעפּן צום בית־עולם. דער וועג איז געווען נישט קיין ווײַטער, דאָך האָט געדויערט עטלעכע שעה ביז ער איז צוגעקומען צו „זיין מאַמעס קבר" און ער איז גלייך אַנידערגעפאַלן. ער האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט זיין מאַמען, אַ פּאָר מאָל האָט ער דערמאָנט אַבראַם יאַקאָוולעוויטשן און חיהן, איין מאָל האָט ער דערמאָנט אויך ראַיאַן און מער האָט ער שוין קיין מאָל נישט גערעדט... ער איז אַוועק צום אייביקן לעבן.

אינהאַלט

פון די אַרויסגעבער — 7

וועגן יובילאַר:

אפרים אויערבאַך: **די לויטערע טאָמנע** — 13
שלמה ביקל: **צום יום־טוב פון באַטאָשאַנסקיס זעכציק יאָר** — 17
יעקב גלאַטשטיין: **יעקב באַטאָשאַנסקי** — 20
ברוך האַגער: **די בעסאַראַביע גייט — זי גייט** — 24
זרבבל: **אַ לופט־באַגריסונג צו יעקב באַטאָשאַנסקין** — 27
דניאל טשאַרני: **דער הירש פון אַרגענטינע** — 29
יצחק יאַנאַסאָוויטש: **יעקב באַטאָשאַנסקי** — 31
ה. לייוויק: **צו זעכציק זעט מען ליכטיקער** — 36
א. לעיעלעס: **יעקב באַטאָשאַנסקי צו זעכציק יאָר** — 37
לייבוש לעהרער: **באַטאָשאַנסקיס וואַכיקע חושים** — 43
ד"ר א. מוקדוני: **יעקב באַטאָשאַנסקי** — 45
נ. ב. מינקאָוו: **באַטאָשאַנסקיס פשט** — 50
ש. ניגער: **דער קריטיקער וואָס הייבט אַרויס דאָס שעפערישע** — 55
ג. סאַפּאָזשניקאָוו: **אונדזער ראש המדברים וראש הסופרים** — 58
שלמה סוסקאָוויטש: **באַטאָשאַנסקיס באַגייסטערונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור** — 60
שלמה סימאָן: **דער קריטיקער וואָס זעט נישט בלויז די שפּיצן** — 62
יעקב פאַט: **לחיים ר' יעקב, ביז 120 יאָר** — 65
מלך ראַוויטש: **באַטאָשאַנסקי** — 67
משה שטאַרקמאַן: **כה לחי** — 70
מרדכי שטריגלער: **דער מאַן אויפן וואַך־טורעם** — 72
יעקב באַטאָשאַנסקי: **ווי איך זע זיך אַליין** — 75

די קעניגין פון דרום־אַמעריקע — 85

דער „זשידאַן יאַאַן" — 231

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „בוענאָס איירעס"



קאָריענטעס 3112 **בוענאָס איירעס**

פאַרוואַלטונג-מיטגלידער

פאָרזיצער — — — — — — — — — — — **ישראל דאַווידאָוויטש**

וויצע־פאָרזיצער — — — — — — — — — **מאַרקאָס גרונמאַן**

סעקרעטאַר — — — — — — — — — — **כאָסע סאַנדלער**

פּראָ־סעקרעטאַר — — — — — — — — **נאַטאַליאָ רײדעל**

קאַסיר — — — — — — — — — — — **אַדאָלפאָ ווײנשטיין**

פּראָ־קאַסיר — — — — — — — — — — **וויקטאָר סאַלאַטאַ**

מיטגלידער:

חיים כאַיוט
יעקב פייערמאַן
בערנאַרדאָ קראָם
חיים רויטמאַן

בערנאַרדאָ ווייסענשטיין
כאָסע ראָגאָווסקי
פיניאָ גאָטליב
דוד סעדזישאָוו
מאַנועל קאַזאַקאָף

רעכענונג־איבערזעער:

ישראל קאָגאַן
כאָסע קליינערמאַן

פאַרוואַלטער — — — — — — — — — — **חיים אָבערמייסטער**

הילפס־פאַרוואַלטער — — — — — — — — **לואיס סיידמאַן**

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „לאַוואַזשעכאַ"



קאַנגאַזשאָ 2672-74 — בוענאָס איירעס

פאַרוואַלטונג-מיטגלידער

פּאַרזיצער	לעאָן מיטלמאַן
1טער וויצע־פּאַרזיצער	חיים פישער
2טער וויצע־פּאַרזיצער	אייזיק אינאָוולאָדזקי
סעקרעטאַר	סאַלאָמאָן מאַרקמאַן
פּראָ־סעקרעטאַר	בענכאַמין גוטערמאַן
קאַסיר	אַראָן ראָזענקראַנץ
פּראָ־קאַסיר	אַבראַם ביטלמאַיער

מיטגלידער:

אברהם דזשעשקאָ	ישראל סראַגאָוויטש
נאַטאַליאָ שאַמעס	קאַרלאָס פאַבריקאַנט
הערמאַן בערגער	אברהם שערוואָסקי
מאַוריסיאָ סאָסין	אפרים באַרענגאָלץ
	עוועל סטאָליאַר

רעכענונג־איבערזעער:	יעקב גראַדעל
	מרדכי דיין
ראַטגעבער	אברהם בידעקעל
בוכהאַלטער	אָשער דאַראָיטש

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ“



בועניאָס איירעס	פּאַסאָ 587־89

פאַרוואַלטונג-מיטגלידער

פּאַרזיצער — — — — — — — — — — אליהו יצחק רייף
וויצע־פּאַרזיצער — — — — — — — — ענריקע באַבער
סעקרעטאַר — — — — — — — — — בערנאַרדאָ פלײדערמאַן
פּראָ־סעקרעטאַר — — — — — — — — חיים ווינטער
קאַסיר — — — — — — — — — — — משה וועספּריט
פּראָ־קאַסיר — — — — — — — — — עריקאָ פּאַנזער

מיטגלידער:

משה קאַמענשטיין	זעלמאַן ג. טערעביזשניק
מיגועל קאָהען	איזראַעל קרימער
בענזשאַמין גלייזער	לעאָן נאַדעל
כאָסע בעראַנט	

רעכענונג־איבערזעער: סאַלאָמאָן קאָהען
מאַטעל טאָקאַר

פאַרוואַלטער — — — — — — — — — בעראַרדאָ פעלדמאַן
בוכהאַלטער — — — — — — — — — — סאַול רימבערג
ראַטגעבער — — — — — — — — — — ד״ר שלומה בראָדשי
אוידיטאָר — — — — — — — — — — ד״ר סאַלאָם י. כאַכאַמאָוויטש

אַן ענטפער די אַרויסגעבער

אַזוי ווי די אַרויסגעבער האָבן געזאָגט זייער וואָרט וועגן מחבר יובילאַר, פּיל איך פאַר מיין אײדלקייט חוב (אויף פראַנצויזיש רופט מען עס „נאָבלעס אָבליזש״) זיי צו ענטפערן אַ פּאָר ווערטער.

די אַרויסגעבער האָבן געפּרווט דערציילן די לייענער וועגן דער ראָלע, וואָס מיין ווייניקייט האָט אין אונדזער ישוב, וויל איך דערציילן, אַז די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון אין אונדזער ישוב שפּילן אַ טאָפּלט געזונט־מאַכנדיקע ראָלע. פון איין זייט העלפן זיי דעם יידישן קליינבירגער אין לאַנד צו קריגן קרעדיט אויף אַ היימישן אופן און ביי היימישע מענטשן, און באַהיטן זיי פון ירידות, און געבן זיי עקאָנאָמישע גלייכגעוויכט און אַ יסוד. און פון דער אַנדערער זייט העלפן די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון דעם יידישן קולטור־וועזן. זייערע קאַסעס זענען אָפן פאַר דעם יידישן בוך, פאַר יידישן טעאַטער און שוין אַוודאי פאַר דער יידישער שול. עס זענען פאַראַן יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון אין גרויס בוענאָס איירעס, וואָס האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם קיום פון יידישע שולן. און דאָס דאָזיקע איז דערפאַר ווייל די אַלע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון זענען געשאַפן פון פאָלקס־יידן און פאַר פאָלקס־יידן.

און די דריי קאָאָפּעראַטיוון, וואָס האָבן געשאַפן דעם יוביליי־קאָמיטעט פאַר מיר און זיי האָבן אַרויסגעגעבן אָט דאָס בוך, געהערן צו די סאַמע דער־ווייליטסטע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זאָרגן נישט בלויז פאַר חומר, נאָר אויך פאַר גייסט. דאָס זענען די קאָאָפּעראַטיוון „בוענאָס איירעס״, „לאַוואַזשעכאַ״ און „ריאָ לאַ פּלאַטאַ״ און זייערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, וואָס זענען אַלע מענטשן מיט באַציונג צו אַלץ, וואָס איז יידיש. און בראש פון די דריי אַנ־שטאַלטן, זייערע רעספּעקטיווע פּרעזידענטן, ישראל דאַווידאָוויטש, לעאָן מיטל־און אליהו יצחק רייף, געהערן צו די באַקאַנטסטע און באַליבטסטע עסקנים ביי אונדז און צו די טאָנגעבער אין די קרעדיט־אַנשטאַלטן אונדזערע, וואָס זענען איינער פון די וויכטיקסטע יסודות פון אונדזער לעבן.

און אָט דער פאַקט וועט געוויס אויפקלערן יעדן איינעם פון די לייענער פון אָט דעם בוך פאַרוואָס קרעדיט־אַנשטאַלטן גיבן זיך אָפּ מיטן יוביליי פון אַ יידישן שרייבער און גיבן אַרויס זיינס אַ בוך.

פאַרשטייט זיך שוין פון זיך אַליין, אַז דאָ ווערט אויסגעדריקט מיין האַר־ציקסטער יישר־כוח די דערמאָנטע דריי קאָאָפּעראַטיוון, זייערע פאַרוואַלטונ־גען און מיטגלידער בראש מיט זייערע פאָרזיצער, די ה״ה ישראל דאַווידאָ־וויטש, לעאָן מיטלמאַן און אליהו יצחק רייף. און אַ באַזונדער יישר־כוח מיין ליבן פריינד, דעם האַרציקן חבר און צומאָל אויך שרייבער אייזיק מירסקי, וואָס האָט גענומען די איניציאַטיוו און איז דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט.

זאָל די דאָזיקע אַרבעט זיין אַן אָנהייב און זאָל קומען המשך.

ביכער פון יעקב באָטאָשאַנסקי

נאָך דער פאָרשטעלונג

(גראָטעסקן און בילדער פון יידישן טעאַטער־לעבן) 173 ז״ז. בוענאָס איי־רעס, 1926.

הערשעלע אַסטראָפּאָליער

(טראַגי־קאָמעדיע אין 3 אַקטן) 56 ז״ז. ב. איירעס, 1928 (אויספאַרקויפט).

פון ביידע זייטן ים

(נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער) 126 ז״ז. ב. איירעס, 1929.

ב ע ס אַ ר אַ ב י ע

(לעגענדן און דערציילונגען) 126 ז״ז. ב. איירעס, 1929.

משה לייב האַלפּערן

(אַ קליין קרענצל אויפן קבר פון אַ גרויסן דיכטער) 56 ז״ז. ב. איירעס, 1932 (אויספאַרקויפט).

ד ר אַ מ ע ן

(ר׳ בער ליעווער, צווישן רעוואָלוציאָנערן, הערשעלע אָסטראָפּאָליער) 186 ז״ז. ב. איירעס 1932.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער

וואַרשע 1932. 277 ז״ז. פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער״.

די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט

(מעמואַרן). ערשטער באַנד, 398 ז״ז; צווייטער באַנד, 404 ז״ז; דריטער באַנד, 444 ז״ז (אויספאַרקויפט).

מיר ווילן לעבן

(ראָמאַן אין 4 טיילן) 522 ז״ז. ב. איירעס, 1942 (אויספאַרקויפט).

בראשית פון מדינת ישראל

(רעפּאָרטאַזשן וועגן דער גרינדונג פון מדינת ישראל) 2 בענד. 536 ז״ז. ב. איירעס, 1948 (אויספאַרקויפט).

מאַמע יידיש

(עסייען און לעקציעס) 276 ז״ז. פאַרלאַג „דוד לערמאַן״. ב. איירעס, 1949.

פ ש ט

(פּירושים אויף יידישע שרייבער) 400 ז״ז. ב. איירעס, 1952 (אויספאַרקויפט)

שבת, יום־טוב און וואָך אין מדינת ישראל

(איינדרוקן פון צוויי רייזעס) 400 ז״ז. ב. איירעס, 1958.

„ד״ר זשיוואַגאָ״ פון ב. פּאַסטערנאַק

(אַן אָפּהאַנדלונג וועגן סענסאַציאָנעלסטן בעלעטריסטישן ווערק פון אונדזער צייט) 48 ז״ז. ב. איירעס 1959.

Este libro se terminó de imprimir en el mes de abril de 1962 en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L., Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
JACOBO BOTOSANSKY
Buenos Aires

Queda hecho el depósito dispuesto por la Ley 11.723.

JACOBO BOTOSANSKY

Di Keniguin fun Dorem - Amerike

(LA REINA DE LA AMERICA DEL SUR)

DOS NOVELAS

Editado por el

COMITE PRO HOMENAJE DE

J. BOTOSANSKY

Buenos Aires, 1962